This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

31 — 592

11

סה

1977

סאָוועטיש היימלאַנד



די גרויסע סאָציִאַליסטישע אָקטיאַבער־רעוואָליוציע — די וויכטיקסטע געשעעניש פֿונעם XX יאָרהונדערט — האָט אַף אַ גרינטלעכן אויפֿן געענדערט דעם גאַנג פֿון דער געשיכטע פֿון דער מענטשהײַט, עפֿנענדיק, ווי עס האָט אָפּגעמערקט דער גרינדער פֿון דער סאָוועטישער מעלוכע וו. אי. לענין, אַן עפּאָכע פֿון קאַמף „פֿאַר דער באַפֿרײַונג פֿון די פֿעלקער פֿונעם אימפּעריִאַליזם, פֿאַר אָפּשטעלן די מילכאָמעס צווישן פֿעלקער, פֿאַר אַראָפּוואַרפֿן די הערשאַפֿט פֿונעם קאַפּיטאַל, פֿאַר סאָציִאַליזם”.

אין מעשעך פֿון די זעקס יאָרצענדליקער, זינט ס׳איז פֿאָרגעקומען די אָקטיאַבער־רעוואָליוציע, איז די מענטשהײַט אַן איידעס פֿון גראַנדיעזע היסטאָרישע ענדערונגען אין אונדזער לאַנד, וואָס האָט אויסגעבויט די אַנטוויקלטע, רײַפֿע סאָציִאַליסטישע געזעלשאַפֿט. די סאָוועטישע פֿעלקער, אַלע מענטשן פֿון גוטן ווילן אין דער וועלט מערקן אָפּ די גרויסע דאַטע אונטער די לאָזונגען פֿון קאַמף פֿאַר שאָלעם און סאָציִאַלן פּראָגרעס.

אינהאַלט

קאָנסטיטוציע (גרונט־געזעץ) פונעם פאַרבאַנד סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפובליקן . . 5

פאַרצייכענונגען, ראַיוּינעס וועגן אונדזערע טעג

אויף די ראַכוועסן פונעם אָקטיאַבער־לאַנד

הירש בלאָשטיין. מאַמע הײמלאַנד . . 33
בראַכע און אַרן בורשטיין. דער באַלע־באָס איבערן אופּרײַס 39
כאַיִם ביידער. פונעם מיטל־אַזיאַטישן בלאָקנאָט 49

דרײַ דיכטערישע רעפּאָרטאַזשן

נאַכמען סאַכאַר. כראָניק פון דעם שטע־טעלע ליִנעץ. 61
זיאַמע טימענטשיק. דערמאָנונגען וועגן ריגע אין מילכאָמע־פּלאַם 66
הירש רעלעס. בילדלעך פונעם הײַנטיקן באָברויסק 69

דאָקומענטן און בילדלעך פונעם אַמאָליקן טכום־לעבן

אין נויט און אונטערדריקונג האָבן געלעבט די אַרבעטנדיקע ייִדן אינעם צאַרישן רוסלאַנד . 75
דער געזעץ־פּראָיעקט וועגן נאַציאָנאַלער גלײַכבאַרעכטיקונג, וואָס איז אַרײַנגעטראָגן געוואָרן אין דער 4־טער דומע דורך דער פראַקציע רסדאַפּ 81

דרײַ פּרויען: זייער לעבן, זייער גורל

גריגאָרי קיזעל (באַקו). איינע פון די ערשטע 83
הערשל באַראַז (ראָסטאָוו). עטל באַרקאָ 87
אַרקאַדי קיסין (פּעטראָפּאַוולאָווסק־קאַמטשאַטסקי). די שענסטע טרוימען 90

פאַרצייכענונגען, ראַיוּינעס וועגן דעם דורכגעמאַכטן וועג

אויף די שפּורן פון דער צײַט

דער ניסטער. לענינגראַד 94
דאָוויד בערגעלסאָן. כאַווערטע בראָניע 100
יעכעזקל דאָברושין. ערד־לעבן . . . 110
וועגן פאַרבעסערן דעם סאָציאַלן באַשטאַנד פון דער ייִדישער באַפעלקערונג (דאָקומענטן, פאַרצייכענונגען, אַרויסזאָגונגען) . . 114—146
מייער אַלבערטאָן. צום קוילנגרוב . . 115
מוישע אַראָנסקי. אויף שטאָלענע שליאַכן 121
יאַנקל יאַנקעלעוויטש. היים . . . 125
פּערעץ מאַרקיש. די נײַע ייִדישע מישפּאָכע 129
שמועל פּערסאָוו. דער אוראַלער דאָר . 133
ליפּמאַן־לעווין. די קאָנסטיטוציע אויסוויייניק 140
איציק קיפּניס. צוויי מוירען 144
די שיינע, אומענדלעכע, טײַערע ערד. לידער־קראַנץ פון די דיכטער בוזי מילער, דאָרע כײַקינע, מענדל ליפּשיץ, כאַיִם גורעוויטש, מאָטל טאַלאַליעװסקי, באָריס מאָגילנער, ליפּע העלער, מאַקס ריִאַנט . . . . 147—152

אויסלענדישע פּובליציסטן און שרײַבער וועגן לאַנד פון אָקטיאַבער

דזשאָן ריד. צען טעג, וואָס האָבן אויפגעטרייסלט די וועלט (פראַגמענט) 153
מוישע קאַץ. א נײַ ייִדיש פאָלק ווערט געשאַפן 148
פּערעץ הירשביין.ביימער־פלאַנצונג . 159
מוישע אָלגין. עס וועט קומען א צײַט... 161
ג. קעניג. א דאַנק אײַך, באַפרײַער! . . . 163
לידער פון פייסעך בינעצקי, ה. לייוויק, אַווראָם רייזען, אַרן קורץ, רייזל זשיכלינסקי, עסטער שומיאַטשער, זישע ווײַנפּער, מאַלקע לי 157—167

ליטעראַטור־קריטיק. ביבליאָגראַפיע. פראַגן פון קונסט

אוראַן גוראַלניק. די קונסט, וואָס קוקט אַרײַן אין דער צוקונפט 168
הערש רעמעניק. די אָקטיאַבער־רעוואָליוציע און די ייִדישע ליטעראַטור 173
יעשוע ליובאָמירסקי. די ייִדישע סאָוועטישע דראַמאַטורגיע אין קאַמף קעגן פאַשיזם 181

ע. באַגראַמאָוו. די אינטערנאַציאָנאַלע פאַרברידערטקייט פון די בויער פונעם קאָמוניזם 186
דאָס איז טשיקאַווע. דרײַ אַמעריקאַנער געזאַנדטע אין מאָסקווע וועגן דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע און וועגן פּססר 191
אַרן ווערגעליס. זאָל זײַן מיט מאַזל (וועגן דעם נײַעם ייִדישן מוזיקאַלן קאַמער־טעאַטער) 192
רעזומע לויט די מאַטעריאַלן פונעם נומער (רוסיש, ענגליש) I

הילע פונעם קינסטלער ג. קראַווצאָוו (מיט וו. פּאַוואָרסקיס א גראַוויור).
צייכענונגען פון אי. מאַסטבאַום.



די גרויסע סאָציאַליסטישע אָקטיאַבער־רעוואָלוציע — די וויכטיקסטע געשעעניש פונעם XX יאָרהונדערט — האָט אַף א גרינטלעכן אויפן געענדערט דעם גאַנג פון דער געשיכטע פון דער מענטשהייַט, עפענענדיק, ווי עס האָט אָפּגעמערקט דער גרינדער פון דער סאָוועטישער מעלוכע וו. אי. לענין, אַן עפּאָכע פון קאַמף „פאַר דער באַפרייַונג פון די פעלקער פונעם אימפּעריאַליזם, פאַר אָפּשטעלן די מילכאָמעס צווישן פעלקער, פאַר אַראָפּוואַרפן די הערשאַפט פונעם קאַפּיטאַל, פאַר סאָציאַליזם".

אין משך פון די זעקס יאָרצענדליקער, זינט ס'איז פאָרגעקומען די אָקטיאַבער־רעוואָלוציע, איז די מענטשהייַט אַן איידעס פון גראַנדיעזע היסטאָרישע ענדערונגען אין אונדזער לאַנד, וואָס האָט אויסגעבויט די אַנטוויקלטע, רייַפע סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט. די סאָוועטישע פעלקער, אַלע מענטשן פון גוטן ווילן אין דער וועלט מערקן אָפּ די גרויסע דאַטע אונטער די לאָזונגען פון קאַמף פאַר שאָלעם און סאָציאַלן פּראָגרעס.

קאָנסטיטוציע
(גרונט=געזעץ)
פונעם פאַרבאַנד סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליקן

די גרויסע סאָציאַליסטישע אָקטיאַבער־רעוואָליוציע, וועלכע די אַרבעטער און פּויערים פון רוסלאַנד האָבן דורכגעפירט אונטער דער אָנפירונג פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי בעראַש מיט וו. אי. לענינען, האָט אַראָפּגעשליידערט די מאַכט פון די קאַפּיטאַליסטן און גוטבאַזיצער, צעבראָכן די קייטן פון אונטערדריקונג, איינגעשטעלט די דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט און געשאַפן די סאָוועטן־מעלוכע — די מעלוכע פון אַ נייעם טיפּ, דאָס גרונט־געווער פון פאַרטיידיקן די רעוואָליוציאָנערע דערגרייכונגען, פון בויען סאָציאַליזם און קאָמוניזם. עס האָט זיך אָנגעהויבן דער וועלט־היסטאָרישער קער פון דער מענטשהייט פון קאַפּיטאַליזם צו סאָציאַליזם.

אָפּגעהאַלטן אַ זיג אינעם בירגערקריג, אָפּגעשלאָגן די אימפּעריאַליסטישע אינטערווענץ, האָט די סאָוועטנמאַכט פאַרווירקלעכט די טיפסטע סאָציאַל־עקאָנאָמישע איבערגעשטאַלטונגען, זי האָט אויף שטענדיק געמאַכט אַ סאָף צו דער עקספּלואַטאַציע פון מענטש דורך מענטש, צו די קלאַסן־אַנטאַגאָניזמען און נאַציאָנאַלער סינע. די פאַראייניקונג פון די סאָוועטן־רעפּובליקן אינעם פאַרבאַנד סס"ר האָט פאַרמערט די קרעפטן און מעגלעכקייטן פון די פעלקער פונעם לאַנד אינעם בויען דעם סאָציאַליזם. עס האָבן זיך איינגעפונדעוועט דאָס געזעלשאַפטלעכע אייגנטום אויף די פּראָדוציר־מיטלען, די עכטע דעמאָקראַטיע פאַר די אַרבעטנדיקע מאַסן. צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט איז געשאַפן געוואָרן אַ סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט.

אַ העללעכע אַנטפּלעקונג פון דער קראַפט פונעם סאָציאַליזם איז געוואָרן דער אייביק לעבנדיקער העלדנטאַט פונעם סאָוועטישן פאָלק, פון זיינע באַוואָפנטע קרעפטן, וועלכע האָבן אָפּגעהאַלטן דעם היסטאָרישן זיג אין דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע. דער דאָזיקער זיג האָט פאַרפעסטיקט דעם אויטאָריטעט און די צווישנפעלקערלעכע פּאָזיציעס פון סס"ר, האָט געעפנט נייע גינסטיקע מעגלעכקייטן פאַרן וווּקס פון די קרעפטן פונעם סאָציאַליזם, פון נאַציאָנאַלער באַפרייונג, פון דעמאָקראַטיע און שאָלעם אין גאָר דער וועלט.

פאָרזעצנדיק זייער שעפערישע בוי־טעטיקייט, האָבן די אַרבעטנדיקע פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד געזיכערט די שנעלע און אַלזייטיקע אַנטוויקלונג פונעם לאַנד, די פאַרפולקומונג פון דער סאָציאַליסטישער אָרדענונג. עס זיינען פעסט געוואָרן דער בונד פונעם אַרבעטער־קלאַס, קאָלווירטישן פויערטום און פאָלקס־אינטעליגענץ, די פריינטשאַפט צווישן די נאַציעס און פעלקערשאַפטן פון סס"ר. עס האָט זיך אויסגעבילדעט די סאָציאַל־פּאָליטישע און אידייִשע אייניקייט פון דער סאָוועטישער געזעלשאַפט, ווו עס טרעט אַרויס אַלס פירנדיקע קראַפט דער אַרבעטער־קלאַס. אויסגעפילט די אויפגאַבן פון דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט, איז די סאָוועטן־מעלוכע געוואָרן אַן אַלפאָלקישע. עס איז אויסגעוואַקסן די אָנפירנדיקע ראָליע פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי — דעם אַוואַנגאַרד פונעם גאַנצן פאָלק.

אין סס"ר איז אויסגעבויט אַן אַנטוויקלטע סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט. אויף דעם דאָזיקן עטאַפּ, ווען דער סאָציאַליזם אַנטוויקלט זיך אויף זיין אייגענער באַזע, אַנטפּלעקן זיך אַלץ פולער די שעפערישע בוי־קרעפטן פון דער נייער אָרדענונג, די פאָרצוגן פונעם סאָציאַליסטישן לעבנסשטייגער, די אַרבעטנדיקע געניסן אַלץ ברייטער די פּרוכט פון די גרויסע רעוואָליוציאָנערע דערגרייכונגען.

דאָס איז אַ געזעלשאַפט, ווו עס זיינען געשאַפן געוואָרן מעכטיקע פּראָדוקטיוו־קרעפטן, אַ פאָרגעשריטענע וויסנשאַפט און קולטור, ווו עס וואַקסט קעסיידער דער וווילשטאַנד פונעם פאָלק, עס שאַפן זיך אַלץ גינסטיקערע באַדינגונגען פאַר דער אַלזייטיקער אַנטוויקלונג פון דער פּערזענלעכקייט.

דאָס איז א געזעלשאפט פון רײַפע סאָציאַליסטישע געזעלשאפטלעכע פארהעלטענישן, ווו אף דער באזע פון א דערנעענטערונג פון אלע קלאסן און סאָציאַלע שיכטן, פון דער יורידישער און פאקטישער גלײַכהײַט פון אלע נאציעס און פעלקערשאפטן, פון זייער ברידערלעכער מיטארבעט האָט זיך אויסגעבילדעט א נײַע היסטאָרישע מענטשן־געמיינשאפט — דאָס סאָוועטישע פאָלק.

דאָס איז א געזעלשאפט פון הויכער אָרגאַניזירטקײַט, אידייִשקײַט און באוווּסטזיניקײַט פון די ארבעטנדיקע — פון פאטריאָטן און אינטערנאציאָנאַליסטן.

דאָס איז א געזעלשאפט, ווו דער לעבנס־געזעץ איז די זאָרג פון אלעמען וועגן דעם גליק פון יעדן איינעם און די זאָרג פון יעדן איינעם וועגן דעם גליק פון אלעמען.

דאָס איז א געזעלשאפט פון עכטער דעמאָקראַטיע, ווו די פּאָליטישע סיסטעם זיכערט אָן עפעקטיווע פארוואלטונג מיט אלע געזעלשאפטלעכע ענינים, אָן אלץ אקטיווערן אָנטייל פון די ארבעטנדיקע אינעם מעלוכישן לעבן, די צונויפפּאָרונג פון די רעאַלע רעכט און פרײַהײַטן פון די בירגער מיט זייערע פליכטן און פאראנטוואָרטלעכקײַט בענעגייע דער געזעלשאפט.

די אנטוויקלטע סאָציאַליסטישע געזעלשאפט איז א געזעצמעסיקער עטאפּ אפן וועג צום קאָמוניזם.

דער העכסטער ציל פון דער סאָוועטן־מעלוכע איז — אויסבויען די קלאסנלאָזע קאָמוניסטישע געזעלשאפט, ווו עס וועט אנטוויקלט ווערן די געזעלשאפטלעכע קאָמוניסטישע זעלבסט־פארוואלטונג. די הויפּט־אויפגאבן פון דער סאָציאַליסטישער אלפאָלקישער מעלוכע: שאפן די מאטעריעל־טעכנישע באזע פונעם קאָמוניזם, פארפולקומען די סאָציאַליסטישע געזעלשאפטלעכע פארהעלטענישן און איבערגעשטאלטן זיי אין קאָמוניסטישע, דערציִען דעם מענטשן פון דער קאָמוניסטישער געזעלשאפט, העכערן דעם מאטעריעלן און קולטורעלן לעבנס־ניוואָ פון די ארבעטנדיקע, זיכערן די געפארלאָזיקײַט פון לאנד, מיטהעלפן דער פארשטארקונג פונעם שאָלעם און דער אנטוויקלונג פון דער צווישנפעלקערלעכער מיטארבעט.

דאָס סאָוועטישע פאָלק,

האַבנדיק אלס אָנפירונג די אידייען פון וויסנשאפטלעכן קאָמוניזם און אָפּהיטנדיק די טרײַהײַט צו זײַנע רעוואָליוציאָנערע טראדיציעס,

שטיצנדיק זיך אף די גרויסע סאָציאַל־עקאָנאָמישע און פּאָליטישע דעראָבערונגען פונעם סאָציאַליזם,

שטרעבנדיק צו דער ווײַטערדיקער אנטוויקלונג פון דער סאָציאַליסטישער דעמאָקראַטיע,

נעמענדיק אין אכט די צווישנפעלקערלעכע לאגע פון פסםר אלס א באשטאנדטייל פון דער וועלט־סיסטעם פון סאָציאַליזם און באזיניקנדיק זײַן אינטערנאציאָנאַלע אכרײַעס,

אָפּהיטנדיק די העמשעכדיקײַט פון די אידייען און פרינציפּן פון דער ערשטער סאָוועטישער קאָנסטיטוציע פון 1918, פון דער קאָנסטיטוציע פון פסםר פון 1924 און פון דער קאָנסטיטוציע פון פסםר פון 1936, —

פארפיקסירט די יעסוידעס פון דער געזעלשאפטלעכער אָרדענונג און פּאָליטיק פון פסםר, שטעלט אײַן די רעכט, פרײַהײַטן און פליכטן פון די בירגער, די אָרגאַניזאציע־פרינציפּן און די צילן פון דער סאָציאַליסטישער אלפאָלקישער מעלוכע און פּראָקלאמירט זיי אין דער איצטיקער קאָנסטיטוציע.

I. די יעסוידעס פון דער געזעלשאפטלעכער אָרדענונג און פון דער פּאָליטיק פון פסםר

קאפּיטל 1.
די פּאָליטישע סיסטעם

ארטיקל 1. דער פארבאנד סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליקן איז א סאָציאַליסטישע אלפאָלקישע מעלוכע, וועלכע דריקט אויס דעם ווילן און די אינטערעסן פון די ארבעטער, פּויערים און אינטעליגענץ, פון די ארבעטנדיקע פון אלע נאציעס און פעלקערשאפטן פונעם לאנד.

ארטיקל 2. די גאנצע מאכט אין פסםר געהערט דעם פאָלק.

דאָס פאָלק פאַרווירקלעכט די מעלוכע־מאַכט דורך די סאָוועטן פון פאָלקס־דעפּוטאַטן, וועלכע בילדן דעם פּאָליטישן יעסאָד פון פּססר.

אַלע אַנדערע מעלוכע־אָרגאַנען געפינען זיך אונטערן קאָנטראָל פון די סאָוועטן פון פאָלקס־דעפּוטאַטן, וועמען זיי גיבן אָפּ אַ באַריכט וועגן זייער טעטיקייט.

אַרטיקל 3. די אָרגאַניזאַציע און די טעטיקייט פון דער סאָוועטן־מעלוכע בויען זיך אין העסקעם מיטן פּרינציפּ פון דעמאָקראַטישן צענטראַליזם: געווייטלטקייט פון אַלע אָרגאַנען פון דער מעלוכע־מאַכט פון אונטן ביז אויבן, אַ באַריכט וועגן זייער טעטיקייט גיבן זיי אָפּ דעם פאָלק, די באַשלוסן פון די העכערשטייענדיקע אָרגאַנען זײַנען אָבליגאַטאָריש פאַר די נידעריקערשטייענדיקע. דער דעמאָקראַטישער צענטראַליזם פאַראייניקט אין זיך די איינהײַטלעכע אָנפירונג מיט דער איניציאַטיוו און שעפערישער אַקטיווקייט אויף די ערטער, מיט דער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון יעדן מעלוכע־אָרגאַן און אַמט־פּערזאָן פאַר דער אָנפאַרטרויטער זאַך.

אַרטיקל 4. די סאָוועטן־מעלוכע, אַלע אירע אָרגאַנען זײַנען טעטיק אויפן סמך פון דער סאָציאַליסטישער געזעצלעכקייט, זיי זיכערן, עס זאָלן אָפּגעהיט ווערן דער געזעץ, די אינטערעסן פון דער געזעלשאַפט, די רעכט און פרײַהייטן פון די בירגער.

די מעלוכישע און געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס, די אַמט־פּערזאָנען זײַנען מעכויעוו אָפּצוהיטן די קאָנסטיטוציע פון פּססר און די סאָוועטישע געזעצן.

אַרטיקל 5. די וויכטיקסטע פראַגן פונעם מעלוכע־לעבן ווערן איבערגעגעבן צו אַן אַלפאָלקישער באַהאַנדלונג, זיי ווערן אויך געשטעלט אויף אַן אַלפאָלקישער אָפּשטימונג (רעפערענדום).

אַרטיקל 6. די אָנפירנדיקע און ריכטנדיקע קראַפט פון דער סאָוועטישער געזעלשאַפט, דער קערן פון איר פּאָליטישער סיסטעם, פון די מעלוכישע און געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס איז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד. די קפּסס עקזיסטירט פאַרן פאָלק און דינט דעם פאָלק.

באַוואָפנט מיט דער מאַרקסיסטיש־לענינישער לערע, באַשטימט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי די גענעראַלע פּערספּעקטיוו פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט, די ליניע פון דער אינערן־ און אויסערן־פּאָליטיק פון פּססר, זי פירט אָן מיט דער גרויסער שעפערישער בוי־טעטיקייט פונעם סאָוועטישן פאָלק, גיט צו אַ פּלאַנמעסיקן, אַ וויסנשאַפטלעך באַגרינדעטן כאַראַקטער זײַן קאַמף פאַרן זיג פונעם קאָמוניזם.

אַלע פּאַרטייִשע אָרגאַניזאַציעס זײַנען טעטיק אין די ראַמען פון דער קאָנסטיטוציע פון פּססר.

אַרטיקל 7. די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, דער אַלפאַרבאַנדישער לענינישער קאָמוניסטישער יוגנט־פאַרבאַנד, די קאָאָפּעראַטיווע און אַנדערע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס באַטייליקן זיך אין העסקעם מיט זייערע סטאַטוט־אויפגאַבן אינעם פאַרוואַלטן מיט די מעלוכישע און געזעלשאַפטלעכע איניאָנים, אינעם לייזן די פּאָליטישע, ווירטשאַפטלעכע און סאָציאַל־קולטורעלע פראַגן.

אַרטיקל 8. די אַרבעטס־קאָלעקטיוון נעמען אָן אָנטייל אינעם באַהאַנדלען און לייזן די מעלוכישע און געזעלשאַפטלעכע איניאָנים, אינעם פּלאַנירן די פּראָדוקציע און די סאָציאַלע אַנטוויקלונג, אינעם גרייטן און פאַנאַנדערשטעלן די קאַדרען, אינעם באַהאַנדלען און לייזן די פראַגן וועגן פאַרוואַלטן מיט די אונטערנעמונגען און אַנשטאַלטן, וועגן פאַרבעסערן די אַרבעטס־ און שטייגער־באַדינגונגען, וועגן אויסנוצן די מיטלען, וועלכע זײַנען באַשטימט אויף צו אַנטוויקלען די פּראָדוקציע, אויך אויף די סאָציאַל־קולטורעלע מאָסמיטלען און מאַטעריעלער סטימולירונג.

די אַרבעטס־קאָלעקטיוון אַנטוויקלען די סאָציאַליסטישע פאַרמעסטונג, העלפן מיט צו פאַרשפּרייטן די פאָרגעשריטענע אַרבעטס־מעטאָדן, צו פאַרשטאַרקן די אַרבעטס־דיסציפּלין, זיי דערציִען זייערע מיטגלידער אין גײַסט פון דער קאָמוניסטישער מאָראַל, זאָרגן וועגן העכערן זייער פּאָליטישע באַוווסטזיניקייט, זייער קולטור און פּראָפעסיאָנעלע קוואַליפיקאַציע.

אַרטיקל 9. די גרונט־ריכטונג אין דער אַנטוויקלונג פון דער פּאָליטישער סיסטעם פון דער סאָוועטישער געזעלשאַפט איז די ווײַטערדיקע פאַנאַנדערוויקלונג פון דער סאָציאַליסטישער דעמאָקראַטיע: אַלץ אַ ברייטערן אָנטייל פון די בירגער אינעם פאַרוואַלטן מיט די איניאָנים פון דער מעלוכע און פון דער געזעלשאַפט, מאַכן פולקומער דעם מעלוכע־אַפּאַראַט, העכערן די אַקטיווקייט פון די געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס, פאַרשטאַרקן דעם פאָלקס־קאָנטראָל, פאַרפעסטיקן דעם יורידישן יעסאָד אינעם מעלוכישן און געזעלשאַפטלעכן לעבן, פאַרברייטערן די עפנטלעכקייט, פירן אַ שטענדיקן דיסקאָנט פון דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג.

קאַפּיטל 2.

די עקאָנאָמישע סיסטעם

אַרטיקל 10. דעם יעסאָד פון דער עקאָנאָמישער סיסטעם פון פּססר בילדעט דאָס סאָציאַליסטישע אייגנטום אף די פּראָדוציר־מיטלען אין דער פאָרם פון מעלוכישן (אַלפאָלקישן) און קאָלווירטיש־קאָאָפּעראַטיוון אייגנטום.

סאָציאַליסטישע אייגנטום איז אויך דאָס פאַרמעגן פון די פּראָפאַריינישע און אַנדערע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס, וואָס איז זיי נייטיק אף צו פאַרווירקלעכן זייערע סטאַטוט־אופגאַבן.

די מעלוכע היט אָפּ דאָס סאָציאַליסטישע אייגנטום און שאַפט די באַדינגונגען פאַר זײַן פאַרמערונג.

קיינער האָט קיין רעכט ניט אויסצונוצן דאָס סאָציאַליסטישע אייגנטום פאַר זײַן פּערזענלעכער באַרײַכערונג און פאַר אַנדערע אייגננוציקע צילן.

אַרטיקל 11. דאָס מעלוכישע אייגנטום איז דאָס אַלגעמיינע פאַרמעגן פונעם גאַנצן סאָוועטישן פאָלק, די גרונט־פאָרם פון סאָציאַליסטישן אייגנטום.

אין אויסשליסלעכן אייגנטום פון דער מעלוכע געפינען זיך: די ערד, אירע אויצרעס, די וואַסערן, וועלדער. דער מעלוכע געהערן די גרונט־מיטלען פון דער פּראָדוקציע אין דער אינדוסטריע, בויונג און לאַנדווירטשאַפט, די טראַנספּאָרט־ און פאַרבינדונגס־מיטלען, די בענק, דאָס פאַרמעגן פון די האַנדלס־אונטערנעמונגען, קאָמונאַלע און אַנדערע, וועלכע די מעלוכע אָרגאַניזירט, דער גרונטיקער וווינונגס־פאָנד פון שטאָט, אויך אַנדערע מינים פאַרמעגן, וואָס איז נייטיק אף צו פאַרווירקלעכן די אופגאַבן פון דער מעלוכע.

אַרטיקל 12. דאָס אייגנטום פון די קאָלווירטן און אַנדערע קאָאָפּעראַטיווע אָרגאַניזאַציעס, פון זייערע פאַרייניקונגען זײַנען די פּראָדוציר־מיטלען און אַנדער פאַרמעגן, וואָס איז זיי נייטיק אף צו פאַרווירקלעכן זייערע סטאַטוט־אופגאַבן.

די ערד, וועלכע די קאָלווירטן פאַרנעמען, ווערט פאַר זיי פאַרפעסטיקט אין אומזיסטן און שטענדיקן באַנוץ.

די מעלוכע העלפט מיט דער אַנטוויקלונג פונעם קאָלווירטיש־קאָאָפּעראַטיוון אייגנטום און זײַן דערנעענטערונג מיטן מעלוכישן אייגנטום.

די קאָלווירטן, ווי אויך די אַנדערע ערד־באַנוצער, זײַנען מכוייעו עפעקטיוו אויסנוצן די ערד, זאָרגזאַם באַציִען זיך צו איר, העכערן איר פּרוכטבאַרקײַט.

אַרטיקל 13. דעם יעסאָד פונעם פּערזענלעכן אייגנטום פון די בירגער פון פּסםר בילדן די האַכנאָסעס פון דער אַרבעט. אין פּערזענלעכן אייגנטום קאָנען זיך געפינען כפייצים פון היימישן געברויך, פון פּערזענלעכער באַדערפעניש, פון באַקוועמלעכקײַט און פון דער שטוביקער הילפס־ווירטשאַפט, א וווין־הויז און האַרעפּאַשנע אָפּשפּאָרונגען. דאָס פּערזענלעכע אייגנטום פון די בירגער און דאָס רעכט צו יאַרשענען עס ווערן אָפּגעהיט דורך דער מעלוכע.

אין באַנוץ פון די בירגער קאָנען זיך געפינען ערד־באַצירקן, וועלכע זיי האָבן באַקומען אין דער אָרדענונג, וואָס איז אײַנגעשטעלט דורכן געזעץ, אף צו פירן א הילפס־ווירטשאַפט (אײַנגעשלאָסן דאָס האַלטן פי און אויפעס), קולטיווירן סעדער און גערטנער, אויך פאַר אינדיווידועלער וווינונגס־בויונג. די בירגער זײַנען מכוייעו ראַציאָנעל אויסנוצן די ערד־באַצירקן, וועלכע זיי באַקומען. די מעלוכע און די קאָלווירטן העלפן די בירגער צו פירן א הילפס־ווירטשאַפט.

דאָס פאַרמעגן, וואָס געפינט זיך אין פּערזענלעכן אייגנטום אָדער אין באַנוץ פון די בירגער, טאָר ניט דינען אַלס מיטל צו באַקומען האַכנאָסעס ניט פון אַרבעט, אויסגענוצט ווערן אַזוי, אַז עס זאָל ברענגען שאָדן די אינטערעסן פון דער געזעלשאַפט.

אַרטיקל 14. דער קוואַל פאַרן וווקס פון געזעלשאַפטלעכן רײַכטום, פונעם וווילשטאַנד פון פאָלק און פון יעדן סאָוועטישן מענטשן איז די מי פון די סאָוועטישע מענטשן, וועלכע אין פרײַ פון עקספּלואַטאַציע.

אין העסקעם מיטן פּרינציפּ פונעם סאָציאַליזם „פון יעדן — לויט די פעיִקײַט, יעדן לויט דער מי״ פירט די מעלוכע א קאָנטראָל איבער דער מאָס פון דער אַרבעט און פונעם געברויך. די מעלוכע באַשטימט די גרייס פונעם שטײַער אף די האַכנאָסעס, וועלכע דאַרפן באַשטײַערט ווערן.

די געזעלשאַפטלעך נוצלעכע אַרבעט און אירע רעזולטאַטן באַשטימען די לאַגע פונעם מענטשן אין דער געזעלשאַפט. דורך פאַרייניקן די מאַטעריעלע און מאָראַלע סטימולן, דורך

סטימולירן די נאָוואַטאָרישקייט, די שעפערישע באַציִונג צו דער אַרבעט העלפט די מעלוכע מיט צו פאַרוואַנדלען די אַרבעט אין דער ערשטער לעבנס־באַדערפעניש פון יעדן סאָוועטישן מענטשן.

אַרטיקל 15. דער העכסטער ציל פון דער געזעלשאַפטלעכער פּראָדוקציע באַם סאָציאַליזם איז — אַמפולסטן באַפרידיקן די וואַקסנדיקע מאַטעריעלע און גײַסטיקע באַדערפענישן פון די מענטשן.

שטיצנדיק זיך אויף דער שעפערישער אַקטיווקייט פון די אַרבעטנדיקע, אויף דער סאָציאַליסטישער פאַרמעסטונג, אויף די דערגרייכונגען פונעם וויסנשאַפטלעך־טעכנישן פּראָגרעס, פאַרפולקומענדיק די פאָרמען און מעטאָדן פון אָנפירן מיט דער עקאָנאָמיק, באַזאָרגט די מעלוכע דעם וווּקס פון דער אַרבעטס־פּראָדוקטיווקייט, די העכערונג פון דער עפעקטיווקייט פון דער פּראָדוקציע און פון דער קוואַליטעט פון דער אַרבעט, די דינאַמישע, פּלאַנמעסיקע און פּראָפּאָרציאָנעלע אַנטוויקלונג פון דער פאָלקסווירטשאַפט.

אַרטיקל 16. די עקאָנאָמיק פון פססר בילדעט דעם איינהײַטלעכן פאָלקסווירטשאַפטלעכן קאָמפּלעקס, וואָס כאַפּט אַרום אַלע רינגען פון דער געזעלשאַפטלעכער פּראָדוקציע, פאַרטיילונג און אויסטויש אויף דער טעריטאָריע פון לאַנד.

די אָנפירונג מיט דער עקאָנאָמיק ווערט פאַרווירקלעכט אויף דער באַזע פון די מעלוכע־פּלענער וועגן דער עקאָנאָמישער און סאָציאַלער אַנטוויקלונג, נעמענדיק אין אַכט די פּרינציפּן פון די ווירטשאַפט־צווײַגן און פון דער טעריטאָריע, אויף וועלכער זיי געפינען זיך, פאַרייניקנדיק די צענטראַליזירטע פאַרוואַלטונג מיט דער ווירטשאַפטלעכער זעלבשטענדיקייט און איניציאַטיוו פון די אונטערנעמונגען, פאַראייניקונגען און אַנדערע אָרגאַניזאַציעס. דערבײַ ווערן אַקטיוו אויסגענוצט דער ווירטשאַפטלעכער אויסהאַלט, דער רעוועך, דער קערנקאָסט, די אַנדערע עקאָנאָמישע הייבערס און סטימולן.

אַרטיקל 17. אין פססר ווערן אין העסקעם מיטן געזעץ דערלאָזט אינדיווידועלע אַרבעטס־טעטיקייט אין דער ספער פון קוסטאַריש־האַנטווערקערישע געווערבן, פון דער לאַנדווירטשאַפט, שטייגערישער באַדינונג פון דער באַפעלקערונג, אויך אַנדערע אויפּאַנים טעטיקייט, וועלכע זײַנען באַזירט אויסשליסלעך אויף דער פּערזענלעכער מי פון די בירגער און פון זייערע מישפּאָכע־מיטגלידער. די מעלוכע רעגולירט די אינדיווידועלע אַרבעטס־טעטיקייט, באַזאָרגנדיק, אַז זי זאָל אויסגענוצט ווערן אין די אינטערעסן פון דער געזעלשאַפט.

אַרטיקל 18. אין אינטערעסן פון הײַנטיקן דאָר און פון די קומענדיקע דורות ווערן אין פססר אָנגענומען די נייטיקע מאָסמיטלען צו אָפּהיטן און וויסנשאַפטלעך באַגרינדעט, ראַציאָנעל אויסנוצן די ערד און אירע אויצרעס, די וואַסער־רעסורסן, די געוויקסן־ און באַלעבעכײַים־וועלט, אָפּהיטן אין ריינקייט די לופט און די וואַסערן, זיכערן די רעפּראָדוקציע פון די נאַטור־רײַכטימער און פאַרבעסערן די נאַטור, וועלכע רינגלט אַרום דעם מענטשן.

קאַפּיטל 3.

די סאָציאַלע אַנטוויקלונג און די קולטור

אַרטיקל 19. דעם סאָציאַלן יעסאָד פון פססר בילדעט דער אײַזנפעסטער בונד פון די אַרבעטער, פּויערים און אינטעליגענץ.

די מעלוכע העלפט מיט צו פאַרשטאַרקן די סאָציאַלע איינאַרטיקייט פון דער געזעלשאַפט — צו אָפּווישן די קלאַסן־אונטערשיידן, די וועזנטלעכע אונטערשיידן צווישן שטאָט און דאָרף, צווישן אינטעלעקטועלער און פיזישער מי, אַלזײַטיק צו אַנטוויקלען און דערנענטערן אַלע נאַציעס און פעלקערשאַפטן פון פססר.

אַרטיקל 20. אין העסקעם מיטן קאָמוניסטישן אידעאַל: „די פרײַע אַנטוויקלונג פון יעדן איינעם איז אַ באַדינג פאַר דער פרײַער אַנטוויקלונג פון אַלעמען" שטעלט די מעלוכע פאַר זיך דעם ציל — פאַרברייטערן די רעאַלע מעגלעכקײַטן פון די בירגער צו אָנווענדן זייערע שעפערישע קרעפטן, פעיִקײַטן און טאַלאַנטן פאַר דער אַלזײַטיקער אַנטוויקלונג פון דער פּערזענלעכקייט.

אַרטיקל 21. די מעלוכע זאָרגט וועגן פאַרבעסערן די אַרבעטס־באַדינגונגען און די אַרבעטס־שוץ, וועגן דער וויסנשאַפטלעכער אָרגאַניזאַציע פון דער אַרבעט, וועגן פאַרקירצן און אויף ווײַטער אויך פולשטענדיק אויסשליסן די שווערע פיזישע אַרבעט דורך אײַנפירן די קאָמפּלעקסאַרטיקע מעכאַניזאַציע און די אויטאָמאַטיזאַציע פון די פּראָדוציר־פּראָצעסן אין אַלע צווײַגן פון דער פאָלקסווירטשאַפט.

ארטיקל 22. אין פססר ווערט קאָנסעקווענט פאַרווירקלעכט אין לעבן די פּראָגראַם פון פאַרוואנדלען די לאַנדווירטשאַפטלעכע מי אין א וואַריאַציע פון דער אינדוסטריעלער; פון פאַרברייטערן אין דאָרף די נעץ אנשטאַלטן פון פאָלקסבילדונג, קולטור, געזונט־אָפּהיטונג, האַנדל און געזעלשאַפטלעכער דערנערונג, שטייגער־באַדינונג און קאָמונאַלער ווירטשאַפט; פאַרוואַנדלען די גרויסע און קליינע דערפער אין וווּיל־אײַנגעאָרדנטע ייִשובֿים.

ארטיקל 23. אויף דער באַזע פונעם וווּקס פון דער ארבעטס־פּראָדוקטיוויקייט פירט די מעלוכע א פעסטן קורס צו העכערן דעם ניוואָ פונעם ארבעטסלוין, די רעאַלע האַכנאָסעס פון די ארבעטנדיקע.

קעדיי פולער באַפרידיקן די באַדערפענישן פון די סאָוועטישע מענטשן, ווערן געשאַפן געזעלשאַפטלעכע געברויך־פאָנדן. באַם ברייטן אָנטייל פון די געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס און ארבעטס־קאָלעקטיוון זיכערט די מעלוכע דעם וווּקס און די יוישערדיקע צעטיילונג פון די דאָזיקע פאָנדן.

ארטיקל 24. אין פססר ארבעטן און אַנטוויקלען זיך די מעלוכע־סיסטעמען פון געזונט־אָפּהיטונג, סאָציאַלער פאַרזיכערונג, האַנדל און געזעלשאַפטלעכער דערנערונג, שטייגער־באַדינונג און קאָמונאַלער ווירטשאַפט.

די מעלוכע סטימולירט די טעטיקייט פון די קאָאָפּעראַטיווע און אַנדערע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס אין אַלע ספערן פון באַדינען די באַפעלקערונג. זי העלפט מיט צו אַנטוויקלען די מאַסן־פיזקולטור און דעם מאַסן־ספּאָרט.

ארטיקל 25. אין פססר עקזיסטירט און ווערט פאַרפולקומט אַן אייַנהייטלעכע סיסטעם פון פאָלקסבילדונג, וועלכע זיכערט, אַז די בירגער זאָלן באַקומען אַלגעמיינע און פּראָפעסיאָנעלע בילדונג, דינט דער קאָמוניסטישער דערציִונג, דער אינטעלעקטועלער און פיזישער אַנטוויקלונג פון דער יוגנט, גרייט די יוגנט צו ארבעט און געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט.

ארטיקל 26. אין העסקעם מיט די באַדערפענישן פון דער געזעלשאַפט זיכערט די מעלוכע די פּלאַנמעסיקע אַנטוויקלונג פון דער וויסנשאַפט און די צוגרייטונג פון וויסנשאַפטלעכע קאַדרען, זי אָרגאַניזירט די ארבעט פון אײַנגלידערן אין דער פאָלקסווירטשאַפט און אין די אַנדערע לעבנס־ספערן די רעזולטאַטן פון די וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען.

ארטיקל 27. די מעלוכע זאָרגט וועגן אָפּהיטן, פאַרמערן און ברייט אויסנוצן די גייַסטיקע ווערטן פאַר דער מאָראַלישער און עסטעטישער דערציִונג פון די סאָוועטישע מענטשן, פאַר דער העכערונג פון זייער קולטור־ניוואָ.

אין פססר ווערט אַלמעגלעך סטימולירט די אַנטוויקלונג פון דער פּראָפעסיאָנעלער קונסט און די קינסטלערישע פאָלקס־שאַפונג.

קאַפּיטל 4.

די אויסערן־פּאָליטיק

ארטיקל 28. פססר פירט דורך קאָנסעקווענט די לעניניסטישע שאָלעם־פּאָליטיק, טרעט ארויס פאַר פאַרפעסטיקן די זיכערקייַט פון די פעלקער און פאַר א ברייטער צווישנפעלקערלעכער מיטאַרבעט.

די אויסערן־פּאָליטיק פון פססר גייט מיטן וועג פון זיכערן גינסטיקע צווישנפעלקערלעכע באַדינגונגען פאַר דער אויסבויִונג פונעם קאָמוניזם אין פססר, פאַרטיידיקן די מעלוכע־אינטערעסן פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד, מיטן וועג פון פאַרפעסטיקן די פּאָזיציעס פונעם וועלט־סאָציאַליזם, שטיצן דעם קאַמף פון די פעלקער פאַר דער נאַציאָנאַלער באַפרייַונג און סאָציאַלן פּראָגרעס, מיטן וועג פון פאַרמייַדן אַגרעסיווע מילכאָמעס, דערגרייכן אַלגעמיינע און פולע אָנטוואָפענונג און קאָנסעקווענט פאַרווירקלעכן דעם פּרינציפּ פון פרידלעכער קאָעקזיסטענץ צווישן מעלוכעס מיט א פאַרשיידענער סאָציאַלער אָרדענונג.

אין פססר ווערט מילכאָמע־פּראָפּאַגאַנדע פאַרבאָטן.

ארטיקל 29. די באַציִונגען צווישן פססר און די אַנדערע מעלוכעס זייַנען געבויט אויף דער באַזע פון אָפּהיטן די פּרינציפּן פון סוווערענער גלייַכהייַט; פון קעגנזייַטיקן אָפּזאָגן זיך צו אָנווענדן קראַפט אָדער דראָען צו אָנווענדן קראַפט; שטרענג אָפּהיטן די גרענעצן; טעריטאָריעלער גאַנצקייַט פון די מעלוכעס; פרידלעכן אייַנרעגולירן שטרייַטן; ניט אַרייַנמישן זיך אין די אינערלעכע אָנגעלעגנהייַטן; אַכטן די רעכט פונעם מענטשן און די גרונט־פרייַהייַטן; גלייַכ־

בארעכטיקונג און רעכט פון די פעלקער צו זײַן די באלעבאטים פון זייער גורל, מיטארבעט צווישן די מעלוכעס, געוויסנהאפטיק אויספילן די פארפליכטונגען, וועלכע דרינגען פון די אַל־געמיין־אנערקענטע פרינציפּן און נאָרמעס פונעם צווישנפעלקערלעכן רעכט, פון די צווישנ־פעלקערלעכע אָפּמאכן, וועלכע זײַנען געשלאָסן געוואָרן דורך פּסר.

ארטיקל 30. פּסר אלס א באשטאנדטייל פון דער וועלט־סיסטעם פונעם סאָציאליזם, פון דער סאָציאליסטישער פארברידערונג אנטוויקלט און פארשטארקט די פרײַנטשאפט און מיטאַר־בעט, די כאַווערישע קעגנזײַטיקע הילף מיט די לענדער פונעם סאָציאליזם אף דער באזע פון־נעם פּרינציפּ פון סאָציאליסטישן אינטערנאַציאָנאליזם, נעמט אן אקטיוון אָנטייל אין דער עקאָ־נאָמישער אינטעגראַציע און אין דער צווישנפעלקערלעכער סאָציאליסטישער ארבעט־צעטיי־לונג.

קאַפּיטל 5.

די פארטיידיקונג פונעם סאָציאליסטישן פאָטערלאנד

ארטיקל 31. די פארטיידיקונג פונעם סאָציאליסטישן פאָטערלאנד באלאנגט צו די וויכ־טיקסטע פונקציעס פון דער מעלוכע און איז די זאך פונעם גאנצן פאָלק.

מיטן ציל צו פארטיידיקן די סאָציאליסטישע דערגרייכונגען, די פרידלעכע מי פונעם סאָ־וועטישן פאָלק, די סוווערעניטעט און טערריטאָריעלע גאַנצקײַט פון דער מעלוכע זײַנען גע־שאפן געוואָרן די באוואָפנטע קרעפטן פון פּסר און עס איז אײַנגעפירט אלגעמיינע מיליטער־פליכט.

דער כויוו פון די באוואָפנטע קרעפטן פון פּסר פארן פאָלק איז — זיכער פארטיידיקן דאָס סאָציאליסטישע פאָטערלאנד, געפינען זיך שטענדיק אין אזא צושטאנד פון שלאכטגרייטקײַט, וואָס זאָל גאראנטירן א טײַקעפדיקן ווידערשטאנד יעטווידן אגרעסאָר.

ארטיקל 32. די מעלוכע זיכערט די געפארלאָזיקײַט און שוצפעיִקײַט פונעם לאנד, זי באַ־זאָרגט די באוואָפנטע קרעפטן פון פּסר מיט אלעם נייטיקן.

די פליכטן פון די מעלוכע־אָרגאנען, געזעלשאפטלעכע אָרגאניזאציעס, אמט־פערזאָנען און בירגער אין פראט פון זיכערן די געפארלאָזיקײַט פון לאנד און פארפעסטיקן זײַן שוצפעיִקײַט ווערן באשטימט דורך דער געזעצגעבונג פונעם פארבאנד סּסר.

II. די מעלוכע און די פערזענלעכקײַט

קאַפּיטל 6.

די בירגערשאפט פון פּסר. די גלײַכבארעכטיקונג פון די בירגער

ארטיקל 33. אין פּסר איז אײַנגעשטעלט אן אייניקײַטלעכע פארבאנדישע בירגערשאפט. יעדער בירגער פון א פארבאנדישער רעפּובליק איז א בירגער פון פּסר.

די יעסוידעס און די אָרדענונג פון באקומען און פארלירן די סאָוועטישע בירגערשאפט ווערן פאַרמולירט דורכן געזעץ וועגן בירגערשאפט פון פּסר.

בירגער פון פּסר אין אויסלאנד באנוצן זיך מיט דער פארטיידיקונג און שוץ פון דער סאָוועטן־מעלוכע.

ארטיקל 34. די בירגער פון פּסר זײַנען גלײַך בענעגייע דעם געזעץ אומאָפּהענגיק פון זייער אָפּשטאמונג, סאָציאלער לאגע און פארמעגנס־לאגע, ראסעווער און נאציאָנאלער אָנגע־העריקײַט, געשלעכט, בילדונג, שפּראך, באציִונג צו דער רעליגיע, דעם אויפן און כאראקטער פון דער באשעפטיקונג, וווין־אָרט און אנדערע אומשטענדן.

די גלײַכבארעכטיקונג פון די בירגער פון פּסר ווערט געזיכערט אין אלע לעבנס־גע־ביטן — עקאָנאָמישן, פּאָליטישן, סאָציאלן און פון דער קולטור.

ארטיקל 35. א פרוי און א מאנצבל האָבן אין פּסר גלײַכע רעכט.

די פארווירקלעכונג פון די דאָזיקע רעכט ווערט געזיכערט דורך געבן פרויען גלײַכע מיט די מאנצבלען מעגלעכקײַטן אין באקומען בילדונג און פראָפעסיאָנעלע צוגרייטונג, אין דער ארבעט, אין דער באלוינונג פאר איר און אינעם ארויסרוקן אף דער ארבעט, אין דער גע־

זעלשאַפטלעך־פּאָליטישער טעטיקייט און אינעם קולטור־געביט, אויך דורך ספּעציעלע מאָסמיטלען אין פּראַט פון אָפּהיטן די מי און דאָס געזונט פון די פרויען; דורך שאַפן באַדינגונגען, וועלכע גיבן די פרויען א מעגלעכקייט צו צונויפפּאָרן די אַרבעט מיט דער מוטערשאַפט; דורך יורידישער פאַרטיידיקונג, מאַטעריעלער און מאָראַלישער שטיצע פאַר דער מוטערשאַפט און קינדהייט, איינגעשלאָסן דאָס געבן באַצאָלטע אורלויבן און אַנדערע להאַטעס די שוואַנגערע פרויען און די מוטערס, דורך פאַרקירצן בעהאַדראַגע די אַרבעטס־צייט פאַר פרויען, וועלכע האָבן קליינע קינדער.

אַרטיקל 36. די בירגער פון פססר פון פאַרשיידענע ראַסעס און נאַציאָנאַליטעטן האָבן גלייכע רעכט.

די פאַרווירקלעכונג פון די דאָזיקע רעכט ווערט געזיכערט דורך דער פּאָליטיק פון אַלזייטיק אַנטוויקלען און דערנענטערן אַלע נאַציעס און פעלקערשאַפטן פון פססר, דורך דערציִען די בירגער אין גייסט פון סאָוועטישן פּאַטריאָטיזם און סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַליזם, דורך דער מעגלעכקייט צו באַנוצן זיך מיט דער מוטערשפּראַך און מיט די שפּראַכן פון די אַנדערע פעלקער פון פססר.

יעטווידע דירעקטע אָדער אומדירעקטע באַגרענעצונג פון די רעכט, דאָס איינשטעלן דירעקטע אָדער אומדירעקטע פּאַרצוגן פון בירגער לויט ראַסעווע און נאַציאָנאַלע סימאָנים, ווי אויך יעטווידע פּריידיקונג פון ראַסעווער אָדער נאַציאָנאַלער אויסנעמלעכקייט, סינע אָדער ביטל־באַציִונג — ווערן באַשטראָפט לויטן געזעץ.

אַרטיקל 37. פאַר אויסלענדישע בירגער און פּערזאָנען אָן בירגערשאַפט ווערן אין פססר גאַראַנטירט די רעכט און פרייהייטן, וועלכע זיינען פאַרויסגעזען דורכן געזעץ, דערונטער דאָס רעכט צו ווענדן זיך אין געריכט און אין אַנדערע מעלוכע־אָרגאַנען, קעדיי צו פאַרטיידיקן די פּערזענלעכע רעכט, פאַרמעגנס־, פאַמיליען־רעכט און אַנדערע רעכט, וועלכע געהערן זיי.

אויסלענדישע בירגער און פּערזאָנען אָן בירגערשאַפט, וועלכע געפינען זיך אויף דער טעריטאָריע פון פססר, זיינען מעכוייעוו צו אַכטן די קאָנסטיטוציע פון פססר און אָפּהיטן די סאָוועטישע געזעצן.

אַרטיקל 38. פססר גיט אַזיל־רעכט אויסלענדער, וועלכע ווערן פאַרפאָלגט פאַר פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון די אַרבעטנדיקע און דעם שאָלעם, פאַר אָנטיילנעמען אין דער רעוואָלוציאָנערער און נאַציאָנאַל־באַפרייִערישער באַוועגונג, פאַר פּראָגרעסיווער געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישער, וויסנשאַפטלעכער אָדער אַנדערער שעפערישער טעטיקייט.

קאַפּיטל 7.

די גרונט־רעכט, פרייהייטן און פליכטן פון די בירגער פון פססר

אַרטיקל 39. די בירגער פון פססר באַזיצן אין דער גאַנצער פולקייט די סאָציאַל־עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און פּערזענלעכע רעכט און פרייהייטן, וועלכע זיינען פּראָקלאַמירט און ווערן גאַראַנטירט דורך דער קאָנסטיטוציע פון פססר און דורך די סאָוועטישע געזעצן. די סאָציאַליסטישע אָרדענונג זיכערט די פאַרברייטערונג פון די רעכט און פרייהייטן, די קעסיידערדיקע פאַרבעסערונג פון די לעבנס־באַדינגונגען פון די בירגער אין גאַנג פונעם אויספילן די פּראָגראַמען פון סאָציאַל־עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג און אַנטוויקלונג פון דער קולטור.

דאָס אויסנוצן דורך די בירגער די רעכט און פרייהייטן טאָר ניט פאַרשאַפן קיין שאָדן די אינטערעסן פון דער געזעלשאַפט און פון דער מעלוכע, די רעכט פון אַנדערע בירגער.

אַרטיקל 40. די בירגער פון פססר האָבן רעכט אויף אַרבעט, — דאָס הייסט אויף באַקומען גאַראַנטירטע אַרבעט און געצאָלט פאַר דער מי איר העסקעם מיט איר צאָל און קוואַליטעט און ניט נידעריקער פון דער מינימאַלער גרייס, וואָס איז איינגעשטעלט דורך דער מעלוכע, — איינגעשלאָסן דאָס רעכט אויף אויסוויילן א פּראָפעסיע, א באַשעפטיקונג און אן אַרבעט, וועלכע אַנטשפּרעכט דעם באַרוף, די פעיקייטן, דער פּראָפעסיאָנעלער צוגרייטונג, דער בילדונג און געמענדיק אין אַכט די געזעלשאַפטלעכע באַדערפעניש.

דאָס דאָזיקע רעכט ווערט געזיכערט דורך דער סאָציאַליסטישער ווירטשאַפט־סיסטעם, דורך דעם קעסיידערדיקן וווּקס פון די פּראָדוקטיוו־קרעפטן, דורך דער פּראָפעסיאָנעלער לער אָן געצאָלט, דורך העכערן די אַרבעטס־קוואַליפיקאַציע און דורך לערנען נייע פאַכן, דורך אַנטוויקלען די סיסטעם פון פּראָפעסיאָנעלער אָריענטאַציע און די סיסטעם פון איינאָרדענען אויף אַרבעט.

ארטיקל 41. **די בירגער פון פססר האָבן רעכט אַף אָפּרו.**

דאָס דאָזיקע רעכט ווערט געזיכערט דורך אײַנשטעלן פאַר די ארבעטער און אָנגעשטעלטע אַן ארבעטס־וואָך ניט העכער פון 41 שאָ, אַ פאַרקירצטן ארבעטס־טאָג פאַר אַ ריי פּראָפעסיעס און פּראָדוקציעס, דורך אַ פאַרקירצטער ארבעטס־צײַט באַנאַכט; דורך געבן יעדן יאָר באַצאָלטע אורלויבן, טעג פאַרן וואָך־אָפּרו, אויך דורכן פאַרברייטערן די נעץ פון די קולטור־אויפקלער־ און פאַרגעזינטערונג־אנשטאַלטן, דורך אַנטוויקלען דעם מאַסן־ספּאָרט, די פיזישע קולטור און דעם טוריזם; דורך שאַפן גינסטיקע מעגלעכקײַטן צו אָפּרוען אינעם אייגענעם וווין־ראַיאָן און אַנדערע באַדינגונגען פאַר ראַציאָנעלן אויסנוצן די פרײַע צײַט.

דער דויער פון דער ארבעטס־צײַט און פונעם אָפּרו פון די קאָלווירטניקעס ווערט רעגולירט דורך די קאָלווירטן.

ארטיקל 42. **די בירגער פון פססר האָבן רעכט אַף געזונט־פאַרהיטונג.**

דאָס דאָזיקע רעכט ווערט געזיכערט דורך דער קוואַליפיצירטער מעדיצינישער הילף, וועלכע די מלוכע־אנשטאַלטן פון געזונט־אָפּהיטונג גיבן אָן געצאָלט; דורך פאַרברייטערן די נעץ אנשטאַלטן אַף צו היילן און פאַרשטאַרקן דאָס געזונט פון די בירגער; דורך אַנטוויקלען און פאַרפולקומען די זיכערהײַט־טעכניק און פּראָדוציר־סאַניטאַריע; דורך אָרגאַנירן ברייטע פּראָפילאַקטישע מאָסמיטלען; דורך מאָסמיטלען צו פאַרגעזינטערן די נאַטור, וועלכע רינגלט אונדז ארום; דורך דער ספּעציעלער זאָרג וועגן דעם געזונט פונעם אונטערוואַקסנדיקן דאָר, אײַנגעשלאָסן דאָס פאַרבאָטן קינדער־ארבעט, וועלכע איז ניט פאַרבונדן מיט דער לער און מיט דער ארבעטס־דערציִונג; דורך פאַנאַנדערוויקלען וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען מיטן ציל צו באַוואָרענען קעגן כאַלאַעסן און פאַרקלענערן זייער צאָל, צו זיכערן דאָס לאַנגיאָריקע אַקטיווע לעבן פון די בירגער.

ארטיקל 43. **די בירגער פון פססר האָבן רעכט אַף מאַטעריעלער באַזאָרגונג אַף דער עלטער, באַם קראַנק ווערן, באַם פולשטענדיקן אָדער טיילווײַזן פאַרלירן די ארבעטספעיִקײַט, אויך באַם פאַרלירן דעם שפּײַזער.**

דאָס דאָזיקע רעכט ווערט גאַראַנטירט דורך דער סאָציאַלער סטראַכירונג פון די ארבעטער, אָנגעשטעלטע און קאָלווירטניקעס, דורך שטיצע באַ צײַטווײַליקער ניט־ארבעטספעיִקײַט; דורך אויסצאָלן אָפּן כעזשבן פון דער מלוכע און פון די קאָלווירטן פּענסיעס אַלטע לײַט, אינוואַלידן און אין פאַל פון פאַרלירן דעם שפּײַזער; דורך אײַנאָרדענען אַף ארבעט די בירגער, וועלכע האָבן טיילווײַז פאַרלאָרן די ארבעטספעיִקײַט; דורך דער זאָרג וועגן בירגער אין טיפער עלטער און וועגן אינוואַלידן; דורך די אַנדערע פאָרמען פון סאָציאַלער באַזאָרגונג.

ארטיקל 44. **די בירגער פון פססר האָבן רעכט אַף אַ וווינונג.**

דאָס דאָזיקע רעכט ווערט געזיכערט דורך אַנטוויקלען און אָפּהיטן דעם מלוכישן און געזעלשאַפטלעכן וווינונגס־פאָנד, דורך מיטהעלפן דער קאָאָפּעראַטיווער און אינדיווידועלער וווינונגס־בויונג, דורך אַ יושערדיקן צעטיילן אונטער אַ געזעלשאַפטלעכן קאָנטראָל דעם וווינונגס־פּלאַץ, וואָס ווערט געגעבן אין גאַנג פונעם פאַרווירקלעכן די פּראָגראַם פון בויען וווּיל־אײַנגעאָרדנטע דירעס, אויך דורך דעם נידעריקן דירע־געלט און נידעריקן געצאָלט פאַר קאָמונאַלער באַדינונג. די בירגער פון פססר דאַרפן זאָרגזאַם זיך באַציִען צו דער וווינונג, וועלכע זיי באַקומען.

ארטיקל 45. **די בירגער פון פססר האָבן רעכט אַף בילדונג.**

דאָס דאָזיקע רעכט ווערט געזיכערט דורך דעם, וואָס אַלע מינים בילדונג ווערן געגעבן אָן געצאָלט, דורך פאַרווירקלעכן די אַלגעמיינע אָבליגאַטאָרישע מיטלבילדונג פון דער יוגנט, דורך ברייטן אַנטוויקלען די פּראָפעסיאָנעל־טעכנישע, ספּעציעלע מיטלבילדונג און די הויכבילדונג אָפּן סמאַך פון דער פאַרבינדונג צווישן דער לער מיט דעם לעבן, מיט דער פּראָדוקציע; דורך אַנטוויקלען די היינטערויגיקע און אָוונט־בילדונג; דורך געבן מלוכע־סטיפּענדיעס און להאַטעס די שילער און די סטודענטן; דורך ארויסגעבן די שול־קינדער לערנביכער אָן געצאָלט; דורך דער מעגלעכקײַט צו לערנען אין שול אַף דער מוטערשפּראַך; דורך שאַפן באַדינגונגען פאַר זעלבסטבילדונג.

ארטיקל 46. **די בירגער פון פססר האָבן רעכט צו געניסן פון די קולטור־דערגרייכונגען.**

דאָס דאָזיקע רעכט ווערט געזיכערט דורך דעם פרײַען צוטריט פאַר אַלעמען צו די פאָטערלענדישע קולטור־ווערטן און צו די ווערטן פון דער וועלט־קולטור, וועלכע געפינען זיך אין די מלוכישע און געזעלשאַפטלעכע פאָנדן; דורך אַנטוויקלען און גלײַכמעסיקן ראַיאָנירן די קולטור־אויפקלער־אנשטאַלטן אַף דער טעריטאָריע פונעם לאַנד; דורך אַנטוויקלען די טעלעוויזיע און ראַדיאָ, דעם פאַרלאַג־וועזן און דעם ארויסלאָז פון דער פעריאָדישער פּרעסע, די

*1

נעץ אומזיסטע ביבליאָטעקן; דורך פאַרברייטערן דעם קולטור־אויסטויש מיט די אויסלענדישע מעלוכעס.

אַרטיקל 47. די בירגער פון פססר וואָרט אין העסקעם מיט די צילן פון דער קאָמוניסטישער בויונג גאַראַנטירט די פרייַהייט פון וויסנשאַפטלעכער, טעכנישער און קינסטלערישער שאַפונג. די דאָזיקע פרייַהייט ווערט געזיכערט דורך ברייט פאַנאַנדערוויקלען וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען, די דערפינדערישע און ראַציאָנאַליזאַטאָרישע טעטיקייַט, דורך אַנטוויקלען די ליטעראַטור און קונסט. די מעלוכע שאַפט די נייטיקע דערצו מאַטעריעלע באַדינגונגען, זי שטיצט די פרייַוויליקע געזעלשאַפטן און שעפערישע פאַרבאַנדן, אָרגאַניזירט די אַרבעט פון איינגלידערן אין דער פּראַקטיק די דערפינדונגען און ראַציאָנאַליזאַטאָרישע פאָרשלאָגן.

די רעכט פון די אויטאָרן, דערפינדער און ראַציאָנאַליזאַטאָרן ווערן אָפּגעהיט דורך דער מעלוכע.

אַרטיקל 48. די בירגער פון פססר האָבן רעכט צו אָנטיילנעמען אינעם פאַרוואַלטן מיט די מעלוכישע און געזעלשאַפטלעכע איניאָנים, אינעם באַהאַנדלען און אָננעמען געזעצן און באַשלוסן, וועלכע האָבן אַלמעלוכישן און אָרטיקן באַדייט.

דאָס דאָזיקע רעכט ווערט געזיכערט דורך דער מעגלעכקייַט צו ווילן און ווערן געוויילט אין די סאָוועטן פון די פאָלקס־דעפּוטאַטן און אַנדערע געוויילטע מעלוכע־אָרגאַנען, אָנטייל־נעמען אין די אַלפאָלקישע באַהאַנדלונגען און אָפּשטימונגען, אינעם פאָלקס־קאָנטראָל, אין דער אַרבעט פון די מעלוכע־אָרגאַנען, געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס און אָרגאַנען פון געזעלשאַפטלעכער זעלבסטעטיקייַט, אין די פאַרזאַמלונגען פון אַרבעטס־קאָלעקטיוון און לויטן וווין־אָרט.

אַרטיקל 49. יעדער בירגער פון פססר האָט דאָס רעכט אַרייַנצוטראָגן אין די מעלוכע־אָרגאַנען און געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס פאָרשלאָגן וועגן פאַרבעסערן זייער טעטיקייַט, קריטיקירן די כעסרוינעס אין דער אַרבעט.

די אַמט־פּערזאָנען זייַנען מעכוייעוו צו באַטראַכטן אין די אייַנגעשטעלטע טערמינען די פאָרשלאָגן און מעלדונגען פון די בירגער, ענטפערן אַף זיי און אָננעמען די נייטיקע מאָסמיטלען.

רעדיפעס פאַר קריטיק איז פאַרבאָטן. די פּערזאָנען, וועלכע רוידפן פאַר קריטיק, ווערן צוגעצויגן צו פאַראַנטוואָרטלעכקייַט.

אַרטיקל 50. אין העסקעם מיט די אינטערעסן פונעם פאָלק און קעדיי צו פאַרפעסטיקן און אַנטוויקלען די סאָציאַליסטישע אָרדענונג ווערן פאַר די בירגער פון פססר גאַראַנטירט די פרייַהייטן: פון וואָרט, פרעסע, פאַרזאַמלונגען, מיטינגען, גאַסן־מאַניפעסטאַציעס און דעמאָנסטראַציעס.

דאָס פאַרווירקלעכן אָט די פּאָליטישע פרייַהייטן ווערט געזיכערט דורך שטעלן אין רעשוס פון די אַרבעטנדיקע און זייערע אָרגאַניזאַציעס די געזעלשאַפטלעכע ביניאָנים, די גאַסן און פּלעצער, דורך דער ברייטער פאַרשפּרייטונג פון דער אינפאָרמאַציע, דורך דער מעגלעכקייַט אויסצונוצן די פרעסע, טעלעוויזיע און ראַדיאָ.

אַרטיקל 51. אין העסקעם מיט די צילן פון דער קאָמוניסטישער בויונג האָבן די בירגער פון פססר דאָס רעכט צו פאַרייניקן זיך אין געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע העלפן מיט צו אַנטוויקלען די פּאָליטישע אַקטיווקייַט און זעלבסטעטיקייַט, צו באַפרידיקן זייערע פילזייטיקע אינטערעסן.

פאַר די געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס ווערן גאַראַנטירט די באַדינגונגען, וועלכע זייַנען נייטיק אַף אויסצופילן מיט דערפאָלג זייערע סטאַטוט־אויפגאַבן.

אַרטיקל 52. די בירגער פון פססר ווערט גאַראַנטירט די פרייַהייט פון געוויסן, דאָס הייסט דאָס רעכט צו האַלטן זיך בא יעטווידער רעליגיע אָדער ניט האַלטן זיך בא קיין שום רעליגיע, אָפּריכטן רעליגיעזע ריטואַלן אָדער פירן אַן אַטעיִסטישע פּראָפּאַגאַנדע. צערייצן די סינע און האַס אין צוזאַמענהאַנג מיט רעליגיִעזע עמונעס איז פאַרבאָטן.

די קירך אין פססר איז אָפּגעטיילט פון דער מעלוכע און די שול — פון דער קירך.

אַרטיקל 53. די מישפּאָכע געפינט זיך אונטער דער שוץ פון דער מעלוכע.

דער כאַסענע־אַקט איז באַזירט אַפן פרייַוויליקן העסקעם פון דער פרוי און מאַנצבל; מאַן און ווייַב זייַנען פולשטענדיק גלייַכבאַרעכטיקט אין די מישפּאָכע־באַציִונגען.

די מעלוכע זאָרגט וועגן דער מישפּאָכע דורך שאַפן און אַנטוויקלען אַ ברייטע נעץ קינדער־אַנשטאַלטן, אָרגאַניזירן און פאַרפולקומען דעם שטייגער־אַמט און די געזעלשאַפטלעכע דערנערונג, דורך אויסצאָלן שטיצע, ווען עס ווערט געבוירן אַ קינד, געבן שטיצע און להאַ־

טעס די פאַמיליעס מיט פיל קינדער, אויך דורך אנדערע מינים שטיצע און הילף דער מיש־פּאָכע.

אַרטיקל 54. די בירגער פון פסשר ווערט גאַראַנטירט די אומבאַרירלעכקייט פון דער פּער־זענלעכקייט. קיינער קאָן ניט ווערן אַרעסטירט אָן א באַשלוס פונעם געריכט אָדער אָן א סאַנק־ציע פונעם פּראָקוראָר.

אַרטיקל 55. די בירגער פון פסשר ווערט גאַראַנטירט די אומבאַרירלעכקייט פון דער וווי־נונג. קיינער האָט ניט קיין רעכט אָן א געזעצלעכן גרונט אַרייַנגיין אין א דירע קעגן דעם ווילן פון די מענטשן, וועלכע וווינען אין איר.

אַרטיקל 56. דאָס פּערזענלעכע לעבן פון די בירגער, די געהיימקייט פון דער קאָרעספּאָנ־דענץ, פון די טעלעפאָן־געשפּרעכן און טעלעגראַפישע מיטיילונגען ווערן אָפּגעהיט דורכן געזעץ.

אַרטיקל 57. אַכטונג צו דער פּערזענלעכקייט, אָפּהיטן די רעכט און פרייַהייטן פון די ביר־גער — דאָס איז די פליכט פון אַלע מעלוכע־אָרגאַנען, געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס און אַמט־פּערזאָנען.

די בירגער פון פסשר האָבן רעכט אָף דער שוץ פונעם געריכט קעגן אַטענטאַטן אָף דער ערע און ווירדע, אָפּן לעבן און געזונט, אָף דער פּערזענלעכער פרייַהייט און פאַרמעגן.

אַרטיקל 58. די בירגער פון פסשר האָבן רעכט צו דערלאַנגען אָנקלאָגעס אָף די האַנדלונ־גען פון אַמט־פּערזאָנען, מעלוכישע און געזעלשאַפטלעכע אָרגאַנען. די דאָזיקע אָנקלאָגעס דאַרפן באַטראַכט ווערן אין דעם סיידער און אין די טערמינען, וועלכע זייַנען אייַנגעשטעלט דורכן געזעץ.

די אַמט־פּערזאָנען, וועלכע האָבן מיט זייערע האַנדלונגען געבראָכן דעם געזעץ, איבער־געשטיגן זייערע פולמאַכטן, באַגרענעצנדיק די רעכט פון די בירגער, קאָנען אין דעם סיידער, וואָס איז אייַנגעשטעלט דורכן געזעץ, אָנגעקלאָגט ווערן אין געריכט.

די בירגער פון פסשר האָבן רעכט אָף קאָמפּענסאַציע פאַרן שאָדן, וועלכן זיי האָבן געליטן צוליב די אומגעזעצלעכע האַנדלונגען פון די מעלוכישע און געזעלשאַפטלעכע אָרגאַני־זאַציעס, אויך פון די אַמט־פּערזאָנען באַם אויספילן זייערע אַמט־פליכטן.

אַרטיקל 59. דאָס פאַרווירקלעכן די רעכט און די פרייַהייטן איז ניט אָפּצוטיילן פון דעם, ווי דער בירגער פילט אויס זייַנע פליכטן.

א בירגער פון פסשר איז מעכוייעוו אָפּצוהיטן די קאָנסטיטוציע פון פסשר און די סאָוועטי־שע געזעצן, באַציִען זיך מיט אַכטונג צו די קלאָלים פון סאָציִאַליסטישן צוזאַמענלעבן, טראָגן מיט ווירדע דעם הויכן נאָמען בירגער פון פסשר.

אַרטיקל 60. עס איז די פליכט און די ערן־זאַך פון יעדן אַרבעטספעיִקן בירגער פון פסשר צו אַרבעטן געוויסנהאַפטיק אינעם געביט פון דער געזעלשאַפטלעך נוצלעכער טעטיקייַט, וועלכן ער האָט אויסגעקליבן, אָפּהיטן די אַרבעט־דיסציפּלין, אָפּזאָגן זיך פון געזעלשאַפטלעך נוצלעכער אַרבעט פּאַסט זיך ניט מיט די פּרינציפּן פון דער סאָציִאַליסטישער געזעלשאַפט.

אַרטיקל 61. א בירגער פון פסשר איז מעכוייעוו צו היטן און פעסטיקן דאָס סאָציִאַליסטישע אייגנטום. עס איז דער כויוו פון א בירגער פון פסשר צו קעמפן קעגן גנייוועס און צעטרענצ־לונג פונעם מעלוכישן און געזעלשאַפטלעכן פאַרמעגן, באַציִען זיך זאָרגפעליק צום פאָלקס־גוטס.

פּערזאָנען, וועלכע פאַרמעסטן זיך אָפּן סאָציִאַליסטישן אייגנטום, ווערן באַשטראָפט לויטן געזעץ.

אַרטיקל 62. א בירגער פון פסשר איז מעכוייעוו צו אָפּהיטן די אינטערעסן פון דער סאָ־וועטן־מעלוכע, מיטהעלפן צו פאַרשטאַרקן איר מעכטיקייַט און אויטאָריטעט.

פאַרטיידיקן דאָס סאָציִאַליסטישע פאָטערלאַנד איז דער הייליקער כויוו פון יעדן בירגער פון פסשר.

א פאַראַט קעגן דעם היימלאַנד — דאָס איז דער שווערסטער פאַרברעכן קעגן דעם פאָלק.

אַרטיקל 63. די מיליטער־דינסט אין די רייען פון די באַוואָפנטע קרעפטן פון פסשר איז אַן ערן־פליכט פון די סאָוועטישע בירגער.

אַרטיקל 64. דער כויוו פון יעדן בירגער פון פסשר איז — באַציִען זיך מיט אַכטונג צו דער נאַציִאָנאַלער ווירדע פון די אַנדערע בירגער, פאַרפעסטיקן די פרייַנטשאַפט צווישן די נאַציעס און פעלקערשאַפטן פון דער פילנאַציִאָנאַלער סאָוועטן־מעלוכע.

אַרטיקל 65. א בירגער פון פסשר איז מעכוייעוו צו באַציִען זיך מיט אַכטונג צו די רעכט און געזעצלעכע אינטערעסן פון אַנדערע פּערזאָנען, זייַן אומבעשאָלעמדיק צו אַנטיגעזעלשאַפט־לעכע מייַסים, אַלמעגלעך מיטהעלפן צו אָפּהיטן די געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג.

אַרטיקל 66. די בירגער פון פססר זײַנען מחויבֿ צו זאָרגן וועגן דערציִונג פון די קינדער, גרייטן זיי צו געזעלשאַפֿטלעך־נוצלעכער אַרבעט, כּאָווען זיי אַלס ווירדיקע מיטגלידער פון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפֿט. די קינדער זײַנען מחויבֿ צו זאָרגן וועגן די עלטערן און געבן זיי הילף.

אַרטיקל 67. די בירגער פון פססר זײַנען מחויבֿ צו זאָרגן וועגן דער נאַטור, אָפּהיטן אירע רײַכטימער.

אַרטיקל 68. די זאָרג וועגן פאַרהיטן די היסטאָרישע דענקמעלער און די אַנדערע קולטור־ווערטן — דאָס איז דער כּיוו און די פליכט פון די בירגער פון פססר.

אַרטיקל 69. דער אינטערנאַציאָנאַלער כּיוו פון אַ בירגער פון פססר איז — מיטהעלפן צו אַנטוויקלען די פרײַנטשאַפֿט און מיטאַרבעט מיט די פעלקער פון די אַנדערע לענדער, אונטערהאַלטן און פאַרפעסטיקן דעם אַלגעמיינעם שאָלעם.

III. די נאַציאָנאַל־מעלוכישע סטרוקטור פון פססר

קאַפּיטל 8.

פססר — אַ פאַרבאַנדישע מעלוכע

אַרטיקל 70. דער פאַרבאַנד סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליקן איז אַן איינהײַטלעכע פאַרבאַנדישע פילנאַציאָנאַלע מעלוכע, אויסגעבילדעט אויף סמך פונעם פּרינציפּ פון סאָציאַליסטישן פעדעראַליזם, אין רעזולטאַט פון דער פרײַער זעלבסטבאַשטימונג פון די נאַציעס און פון דער פרײַוויליקער פאַרייניקונג פון די גלײַכבאַרעכטיקטע סאָציאַליסטישע סאָוועטן־רעפּובליקן.

פססר פאַרקערפּערט מיט זיך די מעלוכישע איינהײַט פונעם סאָוועטישן פאָלק, ער באַהעפט אַלע נאַציעס און פעלקערשאַפֿטן, קעדיי געמיינזאַם בויען דעם קאָמוניזם.

אַרטיקל 71. אינעם פאַרבאַנד סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליקן פאַראייניקן זיך:

די רוסלענדישע פעדעראַטיווע סאָציאַליסטישע סאָוועטן־רעפּובליק,
די אוקראַיִנישע סאָציאַליסטישע סאָוועטן־רעפּובליק,
די ווײַסרוסישע סאָציאַליסטישע סאָוועטן־רעפּובליק,
די אוזבעקישע סאָציאַליסטישע סאָוועטן־רעפּובליק,
די קאַזאַכישע סאָציאַליסטישע סאָוועטן־רעפּובליק,
די גרוזינישע סאָציאַליסטישע סאָוועטן־רעפּובליק,
די אַזערבײַדזשאַנער סאָציאַליסטישע סאָוועטן־רעפּובליק,
די ליטווישע סאָציאַליסטישע סאָוועטן־רעפּובליק,
די מאָלדאַווישע סאָציאַליסטישע סאָוועטן־רעפּובליק,
די לעטלענדישע סאָציאַליסטישע סאָוועטן־רעפּובליק,
די קירגיזישע סאָציאַליסטישע סאָוועטן־רעפּובליק,
די טאַדזשיקישע סאָציאַליסטישע סאָוועטן־רעפּובליק,
די אַרמענישע סאָציאַליסטישע סאָוועטן־רעפּובליק,
די טורקמענישע סאָציאַליסטישע סאָוועטן־רעפּובליק,
די עסטלענדישע סאָציאַליסטישע סאָוועטן־רעפּובליק.

אַרטיקל 72. פאַר יעדער פאַרבאַנדישער רעפּובליק ווערט פאַרהיט דאָס רעכט פרײַ אַרויסצוטרעטן פון פססר.

אַרטיקל 73. צו דער קאָמפּעטענץ פונעם פאַרבאַנד סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליקן אין געשטאַלט פון זײַנע העכסטע אָרגאַנען פון דער מעלוכע־מאַכט און פאַרוואַלטונג געהערן:

1) אָננעמען אינעם באַשטאַנד פון פססר נײַע רעפּובליקן; באַשטעטיקן די אויסבילדונג פון נײַע אויטאָנאָמע רעפּובליקן און אויטאָנאָמע געגנטן אינעם באַשטאַנד פון די פאַרבאַנדישע רעפּובליקן;

2) באַשטימען די מעלוכע־גרענעץ פון פססר און באַשטעטיקן די ענדערונגען פון די גרענעצן צווישן די פאַרבאַנדישע רעפּובליקן;

3) אײַנשטעלן די אַלגעמיינע פּרינציפּן פון דער אָרגאַניזאַציע און פון דער טעטיקייט פון די רעפּובליקאַנישע און אָרטיקע אָרגאַנען פון דער מעלוכע־מאַכט און פון דער פאַרוואַלטונג;

4) זיכערן די איינהײַט פון דער געזעצגעבערישער רעגולירונג אױף דער גאנצער טעריטאָריע פון פססר, אײַנשטעלן די יסודידעס פון דער געזעצגעבונג פונעם פארבאנד ססר און פון די פארבאנדישע רעפובליקן;

5) דורכפירן אן איינהײַטלעכע סאָציאַל־עקאָנאָמישע פּאָליטיק, אָנפירן מיט דער עקאָנאָמיק פונעם לאנד; פעסטשטעלן די גרונט־ריכטונגען פונעם וויסנשאפטלעך־טעכנישן פּראָגרעס און פון די אלגעמיינע מאָסמיטלען איך פראט פון ראציאָנעלן אויסנוצן און אָפּהיטן די נאטור־רעסורסן; פאנאנדערארבעטן און באשטעטיקן די מעלוכע־פּלענער פון דער עקאָנאָמישער און סאָציאַלער אנטוויקלונג פון פססר, באשטעטיקן די באריכטן וועגן דעם, ווי זיי ווערן אויסגעפילט;

6) פאנאנדערארבעטן און באשטעטיקן דעם איינהײַטלעכן מעלוכע־בודזשעט פון פססר, באשטעטיקן דעם באריכט וועגן דעם, ווי ער איז אויסגעפילט; אָנפירן מיט דער איינהײַטלעכער געלט־ און קרעדיט־סיסטעם; אײַנשטעלן די שטײַערן און האכנאָסעס, וועלכע גייען אױף אויסבילדן די מעלוכע־בודזשעטן פון פססר; פעסטשטעלן די פּאָליטיק אין געביט פון פרײַזן און ארבעטסלוין;

7) אָנפירן מיט די צווײַגן פון דער פאָלקסווירטשאפט, מיט די פארייניקונגען און אונטערנעמונגען פון פארבאנדישער סובאָרדינאציע; די אלגעמיינע אָנפירונג מיט די צווײַגן פון פארבאנדיש־רעפובליקאנישער סובאָרדינאציע;

8) די פראגן פון שאָלעם און מילכאָמע, פארטיידיקן די סוווערעניטעט, אָפּהיטן די מעלוכע־גרענעצן און די טעריטאָריע פון פססר, אָרגאניזירן די לאנדשוץ, אָנפירן מיט די באוואָפנטע קרעפטן פון פססר;

9) זיכערן די מעלוכישע געפארלאָזיקײַט;

10) די פאָרשטייערשאפט פון פססר אין צווישנפעלקערלעכע באציִונגען; די פארבינדונגען פון פססר מיט אויסלענדישע מעלוכעס און צווישנפעלקערלעכע אָרגאניזאציעס; אײַנשטעלן די אלגעמיינע אָרדענונג און די קאָאָרדינאציע פון די באציִונגען פון די פארבאנדישע רעפובליקן מיט אויסלענדישע מעלוכעס און צווישנפעלקערלעכע אָרגאניזאציעס; דער אויסערן־האנדל און אנדערע פאָרמען פון עקאָנאָמישע באציִונגען מיט אויסלאנד אױף דער באזע פון מעלוכע־מאָנאָפּאָל;

11) דער קאָנטראָל איבערן אָפּהיטן די קאָנסטיטוציע פון פססר און זיכערן, אז די קאָנסטיטוציעס פון די פארבאנדישע רעפובליקן זאָלן אנטשפּרעכן דער קאָנסטיטוציע פון פססר;

12) לייזן די אנדערע פראגן פון אלפארבאנדישער באדײַטונג.

ארטיקל 74. די געזעצן פון פססר זײַנען גילטיק אױף איין אויפן אױף דער טעריטאָריע פון אלע פארבאנדישע רעפובליקן. אין פאל, ווען א געזעץ פון א פארבאנדישער רעפובליק גייט זיך ניט צונויף מיטן אלפארבאנדישן געזעץ, גילט דער געזעץ פון פססר.

ארטיקל 75. די טעריטאָריע פונעם פארבאנד סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפובליקן איז איינהײַטלעך און שליסט איין אין זיך די טעריטאָריעס פון די פארבאנדישע רעפובליקן.
די סוווערעניטעט פון פססר איז כאל אױף זײַן גאנצער טעריטאָריע.

קאפיטל 9.

א פארבאנדישע סאָציאַליסטישע סאָוועטן־רעפובליק

ארטיקל 76. א פארבאנדישע רעפובליק איז א סוווערענע סאָציאַליסטישע סאָוועטן־מעלוכע, וואָס האָט זיך פאראייניקט מיט די אנדערע סאָוועטן־רעפובליקן אינעם פארבאנד פון די סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפובליקן.

אויסער די ראמען, וועלכע זײַנען אָנגעוויזן אינעם ארטיקל 73 פון דער קאָנסטיטוציע פון פססר, פארווירקלעכט א פארבאנדישע רעפובליק אױף איר טעריטאָריע זעלבשטענדיק די מעלוכע־מאכט.

א פארבאנדישע רעפובליק האָט איר קאָנסטיטוציע, וועלכע אנטשפּרעכט דער קאָנסטיטוציע פון פססר און נעמט אין אכט די אייגנארטיקײַטן פון דער רעפובליק.

ארטיקל 77. א פארבאנדישע רעפובליק נעמט אָן אָנטייל אינעם לייזן די פראגן, וועלכע באלאנגען צו דער קאָמפּעטענץ פונעם פארבאנד ססר, אינעם אויבער־סאָוועט פון פססר, אין פרעזידיום פונעם אויבער־סאָוועט פון פססר, אין דער רעגירונג פון פססר און אין די אנדערע אָרגאנען פונעם פארבאנד ססר.

א פאַרבאַנדישע רעפּובליק זיכערט די קאָמפּלעקסאַרטיקע עקאָנאָמישע און סאָציאַלע אַנט־וויקלונג אויף איר טעריטאָריע, העלפט מיט צו פאַרווירקלעכן אויף דער דאָזיקער טעריטאָריע די פולמאַכטן פונעם פאַרבאַנד ססר, זי פירט דורך אין לעבן די באַשלוסן פון די העכסטע אָרגאַנען פון דער מעלוכע־מאַכט און פאַרוואַלטונג פון פססר.

אין די פראַגן, וועלכע באַלאַנגען צו איר קאָמפּעטענץ, קאָאָרדינירט די פאַרבאַנדישע רע־פּובליק און קאָנטראָלירט די טעטיקייט פון די אונטערנעמונגען, אַנשטאַלטן און אָרגאַניזאַציעס פון פאַרבאַנדישער סובאָרדינאַציע.

אַרטיקל 78. די טעריטאָריע פון א פאַרבאַנדישער רעפּובליק קאָן ניט געענדערט ווערן אָן איר האַסקאָמע. די גרענעצן צווישן די פאַרבאַנדישע רעפּובליקן קאָנען געענדערט ווערן לויט א קעגנזײַטיקער פאַרשטענדיקונג פון די אַנטשפּרעכיקע רעפּובליקן, וועלכע דאַרף באַשטעטיקט ווערן דורכן פאַרבאַנד ססר.

אַרטיקל 79. א פאַרבאַנדישע רעפּובליק באַשטימט איר טיילונג אויף קאַנטן, געגנטן, קרײַזן, ראַיאָנען און לייזט די אַנדערע פראַגן פון אַדמיניסטראַטיוו־טעריטאָריעלער אײַנאָרדענונג.

אַרטיקל 80. א פאַרבאַנדישע רעפּובליק האָט רעכט אַרײַנצוטרעטן אין באַציִונגען מיט אויסלענדישע מעלוכעס, שליסן מיט זיי אָפּמאַכן און אויסטוישן זיך מיט דיפּלאָמאַטישע פאַר־שטייער און קאָנסולן, אָנטיילנעמען אין דער טעטיקייט פון צווישנפעלקערלעכע אָרגאַניזאַציעס.

אַרטיקל 81. די סוווערענע רעכט פון די פאַרבאַנדישע רעפּובליקן ווערן אָפּגעהיט דורכן פאַרבאַנד ססר.

קאַפּיטל 10.
אַן אַווטאָנאָמע סאָציאַליסטישע סאָוועטן־רעפּובליק

אַרטיקל 82. אַן אַווטאָנאָמע רעפּובליק גייט אַרײַן אין באַשטאַנד פון א פאַרבאַנדישער רעפּובליק.

אויסער די ראַמען פון די רעכט פונעם פאַרבאַנד ססר און פון דער פאַרבאַנדישער רעפּו־בליק לייזט אַן אַווטאָנאָמע רעפּובליק זעלבשטענדיק די פראַגן, וועלכע באַלאַנגען צו איר קאָמ־פּעטענץ.

אַן אַווטאָנאָמע רעפּובליק האָט איר קאָנסטיטוציע, וועלכע אַנטשפּרעכט דער קאָנסטיטוציע פון פססר און דער קאָנסטיטוציע פון דער פאַרבאַנדישער רעפּובליק און נעמט אין אַכט די אייגנאַרטיקייטן פון דער אַווטאָנאָמער רעפּובליק.

אַרטיקל 83. אַן אַווטאָנאָמע רעפּובליק נעמט אָן אָנטייל אינעם לייזן די פראַגן, וועלכע באַ־לאַנגען צו דער קאָמפּעטענץ פונעם פאַרבאַנד ססר און פון דער פאַרבאַנדישער רעפּובליק, דורך די העכסטע אָרגאַנען פון מעלוכע־מאַכט און פאַרוואַלטונג אַנטשפּרעכיק פונעם פאַרבאַנד ססר און פון דער פאַרבאַנדישער רעפּובליק.

אַן אַווטאָנאָמע רעפּובליק זיכערט די קאָמפּלעקסאַרטיקע עקאָנאָמישע און סאָציאַלע אַנט־וויקלונג אויף איר טעריטאָריע, העלפט מיט צו פאַרווירקלעכן אויף דער דאָזיקער טעריטאָריע די פולמאַכטן פונעם פאַרבאַנד ססר און פון דער פאַרבאַנדישער רעפּובליק, זי פירט דורך אין לעבן די באַשלוסן פון די העכסטע אָרגאַנען פון דער מעלוכע־מאַכט און פאַרוואַלטונג פון פססר און פון דער פאַרבאַנדישער רעפּובליק.

אין די פראַגן, וועלכע באַלאַנגען צו איר קאָמפּעטענץ, קאָאָרדינירט די אַווטאָנאָמע רעפּו־בליק און קאָנטראָלירט די טעטיקייט פון די אונטערנעמונגען, אַנשטאַלטן און אָרגאַניזאַציעס פון פאַרבאַנדישער און רעפּובליקאַנישער (פון דער פאַרבאַנדישער רעפּובליק) סובאָרדינאַציע.

אַרטיקל 84. די טעריטאָריע פון אַן אַווטאָנאָמער רעפּובליק קאָן ניט געענדערט ווערן אָן איר האַסקאָמע.

אַרטיקל 85. אין דער רוסלענדישער פעדעראַטיווער סאָציאַליסטישער סאָוועטן־רעפּובליק גייען אַרײַן די אַווטאָנאָמע סאָציאַליסטישע סאָוועטן־רעפּובליקן: די באַשקירישע, בוריאַטישע, דאַגעסטאַנער, קאַבאַרדע־באַלקאַרישע, קאַלמיקישע, קאַרעלישע, קאָמי, מאַריער, מאָרדאָווער, צאָפן־אָסעטינער, טאָטערשע, טווּוער, אודמורטער, טשעטשעניש־אינגושער, טשוּוואַשער, יאַקו־טער.

אין דער אוזבעקישער סאָציאַליסטישער סאָוועטן־רעפּובליק גייט אַרײַן די קאַראַקאַלפּאַקישע אַווטאָנאָמע סאָציאַליסטישע סאָוועטן־רעפּובליק.

אין דער גרוזינישער סאָציאַליסטישער סאָוועטן־רעפּובליק גייען אַרײַן די אַבכאַזישע און אַדזשאַרישע אויטאָנאָמע סאָציאַליסטישע סאָוועטן־רעפּובליקן.

אין דער אַזערבײַדזשאַנער סאָציאַליסטישער סאָוועטן־רעפּובליק גייט אַרײַן די נאַכיטשעוואַנער אויטאָנאָמע סאָציאַליסטישע סאָוועטן־רעפּובליק.

קאַפּיטל 11.

אַן אויטאָנאָמע געגנט און אַן אויטאָנאָמער קרײַז

אַרטיקל 86. אַן אויטאָנאָמע געגנט גייט אַרײַן אין אַ פֿאַרבאַנדישער רעפּובליק אָדער אין אַ קאַנט. דער געזעץ וועגן אַן אויטאָנאָמער געגנט ווערט אָנגענומען דורכן אויבער־סאָוועט פֿון דער פֿאַרבאַנדישער רעפּובליק לויט דער רעקאָמענדאַציע פֿונעם סאָוועט פֿון די פֿאָלקס־דעפּוטאַטן פֿון דער אויטאָנאָמער געגנט.

אַרטיקל 87. אין דער רוסלענדישער פֿעדעראַטיווער סאָציאַליסטישער סאָוועטן־רעפּובליק גייען אַרײַן די אויטאָנאָמע געגנטן: אַדיגייער, באַרג־אַלטײַער, ייִדישע, קאַראַטשײַעוו־טשערקעסער, כאַקאַסער.

אין דער גרוזינישער סאָציאַליסטישער סאָוועטן־רעפּובליק גייט אַרײַן די דאָרעם־אָסעטינער אויטאָנאָמע געגנט.

אין דער אַזערבײַדזשאַנער סאָציאַליסטישער סאָוועטן־רעפּובליק גייט אַרײַן די באַרג־קאַראַבאַכישע אויטאָנאָמע געגנט.

אין דער טאַדזשיקישער סאָציאַליסטישער סאָוועטן־רעפּובליק גייט אַרײַן די באַרג־באַדאַכשאַנער אויטאָנאָמע געגנט.

אַרטיקל 88. אַן אויטאָנאָמער קרײַז גייט אַרײַן אין באַשטאַנד פֿון אַ קאַנט אָדער געגנט. דער געזעץ וועגן די אויטאָנאָמע קרײַזן ווערט אָנגענומען דורכן אויבער־סאָוועט פֿון דער פֿאַרבאַנדישער רעפּובליק.

IV. די סאָוועטן פֿון פֿאָלקס־דעפּוטאַטן און די אָרדענונג פֿון וויילן זיי

קאַפּיטל 12.

די סיסטעם און די טעטיקײַט־פּרינציפּן פֿון די סאָוועטן פֿון פֿאָלקס־דעפּוטאַטן

אַרטיקל 89. די סאָוועטן פֿון פֿאָלקס־דעפּוטאַטן — דער אויבער־סאָוועט פֿון פּססר, די אויבער־סאָוועטן פֿון די פֿאַרבאַנדישע רעפּובליקן, די אויבער־סאָוועטן פֿון די אויטאָנאָמע רעפּובליקן, די קאַנט־סאָוועטן, געגנט־סאָוועטן פֿון פֿאָלקס־דעפּוטאַטן, די סאָוועטן פֿון פֿאָלקס־דעפּוטאַטן פֿון די אויטאָנאָמע געגנטן און אויטאָנאָמע קרײַזן, די ראַיאָנע, שטאָטישע, ראַיאָנע אין די שטעט, די יישעווּ־ און דאָרף־סאָוועטן פֿון פֿאָלקס־דעפּוטאַטן — בילדן אַן אײנהײַטלעכע סיסטעם פֿון די אָרגאַנען פֿון דער מעלוכע־מאַכט.

אַרטיקל 90. דער טערמין פֿון די פּולמאַכטן פֿונעם אויבער־סאָוועט פֿון פּססר, פֿון די אויבער־סאָוועטן פֿון די פֿאַרבאַנדישע רעפּובליקן און אויבער־סאָוועטן פֿון די אויטאָנאָמע רעפּובליקן — פֿינף יאָר.

דער טערמין פֿון די פּולמאַכטן פֿון די אָרטיקע סאָוועטן פֿון פֿאָלקס־דעפּוטאַטן — דריטהאַלבן יאָר.

די וואַלן צו די סאָוועטן פֿון פֿאָלקס־דעפּוטאַטן ווערן באַשטימט ניט שפּעטער, ווי צוויי כאָדאָשים ביזן סאָף פֿונעם פּולמאַכטן־טערמין פֿון די אַנטשפּרעכיקע סאָוועטן.

ארטיקל 91. די וויכטיקסטע פראגן, וועלכע באלאנגען צו דער קאָמפּעטענץ פון די אנט־שפרעכיקע סאָוועטן פון פאָלקס־דעפּוטאטן, ווערן באטראכט און געלייזט אף זייערע סעסיעס.

די סאָוועטן פון פאָלקס־דעפּוטאטן וויילן אויס שטענדיקע קאָמיסיעס, שאפן אויספיר־ און פאראָרדענונגס־אָרגאנען, אויך אנדערע אָרגאנען, וועלכע מוזן אָפּגעבן זיי א באריכט וועגן זייער טעטיקייט.

ארטיקל 92. די סאָוועטן פון פאָלקס־דעפּוטאטן בילדן אָרגאנען פון פאָלקס־קאָנטראָל, וועלכע פאראייניקן דעם מעלוכע־קאָנטראָל מיטן געזעלשאפטלעכן קאָנטראָל פון די ארבעטנדיקע אף די אונטערנעמונגען, אין די קאָלווירטן, אנשטאלטן און אָרגאניזאציעס.

די אָרגאנען פון פאָלקס־קאָנטראָל קאָנטראָלירן דעם גאנג פון אויספילן די מעלוכע־פּלענער און פאראָרדענונגען; זיי פירן א קאמף קעגן די פאלן פון ברעכן די מעלוכע־דיסציפּלין, קעגן די אנטפלעקונגען פון רעכענען זיך בלויז מיט די אָרטיקע אינטערעסן, פונעם צוגאנג צו אן איניען בלויז פון שטאנדפונקט פון דעם אייגענעם אמט, קעגן די אנטפלעקונגען פון ווירטשאפטלאָזיקייט און פארשווענדערײַ, פארשלעפּעניש און ביוראָקראטיזם, זיי העלפן צו פארפולקומען די ארבעט פונעם מעלוכע־אפּאראט.

ארטיקל 93. די סאָוועטן פון פאָלקס־דעפּוטאטן פירן אָן אומיטלבאר און דורך די אָרגאנען, וועלכע זיי שאפן, מיט אלע צווײַגן פון דער מעלוכישער, ווירטשאפטלעכער און סאָציאַל־קולטורעלער בויונג, זיי נעמען אָן באשלוסן, זיכערן זייער אויספילונג, קאָנטראָלירן, ווי אזוי די באשלוסן ווערן דורכגעפירט אין לעבן.

ארטיקל 94. די טעטיקייט פון די סאָוועטן פון פאָלקס־דעפּוטאטן בויט זיך אף דער באזע פון קאָלעקטיוון, פרײַען, זאכלעכן באהאנדלען און לייזן די פראגן, אף דער באזע פון עפנטלעכקייט, פון רעגולערע באריכטן מיצאד די אויספיר־ און פאראָרדענונגס־אָרגאנען, פון די אנדערע דורך די סאָוועטן געשאפענע אָרגאנען פאר די סאָוועטן און פאר דער באפעלקערונג, אף דער באזע פון ברייטן צוציִען די בירגער צום אָנטייל אין זייער ארבעט.

די סאָוועטן פון פאָלקס־דעפּוטאטן און די אָרגאנען, וועלכע זיי שאפן, אינפאָרמירן סיסטעמאטיש די באפעלקערונג וועגן זייער ארבעט און וועגן די אָנגענומענע באשלוסן.

קאַפּיטל 13.

די וואַל־סיסטעם

ארטיקל 95. די וואלן פון דעפּוטאטן אין אלע סאָוועטן פון פאָלקס־דעפּוטאטן ווערן דורכגעפירט אף דער באזע פון אלגעמיינעם, גלײַכן און דירעקטן וואלרעכט בא א געהיימער אָפּשטימונג.

ארטיקל 96. די וואלן פון דעפּוטאטן זײַנען אלגעמיינע: אלע בירגער פון פססר, וועלכע האָבן דערגרייכט דעם עלטער פון 18 יאָר, האָבן רעכט צו וויילן און ווערן געוויילט, אויסער יענע, וועלכע זײַנען אין דער אָרדענונג, וואָס איז אײַנגעשטעלט דורכן געזעץ, אנערקענט געװאָרן פאר פסיכיש קראנקע.

אלס דעפּוטאט פונעם איבער־סאָוועט פון פססר קאָן אויסגעוויילט ווערן א בירגער פון פססר, וואָס האָט דערגרייכט דעם עלטער פון 21 יאָר.

ארטיקל 97. די וואלן פון דעפּוטאטן זײַנען גלײַכע: יעדער וויילער האָט איין שטים; אלע וויילער באטייליקן זיך אין די וואלן אף גלײַכע יעסוידעס.

ארטיקל 98. די וואלן פון דעפּוטאטן זײַנען דירעקטע: די דעפּוטאטן פון אלע סאָוועטן פון פאָלקס־דעפּוטאטן ווערן אויסגעוויילט דורך די בירגער אומיטלבאר.

ארטיקל 99. די אָפּשטימונג באם וויילן דעפּוטאטן איז א געהיימע: א קאָנטראָל איבער דעם ווילנס־אויסדרוק פון די וויילער ווערט ניט דערלאָזט.

ארטיקל 100. דאָס רעכט ארויסצושטעלן קאנדידאטן פאר דעפּוטאטן געהערט די אָרגאניזאציעס פון דער קאָמוניסטישער פארטיי פונעם סאָוועטנפארבאנד, פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, פונעם אלפארבאנדישן לעניניסטישן קאָמוניסטישן יוגנט־פארבאנד, די קאָאָפּעראטיווע און אנדערע געזעלשאפטלעכע אָרגאניזאציעס, די ארבעטס־קאָלעקטיוון, אויך די פארזאמלונגען פון די מיליטער־אָנגעשטעלטע אין די מיליטער־טיילן.

פאר די בירגער פון פססר און פאר די געזעלשאפטלעכע אָרגאניזאציעס ווערט גאראנטירט די פרײַע און אלזײַטיקע באהאנדלונג פון די פּאָליטישע, זאכלעכע און פערזענלעכע אייגנ־

שאפֿטן פֿון די קאַנדידאַטן פֿאַר דעפּוטאַטן, אויך דאָס רעכט צו אַגיטירן אַף פֿאַרזאַמלונגען, אין דער פּרעסע, אין טעלעוויזיע, אין ראַדיאָ.

די הוצאָות, וועלכע זײַנען פֿאַרבונדן מיטן דורכפֿירן די וואַלן אין די סאָוועטן פֿון פֿאָלקס־דעפּוטאַטן, ווערן געמאַכט אַפֿן כּוזשבן פֿון דער מעלוכע.

אַרטיקל 101. די וואַלן פֿון דעפּוטאַטן אין די סאָוועטן פֿון פֿאָלקס־דעפּוטאַטן ווערן געפֿירט אין די וואַל־קרײַזן.

א בירגער פֿון ס.ס.ס.ר. קאָן, אַלס כּלל, אויסגעוויילט ווערן ניט מער ווי אין צוויי סאָוועטן פֿון פֿאָלקס־דעפּוטאַטן.

דאָס דורכפֿירן די וואַלן צו די סאָוועטן זיכערן די וואַל־קאָמיסיעס, וועלכע ווערן געבילדעט פֿון פֿאָרשטייער פֿון די געזעלשאַפֿטלעכע אָרגאַניזאַציעס, פֿון די אַרבעטס־קאָלעקטיוון און פֿון די פֿאַרזאַמלונגען פֿון מיליטער־אַנגעשטעלטע אין די מיליטער־טיילן.

די אָרדענונג פֿון דורכפֿירן די וואַלן צו די סאָוועטן פֿון פֿאָלקס־דעפּוטאַטן ווערט באַשטימט דורך די געזעצן פֿונעם פֿאַרבאַנד ס.ס.ר., פֿון די פֿאַרבאַנדישע און אווטאָנאָמע רעפּובליקן.

אַרטיקל 102. די וויילער גיבן אָנזאָגן זייערע דעפּוטאַטן.

די אַנטשפּרעכיקע סאָוועטן פֿון פֿאָלקס־דעפּוטאַטן באַטראַכטן די אָנזאָגן פֿון די וויילער, נעמען זיי אין אַכט באַם פֿאַנאַנדערגאַרבעטן די פּלענער פֿון עקאָנאָמישער און סאָציאַלער אַנטוויקלונג און באַם צונויפֿשטעלן דעם בודזשעט, זיי אָרגאַניזירן די אויספֿילונג פֿון די אָנזאָגן און אינפֿאָרמירן די בירגער, ווי זיי ווערן רעאַליזירט.

קאַפּיטל 14.
דער פֿאָלקס־דעפּוטאַט

אַרטיקל 103. די דעפּוטאַטן זײַנען פֿולמעכטיקע פֿאָרשטייער פֿונעם פֿאָלק אין די סאָוועטן פֿון פֿאָלקס־דעפּוטאַטן.

נעמענדיק אָנטייל אין דער אַרבעט פֿון די סאָוועטן, לייזן די דעפּוטאַטן די פֿראַגן פֿון מעלוכישער,ווירטשאַפֿטלעכער און סאָציאַל־קולטורעלער בוייונג, אָרגאַניזירן דאָס דורכפֿירן אין לעבן די באַשלוסן פֿון די סאָוועטן, קאָנטראָלירן די אַרבעט פֿון די מעלוכע־אָרגאַנען, פֿון די אונטערנעמונגען, אַנשטאַלטן און אָרגאַניזאַציעס.

אין זײַן טעטיקייט דינען דעם דעפּוטאַט אַלס אָנפֿירונג די אַלמעלוכישע אינטערעסן, ער נעמט אין אַכט די נויטן פֿון דער באַפֿעלקערונג פֿונעם וואַל־קרײַז, קעמפֿט פֿאַר פֿאַרווירקלעכן אין לעבן די אָנזאָגן פֿון די וויילער.

אַרטיקל 104. דער דעפּוטאַט פֿאַרווירקלעכט זײַנע פֿולמאַכטן, ניט איבערײַסנדיק די פּראָדוצירישע אָדער אַמטלעכע טעטיקייט.

אַף דער צײַט פֿון די סעסיעס פֿונעם סאָוועט, אויך באַם אויספֿילן די דעפּוטאַטישע פֿולמאַכטן אין אַנדערע פֿאַלן, וועלכע זײַנען פֿאַרויסגעזען דורכן געזעץ, ווערט דער דעפּוטאַט באַפֿרײַט פֿונעם אויספֿילן די פּראָדוצירישע אָדער אַמטלעכע פֿליכטן, פֿאַרהיטנדיק זײַן דורכשניטלעכן פֿאַרדינסט אַפֿן שטענדיקן אַרבעטס־אָרט.

אַרטיקל 105. דער דעפּוטאַט האָט רעכט צו ווענדן זיך מיט אַן אָנפֿראַגע צו די אַנטשפּרעכיקע מעלוכע־אָרגאַנען און צו די אַמט־פּערזאָנען, וועלכע זײַנען מעכויעוו צו געבן אַף דער אָנפֿראַגע אַן ענטפֿער אַף דער סעסיע פֿונעם סאָוועט.

דער דעפּוטאַט האָט רעכט צו ווענדן זיך אין אַלע מעלוכישע און געזעלשאַפֿטלעכע אָרגאַנען, אונטערנעמונגען, אַנשטאַלטן, אָרגאַניזאַציעס וועגן די פֿראַגן פֿון דער דעפּוטאַטישער טעטיקייט און נעמען אָנטייל אין באַטראַכטן די פֿראַגן, וועלכע ער האָט זיי געשטעלט. די אָנפֿירער פֿון די אַנטשפּרעכיקע מעלוכישע און געזעלשאַפֿטלעכע אָרגאַנען, אונטערנעמונגען, אַנשטאַלטן און אָרגאַניזאַציעס זײַנען מעכויעוו טייקעף אופֿנעמען דעם דעפּוטאַט און באַטראַכטן זײַנע פֿאָרשלאָגן אין די אײַנגעשטעלטע טערמינען.

אַרטיקל 106. דעם דעפּוטאַט ווערן געזיכערט באַדינגונגען, ער זאָל קאָנען אָן שטערונגען און עפֿעקטיוו פֿאַרווירקלעכן זײַנע רעכט און פֿליכטן.

די אומבאַרירלעכקייט פֿון די דעפּוטאַטן, אויך די אַנדערע גאַראַנטיעס פֿאַר דער דעפּוטאַטישער טעטיקייט ווערן אײַנגעשטעלט דורכן געזעץ וועגן דעם סטאַטוס פֿון די דעפּוטאַטן

און דורך די אַנדערע געזעצגעבערישע אָרגאַנען פונעם פאַרבאַנד ססר, פון די פאַרבאַנדישע און אויטאָנאָמע רעפּובליקן.

אַרטיקל 107. דער דעפּוטאַט איז מחויב אָפּצוגעבן אַ באַריכט וועגן זײַן אַרבעט און וועגן דער אַרבעט פונעם סאָוועט פאַר די וויילער, אויך פאַר די קאָלעקטיוון און געזעלשאַפט־לעכע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן אים אַרויסגעשטעלט אַלס קאַנדידאַט פאַר אַ דעפּוטאַט.

אַ דעפּוטאַט, וואָס האָט ניט באַרעכטיקט דעם צוטרוי פון די וויילער, קאָן אין יעדער צײַט אָפּגערופן ווערן לויטן באַשלוס פון דער מערהײַט וויילער, אין דער אָרדענונג, וואָס איז אײַנ־געשטעלט דורכן געזעץ.

V. די העכסטע אָרגאַנען פון דער מעלוכע־מאַכט און פאַרוואַלטונג פון ססר

קאַפּיטל 15.

דער אויבער־סאָוועט פון ססר

אַרטיקל 108. דער העכסטער אָרגאַן פון דער מעלוכע־מאַכט אין ססר איז דער אויבער־סאָוועט פון ססר.

דער אויבער־סאָוועט פון ססר איז פולמעכטיק צו לייזן אַלע פראַגן, וועלכע באַלאַנגען לויט דער דאָזיקער קאָנסטיטוציע צו דער קאָמפּעטענץ פונעם פאַרבאַנד ססר.

דאָס אָנעמען די קאָנסטיטוציע פון ססר, אַרײַנטראָגן אין איר ענדערונגען; דאָס אָנעמען אין באַשטאַנד פון ססר נײַע רעפּובליקן, באַשטעטיקן די אויסבילדונג פון נײַע אויטאָנאָמע רעפּובליקן און אויטאָנאָמע געגנטן; דאָס באַשטעטיקן די מעלוכע־פּלענער וועגן דער עקאָנאָמישער און סאָציאַלער אַנטוויקלונג פון ססר, דעם מעלוכע־בודזשעט פון ססר און די באַ־ריכטן וועגן דעם אויספילן זיי; דאָס אויסבילדן אָרגאַנען פונעם פאַרבאַנד ססר, וועלכע זײַנען מחויב אָפּצוגעבן אים אַ באַריכט וועגן זייער טעטיקייט, ווערן פאַרווירקלעכט אויסשליסלעך דורכן אויבער־סאָוועט פון ססר.

די געזעצן פון ססר ווערן אָנגענומען דורכן אויבער־סאָוועט פון ססר אָדער דורך אַן אַלפאָלקישער אָפּשטימונג (רעפערענדום), וואָס ווערט דורכגעפירט לויט אַ באַשלוס פונעם אויבער־סאָוועט פון ססר.

אַרטיקל 109. דער אויבער־סאָוועט פון ססר באַשטייט פון צוויי פּאַלאַטעס: פאַרבאַנד־ראַט און נאַציאָנאַליטעטן־ראַט.

די פּאַלאַטעס פונעם אויבער־סאָוועט פון ססר זײַנען גלײַכבאַרעכטיקט.

אַרטיקל 110. דער פאַרבאַנד־ראַט און דער נאַציאָנאַליטעטן־ראַט באַשטייען פון אַ גלײַכער צאָל דעפּוטאַטן.

דער פאַרבאַנד־ראַט ווערט אויסגעוויילט אין וואַל־קרייזן מיט אַ גלײַכער צאָל באַפעלקערונג.

דער נאַציאָנאַליטעטן־ראַט ווערט אויסגעוויילט לויט דער נאָרמע: 32 דעפּוטאַטן פון יעדער פאַרבאַנדישער רעפּובליק, 11 דעפּוטאַטן פון יעדער אויטאָנאָמער רעפּובליק, 5 דעפּוטאַטן פון יעדער אויטאָנאָמער געגנט און איין דעפּוטאַט פון יעדן אויטאָנאָמען קרייז.

דער פאַרבאַנד־ראַט און נאַציאָנאַליטעטן־ראַט נעמען אָן לויט די רעקאָמענדאַציעס פון די מאַנדאַט־קאָמיסיעס, וועלכע זיי וויילן אויס, אַ באַשלוס וועגן אָנערקענען די פולמאַכטן פון די דעפּוטאַטן, און אין פאַל, ווען עס איז געבראָכן געוואָרן די געזעצגעבונג וועגן די וואַלן, — וועגן אָנערקענען די וואַלן פון באַזונדערע דעפּוטאַטן פאַר ניט גילטיקע.

אַרטיקל 111. יעדע פּאַלאַטע פונעם אויבער־סאָוועט פון ססר וויילט אויס אַ פאָרזיצער פון דער פּאַלאַטע און זײַנע פיר שטעלפאַרטרעטערס.

די פאָרזיצערס פונעם פאַרבאַנד־ראַט און נאַציאָנאַליטעטן־ראַט פירן אָן מיט די זיצונגען פון די אַנטשפּרעכיקע פּאַלאַטעס און אָרגאַניזירן זייער אינערלעכע אָרדענונג.

געמיינזאמע זיצונגען פון די פּאַלאַטעס פונעם אויבער־סאָוועט פון פּססר פירן לויט דער ריי די פּאָרזיצערס פונעם פאַרבאַנד־ראַט און פונעם נאַציאָנאַליטעטן־ראַט.

אַרטיקל 112. די סעסיעס פונעם אויבער־סאָוועט פון פּססר ווערן צונויפגערופן צוויי מאָל אין יאָר.

אויסעראָרדנטלעכע סעסיעס רופט צונויף דער פּרעזידיום פונעם אויבער־סאָוועט פון פּססר לויט זײַן איניציאַטיוו, אויך לויטן פאָרשלאָג פון א פאַרבאַנדישער רעפּובליק אָדער פון ניט ווייניקער ווי א דריטל דעפּוטאַטן פון איינער פון די פּאַלאַטעס.

א סעסיע פונעם אויבער־סאָוועט פון פּססר באַשטייט פון באַזונדערע און געמיינזאַמע זיצונגען פון די פּאַלאַטעס, אויך פון זיצונגען פון די שטענדיקע קאָמיסיעס פון די פּאַלאַטעס אָדער קאָמיסיעס פונעם אויבער־סאָוועט פון פּססר, וועלכע ווערן דורכגעפירט אינעם פּעריאָד צווישן די זיצונגען פון די פּאַלאַטעס. א סעסיע ווערט געעפנט און געשלאָסן אף די באַזונדערע אָדער געמיינזאַמע זיצונגען פון די פּאַלאַטעס.

אַרטיקל 113. דאָס רעכט פון געזעצגעבערישער איניציאַטיוו אינעם אויבער־סאָוועט פון פּססר געהערט דעם פאַרבאַנד־ראַט, דעם נאַציאָנאַליטעטן־ראַט, דעם פּרעזידיום פונעם אויבער־סאָוועט פון פּססר, דעם מיניסטאָרן־ראַט פון פּססר, די פאַרבאַנדישע רעפּובליקן — זייערע העכסטע אָרגאַנען פון מעלוכע־מאַכט, די קאָמיסיעס פונעם אויבער־סאָוועט פון פּססר און די שטענדיקע קאָמיסיעס פון זײַנע פּאַלאַטעס, די דעפּוטאַטן פונעם אויבער־סאָוועט פון פּססר, דעם אויבער־געריכט פון פּססר, דעם גענעראַל־פּראָקוראָר פון פּססר.

דאָס רעכט פון געזעצגעבערישער איניציאַטיוו באַזיצן אויך די געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס — זייערע אַלפאַרבאַנדישע אָרגאַנען.

אַרטיקל 114. די געזעצפּראָיעקטן און די אַנדערע פראַגן, וועלכע ווערן אַרײַנגעטראָגן אף באַטראַכטונג אינעם אויבער־סאָוועט פון פּססר, ווערן באַהאַנדלט אין די פּאַלאַטעס אף זייערע באַזונדערע אָדער געמיינזאַמע זיצונגען. אין א נויט־פאַל קאָן א געזעצפּראָיעקט אָדער די אַנטשפּרעכיקע פראַגע איבערגעגעבן ווערן אף פאָרלויפיקער אָדער צוגאָבלעכער באַטראַכטונג אין איינער אָדער אין עטלעכע קאָמיסיעס.

א געזעץ פון פּססר רעכנט זיך פאַר אָנגענומען, אויב אין יעדערער פון די פּאַלאַטעס פונעם אויבער־סאָוועט פון פּססר האָט פאַר אים געשטימט די מערהייט פון דער אַלגעמיינער צאָל פּאַלאַטע־דעפּוטאַטן. באַשטימונגען און אַנדערע אַקטן פונעם אויבער־סאָוועט פון פּססר ווערן אָנגענומען דורך א מערהייט פון דער אַלגעמיינער צאָל דעפּוטאַטן פונעם אויבער־סאָוועט פון פּססר.

לויטן באַשלוס פונעם אויבער־סאָוועט פון פּססר אָדער פון פּרעזידיום פונעם אויבער־סאָוועט פון פּססר קאָנען די געזעצפּראָיעקטן און אַנדערע וויכטיקסטע פראַגן פונעם מעלוכע־לעבן, וועלכע זײַנען אָנגענומען געוואָרן לויט זייער איניציאַטיוו אָדער לויטן פאָרשלאָג פון א פאַרבאַנדישער רעפּובליק, איבערגעגעבן ווערן צו אַן אַלפאָלקישער באַהאַנדלונג.

אַרטיקל 115. אין פאַל פון א מיינונגס־פאַרשיידנהייט צווישן דעם פאַרבאַנד־ראַט און נאַציאָנאַליטעטן־ראַט ווערט די פראַגע איבערגעגעבן צום לייזן א קאָנטאַקט־קאָמיסיע, וועלכע ווערט אויסגעבילדעט דורך די פּאַלאַטעס אף פּאַריטעטע פּרינציפּן, נאָכדעם ווערט די פראַגע באַטראַכט צום צווייטן מאָל אף א געמיינזאַמער זיצונג פונעם פאַרבאַנד־ראַט און נאַציאָנאַליטעטן־ראַט. אויב אויך אין דעם פאַל ווערט קיין העסקעם ניט דערגרייכט ווערן, ווערט די פראַגע אַריבערגעטראָגן צום באַהאַנדלען אף דער פאָלגנדיקער סעסיע פונעם אויבער־סאָוועט פון פּססר אָדער זי ווערט איבערגעגעבן אף אַן אַלפאָלקישער אָפּשטימונג (רעפערענדום).

אַרטיקל 116. די געזעצן פון פּססר, די באַשטימונגען און אַנדערע אַקטן פונעם אויבער־סאָוועט פון פּססר ווערן פּובליקירט אף די שפּראַכן פון די פאַרבאַנדישע רעפּובליקן מיט די אונטערשריפטן פונעם פּאָרזיצער און סעקרעטאַר פון פּרעזידיום פונעם אויבער־סאָוועט פון פּססר.

אַרטיקל 117. א דעפּוטאַט פונעם אויבער־סאָוועט פון פּססר האָט רעכט צו ווענדן זיך מיט אַן אָנפראַגע צום מיניסטאָרן־ראַט פון פּססר, צו די מיניסטאָרן און אָנפירער פון אַנדערע אָרגאַנען, וועלכע ווערן געבילדעט דורכן אויבער־סאָוועט פון פּססר. דער מיניסטאָרן־ראַט פון פּססר אָדער די אַמט־פּערזאָן, צו וועלכער די אָנפראַגע איז אַדרעסירט, זײַנען מעכויעוו צו געבן ניט שפּעטער ווי אין א דרײַטאָגיקן טערמין א מינדלעכן אָדער שריפטלעכן ענטפער אף דער געגעבענער סעסיע פונעם אויבער־סאָוועט פון פּססר.

אַרטיקל 118. א דעפּוטאַט פונעם אויבער־סאָוועט פון פּססר קאָן מען ניט צוציִען צו קרימינעלער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, אַרעסטירן אָדער באַשטראָפן אַדמיניסטראַטיוו לויט א

באשטימונג פונעם געריכט אָן דעם העסקעם פונעם איבער־סאָוועט פון פססר, און אינעם פע־ריאָד צווישן זײַנע סעסיעס — אָן דעם העסקעם פון פרעזידיום פונעם איבער־סאָוועט פון פססר.

אַרטיקל 119. דער איבער־סאָוועט פון פססר ווײַלט אויס אויף א געמיינזאַמער זיצונג פון די פּאַלאַטעס דעם פּרעזידיום פונעם איבער־סאָוועט פון פססר — דעם באשטענדיק טעטיקן אָרגאַן פונעם איבער־סאָוועט פון פססר, וועלכער גיט אים אָפּ א באריכט וועגן זײַן גאנצער טעטיקייט און פילט אויס אינעם פעריאָד צווישן זײַנע סעסיעס אין די גרענעצן, וועלכע זײַנען פאַרויסגעזען דורך דער קאָנסטיטוציע, די פונקציעס פונעם העכסטן אָרגאַן פון דער מעלוכע־מאכט פון פססר.

אַרטיקל 120. דער פרעזידיום פונעם איבער־סאָוועט פון פססר ווערט אויסגעווײַלט פון דער צאָל דעפּוטאַטן אין באשטאַנד פון א פאָרזיצער פון פרעזידיום פונעם איבער־סאָוועט, ערשטן שטעלפאַרטרעטער פונעם פאָרזיצער, פופצן שטעלפאַרטרעטערס פונעם פאָרזיצער — צו איינעם פון יעדער פאַרבאַנדישער רעפובליק, א סעקרעטאַר פון פרעזידיום און איין און צוואַנציק מיטגלידער פון פרעזידיום פונעם איבער־סאָוועט פון פססר.

אַרטיקל 121. דער פרעזידיום פונעם איבער־סאָוועט פון פססר:

1) באשטימט די וואַלן צום איבער־סאָוועט פון פססר;

2) רופט צונויף די סעסיעס פונעם איבער־סאָוועט פון פססר;

3) קאָאָרדינירט די טעטיקייט פון די שטענדיקע קאָמיסיעס פון די פּאַלאַטעס פונעם איבער־סאָוועט פון פססר;

4) פירט דעם קאָנטראָל איבער דעם, ווי עס ווערט אָפּגעהיט די קאָנסטיטוציע פון פססר, און זיכערט, אז די קאָנסטיטוציעס און די געזעצן פון די פאַרבאַנדישע רעפובליקן זאָלן אַנט־שפּרעכן דער קאָנסטיטוציע און די געזעצן פון פססר;

5) טײַטשט אויס די געזעצן פון פססר;

6) ראַטיפיצירט און דענאָנסירט די צווישנפעלקערלעכע אָפּמאַכן פון פססר;

7) שאַפט אָפּ באשטימונגען און פאַראָרדענונגען פונעם מיניסטאָרן־ראַט פון פססר און פון די מיניסטאָרן־ראַטן פון די פאַרבאַנדישע רעפובליקן אין פאַל, ווען זיי אַנטשפּרעכן ניט דעם געזעץ;

8) שטעלט איין מיליטערישע טיטלען, דיפּלאָמאַטישע ראַנגען און אַנדערע ספּעציעלע טיטלען; אייגנט צו די העכסטע מיליטערישע טיטלען, דיפּלאָמאַטישע ראַנגען און אַנדערע ספּע־ציעלע טיטלען;

9) גרינדעט אָרדענס און מעדאַלן פון פססר; שטעלט איין די ערן־טיטלען פון פססר; באַ־לוינט מיט אָרדענס און מעדאַלן פון פססר; אייגנט צו ערן־טיטלען פון פססר;

10) נעמט אָן אַלס בירגער פון פססר; לייזט די פראַגן וועגן אַרויסטרעטן פון דער ביר־גערשאַפט פון פססר און וועגן אָפּנעמען די בירגערשאַפט פון פססר, וועגן געבן אזיל;

11) גיט אַרויס אַלפאַרבאַנדישע אַקטן וועגן אַמניסטיע און פירט דורך די באַגנעדיקונג;

12) באשטימט און רופט אָפּ דיפּלאָמאַטישע פאָרשטייער פון פססר אין אויסלענדישע מע־לוכעס און אין צווישנפעלקערלעכע אָרגאַניזאַציעס;

13) נעמט אָן פאַרטרויונגס־ און אָפּרוף־גראַמאָטעס פון די אַקרעדיטירטע בא אים דיפּלאָ־מאַטישע פאָרשטייער פון אויסלענדישע מעלוכעס;

14) בילדעט דעם שוץ־ראַט פון פססר און באשטעטיקט זײַן באשטאַנד, באשטימט און בײַט אום די העכסטע קאָמאַנדשאַפט פון די באוואָפנטע קרעפטן פון פססר;

15) דערקלערט אין די אינטערעסן פון דער שוץ פון פססר קריגס־צושטאַנד אין באַזונ־דערע געגנטן אָדער איבערן גאנצן לאַנד;

16) דערקלערט אַן אַלגעמיינע אָדער א טיילווײַזע מאָביליזאַציע;

17) אין פעריאָד צווישן די סעסיעס פונעם איבער־סאָוועט פון פססר דערקלערט ער מיל־כאָמע־צושטאַנד אין פאַל פון א קריגס־אַנפאַל אויף פססר אָדער אין פאַל, ווען עס איז נייטיק אויסצופילן צווישנפעלקערלעכע אָפּמאַך־היסכייוועסן וועגן קעגנזײַטיקער שוץ קעגן אַגרעסיע;

18) פאַרווירקלעכט אַנדערע פולמאַכטן, וועלכע זײַנען אײַנגעשטעלט דורך דער קאָנסטי־טוציע און דורך די געזעצן פון פססר.

אַרטיקל 122. דער פרעזידיום פונעם איבער־סאָוועט פון פססר אינעם פעריאָד צווישן די סעסיעס פונעם איבער־סאָוועט, צושטעלנדיק דערנאָך דעם איבער־סאָוועט צום באשטעטיקן אויף דער אָרדנטלעכער סעסיע:

1) טראָגט אַרײַן, אויב עס איז נייטיק, ענדערונגען אין די גילטיקע געזעצגעבערישע אַקטן פון פססר;

2) באשטעטיקט די ענדערונגען פון די גרענעצן צווישן די פּאַרבאַנדישע רעפּובליקן;
3) לויטן פאָרשלאָג פונעם מיניסטאָרן־ראַט פון פּססר בילדעט ער און ליקווידירט מיניסטעריומס פון פּססר און מעלוכע־קאָמיטעטן פון פּססר;
4) לויט דער רעקאָמענדאַציע פונעם פאָרזיצער פון מיניסטאָרן־ראַט פון פּססר באַפרייט ער פונעם אַמט און באַשטימט באַזונדערע פּערזאָנען, וועלכע ווערן אייַנגעשלאָסן אינעם באַשטאַנד פונעם מיניסטאָרן־ראַט פון פּססר.

אַרטיקל 123. דער פּרעזידיום פונעם אויבער־סאָוועט פון פּססר גיט אַרויס אוקאַזן און נעמט אָן באַשטימונגען.

אַרטיקל 124. ווען עס ענדיקן זיך די פולמאַכטן פונעם אויבער־סאָוועט פון פּססר, פאַרהיט דער פּרעזידיום פונעם אויבער־סאָוועט פון פּססר זייַנע פולמאַכטן, ביז דער נייַ־אויסגעוויילטער אויבער־סאָוועט פון פּססר בילדעט אויס אַ נייַעם פּרעזידיום.

דער נייַ־אויסגעוויילטער אויבער־סאָוועט פון פּססר ווערט צונויפגערופן דורכן פּרעזידיום פונעם אויבער־סאָוועט פון פּססר פון פריערדיקן באַשטאַנד ניט שפּעטער ווי אין צוויי כאָדאָשים אַרום נאָך די וואַלן.

אַרטיקל 125. דער פאַרבאַנד־ראַט און דער נאַציאָנאַליטעטן־ראַט וויילן אויס פון צווישן די דעפּוטאַטן שטענדיקע קאָמיסיעס. קעדייַ פאָרלויפיק באַטראַכטן און צוגרייטן די פראַגן, וועלכע באַלאַנגען צו דער קאָמפּעטענץ פונעם אויבער־סאָוועט פון פּססר, אויך קעדייַ העלפן דורכצופירן אין לעבן די געזעצן פון פּססר און די אַנדערע באַשלוסן פונעם אויבער־סאָוועט פון פּססר און פון זייַן פּרעזידיום, קאָנטראָלירן די טעטיקייַט פון די מעלוכישע אָרגאַנען און אָרגאַניזאַציעס. די פּאַלאַטעס פונעם אויבער־סאָוועט פון פּססר קאָנען שאַפן אויך געמיינזאַמע קאָמיסיעס אַף פּאַריטעטע פּרינציפּן.

דער אויבער־סאָוועט פון פּססר שאַפט, ווען ער האַלט פאַר נייטיק, אויספאָרשונג־, רעווידיר־ און אַנדערע קאָמיסיעס וועגן יעטווידער פּראַגע.

אַלע מעלוכישע און געזעלשאַפטלעכע אָרגאַנען, אָרגאַניזאַציעס און אַמט־פּערזאָנען זייַנען מעכוייעוו אויסצופילן די פאָדערונגען פון די קאָמיסיעס פונעם אויבער־סאָוועט פון פּססר און פון די קאָמיסיעס פון זייַנע פּאַלאַטעס, צושטעלן זיי די נייטיקע מאַטעריאַלן און דאָקומענטן.

די רעקאָמענדאַציעס פון די קאָמיסיעס דאַרפן אומבאַדינגט באַטראַכט ווערן דורך די מעלוכישע און געזעלשאַפטלעכע אָרגאַנען, אַנשטאַלטן און אָרגאַניזאַציעס. וועגן די רעזולטאַטן פונעם באַטראַכטן אָדער וועגן די אָנגענומענע מאָסמיטלען דאַרפן מיטגעטיילט ווערן די קאָמיסיעס אינעם אייַנגעשטעלטן טערמין.

אַרטיקל 126. דער אויבער־סאָוועט פון פּססר קאָנטראָלירט די טעטיקייַט פון אַלע מעלוכע־אָרגאַנען, וועלכע זייַנען מעכוייעוו צו אָפּגעבן אים אַ באַריכט.

דער אויבער־סאָוועט פון פּססר בילדעט דעם קאָמיטעט פון פאָלקס־קאָנטראָל פון פּססר, וועלכער שטייט אין שפּיץ פון דער סיסטעם אָרגאַנען פון פאָלקס־קאָנטראָל.

די אָרגאַניזאַציע און די אָרדענונג פון דער טעטיקייַט פון די אָרגאַנען פונעם פאָלקס־קאָנטראָל ווערן באַשטימט דורכן געזעץ וועגן דעם פאָלקס־קאָנטראָל אין פּססר.

אַרטיקל 127. די אָרדענונג פון דער טעטיקייַט פונעם אויבער־סאָוועט פון פּססר און פון זייַנע אָרגאַנען ווערט באַשטימט דורך אַ רעגלאַמענט פונעם אויבער־סאָוועט פון פּססר און דורך די אַנדערע געזעצן פון פּססר, וועלכע ווערן אַרויסגעגעבן אַפן סמאַך פון דער קאָנסטיטוציע פון פּססר.

קאַפּיטל 16.

דער מיניסטאָרן־ראַט פון פּססר

אַרטיקל 128. דער מיניסטאָרן־ראַט פון פּססר — די רעגירונג פון פּססר — איז דער העכסטער אויספיר־ און פאַראָרדענונגס־אָרגאַן פון דער מעלוכע־מאַכט פון פּססר.

אַרטיקל 129. דעם מיניסטאָרן־ראַט פון פּססר בילדעט דער אויבער־סאָוועט פון פּססר אַף אַ געמיינזאַמער זיצונג פונעם פאַרבאַנד־ראַט און נאַציאָנאַליטעטן־ראַט אין באַשטאַנד פון אַ פאָרזיצער פונעם מיניסטאָרן־ראַט פון פּססר, ערשטע שטעלפאָרטרעטערס און שטעלפאָרטרעטערס פונעם פאָרזיצער, מיניסטאָרן פון פּססר, פאָרזיצערס פון די מעלוכע־קאָמיטעטן פון פּססר.

אין באַשטאַנד פונעם מיניסטאָרן־ראַט פון פּססר גייען אַרייַן לויטן אַמט די פאָרזיצערס פון די מיניסטאָרן־ראַטן פון די פאַרבאַנדישע רעפּובליקן.

לויט דער רעקאָמענדאַציע פון פאַרזיצער פונעם מיניסטאָרן־ראַט פון פסשר קאָן דער אויבער־סאָוועט פון פסשר אײַנשליסן אין באַשטאַנד פון דער רעגירונג פון פסשר אָנפירער פון אַנדערע אָרגאַנען און אָרגאַניזאַציעס פון פסשר.

אַף דער ערשטער סעסיע פונעם נײַ־אויסגעווײלטן אויבער־סאָוועט פון פסשר דערקלערט דער מיניסטאָרן־ראַט פון פסשר, אַז ער נעמט אַראָפּ פון זיך זײַנע פולמאַכטן.

אַרטיקל 130. דער מיניסטאָרן־ראַט פון פסשר איז פאַראַנטוואָרטלעך בענעגייע דעם אויבער־סאָוועט פון פסשר און גיט אים אָפּ אַ באַריכט וועגן זײַן טעטיקײַט, אינעם פעריאָד צווישן די סעסיעס פונעם אויבער־סאָוועט פון פסשר — בענעגייע דעם פרעזידיום פונעם אויבער־סאָוועט פון פסשר, וועמען ער גיט אָפּ אַ באַריכט וועגן זײַן טעטיקײַט.

דער מיניסטאָרן־ראַט פון פסשר גיט רעגולער אָפּ אַ באַריכט וועגן זײַן אַרבעט דעם אויבער־סאָוועט פון פסשר.

אַרטיקל 131. דער מיניסטאָרן־ראַט פון פסשר איז פולמעכטיק צו לייזן אַלע פראַגן פון דער מעלוכישער פאַרוואַלטונג, וועלכע באַלאַנגען צו דער קאָמפּעטענץ פונעם פאַרבאַנד פסשר, אַף וויפל זיי גייען ניט אַרײַן, לויט דער קאָנסטיטוציע, אין דער קאָמפּעטענץ פונעם אויבער־סאָוועט פון פסשר און פון דעם פרעזידיום פונעם אויבער־סאָוועט פון פסשר.

דער מיניסטאָרן־ראַט פון פסשר — אין די ראַמען פון זײַנע פולמאַכטן:

1) זיכערט די אָנפירונג מיט דער פאָלקסווירטשאַפט און מיט דער סאָציאַל־קולטורעלער בויונג; אַרבעט פאַנאַנדער און פאַרווירקלעכט די מאָסמיטלען צו זיכערן דעם וווּקס פונעם וווילשטאַנד און פון דער קולטור פונעם פאָלק, אַנטוויקלען די וויסנשאַפט און טעכניק, אויסנוצן ראַציאָנעל און אָפּהיטן די נאַטור־רעסורסן, פאַרפעסטיקן די געלט־ און קרעדיט־סיסטעם, דורכפירן די איינהײַטלעכע פרײַזן־פּאָליטיק, די איינהײַטלעכע פּאָליטיק פון געצאָלט פאַר דער אַרבעט, פון סאָציאַלער פאַרזיכערונג, פון אָרגאַניזירן די מעלוכישע סטראַכירונג און די איינהײַטלעכע סיסטעם פון דיסקאָנט און סטאַטיסטיק; אָרגאַניזירט די פאַרוואַלטונג מיט די אונטערנעמונגען און פאַרייניקונגען פון דער אינדוסטריע, בויונג, לאַנדווירטשאַפט, מיט די אונטערנעמונגען פון טראַנספּאָרט און פאַרבינדונג, מיט די בענק, אויך מיט די אַנדערע אָרגאַניזאַציעס און אַנשטאַלטן פון פאַרבאַנדישער סובאָרדינאַציע;

2) אַרבעט פאַנאַנדער און טראָגט אַרײַן אינעם אויבער־סאָוועט פון פסשר די לויפנדיקע און פּערספּעקטיווע מעלוכע־פּלענער פון דער עקאָנאָמישער און סאָציאַלער אַנטוויקלונג פון פסשר, דעם מעלוכע־בודזשעט פון פסשר; נעמט אָן מאָסמיטלען צו פאַרווירקלעכן די מעלוכע־פּלענער און דעם בודזשעט; שטעלט צו דעם אויבער־סאָוועט פון פסשר באַריכטן, ווי עס גייט די אויספילונג פון די פּלענער און די אויספילונג פונעם בודזשעט;

3) פאַרווירקלעכט די מאָסמיטלען צו פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון דער מעלוכע, צו אָפּהיטן דאָס סאָציאַליסטישע אייגנטום און די געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג, זיכערן און פאַרטיידיקן די רעכט און פרײַהײַטן פון די בירגער;

4) נעמט אָן מאָסמיטלען צו זיכערן די מעלוכישע געפאַרלאָזיקײַט;

5) פאַרווירקלעכט די אַלגעמיינע אָנפירונג מיט דער בויונג פון די באַוואָפנטע קרעפטן פון פסשר, באַשטימט די יערלעכע קאָנטינגענטן בירגער, וועלכע דאַרפן גערופן ווערן אַף ווירקלעכער מיליטער־דינסט;

6) פאַרווירקלעכט די אַלגעמיינע אָנפירונג אין די באַציונגען מיט אויסלענדישע מעלוכעס, אינעם אויסערן־האַנדל, אין דער עקאָנאָמישער, וויסנשאַפטלעך־טעכנישער מיטאַרבעט און קולטור־מיטאַרבעט פון פסשר מיט אויסלאַנד; נעמט אָן מאָסמיטלען צו זיכערן די אויספילונג פון די צווישנפעלקערלעכע אָפּמאַכן פון פסשר; באַשטעטיקט און דענאָנסירט די צווישנפעלקערלעכע אָפּמאַכן צווישן די רעגירונגען;

7) אָרגאַניזירט, ווען עס איז נייטיק, קאָמיטעטן, הויפּט־פאַרוואַלטונגען און אַנדערע אַמטן באַם מיניסטאָרן־ראַט פון פסשר פאַר די אָנגעלעגנהײַטן פון ווירטשאַפטלעכער, סאָציאַל־קולטורעלער בויונג און לאַנדשוץ־בויונג.

אַרטיקל 132. קעדיי לייזן די פראַגן, וועלכע זײַנען פאַרבונדן מיטן זיכערן די אָנפירונג מיט דער פאָלקסווירטשאַפט און די אַנדערע פראַגן פון מעלוכישער פאַרוואַלטונג, אַרבעט אַלס פּערמאַנענטער אָרגאַן פונעם מיניסטאָרן־ראַט פון פסשר אַ פרעזידיום פונעם מיניסטאָרן־ראַט פון פסשר, אין וועלכן עס גייען אַרײַן דער פאַרזיצער פונעם מיניסטאָרן־ראַט פון פסשר, די ערשטע שטעלפאַרטרעטערס און די שטעלפאַרטרעטערס פון דעם פאַרזיצער.

אַרטיקל 133. דער מיניסטאָרן־ראַט פון פסשר גיט אַרויס אַפּן סמאַך און אויספילנדיק די געזעצן פון פסשר און אַנדערע באַשלוסן פונעם אויבער־סאָוועט פון פסשר און פון זײַן פרעזידיום באַשטימונגען און פאַראָרדענונגען און קאָנטראָלירט זייער אויספילונג. די באַשטימונ־

גען און פאראָרדענונגען פונעם מיניסטאָרן־ראַט פון פססר זײַנען אָבליגאַטאָריש צום אויספילן אַף דער גאַנצער טעריטאָריע פון פססר.

אַרטיקל 134. דער מיניסטאָרן־ראַט פון פססר האָט דאָס רעכט אין די פראַגן, װעלכע באַלאַנגען צו דער קאָמפּעטענץ פונעם פאַרבאַנד ססר, אָפּצושטעלן די אויספילונג פון די באַשטימונגען און פאַראָרדענונגען פון די מיניסטאָרן־ראַטן פון די פאַרבאַנדישע רעפובליקן, אויך אָפּשאַפן די אַקטן פון די מיניסטעריומס פון פססר, מעלוכע־קאָמיטעטן פון פססר, פון אַנדערע אָרגאַנען, װעלכע געפינען זיך אין זײַן רעשוס.

אַרטיקל 135. דער מיניסטאָרן־ראַט פון פססר פאַרייניקט און גיט א ריכטונג דער אַרבעט פון די אַלפאַרבאַנדישע און פאַרבאַנדיש־רעפובליקאַנישע מיניסטעריומס און פון די מעלוכע־קאָמיטעטן פון פססר, פון די אַנדערע אָרגאַנען, װעלכע געפינען זיך אין זײַן רעשוס.

די אַלפאַרבאַנדישע מיניסטעריומס און די מעלוכע־קאָמיטעטן פון פססר פירן אָן מיט די פאַרוואַלטונגס־צווײַגן, װעלכע זײַנען זיי אָנפאַרטרויט, אָדער פאַרווירקלעכן די פאַרוואַלטונג צווישן די צווײַגן אַף דער גאַנצער טעריטאָריע פון פססר דירעקט אָדער דורך די אָרגאַנען, װעלכע זיי שאַפן.

די פאַרבאַנדיש־רעפובליקאַנישע מיניסטעריומס און מעלוכע־קאָמיטעטן פון פססר פירן אָן מיט די פאַרוואַלטונגס־צווײַגן, װעלכע זײַנען זיי אָנפאַרטרויט, אָדער פאַרווירקלעכן די פאַרוואַלטונג צווישן די צווײַגן, אַלס קלאַל, דורך די אַנטשפּרעכיקע מיניסטעריומס, מעלוכע־קאָמיטעטן, דורך די אַנדערע אָרגאַנען פון די פאַרבאַנדישע רעפובליקן און פאַרוואַלטן דירעקט מיט באַזונדערע אונטערנעמונגען און פאַרייניקונגען, װעלכע געפינען זיך אונטער א פאַרבאַנדישער סובאָרדינאַציע. די אָרדענונג פון איבערגעבן אונטערנעמונגען און פאַרייניקונגען פון דער רעפובליקאַנישער און אָרטיקער סובאָרדינאַציע אין דער פאַרבאַנדישער ווערט באַשטימט דורכן פּרעזידיום פונעם אויבער־סאָוועט פון פססר.

די מיניסטעריומס און מעלוכע־קאָמיטעטן פון פססר זײַנען פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן צושטאַנד און דער אַנטוויקלונג פון די פאַרוואַלטונגס־ספערן, װעלכע זײַנען זיי אָנפאַרטרויט; זיי גיבן אַרויס אין די ראַמען פון זייער קאָמפּעטענץ אַקטן אַפן סמאַך און אויספילנדיק די געזעצן פון פססר, די אַנדערע באַשלוסן פונעם אויבער־סאָוועט פון פססר און פון זײַן פּרעזידיום, די באַשטימונגען און פאַראָרדענונגען פונעם מיניסטאָרן־ראַט פון פססר; זיי אָרגאַניזירן און קאָנטראָלירן, ווי די באַשטימונגען און פאַראָרדענונגען ווערן אויסגעפילט.

אַרטיקל 136. די קאָמפּעטענץ פונעם מיניסטאָרן־ראַט פון פססר און פון זײַן פּרעזידיום, די אָרדענונג פון זייער טעטיקייט, די באַציִונגען צווישן דעם מיניסטאָרן־ראַט מיט די אַנדערע מעלוכע־אָרגאַנען, אויך די רעשימע פון די אַלפאַרבאַנדישע און פאַרבאַנדיש־רעפובליקאַנישע מיניסטעריומס און מעלוכע־קאָמיטעטן פון פססר ווערן אַפן סמאַך פון דער קאָנסטיטוציע באַשטימט דורכן געזעץ וועגן דעם מיניסטאָרן־ראַט פון פססר.

VII. די סטרוקטור־יעסידעס פון די אָרגאַנען פון דער מעלוכע־מאַכט און פאַרוואַלטונג אין די פאַרבאַנדישע רעפובליקן

קאַפּיטל 17.

די העכסטע אָרגאַנען פון דער מעלוכע־מאַכט און פאַרוואַלטונג פון א פאַרבאַנדישער רעפובליק

אַרטיקל 137. דער העכסטער אָרגאַן פון דער מעלוכע־מאַכט פון א פאַרבאַנדישער רעפובליק איז דער אויבער־סאָוועט פון דער פאַרבאַנדישער רעפובליק.

דער אויבער־סאָוועט פון א פאַרבאַנדישער רעפובליק איז פולמעכטיק צו לייזן אַלע פראַגן, װעלכע באַלאַנגען צו דער קאָמפּעטענץ פון דער פאַרבאַנדישער רעפובליק לויט דער קאָנסטיטוציע פון פססר און דער קאָנסטיטוציע פון דער פאַרבאַנדישער רעפובליק.

דאָס אָנעמען די קאָנסטיטוציע פון א פאַרבאַנדישער רעפובליק, אַרײַנטראָגן אין איר ענ־דערונגען; דאָס באַשטעטיקן די מעלוכע־פּלענער פון דער עקאָנאָמישער און סאָציאַלער אַנט־וויקלונג, דעם מעלוכע־בודזשעט פון דער פאַרבאַנדישער רעפובליק און די באַריכטן, ווי זיי ווערן אויסגעפילט; דאָס אויסבילדן אָרגאַנען, וועלכע מוזן אים צושטעלן א באַריכט וועגן זייער טעטיקײַט, — פאַרווירקלעכט אויסשליסלעך דער אויבער־סאָוועט פון דער פאַרבאַנדישער רעפובליק.

די געזעצן פון א פאַרבאַנדישער רעפובליק ווערן אָנגענומען דורכן אויבער־סאָוועט פון דער פאַרבאַנדישער רעפובליק אָדער דורך א פאָלקס־אָפּשטימונג (רעפערענדום), וואָס ווערט דורכגעפירט לויטן באַשלוס פונעם אויבער־סאָוועט פון דער פאַרבאַנדישער רעפובליק.

אַרטיקל 138. דער אויבער־סאָוועט פון א פאַרבאַנדישער רעפובליק ווײַלט אויס דעם פּרעזידיום פונעם אויבער־סאָוועט — דעם באַשטענדיק טעטיקן אָרגאַן פונעם אויבער־סאָוועט פון דער פאַרבאַנדישער רעפובליק, וועלכער גיט אים אָפּ א באַריכט וועגן זײַן גאַנצער טע־טיקײַט. דער באַשטאַנד און די פולמאַכטן פון פּרעזידיום פונעם אויבער־סאָוועט פון א פאַרבאַנ־דישער רעפובליק ווערן באַשטימט דורך דער קאָנסטיטוציע פון דער פאַרבאַנדישער רעפו־בליק.

אַרטיקל 139. דער אויבער־סאָוועט פון א פאַרבאַנדישער רעפובליק בילדעט דעם מיני־סטאָרן־ראַט פון דער פאַרבאַנדישער רעפובליק — די רעגירונג פון דער פאַרבאַנדישער רע־פובליק — דעם העכסטן אויספיר־ און פאַראָרדענונגס־אָרגאַן פון דער מעלוכע־מאַכט פון דער פאַרבאַנדישער רעפובליק.

דער מיניסטאָרן־ראַט פון א פאַרבאַנדישער רעפובליק איז פאַראַנטוואָרטלעך בענעגייע דעם אויבער־סאָוועט פון דער פאַרבאַנדישער רעפובליק און גיט אים אָפּ א באַריכט וועגן זײַן טעטיקײַט, אינעם פעריאָד צווישן די סעסיעס פונעם אויבער־סאָוועט — בענעגייע דעם פּרע־זידיום פונעם אויבער־סאָוועט פון דער פאַרבאַנדישער רעפובליק, וועמען ער גיט אָפּ א באַריכט וועגן זײַן טעטיקײַט.

אַרטיקל 140. דער מיניסטאָרן־ראַט פון א פאַרבאַנדישער רעפובליק גיט אַרויס באַשטי־מונגען און פאַראָרדענונגען אָפּן סמאַך און אויספילנדיק די געזעצגעבערישע אַקטן פון פּססר און פון דער פאַרבאַנדישער רעפובליק, די באַשטימונגען און פאַראָרדענונגען פונעם מיני־סטאָרן־ראַט פון פּססר, ער אָרגאַניזירט און קאָנטראָלירט זייער אויספילונג.

אַרטיקל 141. דער מיניסטאָרן־ראַט פון א פאַרבאַנדישער רעפובליק האָט רעכט אָפּצו־שטעלן דאָס אויספילן די באַשטימונגען און פאַראָרדענונגען פון די מיניסטאָרן־ראַטן פון די אויטאָנאָמע רעפובליקן, אָפּשאַפן די באַשלוסן און פאַראָרדענונגען פון די אויספיר־קאָמיטעטן פון די קאַנט־סאָוועטן פון פאָלקס־דעפּוטאַטן, געגנטלעכע, שטאָטישע (שטעט פון רעפובליקאַ־נישער סובאָרדינאַציע) סאָוועטן פון פאָלקס־דעפּוטאַטן, פון די סאָוועטן פון פאָלקס־דעפּוטאַטן פון די אויטאָנאָמע געגנטן, און אין די פאַרבאַנדישע רעפובליקן, וועלכע האָבן ניט קיין געגנט־לעכע טיילונג, — פון די אויספיר־קאָמיטעטן פון די ראַיאָנע און די אַנטשפּרעכיקע שטאָטישע סאָוועטן פון פאָלקס־דעפּוטאַטן.

אַרטיקל 142. דער מיניסטאָרן־ראַט פון א פאַרבאַנדישער רעפובליק פאַרייניקט און גיט א ריכטונג דער אַרבעט פון די פאַרבאַנדיש־רעפובליקאַנישע און רעפובליקאַנישע מיניסטעריומס, מעלוכע־קאָמיטעטן פון דער פאַרבאַנדישער רעפובליק, פון אַנדערע אָרגאַנען, וועלכע געפינען זיך אין זײַן רעשוס.

די פאַרבאַנדיש־רעפובליקאַנישע מיניסטעריומס און מעלוכע־קאָמיטעטן פון א פאַרבאַנדי־שער רעפובליק פירן אָן מיט די צווײַגן פון דער פאַרוואַלטונג, וועלכע זײַנען זיי אָנפאַרטרויט, אָדער זיי פאַרווירקלעכן די פאַרוואַלטונג צווישן די צווײַגן, זײַענדיק אונטערגעאָרדנט סײַ דעם מיניסטאָרן־ראַט פון דער פאַרבאַנדישער רעפובליק, סײַ דעם אַנטשפּרעכיקן פאַרבאַנדיש־רעפובליקאַנישן מיניסטעריום פון פּססר אָדער דעם מעלוכע־קאָמיטעט פון פּססר.

די רעפובליקאַנישע מיניסטעריומס און מעלוכע־קאָמיטעטן פירן אָן מיט די פאַרוואַל־טונגס־צווײַגן, וועלכע זײַנען זיי אָנפאַרטרויט, אָדער זיי פאַרווירקלעכן די פאַרוואַלטונג צווישן די צווײַגן, זײַענדיק אונטערגעאָרדנט דעם מיניסטאָרן־ראַט פון דער פאַרבאַנדישער רעפו־בליק.

קאַפּיטל 18.

די העכסטע אָרגאַנען פון דער מעלוכע־מאַכט און פאַרוואַלטונג פון אַן אווטאָנאָמער רעפובליק

אַרטיקל 143. דער העכסטער אָרגאַן פון דער מעלוכע־מאַכט פון אַן אווטאָנאָמער רעפובליק איז דער אויבער־סאָוועט פון דער אווטאָנאָמער רעפובליק.

דאָס אָנעמען די קאָנסטיטוציע פון אַן אווטאָנאָמער רעפובליק, אַרײַנטראָגן אין איר ענדערונגען; דאָס באַשטעטיקן די מעלוכע־פּלענער פון דער עקאָנאָמישער און סאָציִאַלער אַנטוויקלונג, אויך דעם מעלוכע־בודזשעט פון דער אווטאָנאָמער רעפובליק; דאָס אויסבילדן אָרגאַנען, וועלכע מוזן אים צושטעלן אַ באַריכט וועגן זייער טעטיקייט, — פאַרווירקלעכט אויסשליסלעך דער אויבער־סאָוועט פון דער אווטאָנאָמער רעפובליק.

די געזעצן פון אַן אווטאָנאָמער רעפובליק ווערן אָנגענומען בלויז דורכן אויבער־סאָוועט פון דער אווטאָנאָמער רעפובליק.

אַרטיקל 144. דער אויבער־סאָוועט פון אַן אווטאָנאָמער רעפובליק ווײַלט אויס דעם פּרעזידיום פונעם אויבער־סאָוועט פון דער אווטאָנאָמער רעפובליק און בילדעט דעם מיניסטאָרן־ראַט פון דער אווטאָנאָמער רעפובליק — די רעגירונג פון דער אווטאָנאָמער רעפובליק.

קאַפּיטל 19.

די אָרטיקע אָרגאַנען פון דער מעלוכע־מאַכט און פאַרוואַלטונג

אַרטיקל 145. די אָרגאַנען פון דער מעלוכע־מאַכט אין די קאַנטן, געגנטן, אווטאָנאָמע געגנטן, אווטאָנאָמע קרײַזן, ראַיאָנען, שטעט, ראַיאָנען אין די שטעט, אַרבעטער־יִישווים, דאָרפישע יִישווים זײַנען די אַנטשפּרעכיקע סאָוועטן פון פאָלקס־דעפּוטאַטן.

אַרטיקל 146. די אָרטיקע סאָוועטן פון פאָלקס־דעפּוטאַטן לייזן אַלע פראַגן פון אָרטיקער באַדײַטונג פון שטאַנדפּונקט פון די אַלמעלוכישע אינטערעסן און פון די אינטערעסן פון די בירגער, וועלכע וווינען אויף דער טעריטאָריע פונעם סאָוועט, זיי פירן דורך אין לעבן די באַשלוסן פון די העכערשטייענדיקע מעלוכע־אָרגאַנען, פירן אָן מיט דער טעטיקייט פון די נידעריקערשטייענדיקע סאָוועטן פון פאָלקס־דעפּוטאַטן, באַטייליקן זיך אינעם באַהאַנדלען די פראַגן פון רעפובליקאַנישער און אַלפאַרבאַנדישער באַדײַטונג, טראָגן אַרײַן וועגן זיי זייערע פאָרשלאָגן.

די אָרטיקע סאָוועטן פון פאָלקס־דעפּוטאַטן פירן אָן אויף זייער טעריטאָריע מיט דער מעלוכישער, ווירטשאַפטלעכער און סאָציִאַל־קולטורעלער בויונג; זיי באַשטעטיקן די פּלענער פון עקאָנאָמישער און סאָציִאַלער אַנטוויקלונג און דעם אָרטיקן בודזשעט; זיי פירן אָן מיט דער טעטיקייט פון די מעלוכע־אָרגאַנען, אונטערנעמונגען, אַנשטאַלטן און אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זײַנען צו זיי אונטערגעאָרדנט; זיי זיכערן דאָס אָפּהיטן די געזעצן, דאָס אָפּהיטן די מעלוכישע און געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג, די רעכט פון די בירגער; זיי העלפן מיט צו פאַרפעסטיקן די שוצפעיִקייט פון לאַנד.

אַרטיקל 147. אין די ראַמען פון זייערע פולמאַכטן באַזאָרגן די אָרטיקע סאָוועטן פון פאָלקס־דעפּוטאַטן די קאָמפּלעקסאַרטיקע עקאָנאָמישע און סאָציִאַלע אַנטוויקלונג אויף זייער טעריטאָריע; זיי קאָנטראָלירן, ווי עס היטן אָפּ די געזעצגעבונג די אונטערנעמונגען, אַנשטאַלטן און אָרגאַניזאַציעס פון אַ העכערשטייענדיקער סובאָרדינאַציע, וועלכע געפינען זיך אויף דער דאָזיקער טעריטאָריע; זיי קאָאָרדינירן און קאָנטראָלירן זייער טעטיקייט אין פראַט פון ערד־באַנוץ, פון אָפּהיטן די נאַטור, פון בויונג, פון אויסנוצן די אַרבעטס־רעסורסן, אין דער פּראָדוקציע פון סכוירעס פאַרן פאָלקס־געברויך, אין סאָציִאַל־קולטורעלן, שטייגערישן און אַנדערע פאָרמען פון באַדינען די באַפעלקערונג.

אַרטיקל 148. די אָרטיקע סאָוועטן פון פאָלקס־דעפּוטאַטן נעמען אָן באַשלוסן אין די ראַמען פון די פולמאַכטן, וועלכע ווערן זיי געגעבן דורך דער געזעצגעבונג פונעם פאַרבאַנד ססר, פון דער פאַרבאַנדישער און אווטאָנאָמער רעפובליק. אויספילן די באַשלוסן פון די אָרטיקע סאָוועטן איז אָבליגאַטאָריש פאַר אַלע אונטערנעמונגען, אַנשטאַלטן און אָרגאַניזאַציעס, וועלכע געפינען זיך אויף דער טעריטאָריע פונעם סאָוועט, אויך פאַר די אַמט־פּערזאָנען און בירגער.

אַרטיקל 149. די אויספיר־ און פאַראָרדענונגס־אָרגאַנען פון די אַרטיקע סאָוועטן פון פאָלקס־דעפּוטאַטן זײַנען די אויספיר־קאָמיטעטן, וועלכע זיי ווײלן אויס פון דער צאָל דעפּוטאַטן.

ניט זעלטענער ווי איין מאָל אין יאָר גיבן די אויספיר־קאָמיטעטן אָפּ א באַריכט די סאָוועטן, וועלכע האָבן זיי אויסגעווײלט, אויך אָף די פאַרזאַמלונגען פון די אַרבעטס־קאָלעקטיוון און לויטן וווין־אָרט פון די בירגער.

אַרטיקל 150. די אויספיר־קאָמיטעטן פון די אַרטיקע סאָוועטן פון פאָלקס־דעפּוטאַטן גיבן אָפּ א באַריכט וועגן זייער טעטיקײַט סײַ אומיטלבאַר דעם סאָוועט, וואָס האָט זיי אויסגעווײלט, סײַ דעם העכערשטייענדיקן אויספיר־ און פאַראָרדענונגס־אָרגאַן.

VIII. יוסטיץ, אַרביטראַזש און פּראָקוראָרישער אויפזיכט

קאַפּיטל 20.

געריכט און אַרביטראַזש

אַרטיקל 151. די רעכטספּאַרטיקײַט אין פססר פאַרווירקלעכט בלויז דער געריכט.

אין פסנר עקזיסטירן דער אויבער־געריכט פון פסנר, די אויבער־געריכטן פון די פאַר־באַנדישע רעפּובליקן, די אויבער־געריכטן פון די אויטאָנאָמע רעפּובליקן, די קאַנט־געריכטן, געגנטלעכע, שטאָטישע געריכטן, געריכטן פון די אויטאָנאָמע געגנטן, געריכטן פון די אויטאָנאָמע קרײַזן, ראַיאָנע (שטאָטישע) פאָלקס־געריכטן, אויך קריגס־טריבונאַלן אין די באַוואָפנטע קרעפטן.

אַרטיקל 152. אַלע געריכטן אין פסנר ווערן געבילדעט אָף די פּרינציפּן פון געוויילטקײַט פון די ריכטער און פאָלקס־בײַזיצער.

די פאָלקס־ריכטער פון די ראַיאָנע (שטאָטישע) פאָלקס־געריכטן ווערן געווײלט דורך די בירגער פונעם ראַיאָן (שטאָט) אָפן סמאַך פון אַלגעמײנעם, גלײַכן און דירעקטן וואַלרעכט בא א געהײמער אָפּשטימונג אָף א טערמין פון פינף יאָר. די פאָלקס־בײַזיצער פון ראַיאָנע (שטאָטישע) פאָלקס־געריכטן ווערן געווײלט אָף פאַרזאַמלונגען פון די בירגער לויט זייער אַרבעטס־אָרט אָדער וווין־אָרט דורך אַן אָפענער אָפּשטימונג אָף א טערמין פון דריטהאַלבן יאָר.

די העכערשטייענדיקע געריכטן ווערן געווײלט דורך די אַנטשפּרעכיקע סאָוועטן פון פאָלקס־דעפּוטאַטן אָף א טערמין פון פינף יאָר.

די געריכטן פון די קריגס־טריבונאַלן ווערן געווײלט דורכן פּרעזידיום פונעם אויבער־סאָוועט פון פסנר אָף א טערמין פון פינף יאָר, און די פאָלקס־בײַזיצער — דורך די פאַרזאַמלונגען פון די מיליטער־אַנגעשטעלטע אָף א טערמין פון דריטהאַלבן יאָר.

די ריכטער און פאָלקס־בײַזיצער זײַנען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די ווײלער אָדער פאַר די אָרגאַנען, וועלכע האָבן זיי אויסגעווײלט, גיבן זיי אָפּ א באַריכט און קאָנען דורך זיי אָפּגערופן ווערן אין דער אָרדענונג, וואָס איז אײַנגעשטעלט דורכן געזעץ.

אַרטיקל 153. דער אויבער־געריכט פון פסנר איז דער העכסטער געריכט־אָרגאַן פון פסנר און האַלט דעם אויפזיכט איבער דער געריכט־טעטיקײַט פון די געריכטן פון פסנר, אויך פון די געריכטן פון די פאַרבאַנדישע רעפּובליקן אין די ראַמען, וועלכע זײַנען אײַנגעשטעלט דורכן געזעץ.

דער אויבער־געריכט פון פסנר ווערט געווײלט דורכן אויבער־סאָוועט פון פסנר אין באַשטאַנד פון א פּאַרזיצער, זײַנע שטעלפאַרטרעטערס, מיטגלידער און פאָלקס־בײַזיצער. אין באַשטאַנד פונעם אויבער־געריכט פון פסנר גייען אַרײַן לויטן אַמט די פּאַרזיצערס פון די אויבער־געריכטן פון די פאַרבאַנדישע רעפּובליקן.

די אָרגאַניזאַציע און די אָרדענונג פון דער טעטיקײַט פונעם אויבער־געריכט פון פסנר ווערן באַשטימט דורכן געזעץ וועגן דעם אויבער־געריכט פון פסנר.

אַרטיקל 154. אין אַלע געריכטן ווערן די ציווילע און קרימינעלע איניאַנים באַטראַכט קאָ־לעגיאַל, אינעם געריכט פון דער ערשטער אינסטאַנץ — מיטן אָנטייל פון פאָלקס־בײַזיצער. די פאָלקס־בײַזיצער האָבן באַם פאַרווירקלעכן די רעכטספּאַרטיקײַט אַלע רעכט פון א ריכטער.

אַרטיקל 155. די ריכטער און די פֿאָלקס־בײַזיצער זײַנען אומאָפּהענגיק און וואָרפֿן זיך אונטער בלויז דעם געזעץ.

אַרטיקל 156. די רעכטפּאַרטיקײַט אין פֿסֿסר ווערט געפֿירט אַף די יעסוידעס פֿון גלײַכהײַט פֿון די בירגער פֿאַרן געזעץ און פֿאַרן געריכט.

אַרטיקל 157. אין אַלע געריכטן ווערן די איניאָנים פֿאַנאַנדערגעקליבן אָפֿן. אויסהערן איניאָנים אַף אַ פֿאַרמאַכטער זיצונג פֿונעם געריכט ווערט דערלאָזט בלויז אין די פֿאַלן, וועלכע זײַנען אײַנגעשטעלט דורכן געזעץ, אָפּהיטנדיק דערבײַ אַלע קלאָלים פֿון געריכטפֿירונג.

אַרטיקל 158. דעם אָנגעקלאָגטן ווערט געזיכערט דאָס רעכט אַף פֿאַרטיידיקונג.

אַרטיקל 159. די געריכט־פֿירונג קומט פֿאָר אַף דער שפּראַך פֿון דער פֿאַרבאַנדישער אָדער אווטאָנאָמער רעפּובליק, אווטאָנאָמער געגנט, אווטאָנאָמען קרײַז אָדער אַף דער שפּראַך פֿון דער מערהײַט באַפֿעלקערונג פֿון דער געגעבענער אומגעגנט. די פּערזאָנען, וועלכע נעמען אָנטייל אינעם פּראָצעס און באַהערשן ניט די שפּראַך, אַף וועלכער דער געריכט ווערט געפֿירט, ווערן באַזאָרגט מיטן רעכט צו באַקאַנען זיך פֿולשטענדיק מיט די מאַטעריאַלן פֿונעם איניען, מיטן אָנטייל אין די געריכט־אַקציעס דורך אַן איבערזעצער און מיטן רעכט אַרויסצוטרעטן אינעם געריכט אַף דער מוטערשפּראַך.

אַרטיקל 160. קײנער קאָן ניט אָנערקענט ווערן פֿאַר שולדיק אין באַגײן אַ פֿאַרברעכן, אויך ווערן קרימינעל באַשטראָפֿט סײַדן נאָר לויטן אורטייל פֿונעם געריכט און אין העסקעם מיטן געזעץ.

אַרטיקל 161. אַף געבן די בירגער און אָרגאַניזאַציעס יורידישע הילף עקזיסטירן אַדוואָקאַטן־קאָלעגיעס. אין די פֿאַלן, וועלכע זײַנען פֿאָרויסגעזען דורך דער געזעצגעבונג, באַקומען די בירגער יורידישע הילף אָן געצאָלט.

די אָרגאַניזאַציע און די אָרדענונג פֿון דער טעטיקײַט פֿון דער אַדוואָקאַטור ווערן פֿעסטגעשטעלט דורך דער געזעצגעבונג פֿונעם פֿאַרבאַנד פֿסֿסר און פֿון די פֿאַרבאַנדישע רעפּובליקן.

אַרטיקל 162. אין די געריכט־זיצונגען וועגן ציווילע און קרימינעלע איניאָנים ווערט דערלאָזט דער אָנטייל פֿון פֿאָרשטייער פֿון געזעלשאַפֿטלעכע אָרגאַניזאַציעס און אַרבעטסקאָלעקטיוון.

אַרטיקל 163. די ווירטשאַפֿטלעכע שטרײַטן צווישן אונטערנעמונגען, אַנשטאַלטן און אָרגאַניזאַציעס לייזן די אָרגאַנען פֿון מעלוכישן אַרביטראַזש אין די ראַמען פֿון זייער קאָמפּעטענץ.

די אָרגאַניזאַציע און די אָרדענונג פֿון דער טעטיקײַט פֿון די אָרגאַנען פֿונעם מעלוכעאַרביטראַזש ווערן באַשטימט דורכן געזעץ וועגן דעם מעלוכע־אַרביטראַזש אין פֿסֿסר.

קאַפּיטל 21.

די פּראָקוראַטור

אַרטיקל 164. דער העכסטער אופֿזיכט איבער דעם פּינקטלעכן און אײנאַרטיקן אויספֿילן די געזעצן דורך אַלע מיניסטעריומס, מעלוכע־קאָמיטעטן און אַמטן, דורך די אונטערנעמונגען, אַנשטאַלטן און אָרגאַניזאַציעס, אויספֿיר־ און פֿאַראָרדענונגס־אָרגאַנען פֿון די אָרטיקע סאָוועטן פֿון פֿאָלקס־דעפּוטאַטן, דורך די קאָלווירטן, קאָאָפּעראַטיווע און אַנדערע געזעלשאַפֿטלעכע אָרגאַניזאַציעס, אַמט־פּערזאָנען, אויך דורך די בירגער ווערט אַרופֿגעלייגט אַפֿן גענעראַל־פּראָקוראָר פֿון פֿסֿסר און אַף די פּראָקוראָרן, וועלכע זײַנען אים אונטערגעאָרדנט.

אַרטיקל 165. דער גענעראַל־פּראָקוראָר פֿון פֿסֿסר ווערט באַשטימט דורכן אויבער־סאָוועט פֿון פֿסֿסר, פֿאַר וועמען ער איז פֿאַראַנטוואָרטלעך און גיט אים אָפּ אַ באַריכט וועגן זײַן טעטיקײַט, און אינעם פּעריאָד צווישן די סעסיעס פֿונעם אויבער־סאָוועט — פֿאַרן פּרעזידיום פֿונעם אויבער־סאָוועט פֿון פֿסֿסר, וועמען ער גיט אָפּ אַ באַריכט.

אַרטיקל 166. די פּראָקוראָרן פֿון די פֿאַרבאַנדישע רעפּובליקן, אווטאָנאָמע רעפּובליקן, פֿון די קאַנטן, געגנטן און אווטאָנאָמע געגנטן ווערן באַשטימט דורכן גענעראַל־פּראָקוראָר פֿון פֿסֿסר. די פּראָקוראָרן פֿון די אווטאָנאָמע קרײַזן, די ראַיאָנע און שטאָטישע פּראָקוראָרן ווערן באַשטימט דורך די פּראָקוראָרן פֿון די פֿאַרבאַנדישע רעפּובליקן און באַשטעטיקט דורכן גענעראַל־פּראָקוראָר פֿון פֿסֿסר.

אַרטיקל 167. דער פֿולמאַכטן־טערמין פֿונעם גענעראַל־פּראָקוראָר פֿון פֿסֿסר און פֿון אַלע נידעריקערשטייענדיקע פּראָקוראָרן — פֿינף יאָר.

ארטיקל 168. די אָרגאַנען פון דער פּראָקוראַטור פּילן אויס זייערע פולמאַכטן אומאָפּהענ־גיק פון וועלכע־ניט־איז אָרטיקע אָרגאַנען, זיי זײַנען אונטערגעאָרדנט בלויז דעם גענעראַל־פּראָקוראָר פון פססר.

די אָרגאַניזאַציע און די טעטיקייט־אָרדענונג פון די אָרגאַנען פון דער פּראָקוראַטור ווערן באַשטימט דורכן געזעץ וועגן דער פּראָקוראַטור פון פססר.

XVIII. דער הערב, דער פלאַג, דער הימן און די הויפּטשטאָט פון פססר

ארטיקל 169. דער מעלוכע־הערב פונעם פאַרבאַנד סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליקן שטעלט מיט זיך פאָר א סערפּ און האַמער אויף פאָן ערדקײַלעך, אויסגעמאָלט אין זון־שטראַלן און באַזוימט מיט זאַנגען, מיט אן אויפשריפט אויף די שפּראַכן פון די פאַרבאַנדישע רעפּובליקן: „פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער, פאַראייניקט זיך!“. אין אייבערשטן טייל פונעם הערב — א פינפעקיקער שטערן.

ארטיקל 170. דער מעלוכע־פלאַג פונעם פאַרבאַנד סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליקן שטעלט מיט זיך פאָר א רויט גראַדווינקלדיק לײַוונט מיט א בילד פון גאָלדענע סערפּ און האַמער אין זײַן אייבערשטן ווינקל, באַם שטענגל, און איבער זיי א רויטער פינפעקיקער שטערן, אײַנגעפאַסט אין א גאָלדענעם זוים. די פאַרהעלטעניש פון דער ברייט פונעם פלאַג צו זײַן לענג איז — איינס צו צוויי.

ארטיקל 171. דער מעלוכע־הימן פונעם פאַרבאַנד סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליקן ווערט באַשטעטיקט דורכן פּרעזידיום פונעם אויבער־סאָוועט פון פססר.

ארטיקל 172. די הויפּטשטאָט פונעם פאַרבאַנד סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליקן איז די שטאָט מאָסקווע.

XIX. די גילטיקייט פון דער קאָנסטיטוציע פון פססר און די אָרדענונג פון ענדערן זי

ארטיקל 173. די קאָנסטיטוציע פון פססר פאַרמאָגט די העכסטע יורידישע קראַפט. אַלע געזעצן און אַנדערע אַקטן פון די מעלוכע־אָרגאַנען ווערן אַרויסגעגעבן אויפן סמך און אין העסקעם מיט דער קאָנסטיטוציע פון פססר.

ארטיקל 174. אן ענדערונג פון דער קאָנסטיטוציע פון פססר ווערט געמאַכט לויט א באַ־שלוס פונעם אויבער־סאָוועט פון פססר, אָנגענומען דורך א מערהײַט ניט ווייניקער פון צוויי דריטל פון דער אַלגעמיינער צאָל דעפּוטאַטן אין יעדערער פון זײַנע פּאַלאַטעס.

פאָרצײַכענונגען, רעוויזיעס, וואַנדערטעג

אַף די ראַכוועסן פונעם אָקטיאַבער=לאַנד

הירש בלאָשטיין

מאַמע דײַמלאַנד

מײַן זיקאָרן, א מײַסטער־רעסטאווראטאָר, האָט הײַנט, ווי געוויינלעך, גענומען דאָס שאַר־פּע רידעלע זײַנס, דאָס לאָפּעטקעלע און אָנ־געהויבן אָפּשאָבן, אָפּשיילן, אַראָפּוואַרפן די צײַט־אָנוווּקסן; ער האָט זיך דערקליבן צו נאָך א פרעסקע, א פרישינקער, ווי זי וואָלט זיך ערשט געלייגט מיט אירע וואסער־פּאַרבן אַף די נאַרוואָס געטינקעווטע ווענט.

אָט שטייט באַם ראַנד פון סמילגער גאַס, אַנטקעגן מײַן ברודערס שטוב, דער בלינדער זינגער מיט זײַן פידעלע. איך האָב אים שוין לאַנג ניט געזען. ער איז געוואָרן נאָך גרויער און אײַנגעדאַרטער. אָט איז דאָס מיידעלע, וואָס פירט אים. די בענדלעך אין אירע האָר זײַנען העל־בלויע, ווי זי וואָלט זיי בעקיוון צוגעפּאַסט צו די אויגן אירע.

ס׳איז זומער. אַלע פענצטער פון ביידע זײַטן גאַס זײַנען אָפן, און אין זיי, קאָפּ אַף קאָפּ, מענטשן: ווער האָט דאָ ניט ליב פידל און גע־זאַנג? א גאַנצע כאָפּטע קינדער אין מײַן עלטער, אַכט־נײַניאָריקע, שטייען מיט צעעפנטע מײַ־לער אַרום בלינדן. מיר זײַנען זשעדנע ניט אַזוי נאָכן געזאַנג: די שוועסטער און ברידער זינגען אויך אָפט, און ניט זעלטן דאָס, וואָס דער בלינ־דער זינגט. מיר האָבן ליב דאָס פידעלע...

דער בלינדער זינגט, און דאָס פידעלע שפּילט:

מײַן גוטע היימעלע, מײַן שיינע היימעלע,
ווי מיר טוט וויי!
מײַן זיסע וויגעלע, מײַן ווײַסע ציגעלע,
ווי ס׳ציט מײַן האַרץ צו זיי.

איצט פאַרשטיי איך, אַז דער בלינדער און מיסטאָמע אויך דער, וואָס מאַכט די לידער פאַר אים, זײַנען „ליטוואַקעס", וואָס ווייסן ניט פונעם מיטעלן מין. און די לידער זײַנען אַוואַדע פון אַמעריקע געקומען. דאָרט, אין אַמעריקע, אַזוי ווי אין אַפריקע, אין אַרגענטינע, אין קאַ־נאַדע, איז די בענקעניש אַהיים אין יענער צײַט געווען א נאָגנדיקע, א פּײַנלעכע, צײַטנווײַז ניט אויסצוהאַלטן.

אַזוי ווי צווישן דער כעוורע קינדוואַרג אַרום דעם בלינדן, בין איך מיט א סאַך יאָרן שפּעטער געווען צווישן די בענקער אַהיים, כאָטש מײַן „גוטע היימעלע" איז בעעמעס גע־ווען ניט ווי מע דאַרף „גוט":

פּאַזע די ברעגן צעוואָרפענע שטייען
די פויערשע הײַזלעך, געדעקטע מיט שטרוי,
און קוקן פאַרטרויערט, אַזוי ווי יעסוימים, —

דער הימל איז כמארנע, דאָס לעבן איז גרוי.
און ס׳ארבעט דער פויער מיט שוויים פאַרן פּאַרעץ
אין פרוכטלאָזן פעלד אף די טרוקענע זעמד[1] —
בילדער פון ליטע, פון אָרעמען היימאַט,
ווי לעבעדיק שטייט איר פאַר מיר
אינדערפרעמד!

מוישע טײַטש, „ליטע״

און דאָס „שיינע היימעלע״ איז געווען אָט אזוי „שיין״:

פענצטער צעבראָכענע, קרומינקע ווענט.
שטיבעלעך־קוואָרימלעך, דעכלעך געזונקענע.
ווידער האָב איך אײַך דערקענט!
...זינג פון דעם וויגעלע, זינג פון
דעם ציגעלע,
זינג פון דער יִדישער נויט!

יויסעף יאָפע, „היימאַט״

אין ביידע לידער איז פאַראַן דאָס וואָרט „היימאַט״. מיר איז שווער צו זאָגן, פאַרוואָס די דיכטער האָבן באַנוצט דאָס פון דײַטש גענומענע וואָרט. ס׳איז מיר אָבער קלאָר, אז דאָס פּאָשעטע, אָבער טײַערע וואָרט „היים״ האָבן זיי אין אזעלכע בעעמעס ביטערע לידער ניט געקענט באַנוצן... פאַרוואָס?

היים איז געווען און איז איינס פון די באַליבטסטע, ווארעמסטע, אינטימסטע ווערטער, פון וועלכן עס שטאַמען די האַרציק־ווילע היימיש, היימלעך, היימעלע. דאָס לעצטע וואָרט דריקט אויס צאַרטע ליבשאַפט צום אייגענעם ווינקעלע, און ס׳איז ווייכער, וואַרעמער, ליבער, אייַדער מײַן שטוב, מײַן הויז. דאָס איז א וואָרט, וואָס האָט שפּעטער, אין וווּנדערלעך־נײַע, אומגעריכטע באַדינגונגען, געקאָנט ווערן דאָס גרויסע, טיפע, הייליקע וואָרט היימלאַנד, וואָס באַטײַט, אז א קאָלאָסאַל גרויס לאַנד איז גלײַכצײַטיק דײַנס, אַן אייגנס, א טאַטע־מאַמעדיקס. אי גוט, אי שיין. דאָס געפיל, וואָס אָט דאָס וואָרט דריקט אויס, איז אי פּאָטערלאַנד, אי מוטערלאַנד, א מין צוזאַמענשמעלץ פון די צוויי רוסישע באַגריפן: אָטעטשעסטוואָ און ראָדינאַמאַט. היים — אָט וואָס דאָס באַטײַט.

איך בלעטער מײַנעם א ראָמאַן מיטן נאָמען „אָן א היים״[2], די לעצטע בלעטלעך זײַנע. און איך געפין:

...ס׳איז 1922. מיכל, א ליטוויש־ייִדישער באָבער און ערנסטער פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכער טוער, קומט פון מאָסקווע, וווּ ער האָט זיך באַטייליקט אין א וויכטיקן קאָנגרעס. ער קומט אף א פּאָר וואָכן קיין אוקראַיִנע, זיך פאַרבענקט נאָך די אייגענע, און פאַריינס ציט אים צו זײַנע קיידאַנער לאַנדסלײַט (געוועזענע ארויסגעטריבענע מיטן גרויסן גיירעש ליטע אין 1915, איצט פּויערים). די סאָוועטישע מעלוכע האָט זיי באַטיילט מיט ערד און מיט אלץ, וואָס מע דאַרף צו דער ערד. אין א ייִדישער קאָלאָניע לעבט מיכלס אלטער באַקאַנטער כאַיִם־לייב, אמאָל אינעם שטעטל א זייגער־פאַריכטער און טאָגטעגלעכער הונגערשטאַרבער. מיכל קומט צו אים אין פעלד. זיי פרייען זיך איינס מיטן אנדערן און שמועסן. א פּאָר ווערטער פונעם שמועס זייערן:

„...כאַיִם־לייב בייגט זיך אײַן, נעמט ארויס פון אונטערן אקער א שטיק פײַכטע שוואַרצערד, לייגט עס ארויף אף דער דלאָניע און וועגט עס, ווי ער פלעגט אמאָל אין שטעטל אָפּוועגן אף דער האַנט א פּאָר גרויסע אויערינגלעך, וואָס א שטעטלשע גווירנטע האָט אים געבראַכט פאַריכטן... ער שטרעקט אויס דאָס שטיקל ערד מיכלען און פרעגט אים:

— דו ווייסט, וואָס דאָס איז?

— אוואַדע ווייס איך. ערד. פעטע, פרוכטבאַרע ערד.

— ווייסטו טאַקע ניט! — טריִומפירט כאַיִם־לייב. — ביסט טאַקע א שטאָטישער, א געלערנטער, א וועלט אויסגעוועזן, נאָר וואָס דאָס איז, ווייסטו ניט. דאָס איז, זאָלסטו וויסן זײַן, היים, עכטע היים, סאָוועטישע, זיכערע. דאָס איז טויזנט מאָל טײַערער און וואָגיקער פון גאָלד מיט בריליאַנטן...״

האָבן דען די אמאָליקע ייִדישע דיכטער געקאָנט אָנרופן די אמאָליקע ליטע, פּוילן צי אַן אנדער טייל פונעם צאַרישן רוסלאַנד מיטן האַרציק־ליבן וואָרט היים? גענומען האָבן זיי דאָס וואָרט היימאַט — פאַרן לייענער א פאַרעווע וואָרט...

און דאָך — היימעלע. ניט געקוקט אף דער ביטערער אָרעמקײַט, אף דער צונויפדריקנדיקער נויט, אף דער רעציכעסדיקער באַציִונג פון דער צאַרישער מאַכט, פון אויבן ביז אראָפּ, ביזן קלענסטן „טשין״, האָבן די ייִדן ליב געהאַט זייער היים. עס האָבן זי טאַקע ליב געהאַט דערעיקער די אָרעמשאַפט, די ארבעטער, די געזעלן, די קליינע באַלמעלאָכעס. וועגן די גווירים איז ניטאָ וואָס צו ריידן. זיי האָבן ליב געהאַט איינס: געלט. פאַר געלט זײַנען זיי געווען יעדע מינוט גרייט צו שפּײַען אף דער גאַנצער היים. פאַר דער היגער ליטווישער היים האָבן א סאַך פון די ארבעטער און אָרעמסטע באַלמעלאָכעס דאָס לעבן אָפּגעגעבן. זיי האָבן געקעמפט צוזאַמען מיט די ליטווינער, פּאָליאַקן, רוסן פאַר עכטער פרײַהײַט פון מענטש און היים. דער צאַריזם האָט זיך מיט זיי אומבע־

[1] זאמדן.
[2] ה. בלאָשטיין. „אָן א היים״, ראָמאַן.

ראַכמאָנעסדיק צערעכנט, די טליִע אײַנגעשלאָסן...

זיי, די... רעוואָליוציאָנערן, האָבן געזען אין זייער הארץ און מויעך די היים אזא, ווי זי וועט זײַן, ווי זי מוז ווערן לויטן גאנג פון דער געשיכטע, לויט דער לערע פון מארקס און לענין. זיי האָבן אין זייער טרוים געזען דאָס גאנצע רוסלאנד א שיינס, א גערעכטס, א מוטערלעך־גוטס צו די אייגענע קינדער.

און זייער טרוים איז מעקויעם געוואָרן. ס'איז געוואָרן היימלאנד.

א שאָד, ניט אלע האָבן דערלעבט צו אָט דער גרויסער היסטאָרישער אויסלייזונג.

געלויבט זאָל זײַן זייער אָנדענק!

מײַן לאָפּעטקעלע באַם זיקאָרן אין האנט שאָבט ווײַטער די ווענט פון מײַן לעבן.

...ס'איז דער צווייטער טאָג אין כוידעש מײַ. די ארומיקע נאטור — א מאיאָווע. איך גיי אָף די וועגן און שטעגן, איבער פעלד מיט קאָרן, און וויפל בלומען וואקסן אומעטום! סײַ צווישן די זאנגען, סײַ אין די לאנגע גראָבנס, וואָס טיילן אָפּ די פעלדער פונעם שליאך. נאָר ווער טראכט איצט פון דער נאטור, ווער באמערקט איר שיינקײַט, ווער ציט ארײַן מעכײַעדיק אין זיך דעם שמעקנדיקן ארום?

איך גיי און טראכט, אז אָט־אָט באלד, נעבן דער אײַזערנער בריק איבערן טײַך נעוויאזשע וועט דער פאטרול מיך פארהאלטן און ניט גלייבן אין קיין איין וואָרט, וואָס איך וועל זאָגן. כ'וועל דעם סאָלדאט דערציילן, אז ערשט נעכטן בין איך, דער נײַנצניאָריקער באָכער, געלאָפן קיין שאט, א שטעטל, וואָס ליגט א וויאָרסט אכצן פונדאנען. דאָרט האָב איך קרוויִים, און כ'האָב געוואָלט בא זיי בלײַבן א שטיקל צײַט, ביז עס וועט ווערן רויִק אין מײַן שטעטל, וואָס ליגט דאָ, פון יענער זײַט בריק. און אין אָרעמען פּאָרטפעל, וואָס אונטער מײַן אָרעם, מעג ער ארײַנקוקן. כוץ א העמד און א שטיקל ברויט און א פּאָר ביכלעך מיט א צענזור, איז דאָ גאָרנישט ניטאָ. אין די קעשענעס האָב איך אויך גאָרניט, כוץ עטלעכע אויסשניטן פון צײַטונגען, ווו עס זײַנען געדרוקט מײַנע ערשטע לידער. וועט ער מיך פרעגן: „וויאזוי ביסטו אריבער די בריק נעכטן? און וואָס הייסט, ווען ס'וועט ווערן רויִק? דו וואַרטסט אפן דײַטש, האָ? קום מיט מיר, דאָרטן וועט מען שוין אופקלערן”... איך ווייס גאנץ גוט, וואָס דער „דאָרטן” איז: קיין ייִד, וועלכן מ'האָט גענומען אין יענעם „דאָרטן”, איז שוין מער אהיים ניט געקומען. כ'האָב נאָך ווײַט פאר דער בריק אָנגעהויבן צוטראכטן דעם פאטרולס פראגעס און מײַנע ענטפערס... צו דער בריק בין איך צוגעגאנגען מיט געמאכטער רויִקײַט און האָפערדיק. איך האָב פארייכערט א פּאַפּיראָס און פארגעדענקט דאָס שטיקל עמעס: מײַנע קרוויוים זײַנען אוועק פון שאט נאָך איידער איך בין געקומען. עמעס איז אויך געווען, אז נעכטן איז דער פראָנט שוין געווען גאָר ניט ווײַט פון שטעטל, און אויב איך בין געלאָפן, הייסט עס ניט, אז איך בין געלאָפן צו די דײַטשן, נאָר פארקערט: געלאָפן פון זיי.

איך גיי צו צו דער בריק מיטן פּאַפּיראָס אין מויל און וויל גיין ווײַטער, ווי ניט מיך מיינט מען. נאָר א באשפּיזטע ביקס פארצוימט מיר דעם וועג. בלײַב איך שטיין און וואַרט, וואָס ער וועט מיך פרעגן, אָט דער קליינוווקסיקער געשטופּלטער סאָלדאט, וועלכער איז מיסטאמע ניט קיין סאך עלטער פון מיר. און וואָס קוקט ער זיך אזוי ארום אין אלע זײַטן? נאָכדעם זאָגט ער צו מיר צוויי ווערטער:

— דײַ זאַקוריט!

נעם איך ארויס דאָס ערשט אָנגעהויבענע פּושקעלע פּאַפּיראָסן און דערלאנג אים:

— נעם, — זאָג איך, — אינגאנצן. איך ווייס, וואָס עס הייסט בא א רויכערער, אז ס'איז ניטאָ, מיט וואָס זיך צו פארציִען...

טוט ער א שאָקל מיטן קאָפּ און קוקט זיך ווידער ארום אין אלע זײַטן און זאָגט:

— אידי, בראַטאָק, ביסטראָ (גיי, ברודערקע, גיך).

אז מע דארף לעבן, טרעפן „ניסים”...

מיט א פּאָר טעג שפּעטער — דעם 5 מײַ 1915, — ווען מיר זײַנען אופגעשטאַנען און ארויס אין גאס, האָבן מיר דערזען אף די ווענט פריש־צעקלעפּטע רויטע פּאַפּירלעך: אלע ייִדן פון דעם ראַיאָן דארפן אין מעשעך פון 24 שאָ אוועק פונדאנען, מיטנעמען מיט זיך נאָר וויכטע זאכן. ווען מע וועט געפינען דאָ אין ראַיאָן נאָכן אָנגעוויזענעם טערמין, וועט איבערגעגעבן ווערן צום פעלד־געריכט. אפן וואָקזאַל וואַרטן וואַגאָנען...

אזוי זײַנען מיר געוואָרן א טייל פונעם גייִרעש ליטע — דער טראַגעדיע פון הונדערטער טויזנטער ייִדן. איך האָב וועגן אָט דעם גייִרעש און זײַן ווײַטערדיקן פארלויף דערציילט אין דעם ערשטן בוך פון מײַן ראָמאַן „אָן א היים”. דערציילט ברייטלעך, באַזיניקט, ווײַל געשריבן האָב איך דעם ראָמאַן מיט א היפּש ביסל יאָרן שפּעטער, לעבנדיק שוין אין סאָוועטנפארבאנד. דאָ וויל איך בלויז פארצייכענען א פּאָר מאָמענטן, וואָס זײַנען אין בוך ניט ארײַן.

א גרויסער אומגליק, אז ער טרעפט, טרעפט ער דעריקער מיט דער גאנצער טײַוולשער קראַפט די אָרעמע. די רײַכע גייט ער פארבײַ, סײַדן אן אומגעריכטע, סטיכישע קאטאסטראָ־

פע — אַן ערדציטערניש, א פאַרפּלייצונג, א סרייפע. נאָר בא זיי איז אלצײנס אלץ פאַרסטראַכירט. אזוי איז עס געווען אויך דאָס מאָל באַם גײרעש. די רײַכע, די פּײַנגאָלדס, גינזבורגס, מיזרעכס און אנדערע קלענערע גווירים זײַנען נאָך פריִער אוועקגעפאָרן טיפער אין לאַנד, וואָס ווײַטער פונעם פראָנט. געבליבן זײַנען די אָרעמע, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין גראָשן אין קעשענע — די ארבעטער, גײזעלן, באַלמעלאָכעס, לערער, מעלאַמדים, קלײַקוידעש, פעלדשערס (דאָקטוירים זײַנען געווען פאַרמעגלעך). איך בין שוין דעמלט געווען א לערער, „אונטערגעצויגן גראָבע קעפּ". בין איך געגאַנגען צום וואָקזאַל מיטן גאַנצן שטראָם, געטראָגן אַף זיך די „ווייכע" זאַכן, וועלכע האָבן שטאַרק געשניטן און געקוועטשט די פּלײצע, דעם רוקן: ווי־ניט־איז האָט די מאַמע אַרײַנגעפּאַקט אַהין א פּאָר טעפּ, א פאַן, א סקאָוואָראָדע...

פונדעסטוועגן, האָב איך א פּאָר קלײניקײַטן באַמערקט אינמיטן צאָרע־גאַנג. אָט גיי איך אַף דער בריק איבער דער סמילגע, איך בייג מיך אַריבער דער פּאָרענטשע און דערזע, ווי עס שווימען נעבן דער בריק אַזוי רויִק, הויך פאַרהייבנדיק דעם קאָפּ, א גאַנצע גרופּע ווײַסע, און א ביסל אין א זײַט פון זיי אויך שוואַרצע שוואַנען. כ'האָב אַלעמאָל ליב געהאַט צו קוקן אַף זייער שטאָלצער שײנקײַט. געהערט האָבן זיי צום נאָענטן גרויסאַרטיקן פּאַרק פונעם גראַף טאַטלעבען. די פּריצים זײַנען אין פּאַלאַץ ניט געווען. זייערע „אָרדינאַרשטשיקעס" (פּויערים, באַטראַקעס) זײַנען אָבער גרופּקעלעכווײַז געשטאַנען אַפן וועג און אונטערגעטראָגן, אַז מע זאָל ניט זען, די אַרויסגעטריבענע א פלעשל מילך, א לאַבן ברויט. זיי האָבן דאָך זיך באַנייט און באַשיכט בא די שנײַדערס און שוסטערס, וואָס מע טרײַבט אַרויס!

ווי גוט איז די שוואַנען, האָב איך אומעטיק א טראַכט געטאָן: זיי גייט דער באַפעל ניט אָן!

און נאָך עפּעס האָב איך אין טרויער־גאַנג באַמערקט: דער שטעטלשער באָכער, וואָס איז, ווי מע האָט דערציילט, אַראָפּ פון זינען איבערן געליבטן מיידל, האָט זיך א רעגע אָפּגעשטעלט, צוגעגאַנגען צום טויזנטיאָריקן דעמב אַפן ראַנד פון וועג און אים אַרומגענומען אַף ווי ווײַט די הענט האָבן געגרייכט און א קוש געטאָן אים אין דער קאָרע!

שפּעטער, אַז איך האָב מיך אין אָט דעם געזעגן־קוש דערמאָנט, האָב איך געטראַכט און טראַכט אויך איצט, שרײַבנדיק אָט די שורעס, ווי מיר אַלע, אַרבעטער, האָרעפּאַשניקעס, האָבן ליב געהאַט אונדזער היים, וועלכע איז, אין ברייטערן זין פון וואָרט, גאָר קיין היים ניט געווען. דאַכט זיך — וויִאַזוי האָט מען געקאָנט ליב האָבן אַזאַ היים, וואָס האָט זיך שטענדיק געפונען אין די בלוטיקע וווערגנדיקע הענט פונעם צאַר דעם אויסוווּרף! אָבער דאָך... מיר האָבן ליב געהאַט די ערד, די שיינע גוטע מאַמע־ערד, און אַפילע פאַרוואָגלט וואַנדערנדיק ווײַט פון איר, האָבן מיר גערופן זי — דורך די פאַרבענקטע נאָך איר דיכטער אונדזערע — היימעלע. זי איז דאָך געווען אונדזער וויגליד, דאָ האָבן אונדזערע עלטערע ברידער און שוועסטער געקעמפט פאַר דעם, אַז דאָס לאַנד אינגאַנצן — און אויך אונדזער שטיקל ערד — זאָל אַראָפּוואַרפן ניי־קאָלײַ דעם בלוטיקן און זאָל ווערן א היים, אַן עמעסע היים פאַר אַלע פעלקער. זיי האָבן מיטן גאַנצן לײַב־און־לעבן זייערן געגלייבט, אַז אַזוי וועט טאַקע זײַן. צוליב דעם זײַנען זיי געגאַנגען אַף די טליִעס, אין די טפּיסעס, אין סיביר — צוזאַמען מיט זייערע ליטווישע, פּוילישע, רוסישע ברידער און שוועסטער.

זייער ליכטיקער טרוים איז מעקוייעם געוואָרן. ניט אַלע האָבן דאָס דערלעבט. זאָל דער אָנדענק זייערער געהייליקט זײַן אַף אייביק!

דאָס אויסגעקעמפטע נײַע רוסלאַנד איז געוואָרן א טרײַ היימלאַנד פאַר די פעלקער. און אַז דאָס קאָלאָסאַלע לאַנד זאָגט אָטעטשעסטוואָ אָדער ראָדינאַ־מאַט, זאָגן מיר אויך פונעם גאַנצן האַרצן אָט די זעלבע ווערטער. און אָפּט, גאָר אָפּט נעמען מיר זיי אַלע, די דאָזיקע הייליקע ווערטער, אַרײַן אין דעם וווּנדערלעכן וואָרט: היימלאַנד!

...אַז איך לייען וועגן די בוקאָווסקיס, אַמאַלריקס און אַנדערע אַזעלכע קלוימערשטע „אַנדערשדענקענדיקע" — עמעסע סאָנים, פאַרביסענע סאָנים פון סאָציִאַליזם און קאָמוניזם בכלל און פון אונדזער היימלאַנד ביפראַט, טראַכט איך, וואָסערע פאַרקריפּלט־מיִעסע און צונויפגעדרייטע שלאַנגען זיי זײַנען. זיי קריכן אין די אימפּעריִאַליסטישע „הויכע פענצטער", אַזש צו די פּרעזידענטן, און דערקלערן, אַז דאָס איינציקע מיטל צו ראַטעווען די וועלט איז איבעררײַסן אַלע פאַרבינדונגען מיטן סאָוועטנפאַרבאַנד. דער הונגער וועט אים אָנלערנען...

ווי נידעריק „מענטשן" קאָנען פאַלן! דער לייענער וועט, מיין איך, פאַרשטיין, פאַרוואָס איך נעם דעם הויכן באַגריף מענטשן אין דעם פאַל אין גענדזנפיסלעך.

מיר דערמאָנט זיך בא דער געלעגנהײַט דער רוסישער פּאָעט באַלמאָנט. אין די ערשטע יאָרן פון בירגערקריג האָב איך אין דער כאַרקאָווער צײַטונג „יוזשני קראַי" געלייענט זײַנע א פּאָעמע קעגן דער רעוואָליוציע.

און דאָך... מיט עטלעכע יאָר שפּעטער, אינמיטן די צוואַנציקער, האָב איך געקויפט זײַנס א נײַ ביכל עסייען מיטן נאָמען „גדיע מאָי

דאָס?" („ווּ איז מײַן היים?"). ער האָט זיך פֿאַר די יאָרן אין זײַן וועלט־אַנשויונג געביטן. אָבער ער איז זייער ווײַט געווען פֿון די דעמלטיקע בוקאָווסקיס און אַמאַלריקס. ער האָט זײַן געוועזענע היים ליב געהאַט. טאַקע אין דער עסיי „ווּ איז מײַן היים?" שרײַבט ער: באַנאַכט, אַז איך גיי אַרויס אין דרויסן, הייב איך אויף מײַנע הענט צום אויסגעשטערנטן הימל און בעט: גאָט, גיב רעגן און זון צו דער צײַט פֿאַר מײַן רוסלאַנד... און וואָס איז, אַז עס זײַנען דאָרט איצט באָלשעוויקעס, זיי זאָרגן אָבער וועגן מײַן לאַנד... גיב זיי אַ גוטע גערעטעניש!

(איך ציטיר לויטן זיקאָרן. אָבער דער געדאַנק און די ווערטער, וואָס איך ברענג, זײַנען באַלמאַנטס). ווי נישטיק און מיִעס עס זײַנען הײַנט די בוקאָווסקיס און זייער גלײַכן!

מיר האָבן אַלע איבערגעלעבט די צווייטע פּאַטערלענדישע מילכאָמע. זי האָט אונדזער לאַנד געקאָסט 20 מיליאָן לעבנס. ניטאָ, דוכט זיך, אַזאַ אָרט אין די ראַיאָנען, וואָס די היטלער־באַנדיטן האָבן כאַטש אויף אַ קורצער צײַט פֿאַרנומען, עס זאָל דאָרט ניט זײַן קיין ברודער־קייווער. און די ייִדן האָט דאָך היטלער אינגאַנצן אויסגעראָטן!

ווער זשע זײַנען די ייִדן, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט? ווער האָט זיי געראַטעוועט אין דעם סאַמע בראַנד פֿונעם גרויסן אומגליק, וואָס האָט געטראָפֿן אונדזער לאַנד? ווער האָט, שטייענדיק אַליין אינעם פֿײַער, אונדז געראַטעוועט פֿונעם פֿײַער?

די מאַמע, די היימלאַנד־ערד האָט געראַטעוועט אירע קינדער...

...דעם 7 יול 1941, שפּעט אין דער נאַכט, ווען די היטלער־האָרדעס זײַנען צוגעקומען צו קיִעוו, זײַנען מיר געפֿאָרן צום דניעפּער, ווּ ס'האָט געוואַרט אויף אונדז אַ שיף. מיר האָבן מיטגענומען מיט זיך נאָר דאָס סאַמע נייטיקסטע. איך דערמאָן זיך: די פֿרוי האָט געוויינט, געוואָלט נעמען נאָך עפּעס מיט זיך, האָט איינער פֿון די, וועמען עס האָט אונדז געראַטעוועט, געזאָגט: „מיר ווילן ראַטעווען אײַער לעבן. זאַכן וועט איר האָבן אַנדערע, אַבי נאָר די נעשאָמעס זאָלן בלײַבן"... ער איז געווען גערעכט. און ער מיט זײַן נעשאָמע איז געבליבן אין שטאָט, אין דער גרעסטער געפֿאַר...

קיִעוו האָט פֿולשטענדיק פֿאַרדינט דעם הויכן טיטל: „שטאָט העלד".

איך דאַרף דאָ צוגעבן, ס'פֿלעגן די הויז־פּאַרוואַלטערס (אופּראַוודאָמען) גיין איבער די דירעס און דערמאָנען די ייִדישע אײַנוווינער, אַז אויפֿן וואָקזאַל, אויף אַזאַ און אַזאַ ליניע, וואַרטן באַנען צו עוואַקויִרן זיי.

צי קאָנען און מעגן ייִדן דאָס פֿאַרגעסן! אַ שאַנדע צו די, וואָס האָבן עס יאָ „פֿאַרגעסן" און פֿאַרלאָזט דאָס מאַמע־היימלאַנד!

...מיר פֿאָרן מיט דער שיף קיין דניעפּראָפּעטראָווסק. אין הימל איבער אונדז פֿליִען שוואַרצע „רויב־פֿייגל". פֿון ביידע זײַטן שיף רײַסן זיך באָמבעס. מוטערס בייגן זיך אַריבער איבער די פּיצלעך קינדער, וואָס שלאָפֿן זיך גאַנץ געשמאַק, און באַשיצן זיי מיט זייערע קערפּערס. און פּלוצעם, אין דער פֿינצטער, הייבט עמעץ אָן צו זינגען שעווטשענקאָס „זאַפּאָוויט" („צאַוואָע"): „אַז איך וועל שטאַרבן, באַגראָבט מיך אויף מײַן ליבער אוקראַיִנע"... די ליד כאַפּט אונטער די גאַנצע שיף. די גאַנצע שיף זינגט, און די גאַנצע שיף וויינט...

אין עוואַקואַציע, לעבנדיק שוין אין אַ קאָלווירט ניט ווײַט פֿון אַלמאַ־אַטאַ, האָב איך אָנגעשריבן אַ ליד:

דער טאָג איז לאַנג, און ס'איז ניט גרינג
די מי,
צו רייניקן פּאַרוואַקסענע אַריקן.
נאָר אָט איז אָוונט שוין. אויף ברענענדיקע בריקן
גייט אָפּ דער טאָג, אין פֿײַער ביז די קני...
און פּרויען באָרוועסע פּאַרוואָרפֿן די קעטמענען[1]
ווי ביקסן אויף די אַקסלען, און מע גייט
אַהיים, צום דאָרף. אויף שמאָלע דלאָניעס ברענען,
ווי הייסע קוילן, די מאָזאָליעס שטילערהייט.
אין וועגן הרודיקע, נאָך ניט גענִיט,
דער פּוס דער שטאָטישער זוכט ווייכע קאָליעס.
נאָר יונגע מיידלעך זײַנען קיינמאָל מיד,
ווען ס'קושט דאָס ווינטעלע די זילבערנע
טאָפּאָליעס.
און אָט האָט איינס פֿון זיי צעלאָזט זיך אין
אַ ליד,
און אַלע כאַפּן אויף: „עך, פּאָליע נאַשע, פּאָליע"...
די שטימען זײַנען פֿריש און זאַפּטיק, ווי
דאָס גראָז,
וואָס ס'קושט דער אָוונט עס מיט טויִיק־פֿרישע
ליפּן.
און כ'פֿיל: אַפּילע בענקשאַפֿט און פֿאַרדראָס —
זיי לײַטערן זיך דורך די יוגנטס גאָלד'נע זיפּן...
און איך זינג אויך: אָ, זײַ געבענטשט, מײַן לאַנד,
וואָס דו האָסט אונדז אין טעג, אין סאַמע
האַרבע,
גענומען מיט דײַן מוטערלעכער האַנט,
אַרויסגעפֿירט צו אָפּרו און צו אַרבעט.
און ווּ מיר קומען, איז עס ניט קיין פֿרעמד,
און אומעטום באַגעגענען אונדז ברידער,
און ס'זינגט באַ אַלע אונדז אונטערן העמד
דאָס האַרץ, און אויף דער ליפּ — די זעלבע
לידער!

---

[1] סאַפּקעס צום פּאָליען אין פֿעלד און אין גאָרטן.

איז זײַ געגריסט מיט דײַנע זעכציק יאָר רע־וואָליוציע, און זײַ געבענטשט, אונדזער מאמע־היימלאנד!

איצט, אז איך בין שוין אַרײַן אין 82־טן יאָר פון מײַן לעבן, אינטערעסירט מיך דעריקער די פראגע: וואָס איז גליק?

בא אונדז אין לאנד, אז מע שטעלט הײַנט אָט די פראגע, איז ענטפערן אף איר גאָרניט שווער: אויב מע איז געזונט, מ׳איז צופרידן מיט דער ארבעט און מע האָט אַן אײַנגעגעבן פאמיליע־לעבן, געראָטענע קינדער און אייניק־לעך, און מע איז נאָך דערצו געזעלשאפטלעך־אקטיוו — איז דאָס אוואדע גליק.

אין מײַנע יונגע יאָרן איז דער באגריף גליק געווען ניט אזוי פראָסט. א זון פון גאָר אַן אָרע־מער פאמיליע, האָב איך שוין פון קינדווײַז אָן פײַנט געהאט די רײַכע, די, וואָס לעבן אפן כעזשבן פון די אָרעמע. גאנץ פרי האָבן מיר זיך שוין געשטעלט דעם ציל צו קעמפן קעגן די רײַכע. פון מײַן ערשט ביכעלע, וואָס איז ארויס אין 1923 אין קאָוונע, ביז דעם ביכל לי־דער, וועלכער איז דערשינען הײַנטיקס יאָר אין פארלאג „סאָוועטסקי פיסאטעל״, גייט דורך, לאָזט זיך פילן א שטארקער געפיל: סינע צו דער קאפיטאליסטישער וועלט און טיפער גלויבן אין דעם, אז דער מענטש איז געבוירן פאר גליק און וועט דאָס גליק אויסקעמפן אומעטום.

אין די טעג, ווען מיר עטעמען אלע מיט די 60 יאָר אָקטיאבער־רעוואָליוציע, טראכט איך, אז דאָס איז גליק! אונדזער רעוואָליוציע האָט ניט נאָר אונדז באפרײַט, אין איר העלער ליכט און מיט אונדזער הילף האָט זיך ארויסגעריסן פון אונטער דעם אימפעריאליסטישן יאָך און אוועק אפן סאָציאליסטישן וועג א גרויסע ריי לענדער אין אייראָפּע, אזיע, אמעריקע און אפ־ריקע. איז דאָס אוואדע א גרויס גליק — די פארווירקלעכונג פון צילן, דער טריומף פון אונדזער געניאלן הויפּט־ארכיטעקטאָר באם בויען די נײַע געזעלשאפט, די נײַע וועלט — דער טריומף פון לענינען.

ב ר אַ כ ע און אַ ר ן ב ו ר ש ט י י ן

דער באַלעבאָס איבערן אופֿרײַם

„דער פּרעזידיום פֿון דער וויסנשאַפֿט־אַקאַדעמיע פֿון פֿססר האָט באַהאַנדלט די טעטיקייט פֿונעם וויסנשאַפֿטלעכן ראַט איבער דער פּראָבלעם „דאָס אויסנוצן אופֿרײַסן אין דער פֿאָלקסווירטשאַפֿט". מיט אַ פֿאָרטראָג איז אַרויסגעטראָטן דער פּרעזידענט פֿונעם ראַט, דער אַקאַדעמיקער מ. אַ. סאַדאָווסקי.

דער פּרעזידיום פֿון דער וויסנשאַפֿט־אַקאַדעמיע האָט באַוויליקט די טעטיקייט פֿונעם ראַט. ס'איז אָנערקענט געוואָרן, אַז די הויפּט־ריכטונג פֿון דער אַרבעט דאַרף זײַן — קאָאָרדינירן די פֿאָרשונגען אין פֿאָלגנדיקע געביטן: אויסאַרבעטן נײַע מעטאָדן פֿון בויען גרויסע הערבליעס מיטן קויעך פֿון געריכטעטע אופֿרײַסן און אויסזוכן אָן אָפּטימאַלע סכעמע פֿון אַזעלכע אופֿרײַסן אין באַרגיקע געגנטן..."

„וועסטניק אַקאַדעמיי נאַוק סססר", נומ. 6, 1976.

פֿון טאַשקענט ביז טשיטאַ האָט מוישע בורשטיין, מיט וועמען מיר האָבן זיך באַקאַנט, זיך דערקליבן פֿאַר פֿינף שאָ מיטן עראָפּלאַן. אין טשיטאַ, ביז עס האָט זיך געגרייט דער ספּעציעלער עראָפּלאַן קיין אוסט־מוי, האָט ער שפּאַצירט איבער די גאַסן פֿון דער אַלטער סיבירער שטאָט, באַוווּנדערט די אייגנאַרטיקע צאָפּנדיקע געבײַדעס, באַזוכט די ערטער, וואָס דערמאָנען אין די דעקאַבריסטן. דעם עראָפּלאַן האָט מען ענדלעך צוגעגרייט. ניט געקוקט אַף דעם, וואָס דער זומער האָט געהאַלטן אין סאַמע מיטן, זײַנען די פּילאָטן געגאַנגען אָנגעטאָן אין וואַרעמע קורטקעס און אין הויכע, אַריבער די קני פֿוטערנע שטיוול. די אויסגערעכנטע באַוועגונגען, די וואַרעמע מאַלבושים און דער גאַנצער אויסזען פֿון די פּליִער — דאָס אַלץ האָט אונטערגעשטראָכן די ערנסטקייט פֿון דעם איניִען, מיט וועלכן זיי פֿאַרנעמען זיך.

די נעסיִע ביז אוסט־מוי איז דורכגעגאַנגען גאַנץ איינפֿאַך. אונטער די פֿליגל פֿונעם עראָפּלאַן האָט זיך צעשפּרייט אָן אַ סאָף און אָן אַ ברעג אַ טונקל־בלויע קאָלדרע פֿון וואַלד, אַ דורכגעשלענגלטע מיט הימל־בלויע אָדערן פֿון טײַכן. אין פֿאַרגלײַך מיט די נאַקעטע פֿאַרשנייטע בערג און געלבלעכע שטיקער מידבער פֿון מיטל־אַזיע איז אָט דער פּייזאַזש גאָר ניט קיין געוויינלעכער.

אין אוסט־מוי האָט ווידער געטראָפֿן אַן אָפּהאַלט. דאָס מאָל האָט מען געמוזט וואַרטן, ביז ס'וועט זיך אומקערן פֿון ערגעץ דער קאַפּיטאַן פֿונעם איין־און־איינציקן אין יענע קאַנטן פֿאַרקער־מיטל — אַ קליינטשיק שיפֿעלע מיט אַ פּיצינקער קאַיוטקע. דער קאַפּיטאַן — איינציִיקער רודערער און דער מאָטאָריסט — האָט זיך באַוויזן ערשט אַפֿן דריטן טאָג. מע האָט גיך איבערגעביסן, אַרײַנגעוואָרפֿן אין שיפֿל די נייטיקע כפֿייצים, און ווײַטער אין וועג אַרײַן.

דאָס שיפֿל איז געשווומען גיך. אין טײַך האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט דער טונקעלער טאַנען־וואַלד און די פֿעלדזיקע אָפּרײַסן פֿון די ברעגן. ערטערווײַז האָט דאָס וואַסער אויסגעזען דערפֿון זייער טונקל, און עס האָט זיך געשפּירט אין דעם אַן אומגעהייערע טיפֿקייט און אַ געהיימער פֿאַרבאַהאַלטענער קויעך. מוישע בורשטיין האָט זיך אײַנגעקוקט אין אָט דער טונקלקייט: דער טײַך — קעגן יענע, באַקאַנטע פֿון מיטל־אַזיע — האָט געגרעגט מיט זײַן מעכטיקייט. אין זיקאָרן האָבן אופֿגעלעבט ציפֿערן, וועלכע ווערן אָנגערופֿן אין די פּראָיעקטן. 20 טויזנט קובאָמעטער וואַסער אַ רגע טראָגט מיט זיך דורך דער טײַך! ביז דאַן פֿלעגט בורשטיינען אויסקומען האָבן צו טאָן מיט טײַכן, וועלכע האָבן אַפֿילו בײַ די גרעסטע געוויסערן ניט איבערגעשטיגן

אף דער בויונג פון דער נורעקער הידראָעלעקטראָסטאנציע. דער צווייטער פון רעכטס — מוישע בורשטיין.

קיין דרײַ־פינף קובאָמעטער א רעגע. אָבער איין זאך — ווען עס רעדט זיך וועגן די דאָזיקע צוואנציק טויזנט קובאָמעטער אפן פאפיר, און גאָר עפעס אנדערס — דערזען דאָס באשײַמפערלעך: דעם דראנג פונעם לעבעדיקן שטראָם, די ווײַסע קאמען אף די כוואליעס בא די דערטרונקענע פעלדזן, די וואסער־ווירבלען ארום זייערע גלאנציקע שפיצן. א צויבער־וועלט! דער געדאנק וועגן א רעאלער מעגלעכקײַט צו פארווירקלעכן דאָס, וואָס ער האָט פארטראכט, האָט איבערגעפולט זײַן הארץ מיט הייסער פרייד. מאכשאָוועס — פריילעכע און ניט זייער — האָבן איבערגעיאָגט איינע די אנדערע, ווי אָט די שטײַפע וואסער־שטראָמען, וואָס דאָס שיפל האָט אויסגעשלאָגן פון די ווירבלענדיקע כוואליעס. אין די אויערן איז אָן אופהער געשטאנען א נימעסער טראסק פונעם מאָטאָר, און פון דעם אלעמען איז בורשטיינען אונטערגעגאנגען א קנויל אונטערן הארצן און עטוואָס פארדרייט אים דעם קאָפ.

דאָס שיפל האָט זיך דערווײַל דערנעענטערט צו דער קינפטיקער טראסע פון דער בײַקאל־אמורער מאגיסטראל. לויט דער קארטע נאָך האָט דאָ ערגעץ געדארפט זײַן א ייִשעוו ספיצינאָ, נאָר עפעס זעט מען אים אלץ ניט. מע איז נאָך געשווומען לאנג. שפעט אפדערנאכט האָט דער גאָלדענער זון־קײַלעך ענדלעך זיך צוגעקאטשעט ביז צו די קרוינען פון די ביימער, זיך צעשפילט און צעגאָסן איבערן וואסער מיט א וואונדערלעכן גינגאָלד און זיך פויל אראָפגעלאָזט הינטערן וואלד. דער וואלד האָט טייקעף אָנגעוואָרן אלע זײַנע קאָלירן און פעסט זיך אוועקגעשטעלט איבער די ברעגן פונעם טײַך, ווי א שלאָס־מויער מיט א שפיצעכיקן אויבן.

די נאכט האָט זיך פאמעלעך געניגט צו דער ערד. ס'איז שוין לאנג צײַט געווען מאכן אן אָפשטעל אף נאכטלעגער. פארן גרויסן זומערדיקן טאָג האָבן די רײַזנדער זיך גוט אײַנגעמידט און שוין שטארק ארויסגעקוקט אף אָפרו. אלע האָבן געשוויגן — רעדן האָט זיך ניט געגלוסט. ווו זשע איז פאָרט ספיצינאָ? אין דער טונקל וואָלט מען זיך געקאָנט געווען ריכטן, אז דער ייִשעוו וועט זיך לאָזן זען נאָך פונדערווײַטנס כאָטש מיט דער שײַן אין די פענצטער. איז דאפקע ניט. פיר פאָר אויגן האָבן זיך אָנגעשטרענגט אײַנגעקוקט אין די טונקעלע ברעגן, נאָר די טײַגע איז פון ביידע זײַטן צוגעטראָטן צום טײַך, ווי א טויבע וואנט. ספיצינאָ האָט זיך מיט גאָרניט ארויסגעוויזן.

— סאָפקאָלסאָף... — האָט אָנגעכמורעט א בורטשע געטאָן איינער פון די רײַזנדער, — א ייִשעוו, מישטיינסגעזאָגט...

דאָרטן, וווהין ער האָט א ווײַז געטאָן מיט דער האנט, איז געווען די זעלביקע טונקלקײַט, ווי אומעטום. נאָר אין איין אָרט איז דער וואלד עטוואָס אָפגעטראָטן פון דעם וואסער און באם ברעג איז געשטאנען א קליין הילצערן יעגער־שטיבל. אן איין־און־איינציקס!

אין דעם שטיבל האָט עמעצער געטרײַ פארגרייט און איבערגעלאָזט בא דער הרובקע א ביסל האָלץ, שפּענדלעך, טרוקענע שוועבעלעך, און אין דרויסן איז באם ארײַנגאנג געווען צוגעקלאפּט א ברעטל מיט אן אופשריפט: „מענטשן, דאָ וועט דורכגיין דער באם!”.

צום אזויגערופענעם „מאָק” איז מען אָנגעקומען ערשט אף מאָרגן. ווײַט ניט אף יעדער געאָגראפישער מאפּע געפינט מען אָט דאָס אָרט. נאָר אויב נעמען א מאפּע גאָר א גרויסע און אָפּמעסטן אף איר פון רעכטס, מיזרעך־צו, באם צאָפנדיקן שפּיץ פונעם אלטן בײַקאל לערעך 400 קילאָמעטער, קאָן מען באם ברעג פונעם טײַך וויטים דערזען א פּיצעלע פּינטעלע מיט א מאָדנעם נאָמען: „מנאָגאָאָבעשטשאיושטשאיאקאָסאַ” („דער פּילצוזאָגנדיקער זאמד־פּאס”). „מאָק” איז צונויפגעשטעלט פון די ראָשעטייוועס פון דעם דאָזיקן נאָמען. אמאָל האָבן דאָס אָרט אזוי אָנגערופן די גאָלדזוכערס. לויט אייניקע סימאָנים האָט דאָרט געדארפט זײַן גאָלד. עמעס, גאָלד האָט מען טאקע געפונען, אָבער גאָר ניט קיין סאך. מע האָט עס ארויסבאקומען און דאָס אָרט פארלאָזט. גלײַכער וואָלט מיסטאמע געווען אָנרופן דאָס אָרט „דער זאמד־פּאס פון ניט פארווירקלעכטע האָפענונגען”. אזוי אָדער אנדערש, נאָר באם ברעג טײַך זײַנען נאָך די גאָלדזוכערס פארבליבן עטלעכע הילצערנע געבײַדעס, וועלכע זײַנען מיט דער צײַט אונטערגעפוילט און צעשעדיקט געוואָרן. הײַנט האָט מען זיי א ביסל צורעכט געמאכט, און עס האָט זיך דאָרט אָפּגעשטעלט אן אויספאָרשונגס־עקספּעדיציע פון בויער פאר דער בײַקאל־אמורער מאגיסטראל.

די אָנגעקומענע מיטן שיפל דרײַ פארשוין — דער הויפּט־אינזשעניר פונעם פּראָיעקט פון דעם מאָקער הידראָקאָמפּלעקס גענאדי איוואנאָוויטש מאקסימאָוו, דער הויפּט־ספּעצ:אליסט, קאנדידאט פון טעכנישע וויסנשאפטן מאָ:סיי פּײַוועלעוויטש בורשטיין מיט נאָך אן אינזשעניר — האָבן פארגעשטעלט מיט זיך גאָר אן אנדער עקספּעדיציע. א קליינינטשקע, אָבער מיט באזונדערע, זייער וויכטיקע אופגאבעס. געשיקט איז זי געווען פונעם אינסטיטוט „הידראָפּראָיעקט” און האָט געזאָלט אויספירן א פּאסיק אָרט פאר דער הערבליע פונעם קינפטיקן הידראָקאָמפּלעקס. די הידראָעלעקטראָסטאנציע, וואָס דארף אויסגעבויט ווערן („מאָקער העס” — סארא שיינער נאָמען!), וועט געבן עלעקטרע פארן באם. די הערבליע וועט זײַן ניט קיין געוויינלעכע: מע וועט זי אָנשיטן מיטן קויעך פון א געריכטעטן אופרײַס. אזא מעטאָד צו שאפן א הערבליע איז אָנגענומען געוואָרן פאר דער מאָקער העס אלס איינער פון די גרונט־וואר:יאנטן, און ער ווערט אויסגעארבעט אונטער מוישע בורשטיינס אָנפירונג.

מאָ:סיי פּײַוועלעוויטש איז איצט אָנגעקומען אהער, קעדיי אפן אָרט זיך איבערצײַגן אין דער מעגלעכקײַט צו רעאליזירן דעם וואר:יאנט: שאפן די הערבליע אפן גרינגסטן, פּאָשעטסטן און ביליקסטן אויפן — מיט דער הילף פון אן אופרײַס. דאָס מאכט מעגלעך אויסצובויען די מאָקער העס, נאָך איידער דער באם ווערט פּולקאָם פארטיק (גאנץ קלאָר, און דאָ איז איבעריק צו פארטײַטשן, ווי נוצלעך און געלונגען עס איז צו באקומען אף דער קינפטיקער אײַזנבאן־מאגיסטראל די ביליקע עלעקטרע וואָס פר:ער, בייס עס פירט זיך נאָך דאָרט די בויונג). קיין אנדער רעאלער אויסוועג צו פארווירקלעכן אזא אונטערנעמונג איז ניט בענימצע. עס טויגן ניט די טראדיצ:אָנעלע וואר:יאנטן, לויט וועלכע ס'זײַנען שוין אויסגעבויט געוואָרן הונדערטער הידראָעלעקטראָסטאנציעס אין דער וועלט. די דאָזיקע העס וועט אָפּשטיין פון די נאָענטסטע טראנספּאָרט־וועגן אף 600 קילאָמעטער.

די בויונג פון א הערבליע אסאָצ:ירט זיך הײַנט אפילע בא גאָר ווײַטע פון הידראָטעכניק מענטשן מיטן הודען און ברילן פון מעכטיקע סאמאָסוואלן, וועלכע צ:ען זיך אויס אין א לאנגער ריי און פירן צום אָרט פון דער הערבליע שווערע בעטאָן־קובן. דאָ, באם מאָק, זײַנען די מעגלעכקײַטן זיך צו נוצן מיט געוויינלעכער טעכניק ביז גאָר באגרענעצט, און דאָס ווענדן זיך צו א געריכטעטן אופרײַס דערלויבט לייזן די פּראָבלעם פיל לײַכטער, ווײַל די מאסע פונעם פּראכט, וועלכן מע מוז ברענגען צום אָרט פון דער בויונג, פארקלענערט זיך דערבײַ זייער און זייער — אין הונדערטער מאָל!

באטאָג האָבן די נײַגעקומענע, צוזאמען מיט באגלייטערס, געקלעטערט איבער די ניט הויכע סאָפּקעס באם טײַך וויטים. מוישע בורשטיין איז געווינט צו פיל גרעסערע בערג — באם טיאן־שאן און אפן פּאמיר. נײַ איז פאר אים געווען די טײַגע: די בערג זײַנען דאָ געדיכט באוואָקסן מיט ניט באטראָטענעם ווילדן וואלד. אין די אָפּדערנאכטן פלעגן זיי פארברענגען ארום א שײַטער. מ'האָט געגעסן קאשע מיט פלייש פון ווילדע הירשן, וועלכע עס האָט פאר זיי געבראכט פון וואלד קאָסטיע „דער הילצערנער” — ער איז געווען אין דער עקספּעדיציע דער טעסלער און איינצײַטיק דער יעגער אין דער שכײנישער עקספּעדיציע. ווען־ניט־ווען האָט מען אײַנגעשלונגען א ביסל ספּירט.

באנאכט פלעגן אומדערטרעגלעך בײַסן די קאָמארן. ס'האָט פון זיי ניט געראטעוועט ניט דער געדיכטער רויך, פון וועלכן בא אלעמען האָט געשניטן אין די אויגן, געדרייט אין דער



נאום קרײמער — רעמאָנטלער פֿון אױסמעסט־מאַכשירים.

דאַנטאָן פינקעלשטײן — טאָקער בא מעכאַנישע װערקשטעלן, שלאָגלער פֿון קאָמוניסטישער מי.

װעלװל טײצלאַנד — עקסקאַװאַטאָרשטשיק, שלאָגלער פֿון קאָמוניסטישער מי.

נאָז, ניט דער קרעם „טײַגאַ", מיט װעלכן מע פלעגט זיך גוט אָנשמירן פאַרן שלאָף. קאָן זײַן, איבער די קאָמאַרן אָדער עפּשער איבער די שטאַרקע אײַנדרוקן פֿונעם טאָג פלעגט מאָיִסיי פּײַועלעװיטש ביז שפּעט אין דער נאַכט ניט קאָנען אַנשלאָפֿן װערן. ער פלעגט זיך דרייען, ניט קאָנענדיק אײַנמאָסטען זיך אָפן געלעגער, און טראַכטן, טראַכטן... טאַקע װעגן דעם דאָזיקן מאָקער הידראָקאָמפּלעקס. נאָך די געלונגענע עקספּערימענטן האָט ער געהאָפט, אַז די מאָקער בױונג װעט זײַן אָן אָנהייב פֿון א גענעראַלער ריכטונג אין דער הײַנטצײַטיקער הידראָענערגעטישער בױונג, א באַגרינדעטער אָפן סמאָך פֿון אויסנוצן דעם ביז גאָר עפֿעקטיװן מעטאָד פֿון א געריכטעטן אופּרײַס.

באַנאַנד מיט דער מאָקער העס װעלן אױף דעם זעלבן אופֿן געבויט װערן נאָך א סאַך אַנדערע — אין קאַזאַכסטאַן, אין גרוזיע, אין מיטל־אַזיע... און װײַטער — װײַטער שוין גאָר פאַנטאַסטיש: א קאַנאַל צװישן דעם טײַך אָב און דעם אַראַלער יאַם; דאָס סיבירער װאַסער קומט אין די מידבאָריעס פֿון מיטל־אַזיע... און טאַקע אַלץ מיט דער הילף פֿון געריכטעטע אופּרײַסן! מאָיִסיי פּײַועלעװיטש דערמאָנט זיך אין די דאַמבעס אױף די טײַכן באַזסו, דאַרגאָמי און אינעם אַמו־בוכאַרער קאַנאַל, װעלכע ער האָט געבויט. דעמלט האָט זיך אױך אויסגעװיזן, אַז די הויפּט־זאַך איז שוין אָפּגעטאָן, ס'זײַנען געשטעלט די ערשטע טריט, און איצט זײַנען פאַרן געריכטעטן אופּרײַס אָפן טיר־און־טױער. דאָס איז געװען אין יענע טעג, װען מע האָט פאַר געצײלטע עטלעכע רעגעס דורכגעלײגט אין מידבער קאַראַ־קום די שװערסטע פופציק קילאָמעטער פֿונעם אַמו־בוכאַרער קאַנאַל, איבער װעלכע ס'האָט זיך קימאַט טײקעף נאָכן אופּרײַס א לאָז געטאָן דאָס װאַסער צו די צעגליטע אונטער דער פלאַמיקער זון זאַמדן. די צוגרײטונגען צום אופּרײַס האָבן פאַרנומען אײנגאַנצן עטלעכע כאַדאָשים, און דאָס האָט דעמלט אַלעמען איבעראַשט.

צו יענעם אופּרײַס האָבן זײ זיך געגרײט, װי צו א גרױסן יאָמטעװ. בורשטײן איז דאַן געװען דער הויפּט־אינזשעניער פֿון „װזריװופּראָם". צום פֿײַערלעכן מאָמענט זײַנען אָפן קאַנאַל אָנגעקומען געסט, קאָרעספּאָנדענטן פֿון צײַטונגען און פֿון דער ראַדיאָ. דער אופּרײַס איז געװען אָן אױסערגעװײנלעך אײַנדרוקפֿולער, א גרױסאַרטיקער. ס'האָט זיך א ריס געטאָן די ערד מיטאַמאָל איבער דער גאַנצער לענג פֿון דער טראַסע. פֿינף צענדליק קילאָמעטער האָבן אין אײן צײַט א הײב געגעבן צום הימל בערג מיט זאַמד, שטײנער און שטױב. די שפּיצן פֿון די בערג האָבן געזונקען אין קנױלן פֿון

שוואַרצן רויך, באַקרוינטע מיט געל־ראָזע ראַנד־אופּליכטן. די ערד האָט געציטערט. ס׳האָט געראַשט און געטומלט. עס האָט זיך געטאָן — כּוישעך!

פאַר זײַטיקע מענטשן איז דאָס געווען גענוג שרעקלעך און אַפילו שוידערלעך. אינעם צווייפל — ס׳וועט זײַן בעשאָלעם צי ניט — האָבן זיי זיך גיכער גענייגט צום צווייטן. ס׳האָט זיך זיי שטאַרק ניט געגלייבט, אַז באַ אַזאַ איבערקערעניש קאָן נאָך עפּעס זײַן נוצלעך. נאָר ווען די קאָרעספּאָנדענטן האָבן זיך איבערצײַגט, אַז אַלץ איז ווי עס דאַרף צו זײַן, האָט זיי גלײַך פאַרלאָזט די מאָרעשכוירע. אין אַ צײַט אַרום האָט מען בורשטיינען באַוויזן אַן אַרטיקל אין אַ מאָסקווער זשורנאַל, וווּ ס׳איז באַשריבן דער אופרײַס, דער קאַנאַל און ער גופא אויך. אַדהײַעם גייט אים איבער אַ גרויל איבערן לײַב, ווען ער דערמאָנט זיך אין יענעם אַרטיקל. לויטן זשורנאַל האָט ער זיך באַקומען ווי אַ העלד — אַ גיבער מיט גרויסע פלאַמענדיקע אויגן. קיין גיבער איז ער קיינמאָל ניט געווען, גיכער אַפילו פאַרקערט — באַ זײַן מיטעלן וווּקס, קוים העכער פון אַ מעטער מיט זעכציק. און אויגן האָט ער אויך ניט קיין פלאַמענדיקע, נאָר גרויע. כוץ אַלעמען, האָט זיך נאָך באַקומען, ווי ער וואָלט אַליין זיך באַרימט פאַר די קאָרעספּאָנדענטן, און דאָס איז שוין אינגאַנצן קעגן זײַן טעווע.

דער גרויסער דערפאָלג אויפן אַמור־בוכאַרער קאַנאַל האָט אויסגעזען, דאַכט זיך, אומבאַשטרײַטבאַר. דאָך האָט געטראָפן אַזוי, אַז בורשטיין האָט אויף אַ לאַנגער צײַט זיך געזעגנט מיט די אופרײַסן — ער איז אַריבער אויף אַרבעט גאָר אין אַן אַנדער געביט. מיט דער הילף פון אופרײַסן האָט מען פאַרגעזעצט בויען. אין טאַדזשיקיסטאַן, לעמאָשל, האָט מען אויף אַזאַ אויפן געשאַפן אַ הרעבליע אויפן וואַכש און אָנגעפּאָיעט מיט וואַסער דעם גאָלדענעם יאַוואַנער טאָל. אָבער דאָס האָט אַלץ נאָך אויסגעזען ניט גענוג איבערצײַגעוודיק. ווען ס׳האָט זיך באַהאַנדלט די פראַגע וועגן שאַפן מיט דער הילף פון אַ געריכטעטן אופרײַס די הרעבליע אין מעדעאָ (קעדיי צו פאַרהאַלטן די וואַרשײַנלעכע סעלן — מעכטיקע בלאָטע־שטראָמען מיט שטיינער, וועלכע האָבן געדראָעט דער שטאָט אַלמאַ־אַטאַ), האָט אַ טייל אַלמאַ־אַטאַער געלערנטע בעשום־אויפן ניט געוואָלט מיט דעם מאַסקים זײַן. זיי האָבן געצווייפלט, צי די הרעבליע וועט זיך באַקומען אַזאַ, ווי מע וויל, און אַפילו געוואָרנט, אַז דער אופרײַס קאָן אַרויסרופן אַן ערדציטערניש און כאָרעוו מאַכן די שטאָט.

קיין צײַט לאַנג צו דינגען זיך איז ניט געווען. די הרעבליע אין מעדעאָ האָט מען פאָרט געשאַפן, און טאַקע בעפּײרעש מיט דער הילף

יאָסיף לוואָוויטש — פּיראָופּזעער.

יעווגעניע לייבערמאַן — פאַרוואַלטער פונעם מעדיצין־פּונקט אויף אַ זאַוואָד.

לעוו גניטמאַן — מאַיאָר פון מיליציע.

פון אן אופרײַס. און אלץ איז דורכגעגאנגען בעשאָלעם. זאָגן, אז די זאך איז אָפגעטאָן געוואָרן באצײַטנס, הייסט גאָרנישט ניט געזאָגט: ווי נאָר מע האָט באוויזן אָנוואָרפן די הרעבליע, נאָך ווײַט די ארבעט ניט פארענדיקט, האָט אַף דער שטאָט זיך א לאָז געטאָן א סעל. ער האָט זיך געטראָגן בארג־אראָפּ מיט א שרעקלעכער קראפט. ווען ניט די נײַע הרעבליע, וואָלט דער סעל געמאכט טיל־טעל פון דער שטאָט מיט אלץ, וואָס אין איר. נאָר אפילו דאָס האָט אויך איבערצײַגט נאָך ווײַט ניט אלעמען. ס׳האָט זיך געפונען א מאמאָשעסדיקע צאָל ספעציאַליסטן, וועלכע האָבן זיך אָפגעהאלטן פון פולקאָם אנערקענען די נײַע פאָרגעשריטענע טעכנאָלאָגיע. יעדער, אפילו דערפאָלגרײַכער אופרײַס האָט מיט זיך פאָרט פאָרגעשטעלט אן איינצלהײַט. קיין סיסטעם איז נאָך ניט געווען. מע האָט ניט געוווּסט, וויאַזוי צו „פארוואלטן" מיטן אופרײַס.

דעמלט, צוריק מיט פינף יאָר, האָט מאָיִסיי פײַוועלעוויטש אָנגעהויבן ארבעטן אין „סרעדאזהידראָפּראָיעקט" — אן אנשטאלט, ווו בויען הרעבליעס מיטן קויעך פון אופרײַסן האָט מען געהאלטן פאר א לעסטערונג אָדער שווינדל.

דער טײַך פיאנדזש פליסט דורך א ניט באוווינטער, שווער־דערגרייכבארער בארגיקער געגנט. דער פראָיעקט, וועלכן ס׳האָבן אויסגעארבעט א ריי ספעציאַליסטן, האָט פאָרויסגעזען בויען אלע הרעבליעס פאר די אָנגעמערקטע אפן פיאנדזש הידראָקאָמפּלעקסן אפן אלטן, געוויינלעכן אויפן. און כאָטש די ארבעט איז פלאנירט געוואָרן פאר דער ווײַטער צוקונפט, איז די פרינציפיעלע זײַט פון דער פראגע געווען זייער וויכטיק, ווײַל די אופרײַסן וואָלטן געקאָנט פארגיכערן דאָס באהערשן די רעסורסן פונעם טײַך. ווען בורשטיין האָט גענומען דערווײַזן, אז שאפן הרעבליעס מיטן קויעך פון אופרײַסן איז א רעאלע זאך, האָט זײַן אָנפירער אים געענטפערט:

— דו לאָז איבער דײַנע אלטע מידעס. מיר רײַסן נאָר אין דער טיף, אין דער הייך בויען מיר.

אלס א מיטארבעטער פונעם אנשטאלט, איז מאָיִסיי פײַוועלעוויטש גענוג דיסציפלינירט, זײַנע פליכטן האָט ער אויסגעפילט ווי געהעריק, אָבער „איבערלאָזן זײַנע אלטע מידעס" האָט ער זיך גאָר ניט געכאפט. פאר אלעמען איז געווען קלאָר, אז ער איז גוט באהאוונט אינעם איניען און ער האָט שוין בעפיירעש באוויזן עפעס וואָס אופצוטאָן. ניט אומזיסט האָט מען אים געשיקט אלס א ספעציאַליסט פריִער קיין כינע, דערנאָך קיין אפגאניסטאן, מאָנגאָליע (אגעוו, איז ער פאר זײַן גוטער ארבעט אין אָט די לענדער באלוינט מיט א מעלוכע־אָרדען.) די דאָזיקע אופטוען שטייען אין איין ריי מיטן אמו־בוכארער קאנאל, און דער לעצטער טיילט זיך נאָר אויס סײַדן מיט זײַנע מאסשטאבן. און דאָ...

וואָס טיפער ער האָט זיך געגריבלט אין דער פראגע, אלץ מער האָט זיך געשטארקט בא אים דער געדאנק, אז אופרײַסן קאָנען ניט נאָר רויִנירן (אפילו מיט נוץ פארן מענטשן) — מע קאָן אן אופרײַס נייטן אויך... בויען. יאָ, בויען! דער מאסע פונעם גרונט, וואָס הייבט זיך אוף אין דער לופט בייסן אופרײַס, קאָן מען צוגעבן די נייטיקע קאָנסיסטענץ, געבן איר א געוויסע ריכטונג און צווינגען אוועקלייגן זיך אפן אָנגעמערקטן פאר איר אָרט אין די פארגעבענע קאָנטורן פון דער הרעבליע. און דאָס אלץ — מיטאמאָל! וואָס ווײַטער ער האָט זיך פארטיפט אינעם איניען, אלץ רייצנדיקער און צוציִענדיקער האָט פאר אים אויסגעזען סײַ דער געדאנק אליין, סײַ די מעגלעכקײַט אים אויסצופרווון בייסן שאפן די הרעבליע אפן פיאנדזש.

די מיטארבעטער האָבן באהאנדלט זײַן פראָיעקט אופמערקזאם, מיט נײַגעריקײַט, אָבער מיט אומצוטרוי אויך. צו שטארק האָט דאָס אלץ געשמעקט מיט פאנטאסטיק: אַף אן אויגנבליק הערשט איין „טויהו, וואָוויהו וועכוישעך", ווי אין מײַסע־בערייִשיס, קעדיי שוין אין א רעגע ארום זאָל פון אָט דעם גאנצן געמישעכץ ארויסקומען וואָס?.. א פארטיקע הרעבליע! די הידראָטעכניקער האָבן געוווּסט גענוי, אז קעדיי אופהייבן א הרעבליע, דארף מען שווער האָרעווען יאָרן און יאָרן.

אין לעבן איז בורשטיין א שטילינקער, גרייט פארלויפן יענעם דעם וועג, וויל ניט אויסווײַזן זיך אײַנגעגעסן. אָבער דאָ האָט ער זיך גענומען ראנגלען פאר זײַן אידיי, ווי א לייב. דורכשלאָגנדיק דעם וועג צו דער אנערקענונג פונעם נײַעם מעטאָד, האָט ער געמוזט גויווער זײַן זיך אליין גופע, אוועקרוקן אין א זײַט די שעמעוודיקײַט און גיין אײַנרעדן יעדן איינעם, דערווײַזן זײַן גערעכטיקײַט. מ׳האָט פון אים גערעדט, אז ער איז א פאנטאזיאָר, אים אויסגעוואָרפן אין די אויגן און הינטער די אויגן, אז ער איז איבעריק אײַנגעשפארט, אים געוואָרנט, אז זײַן אקשאָנעס וועט צו קיין גוטס ניט ברענגען. אין גוטן מוט האָט מען אפילו געבראכט אים א רײַע, אז כאָטש ער איז טאקע מוישע, אָבער פאָרט ניט מוישע ראביינו, און הײַנטיקע צײַטן זײַנען אויך שוין גאָר ניט די אמאָליקע, פאר קיין קישעף טויגן זיי ניט. ער האָט געליטן דערפון, געהאט גרויס אגמעסנעפעש, ס׳האָט אים אָפגעקאָסט א סאך געזונט, נאָר ער האָט פאָרגעזעצט דערווײַזן זײַנס.

סאָפּקאָלסאָף האָט ער זיך דערשלאָגן א דערלויבעניש אַרײַנצושטעלן אין דער סכעמע פֿונעם טײַך פּיאַנדזש — אַ פֿילבענדיקן פּראָיעקט — איין קליין קאַפּיטעלע. דאָס עלפֿטע האָט זיך עס באַקומען. ער האָט עס אָנגערופֿן „בענעגייע דער מעגלעכקײַט צו בויען א הרעבליע אויפֿן פּיאַנדזש מיט דער הילף פֿון אן אופּרײַס״. בלויז זײַן, בורשטיינס, מיינונג וועגן אַזאַ מעגלעכקײַט. שוין דער טיטל אַליין וואָלט געדאַרפֿט, דאַכט זיך, פֿאַרמישפּעטן דאָס קאַפּיטל, מ׳זאָל דאָס פֿאַרשפּאָרן אפילו לייענען. פֿאַרנומענע מענטשן, אין וועמען ס׳איז דאַפֿקע געווענדט די לייזונג פֿון אַזאַ פֿראַגע, וועלן דאָס בעכיפֿאָזן א בלעטער טאָן און טאַקע איבער זייער גרויסער פֿאַרנומענקײַט זיך ניט מאַטריעך זײַן צו פֿאַרטיפֿן זיך אין טאָך פֿון דער זאַך. אָבער ניט אָנשרײַבן דאָס קליינע קאַפּיטעלע האָט בורשטיין ניט געקאָנט. איז וויפֿל זשע האַרץ האָט מען געדאַרפֿט אין דעם אַרײַנלייגן, אַז ס׳זאָל געשען א נעס, וואָס קומט פֿאַר גאָר זעלטן, ווען א מענטש שטרעבט צו עפּעס מיט לײַב־און־לעבן. עס דאַרף זיך טרעפֿן, אַז דער באַריכט פֿאַלט אַרײַן אין מאָסקווע פּונקט צו דעם (איין־און־איינציקסטן!) מענטשן, וועלכער האָט פּאָשעט ניט געקאָנט דורכגיין גלײַכגילטיק פֿאַרבײַ אַזאַ מין זאַך, ער האָט אומבאַדינגט געדאַרפֿט זיך פֿאַרינטערעסירן מיט „בענעגייע דער מעגלעכקײַט...״

— זע נאָר, דאָס האָט דאָך אָן שום סאָפּעק מוישע בורשטיין געשריבן! — האָט זיך דערפֿרייט דער עקספּערט סטעפּאַן דאַווידאָוו און זיך פֿאַרטיפֿט אינעם באַריכט. לענגער, ווי אויפֿן גאַנצן פּראָיעקט, האָט ער זיך פֿאַרהאַלטן בעפֿײַרעש אויפֿן עלפֿטן קאַפּיטל, מאַכמעס ער האָט טייקעף אָנגעטאַפּט אין דעם דאָס קערנדל: דעם ריזיקן עקאָנאָמישן עפֿעקט, וועלכער האָט גלײַך דערלויבט אָט דער „מעגלעכקײַט״, זי זאָל פֿאַרטענדירן צו פֿאַרנעמען דאָס אָרט פֿונעם פּירנדיקן וואַריאַנט. דאָס, וואָס דאַווידאָוו האָט געקענט בורשטיינען פֿיל יאָרן, פֿון זינט זיי האָבן אינײנעם געלערנט אין אינסטיטוט, און ער האָט זייער געהאַלטן פֿון אים, איז שוין געווען א צופֿעליקײַט. ער איז אַליין באָקי אין אָט דעם איניען, זײַן לעבנס־וועג איז אויך געבונדן מיט אופּרײַסן, און ער פֿילט אין דעם א טאָלק.

האַקלאַל, בורשטיין איז געקומען קיין מאָסקווע. אייגנטלעך, אַלץ, וואָס ער האָט געהאַט צו זאָגן וועגן איניען, האָט ער שוין געזאָגט אינעם עלפֿטן קאַפּיטל פֿונעם פּראָיעקט. אָנגעזען האָט זיך דאָ בלויז די עמאָציאָנעלע זײַט, די דערהויבענע שטימונג, וועלכע האָט געהערשט בײַסן קאַבאַלעס־פּאָנעם. און כאָטש געשמועסט האָט זיך דערווײַל נאָר וועגן דעם זייער ווײַטן פּיאַנדזש, איז אָבער קלאָר געווען, אַז פּיאַנדזש איז נאָר א פּראַט, לויט וועלכן עס מאָדעלירט זיך דאָס שאַפֿן הרעבליעס מיטן קויעך פֿון געריכטעטע אופּרײַסן אויף ווילדע באַרג־טײַכן אין שווער־דערגרייכבאַרע ערטער. לעכאַטכילע נאָר אויף די באַרג־טײַכן. מידבאָריעס, געגנטן פֿון אייביק פֿריר־אײַז — דאָס איז שוין געקומען דערנאָך, אַלס א ווײַטערדיקע אַנטוויקלונג פֿון דער הויפּט־אידיי.

אין מאָסקווע ווערט צונויפֿגערופֿן א זיצונג פֿונעם טעכנישן ראַט, געווידמעט דער פֿראַגע פֿון גרויסמאַסשטאַביקע געריכטעטע אופּרײַסן. אין דער אַרבעט פֿונעם ראַט נעמען אָנטייל ספּעציאַליסטן פֿון „מינענערגאָ״, פֿונעם אַלפֿאַרבאַנדישן אינסטיטוט „הידראָפּראָיעקט״. דער ראַט מערקט אָפּ די „פֿאָלקסווירטשאַפֿטלעכע וויכטיקײַט״ פֿון דער אידיי. ער לייגט פֿאָר זי צו פֿאַרווירקלעכן. שפּעטער ווערט אין „מינענערגאָ״ געשאַפֿן א ספּעציעלע סעקציע איבער דער פֿראַגע פֿון אויסנוצן געריכטעטע אופּרײַסן אין דער הידראָטעכנישער בויונג. איר פֿאָרזיצער ווערט דער שטעלפֿאַרטרעטער פֿונעם מיניסטער. מוישע בורשטיין גייט אַרײַן אין דער צאָל פֿון אירע מיטגלידער.

די אַרבעט האָט געפֿאָדערט א סאַך צײַט. צוליב באַהאַנדלען נײַע פּראָבלעמען פֿלעגט מען זיך פֿאַרזאַמלען גאָר ניט אָפֿט, איין־צוויי מאָל א יאָר. דאָך האָט זיך פֿאַר דער גאַנצער צײַט אָנגענומען א היפּש ביסל אַזעלכע באַראַטונגען, און קימאַט אויף אַלע איז אַרויסגעטראָטן אַלס פֿאָרטרעגער, מיטפֿאָרטרעגער, ווידער פֿאָרטרעגער מ. פּ. בורשטיין. אין די פֿאָרטראָגן האָט זיך גערעדט וועגן די פּראָיעקטן פֿון ניזשנע־טשאַטקאַלער, קורופּסײַער, באַרקראַוקער, דאַטשידזשומער, קאָמבאַראַטינער, פּאַפּאַנער און אַנדערע הידראָקאָמפּלעקסן מיט אופּרײַס־אָנגעוואָרפֿענע הרעבליעס, וועלכע זײַנען געשאַפֿן געוואָרן אונטער בורשטיינס אָנפֿירונג, טאַקע אין דעם זעלבן אינסטיטוט „סרעדאַזהידראָפּראָיעקט״, וווּ ער אַרבעט. זײַן ציל, זײַן כּיוון פֿון א קאָמוניסט האָט בורשטיין געזען אין שאַפֿן ווירטשאַפֿטלעכע יעסוידעס אויף צו אויסנוצן דעם געריכטעטן אופּרײַס.

פֿאַר די פֿאַרגאַנגענע עטלעכע יאָר האָט זיך פֿאַרגרעסערט די צאָל אָנהענגער פֿון דער אידיי. מיט איר האָט זיך פֿאַרינטערעסירט אויך דער ראַט וועגן פּראָבלעמען פֿון אויסנוצן אין דער פֿאָלקסווירטשאַפֿט אופּרײַסן (אין דער וויסנשאַפֿט־אַקאַדעמיע פֿון פֿססר, פֿאָרזיצער פֿונעם ראַט — אַקאַדעמיקער מ. א. סאַדאָווסקי). און אָט זײַנען שוין פֿאַראַן רעאַלע אָביעקטן צום פּראָיעקטירן: די פּאַפּאַנער, קאָמבאַראַטינער, מאָקער הידראָקאָמפּלעקסן מיט הרעבליעס ביז 300 מעטער די הייך, לערעך 100 מיליאָן קובאָמעטער אין פֿאַרנעם! דאָס זײַנען שוין ניט

קיין סכעמעס, נאָר אָביעקטן פון דער פאָרשטייענדיקער בויונג, אָביעקטן פונעם קומענדיקן, עלפטן פינפיאָר. און אין זעלבן „סרעדאזהידראָפּראָיעקט”, ווו צו בורשטיינס אידיי האָט מען זיך פריִער אפילע ערנסט ניט צוגעהערט, איז הײַנט דער פלאן אף העלפט פארפולט מיט די ארבעטן ארום אזעלכע הרעבליעס. נאָך מער — הײַנט איז „סרעדאזהידראָפּראָיעקט” אנערקענט אלס הויפט־צענטער איבער אָט די איניאָנים אין גאנץ „מינענערגאָ”. מיט אים אייצעט מען זיך און מע ווענדט זיך צו אים נאָך הילף פון דער מאָסקווער, לענינגראדער, גרוזינער אָפּטיילונגען פון „הידראָפּראָיעקט”.

עס טרעפט, אז ערנסטע וויסנשאפטלעכע דיסקוסיעס רופן אומגעריכט ארויס צום לעבן אנדערע פּראָבלעמען, עפענען נײַע מעגלעכקײַטן פארן שעפערישן געדאנק. ס׳קומען אוף גאָר נײַע אידייען. „שולדיק” אין דעם זײַנען צומאָל צופעליקע באגעגענישן. איינע פון זיי איז געווען מיט לייב בערנשטיינען. ווען בורשטיין האָט זיך באקאנט מיט אים, איז יענער געווען באגײַסטערט מיט אן אידיי פון שאפן אזויגערופענע צושטראָם־עלעקטראָסטאנציעס. א וווּנדערלעכע אידיי — טאקע נאָר אף כידושים: בייטן צו ארבעטן אף דער ערד... די לעוואָנע! וויפל ענערגיע גייט אף דער ערד יעדן מעסלעס לעיִבעד, ווען מיט אן אײַנגעשטעלטער רעגלמעסיקײַט ווארפן זיך שווער ארוף אף די ברעגן אומגעהייערע מאסעס יאם־וואסער און קאטשען זיך דערנאָך פויל אראָפּ צוריק, איבערלאָזנדיק אפן זאמד מענגעס יאם־שטערנס, מושלען און פיל אנדערע מאטאָנעס פונעם יאם!

איינע אזא צושטראָם־עלעקטראָסטאנציע האָט זיך אײַנגעגעבן אויסבויען אפן זאמד־פּאס „קיסלאיא גובא” באם ווײַסן יאם. זי איז געווען די ערשטע און דערווײַל איז זי נאָך די איינציקע אין דער וועלט. לייב בערנשטיין האָט געוויסנהאפטיק דערלערנט אלע רעזשימען פון איר ארבעט, אלע פּראָטים. ער קען זי אזוי, ווי זײַן אייגענעם נאָמען. אף אָט דער טעמע האָט ער פארטיידיקט זײַן דאָקטאָר־דיסערטאציע. אָבער דער צושטראָם־סטאנציע האָט געדראָעט, זי זאָל אזוי טאקע פארבלײַבן אן איינציקע, ניט געקוקט אף דער אומבאשטרײַטבארקײַט פון איר טעכנישער אידיי. וואָרעם קעדיי צו שאפן אזא סטאנציע, דארף מען אין א פּאסיק אָרט אופשטעלן א הרעבליע פון צענדליקער קילאָמעטער די לענג און גאָר א גרויסע, קעדיי איבערצוימען די בוכטע. די הרעבליע דארף קאָנען בײַשטיין דער קראפט פון די צופלוסן און אָפּפלוסן, דורכלאָזן דאָס וואסער צו די אגרעגאטן און צוריק דורך ספּעציִעלע קאנאלן, ווו עס וועט דרייען די שויפלען פון די טורבינעס. וויִאזוי מאכט מען אזא הרעבליע — א ווערטעלע צו זאָגן! צו די יאם־ברעגן איז געווײנלעך שווער צוצוקומען, דאָרט שטויסט מען זיך אָן אף נאקעטע פעלדזן. פון וועלכע מאטעריאלן בויען די הרעבליע? וויִאזוי ברענגען אהין די טעכניק? ווו נעמט מען אין יענע ערטער גרויסע מאסן מענטשן אף ארבעט?

בורשטיינען האָט די אידיי פארכאפּט.

— אָבער עס איז דאָך פאר אלעמען קלאָר, אז צעבערעקלטער שטיין פארנעמט מער אָרט, ווי דער זעלבער שטיין גאנצערהייט... — האָט ער א שמייכל געטאָן צו בערנשטיינען. ער האָט ליב אונטערצוּווארפן יענעם א רעמעז און צוזען די רעאקציע אף דעם.

בערנשטיין האָט א קוק געטאָן אין בורשטיינס שמייכלענדיקע אויגן און גלײַך אלץ פארשטאנען. אוודע פארשטאנען! ווײַטער האָבן זיי שוין געשמועסט הייס, איבערשלאָגנדיק איינער דעם אנדערן. ביידע האָבן געמאָלט אף פּאפּירלעך פּאָשעטע סכעמקעס, פולע מיט טיפן באדײַט, און „אויסגעכאָלעמט” האָט זיך צום סאָף אָט וואָס. מע דארף ניט קיין סאך טעכניק! מע דארף ניט קיין טויזנטער און טויזנטער ארבעטער! גענוג אינגאנצן איין שיף מיט אן איינפאכער בויערער־מאשין. די מאשין בויערט דורך אינעם יאם־דעק אונטער דער וואסער ברייטע שפּאלטן, מע פילט זיי אָן מיט מעכטיקן אופרײַס־שטאָף און מע רײַסט דאָס אונטער אזוי, אז דער פעלדזן־גרונט זאָל זיך אונטער דער וואסער צעדריבלען. בלויז צעדריבלען! וועט ער פארנעמען מערער אָרט, זיך, אזוי צו זאָגן, פארגרעסערן אין פארנעם, און אין מעשעך פון איין אויגנבליק וועט געשאפן ווערן, מאמעש אויסוואקסן פונעם יאם א הרעבליע.

אזא הרעבליע, האָבן געטײַנעט בורשטיינס אָפּאָנענטן, — קאָן מען ניט אויסכעזשבענען, פּונקט ווי מע קאָן ניט אויסכעזשבענען דעם אופרײַס אליין. הייסט עס, אז קיין אינדוסטריִעל מיטל איז דאָס ניט.

אן אנדער רײַע: א הרעבליע דארף אײַנהאלטן און אויסהאלטן דעם דרוק פון אומגעהייערע מענגעס וואסער, און אפילע די בעטאָנענע הרעבליעס פון א סאך מעטער די גרעב פילן קוים אויס אזא אופגאבע. ווער קאָן אָרעוו זײַן, אז די אופרײַס־אָנגעוואָרפענע הרעבליע וועט דאָ טויגן?

אן ענטפער אף דער צווייטער פראגע האָט זיך דאפקע געפינען גיכער. עפשער טאקע דערפאר, וואָס אין דער פראגע אליין האָט זיך אנטהאלטן אן אָנווײַזונג, ווו מע זאָל דעם ענטפער זוכן. די טויגבארקײַט פון הרעבליעס איז מען געווינט צו שאצן לויט דעם, וואָס זיי לאָזן ניט דורך דאָס וואסער. און טאָמער זײַט זיך יאַ דורך א קליינע טייל פונעם וואסער? טויג עס שוין גאָר ניט? לאכלוטן? קיין פארטיקער ענט־

פער אַף דער נײַ־געבוירענער פראגע איז ניט געווען, מע האָט זיך אָבער אָנגעשטויסן, אז דאָס דאַרף ניט שטאַרק שאַטן. ס׳זײַנען דורכגעפירט געוואָרן עקספּערימענטן, געמאַכט געוואָרן כעזשבוינעס. און ס׳איז אויסגעקומען, אז דורך אַן אָנגעוואָרפענער הרעבליע וועט זיך קאָנען דורכזײַען וואַסער, אָבער גאָר ניט קיין סאַך. מאַכמעס די קראַפט פונעם אופרײַס און די גאַנצע אַראָפגעוואָרפענע מאַסע וועלן שאַפן די הרעבליע מיט אַן אומגעזעענער באַ די געוויינלעכע מעטאָדן פון בויונג פעסטקײַט און מיט גאָר א קליינער פאָרישקײַט.

— ס׳וועט צעשווענקען די הרעבליע! — האָבן זיך געהיצט די אָפּאָנענטן.

ווידער עקספּערימענטן און פאָרשונגען, נאָכאַמאָל פאָרשונגען און עקספּערימענטן. נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל כעזשבוינעס. דאָס מאָל — שוין מיצאַד בורשטיינס אָנהענגער — דעם הויפּט־אינזשעניר פונעם פּראָיעקט פאַרן קאָמבאַראַטינער הידראָקאָמפּלעקס וו. פּ. קאָרטשעווסקי און די הויפּט־ספּעציאַליסטן ג. פּ. פּעטראָוו און מ. ל. קאַהאַן. געבראַכט האָט עס צו דער שאַפונג פון א גאַנצער ריי טיפּן פון אופרײַס־אָנגעוואָרפענע הרעבליעס. דאָס איז וווּנדערלעך!

דאָס טאָגטעגלעכע לעבן האָט אָבער געבראַכט נײַע שוועריקײַטן.

— איר רײַסט אַליין זיך אָפּ פון אײַער גרונט־אַרבעט, און איר שטערט אויך אַנדערע,— האָט מען בורשטיינען אויסגעוואָרפן.

ער האָט פאַרנומען מיט די נײַע אידייען זײַנע אָוונטן, די אָפּרו־טעג, דעם אורלויב. און אזוי ניט איין וואָך, ניט איין כוידעש — יאָרן און יאָרן. אין דער היים האָט מען אויך געהאַט צו אים טײַנעס, לעמײַ ער גיט אָפּ ניט גענוג אַכט דעם געזינד. ער האָט געהאַט דערפון יעסורים, באַזונדערס איבערגעלעבט פאַר די קינדער. זיי האָט מען געדאַרפט העלפן אויסקלײַבן דעם ריכטיקן וועג אין לעבן. ס׳וואָלט געווען א יוישער, ווען זיי נעמען איבער באַם פאָטער דאָס, וואָס ער האָט שוין דעראָבערט מיט מי און אײַנגעשפּאַרטקײַט. אים וואָלט האַנאָע געטאָן, זיי זאָלן אויך באַגײַסטערט ווערן מיט א גרויסער אידיי, און זיי אָבער האָבן געוויינלעך אָנגעכאַפּט זיך אין עפּעס און אָפּגעקילט געוואָרן.

יאַקאָוו ווערביצקי — אווטאָמאָביל־רעמאָנטלער.

אַלעקסאַנדער פּאַלער — אינסטרומענטאַלשטשיק, דעפּוטאַט פונעם שטאָט־סאָוועט.

מוישע ליפּניק — הויפּט־אינזשעניר פון סאָווירט.

מער ליב געהאַט צו לייענען. דאָס האָט ער פאַררעכנט פאַר אַ כיסאָרן, באַשולדיקט זיך אַליין אין נאַכלעסיקײַט, אָבער איבערמאַכן זיך האָט ער שוין ניט געקאָנט. הײַנט מעג מען שוין זאָגן, אַז ער האָט געהאַט אומזיסטע יעסורים. זײַנע ביידע קינדער זײַנען אויסגעוואַקסן גוטע, נוצלעכע מענטשן. דער זון איז געוואָרן אַן אַרכיטעקטאָר, די טאָכטער — אַן עקאָנאָמיסט. זיי זײַנען צופרידן מיט זייער אַרבעט, און מע איז צופרידן מיט זיי. נאָר דאַן האָט ער דאָס נאָך ניט געקאָנט וויסן, און לעבן אַנדערש קאָן ער אויך ניט, מאַכמעס ער, מוישע בורשטיין, איז אַ מענטש פון איין אידיי, וועלכע געוועלטיקט איבער אים אינגאַנצן.

זײַן פיליאָריקע מי איז אָפּגעשאַצט געוואָרן לויט איר עמעסער ווערט. „מינענערגאָ" האָט אַנערקענט זײַן אידיי און אײַנגעשלאָסן איר פאַרווירקלעכונג אין די מעלוכע־פּלענער אַפן הײַנטיקן, צענטן פינפיאָר. די פאַרגלײַכונגס־פּראָיעקטן פון פופצן הידראָקאָמפּלעקסן — אייניקע מיט אופּרײַס־אָנגעוואָרפענע הרעבליעס און אַנדערע מיט אייַנפאַכע הרעבליעס אַף די באַרג־טײַכן נאַרין, וואַכש, טשאַטקאַל, פּיאַנדזש, אַק־בוראַ און אויך אַף די סיבירער טײַכן ווייטים, מאַמאַקאַן, קאַטון באַווײַזן, אַז די באַקומענע דורכן אופּרײַס הרעבליעס זײַנען פיל לוינבאַרער פון די געוויינלעכע. די פאַרווירקלעכונג נאָר פון פּאַפּאַנער, מאָקער און קאָמבאַראַטינער קאָמפּלעקסן וועט דערלויבן אָפּצושפּאָרן לעערעך 800 מיליאָן רובל און דערמעג־לעכן דאָס אויסבויען דעם פּאַפּאַנער קאָמפּלעקס פאַר איין יאָר (דער קאָמבאַראַטינער קאָמפּלעקס האָט זיך געבויט אַכט יאָר).

אונדזער פאָלקסווירטשאַפט נייטיקט זיך אין נײַע קוואַלן פון עלעקטראָענערגיע. דאָרט, וווּ ס'איז זי גרינגער צו באַקומען (גרויסע טײַכן, באַוווינטע ערטער, פּאַסיקער קלימאַט), איז שוין די פראַגע געלייזט. בורשטיין האָט אויסגעזוכט אַ מעגלעכקײַט אײַנצושפּאַנען דעם אופּרײַס און, אַזויאַרום, מיט ניט קיין גרויסע הויצאָעס באַהערשן ווילדע באַרג־טײַכן אין שווערדערגרייכבאַרע ערטער מיט האַרבע קלימאַטישע באַדינגונגען, הייסט עס — ער טוט נוצלעכס פאַרן פאָלק, פאַר דער צוקונפט.

דאָ, באַם מאָק, אין אַ פאַרוואָרפן ווינקל פון דער טײַגע, באַ דער שײַן פונעם אופוואַכנדיקן פרימאָרגן, האָט ער טראָט נאָך טראָט אופּגעשטעלט אין זיקאָרן אָט דעם דורכגעגאַנגענעם וועג. ער האָט געטראַכט וועגן דעם, אַז אויב אָנהייבן גראָבן דעם קאַנאַל צווישן דעם טײַך אָב און דעם אַראַלער יאַם ווי געוויינלעך, וואָלט מען באַדאַרפט האָבן אַזאַ גרויסע צאָל שפּאַנענדיקע עקסקאַוואַטאָרס, וואָס מיר פאַרמאָגן פּאָשעט ניט אַזויפיל. און אויב דעם קאַנאַל שאַפן מיט אופּרײַסן, דאַן איז אַלץ רעאַל...

ער באַטראַכט די איינצלהײַטן פון אַזאַ גראַנדיעזן פּראָיעקט, און ווען עס קומט אויס, אַז קיין רו וועט ער שוין ניט האָבן ביזן סאָף פון זײַן לעבן, פילט ער זיך פון דעם גליקלעך.

נאטאן אלטמאן. וו. אי. לענין שמועסט מיט א פאַרשטייער פון די בריטישע פראַפאַריינען

ארן פוטערמאן. א סיגנאל צום אַנגריף



מיכאֵל נאטארעוויטש. זאָל לעבן די רעוואָליוציע!

לייב זעווין. אן אָנפירערן פון א פיאָנער־אָטריאד

יאָסיף גורעוויטש. דער ערשטער אָקטיאבער־יאָמטעוו

אלעקסאנדער טישלער. די רויטע פאָן איז גע־ראטעוועט

ВОЙ

פון די קונסט=אויסשטעלונגען, געווידמעט דעם 60=טן אָקטיאַבער=יובילײ

פאַליק לעמבערגסקי. דער ערשטער פרילינג

ארן קראַווצאָוו. זשאַנע ליאַבורב אין אָדעס

כאַים ביידער

פונעם מיטל=אַזיאַטישן בלאָקנאָט

כ'בין אויסגעוואַקסן אינעם טכום־האַמוישעוו, —
כאָטש ניט געווען ער איז שוין דאַן קיין טכום, —
נאָר כ'האַלט בײַז איצט זיך פאַר אַן אַלטן
טוישעוו
אין סאַרפּענדיקן מידבער קאַראַקום.

ס'קאָן עמעצער ניט לעבן אָן די אַנדן,
פאַר אַנדערע איז יאַם — די גאַנצע וועלט,
און מיר פון לאַנג די קאַראַקומער זאַמדן
זיך כאָלעמען מיט זייער היץ און קעלט.

ס'איז לעכערלעך, געוויינלעך, צו פאַרגלײַכן
דעם בוג דעם שטילן מיט אַמו־דאַריאַ,
געזען אין לעבן כ'האָב ניט ווייניק טײַכן,
נאָר ס'ערשטע מאָל — א ריזיקײַט אַזאַ.

ער האָט געשוימט, געשלאָגן אין די שוועלן,
געביטן אַלעמאָל זײַן ווילדן פלוס,
און זײַנע שטענדיק ניט געשטילטע וועלן
קיין רו און מידקײַט האָבן ניט געוווּסט.

פון געלע זאַמדן זײַן קאָליר גענומען,
צונויפגעגאָסן האָט ער זיך מיט זיי,
און ס'האָט די ראַכוועס ניט געקאָנט
פאַרשטומען
פון וואַסערן פון געלע דעם געשריי...

ווי וואַלענטינע אַנדרייעוונאַ האָט געהערט אָט דעם לאַקאָניש־עמאָציאָנעלן אויסדרוק, וועלכן מע קאָן אויסטײַטשן ווי:אַזוי איר ווילט, ווייס איך ניט. ניט לאַנג צוריק האָב איך באַקומען פון איר א פּאָטשט־קאַרטל מיט איין־און־איינציק וואָרט:

— „נו?"

כאָטש איך האָב געוווּסט, אַז דאָס שרײַבט א רוסישער מענטש, האָב איך דאָס וואָרט מיט א פּרעגצייכן אופגענומען אַף א היימיש־ייִדישן אופן:

— „האַ:טאָכן?"

דאָס הייסט: וויפל איז דער שיר צו וואַרטן? אָדער:

— וואָס זשע, איר האָט פאַרגעסן?

כ'האָב זיך טאַקע בעעמעס געפילט שולדיק. סײַ קעגן איר, מײַן איבערגעגעבענעם אשכאַ־באַדער פרײַנט, וועלכן איך האָב פאַרלוירן אַף גאַנצע דרײַסיק יאָר און ערשט דאָ ניט לאַנג צוריק נאָכאַמאָל געפונען, סײַ קעגן א סאַך אַנדערע, מיט וועמען דער גוירל האָט מיך צונויפגעפירט בייס מײַן קורצער נעסי:ע איבער מיטל־אַזיע.

דעם עמעס זאָגנדיק, האָב איך ניט געטראַכט, אַז דאַפקע זי, די שטילע און בענימעסדיקע וואַלענטינע אַנדרייעוונאַ, פאַר וועלכער איך בין אַמאָל געווען דער ערשטער לערער אין געביט פון זשורנאַליסטיק, זאָל איצט צו מיר אַזוי אַקשאָנעסדיק צושטיין און האַלטן אין איין דערמאָנען, אַז איך בין אירער א באַלכויוו. געמיינט האָב איך, אַז קומען וועט דער רעמעז אַף מײַן ניט געדעקטן כויוו פון גאָר אַן אַנדערן מאָקער — פון טאַשקענט, שוין עפשער דערפאַר, ווײַל דאָס איז געווען די ערשטע שטאָט אין מיטל־אַזיע, פונוואַנען עס האָט זיך אָנגעהויבן מײַן רײַזע.

צווישן די פיר שטעט, וועלכע זײַנען געווען אָנגעוויזן אין מײַן קאָמאַנדירונגס־צײַגעניש, האָט באַזונדערס מיך געצויגן גראָד די באַגעגעניש מיט טאַשקענט. ניט טאַשאַוז, ווו איך האָב אַמאָל אָפּגעלעבט העכער דרײַ יאָר, ניט אשכאַבאַד, ווו עס איז מיר אויסגעקומען ניט איין מאָל צו זײַן טאַקע אין יענע ווײַטע יאָרן, ניט אַפילע דער לעגענדאַרער סאַמאַרקאַנד מיט זײַנע וועלט־באַרימטע מיטלאַלטערלעכע דענקמעלער, וואָס וועגן זיי זײַנען אָנגעשריבן ביכער אַף הונדערטער שפּראַכן, נאָר די הויפּטשטאָט פון אוזבעקיסטאַן. טאַשקענט איז אין מײַן דערקענטעניש־וועלט אַרײַן נאָך פון קינדווײַז אָן מיט אַלעקסאַנדער נעווערעאָווס בוך „טאַשקענט — די ברויט־שטאָט", מיט דער סוידעספולער און אייגנאַרטיקער מיזרעך־קולטור, וואָס איז אַף א סאַך עלטער פון דער אייראָפּעיִשער און האָט צו זיך קיין גלײַכן ניט, מיט פיל געשעענישן שוין אין אונדזער צײַט, באַזונדערס בייס דער מילכאָמע, ווען עס האָבן דאָ געפונען א מאָקעם־מיקלעט צענדליקער טויזנטער עוואַקויִרטע פון די מײַרעוו־געגנטן, צווישן זיי א סאַך ייִדן. טאַשקענט האָט מיט צען יאָר צוריק אופגערודערט די גאַנצע וועלט מיט דער מוירעדי־

קער ערדציטערניש, וועגן וועלכער עס איז שוין געשאַפן געוואָרן א גאַנצע ליטעראַטור.

איצט איז מיר אויסגעקומען זיך צו באַגעגענען שוין מיטן נײַעם, אופגעשטעלטן טאַשקענט.

ס'איז געווען פונקט די צײַט, ווען אוזבעקיסטאַן האָט געהאַלטן אין פאַרענדיקן אַראָפּצונעמען די גרויסע גערעטעניש פון „ווײַסן גאָלד". וועגן דעם האָט געהערשט אומעטום, אַף שריט און טריט, בוכשטעבלעך אין יעדן הויז.

דער בוימוואָל־שניט, אויב מע קאָן אים אַזוי אָנרופן, האָט ניט קיין שום פאַרגלײַך מיטן שניט, לאָמיר זאָגן, ערגעץ אַף אוקראַיִנע, אין די מיטלרוסישע מעקוימעס, צי אַפן ווײַטן מיזרעך, ווו די איקערדיקע מאַסיוון פאַרנעמען קערנער־קולטורן — ווייץ, קאָרן, גערשטן.

אַז מע נעמט אַראָפּ די גערעטעניש פון „ווײַסן גאָלד", האָב איך דערפילט גלײַך, ווי נאָר דער אַעראָפּלאַן האָט זיך אָפּגעריסן פון דער מאָסקווער ערד. ס'האָט אַזוי געטראָפן, אַז מײַנע שכיינים אין סאַלאָן זײַנען געווען אוזבעקן און אוזבעטשקעס, און דאַפקע ניט פון טאַשקענט גופע, נאָר ערגעץ פון נאַמאַנגאַנער און פערגאַנער געגנטן, עלטערע און ייִנגערע, באָכערים און מיידלעך, און פון וואָס דער געשפּרעך צווישן זיי זאָל זיך ניט געווען אָנהייבן, האָט ער זיך אַראָפּגעשלאָגן צום זעלבן — בוימוואָל.

אין אָנהייב פון דער מילכאָמע האָט מיך פאַרטראָגן קיין טורקמעניע.

ארומגייענדיק צופוס אָדער רײַטנדיק אַף אַן אייזל צי אַף א קעמל איבער די בוימוואָל־פּלאַנטאַציעס אינעם טאַשאַוזער אַאַזיס, צווישן די אומענדלעכע קאַראַקומער זאַמדן; האָב איך אויסגעלערנט די טורקמענישע שפּראַך, קעדיי זיך צו באַגיין אָן אַן איבערזעצער, וועלכן מע האָט דעמלט אין די אַאולן ניט אַלעמאָל געקאָנט געפינען. די דאָזיקע שפּראַך האָט פיל געמיינזאַמס מיט אוזבעקיש, ווי, לעמאָשל, אוקראַיִניש מיט ווײַסרוסיש. און ווען מײַן שאָכן האָט איצט בייסן שמועס, וואָס מיר האָבן געפירט אַף רוסיש, פאַרגעסנדיק זיך, אַרײַנגעוואָרפן עטלעכע אוזבעקישע ווערטער, האָב איך אים גאַנץ גוט פאַרשטאַנען און אפילע געפּרוּווט ענטפערן אַף זײַן לאָשן:

— פאַכטאַ סען אדזשאַפּ!

וואָס באַטײַט: „ווי פּרעכטיק איז דער בוימוואָל!"

מײַן מיטשפּרעכער האָט זיך צעשמייכלט:

— כאָפּ, יולדאַש!

נו, אויב ער האָט מיך שוין אָנגערופן „יולדאַש", דאָס הייסט „כאַווער", קאָן מען אויך אַריבערגיין אַף „דו".

— און וואָזוי בוימוואָל בליט, האָסטו געזען?

איך האָב אים געזאָגט, אַז יאָ, איך האָב געזען. אָבער מײַן קורצער ענטפער האָט אים, זעט אויס, ניט באַפרידיקט. זשעסטיקולירנדיק מיט די הענט, אָפּאָנעם צוליב מער אָנשוילעכקײַט, האָט ער גענומען דערציילן, וואָזוי עס זעט אויס דער צווייט אַף די יונגע בוימוואָל־

קאָמבײַנען באַם אַראָפּנעמען די בוימוואָל־גערעטעניש

שטענגלעך אינדערפרי, באַטאָג, אין אָוונט און אויפן אַנדערן טאָג. דערציילט האָט ער מיט באַגײַסטערונג, היספּײַלעסדיק־עמאָציאָנעל, ווי ער וואָלט דעקלאַמירט אַ ליד. און עס האָט זיך באַקומען טאַקע בעעמעס עפּעס ענלעכס אויף אַ ליד, וואָס — אויב זי איבערגעבן, מאָלט זי זיך אויס אַן ערך אַזוי:

איר האָט געזען, ווי בוימוואָל בליט,
ווי ס'ווערט דאָס פעלד באַשיט מיט צוויט?
אויב איר געזען האָט, זאָגט זשע מיר:
דער צוויט פון וועלכן איז קאָליר?
עס איז געווענדט, — איך זאָג אײַך, — ווען
איר האָט דאָס פעלד אין צוויט געזען:
גאַנצפרי, באַטאָג, צי אָפּדערנאַכט —
ס'האָט יעדע שאָ איר כיין און פּראַכט.
נאָר ווער פאַרשפּעטיקט האָט צום צוויט,
געזען קיין שיינקייט האָט ער ניט!

עמעס, מע קאָן צווייפלען, צי איז טאַקע קיין שענערס, ווי בוימוואָל־צוויט, ניטאָ אויף דער וועלט, נאָר זיך שפּאַרן האָב איך ניט געוואָלט, ביפּראַט אַז דאָס אַלץ איז סאָפּקאָלסאָף אַ סובייעקטיווע זאַך. צווישן די קאַראַקומער זאַמדן איז סאַקסאַול — אַ בוים־געוויקס, וואָס מע זעט אים קוים אַרויס הינטער די באַרכאַנען, אָבער מע איז דאָרט זיכער, אַז ער איז ניט ערגער, אייִדער אין אַנדערע ערטער אַן עוקאַליפּט צי אַ בערעזע. פאַרן מידבער־קעמל איז אַ שטעכלקע, וואָס מיט הוילע הענט קאָן מען זי ניט אָנרירן, אַ מײַכל פון אַלע מײַכאָלים. וואָס שײַעך דעם בוימוואָל־צוויט, איז ער טאַקע בעעמעס וווּנדערלעך־שיין!

אין מאָסקווע איז געווען נײַן אַזייגער אָפּדערנאַכט, און דאָ, אין טאַשקענט, האָט דער זייגער באַוויזן צוועלף. די שטאָט איז שוין געשלאָפן, נאָר אינעם אַעראָוואָקזאַל איז געווען טומלדיק, ווי אויף אַלע גרויסע לופט־ליניעס, וועלכע ווייסן ניט קיין רו אַ גאַנצן מעת־לעת. איך האָב זיך געזעגנט מיט מײַנע אוזבעקישע מיטרײַזנדער, וועלכע האָבן נאָך געדאַרפט זיך דערקלײַבן צו נאַמאַנגאַן און פערגאַנאַ, און מיר איז פאַרגעשטאַנען צו זוכן אַ נאַכטלעגער אין אָט דער גרויסער אומבאַקאַנטער שטאָט. מע וואָלט געקאָנט, געוויינלעך, אָנקלינגען צו באַקאַנטע און אַפילו צו גאָר נאָענטע פרײַנט, וואָס זייערע אַדרעסן האָב איך אויף יעדן פאַל פאַרשריבן בײַ זיך נאָך אין מאָסקווע, אָבער ווער וועט גיין אויפהייבן מענטשן פון בעט אין אַזאַ שפּעטער שאָ? בעסער פון אַלץ וואָלט געווען אַ פּרווו טאָן זיך אײַנאָרדענען אין אַ האָטעל — דאָרטן איז מען שוין צוגעוווינט צו אַזעלכע אינמיטנדערינענדיקע וויזיטן. אָבער וועגן אַ האָטעל דאַרף באַצײַטנס אָפּגערעדט ווערן, וואָס איך האָב אין גרויס אײַלעניש ניט באַוויזן צו טאָן.

מיילע, — האָב איך אַ קלער געטאָן, — עפּשער איז דאָס אַפילו בעסער, מע וועט קאָנען זיך דורכגיין און דורכפאָרן זיך איבער דער שטאָט — אָט שטייט אויפן וואָקזאַל־פּלאַץ אַ גאַנצער טאַבון טאַקסאָמאָטאָרן, — זיך אָנעטעמען מיט דער וואַרעמער, מעכײַעדיקער לופט. אַזאַ געלעגנהײַט וועט געוויס אין די נאָענטסטע כאָדאָשים בײַ מיר ניט זײַן.

קלערנדיק אַזוי, האָב איך זיך דערמאָנט, אַז אין עפּעס אַ זשורנאַל האָב איך זיך צופעליק אָנגעשטויסן אויף אַ באַשרײַבונג פון די טאַשקענטער נעכט, — עמעס, עס איז געגאַנגען אַ רייד וועגן גאָר אַנדערע נעכט, נעכט פונעם אײַנאון־פערציקסטן, און כ'האָב ערשט איצטער זיך געכאַפּט: שוין דרײַ מיט אַ האַלבן צענדליק יאָר אַדורך...

אויך אַ שפּעטער האַרבסט, אַפילו דער זעלבער כוידעש — אָקטיאַבער. דער וואָקזאַל־פּלאַץ פינקלט אין דער שײַן פון עלעקטראָ־לאַמטערנס מיט אַלע העלע דאָרעמדיקע פאַרבן: בלומען אין די פּאַליסאַדניקעס, צעצווײַגטע ביימער, נאָך גאָר גרינע און געדיכט־בלעטערדיקע, בלויז אין אייניקע ערטער — אַ געלער צי אַ צונטער־רויטער פלעק. און אַ רויִקע, פאַרטײַעטע שטילקײַט אַרום, אַ שטילקײַט, וואָס מע קאָן זי, דאַכט זיך, אָנטאַפּן מיט די הענט. אָבער דאָס איז געווען נאָך נעכטן, הײַנט איז דער גאַנצער פּלאַץ שוין פאַרפּלייצט מיט מענטשן, און קוילעס טראָגן זיך איבערן רוישנדיקן האַמוין, קוילעס, וואָס לעכערן מאַמעש דורך די געדיכטע לופט, בויערן דורך די אַרומיקע גאַסן און ליקלעך. און אין יעדער האַלבער שאָ פליעסקען זיך אַרויס פון דער וואָקזאַל־געבײַדע אַלץ נײַע און נײַע שטראָמען מענטשן — אַלטע לײַט, פרויען, קינדער, וועלכע מע רופט איצט אָן מיט איין נײַעם, פריִער אינגאַנצן אַן אומבאַקאַנטן נאָמען — עוואַקויִרטע. און אויפן פּלאַץ, אין די סקווערן, אין די אַרומיקע גאַסן און געסלעך איז ניט נאָר זיך צוזעצן — שטיין איז ניטאָ וווּ.

און פון די ראַדיאָ־רופּאָרס אויפן פּלאַץ טראָגט זיך דאָס קאָל פונעם דיקטאָר, וועלכער באַמיט זיך, זעט אויס, איבערשרײַען דעם טומל פון טויזנטער קוילעס:

— אונדזער מיליטער האָט פאַרלאָזט קיִעוו... כאַרקאָוו... וואָראָניעזש... סמאָלענסק... בלאָקירט איז לענינגראַד... שלאַכטן גייען אויף די ראַנד־געביטן פון מאָסקווע...

און אַלץ נײַע און נײַע שטראָמען מענטשן וואַרפט פון זיך אַרויס דער וואָקזאַל. ס'איז שוין ניט קיין וואָקזאַל, נאָר אַן עוואַקאָפּונקט פאַר קינדער. קוידעמקאָל פאַר קינדער, אין דער ער־

שטער רײַ פאר קינדער. קינדער מיט דערשראָקענע פּנימער, אויסגעמאַטערטע, שווײַגנדיקע און — פאַרשטייט זיך — הונגעריקע.

— ארומוואשן, אָנטאָן, אָנהאָדעווען, אויסהיילן! — אזא פאַראָרדענונג האָבן געגעבן די אָרטיקע מאכט־אָרגאַנען, און הונדערטער פרײַווויליקע טאַשקענטער, און ניט נאָר טאַשקענטער, טוישוּוים האָבן זיך גענומען צו טאָן די דאָזיקע הייליקע זאך.

דעם עמעסן נאָמען די צײַט האָט פאַרלוירן —
דעם נאָמען, וואָס ער האָט געהאַט,
מע ווייסט ניט די מאמע, וואָס האָט אים געבוירן, —
דאָס ייִדישע ייִנגל ראכמאַט.

מע ווייסט ניט, פון וועלכן ארויסגעכאַפּט פײַער
עס האָט אים א שטורמישע נאכט,
פון וואָס פאַרא קאַנטן אין היים אין דער נײַער
דאָס אייפעלע האָט מען געבראַכט.

מע ווייסט ניט, ווער האָט אים דער ערשטער געגעבן
מיט ליבשאַפט א פּענעצל ברויט,
פון אייגענעם מויל אים געשענקט, ווי דאָס לעבן,
פאַרשטעלט מיטן לײַב אים פון טויט.
ניט וויכטיק, צי קאָן שוין אצינד זיך דערמאָנען
זײַן עמעסן נאָמען דער יאַט —
דאָס ייִנגל, וואָס טראָגט אַן אוזבעקישן נאָמען,
א טײַערן נאָמען — ראכמאַט.

ער טראָגט אים מיט ווירדע, ער טראָגט אים מיט קאָוועד —
דאָס בעסטע, דאָס שענסטע געשאַנק.
— ראכמאַט! — זאָגט ער יעדן, וואָס האָט אים געכאָוועט.
ראכמאַט — איז אויף ייִדיש: א דאַנק!..

ביז איצט דערציילט מען אין אוזבעקיסטאַן א געשיכטע, וועלכע קלינגט, ווי א לעגענדע, כאָטש קיין איין וואָרט אין איר איז ניט אויסגעטראַכט. א געשיכטע וועגן דעם פּאָשעטן שמיד פונעם קאָלווירט אויף ערנסט טעלמאַנס נאָמען שאאכמעד שאאכמודאָוון און זײַן פרוי באכריכאָן אקראַמאָווע. זיך דערוווּסט, אז אינעם נאָענטן קינדערהיים געפינען זיך עוואַקויִרטע קינדער, איז שאאכמעד־אגא געקומען אהין און געבעטן, מע זאָל אים געבן אויף דערציִונג א קינד. מע האָט אים ארײַנגעפירט אין צימער, און זײַן בליק האָט זיך אָפּגעשטעלט אויפן סאַמע קלייכן, סאַמע מאָגערן, הויט און ביינער. ווען מע האָט אים געפרעגט, פאַרוואָס האָט ער אויסגעקליבן גראָד אָט דאָס ייִנגעלע, וואָס מע ווייסט ניט, צי עס וועט נאָך לאַנג ציִען, האָט ער געזאָגט:

— אונדזער כויוו איז אָפּראַטעווען אלע קינדער...

שאאכמעד־אגא האָט זיך שוין געקליבן אוועקגיין מיטן ייִנגעלע, ווען ס'איז פּלוצעם צו אים צוגעגאַנגען נאָך איין יאַטל:

— פעטער, נעמט אויך מיך, איך וועל זײַן א גוטער, כ'וועל אײַך אין אלצדינג העלפן!

האָט ער דאָס יאַטל אויך גענומען. דערנאָך איז ער ווידער געקומען אין קינדערהיים נאָך נײַע דערציִגלינגען. זײַן מישפּאָכע איז געוואַקסן. מע האָט זי גערופן: „א גאַנצער אינטערנאַציאָנאַל”: עס זײַנען געוואַקסן אין איר קינדער — רוסישע, אוזבעקן, א ציגײַנערל, א טאָטערל, א טשוּוואַש, א ווײַסרוס, אַן אוקראַיִנער, א קאַזאַכיש מיידעלע, א מאָלדאַוויש קינד און א ייִדיש קינד. פערצן קינדער! איינציקן האָבן אלע שוין גערעדט אויף אוזבעקיש. נאָך דער מילכאָמע זײַנען צוגעקומען נאָך צוויי קינדער — איז שוין געוואָרן זעכצן. און שאאכמעד־אגא מיט זײַן באכריכאָן־אַטאַ האָבן אלעמען אוועקגעשטעלט אויף די פיס, געגעבן זיי א גוטע דערציִונג...

זיך דורכשפּאַצירן איבערן באַנאַכטיקן טאַשקענט האָט זיך אָבער מיר ניט אײַנגעגעבן. איך האָב אינגאַנצן פאַרגעסן, אז מיט א וואָכן צוויי צוריק האָט צו מיר אָנגעקלונגען וואָלאָדיע מעסאַמעד, און איך האָב דערלאָזט א ניט־פאַרזיכטיקײַט אים צו מיטיילן, אז עפּשער וועט מיר אין דער נאָענטסטער צײַט אויספאַלן צו באַזוכן טאַשקענט...

ווער איז וואָלאָדיע מעסאַמעד? דאַרף מען אויך, כאָטש אינקורצן, דערציילן.

מיט עטלעכע יאָר צוריק, ווען איך האָב געארבעט אין ביראָבידזשאַן, האָב איך זיך זייער נאָענט באַפרײַנדעט מיט דער מישפּאָכע טענצער. באָריס סאַמאָילאָוויטש טענצער האָט מיך, אייגנטלעך, אליין געפונען. איינמאָל האָט ער מיר אָנגעקלונגען אין רעדאַקציע און זיך אָנגעפרעגט, צי קען איך מאַריִע באָריסאָוונע בוים. האָב איך אים געענטפערט, אז די פאַמיליע בוים איז מיר באַקאַנט, מיט דאָרעלע בוים האָב איך זיך געלערנט אינעם אָדעסער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט, און מיר זײַנען מיט איר פון איין שטעטל. אָבער מאַריִע באָריסאָוונע בוים — אזא קען איך ניט. ענטפערט ער, אז מאַריִע באָריסאָוונע איז דאָרעס לײַבלעכע שוועסטער.

— מינציע בוים! — שרײַ איך אויס, און איך הער, ווי דער, וואָס האַלט דאָס טרײַבל, צעלאַכט זיך:

— נו, יאָ, מינציע בוים איז מײַן פרוי.

האָב איך אומגעריכט זיך געטראָפן אין בי־

ראָבידזשאַן מיט מײַנע לאַנדסלײַט. מאַריִע באָרי־סאָוונע איז א מעדיצין־שוועסטער, באָריס סאַ־מאָילאָוויטש — א ציין־דאָקטער. די עלטערע טאָכטער, אידע, האָט אויך פאַרענדיקט א מעדי־ציניִשן אינסטיטוט און אַרבעט אין כאַבאַ־ראָווסק. די ייִנגערע, דאָרע (א נאָמען נאָך איר מומע, וועלכע איז אומגעקומען אין אונדזער שטעטל קופּעל בײַ די דײַטשן), האָט נאָך בײַ מײַן אַרבעט אין ביראָבידזשאַן זיך געלערנט אין טשיטא, אויך אין א מעדיציניִשן אינסטי־טוט. א מישפּאָכע פון גאָלע דאָקטוירים!

דאַכט זיך, ס'איז ניט געווען דער טאָג, איך זאָל ניט זײַן אין דער היים בײַ די טענצערס, צי זיי זאָלן ניט זײַן בײַ מיר. און ווען דאָרע האָט פאַרענדיקט דעם אינסטיטוט, איז זי אויך געקומען צוריק קיין ביראָבידזשאַן און גע־אַרבעט דאָרט אלס גינעקאָלאָג. דעמלט טאַקע איז זי צוגעשטאַנען צו מיר:

— איך וויל זיך אויסלערנען ייִדיש.

בין איך געוואָרן איר לערער און זי מײַן שי־לערין. זייער א פייִקע, האָט זי שוין אין א קורצער צײַט אַרום געקענט אָפּ אויסווייניק לייב קוויטקאָס „אַלעפבייס", אָנגעהויבן שפּילן אינעם ביראָבידזשאַנער פאָלקס־אָרקעסטער (זי איז אויך א פידלערין) און אינעם ייִדישן פאָלקס־טעאַטער. איך האָב פאַרלאָזט ביראָבידזשאַן, האָב ווידער געוווינט אין לענינגראַד, נאָר מיט די טענצערס האָבן מיר זיך פּונקט ווי ניט צע־שיידט. אײנמאָל באַקום איך אַן אײַנלאַדונג אָפּ דאָרעס כאַסענע, און וווהין, מיינט איר? קיין טאַשקענט! פאַרוואָס טאַשקענט, אַז דאָרע וווינט און אַרבעט אין ביראָבידזשאַן? איז אין דעם שולדיק וואָלאָדיע מעסאַמעד. ער איז אויך א ביראָבידזשאַנער, אָבער נאָכן פאַרענדיקן דעם טאַשקענטער אינסטיטוט פון אויסלענדישע שפּראַכן איז ער געבליבן אַרבעטן אין דער הויפּטשטאָט פון אוזבעקיסטאַן אלס איבערזע־צער פון סיריש אינעם רעפּובליקאַנישן מיני־סטעריום פאַר מעליִאָראַציע. קומט איינמאָל וואָ־לאָדיע צו פאָרן אין אורלויב קיין ביראָבידזשאַן צו זײַנע עלטערן (אויך א גאַנץ היפּשע מיש־פּאָכע) און קערט זיך אום קיין טאַשקענט שוין מיט דאָרע טענצער.

איצט פאַרשטייט איר שוין, מיסטאַמע, פאַר־וואָס איך באַווײַז זיך קוים אַרומקוקן אינעם טאַשקענטער אַעראָוואָקזאַל, ווי איך פאַל אַרײַן צו וואָלאָדיען אין די הענט אַרײַן. לעבן אים שטייט א שמייכלענדיקע דאָרעס עלטערע שוועסטער אידע. איז די פראַגע אָבער — פונ־וואַנען האָט זיך דאָ גענומען אידע, וועלכע, ווי איך ווייס, וווינט אין כאַבאַראָווסק?

— אָט אַזוי, — לאַכט זי, — גאַנץ צופעליק. אָפּן וועג פון דושאַנבע קיין כאַבאַראָווסק. און אַזוי־ווי איך האָב זייער געוואָלט זען אויך די מאַמע...

— איז מאַריִע באָריסאָוונע אויך אין טאַש־קענט?

— וואָדען, — זאָגט אידע, — ווער וועט העלפן דאָרען זיך ניאַנטשען מיט עלאָטשקען, אויב ניט די באָבע? וואָלאָדיע איז דאָך א גאַנצן טאָג פאַרנומען...

עפּעס האָב איך ניט געהערט, אַז בײַ די טענ־צערס זאָל זײַן אַן עלאָטשקע — אידעס טעכ־טערל רופט מען מיט אַן אַנדער נאָמען. קומט שוין צוהילף וואָלאָדיע:

— עלאָטשקע — דאָס איז אונדזער טעכ־טערל...

— מאַזלטאָוו! — שרײַ איך אויס אָפּן גאַנצן זאַל און נעם אַרום דעם גליקלעכן טאַטן.

האַקלאַל, איבער די באַנאַכטיקע טאַשקענטער גאַסן בין איך געפאָרן צוזאַמען מיט וואָלאָ־דיען און אידען. די שטאָט, די נײַע שטאָט טאַשקענט, האָט זיך געשפּרייט אַרום אונדז מיט איר גאַנצן כיין, מיט פּרעכטיקע אַרכיטעקטור־אַנסאַמבלען, פּאַרקן און סעדער.

שיין איז טאַשקענט אין אַלע צײַטן פון יאָר, באַזונדערס, זאָגט מען, אין פרילינג, ווען די זון לאָזט זיך שוין גוט פילן און אומעטום שטייט א מעכײַעדיקער גערוך פון פרישן צוויט. איך בין אַהער געקומען אין שפּעטן האַרבסט, נאָר אין מײַנע אויגן האָט דאָ גאָרנישט ניט אָנגעוווירן דעם כיין.

ס'איז בעפּיירעש א וווּנדער: הײַנט נאָך האָב איך אין מאָסקווע געטעמט מיט א גוט פרעסטל און אונטער מײַנע פיס האָט שוין געסקריפּעט דער אײַנגעלעגערטער שניי, און דאָ אין טאַשקענט — אַזאַ זון!

אַז אומעטום, אַז אומעטום
עס גייט מיר נאָך פוסטריט די זון.

אָף רעכטס איך גיי — זי שפּאַנט נאָך מיר,
אָף לינקס — איר וואַרעמקײַט איך שפּיר.

אין גאַס — די זון, אין סקווער — די זון,
אין יעדן הויז און אומעטום.

פון אַלע פענצטער, דאַכט זיך אויס,
מיט לוסט, מיט פרייד זי קוקט אַרויס.

פון וועלכער טיף, פון וועלכן קוואַל —
ווו נעמסטו, זון, דײַן הייסן שטראַל?

דעם ערשטן האָב איך דאָ באַזוכט לעאָניד ווײַנערן, עפּשער דערפאַר, וואָס ער וווינט אין סאַמע צענטער שטאָט, אָף דער שיינער און ברייטער רוסטאַוועלי־גאַס. ווײַנער וועט זײַן צו־פרידן פון דער מאַטאָנע, וואָס איך האָב אים געבראַכט — אַן אָקאָרשט דערשינענעם בוך פון א מאָסקווער ייִדישן שרײַבער, א בוך, וועלכן



לעאָניד ווײַנער בא זײַן ביכער־שראַנק

ער האָט שוין פון לאַנג געוואָלט האָבן און עט־לעכע מאָל געשריבן וועגן דעם אין רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד".

איך געפין דאָס נייטיקע פּילשטאָקיקע הויז, זוך אָפּ ווײַנערס קוואַרטיר און קלינג אָן. אין א ווײַלע אַרום הער איך פון הינטער דער טיר א גערודער, דערנאָך דאָס טופּען פון קינדערשע פּיסלעך, ענדלעך עפנט מען אויף די טיר, און איך דערזע א באַיאַרטן מאַנצבל און א קליי־נינק ייִנגעלע.

— כאָוועור ווײַנער, — זאָג איך און האַק זיך באַלד אָפּ, ווײַל דער באַלעבאָס פון דער דירע באַמערקט גאַנץ איידל, עס זאָל ניט אויסקומען, אַז ער שלאָגט מיך איבער:

— איך בין ניט ווײַנער... ווײַנער איז מײַן איידעם, מײַן טאָכטערס מאַן.

דאָס יאָטל אָבער האָט שוין באַשלאָסן, אַז איצט איז דער סאַמע גינסטיקער מאָמענט צו פאַרפירן א באַקאַנטשאַפט מיטן גאַסט. און אַזוי־ווי איך זיץ נאָך דערווײַל אין פאָדערצימער, הייבט עס אָן צו שלעפּן פון אַנדערע צימערן און מיר באַווײַזן אַלץ, וואָס עס קומט אונטער דער האַנט: א ביקסל מיט אָן אָפּגעבראָכן רערל, שפּילעכלעך פון גומי און פון פּלאַסטמאַסע, פּיל־קעס און אויטאָמאָבילעכלעך. דעריקער איז — מע זאָל וועגדן אָן אים די אויפמערקזאַמקייט, ווײַל דאָ אין שטוב איז ער אויך א שטיקל באַלע־באָס, עפּשער אפילע מער באַלעבאָס פונעם

זיידן, פונעם טאַטן און פון דער מאַמען צוזאַ־מענגענומען.

דערווײַל דערוויס איך זיך, אַז זײַן זיידע, אַלעקסאַנדער נאַזאַראָוויטש ראַצולסקי, איז טאַ־קע א געבוירענער אין טאַשקענט, א מענטש מיט א רײַכער און מערקווירדיקער ביאָגראַפיע. ביז דאָ ניט לאַנג האָט ער אָנגעפירט אינעם שטאַטישן פּאַרטיי־קאָמיטעט מיטן אינדוסטריעלן אָפּטייל, און דאָס הויז, ווו ער וווינט איצט מיט דער טאָכטער און מיטן איידעם, האָט מען אויך געבויט אונטער זײַן אויפזיכט. איצט איז ער שוין א פּענסיאָנער.

— אָט וועל איך אָנקלינגען ליאָניען, — זאָגט ער, — וועט ער באַלד קומען צו לויפן, א צוויי־טער, נאָך אַזא פאַרברענטער כאָסיד פון אײַער זשורנאַל איז, מיין איך, ניטאָ אין דער וועלט.

ראַדיק צילט זיך אין מיר מיט זײַן צעבראָכן ביקסל, פּאָדערט, איך זאָל טאַקע דאָ אָפּן אָרט אומפאַלן, ווײַל ער האָט מיך שוין דערהאַר־געט. איך וויל אים צוליב טאָן, נאָר דער זיידע האָט ענדלעך אָפּגעזוכט ליאָניען — דאַכט זיך, אינעם קאַבינעט פונעם דירעקטאָר פון זײַן וויסנשאַפטלעך־פאָרשערישן אינסטיטוט.

— א גאַסט פון מאָסקווע? — הער איך אין טרײַבל א יונג קלינגוודיק קאָל. — טאַקע פון מאָסקווע? — כאַזערט ער איבער מיט היספּײַ־לעס. — פון „סאָוועטיש היימלאַנד"?

— איך וועל באַלד קומען, און ניט אַליין, — פאַרפינקטלעכט ער, — מיטן פאַרוואַלטער פון מײַן אָפּטייל, אויך א ליבהאָבער פון ייִדישער ליטעראַטור.

איך האָב זיך געהאַט פאַרגעשטעלט, אַז לעאָ־ניד ווײַנער דאַרף זײַן א מענטש אין די על־טערע יאָרן, און דאָ דערזע איך א יונגגמאַן פון א יאָר דרײַסיק — פינף און דרײַסיק, ניט מער. וויאַזוי האָט ער זיך אויסגעלערנט ייִדיש? גאַנץ פּאַשעט. אין איינעם א קיאָסק פון „סאָיוזפּע־טשאַט" דערזען צופעליק „סאָוועטיש היימ־לאַנד", די שפּראַך האָט ער פאַרשטאַנען — אין דער היים האָבן מיט אים טאַטע־מאַמע גאַנץ אָפט גערעדט אַף ייִדיש. נו, און באַהערשן דעם אַלעפבייס איז שוין געווען ניט קיין גרויסע טוירע.

— זאָג איך אים, — ווײַזט ער אָן מיט דער האַנט אַף א הויכן, געזונטן מענטשן, אויך אין זײַנע יאָרן, מיט וועלכן ער איז אָקאָרשט אַרײַנ־געקומען, — שרײַב אויס דעם זשורנאַל, וועסטו קיין כאַראָטע ניט האָבן...

— און איך האָב אַזוי טאַקע געטאָן, — רופט זיך אָפּ דער גוואַר און שטעלט פאַר מיר זיך פאַר: — מאַטוויי אַבראַמאָוויטש דאָרפמאַן, אינ־זשעניר־מאָנטאַזשלער. מיט לעאָנידן אַרבעטן מיר אין איין אָפּטייל...



טאשקענט, אַן ארכיטעקטור־דענקמאָל — די מעדרעסע „קוקאָלדאש" אף דעם אכונבאבאיעוו־פּלאַץ

ווײַנער דאנקט מיר פאר דער מאטאָנע, וואָס איך האָב אים געבראכט. ער איז פּאָשעט גליקלעך. צופירנדיק מיך צום ביכער־שראנק, נעמט ער באווײַזן זײַנע אויצרעס. עס ווײַזט זיך ארויס, אז אלץ, וואָס איז דערשינען אין דער ייִדישער שפּראך פאר די לעצטע יאָרן, פארמאָגט ער. אויך דאָס, וואָס עס גייט ארויס פון דער ייִדישער ליטעראטור אף אנדערע שפּראכן. יעדעס בוך אין לעאָניד ווײַנערס ביבליִאָטעק האָט זײַן געשיכטע:

— דעם ניסטערס „מישפּאָכע מאשבער" האָב איך געקויפט אין טשירטשיק, יעכיעל שרײַבמאנס „יאָרן און רעגעס" — אין פערגאנא, אייציק פעפערס לידער — אין אלמא־אטא...

ליאָניען קומט אָפט אויס צו זײַן אין קאָמאנדירונגען, און עס איז ניטאָ אזא פאל, ער זאָל פון זײַנע רײַזעס ניט ברענגען עפּעס א בוך פון א ייִדישן שרײַבער. אָבער מיט א באזונדערן שטאָלץ באווײַזט ער מיר די בענדער פון „סאָוועטיש היימלאנד".

— ווען עס קומט אָן א פרישער נומער, — זאָגט ער, — איז בא מיר א יאָמטעוו.

איך בין פארבליבן בא ווײַנערן אף נאכטלעג. און ניט ווײַל קיין אנדער ברירע איז בא מיר ניט געווען. עס האָט פּאָשעט ניט געוואָלט זיך צעשיידן מיט אזא ליבהאָבער פון ייִדישן וואָרט, ביפראט נאָך, אז מע האָט געקאָנט עפּעס־וואָס זיך דערוויסן וועגן אים און וועגן זײַנע פרײַנט.

אינדערפרי, ווען איך געזעגן זיך מיט אלעקסאנדער נאזאראָוויטשן און מיט די ווײַנערס, זוכט ליאָניע עפּעס־וואָס אף צו שענקען מיר אין אָנדענק פון אונדזער באגעגעניש. ער גייט אוועק אין קיך און טראָגט פון דאָרט ארויס א פּאָר בוימוואָל־שטענגלעך מיט שניי־ווײַסע קעפּעלעך:

— דאָס האָב איך נעכטן געבראכט פון דער פּלאנטאציע, ווו מיר האָבן געהאָלפן אראָפּנעמען די גערעטעניש פונעם „ווײַסן גאָלד"...

איך באמערק, אז ראדיק שטייט לעבן מיר און קוקט פארלוירן אף די בוימוואָל־שטענגלעך. מיר דוכט, אז אָט־אָט וועט ער זיך צעוויינען. ער האלט זיך אָבער אײַן און זאָגט:

— דער טאטע האָט זיי געבראכט צוליב מיר, נאָר איך שענק זיי דיר...

איצטער שטייען ראדיקס בוימוואָל־שטענגלעך בא מיר אין דער היים. זיי רוקן ארויס פון דער וואזע די ווײַסע קעפּעלעך, און ווען ניט די צעשויבערטע קנײַלעכלעך, וועלכע הענגען אראָפּ, האלטנדיק זיך פעסט פאר די שטײַפע, ברוינע, שוין פון לאנג פארטריקנטע בלעטלעך, וואָלטן זיי ענלעך געווען אף טיולפּאנען־קעפּלעך. מענטשן, וועלכע האָבן קיינמאָל ניט געזען דאָס דאָזיקע געוויקס, פרעגן זיך טאקע אָן:

— וואָס איז דאָס פארא בלומען?

ס'איז קײַלעכדיק די ערד, און ראכוועסדיק דאָס
לאנד,
און לאנדסלײַט אומעטום — אף שריט און טריט
געפין איך.
באקאנט צי אומבאקאנט, מע שטרעקט מיר אויס
די האנט:
— פונוואנען איז א ייִדד?
— פון מאָסקווע, כאָווער, בין איך.
אין דאָרעמדיקע שטעט, אין טײַגע פון סיביר,
אין מידבער צי אין יאם פארלירן ניט מע
וועט זיך.
אף יעדער ברייט און לענג כאַווײרים אָן א שיר:
— ווו האָב איך אײַך געזען?
— אין ראטנלאנד מע זעט זיך!

א בויער צי א שמיד? — מיך ארט ניט, ווער
ער איז,
א דאָקטער, א יוריסט? — פון ערשטן בליק דו
זעסט ניט.
און אויב אמאָל דו פרעגסט, וועסט הערן אף
געוויס:
— און וואָס איז אײַער פאך?
— אומזיסט דאָס ברויט מע עסט ניט!

אין באן, אעראָפלאן, צי פּאָשעט אף דער גאס —
אף יעדן שריט און טריט מײַן לאנדסמאן גייט
אנטקעגן.
א שאָקל מיטן קאָפּ, א שמייכל און א שפּאס:
— וואָס מאכט אײַער געזינד?
— מע וואקסט, ווי נאָך א רעגן!

ס'איז קײַלעכדיק די ערד, און שענער אלץ זי
ווערט,
מיט לעבן איז זי פול, און אימפּעטדיק זי דרייט
זיך,
ניט איין מאָל נאָך געוויס איז טרעפן זיך
באשערט:
— מיר וועלן זיך נאָך זען?
— אוואדע, יאָ, פארשטייט זיך!

אין מײַנע רײַזעס איבערן לאנד בין איך שוין צוגעוווינט זיך טרעפן אומעטום מיט לאנדסלײַט. און אזויווי דער גוירל האָט מיך צונויפגעפירט מיט קאָלערלײַ שטעט, צעוואָרפענע שיר ניט אין אלע געאָגראפישע מערידיאַנען און פאראלעלן, הייב איך זיך ניט אָן צו כיידעשן, וואָס, זײַענדיק, לעמאָשל, אין טאָמסק, באגעגן איך זיך מיט א בירָאָבידזשאנער, אין אָמסק — מיט א פראָסקוראָווער, אין קראסנאָיארסק — מיט א קיִעווער. טאשקענט איז אויך ניט געווען קיין אויסנאָם.

ווען איך בין געקומען צוגאסט צום דיכטער יויסעף איצקאָוון, האָט ער די גאנצע צײַט געהאלטן אין איין לויבן זײַנעם א היגן פרײַנט — פּייסי ליבערמאנען, זייער א צוגעלאָזטן מענטשן.

— אויב איר וועט זיך מיט אים ניט באגעגענען, — האָט מיר איצקאָוו געזאָגט, — וועט זײַן א גרויסער שאָד.

פּייסי ליבערמאן... עפּעס א באקאנטער נאָמען, — האָב איך געטראכט, — אָבער וויפל כ'האָב ניט אָנגעשטרענגט דעם מויעך, איז מיר ניט געקומען אפן זינען קיין איין אסאָציאציע, וועלכע וואָלט געקאָנט מיר דערמאָנען אין דעם דאָזיקן מענטשן. אפילע ווען איך האָב אָנגעקלונגען לויטן טעלעפאָן־נומער, וואָס איצקאָוו האָט מיר געגעבן, און דערהערט ליבערמאנס קאָל, האָט עס מיר אויך גאָרנישט ניט געזאָגט. מיר האָבן זיך צונויפגערעדט באגעגענען אפן ראָג פון די גאסן רוסטאָוועלי און מוקימי, לעבן דעם קיאָסק פון „סאָיוזפּעטשאַט“.

— אָבער וויאזוי וועל איך וויסן, אז דאָס זײַנט איר? — האָב איך געפרעגט.

האָט ער געמאכט א פּאוזע, דאכט זיך, ווי עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, א שמוך געטאָן און געענטפערט:

— מירן זיך יאקאָס אָן אייצע געבן...

פּייסי ליבערמאן און איך, ווײַזט זיך ארויס, האָבן אמאָל צוזאמען באזוכט די אָדעסער ליטעראַרישע סטודיע, מיט וועלכער עס האָט אָנגעפירט אירמע דרוקער. א באגעגעניש אין פערציק יאָר ארום! די אָדעסער ליטעראַרישע סטודיע האָט געהאט א גוטן שעם, און אלע מאָל, ווי נאָר עס פלעגט זיך אָנהייבן דאָס לערניאָר אין די ייִדישע אָפּטיילן פונעם פּעדאגאָגישן אינסטיטוט, אָדער פונעם לאנדווירטשאפטלעכן אינסטיטוט, אָדער אין די טעכניקומען און ארבפאקן, פלעגן צו אונדז אין דער סטודיע קומען אלץ נײַע און נײַע ייִנגלעך און מיידלעך — גיי פארגעדענק זיי אלעמען. אָבער מיר הייבן אָן אויסצורעכענען:

— טשארנע יאראָשעוויטש לעבט איצט אין יאלטע.

— באָריס דובינסקי איז אין פּאָדאָלסק, הינטער מאָסקווע.

— ליאָווע פרענקעלן האָב איך געזען טאקע אין אָדעס, דאכט זיך, אין זעקס־און־פערציקסטן צי אין זיבן־און־פערציקסטן.

פארפינקטלעך איך אים:

— ליאָווע פרענקעל לעבט אין טאָליאטי.

— שא, ווו קאָן איצט זײַן, אשטייגער, גיטערמאן?

— גיטערמאן איז אומגעקומען אפן פראָנט. כאַיִם סערעבראָ — אויך...

וויי, וויי, וויפל האָבן מיר פארלוירן באגאבטע יאטן, וואָס האָבן שוין דעמלט געהאט א שעם פון פילצוזאָגנדיקע דיכטער און פראָזאיקער!

צענדליקער און עפשער הונדערטער אָנפאנגער זײַנען דורכגעגאנגען דורך אונדזער סטו־

דיע. ניט וויניק האָט זי אַרופגעפירט אַף אַ זיי־
כערן שפּעריִשן וועג. און אַפּילע יענע, וואָס
זײַנען ניט געוואָרן קיין פּראָפעסיאָנעלע ליטער־
ראַטן, האָבן אַפּן גאַנצן לעבן פאַרהיט די צײַ־
טעריקע ליבע צו ליטעראַטור.

— דו ווייסט, טשאַרנע יאַראָשעוויטש האָט
דאָ ניט לאַנג צוריק נאָכאַמאָל אָנגעהויבן
שרײַבן לידער...

— און באַרע דובינסקין זע איך אָפט אַף די
ליטעראַריש־מוזיקאַלישע „דאָנערשטיקן" אין
דער רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד".

און ער, פּייסי ליבערמאַן אַליין, מיט וואָס
פאַרנעמט ער זיך?

ניין, ער איז ניט קיין ליטעראַטאָר. ער איז
אַ פּרעזעראָווששטשיק און אַרבעט שוין פופצן
יאָר אַפּן טאַשקענטער ראַדיִאָ־זאַוואָד. אינעם
אינסטרומענטאַלן צעך האַלט מען אים פאַר איי־
נעם פון די בעסטע מײַסטערס, זײַנע שטאַמפּן
און פּרעס־פאָרמעס האָבן אַ שעם איבער דער
גאַנצער שטאָט, אים איז געגעבן דאָס רעכט צו
שטעלן אַף די דעטאַלן, וועלכע ער אַרבעט אויס,
זײַן פּערזענלעך שטעמפּל.

— און ווי האַלט באַ דיר מיקויעך ליטעראַ־
טור?

אַז אַ געוועזענער באַזוכער פון דער אָדעסער
ייִדישער ליטעראַרישער סטודיע זאָל אינגאַנצן
וואַרפן די פּען, האָט נאָך ניט פּאַסירט. און פּיי־
סי ליבערמאַן דערציילט מיר, אַז ער שרײַבט
וועגן בערשאַדער געטאָ.

בערשאַדער געטאָ? וואָס האָט ער פאַר אַ שײַ־
כעס צו בערשאַדער געטאָ? לאָזט זיך אויס —
גאָר אַ דירעקטע שײַכעס. פּייסי שטאַמט פון
בערשאַד, און אים איז אויסגעקומען דורכגיין
שיוורע מעדורע געהענעם אין אָט דער געטאָ
בייס דער אָקופּאַציע. ניין, אין בערשאַד האָט
מען ניט נאָר געליטן — אין בערשאַד האָט מען
געקעמפט. אָט וועגן דעם ווידערשטאַנד, וואָס
די ייִדן האָבן צוזאַמען מיט די אוקראַיִנער, רוסן
און פאַרשטייער פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן
אַרויסגעוויזן קעגן די פאַרכאַפּערס, שרײַבט
איצט פּייסי ליבערמאַן.

נאָר ווו האָב איך שוין געהערט וועגן בער־
שאַדער פּאַרטיזאַנער? איך הייב זיך אָן צו דער־
מאָנען, און דער זיקאָרן ברענגט מיך קיין...
בירעבידזשאַן. יאָ, איך האָב ניט קיין טאָעס —
בירעבידזשאַן, אָט ווו איך האָב געהערט וועגן
די בערשאַדער קעמפער.

— אויב אַזוי, — וויל איך פאַרכידעשן לי־
בערמאַנען, — אויב אַזוי, קאָן איך דיר דער־
ציילן וועגן איינעם פון זיי — וועגן לאַדיזשענ־
סקין.

ניין, דעם געוועזענעם אָדעסער ליטסטודיִיעץ
קאָן מען ניט פאַרכידעשן.

— וואָס הייסט, — זאָגט ער, — איך קען ניט
לאַדיזשענסקין? ער איז דאָך איינער פון מײַ־
נע העלדן!

— און ווו איז ער איצטער, דײַן העלד,
ווייסטו?

אָט דאָס ווייסט ער ניט. און איך ווייס. איך
קאָן אים אַפּילע געבן לאַדיזשענסקיס אַדרעס,
מע דאַרף בלויז אָפּזוכן מײַנע בירעבידזשאַנער
בלאָקנאָטן.

דעם עמעס געזאָגט, איז פאַר מיר דאָרט,
צווישן די ראַכוועסדיקע בײַאַמורער סטעפּעס,
די דאָזיקע באַגעגעניש געווען אַן אומגעריכטע,
כאָטש, אויב זײַן פינקטלעכער, האָב איך וועגן
דעם דאָזיקן מענטשן יאָ עפּעס געוווּסט, ווײַל
פאַר מײַן נעסיִע קיין אַמורזעט, אין דעם סאַמע
דאָרעמדיקן ראַיאָן פון דער ייִדישער אווטאָנאָ־
מער געגנט, האָט מיר עמעצער, דערעכאַגעוו,
געזאָגט:

— דערוויסט זיך דאָרט גענויער וועגן לאַדי־
זשענסקין. מע דערציילט, אַז בייס דער מילכאָ־
מע איז ער געווען אַ פּאַרטיזאַנער אין די
בריאַנסקער וועלדער.

דער פּאַרוואַלטער מיט דער ערשטער אָפּטיי־
לונג פונעם סאַמאַרער סאָווירט נאָום לאַדי־
זשענסקי — אַ פּאַרטיזאַנער אין די בריאַנסקער
וועלדער? עס האָט זיך ניט געלייגט אַפּן סייכל:
בירעבידזשאַנער טײַגע — און בריאַנסקער וועל־
דער...

און אָט בין איך אין סאַמאַרע — אין אַ דאָרף
פונעם אַמורזעטער ראַיאָן.

ס'איז געווען אָנהייב פרילינג. אין פעלד איז
שוין געגאַנגען דער פּאַרזיי. ווען איך האָב זיך
אין דער סאָווירט־אָפּטיילונג אָנגעפרעגט אַפּן
פּאַרוואַלטער, האָט מען געענטפערט:

— ווו קאָן ער זײַן, אויב ניט אין פעלד?

לײַכט צו זאָגן — אין פעלד, אָבער ווו? דער־
זען אַפּן טוווע־טויק אַ נאַרוואָס צוגעפּאַרענעם
לאַסט־אווטאָמאָביל און אַ גרופּע מענטשן, וועל־
כע האָבן אָנגעהויבן אָנלאָדן דעם אווטאָמאָביל
מיט פולע זעק זריִע, האָב איך אַ קלער געטאָן,
אַז דאָ וועל איך זיך דערוויסן, ווו עס געפינט
זיך איצט נאָום איזראַילעוויטש.

דער יונגער שאָפער האָט אַ ווײַז געטאָן מיט
דער האַנט אין דער ריכטונג פונעם פעלד:

— נעמט אַף רעכטס, דערנאָך פּאַרקערעוועט
אַף לינקס, ווײַטער וועט שוין גיין אַ גלײַכער
וועג, פאָרט מיט אָט דעם וועג, וועט איר קומען
צו די זייעלקעס. לאַדיזשענסקי איז איצטער
אַקוראַט דאָרט.

אַן אומענדלעך צעאַקערט פעלד, וואָס ציט זיך
אין דער ברייט און אין דער לענג ביזן סאַמע
האָריזאָנט. פונדערווײַטנס זעט מען, ווי אַ
מענטש שטייט באַם סאַמע ראַנד פונעם פעלד,

טאשקענטער מעלוכע־אוניווערסיטעט

א צווייטער גייט צו אים אנטקעגן, בייגט זיך פון צײַט צו צײַט אָן, נעמט א הײַפּעלע ערד פון דער באַראָזדע און שפּאַנט ווײַטער.

אָט דאָס איז ער, לאַדיזשענסקי — העכער פון מיטעלן וווּקס, א שאַרפבײנערדיקער, אין ברילן מיט פאַרשטויבטע גלעזלעך.

ער דערלאַנגט אונדז די האַנט (א ברייטע, האַרטע, שערשאַווע און פאַרברוינטע, ווי זײַן פּאָנעם) און, צושפּאַרנדיק זיך צו דער קאַליאַסקע פון א מאָטאָציקל, וואָס שטייט אפן וועג, טוט ער א שמייכל:

— מײַן פערד־און־וואָגן!

איצט איז ער גרייט אויסצוהערן, וואָס עס וועט אים זאָגן אין אזא הייסער פאַר אים צײַט אַן אומדערוואַרטער באַזוכער.

— בריאַנסקער וועלדער? — האָט ער א צוק געטאָן מיט די אַקסל, און איך האָב שוין א טראַכט געטאָן, אז מאַלע־וואָס מענטשן ריידן — מיסטאָמע אַן אויסגעטראַכטע מײַסע. איך האָב זיך דערפילט שולדיק, וואָס איך דריי אים דעם קאָפּ, ווען אלע זײַנע געדאַנקען זײַנען איצט אין פעלד. לאַדיזשענסקי אָבער זאָגט, ווי ניט צו מיר:

— ניין, צו בריאַנסקער וועלדער בין איך ניט דערגאַנגען — צו ווײַט זײַנען זיי פון אונדז געווען. אָבער שלאָגן די פאַשיסטן איז מיר אויסגעקומען. פון בערשאַד ביז באַלטע.

בא לאַדיזשענסקין, זע איך, זײַנען פאַרנעפּלט געוואָרן די אויגן. ער זעט שוין ניט דעם פאַרזיי־אגרעגאַט, און מע קאָן זיך בלויז אָנשטויסן, וווּ ער געפינט זיך איצט מיט זײַנע געדאַנקען. ער הערט זיך אײַן אין דער פאַרטויבטער הודערײַ פונעם טראַקטאָר אף דער קעגניבערדיקער זײַט פונעם פעלד. מײַן פראַגע האָט אים, זעט אויס, צערודערט און געצוווּנגען זיך אריבערטראָגן מיט די געדאַנקען אין אן אנדער צײַט און ווײַט־ווײַט פון די בײַ־אַמורער מעקוימעס. די וואָלקנדלעך שטויב, וועלכע האָבן נאָך אלץ זיך גערויכערט אף אָט דעם פעלד, האָבן זיך פלוצעם פאַרוואַנדלט אין אן עמעסן רויך בייס א געפערלעכער סרייפע, ווען עס פלאַקערט א העליש פײַער, וואָס דראָעט מיט פאַרטיליקונג.

...פון טעפליק, א קלייניקן שטעטל אין וויניצער געגנט אף אוקראַינע, זײַנען זיי אין יענער פינצטערער נאַכט ארויסגעגאַנגען זאַלבעדריט — מאָניע קויפמאַן, רעפאָעל מאָזוס און ער, נאָכעם לאַדיזשענסקי — דרײַ מיטגלידער פון דער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז געווען טעטיק שוין אין די ערשטע טעג פון דער היטלערישער אָקופּאַציע. זיי האָבן געדאַרפט זיך דערקלײַבן קיין בערשאַד, וווּ עס האָט זיך אָרגאַניזירט א פאַרטיזאַנישער אָטריאַד, מיט וועלכן די טעפליקער אונטערערדלער זײַנען געווען פאַרבונדן דורך די געוועזענע אָפיצערן פון דער סאָוועטישער אַרמיי יאַקאָוו פאַליסן און נאַכמען פאַרשטענדיקערן. מע האָט שוין אף זיי געוואַרט, און ווען זיי זײַנען אהין געקומען, האָט דער אָטריאַד זיך געלאָזט אין וועג, אין די בערשאַדער וועלדער.

אזוי האָט זיך בא נאָכעם לאַדיזשענסקין אָנגעהויבן דאָס פאַרטיזאַנישע לעבן. אויסער אלע אנדערע כעזשבוינעס האָט ער געהאַט מיט די פאַשיסטן א באַזונדער כעזשבן: די היטלערישע ראָצכים האָבן אומגעבראַכט אין טעפליק קימאַט אלע זײַנע אייגענע. פון דער גרויסער מישפּאָכע האָט זיך אים אײַנגעגעבן אָפּצוראַטעווען בלויז דעם פלעמעניק מוישעלען, דער שוועסטערס זעקסיאָריק ייִנגעלע. נאָכעם האָט אים ארויסגעפירט פון טעפליק קיין בערשאַד, און פון דעמלט אָן איז דאָס ייִנגעלע געוואָרן א קינד פונעם פאַרטיזאַנישן אָטריאַד. בייס א שלאַכט, ווען דער פעטער פלעגט אוועקגיין אף אן אָפּעראַציע, האָט מען מוישעלען איבערגעלאָזט אָדער אין וואַלד, אָדער אפן אָפּזיכט בא באַקאַנטע מענטשן, און נאָך דער שלאַכט פלעגט דאָס קינד ווידער זיך אומקערן אין אָטריאַד. עס איז שוין צוגעוווינט געוואָרן צו אזא וואַנדערנדיק לעבן און זיך אומעטום געפילט ווי אין דער היים.

נאָכעם לאַדיזשענסקי געדענקט אלע פאַרטיזאַנישע אָפּעראַציעס — ביז די מינדסטע פּראַטים, אָבער באַזונדערס האָט זיך אים אײַנגע־

קריצט אין זיקאָרן די ערשטע, ווען דער אַט־ריאַד האָט פּאַרניכטעט דעם פּאַשיסטישן שטאַב אינעם דאָרף באַנדוראָווע. עמעס, אין אַט דער שלאַכט איז לאַדיזשענסקי פּאַרוווּנדעט געוואָרן. געניע גיטעלמאַן, א געוועזענער פּאַרמאַצעווט, וועלכע איז געקומען אין אָטריאַד קימאַט אין איין צײַט מיט נאָכעמען, נאָר פון אַן אַנדער שטעטל, האָט אים איבערגעבונדן דעם פּאַר־ווּונדעטן פוס. געניע לעבט איצט אין קעשע־נעוו, זיי שרײַבן זיך איבער, וועגן אַט דער ער־שטער ווונד דערמאָנט ער זיך שוין ניט. און צוליב וואָס, אייגנטלעך, דערמאָנען? סײַדן עפּ־שער, ווײַל זי איז געווען די ערשטע? דערנאָך האָט אים ניט איין קויל געטראָפן, ניט איין בלײַענער שפּליטער האָט זיך אײַנגעביסן אין זײַן לײַב, און ניט נאָר געניע האָט אים גע־היילט. עס זײַנען געווען אַליעס, אַנעס, קאַטע־רינעס, און נאָכעם לאַדיזשענסקי איז לעבן גע־בליבן. זעט אויס, ער האָט געמוזט לעבן, ווײַל ווייניק־וואָר פון זײַן היימשטעטל איז געבליבן, און מע האָט געדאַרפט פירן דעם כעזשבן מיט די היטלערישע מערדער פאַר אַלע פּײַנען און ווייטעקן, פאַר דעם אָפּגעווישטן פון דער ערד שטעטעלע טעפּליק.

פּלוצעם רײַסט לאַדיזשענסקי איבער זײַן דערציילונג:

— איר פרעגט, וואָס עס איז געוואָרן מיט מײַן פּלעמעניק מוישעלען? אַט איז ער אַליין גע־קומען...

לעבן אונדז האָט זיך אָפּגעשטעלט דער זעל־בער לאַסט־אויטאָמאָביל, וועלכן מיר האָבן שוין געזען, קומענדיק קיין סאַמאַרע — ער האָט גע־בראַכט זריע. פון דער קאַבינע איז פלינק אַראָפּ־געשפּרונגען דער שאָפער. יאָ, ס׳איז דער זעל־בער, וואָס האָט אונדז באַוויזן דעם וועג אַהער אין פעלד. לאַדיזשענסקי רופט אים צו, און דער יונגער שאָפער שטעלט זיך פאָר:

— מוישע לומער.

מוישעלע — דאָס קינד פונעם פּאַרטיזאַ־נישן אָטריאַד אין די בערשאַדער וועלדער...

קיין בירָאָבידזשאַן איז מוישע לומער געקו־מען צוזאַמען מיט זײַן פעטער אין 1947, מיטן ווינניצער עשעלאָן. איצט איז ער שוין א שאָ־פער פון ערשטן קלאַס, איינער פון די כאַשעווּ־סטע מענטשן אין סאַמאַרער סאָווירט. דאָ איז ער אויסגעוואַקסן, זיך געלערנט, באַקומען א פאַך, כאַסענע געהאַט, דערציט שוין מיט זײַן פרוי, א לערערן פון כימיע אין דער היגער מיטלשול, צוויי קינדער.

נאָכעם לאַדיזשענסקי גייט ווידער נאָך די זייעלקעס, שטעלט זיך פון צײַט צו צײַט אָפּ, נעמט אין דער האַנט א הרודקעלע ערד, און איר וואָרעמקײַט גיסט זיך אַריבער אין זײַנע אָדערן. איצט איז ער ווײַט, זייער ווײַט פון יענער ערד, אין וועלכער ער האָט איבערגע־לאָזט ניט איין טראָפּן בלוט, נאָר זי איז אים לײַבלעך נאָענט, אײַנגעבאַקן אין האַרצן, ווי די ערד, אויף וועלכער ער שפּאַנט אצינד מײַסע באַלעבאָס. און איך האָב מער ניט געוואָלט שטערן דעם פּאַרוואַלטער פון דער ערשטער אָפּטיילונג פונעם סאַמאַרער סאָווירט — ער האָט דאָך געגוג זאָרגן: עס גייט דער פּאַרזיי, און אופגיין דאַרפן זײַנע פעלדער מיט פולער שע־פע.

צו אים אײַלט דער בריגאַדיר פון דער טראַק־טאָר־בריגאַדע. עפּעס קימערט זיי, וועגן עפּעס וויכטיקס שמועסן זיי זיך דורך און דערווײַטערן זיך פון אונדז אין דער קעגנבערדיקער זײַט פונעם פעלד. און וואָס ווײַטער זיי גייען אָפּ פון דעם אָרט, ווו איך שטיי, אַלץ מער דוכט זיך מיר, אַז זיי ווערן ווי צונויפגעגאָסן צוזאַ־מען, און אָט פּאַרשלינגט זיי שוין א גרויס־בלוי־לעך רויכל — א וואָלקנדל שטויב, וואָס טראָגט זיך פון דער זײַט, ווו עס הודעט דער טראַק־טאָר.

שפּעט אָפּדערנאַכט בין איך געזעסן מיט נאָ־כעם לאַדיזשענסקין אין זײַן געמיטלעכער, מיט געשמאַק אויסגעשטאַטער דירע, און מיר האָבן ביידע דורכגעקוקט די היפּשע פּאָטשט, וואָס ער באַקומט פון אַלע עקן לאַנד. אויף די קאָנ־ווערטן און פּאָטשט־קאַרטלעך — שטעמפּלען פון אָדעס און בערשאַד, קעשענעוו און אוראַלסק, קיִעוו און סאַווראַנסק...

זיצנדיק אין פּאָטעל, היימיש, רויִק, אַן דעם אייבערשטן העמדל, אין איין מײַקע, קלײַבט ער איבער א קאָנווערט נאָך א קאָנווערט, און אָט ווערט דער גאַנצער טיש פּאַרשאָטן מיט בריוו, מיט אויסשניטן פון צײַטונגען און פּאָטאָגראַ־פיעס.

לאַדיזשענסקי קאָמענטירט יעדן בריוו. אונד־זער אופמערקזאַמקײַט ציט צו א פּאָטאָגראַפיע אין א צײַטונג — דאָס האָט מען אים צוגעשיקט פון זײַן היימשטעטל. א פּאָטאָגראַפיע מיט אַן אונטערשריפט: „א גרופּע פּאַרטיזאַנער, וועלכע זײַנען געווען טעטיק אויף דער טעריטאָריע פון בערשאַדער ראַיאָן...״ צווישן די פּאַרטיזאַנער — נאָכעם לאַדיזשענסקי.

— מיר האָבן זיך פּאָטאָגראַפירט, — פּאַר־פּינקטלעכט ער, — גלײַך נאָך דער באַפרײַונג פון בערשאַד, אין מאַרט 1944.

און ער רופט אָן יעדערן פון דער גרופּע, ער ווייסט די לעבנס־געשיכטע פון אַלע זײַנע מיט־קעמפער.

מיר האָבן זיך געזעגנט מיט נאָכעם לאַדי־זשענסקין, נאָכאַמאָל דערפילט די ברייטע וואַ־רעמע דלאָניע פון זײַן האַנט — א האַנט, וואָס האָט געהאַלטן סײַ שווערע זעק און פּעק, ווען ער איז געווען א טרעגער אין טעפּליק, פּאָטער־

לענדישע און טראָפּיישע אווטאָמאַטן, מיט
וועלכע ער האָט געמאַכט אַ סאָף ניט צו איין
פאַשיסטישן מערדער אין די בערשאַדער וועל־
דער, גאָלדענע טוווע־קערנער באַם פאַרזייען די
ראַכוועסן פון די ביי־אַמורער פעלדער.

פּייסי ליבערמאַן וווינט אין איינעם פון די
נײַע ראַיאָנען פון טאַשקענט, וועלכער טראָגט
אַ קלינגעוודיקן נאָמען — טשילאַנזאַר. יעדער
מיקראָ־ראַיאָן האָט דאָ זײַן אייגן פּאָנעם, זײַנע
באַזונדערע סימאָנים. פון לעאָניד ווײַנערס באַל־
קאָן הערט זיך פון גאַנצפריי אָן אַ רויש פון
טראַמווײַען, אווטאָבוסן, טראָלייבוסן. פּייסי לי־
בערמאַנס דירע, דאָס גאַנצע הויז איז אײַנגע־
טונקען אין גרינס.

אין די אַריקן רינט איצט ניט קיין וואַסער —
זיי זײַנען פול מיט געלע בלעטער. אָבער,
נאָכאַמאָל — די זון! ווי געזעגנט מען זיך מיט
אַזאַ פרעכטיקער זון?

שאַט, איך האָב זי, דאַכט זיך, צו שטאַרק
געלויבט. ווען מיר זײַנען מיט ליבערמאַנען גע־
קומען אַפן אַעראָוואָקזאַל, פונוואַנען איך דאַרף
פליִען קיין סאַמאַרקאַנד, האָט זיך פּלוצעם דער
הימל פאַרכמאַרעט און עס האָט אָנגעהויבן קאַ־
פּען רעגן. און אויך דער רעגן איז געווען אַ
טאַשקענטער — אַ סאַמעט־וואַרעמער, ניט קיין
עסריקער. פּאַשעט אַ שטיפּערײַ. ער האָט ניט
געמינערט באַ מיר דעם אײַנדרוק פון דער
שטאָט, וועלכע איז מאָלע־כיין. אַזאַ וועט זי
שוין בלײַבן אין זיקאָרן אָף שטענדיק. סײַ די
שטאָט, סײַ אירע מענטשן, וועגן וועלכע מע
קאָן דערציילן אָן אַ שיר און אָן אַ סאָף.

ס'איז נאָך געווען אַ ביסל צײַט, האָב איך
געבעטן ליבערמאַנען, ער זאָל מיר באַווײַזן
דעם דענקמאָל, וואָס איז אוועקגעשטעלט גע־
וואָרן אין אָנדענק פון די 14 טורקעסטאַנער קאָ־
מיסאַרן אין סקווער אַנטקעגן דעם אײַזנבאַן־
וואָקזאַל. די געשיכטע, ווי אַזוי זיי זײַנען אומגע־
קומען אין יאַנוואַר 1919, האָב איך געוווּסט
שוין פון לאַנג, די ביאָגראַפיעס פון אייניקע —
אפילו גאַנץ גענוי. איך האָב געוווּסט, אַז מי־
כאַיל קאַטשורינער איז שוין צו נײַנצן יאָר גע־
ווען אַ באָלשעוויק, איינער פון די, וואָס האָבן
מיט געווער אין האַנט אײַנגעשטעלט די סאָ־
וועטנמאַכט אין קיִעוו. אין 1918 האָט מען אים
באַשטימט אַלס פאָלקס־קאָמיסאַר פון פינאַנצן
אין דער טורקעסטאַנער רעפובליק. ער איז גע־
ווען אַ טאַלאַנטפולער זשורנאַליסט און אָראַ־
טאָר. ווען ער איז אומגעקומען, איז ער אַלט

טאַשקענט. דער דענקמאָל די 14 טורקעסטאַנער
קאָמיסאַרן

געווען אײַנגאַנצן צוויי און צוואַנציק יאָר.

וואָלף פינקעלשטיין איז עלטער געווען פון
קאַטשורינערן אַף צען יאָר און האָט שוין גע־
האַט אַ דערפאַרונג פון אַן אויסגעפּרוווטן סאָל־
דאַט — אים האָט מען באַשטימט אַלס פאַרטרע־
טער פונעם פאָרזיצער פון טאַשקענטער סאָ־
וועט.

איצט שטיי איך מיט אַ פאַרנייגטן קאָפּ באַ
דעם דענקמאָל און לייען די נעמען פון אָט די
פערצן העלדישע קעמפער: ווסעוואָלאָד וואָטינ־
צעוו, סעמיאָן גאָרדייעוו, אַלעקסאַנדער מאַל־
קאָוו, מיכאַיל טראַיִצקי, וואָלף פינקעלשטיין,
מיכאַיל קאַטשורינער און אַנדערע — נעמען,
וועלכע מע פאַרגעסט ניט און מע וועט קיינמאָל
ניט פאַרגעסן. איך האַלט אין דער האַנט אַ קאַ־
לענדאַר אַפן 1977, ווו יעדעס בלעטל איז גע־
ווידמעט איינעם פון די טורקעסטאַנער קאָמי־
סאַרן.

אין אָט דער פרעכטיקער שטאָט פילט מען
באַשײַמפּערלעך, ווי עס איז געקניפּט און גע־
בונדן די העלדישע געשיכטע מיט דעם הײַנ־
טיקן טאָג.

דרײַ דיכטערישע רעפּאָרטאַזשן

נאַכמען סאַכאַר

כראָניק פֿון דעם שטעטעלע לינעץ

1. צוואַנציקער יאָרן

פֿאַראַן איז סײַ סטעפּ און סײַ וואַלד אין דער געגנט.
די שליאַכן די אַלטע פֿון פּליין אוקראַיִנעס —
זיי קומען די טראַקטן די נײַע אַנטקעגן,
און דאָרט, ווו עס שפּרייטן זיך בוגער דאָלינעס,
געווען איז אַ שטעטעלע לינעץ.

ס'האָט יעדערער, ווער עס פֿלעגט קומען אַהער,
באַם ערשטן אַרײַנפֿאָר געשפּירט און געהערט,
ווי הילכיק עס קלינגען אין קוזניעס די האַמערס,
ווי ריטמיש און פֿריילעך, אָט גרינג און אָט שווער,
עס פֿאַלן די קלעפּ אויף די אײַזערנע קלאַמערס.

די קאָוואַלס, די סטעלמאַכס, די רימער פֿון לינעץ
באַזאָרגט האָבן דערפֿער, מיט נייטיקס באַוואָרנט —
מיט וועגענער, שליטנס, מיט רעדער און רימענס,
און אַלץ פֿאַרן שפּאַן. און מישפּאָכעס פֿון באַנדערס
אין הויף, בײַ דער שטוב, צי גאָר גלײַך אינעם געסל,
פֿון קלעפּקעס געקלאַפּט האָבן דייזשעס און פּעסער,
און צעבערס און באַליעס, און דעסגלײַכן אַנדערס
פֿאַר היגע, פֿאַר יענע, וואָס זײַנען געזעסן
אין דערפֿער אַרום און וואָס האָבן דאָס שטעטל
גענערט פֿון דער ברייטער מאַזאָליקער האַנט.
באַשטאַט האָבן קירזשנער מיט פֿײַנע קאַשקעטן,
מיט שעפּסענע פּעלצן דעם גאַנצענעם קאַנט.
די לינעצער שטיוול, די שיך און שטיבליעטן,
פֿון אייגענעם און פֿון בערדיטשעווער לעדער,
אויף הילצערנע פֿלעקלעך, מיט דראַטוועס גענייטע,
געווען זײַנען שטאַרקער און שענער פֿון גרייטע
(מ'האָט קלאָר דאָס געזען, און געוווּסט האָט עס יעדער).

טאַנדעטניקעס פֿלעגן פֿון רעפּס און פֿון לאַסטיק
דאָ שטעפּן מאַלבושים גאָר בעריעש און האַסטיק
צו גרויסע יאַרידים, פֿאַר ברייטן געברויך.

א שניידער־געזעל איז געווױנט געווען הויך
א זינג צו טאָן פאַר׳זיך באַם שטעלן די אַרבל
א ליד פון אַמאָל, ווען פאַר דריטהאַלבן קאַרבן
א כוידעש א גאַנצן איז כעוורע, פאַר נויט,
באַ קאָלערליי שניידערשער אַרבעט געזעסן,
געהאָרעוועט שווער אין די לאַנגע מעסלעסן,
קעדיי צו פאַרדינען אַף וואַסער און ברויט.

דערנאָך, אין דער מיט פון די צוואַנציקער יאָרן,
איז לינעץ באַנײַט און געענדערט געוואָרן,
און אַנדערע לידער מע האָט דאָ געזונגען —
עס האָבן אין שטיבער אין אַלטע געקלונגען
די נײַע מעלאָדיעס פון מאָסקווער גאַסעט
פון „צוויי הונדערט טויזנט״, פון „מאַזלטאָוו״, „געט״,
הײַנט לידער פון בירגערקריג, שטײַגער באַנײַטן,
און פון דניעפּראָבוי, — אָט אַזוי ווי באַ לײַטן!
פאַרמאָגט האָט דאָס שטעטל א גוסט פאַר נעגינע
אַף סימכעס, יאָמטױוים און אויך אינדערוואָכן.
און אַלע געווען זײַנען שטאַרקע מעווינים,
געשפּילט האָבן קלעזמער אַף סטרונעס אַף דינע,
ביז טרערן גערירט, די געמיטער געבראָכן.

2. סאָף דרײַסיקער יאָרן — זומער 1941

זיי זײַנען געקומען, די דרײַסיקער יאָרן,
מיט אומרוּ, מיט דראָנג, מיט האַס און מיט צאָרן.
ס׳האָט היטלער אין דײַטשלאַנד דעם פּלאַן זײַנעם וויסטן
פאַרטראַכט, און עס ווילדעווען שוין די פאַשיסטן.

געקנאַלט האָבן פּײַנטלעכע שווערע האַרמאַטן
ניט ווײַט שוין פון לינעץ. געדאַרפט האָט מען לויפן
און ראַטעווען ס׳לעבן פון היטלערשע קאַטן.
נאָר ווי לאָזט מען איבער אַן אייגענעם אַריען?
וווּ טוט מען אַהין זיך מיט אַלטיטשקע טאַטן,
מיט קינדער מיט שוואַכע, מיט פרויען, וואָס טראָגן?
דעריקער — פאַראַנען אַזעלכע, וואָס זאָגן,
אַז פרידלעכע מענטשן וועט גאָרנישט ניט שאַטן.
און עפשער וועט ברעכן דער דײַטש האַלדז־און־נאַקן,
ניט קומען צו אונדז אינעם שטעטל — א מאַקעּ!

אַזוי האָבן קלוגע געקקירעט, גענאַרטע.
און אָט זײַנען וועגן פון לינעץ פאַרשפּאַרט שוין!
אַז ווײַ צו מײַן שטעטל! אַז ווײ איז צו אַלע,
וואָס האָבן קיין ריכטיקן וועג ניט געפונען —
זיי זײַנען פאַרורטײלט, זיי זײַנען פאַרפאַלן!
אַז וויל איז צו די, וועלכע זײַנען אַנטרונען
פונדאַנען באַצײַטנס. זיי וועלן צושטײַער
מיט אַלע סאָוועטישע מענטשן געטרײַע
אין מיזרעך־געביטן, אַף ברייט־ווײַטן מערכעק

זיך מיִען, אוועקליי‌גן קויכעס און טירכע,
עס זאָל די פאַשיסטישע כּיִע געפינען
איר טויט פון א קויל, פון א שווערד, אף א מינע.

איך האָב נאָכן קריג דאָ געציילטע געטראָפן
פון פּרויען און מענער, וואָס האָבן מיט ניסים
פאַרהיט זיך, בעשאַס מ׳האָט געפירט צום צעשיסן.
זיי זײַנען אין שכיינישע דערפער אַנטלאָפן,
ווו ס׳האָבן געפונען זיך שטילע באַלאַנים
צו העלפן — באַהאַלטן אין שײַער, אין קלוניע:
געווען זײַנען פרײַנטלעכע, וואַרעמע הערצער
אויך דעמלט, ווען ס׳האָבן געלויערט טאַליאַנים
און מענטשלעכקײַט גרויליק פאַרבאָטן, פאַרווערט זיי.
דער פּאַכעד פאַר האַרבע, אַכזאַרישע שטראָפן
האָט אָבער ניט אָפּגעשטעלט יענע צו פאָלגן
דעם ווילן פון הערלעכן גײַסט און געוויסן,
יאָ, שטיל און אָן רייד, ווי דאָס פּאַשעטע פאָלק קאָן
זיך טיילן מיט לעצטן, מיט נייטיקסטן ביסן.
ניט עפּעס א טאָג, אָדער צוויי, אָדער דרײַ דאָ,
צו לאָזן דערנאָכדעם אף העפקער־באַראָט, —
נאָר לאַנגע כאַדאָשים זיי אופגעהיט, סײַדן
ס׳האָט עמעצער אויסגעגעבן יענע געדראַ׳ט.
און אייניקע אָפּגעוועזן זײַנען געהיים
באַהאַלטן אין קעלער, אין האָלץ צי אין ליים
בא פּויערים אַזש ביזן טאָג פון געולע,
פון גרויסער באַפרײַונג פון גאַנצער און פולער.

3. האַרבסט 1941 — אָנהייב 1944

אין וואַלד לעבן לינעץ די טויבע געדיכטקייט
פון שטאַמען גראַבאָווע גאָר זעלטן געוועקט האָט
א טראָט פון א גייער, א שאָס פון א יעגער, —
ס׳איז ווײַט פון א טראַקט און פון אײַזנבאַן־וועגן.
באַטאָג איז דאָ אויכעט האַלב־טונקל, האַלב־ליכטיק.

פון גניוואַנער[1] געגנעם, דעם שטיינער־קאַריער,
ווו מ׳האָט רויטאַרמייער געמאַטערט, געפּײַניקט,
האָט אָפּגעגליקט איינעם, דעם יונגן סטעפּאַנען,
אַרויסרײַסן זיך און דערווײַל אָן געוועער —
צו ברענגען זײַן גרופּע, אָן אַכטלינג, אַהער.
צום אַכטלינג באַהעפטן זיך איינער, א צווייטער.
זיי פּויזען אין וועלדער מיט זײַטיקע שליאַכן
און האָפן, און גלייבן, און זײַנען מאַצליעך:
זיי טרעפן זיך אָן אף א דרייסטן שאַליעך,
געשיקט פון פּאַרטיי דאָ א ווידערשטאַנד גרייטן. —
און ס׳איז שוין א היפשע, א גרויזאַמע מאַכנע.

פון הימל אַראָפּ איז א מענטש אין די קוסטעס,
אײַנגאַנצן בא אָרטיקע ניט קיין באַוווסטער.

---

[1] גניוואַן — א שטעטל ניט ווײַט פון וויניצע.

אזוי ווי א בער אין די קרױעס פון צאָפּן,
געשפּאַנט האָט ער שווער. האלב מעסלעס א געפּעלצטער,
געפלאָנטערט אין וואלד (ס׳האָט ניט פּינקטלעך געטראָפן
דאָס אָרט דער פּילאָט), ביז, צום סאָף, א פארשנייטער,
געפונען די וואָך שפּעט באנאכט. אים צום עלטסטן
געבראכט האָט זי גלײַך. אָף א קונציק־פארנייטן
שמאָל שטיקעלע לײַוונט געוויזן באם לעמפּל
ער האָט דעם באַפעל, וואָס באשטעטיקט מיט שטעמפּל,
אז פאווּעל (צי פּײַוול — אָף ייִדיש) מעדעלצעוו
באשטימט און געשיקט איז פון פראָנט־שטאב אהערצו
צו זײַן קאָמיסאר, און פון טיילן צעזייטע
באדארף ער אן אײנהײַט א גרויסע פארשמעלצן.

דער אָטעם געוואָרן איז טיפער און ברייטער,
די אויגן — באלויכטן מיט שײַן פון ביטאָכן.
געבראכט האָט ער נײַסן פון לאנד פונעם גרויסן:
דער פראָנט — ביז דער וואָלגע ער איז שוין פארקראָכן,
און גיך וועט דער סוינע שוין אָנהייבן גויסען.
געוועזן וואָלט אַצינדער א גוואלדיקע אוולע
ניט קלאפּן, ניט האקן דעם סוינע אין נאקן.
און מאסקים געוועזן זײַנען אלע מיט פאווּלען.
אראָפּגעבראכט האָט ער מיט זיך בעסאכאקל
צוויי נײַע פארשוינען: א יונגע ראדיסטן
און איינעם אָף רײַסן און אופשטעלן בריקן —
א מומכע א גרויסן, מע זאָגט — אן אנטיקל.
א מענטשל א מאָגערס, א קליינס, ווי אומיסטן
צו ווײַזן, ווער אָנשרעקן ס׳קען די פאשיסטן.

און ס׳האָבן צעפלאַקערט זיך ווײַט האָריזאָנטן.
געוואָרן דעם פײַנט איז אלץ שווערער און שווערער
די אָנגריפן אויסהאלטן, שווער זיך צו ווערן
אנטקעגן די מעכטיקע קלעפּ אָף די פראָנטן.
פון וואלד האָבן אָפטער גענומען זיך הערן
די אָנפאלן פלוצעם, דאָס אופרײַסן סקלאדן,
די אָנפליִען דרייסטע אָף פּאָסטן, זאסטאווּעס,
אָף צוגן, אָבאָזן, זשאנדארמען־נאריאדן.

און אָט איז דער פראָנט שוין געקומען אהערצו.
ס׳איז כוידעש יאנוואר פונעם יאָר פיר און פערציק.
מע שלאָגט זיך בא דאשעוו און מאָנאסטירישטשע
פון רעכטס און פון לינקס — ביז ארום פּאָגרעבישטשע.
און לינעץ און זשאָרניטש — אין ברען פון אטאקעס,
און קעגן די דײַטשן — קאטיושעס און טאנקען.

דאָס ווינקל, ווו דו ביסט געבוירן, געוואקסן,
אין ליב דיר און טײַער —
אין קריכסטו אין פײַער.
אין שלאכט לעבן פּליסקעוו איז יוינע אין אקסל
געוואָרן פארוווּנדעט, נאָר, לײַדנדיק ווייטעק
און בלוטנדיק, אלץ נאָך זײַן שטעטל פארטיידיקט.
קיין זשאָרנישטש, א ייִשעוו, די גרייס ווי א גענעץ,

אריַין איז דער ערשטער פון אלע ניט עמעץ,
נאָר באַיקאַ איוואַן, וויַיל פונדאַנען זיַין שטאַם איז.
יאָ, טיף צו דער היים, צו דער וויגליד דער מאַמעס
פאַרוואָרצלט אין אונדז איז די ליבע פון יאָרן.

דער דורכריַיס אף זשאַרנישטש האָט לינעץ באַוואָרנט
פון אָנפאַלן פלוצעם פון זיַיט, פון די פלאַנגען,
די אויסשפּירער באַיקאַס — אַ ביין אין די אַנגלען
באַם דיַיטש, און דער אַנגריף געשטאַרקט האָט זיך דעמלט,
און לינעצער מאַכנע האָט אויך ניט געדרעמלט.

דערנאָך האָבן די, וועמער ס׳איז לעבן געבליבן,
זיך אומגעקערט ווידער צו זייערע שטיבער,
וואָס זיַינען געלעגן אין אַש, אין רויִנעס —
אַ שאָטן פון דעם, וואָס געהייסן האָט לינעץ.
דער שניי אָפן אַש האָט זיך אויסגעדוכט וויַיסער.
נאָר איידער מע האָט נאָך די עטלעכע היַיזער,
וואָס זיַינען געבליבן, גענומען צעעפ׳נען,
צעלייגן אַ פיַיער און עטלעכע לעפל
געקעכץ זיך פאַרגינען, מיט זיי זיך דערקוויקן,
האָט עמעצער פאַרגעלייגט געבן אַ טיקן
די טויזנטער ברידער און שוועסטער, וואָס ליגן
אין פעלד אין געמיינזאַמען קייווער דערשאָסן.
דערנאָך האָט מען ווידער אַהיים זיך געלאָזט.

און דאָרט, ווו עס איז נאָר געבליבן אַן אַלקער,
צוביסלעך מע האָט זיך גענומען די באַלקעס,
די סטעליעס פאַריכטן, פאַרלאַטען די טירן,
די ווענט אויך מיט ליים און מיט קאַלעך באַשמירן,
און דאָ אָפן אָרט האָבן אַלע געגעבן
אַ שוווּע: דאָ אופשטעלן ווידער אַ לעבן.

דערמאָנונגען וועגן ריגע אין מילכאָמע־פּלאַם

דער ערשטער כוידעש

1

סאָף יוני. איין און פערציק. זומער...
א בלוטיק־צעריסן יאָר.
געוועזן אין די הענט האָט געקומען
מײַן הייסער קאָמיוגישער דאָר.

די ציין ביז בלוט פארביסן,
געצוווּנגען האָט קיינער ניט, ניין.
געהייסן האָט אונדז דער געוויסן
אנטקעגן דעם סוינע גיין.

2

שווער איז מענאַצייעך זײַן דעם פײַנט,
ווען פון אונדז באוואָפנט ער איז מערער.
נאָר אזוי געוועזן און עס וועט זײַן:
אָפּטרעטן — איז שווערער!

אָפּטרעטן — פארלאָזן אונדזער שטאָט,
אָפּטרעטן — א גאנצע וועלט פארלאָזן...
יעדער פענצטער איז געוועזן א דאָט —
פון איעדן פענצטער מ׳האָט געשאָסן...

3

אין נארווא דער שטאָט, ווען מיר זײַנען דערגאנגען,
איז שוין אָוונט געווען. שפּעט.
די גרעסטע, וואָס זײַנען פארבליבן, פארלאנגען:
טיי. א קאזארמע. א בעט.

מיר וואשן זיך אָפּ. מיר טוען זיך אויס.
מיר לייגן זיך ברייט־אויסגעצויגן,
נאָר גאָרנישט עס קומט פון דעם שלאָפן ארויס:
ריגע מיר שטייט פאר די אויגן.

זי שטייט פאר די אויגן, מײַן ליבלעכע שטאָט —
אין הארצן, אין בלוט, אין זיקאָרן,
געשטעלט האָב איך דאָרט מײַן ערשטן טראָט,
א מענטש בין איך דאָרטן געוואָרן.

אין איר כ׳האָב באנומען פון שטרײַטן דאָס גליק,
דעם קאמף פאר א בעסערן לעבן.

מיט איך כ'האָב באַגעגנט די רעגע פון זיג,
אָט די — וואָס איז איינמאָל געגעבן.

איין יאָר א סאָוועטיש געווען איז אין איר,
א יאָר — ווי א כאָלעם א ליבער.
ווי איז צו מיר און ווינד איז צו מיר,
מײַן ריגע — דו ליגסט איצט אין פיבער.

4

עס נייגט מיך צום שלאָף. נאָר ס'איז שלאָפן ניט מעגלעך.
ווידער מיר גייען פון ריגע ארויס...
ארבעטער־פרויען מיט עמערס, מיט קריגלעך —
וואָסער זיי שטרעקן אונדז אויס.

זיי שטייען פאַרטרערטע, זיי שטייען אין שרעק:
א גרויזאמער, קומט דער געוויכער.
— טײַערע, אויב איצטער גייט איר אוועק,
אומקערן זאָלט איר זיך גיכער!

5

ריגע איז ווײַט... לענינגראַד איז נאָ'נט...
מיר — די געוואגטע און פעסטע.
לענינגראַד איז געוואָרן א פראָנט,
לענינגראַד — א פעסטונג.

אין נאַרווא זיך איבערפאַרמירט. מע באַפעלט
(ארום איז דערווײַל נאָך שטיל):
ייִנגערע, אין באַטאַליאָנען זיך שטעלט,
עלטערע — בלײַבן אין טיל.

זיי זײַנען דערפאַרן, זיי זײַנען געניט
אין הינטערטיל זײַנען זיי בײַטיק.
בא קיינעם מע פרעגט ניט, צי וויל ער, צי ניט,
נאָר גרויס איז בא יעדן דער ווייטעק.

אזוי איר געשיכטע, איר שלאַכט־וועג הייבט אָן
די לעטישע טייל פון פעכאָטע:
דער פינפטער, דער נאַרוווער פאַרניכט־באַטאַליאָן,
אונדזער באַזונדערע ראָטע.

6

א קלאַפּ אין טיר:
— כאַוועך קאָמאַנדיר,
כ'בין אנדערסאָן פון ערשטן ווזוואָד.
מע שיקט אונדז אָפּ אין ווײַטן טיל.
איז אָט...
איידער מיר ווען זיך שיידן,
בין איך געקומען צו אײַך,
ווײַל איך דאַרף,
ווײַל איך וויל,

ווײַל איך מוז גראָד מיט אײַך עפּעס ריידן.
אין דריטן ווזוואָד, ס'הייסט אין אײַער רעשוס,
לעאָניד איז, מײַן ייִנגל, אַליאָשע.
אָן מיר ער פאַרבלײַבט... און ווײַל פאָרן איך מוז —
האָב איך צו אײַך אַ באַקאָשע...
— — — — — — — — — — — —

מיר איז געוואָרן ניט זייער צום מוט...
קאָן דען אַזעלעכס געפעלן?
וואָס ער וועט בעטן — מיסטאָם איז ניט גוט,
קענטיק איז, וואָס ער וועט וועלן...

פאַרהיטן זײַן זון, ווײַל ער איז נאָך אַ קינד?
ניט שיקן אין שרעקלעכן פײַער?
אָן עלנטער וועט ער איצט בלײַבן אַצינד.
דער זון איז, פאַרשטייט זיך, אים טײַער...

ענטפערן אים, אַז מײַן גאַנצער ווזוואָד
פון יונגע צוזויפגעשטעלט ווערט?
מיט זיי, מיט די ייִנגלעך, פאַרבונדן מיך האָט
דער קאַמף אינעם אונטערערד.

דאָ איז מײַן ברודער (ייִנגער אַ סאַך),
און ער איז, פאַרשטייט זיך, מיר טײַער.
פאַר וועמען פון זיי זאָל איך זײַן אויף דער וואַך,
און וועמען ניט שיקן אין פײַער?

ניט זאָגן דאָס אַלץ האָט מיר סייכל געקלעקט,
כ'בין שוין געווען אַ גענייטער,
און רויִק, געלאַסן איך האָב אים געפרעגט:
— אין וואָס זשע באַשטייט אײַער ביטע?

— אַ ביטע איז איינע פאַראַנען בײַ מיר:
איידער מיר וועלן זיך שיידן,
רופט אים אַרויס צו זיך, קאָמאַנדיר,
מיט אים — לעבן אײַך — וועל איך ריידן.

7

ווי דערציילט מען בעסער פונדערפון?
ווי דאָס בעסער איבערגעבן קענען?
אַנדערסאָן, דער טאַטע, — אַנדערסאָן, דער זון,
און איך — אַן איידעס פון דער סצענע:

— לעאָניד, איך פאָר אַוועק אַצינד,
ניט איך באַשליס, ניט איך האָב רעכט אַנטשיידן.
זאָג מיר, ליאָניע, דו געדענקסט, מײַן קינד,
וואָס אָנגעזאָגט די מאַמע האָט אונדז ביידן?

— פאָטער, איך געדענק!

— און נאָך עפּעס דערמאָנען דיר איך וועל:
ווען אונדזער לעבן האָט זיך אײַנגעבראָכן,
בײַ אונדזער טיר, שוין שטייענדיק באַם שוועל —
דו געדענקסט, וואָס מיר האָבן פאַרשפּראָכן?

— פּאַטער, איך געדענק!

— און אויב אַזוי, איז פֿאָדער איך פֿון דיר,
אַז נאָכמאָל, אָט דאָ, אַף אָט דעם אָרט,
און הערן זאָל עס אויך דײַן קאָמאַנדיר,
זאָלסט צוזאָגן און האַלטן פֿעסט דײַן וואָרט.

— פּאַטער, כ׳זאָג דיר צו!

זיי האָבן שטרענג זיך אָנגעקוקט אַ רעגע,
ס׳איז אַלץ געזאָגט — אין איין מינוט, און אויס.
דער טאַטע האָט מיט מיר זיך אָפּגעזעגנט,
און בײדע זײַנען פֿונעם צימער גיך אַרויס...

אַזאַ איז ער געווען, דער עפּיזאָד.
אין אים — געפֿילט כ׳האָב — עפּעס וויכטיקס איז פֿאַראַנען.
נאָר וואָס זיך אָפּגעשפּילט פֿאַר מײַנע אויגן האָט,
דאָס האָב איך דאַן לאַכלוטן ניט פֿאַרשטאַנען.

8

אַ סטירע אַ גרויסע אין דעם איז פֿאַראַנען,
דו שטוינסט, אַזאַ מאָדנע געפֿיל:
דאָס גאַנצע לאַנד איז אין פֿײַער און פֿלאַמען,
און דאָ — אַזוי רויִק און שטיל.
עס צוויטשערן פֿייגל, עס קוועלן די גראָזן.
ליכטיק די זון שײַנט און הייס איז.
דער וואַלד שטייט אַזאַ, ווי מע האָט אים געלאָזן
נאָך דעמלט, אין סאַמע בערייִשיס.

9

אַ שטילקייט אַזאַ מין איז טאַקע אַ זאַך,
נאָר שפּעטער זאָל טײַער ניט קאָסטן:
דאַרף מען אַ קוק טאָן, ווי ס׳האַלטן די וואַך
די אויסגעשטעלטע פּאָסטנס.

איך גיי דורכן וואַלד — ס׳איז דער וועג מיר באַקאַנט —
מיט שטילע, געמאָסטענע טריט.
קומט מיר אַנטקעגן, די ביקס אין דער האַנט,
אַנדערסאָן לעאָניד.
— נו, ליאָניע, ס׳איז שטיל?
— עס איז שטיל, קאָמאַנדיר.
ס׳איז שטיל, נאָר די פֿייגעלעך זינגען.
אַ צאַרטער געפֿיל איז געוואַקסן אין מיר:
ער איז נאָך טאַקע אַ ייִנגל...

מיר זעצן זיך צו, און מיר זיצן דערנעבן.
ריידן — אין מיר איז געווענדט.
און דעמלט אַ פֿראַגע איך האָב אים פֿאַרגעבן,
די פֿראַגע, וואָס מיך האָט געברענט:
— איך ווייס ניט, צי דאַרף מען, צי ווילסט פֿון דעם ריידן,
דו מעגסט זיך דעם ענטפֿער פֿאַרשפּאָרן,
נאָר וואָס האָט די מאַמע געמאָנט פֿון אײַך בײדן?
און וואָס האָט איר בײדע פֿאַרשפּראָכן?

העל־בלויע אויגן קוקן אף מיר,
אן ערלעכער בליק א געטריַיער:
— עס איז ניט קיין סאָד. און פאר איַיך, קאָמאַנדיר,
איך האָב זיך ניט וואָס צו פארטיַיען.
געזאָגט האָט די מאַמע דעם פאָטער און מיר,
געפאָדערט, מיר זאָלן איר שווערן,
מיר זאָלן אָן זיג, איר פארשטייט, קאָמאַנדיר,
צוריק אין דער היים זיך ניט קערן.

10

א ליבשאַפט אזא האָט אין מיר זיך צעהעלט
צום יאָט, וואָס געוועזן איז דערנעבן,
ליכטיק פאר מיר איז געלעגן די וועלט,
לייַכט איז געוואָרן צו לעבן.

א טיפער, א העלער, א לויטערער זין
פאר מיר איז געוועזן דערינען:
מיט מאַמעס אזעלכע, מיט טאַטעס און זין —
מיר מוזן, מיר וועלן געווינען!

ין, איין און פערציק. דער כוידעש דער ערשטער.
די כמאַרעס צעגייען, דער הימל ווערט קלאָר.
דער כוידעש דער ערשטער, דער ערשטער און שווערסטער,
און מיַי פינף־און־פערציקסטער שטייט דאָך נאָך פאָר...

נאָכן זיג

1

טעכטערל מיַינס, מע דאַרף ניט קיין מיַיסעס,
היַינט איז מיר, טעכטערל, שווער.
ווער וועט דערציילן פון זייערע מיַיסים?
ווער וועט באַריכטיקן? ווער?

היַינט איז דער יאָמטעוו פון אונדזער אַרמיי,
די זון איז א העלע, א ליכטיקע.
ווו זיַינען, טעכטערל, ווו זיַינען זיי?
ווער וועט פון זיי איַיך באַריכטיקן?

לויף ניט, מיַין טעכטערל, איצט צו דער טיר,
אַנלויפן זיך וועסט באַוויַיזן.
זעץ זיך, מיַין טעכטערל, זעץ זיך מיט מיר,
לאָמיר א ביסעלע שוויַיגן.

טעכטערל מיַינס, מע דאַרף ניט קיין מיַיסעס,
שווער איז מיר, טעכטערל, שווער.
לאָמיר דערמאָנען היַינט זייערע מיַיסים,
זעץ זיך, מיַין טעכטערל, הער...

2

א בעטעלע פאר דיר געווען איז צוגעגרייט,
און שוין געשטאַנען איז א וויגעלע אין שטוב.
האָט זיך אף אונדז די שוואַרצע קראַפט פאַרשפּרייט,
אַנשטאָט א שטוב — פאר יעדערן א גרוב.

און כאָטש דו ביסט נאָך ניט געווען געבאָרן,
האָט שוין דער טויט געלאָקערט בא דער טיר,
די מאמע האָט געמוזט פונדאַנען פאָרן,
און פון געבאָרן — ליידן אָן א שיר.

די צײַט געווען איז יענע שטרענג און הארב.
מיר זײַנען קעגן פײַנט ארויס אליין,
טאַטעס אף די פראָנטן — שטיי און שטארב!
מאַמעס אף די וועגן אין געוויין.

א שרעקלעכע געווען איז יענע רײַזע.
דער סוינע גייט! ער הויערט אף דײַן קאָפּ!
ער וואַרפט אף דיר דאָס גאַנצע שטאָל און אײַזן,
ער לאָזט פון דיר די אויגן ניט אראָפּ.

און וועט דײַן מאמע קענען דיך באשיצן פונעם סוינע?
סײַ הונגער וואַרט, עס וואַרט אף דיר די קעלט.
סע ברענט דאָס הויז, ווו דו געדאַרפט האָסט וווינען,
עס ברענט דײַן ברויט, נאָך ליגנדיק אין פעלד.

מע דאַרף אים אָפּשטעלן, פאַרהאַלטן אים, דעם פײַנט!
ער לויפט, ער אײַלט, ער וועט דעריאָגן באַלד!
און מוישקע[1] טוט א פאַל — מײַן גרויסער פרײַנט,
באַקומט א קלאַפּ אין רוקן, און ער פאַלט...
ער האָט געטרוימט פון קלוגיטשקע מאַשינעס,
ער האָט אזויפיל אינעם לעבן ענדערן געמוזט.
און איז אוועק, אף קיינמאָל צו געפינען —
מיט קיינעם ניט געזעגנט זיך, פון קיינעם ניט געקושט...

דעם פײַנט פאַרהאַלטן, אָבער ווידער יאָגט ער ווילד,
עס ווייט אף דיר זײַן אָטעם שוין דער טרייפער.
דײַן מאַמע לויפט א באָרוועסע, באַהאַלטן דיך זי וויל,
נאָר ס'קלעקט איר שוין קיין קויעך ניט צו לויפן...
דאַן רייניקט פאַנטשיק[2] אויס זײַן פּיסטאָלעט
און שווימט אוועק דעם סוינע גלײַך אנטקעגן.
און ווי א זײַ־געזונט ער לאָזט זײַן פאַרטביליעט —
ווי מיטן לעבן וואָלט ער זיך געזעגנט.

ער איז געווען א וועבער, פּאַשעט און באַשיידן.
און זינגען האָט ער ליב געהאַט, די צווייטע שטים
פון לעצטער ליד, דעם לעצטן פּעזו, האָט ער פאַרצויגן,
א רעגע נאָר, דער סוינע האָט זיך אָפּגעשטעלט אף אים...
מיט ציינער אויסגעשטשירעטע, מיט אויגן מיט פאַרגלאָזטע
ער קריכט, דער טויט, דורך פײַער און דורך ווענט.

---

[1] מ ו י ש ע ט ו ר ג ל — אָנטיילנעמער פון קאָמיוגישער אונטערערד אין בורזשואזן לעטלאנד. נאָכן אופשטעלן די סאָוועטנמאכט אין לעטלאנד — אינזשעניער אפן זאוואָד „וועף". באנדיטיש אומגעבראכט באם פארלאָזן ריגע אין יון 1940.

[2] ל יי ב ל פ אַ נ א ר י אָ ו (פאָנטשיק) — אָנטיילנעמער פון קאָמיוגישער אונטערערד. געקעמפט אין די רייען פון א פארניכטלער־באטאליאָן. אף דער טערריטאָריע פון עסטלאנד ארויסגעפאָרן אף א שיפל אין אויסשפיר און זיך ניט אומגעקערט.

ער האָט די האַנט זײַנע פאַרהויבן שוין אַף מאָסקווע,
אָן וועלכער דו וואָלסט לעבן ניט געקאָנט.

אין אָט דער רעגע הייבט זיך אויף דער פּאַליטרוק,
און שליאַפּין[3] שטעלט צוריק אוועק די ראָטע.
און פאַרן טויט ער זאָגט נאָר: — עס איז גוט!
און האָט אַף דעם ביז הײַנט ניט קיין כאַראָטע.
א שטילער שטערן שײַנט פון ווײַטע רוימען,
מײַן כאַווער ליגט אין שמייכלענדיקער רו.
עס לעבט די שטאָט פון אַלע זײַנע טרוימען,
עס לעבט דאָס גאַנצע לאַנד, און דו...

נאָר ווידער יאָגט דער סוינע זיך פאַנאַנדער,
און ווידער איז מײַן לאַנד אין פײַער און אין רויך;
דאַן הייבט זיך לאַזיק[4] אויף, א העלדישער דעסאַנטלער,
און נעמט אַף אַלע צײַטן אײַן די הויך...
עס קלעקט קיין אָטעם ניט באַם אָנרופן זײַן נאָמען —
א וווּנד אָן אָפּענע, וואָס ברענט און לאָזט ניט אָפּ.
עס דאַרף נאָר עמעץ אונדזער לאַזיקן דערמאָנען —
פון זיך אַליין עס בײַגט זיך אײַן דער קאָפּ.

עס לויפט צוריק, עס לויפט צוריק דער פײַנט!
די כײַע צו איר נאָרע קײַקלט זיך געשווינד,
א גאַנצע נאַכט וועסטו שוין שלאָפן הײַנט.
א גוטע נאַכט, א גוטע נאַכט, מײַן קינד!
קעדײַ דער פײַנט זאָל מער ניט לויערן אַף לעבן דײַנעם —
פאַרוווּרט זאָל זײַן, ער זאָל אוועקשלײַכן פונדאַנען!
צוריק דער וועג זאָל אויך קיין וועג ניט זײַן אים!
א מיידל פליט אוועק צו פּאַרטיזאַנער...

ס'איז סימע פרידלאַנד[5]. זי עפנט אויף איר פּאַראַשוט
און וואַרפט זיך אַזאַ רויקע אַראָפּ אין נידער.
און ווען די טליע־שטריק דערוווּרגט אין איר דאָס בלוט,
דאַן שטייט זי ווידער אויף און לעבט מיט אונדז שוין ווידער...
צען טעג עס האָבן זי געהוידעט דווינסקער גאַסן,
און דו ביסט עפּשער קראַנק געווען, גראָד אין יענע טעג,
דײַן מאַמע האָט דיר אָפּגעווישט דאָס שטערנדל דאָס נאַסע,
דו — ביסט פאַרבליבן לעבן, און זי — זי איז אוועק...

דו האָסט זיך אויפגעשטעלט אַף פּיסעלעך אַף דײַנע
און ביסט אוועקגעגאַנגען זיכער און געשיקט,
ס'איז מײַ — און ס'וועט די זון פון הייך דיר ליכטיק שײַנען,
איצט וואַקסן וועסטו. מיר האָבן בעזיגט!

[3] מייער שליאַפּין — מיטגליד פונעם 4־טן ראַיאָן־קאָמיטעט פון דער ריגער קאָמיוגישער אָרגאַניזאַציע אין בורזשואַזן לעטלאַנד. נאָכן אופשטעלן די סאָוועטן־מאַכט — פאַרוואַלטער פונעם שול־אָפּטייל באַם ריגער שטאָטישן קאָמיטעט פון קאָמיוג. געפאַלן אין די שלאַכטן פאַר מאָסקווע.

[4] ייִסראָעל איציק (געווען באַקאַנט ווי „לאַזיק“) — טאַלאַנטפולער דיכטער און אויספילער פון אייגענע לידער און פּאָליטישע פעליעטאָנען אַף קאָמיוגישע מאַסאָווקעס אין אונטערערד. באַ דער ראַטנמאַכט אין לעטלאַנד — פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר פון דער צײַטונג „קאַמף“. העלדיש אומגעקומען אין באַשטאַנד פון א דעסאַנטלער־גרופּע אַף דער טעריטאָריע פונעם אָקופּירטן לעטלאַנד.

[5] סימע פרידלאַנד — מיטגליד פונעם 4־טן ראַיאָן־קאָמיטעט פון ריגער קאָמיוג־אָרגאַניזאַציע אינעם בורזשואַזן לעטלאַנד. אין סאָוועטישן יאָר — אָנפירער פון פּראָפּאַגאַנדע־אָפּטייל באַם מאָסקווער ראַיאָן־קאָמיטעט פון דער קאָמפּאַרטיי אין לעטלאַנד. אריבער די פראָנט־ליניע ווי א פּאַרטיזאַנער, ארײַנגעפאַלן אין די הענט פון די פאַשיסטישע אָקופּאַנטן, וועלכע האָבן זי אופגעהאַנגען אין דאַרגאַוופּילס.

הירשרעלעס

בילדלעך פונעם היַנטיקן באָברויסק

כ׳וויל אצינד, באָברויסק, דיך לויבן,
פיַין באַגיַיסטערט האָסט מיַין פען.
אפן פלאַץ דעם קאָפּ פארהויבן,
כ׳שטיי. עס איז קיין נעס געשען:

דאָ איך זע קיין באלעגאָלעס
מיט געקריַיזטע פייע־בערד,
כ׳הער ניט, ס׳זאָלן בייזע קלאָלעס
פאלן אף ריסאקעס־פערד.

פלינק פון דעם וואָקזאל עס יאָגן
היַינט אוטאָבוסן, טאקסי.
די שאָפערן, כ׳דארף איַיך זאָגן,
יידן — אָבער שוין ניט די.

דאפקע מיט א באָרד א יאטל,
ניט פארדיַיגעט, ניט צערעגט
(ווי אמאָל זיַין אלטער טאטע), —
אף דער מוטער־שפראך ער פרעגט:

— איז וווהין זאָל איך איַיך פירן?
צושטעלן צו דער מינוט? —
און ער עפנט אוף דאָס טירל,
און ער אָרדנט איַין מיך גוט.

פיל קווארטאלן, שטאָלצע רייען,
ווו געווען איז פריִער פוסט.
ס׳איז די שטאָט צעטיילט אפצווייען:
אלט־באָברויסק און נייַ־באָברויסק.

נייַ־באָברויסק —
די היַיזער ליַיכטע.
צוואנציק שטאָקן, אויב ניט מער.
אלע גאסן, העל באליַיכטע,
ס׳שווינדלען אוטאָס הין און הער.

מאגאזינען, רעסטאָראנען —
ווי אין יאָמטעוו שטייען זיי.
פינקלען, ווינקען די רעקלאמעס,
פונקט ווי ערגעץ אף בראָדוויי.

און ס׳איז פּאָשעט שווער באקלערן,
וואָס וועט זיַין דאָ מיט דער ציַיט.
פון דער ניַי־שטאָט וואָס וועט ווערן —
ענטפערט, כ׳בעט איַיך, יונגעליַיט!

שטייט אין שטאָט א ראַש־אליארעם —
ס׳ווערן אלע גאסן פול:
גרויסע איַילן צו דער ארבעט,
און דאָס קליינוואַרג גייט אין שול.

צומאָל אין דירעס אין געראמע
א שטיקל ציַיט מארקירט מען אויס:
מע גייט צוגאסט צו טאטע־מאמע
אין נעסט פון קינדהיַיט — אלט־באָברויסק,

ווו עס איז ליב דיר יעדעס ווינקל
און יעדער שטיינדל אפן פלאַץ,
און ווו צו דיר די היַינער ווינקען,
און ס׳לאשטשעט זיך צו דיר די קאַץ.

עס דרייט דאָס הינטל מיטן ווידל,
די גראָע טויבן וואָרקען צו.
אין שטוב מע נעמט דיך אוף דאָ איידל —
א קינד געקומען איז אף רו.

אָט איינעם א דירעקטאָר ווייס איך,
זיַין אונטערנעמונג איז באַוווּסט.
געווען איז ער אין שלאכטן הייסע —
מיט אָרדענס בלענדט זיַין ברייטע ברוסט.

ער איז א לײַט דאָ צווישן לײַטן,
ער האָט זיך אופגעהויבן הויך.
נאָר בא דער מאמען הײסט ער פײַטל,
אמאָל נאָך מיט א צוגאָב אויך.

זי ברענגט אים אָנטאָן אלטע הויזן,
דערלאנגט אים אויך דעם טאטנס ראָק:
— יעט אויס, מײַן זונעלע, די רויזן,
פארהאק, מײַן ליבינקער, א טשוואָק,

זעג אָפּ די צווײַגן, וועלכע דארן,
דעם הויף מאך, פײַטל, זויבער־ריין.
א לײטער נעם און קריך נאָך בארן, —
און אלץ באפוילט איז מילד, מיט כײן.

דאָך אויב דערבײַ, זאָל זײַן אומגערן,
א צווײַגעלע וועט טאָן א טראסק,
דער מאמעס קאָל וועט זיך דערהערן:
— שלימאזל מײַנער, ווילסט א פראסק?
דו ביסט דאָך עפּעס א דירעקטאָר,
און לאנג אראָפּ שוין פון מײַן שויס...

דער טאטע באלד, יאָן אופגערעגטער,
טוט לײַכט דאָס ווײַב אין זײַט א שטויס:
— נו, שטומעניש נעם אײַן, אקטריסע,
מע הערט דאָך רונד־ארום די רייד!
די צונג וואָלסט בעסער זיך פארביסן
און ניט געעקט דעם זון די פרייד.

די אָוועס גיט מען אָפּ דאָ קאָוועד,
אזוי, ווי ס׳פירט זיך, ווי עס פאסט.
אויך אָף די בענקעלעך אין אָוונט,
פּונקט ווי אמאָל, מע זיצט, מע שפּאסט.

אויב א כאסענע, עס קומען
די זעלבסטעטיקע קלעזמאָרים.
אונטער יידישע ניגונים
טאנצט מען, האנט מיט האנט געאָרעמט.
און ניט בערל אפן פידל,
און ניט שמערל אפן באס,
ניט קיין הויקערדיקע יידן,
וועלכע ווויל און מיט א שפּאס
מיט א גוטמוטיקן שמייכל
פלעגן שילדערן אָן גאל
מענדעלע, שאָלעם־אליכעם
און דער קינסטלער מארק שאגאל.

אפן פידל שפּילט יאנינע
(ארבעט אין קאָאָפּ־פאריין),
אזא שלאנקע, אזא דינע,
ארום איר — די זונען־שיין.
אפן פײַפיאָל שפּילט פּרויקע
(בריגאדיר פון בוי־מאָנטאזש).
אויך א בויער איז דער פּויקער.
און א שמיד — דער קאָנטראבאס.

ווען באטראכטן זאָלסט געגויער
אלט־ און נײַ־באָברויסק,
וואָלסטו זען —
אלץ איז אין בוויונג,
אלץ — אין וווקס.

דאָ — אָן איבערפלעכט פון „וועלטן"
און פון דוירעס, פון דער צײַט.
עפּעס־וואָס עס ווערט פארעלטערט,
גאָר א סאך — באנײַט.

כ׳מאך אן אויספיר. אָט — זײַן שוירעש:
ס׳העלט אין שטאָט די זונען־שײַן!
כ׳ווייס, די קומענדיקע דוירעס
גליקלעכער נאָך וועלן זײַן.

דאָקומענטן וועגן ביטערן פונעם אַמאָליקן טכום-לעבן

אין נויט און אונטערדריקונג האָבן געלעבט די ארבעטנדיקע ייִדן אינעם צארישן רוסלאַנד

די דאָקומענטן און היסטאָרישע גוויִעס־איידעס, וועלכע ווערן וויִטער געבראכט, שילדערן די אומדערטרעגלעך שווערע לאגע פון די ייִדישע פּאָלקסמאסן אין צארישן רוסלאנד — דער טפיסע פאר די אונטערדריקטע פעלקער, ווו די ארבעטנדיקע ייִדן זיִנען פאקטיש געשטאנען אויסערן געזעץ. זיי זיִנען ניט צוגעלאָזט געוואָרן צו פּראָדוקטיווער מי אין שטאָט און אין דאָרף, פון יעדע 100 ייִדן האָבן בלויז 30 געהאט אן ארבעטס־האכנאָסע, און פון אָט די 30 פּראָצענט זעלבסטעטיקער ייִדישער באפעלקערונג זיִנען געווען פארטראָטן: אין דער אינדוסטריע — סאכאקל 4 פּראָצ., אין דער האנטווערקעריִ — 11 פּראָצ.; אָנגעשטעלטע זיִנען צווישן זיי געווען 10 פּראָצ.; ארום 55 פּראָצ., העכער א העלפט פון דער ייִדישער באפעלקערונג, איז באשטאנען פון קליינהענדלער און „לופטמענטשן". שוידערלעך איז געווען די לאגע פונעם ייִדישן האָרעפּאשניק, וועלכער האָט געפילט א צווייענדיקע אונטערדריקונג: סיִי אלס ארבעטנדיקער, סיִי אלס ייִד.

דער צאריזם איז מיט זיִן פּאָליטיק פון שפּרייטן נאציאָנאלן האס צווישן די פעלקער אויסן געווען אָפּצוציִען דעם צאָרן פון די פּאָלקסמאסן קעגן זייערע עמעסע בלוטזויגער — די פּריצים און קאפּיטאליסטן, און אויסגיסן אים אף די קעפּ פון די אזויגערופענע אינאָראָדצעס. דעם סאמע שענדלעכסטן אויסדרוק האָט די דאָזיקע פארברעכערישע פּאָליטיק פון דער צארישער רעגירונג באקומען אין פּאָגראָמען אף ייִדן, בייס וועלכע עס זיִנען אומגעבראכט, צעקאליעטשעט און בעדאלעס געוואָרן טויזנטער און טויזנטער אומשולדיקע ייִדישע האָרעפּאשניקעס.

די גרויסע סאָציאליסטישע אָקטיאבער־רעוואָליוציע, וועלכע האָט פּראָקלאמירט די פולשטענדיקע גליִכבארעכטיקונג פון אלע פעלקער און נאציעס, האָט אף אייביק פארניכטעט אויך דעם טרויעריק־בארימטן טכום און ברייט צעפּראלט פאר ייִדן טיר־און־טויער צו דעם ניִעם סאָציאליסטישן לעבן.

פארווערט ייִדן צו וווינען אין די דערפער פון גאנץ רוסלאנד

„אין די גובערניעס: אסטראכאנער און קאווקאזער, אין די מאלאָראָסיִיסקער און נאָוואָראָסיִיסקער גובערניעס — אָנגעהויבן פונעם 1־טן יאנוואר 1807 און אין די איבעריקע גובערניעס — אָנגעהויבן פון 1־טן יאנוואר 1808 — טאָר ניט קיינער פון די ייִדן האלטן אין די דערפער קיינע שום ארענדעס... ניט אונטערן אייגענעם, ניט אונטער א פרעמדן נאָמען, און אפילע וווינען דאָרט אונטער א וועלכן־עס־איז טערעץ..."

„רעגלאמענט" וועגן די ייִדן, 1804.

אין שטעט מעג א ייִד לעבן בלויז אין דער „טשערטא"

„...ייִדן ווערט דערלויבט צו אויסקליִבן א שטענדיק וווין־אָרט אין די גובערניעס: בעסאראבער, ווילנער, וויטעבסקער, וואָלינער, גראָדנער, קאטערינאָסלאווער, קאָוונער, מינסקער, מאָליעווער, פּאָדאָליער, פּאָלטאווער, טאווריישער (אויסער די שטעט סעוואסטאָפּאָל, פּאָטי און יאלטע), כערסאָנער (אויסער דער שטאָט ניי־קאָליִעוו) און טשערניגאָווער".

סטאטוט וועגן פּאספּאָרטן, אויסגאבע פון 1904.

ווער האָט געמעגט וווינען אין קיִעוו?

„אין דער שטאָט קיִעוו ווערט שטענדיקע וווינ־רעכט דערלויבט פאר ייִדן אפן סמאך פון פאָלגנדיקע קלאָלים: 1) ייִדן סאָכרים פון דער ערשטער גילדיע, וועלכע זײַנען ניט פארפלעקט דורך געריכט־אור־טיילן, ניט פארמישט אין פראָצעסן וועגן קאָנטרא־באנדע און געפינען זיך ניט אונטער פאָליציי־אופזיכט; 2) ייִדן סאָכרים פון דער ערשטער גילדיע, וואָס קלײַבן זיך איבער אין דער שטאָט קיִעוו, מעגן ארי־בערפאָרן אהין מיט די מיטגלידער פון זייערע גע־זינדן, וועלכע זײַנען פארשריבן צוזאמען מיט זיי אין איין סאָכרישער צײַגעניש, אויב די דאָזיקע פערזאָ־נען זײַנען ניט פארפלעקט דורך געריכט־אורטיילן, ניט פארמישט אין פראָצעסן וועגן קאָנטראבאנדע און געפינען זיך ניט אונטער פאָליציי־אופזיכט; 3) די אויבנדערמאָנטע ייִדן ווערט דערלויבט צו האלטן אף וווינונג אין דער שטאָט קיִעוו א באגרענעצטע דורך סאמע עקסטער נויטווענדיקײַט צאָל דינערשאפט און פריקאשטשיקעס פון זייערע גלויבנס־גענאָסן...; 4) ייִדן סאָכרים פון דער ערשטער גילדיע, וואָס קו־מען פון אנדערע שטעט און נעמען אף זיך פאָדריאדן און ליפערונגען אין דער שטאָט קיִעוו, ווערט אויך דערלאָזט צו האלטן דאָרט אף וווינונג די נייטיקע צאָל פריקאשטשיקעס פון זייערע גלויבנס־גענאָסן, מיט דער דערלויבעניש פונעם גענעראל־גובערנא־טאָר...; 5) ייִדן, וואָס קומען אף שטענדיקער וווינונג קיין קיִעוו, ווערט דערלויבט אָפּצושטעלן זיך און וווינען אין ליבעדסקער און פלאָסקער טיילן; אין אנדערע טיילן ווערט זיי דערלויבט צו וווינען צײַט־ווײַליק, ניט אנדערש ווי מיט דער דערלויבעניש פון דער אָרטיקער הויפּט־נאטשאלסטווע”.

פונעם זעלבן סטאטוט.

גיירעש־מאָסקווע אין 1891 יאָר

אין שטארקע פרעסט, אין יאנ־וואר 1891 האָט די צארישע פאָ־ליציי אין מעשעך פון געציילטע עטלעכע טעג ארויסגעטריבן פון מאָסקווע צוואנציק טויזנט ייִדישע באלמעלאָכעס און קאפּצאָנים.

א דאָרפגייער. קינסטלער י. פּען

פּראָצענט־נאָרמע פאַר ייִדן אין די שולן

„צוליב א מער נאָרמאלער פּאַרהעלטעניש צווישן דער צאָל ייִדישע שילער און דער צאָל שילער פון קריסטלעכן גלויבן איז אנערקענט געוואָרן פאַר נייטיק צו באגרענעצן די צאָל ייִדישע קינדער אין די ערטער, וואָס גייען אריין אינעם טכום פון זייער שטענדיקער אײַנגעזעסנקײַט, מיט 10 פּראָצענט, אין אנדערע ערטער אויסערן דאָזיקן טכום מיט 5 פּראָצענט און אין פּעטערבורג און מאָסקווע מיט 3 פּראָצענט פון אלע שילער פון יעדן מיטעלן לערן־אנשטאלט".

צירקוליאר פונעם מיניסטער פאר פאָלקס־בילדונג רעליאנאָוו פונעם 22 (10) יול 1887.

דאַכקעס און נויט

„דער באַדײַטנסטער טייל ייִדן זײַנען אָרעמע־לײַט. די אָרעמע ייִדן זײַנען אייביק פארטאָן אין זוכן דאָס שטיקל ברויט. באלאסטעטע מיט גרויסע פאמיליעס, לעבן זיי אין ענגשאפט, וואָס מע קאָן עס גאָר ניט אָפּמאָלן. גאנץ אָפט האלטן זיך אוף אין א הויז פון 3 — 4 צימערן ביז 12 פאמיליעס. דאָס אויסזען פון די דאָזיקע הײַזער איז זייער קלאָגעדיק. דאָס שמוץ פון אינווייניק גייט אריבער אין דרויסן. עס איז גענוג ארומצוגיין וועלכע איר ווילט שטאָט, קעדיי צו דערקענען יענע טיילן אירע, ווו עס וווינען אָט די אומגליקלעכע נעפאשעס... דאָס לעבן פון ייִדן פון די דאָזיקע קלאסן גייט דורך אין צאָרעס, אָפּקומענישן און אייביקער פארשמײַעטקײַט... דער אָרעמער ייִד שפּײַזט זיך ווײַט ניט גענוג: גאנצע פאמיליעס באגנוגענען זיך אָפט מיט א פונט ברויט, א הערינג און עטלעכע ציבעלעס. די קליידער זײַנען שטענדיק צעריסן, שמוציק... פאר 15 קאָפּעקעס וועט אײַך א ייִד א פאקטער ארומלויפן דעם גאנצן טאָג".

ה. באָבראָווסקי. „באשרײַבונג פון גראָדנער גובערניע", ב. 1.

„אין ווילנע, קאָוונע, דווינסק, מינסק, בערדיטשעוו, קאטערינאָסלאוו, קרעמענטשוק און אין אנדערע אזעלכע שטעט אין דער „טשערטא" מיט א געדיכטער ייִדישער באפעלקערונג זײַנען פון 25 ביז 38 פּראָצענט פון דער דאָזיקער באפעלקערונג געווען אבסאָליוטע קאפּצאָנים און געלעבט פון געזעלשאפטלעכער קיצווע".

זאמלונג פון מאטעריאלן וועגן עקאָנאָמישער לאגע פון די ייִדן. ספּב. 1904, באנד II, ז. 230.

„די ייִדן אין רוסלאנד שטעלן מיט זיך פאָר „...א מאסע, וואָס לעבט פון טאָג אף טאָג אין אָרעמקײַט און אין די שווערסטע הײַגיעניש און שטייגערישע באדינגונגען".

פון די מאטעריאלן פון דער „קאָמיסיע איבער דער ייִדן־פראגע" אונטערן פאָרזיץ פונעם סענאטאָר פאלען.





ייִדישער שטייגער אין בערדיטשעוו

„דאלעס און אומריינקײַט זײַנען געוואָרן דער שטייגער פון אן אָנגעזעענעם טייל ייִדישער באפעלקערונג (פון בערדיטשעוו). מע קאָן רעכענען, אז ביז 5000 פאמיליעס, וואָס באשטייען אן ערעך פון 25.000 נעפאשעס, לעבן פון טאָג אף טאָג פון וואָס גאָט שיקט צו. מע וווינט זייער ענג — עטלעכע פאמיליעס פארנעמען אין א כורווע איינס אָדער צוויי קליינע צימערלעך, און באנאכט, ווען אלע זײַנען אין דער היים, ווערט די פּאָדלאָגע אזוי באלייגט, אז ס'בלײַבט דאָרט קימאט ניט קיין פרײַ אָרט. אין א סאך אזעלכע הײַזלעך זײַנען פאראן קאָרידאָרן, וועלכע צעטיילן זיי אף עטלעכע קליינע דירעס. די שכיינים אָרדענען אײַן קליינע האנט־פאבריקלעך אָדער ווארשטאטן: פון ליכט, לעדער, וואקס אדג. עס ארבעט די גאנצע פאמיליע, און דאָ טאקע, אין דעם דאָזיקן שטינקעכץ, האלט מען זיך אוף. איבער דער דאָזיקער סיבע און ווײַטער מאכמעס דער אומריינקײַט פון די שכיינים זײַנען ניט נאָר די דירעס אליין, נאָר אפילע גאסן פארפולט מיט א דריקנדיקער לופט, וואָס בעשאס א רעגן אָדער ווען ס'לאָזט דער שניי איז אומעגלעך מיט איר צו עטעמען".

זשוראווסקי. „סטאטיסטישע באשרײַבונג פון דער קיִעווער גובערניע". ספּב. 1852.

א ייִדיש שטעטל אין דער ליטע ערשטע העלפט XIX יאָרהונדערט

„דאָסראָוו קאַפּוליער ייִדישע באַפעלקערונג איז געווען שטאַרק אָרעם און ניט זיכער אין מאָרגעדיקן טאָג. די באַלמעלאָכעס און קליינע הענדלער, וואָס האָבן אָפּערירט מיט קאַפּיטאַלן פון 50 — 100 רובל, האָבן קוים־קוים געצויגן די ביטערע כאַיונע. ניט געפינענדיק אין שטעטל קיין אָרט, ווו אָנצווווענדן זייערע פייִקייטן און פּראָפּעסיאָנעלע קענטעניש, האָבן א סאַך איינוווינער זיך געלאָזט אין דער ווײַטער וועלט אַרײַן צו זוכן מיכיע אין דער פרעמד און איבערגעלאָזט די פאַמיליעס זייערע אף גאָטס באַראָט און אף מענטשנס ווייכע הערצער.

שטײַערן איז געווען א סאַך: כוץ אַלגעמיין מעלוכישע, „זעמסקע" און שטאָטישע, האָבן עקזיסטירט ספּעציעל ייִדישע אָפּצאָלן, ווי קאָראָבקע, פֿון ליכט, פאַר איבערוואַנדערער און אַנד. ניט ווייניק געלט פלעגן פאַרשלינגען יעדן יאָר די נאָבאָרן: מע האָט געדאַרפט אויסהאַלטן א גאַנצע כאָפּטע כאַפּערס און שאָמרים און האָדעווען די רעקרוטן די גאַנצע צײַט, ביזוואַנען זיי פלעגן אַוועקגיין פאַר סאָלדאַטן. אַכוץ שטענדיקע הויצאָעס, איז אויסגעקומען אָפּטמאָל צו מאַכן אין פאַרשיידענע ניט פאָרויסגעזעענע פאַלן עקסטרע־הויצאָעס, און קאָהאָל איז טאָמיד געווען געענגט אין געלט".

א. פ. פ א פ ע ר נ א. „פון דער ניקאָלײַעווער עפּאָכע". זאמלונג „פערעזשיטאָיע".

די קאָהאָלשע עקספּלואַטאַציע

א העברעיִשע ביטע דעם אינערן־מיניסטער פון מינסקער ייִדישער אָרעמקײַט

צו זײַן עקסעלענץ, הער מיניסטער פון אינערלעכע איניאָנים, ווירקלעכן געהיימראט און קאַוואַלער גראַף פּעראָווסקי.

פון דער ענגשאַפט פון טויט דערנעענטערן מיר זיך מיט בוקן און נייגן זיך, מיר פאַלן אַף די קני צו דערלאַנגען אונדזער געבעט פאַר דײַן הויכער און דערהויבענער שטול און אויסצוגיסן די ביטערקײַט פון אונדזער זעלע און דעם ווייטעק פון אונדזער גײַסט פאַר דער הייך פון דײַן ערע און דײַן מעמשאָלע. און צוליב דער גרויסקײַט פון אונדזער מוירע האָבן מיר ניט געשריבן אַף דער רוסישער שפּראַך, מאַכמעס מיר זײַנען ניט געלערנט אַף דער רוסישער שפּראַך צו שרײַבן מיט אונדזערע הענט, און צו בעטן א שרײַבער האָבן מיר מוירע, ס׳זאָל ניט דערוווּסט ווערן דער אָבשצעסטווע[1] — וועלן זיי אונדז דערשלינגען לעבעדיקערהייט. מיר זײַנען געקומען דיך צו בעטן, געהויבענער האַר און גערעכטער ריכטער, זײַ, בעטן מיר, נאָענט צו אונדזער געשריי, מיר בעטן, זאָלסט אָנבייגן דײַן אויער צום קאָל פון ייִדן־אָרעמעלײַט פון מינסק, פאַרנעם דעם געשריי פון א פאָלק, וואָס בעט דיך און פאַרהאָפט אַף דײַן הילף, ווײַל ס׳איז דערגאַנגען די וואַסער ביז דער זעלע, מיר זײַנען מיד געוואָרן אַריבערצוטראָגן, אײַנהאַלטן זיך נאָך — קענען מיר ניט! ס׳איז דאָך פאַרקויפט געוואָרן אַן אָרעם פאָלק פאַר אומזיסט, ס׳זײַנען איבערגעענטפערט געוואָרן די

[1] קאָהאָל.

א גאַסן־שוסטער און א בייגל־הענדלער אין קעשענעוו

געבוירענע פון מינסק אין הענט פון שלעכטע מאַנ־היגים, אין דער האַנט פון פּרעכע לײַט און רע־שאָים, ליבהאָבער פון רויב; זיי נעמען כּאַבאַר, דעם געשריי פונעם אָרעמאַן הערן זיי ניט, די קריוודע פון דער אַלמאָנע און פונעם יאָסעם קומט ניט אָן צו זיי; ליבהאָבער פון אומרעכט, פײַנט פון גערעכ־טיקײַט, זיי זײַנען קלוג אַף שלעכטס מיט זייער פאַלשקייט, און זיי פּײַניקן און ראַבעווען אָרעמע־לײַט מיט דער כיטרעקײַט פון זייערע הערצער, ווײַל זיי טראַכטן יעדער טאָג, וויאַזוי צו כאַפּן און צווינ־גען די אָרעמעלײַט און אַרײַנברענגען אין זייער שטוב אַריין פיל רײַכטימער. ווײַל פון וועמעס פאַר־מעגן זײַנען געוואָרן שטאַרק, אויך גרויס די אָנפי־רער פון דער דאָזיקער שטאָט, אויב ניט פון די עוואָלינימס האָרעוואַניע? אוי־ווי! ווען זיי דערלאַנ־גען דעם אָרעמאַן איין העמד, טוען זיי אים אויס און שטעלן אים אוועק נאַקעט, אַזוי ווי דעם טאָג, ווען ער איז געבאָרן געוואָרן, מאַכמעס זיי האָבן בעיאַד, ווײַל זיי טראַכטן באַ זיך אין הארצן, ווער איז האר איבער זיי, ווײַל די רײַכע זײַנען זייער אָנשפּאַר. אַלע זײַנען זיי כאַניפעסניקעס, דער ניי־דערטרעכטיקער געדאַנק זייערער — איז בלויז שלעכטס, וויאַזוי צו טרעטן און צו דריקן אָרעמע־לײַט צו דער ערד און אָנזאַמלען גרויס פאַרמעגן.

ארכיוו פונעם מיניסטעריום פון אינערלעכע איניאַנים. ווירטשאַפט־דעפּאַרטאַמענט, 2־טע שטאַטישע אָפּטיילונג, 1882.

יידישע פּאַרנאָסעס אין ווינִיצע אין די 50־ער יאָרן פון XIX יאָרהונדערט

אין די זיכרוינעס פון יוזעף דונין־קאַרוויצקי, וואָס זײַנען דערשינען אין לעמבערג אין יאָר 1897 אונ־טערן טיטל „ווספּאָמיניעני וואָליניאַקאַ" דערציילט זיך וועגן די יידישע פּאַרנאָסעס אין ווינִיצע.

דער מעכאַבער האָט געדינט אין אַן אולאַנען־פּאָלק, וואָס איז צו יענער צײַט אײַנגעשטאַנען אין ווינִיצע.

„אין ווינִיצע, שרײַבט ער, איז אַפילע אַרײַן אין דער מאָדע אַז דורך די טיפּסטע בלאָטעס פלעגן אונדז אַריבערטראָגן די האַכנאָעדיקע יידעלעך, די אַזויגערופענע מעשאָרסים. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווײַט, אַז פאַר אַן אָפּגערעדטן פּרײַז, ניט העכער פון צוויי פּוילישע גילדן — האָט אַזאַ יידל געדולדיק געשלעפּט אַף דער פּלייצע דעם הער יונקער מיט זײַן שווערד און קוילן־בײַטל ביז צו דער יונקער־שול. דערבײַ פלעגט מען דעם שמוציקן יידישן לאַפּסערדאַק צודעקן מיט א ריינעם טישטעך, קעדיי דער מונדיר זאָל ניט פאַרפלעקט ווערן.

אין א באַשטימטער צײַט נאָך די מושטרירונגען פלעגן די דאָזיקע אימפּראָוויזירטע מאַסע־פערד קו־מען נאָך זייערע פּאַסאַזשירן, און פאַר א דאָפּלט געצאָלט האָבן זיי געדולדיק אויסגעוואַרט לעבן דער רײַט־שול די יונקערס, קעדיי זיי אָפּצוטראָגן אַהיים. דאָס איז געוואָרן זייער א פּאַשעטע זאַך. די גאַנצע שטאָט האָט וועגן דעם געוווּסט, און די אָרעמע יידן האָבן געהאַט א שטענדיקע פּאַרנאָסע".

ווײַטער דערציילט יוזעף דונין־קאַרוויצקי, אַז ווען באַראָן אָסטער־סאַקען האָט אַמאָל געמאַכט א רע־וויזיע, איז איינער פון די יונקערס געפאַלן אַפן געדאַנק צו דעפּילירן פאַרן גענעראַל רײַטנדיק אַף א יידן, ווײַל אין שטאָט איז דעמלט געווען א גרוי־סע בלאָטע.

דער גענעראַל האָט דאָס געזען דורכן פענצטער און, ניט געקוקט אַף זײַן פאָרמאַליזם, האָט ער ניט געפונען קיין שלעכטס אין דעם רײַטן אַף יידן, ווײַל אין די טאַקאַנעס שטייט ניט, אַז מע טאָר אַף יידן ניט רײַטן.

דר. י. שאַצקי, „יוואָ־בלעטער", יאַנואַר 1937.

עקספּלואַטאַציע פון קינדער

די שרעקלעכע נויט פון די יידי־שע מאַסן אינעם צאַרישן רוסלאַנד האָט געצוווּנגען אַפילע קליינע קינדער צו גיין פאַרדינען דאָס שטיקל ברויט. אָט איז א סטאַ־טיסטיק וועגן דעם עלטער־באַ־שטאַנד פון די וויטעבסקער שנײַ־דער טאַנדעטניקעס ערעוו דער ער־שטער וועלט־מילכאָמע: קינדער פון 9 ביז 13 יאָר זײַנען צווישן זיי געווען 22,6 פּראָצ., פון 9 ביז 16 יאָר — 31 פּראָצ., פון 16 ביז 20 יאָר — 34 פּראָצ. בלויז 2,3 פּראָצענט פון אַלע טאַנדעטניקעס זײַנען געווען עלטער פון 25 יאָר און 10,1 פּראָצענט — אין עלטער פון 20 ביז 25 יאָר.

אין די קוסטאַר־וואַרשטאַטן איז דער אַרבעטסטאָג געווען אומבאַ־גרענעצט. די אַרבעטער פלעגן לעבן באַם באַלעבאָס אַף קעסט און ווינען גופע אין וואַרשטאַט. דער אַרבעטסלוין איז געווען א נעבעכדיקער, און זיי פלעגן אים קיינמאָל ניט באַקומען צו דער צײַט.

פּאָגראָמען אף ייִדן

די פּאָגראָמען אף ייִדן, אָרגאַניזירט דורך די צאַרישע סאטראפּן און שוואַרצמייעניקעס באם אומיטלבארן אָנטייל פון דער רעגירונג, זײַנען איינס פון די טרויעריקסטע קאפּיטלען אין דער געשיכטע פון די ייִדישע מאסן אינעם צארישן רוסלאנד. באזונדערס צייכענען זיך אויס מיט זייער אויסערגעוויינלעכן מאסשטאב און צאָל קאָרבאָנעס די פּאָגראָמען, וועלכע זײַנען קימאט איינצײַטיק פּאָרגעקומען אין פארשיידענע געגנטן פון דער רוסלענדישער אימפעריע צווישן דעם 18־טן און 29־טן אָקטיאבער 1905 יאָר, גראָד באלד נאָך דעם, ווען עס איז פארעפנטלעכט געוואָרן דער צארישער מאניפעסט, וועלכער האָט צוגעזאָגט דעם לאנד א „קאָנסטיטוציע". מיר ברענגען דאָ אייניקע ציפערן וועגן די פּאָגראָמען, גענומען פון דער „ייִדישער ענציקלאָפּעדיע", ב. XII, ז. 618—619.

אין דעם דערמאָנטן פעריאָד פון 18־טן ביזן 29־טן אָקטיאבער 1905 זײַנען פּאָרגעקומען פּאָגראָמען אין 660 שטעט, שטעטלעך און דערפער פון רוסלאנד. אזויווי אין אייניקע ערטער האָבן די פּאָגראָמען זיך איבערגעכאזערט, באקומט זיך, אז אין די דאָזיקע 12 טעג זײַנען פּאָרגעקומען 690 פּאָגראָמען. אָט איז די „געאָגראפישע פארטיילונג" פון די פּאָגראָמען: אין בעסאראבער גובערניע זײַנען פּאָרגעקומען 71 פּאָגראָמען, אין כערסאָנער — 82, טאווּרישער — 4, קאטערינאָסלאווער — 41, פּאָלטאווער — 52, טשערניגאָווער — 32, קיִעווער — 41, פּאָדאָלער — 37, וואָלינער — 2, מינסקער — 1, מאָליעווער — 2, וויטעבסקער — 4. סאַכאקל זײַנען אין די גרענעצן פונעם „טכום" פּאָרגעקומען 666 פּאָגראָמען. 24 פּאָגראָמען זײַנען פּאָרגעקומען אויסער די גרענעצן פונעם טכום.

פאר די דערמאָנטע 12 טעג זײַנען דערמאָרדעט געוואָרן — 810 ייִדן, פארווּנדעט — 1710. אין רעזולטאט פון די פּאָגראָמען זײַנען 325 פרויען געבליבן אלמאָנעס, 166 קינדער — קײַלעכדיקע יעסוימים, 1197 קינדער — האלבע יעסוימים. אין אָט די אָנגאבן גייט ניט ארײַן די באזונדערס גרויסע צאָל מענטשן, וועלכע זײַנען געשטאָרבן פון די איבערלעבונגען, אראָפּ פון זינען, באגאנגען זעלבסטמאָרד (באגאנגען זעלבסטמאָרד און אראָפּ פון זינען זײַנען געוויינלעך פארגוואלדיקטע פרויען). 201.009 ייִדן האָבן בייס די דאָזיקע פּאָגראָמען געליטן מאטעריעלן שאָדן אף א סומע פון 62,7 מיליאָן רובל, אויסער די העזייקעס פון באזונדערע רײַכע ייִדן און אויסער די פארמעגנס, וועלכע אנטלאָפענע ייִדן האָבן געלאָזט אף העפקער.

בלוט־בילבולים

צווישן די פילצאָליקע בארבארישע מיטלען, וואָס די צארישע רעאקציע און שווארצמייעניקעס פלעגן אָנווענדן באם פארפאָלגן די ייִדן, איז דער אלילאס־דאם (בלוט־בילבל) געווען איינס פון די סאמע אכזאָריעסדיקע. ס'איז ניט געווען מאמעש דאָס יאָר, ווען מע זאָל ניט ארויסלאָזן קלאָנגען, אז ייִדן האָבן קלוימערשט דערמאָרדעט א קריסטלעך קינד און דאָס בלוט אויסגענוצט אף מאצע.

באזונדערס באוווּסט זײַנען געווען דער אזויגערופענער „וועליזשער איניען" און דער „ביילים־פּראָצעס".

אין די דעפארטאמענטן פונעם יוסטיץ־מיניסטער שטשעגלאָוויטאָוו האָט מען פאנאנדערגעארבעט די מינדסטע פּראָטים אף אינסצענירן דעם ביילים־פּראָצעס — איינעם פון די שענדלעכסטע אקטן, וואָס זײַנען באוווּסט אין דער וועלט־געשיכטע.

דער ווילדער קאראהאָד פון די שווארצמייעדיקע עלעמענטן ארום דעם דאָזיקן אלילאס־דאם האָט זיך אָנגעשטויסן אף אן ענערגישן ווידערשטאנד מיצאד די ברייטע ארבעטנדיקע מאסן. איבערן לאנד האָט זיך דורכגעקײַקלט א כוואַליע פּראָטעסט־שטרײַקן, סטודענטישע אומרוען, ארויסטרעטונגען פון אָנגעזעענסטע פּראָגרעסיווע געזעלשאפטלעכע טוער און שרײַבער (גאָרקי, קאָראָלענקאָ, קאָוואלעווסקי, בלאָק און אנד.).

פליטים (בייס די פּאָגראָמען). קינסטלער מ. מינקאָווסקי

דער געזעץ=פּראָיעקט וועגן נאַציאָנאַלער גלײַכבארעכטיקונג,

וואָס איז אַרײַנגעטראָגן געוואָרן אין דער 4־טער דומע דורך דער פראקציע רסדאפּ

כאווײַרים!

די רוסלענדישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע ארבעטער־פראקציע האָט באשטימט אַרײַנצוטראָגן אין דער פערטער גאָסודארסטווענע דומע דעם געזעץ־פּראָיעקט וועגן אָפּשאַפן די רעכט־באַגרענעצונגען פון די ייִדן און פון אנדערע „פרעמדשטאמיקע״, וועלכן איר וועט אונטן געפינען.

דער געזעץ־פּראָיעקט איז געווידמעט דער אָפּשאַפונג פון אַלע נאַציאָנאַלע באַגרענעצונגען קעגן אַלע נאַציעס: ייִדן, פּאָליאַקן אאַוו. נאָר באַזונדער אויספירלעך שטעלט ער זיך אָפּ אויף די באַגרענעצונגען קעגן ייִדן. די סיבע איז פארשטענדלעך: קיין איין נאַציאָנאַליטעט אין רוסלאַנד איז אַזוי ניט אונטערגעדריקט און פארפאָלגט, ווי די ייִדישע. דער אַנטיסעמיטיזם לאָזט אַלץ טיפערע וואָרצלען צווישן די פאַרמעגלעכע שיכטן. די ייִדישע ארבעטער קרעכצן אונטער אַ צווייִיקן יאָך: אי ווי ארבעטער, אי ווי ייִדן. די רעדיפעס קעגן די ייִדן האָבן אָנגענומען פאַר די לעצטע יאָרן אַ ביז גאָר אומגלייבלעכן פאַרנעם. עס איז גענוג צו דערמאָנען די אַנטי־ייִדישע פּאַגראָמען און דעם בייליס־פּראָצעס.

בײַ אַזוינע באַדינגונגען דאַרף אָפּגעגעבן ווערן דער ייִדן־פראגע די געהעריקע אויפמערקזאַמקײַט מיצאַד די אָרגאַניזירטע מארקסיסטן.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז די ייִדן־פראגע קאָן ערנסט געלייזט ווערן נאָר אײַנײינעם מיט די גרונט־פראגעס, וואָס שטייען אויפן טאָג־אָרדענונג אין רוסלאַנד.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז מיר דערוואַרטן ניט פון דער נאַציאָנאַליסטיש־פּורישקעוויטשישער 4־ער דומע, אַז זי זאָל אָפּשאַפן די באַגרענעצונגען קעגן ייִדן און אנדערע „פרעמדשטאמיקע״. אָבער דער ארבעטער־קלאַס איז פאַרפליכטעט אויפצוהייבן זײַן שטים. און באַזונדערס הויך דאַרף דורכהילכן די שטים פון דעם רוסישן ארבעטער קעגן דער נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג.

פּובליקירנדיק אונדזער פּראָיעקט פון געזעץ, האָפן מיר, אַז די ייִדישע, פּוילישע ארבעטער און די ארבעטער פון אנדערע אונטערגעדריקטע נאַציאָנאַליטעטן וועלן אַרויסזאָגן זייער מיינונג וועגן אים און וועלן אַרויסרוקן זייערע אויסבעסערונגען, אויב זיי וועלן געפינען פאַר נייטיק.

און אײַנײינעם דערמיט האָפן מיר, אַז די רוסישע ארבעטער וועלן באַזונדערס ענערגיש אונטערהאַלטן אונדזער געזעץ־פּראָיעקט מיט זייערע מעלדונגען אאַדג.

צום געזעץ־פּראָיעקט וועלן מיר, אין העסקעם מיטן אַרט. 4, צולייגן אַ באַזונדערע רעשימע פון די קלאָלים און געזעץ־באַשטימונגען, וואָס דאַרפן אָפּגעשאַפט ווערן. די דאָזיקע בײַלאַגע וועט אַרומנעמען אַרום 100 אַזוינע געזעץ־באַשטימונגען, וועלכע האָבן אַ שײַכעס צו ייִדן אַליין.

דער געזעץ־פּראָיעקט וועגן נאַציאָנאַלער גלײַכבארעכטיקונג איז צוזאמענגעשטעלט געוואָרן דורך וו. אי. לענינען און האָט געדאַרפט אַרײַנגעטראָגן ווערן אין דומע אין צוזאמענהאַנג מיטן באַהאַנדלען דעם בודזשעט פון דעם מיניסטעריום פון אינערלעכע איניאָנים. וו. אי. לענין האָט אויך אָנגעשריבן דעם פּראָיעקט פון דער רעדע וועגן דער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק פון דער רעגירונג, וואָס עס האָט געדאַרפט האַלטן דער דעפּוטאַט ג. פּעטראָווסקי.

פּראָיעקט פון געזעץ וועגן אָפּשאַפן אַלע רעכט־באַגרענעצונגען פון די ייִדן און אַלע באַגרענעצונגען בּיכלאַל, וואָס זײַנען פאַרבונדן מיט דער אָפּ־שטאַמונג אָדער אָנגעהעריקײַט צו א וואָסער־ניט־איז נאַציאָנאַליטעט.

1. בירגער פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן, וואָס באַפעלקערן רוסלאַנד, זײַנען גלײַך פאַרן געזעץ.

2. קיין איין בירגער פון רוסלאַנד, אָן אונטערשייד פון געשלעכט און גלויבן, קאָן ניט באַגרענעצט ווערן אין פּאָליטישע און בּיכלאַל אין וואָסערע־ניט־איז רעכט אַפן גרונט פון זײַן אָפּשטאַמונג אָדער אָנגעהעריקײַט צו א וואָסער־ניט־איז נאַציאָנאַליטעט.

3. עס ווערן אָפּגעשאַפט אַלע און אַלערליי געזעצן, צײַטווײַליקע קלאַלים, באַמערקונגען צו געזעצן אדג., וואָס באַגרענעצן די ייִדן אין וואָסער־ניט־איז ספערע פון געזעלשאַפטלעכן און מעלוכישן לעבן. עס ווערט אָפּגעשאַפט דער אַרט. 767 פון באַנד 9, וואָס זאָגט, אַז „די ייִדן פאַלן אונטער אונטער די אַלגעמיינע געזעצן אין אַלע יענע פאַלן, בא וועלכע עס זײַנען וועגן זיי ניט אײַנגעשטעלט געוואָרן קיין באַזונדערע קלאַלים". עס ווערן אָפּגעשאַפט אַלע און אַלערליי באַגרענעצונגען פון די ייִדן אין געביט פון וווין־רעכט און באַוועגן זיך, פון רעכט אַף בילדונג, רעכט אַף מעלוכישע און געזעלשאַפטלעכע אַמטן, וואַל־רעכט, מיליטער־פליכט, פון דעם רעכט צו דערווערבן און אַרענדירן אומבאַוועגלעכע גיטער אין די שטעט, דערפער אאַוו., עס ווערן אָפּגעשאַפט אַלע באַגרענעצונגען פון די ייִדן צו באַנוצן זיך מיט ליבעראַלע פּראָפעסיעס אאַוו. אדג.

4. צו דעם דאָזיקן געזעץ ווערט צוגעלייגט א רעשימע פון די געזעץ־באַשטימונגען, פאַר־אָרדענונגען, צײַטווײַליקע קלאַלים אדג., וואָס זײַנען געווענדט צו באַגרענעצן די רעכט פון די ייִדן, און וואָס דאַרפן אָפּגעשאַפט ווערן.

„פּעט פּראַוודי", נומ. 48, 10 אַפּריל (28 מאַרט) 1914

דריי פרויען: זייער לעבן, זייער גורל

גריגאָרי קיזעל
באקו

איינע פון די ערשטע

קורץ איז געווען העסיעס לעבנס־וועג — זי איז אומגעקומען אין עלטער פון 27 יאָר בייסן גערהאנגל, וועלכן די פאָרגעשריטענע רוסלענדישע יוגנט האָט אין פאַריקן יאָרהונ־דערט געפירט קעגן צאריזם.

געבוירן איז העסיע העלפמאַן אין מאָזיר, אין 1855. איר קינדהײַט איז געווען א שווערע. די שטיפמאמע האָט זיך איזדיעקעוועט איבער איר. דער טאטע איז געווען א רעליגיעזער פאנא־טיקער. וועגן געבן דער טאָכטער א וואָסערע־ניט־איז בילדונג איז בא אים אפילע קיין רייד ניט געגאנגען. צו נײַן יאָר האָט העסיע אָבער אליין זיך אויסגעלערנט לייענען ייִדיש און פויליש. אין דער היים, כוץ א געמאָרע, האָט זי געפונען בלויז א האלב־צעפליקט סייפערל מיט מײַסעלעך, וועלכע זי האָט אויסגעלערנט אף אויסווייניק. ווער ווייסט, וויאזוי עס וואָלט זיך ווײַטער אנטוויקלט איר לעבן, ווען דער טאטע זאָל זי איינמאָל ניט מיטנעמען מיט זיך קיין בערדיטשעוו — אף א כאסענע. זי איז אלט גע־ווען דעמלט סאכאקל פופצן יאָר.

צום ערשטן מאָל האָט זי זיך ארויסגעריסן פון דער קליינשטעטלדיקער סוויווע, פון אונ־טער דעם טאָגטעגלעכן טאטנס דרוק, פון דער שטיפמאמעס הענט. נאָך דער כאסענע איז דער פאָטער אוועקגעפאָרן אהיים, און זי האָט ער אף א שטיק צײַט איבערגעלאָזט בא די אייגע־נע. די קרויווים האָבן אופגענומען העסיען גאסטפרײַנטלעך און זי אין גאָרנישט ניט באַ־גרענעצט. וואָס קאָן נאָך זײַן טײַערער פון עט־לעכע כאדאָשים פרײַהײַט? העסיע האָט פאַר־פירט א סאך באקאנטשאפטן צווישן דער שטאָ־טישער יוגנט. ביכער — וויפל דו ווילסט. און העסיע לייענט זשעדנע. אינגיכן לערנט זי זיך אויס לייענען אויך אף רוסיש. אינאיינעם מיט אירע נײַע כאווירים — ייִדישע יאטן און מייד־לעך, וועלכע האָבן געשטרעבט זיך ארויסרײַסן פון די רעליגיעזע קלעמען, ציט זי זיך צו דער פּראָגרעסיווער רוסישער ליטעראטור, צו גע־זעלשאפטלעכער טעטיקײַט. ס'איז ניט באוווסט, ווער פון אירע יונגע פרײַנט עס האָט איר געייצעט ארײַנקוקן אין בעלינסקיס ארטיקלען. ביז דעם האָט זי שוין איבערגעלייענט עטלעכע רוסישע ביכער, זיי טאקע האָבן זי אופגערו־דערט. וויסאריאָן בעלינסקי איז געווען דער, וועלכער האָט געמאכט אין איר אן איבערקע־רעניש, זײַנע ווערק האָבן ברייט צעעפנט אירע אויגן, זי האָט דערשפירט דעם עמעס פונעם לעבן.

אין בערדיטשעוו דערזעט העסיע צום ערשטן מאָל א ייִדישע צײַטונג. זי ווערט ניט נאָר א לייענערן פון אָט דער אויסגאבע, פּרוווט אויך שרײַבן פאר איר. צו די קרויווים איז געקומען צו פאָרן פון קיִעוו א מאָדיסטקע. העסיע באפרײַנדעט זיך מיט איר, העלפט איר אין דער ארבעט, צוביסלעכווײַז לערנט זי זיך אליין אויס נייען.

פּלוצעם קומט אָן דעם טאטנס באפעל: דרינגענדיק זיך אומקערן אהיים. דאָרט דער־וויסט זי זיך מיט גרויל: איר גורל איז גע־לייזט: דער טאטע מעלדעט, אז איר כאסענע פראוועט ער אין א כוידעש ארום. העסיע פּראָ־טעסטירט: זי ווייסט גאָרנישט וועגן דעם כאָסן, אפילע קיין איין מאָל אים ניט געזען.



העסיע העלפמאַן

זי איז שוין ניט די פריִערדיקע שווײַגנדיקע געהאָרכזאמע טאָכטער. עפּעס האָט אין איר געענדערט די בערדיטשעווער פרײַהײַט... עס ווערט בא איר רײַף א פלאַן: אנטלויפן קיין קיִעוו — דאָרט וווינט איצט איר נײַע כאַווערטע, די שנײַדערקע, זי וועט איר העלפן.

אלץ איז פארלאָפן, ווי אין א דעטעקטיוו־ראָמאַן. באנאכט, ערעוו דער כאַסענע, צונויפגעקליבן אין א קלומעקל די זאכן, צעעפנט שטילערהייט דאָס פענצטער פונעם אלקער, ארויסגעקראָכן אף דער גאַס און פארלאָזט אף אייביק דעם טאַטנס הויז. קימאַט צען ווערסט, פול מיט שרעק, דורך א פינצטערן וואלד לויפט דאָס זעכצניאָריקע מיידל צו דער נאָענטסטער פּאָסט־סטאנציע. ערשט אין פיר טעג ארום דערקלײַבט זי זיך קיין קיִעוו. זי איז גליקלעך. דאָס קומט פאָר אין 1871 יאָר.

איר קיִעווער כאַווערטע באוואָרנט זי מיט ארבעט אין ווארשטאַט. זי דעראָבערט פאַר זיך אין קיִעוו נײַע כאַוויירים און כאַווערטעס, באזונדערס צווישן די סטודענטן און קורסיסטקעס. איר צימער, וועלכן זי האָט געדונגען אף דער גאַס באָלשאַיאַ וואסילקאָווסקאַיאַ, איז שטענדיק פול מיט מענטשן.

מיט דער צײַט דערפילט זי, אז זײַן בלויז א נייטערקע איז פאר איר ווייניק. אירע כאַוויירים — סטודענטן און קורסיסטקעס — העלפן איר זיך צוגרייטן צו די עקזאַמענעס אף קורסן פון אקושערקעס, וועלכע זי פארענדיקט אין 1874. איינצײַטיק לאָזט זי ניט דורך קיין איין עפנטלעכע לעקציע, וועלכע עס לייענען אָנגעזעענע קיִעווער פּראָפעסאָרן. זי באזוכט די אָוונטיקע פארזאמלונגען, ווו עס ווערן באהאנדלט פראגעס פון געזעלשאפטלעכן לעבן און ליטעראטור. פיל האָט איר געגעבן דאָס קרײַזל פון זעלבסטבילדונג, וואָס עס האָט געפירט דער סטודענט־מעדיק ניקאָלײַ קאָלאָדקעוויטש.

צו יענער צײַט האָט העסיע העלפמאַן שוין געהאט איבערגעלייענט טשערנישעווסקיס ראָמאַן „וואָס טאָן?" און איז זייער פארכאפט געוואָרן מיטן געדאנק צו אָרגאניזירן אף ארטעליעסוידעס א שנײַדער־ווארשטאַט, קעדיי פארבעסערן די מאַטעריעלע לאגע פון אירע כאַווערטעס־נייטערנס. טראָץ די פּילצאָליקע שוועריקײַטן, ארײַנגערעכנט יענע, וואָס זײַנען בעקיוון געשאפן געוואָרן מיצאַד די צארישע מאכט־אָרגאנען, האָט העסיעס ענערגיע און אקשאָנעסדיקײַט געזיגט: אין דעם שנײַדער־ארטעל, וועלכן זי האָט געגרינדעט, פלעגן די נייטערנס פארדינען מער, ווי פריִער. אָט אזוי, עפנטלעך און געוואגט טרעט ארויף העסיע אפן וועג פון געזעלשאפטלעכער טעטיקײַט.

בעהאדראָגעדיק באקאנט זי זיך מיט ראדיקאלע אידייען. זי קומט ארײַן אינעם קרײַז פון די קיִעווער רעוואָליוציאָנערן, ווו זי באגעגנט זיך מיט ל. לייטש, וו. דעבאָגאָרי־מאָקריִעוויטש און אנדערע. שפּעטער באפרײַנדעט זי זיך מיט ניקאָלײַ קאָלאָדקעוויטשן, וועלכער האָט דעמלט געלעבט אין שטאָט אומלעגאל. ער העלפט העסיען צו ווערן א רעוואָליוציאָנערער פּראָפּאגאנדיסט, א פּאָליטישער קעמפער.

פעווראל 1875. אין מאָסקווע איז געגרינדעט געוואָרן די „אלרוסלענדישע סאָציאל־רעוואָליוציאָנערע אָרגאניזאציע" — די ערשטע פּאָליטישע רעוואָליוציאָנערע פארטיי אין רוסלאנד, מיט א זעלבשטענדיקער פּראָגראַם און אן אייגענעם אוסטאַוו — די פאָרגייערן פון „נאראָדנאַיאַ וואָליא". אין איר באשטאנד זײַנען ארײַנגעגאנגען יוגנטלעכע — אינטעליגענטן און ארבעטער. עס איז געווען טעטיק א גרופּע מיידלעך — ציוריכער סטודענטקעס, וועלכע האָבן פּראָפּאגאנדירט די אידייען פון סאָציאליזם אין אזעלכע גרויסע אינדוסטריעלע צענטרען ווי קיִעוו, טולע, איוואנאָוואָ־וואָזנעסענסק.

העסיע באקענט זיך מיט אלעקסאנדרע כאָרזשעווסקע און מיט אנדערע מיטגלידער פון דער נײַער אָרגאניזאציע: מיט אָלגע ליובאטאָוויטש, יעקאטערינע טומאנאָווע, מארטין מלאָדעצקי, מיכאיל וואראָנקאָוו. איר גורל ווערט ענדגילטיק באשטימט: זי נעמט אָן די פּראָגראַם און דעם אוסטאַוו פון דער „אלרוסלענדישער סאָציאל־רעוואָליוציאָנערער אָרגאניזאציע".

איצט גיט זי זיך אָפּ מיט לײַב־און־לעבן דעם קלאסן־קאמף. זי פארבינדט זיך מיט פאבריק־ארבעטער, דערלערנט די באדינגונגען, אין וועלכע זיי מיִען זיך און לעבן. איר צימער ווערט א שטענדיק אָרט פאר באגעגענישן און פארזאמלונגען. די ארבעטער באציִען זיך צו איר מיט דערעכערעץ און צוטרוי, זיי האָבן זי ליב.

אײַנײַנעם מיט אלעקסאנדרע כאָרזשעווסקע פירט העסיע פּראָפּאגאנדע אפן צוקער־זאוואָד.

צוזאמען מיט יעקאטערינע טומאנאָווע פּלאנירט זי די ארבעט צווישן די פּויערים.

און דאָ וואלגערט זיך פּלוצעם אָן אן אומגליק...

דעם יונגן ארבעטער וואסילי קאָוואליאָוו, וועלכער איז געווען פּערזענלעך באקאנט מיט די קיִעווער פּראָפּאגאנדיסטן, האָט די אָרגאניזאציע געשיקט קיין טולע צוהילף אָלגע ליובאטאָוויטש, וואָס האָט דאָרט געארבעט אומלעגאל און געטראָגן די פאמיליע מאכאָטקינע. מאכמעס זײַן אומדערפארנקײַט האָט קאָוואליאָוו ניט ווילנדיק אויסגעגעבן אָלגען. די פּאָליציי האָט בא איר אַף דער קווארטיר געפונען א שיפּרירטן בריוו, וועלכער איז געווען אדרעסירט העסיען קיין קיִעוו — דער בריוו האָט געדארפט איבערגעגעבן ווערן גליעבאָווען (די דעמלטיקע פאמיליע פון דער אומלעגאלער אלעקסאנדרע כאָרזשעווסקע). דעם 9 סענטיאבער 1875 ארעסטירט מען העסיען. די אונטערזוכונג אין איר דירע האָט דער פּאָליציי קיין באשולדיקונג־באווײַזן ניט געבראכט. אָבער ווען העסיע איז שוין געווען פארשפּארט אין טפּיסע, האָבן פאָרגעזעצט אָנקומען אַף איר אדרעס שיפּרירטע בריוו, כוץ דעם זײַנען ארעסטירט געוואָרן עטלעכע רעוואָליוציאָנערן, וועלכע פלעגן אָפּט ארײַנגיין צו העסיען — אזוי, אלנפאלס, האָבן געטײַנעט די איידעס פון דער קיִעווער זשאנדארמעריע. פאר דער געהיימער דינסט איז קיין סאָד ניט געווען, אז צו איר אין די הענט איז ארײַנגעפאלן די באלעבאָסטע פון א וויכטיקער קאָנספּיראטיווער קווארטיר. די זשאנדארמען האָבן אין העסיעס הויז געמאכט א זאסאדע, קעדיי נאָכלויערן, ווער עס וועט אהין קומען — און עס איז זיי געלונגען צו כאפּן און פארשפּארן אין טפּיסע נאָך עטלעכע קעמפער, צווישן זיי וואָראָנקאָוון, מלאָדעצקען און העסיעס נאָענטסטע כאווערטע כאָרזשעווסקע.

אַף די פארהערן האָט זיך העסיע געהאלטן רויִק, אלע באשולדיקונגען אָפּגעלייקנט: קיינעם פון די ארעסטירטע קען זי ניט, לעכאָלהאפּאָכעס ווייסט זי וועגן זיי גאָר ווייניק.

מע האָט העסיען ארײַנגעזעצט אין ליטווישן טפּיסע־שלאָס, אין דער אָפּטיילונג „פאר ניט פּריווילעגירטע”. דער ליטווישער שלאָס איז געווען א פינצטערע צווײשטאָקיקע געבײַדע אין דער פאָרם פון א ניטריכטיקן פינפעק מיט טורעמס אין יעדן ווינקל. די קאמערעס זײַנען געווען ענלעך איינע אַף דער אנדערער: א טיש, א שטול, אן אײַזערן בעטל, א פענצטערל אונטער דער סטעליע — קוים וואָס עס לויכט (בייס דער פעווראל־רעוואָליוציע האָבן די אופשטענדלער פארברענט דעם דאָזיקן שלאָס).

העסיען האָט מען אָנגעטאָן אין א קאזיאָנעם באלאכאָן און אין אן אומגעלומפּערטן טשעפּטשיק. אָט דער קאָסטיום איז ווי בעקיוון צוגעטראכט געוואָרן, קעדיי צו מאכן די ארעסטאנטן מיִעס און לעכערלעך.

די צארישע רעגירונג פּלאנירט אָרגאניזירן א גראנדיִעזן געריכט, קעדיי עפנטלעך צו שענדן די רעוואָליוציאָנערן, באשולדיקן זיי אין אויווער זײַן די מאָראלישע קלאָלים פון דער געזעלשאפט און אין בייזער קראמאָלע. אָט דער ערשטער עפנטלעכער מישפּעט איבער די פּאָליקיסטן איז ארײַן אין דער געשיכטע אונטערן נאָמען „פּראָצעס פון די 50”, דורך וועלכן די רעגירונג האָט געהאָפּט מיט איין קלאפּ צו דערשטיקן דעם רעוואָליוציאָנערן אופברויז אין לאנד.

העכער א יאָר צײַט איז העסיע פּאָרלויפיק אָפּגעזעסן אין טפּיסע. ערשט דעם 30 נאָיאבער 1876 האָט זי באקומען אן אָפּיציִעלע באשולדיקונג, ווו עס איז געזאָגט געוואָרן, אז זי האָט אָרגאניזירט אן אומגעזעצלעכע געזעלשאפט, וועלכע שטרעבט „אין א מער־ווייניקער דערווײַטערטער צוקונפט אראָפּווארפן און ענדערן די מעלוכישע אָרדענונג”.

אלע געמישפּעטע, ארײַנגערעכנט די זעכצן מיידלעך־רעוואָליוציאָנערקעס, האָבן זיך געפירט אפן פּראָצעס זייער מוטיק. די פארטיידיקער, די אָנגעזעענע פּראָגרעסיווע אדוואָקאטן א. א. אָלכין, א. ל. באָראָוויקאָוו און אנדערע, האגאם זיי איז געווען קלאָר, מיט וואָס דער געריכט קאָן זיך ענדיקן, האָבן געטאָן אלץ, קעדיי פארשטארקן דעם געזעלשאפטלעכן אָפּקלאנג.

קימאט אלע באשולדיקטע האָבן זיך אָפּגעזאָגט פונעם לעצטן וואָרט. גערעדט האָבן בלויז ס. בארדינא און פּ. אלעקסייעוו. סאָפיע בארדינא האָט אין איר רעדע צום ערשטן מאָל דערקלערט די פּראָגראם פון די סאָציאַליסטן אין רוסלאנד. פּיאָטער אלעקסייעוו איז ארויסגעטראָטן אין נאָמען פון די ארבעטער.

העסיע איז פארמישפּעט געוואָרן אַף צוויי יאָר טפּיסע. לעכאטכילע איז זי ארײַנגעפאלן אין א קאמערע פון קרימינעלע פארברעכערנס. זיי האָבן, פארשטייט זיך, גלײַך דערפילט אין איר א פרעמדע און זיך איזדיעקוועט איבער איר. אינגיכן, באפרידיקנדיק די שטאדלאָנעס פונעם פרויען־קאָמיטעט, פירט מען זי איבער אין א קאמערע, ווו עס זײַנען געזעסן מערסטנטייל פּאָליטישע ארעסטאנטקעס.

די טפּיסע איז געווען אן ערנסטער אויספּרוּוו פאר דער רעוואָליוציאָנערקע העלפמאן, פאר אירע מאָראלישע קויכעס.

דעם 14 מארט 1879 באפרײַט מען זי פון דער טפּיסע, אָבער זי גייט טייקעף אוועק מיטן עטאפּ אין אדמיניסטראטיווער פארשיקונג קיין סטאראיא רוסא. דאָ וואָלט זי געמוזט לעבן אונטערן עפנטלעכן אופזיכט פון דער פּאָליציי ווער ווייסט וויפל צײַט, נאָר זי אנטלויפט קיין פּעטערבורג, ווו זי באגעגנט ניקאָלײַ קאָלאָדקעוויטשן, און ער העלפט איר זיך אײַנאָרדענען אַף ארבעט. ניקאָלײַ — איר לערער און דערציִער — א געשולטער אין רעוואָליוציאָנערער טעאָריע, ווערט שפּעטער העסיעס מאן. דערווײַל פירט ער זי ארײַן אין די רייען פון דער נאָרוואָס אויסגעפורעמטער פּארטיי „נאראָדנאיא וואָליא”.

אין דער „נאראָדנאיא וואָליא" פארטרויט מען העסיען אָרגאניזירן עטלעכע וויכטיקע קאָנספיראטיווע דירעס. שוין א פראָפעסיאָנעלע רעוואָליוציאָנערקע מיט א רײַכער לעבנסדערפארונג, פילט זי אויס די דאָזיקע פארגעבונג גלענצנד. אין אָנהייב דעקאבער דינגט זי א קווארטיר אף דער גאָראָכאָוו־גאס. אין אָט דער ווינונג באזעצט זי זיך צוזאמען מיט וולאדימיר יאָכאָלסאָנען, קלוימערשט ווי מאן און ווײַב.

די דירע אף דער גאָראָכאָוו־גאס ווערט פארוואנדלט אין א צענטער פון דער „נאראָדנאיא וואָליא". זי איז זאָרגזאם פארקאָנספירירט, בלויז געציילטע פארטיי־טוער וויסן פון איר עקזיסטענץ. אהער גיט איבער זײַנע מיטיילונגען קליעטאָטשניקאָוו — דער געהיימער אגענט פון „נאראָדנאיא וואָליא", וועלכער האָט געדינט אין דער זשאנדארמעריע, אינעם אזויגערופענעם דריטן אָפטייל. אהער פלעגט אָפט קומען סאָפיא פעראָווסקאיא. פריילינג 1880 האָט מען דאָ אָנגעהויבן מאכן דינאמיט. אלס פארוואלטערן פונעם דינאמיט־ווארשטאט איז באשטעטיקט געוואָרן העסיע העלפמאן.

אָנהייבנדיק פונעם 15 סענטיאבער ביז פעווראל 1881 פארוואלטעט העסיע מיט דער דרוקערײַ פון דער פאָלקיסטישער „ארבעטער־צײַטונג" (אין טראָיצקי־געסל). אָן לאנגע דיבורים נעמט זי אף זיך די נײַע פליכטן, ארבעט אלס זעצער, דרוקער, אײַנבינדער, פארשפרייט די פארטיקע נומערן פון דער צײַטונג. אָן אומדערמידלעכע, איז זי אויך טעטיק אינעם „רויטן קרייץ" פון דער „נאראָדנאיא וואָליא", וועלכער אָרגאניזירט הילף די ארעסטירטע רעוואָליוציאָנערן.

אין דער דרוקערײַ פון דער „ארבעטער־צײַטונג" גרינדעט מען א דינאמיט־ווארשטאט, וועלכן מע פירט איבער (דעם 26 פעווראל 1881) אין א דירע אף טיעלעזשנע גאס. אין דער נײַער קווארטיר באזעצט זיך העסיע איינעם מיט ניקאָלײַ סאבלינען, זיי רופן זיך אָן פעסענקאָ־נאוואָצקי און שטעלן זיך פאָר ווי א פאָרפאָלק. די דאָזיקע קווארטיר איז געווען העסיעס לעצט אָרט אף דער פרײַהײַט...

די „נאראָדנאיא וואָליא" האָט צו יענער צײַט באשטימט אויספירן א טעראָריסטישע אקציע, וועלכע זאָל אויפרודערן דאָס גאנצע לאנד — מאכן אן אטענטאט אפן קייסער אלעקסאנדער דעם צווייטן. די רעוואָליוציאָנערן האָבן פאָרסירט די צוגרייטונג צו דער דאָזיקער אקציע. דאָס פארניכטן אלעקסאנדער דעם צווייטן איז געווען אָנגעמערקט אפן 1 מארט 1881.

ערעוו דער דאָזיקער דאטע האָבן זיך בא העסיען אף דער קווארטיר צונויפגעזאמלט די אויספילער פון דער אָפעראציע. סאָפיא פעראָווסקאיא האָט געבראכט און צעטיילט צווישן זיי די באָמבעס, באקענט אלעמען מיט דעם פלאן פון דער אָפעראציע. דערנאָך איז געקומען ניקאָלײַ קיבאלטשיטש, געבראכט נאָך צוויי נאָרוואָס צוגעגרייטע באָמבעס און איבערגעגעבן זיי העסיען פערזענלעך.

די שווערע ארבעט פון די לעצטע טעג האָט אויסגעמאטערט אלעמען, בעסיכעס אויך העסיען, נאָר זי איז די גאנצע צײַט אף די פיס, זי דערשטיקט אין זיך איר פערזענלעכן אומגליק: עס איז ארעסטירט איר מאן ניקאָלײַ קאָלאָדקעוויטש, עס דראָעט אים א טויט־אורטייל. העסיע באהאלט אויס די איבערלעבונגען, זי פארשטייט, אז די אקציע קעגן קייסער אלעקסאנדער דעם צווייטן פאָדערט פון די נאראָדאָוואָלצעס אלע קויכעס. זי זעט אויס אויסערלעך אפילע רויִקער פון אנדערע, דערמונטערט די כאווײרים.

סאָפקאָלסאָף ברענגט סאבלין די לאנג דערווארטע יעדיִע: דער קייסער איז דערהארגעט!

ס'איז אָבער דערבײַ אויך אומגעקומען גריניעוויצקי — דער ערשטער קאָרבן פון די נאראָדאָוואָלצעס אין דער אָפעראציע.

די פאָליציי פירט הארבע אונטערזוכונגען אין פארשיידענע קווארטאלן פון דער שטאָט — די זשאנדארמען קריכן פון דער הויט, קעדיי אופזוכן די טעראָריסטן.

די קווארטיר אף דער טיעליעזשנע־גאס געפינט זיך דערווײַל אויסער כשאד. גיי וויס, אז ריסאקאָוו, וועלכער האָט געוואָרפן אינעם קייסערס עקיפאזש די ערשטע באָמבע, וועט אפן פארהער אײַנגעבראָכן ווערן און אָנהייבן אויסגעבן זײַנע כאווײרים...

קוידעמקאָל איז די פאָליציי באפאלן העסיעס דירע אף דער טיעליעזשנע־גאס. דאָס איז פאָרגעקומען באנאכט דעם דריטן מארט.

די ניטגעבעטענע געסט הייבן אָן ברעכן די טיר.

העסיע קוקט מיט ברייט צעעפנטע אויגן אפן בלאסן סאבלינען, וועלכער כאפט ארויס פון טאש א רעוואָלווער און שיסט דורך דער טיר. „ניין, קיין לעבעדיקן וועלן זיי מיך ניט נעמען!" — די לעצטע קויל לאָזט ער ארויס זיך אין שלייף. הייסט עס — א סאָף? אלץ איז אויס? ווי אין א נעפל עפנט העסיע אוף די טיר.

איין געדאנק צאפלט אין מויעך: וואָס טוט מען מיט די צוויי פארבאהאלטענע באָמבעס, וועלכע עס האָט איר איבערגעגעבן קיבאלטשיטש? אופרײַסן זיי און אוועקשיקן אף יענער וועלט די גאנצע מאכנע זשאנדארמען? ניין, איינעם מיט זיי קאָנען אומקומען אומשולדיקע מענטשן — אײַנוווינער פונעם הויז. אין די באָמבעס איז פארבאָרגן א גרויזאמע צעשטערונג־קראפט. א מינוט צווייפלט העסיע, דערנאָך מעלדעט זי: „פאָרזיכטיק, אין דער קווארטיר זײַנען פאראן באָמבעס". די זשאנדארמען ווערן פארגליווערט. דער פראָקוראָר פרוּווט עפעס אויסשטאמלען, נאָר זײַן צונג איז ווי צוגעוואקסן צום גומען. קיינער צווייפלט ניט, וואָס עס וועט דאָ באלד פאָרקומען. די אנטשיידנקײַט פון די טעראָריסטן איז גוט באוווּסט דער פאָליציי. נאָר העסיע טוט מיט עקל א קוק

אף די צאַרישע סאַטראַפּן, נעמט רויִק אין די דלאָניעס די באָמבעס, פאַרוויקלטע אין אַלטע שמאַטעס, און טראָגט זיי אַוועק צו דער שוועל...

אפן פאַרהער מעלדעט העסיע: „ענטפערן אף פראַגעס וועל איך ניט!".

אפן געריכט — דאָס זעלבע. בלויז, ווען דער הויפּט־ריכטער האָט געפרעגט, מיט וואָס זי איז געווען באַשעפטיקט, האָט זי אַרויסגעבראַכט: „מיט רעוואָליוציאָנערער טעטיקײַט".

העסיע האָט אויסגעהערט דעם אורטייל רויִק, זי האָט נאָר געבעטן, מע זאָל איר דערלויבן זיך באַגעגענען מיטן מאַן, וועלכער איז געזעסן אין אַלעקסייעווער ראַוועלין פון דער פּעטראָפּאַוולאָווער פעסטונג. זי האָט געוואָלט מיט אים, מיט ניקאָלײַ קאָלאָדקעוויטשן, דעם טאַטן פון איר קומענדיק קינד, זיך אַן אייצע האַלטן. קיין דערלויבעניש אף אַ ראַנדעוווּ האָט זי ניט באַקומען. דעמלט, דעם 30 מאַרט, דערלאַנגט זי אַ מעלדונג דעם פּראָקוראָר, אין וועלכער זי טיילט מיט, אַז זי איז שוואַנגער.

אין אייראָפּע און אַמעריקע וויקלט זיך פאַנאַנדער אַ פּאַרטיידיקונגס־קאַמפּאַניע לטויוועס דער רעוואָליוציאָנערקע. אין דער קאַמפּאַניע באַטייליקן זיך פּ. קראָפּאָטקין און ס. סטעפּניאַק־קראַווטשינסקי. עס ווערן דורכגעפירט מיטינגען, דעמאָנסטראַציעס. וויקטאָר הוגאָ שרײַבט אָן אַ ליד, געווידמעט העסיע העלפמאַן. ער שיקט אויך אַן אָפענעם בריוו דער רוסישער רעגירונג, אין וועלכן ער פאַרטיידיקט די רעכט פון העסיע העלפמאַן, דער קומענדיקער מוטער. דער קאַמף פאַר העסיע העלפמאַנס רעכט, באַזונדערס דער בריוו פון וויקטאָר הוגאָ, האָבן געמאַכט אַ גרויסן רויִשעם אין דער וועלט און גענייט די צאַרישע רעגירונג זיך רעכענען מיט דער רוסישער און אייראָפּעיִשער געזעלשאַפטלעכער מיינונג. די מאַכט איז געווען געצווונגען פאַרבײַטן העסיען די טויט־שטראָף אף אייביקער קאַטאָרגע, אָבער פונעם געדאַנק וועגן אומברענגען די רעוואָליוציאָנערקע האָט דער צאַריזם זיך ניט אָפּגעזאָגט. לויט אַן אָנווײַזונג, האָט דער טפיסע־דאָקטער בײַס העסיעס קימפּעט בעקיוון ניט אָפּגעהיט די היגיִענישע באַדינגונגען. העסיע איז קראַנק געוואָרן, זי האָט זיך שטאַרק געמוטשעט. כוץ דעם, האָט מען בײַ איר צוגענומען דאָס קינד און אָפּגעגעבן עס אין „פּריִוט". דאָס איז שוין געווען אומעגלעך איבערצוטראָגן. דעם 13 פעוורואַל 1882 איז די העלדישע פרוי געשטאָרבן אין פּעטראָפּאַוולאָווער פעסטונג.

העסיע העלפמאַן, איינע פון די ערשטע רעוואָליוציאָנערן און סאָציאַליסטן אין רוסלאַנד, איז אומגעקומען פריצײַטיק און טראַגיש, אָבער אף אייביק איז זי פאַרבליבן אין זיכּאָרן פונעם פאָלק.

עטל באַרקאַ

הערשל באראז

ראָסטאָוו

.1918

די פאַרייניקטע קויכעס פון דער קאָנטררעוואָליוציע און פון די אינטערווענטן האָבן פאַרכאַפּט ראָסטאָוו. עס הוליעט די רעאַקציע, ס'קומען פאָר מאַסן־אונטערזוכונגען, אַרעסטן.

די באָלשעוויקעס זײַנען אַוועק אין טיפער אונטערערד.

אף דער סאַדאָווער גאַס, פרעסנדיק מיט די אויגן די אַנטקעגנקומענדיקע יונגע פרויען, דרייען זיך אַרום ווײַסגוואַרדייִשע אָפיצערן, רײַכע לײַדיקגייער.

אָט שפּאַנט אַ יונגע פריצע. זי קוקט שטאָלץ אַרויס פון אונטער דער וואַל. אירע האָר זײַנען פאַרדרייט אין אַן איבעראַשנדיק מאָדערנער פריזור. אין דער האַנט — אַ טײַער סאַקוואָיאַזשל.

אַלע מאַנצבלען, אַפילע די שפּיקן, וועלכע נישטערן אינעם האַמוין, קוקן אף איר מיט דערכעכרעץ. גיי ווייס, אַז אָט די כיינעוודיקע יונגע פרוי — דאָס איז אַן אַקטיווע אונטערערדלערן, די באָלשעוויטשקע עטל באַרקאַ, וועלכע די זשאַנדאַרמען זוכן טאָג און נאַכט. אין איר פראַנצויזיש סאַקוואָיאַזשל געפינען זיך קאָמוניסטישע אויפרופן און פּראָקלאַמאַציעס.

וועגן די באָלשעוויקעס האָט עטל דאָס ערשטע מאָל דערהערט אין איר געבורטס־שטאָט,

אין בערדיטשעוו, אף איינער פון די אַרבעטער־מאַיאָוקעס. אין יענער צײַט האָט זי זיך געלערנט אין די עלטערע קלאַסן פון דער קאָמערץ־שול. זי וואָלט געקענט פאַרענדיקן די שול מיט א גאָלדענער מעדאַל, אָבער נאָך איינער א מאַיאָוקע איז זי אַרײַנגעטראָגן געוואָרן אין א שוואַרץ צעטל, און מע האָט זי אויסגעשלאָסן פון דער שול.

אין 1915 פאָרט די פאַמיליע באַרקאָ אַריבער קיין ראָסטאָוו. אין א יאָר ארום קומט עטל אָן אַפן פאַקולטעט פון נאַטורוויסנשאַפט פונעם ראָסטאָווער אוניווערסיטעט. איינצײַטיק פאַרבינדט זי זיך דאָרט מיט דער אונטערערדישער באָלשעוויסטישער אָרגאַניזאַציע און ווערט אינגיכן איינע פון אירע אַקטיווע מיטגלידער.

עטל פירט רעוואָליוציאָנערע פּראָפּאַגאַנדע צווישן די סטודענטן. בײַסן בירגערקריג קעמפט זי מיט געווער אין די הענט. צוזאַמען מיטן ראָסטאָווער באָלשעוויסטישן אַקטיוו גרייט זי דעם ערשטן ראַטן־צוזאַמענפאָר פון דער דאָנער רעפּובליק.

אין מײַ 1918, ווען די דײַטשן און די ווײַסגוואַרדייער האָבן ווידער פאַרכאַפּט ראָסטאָוו, גייט עטל אַפּסנײַ אוועק אין אונטערערד. אונטער איר פּאַרטייִשן פּסעוודאָנים „ליאַליא" פּילט זי אויס די קאָמפּליצירטע פליכטן פון א ספּעציעלן קוריער, מיטגליד פונעם ראָסטאָוו־נאַכיטשעוואַנער קאָמיטעט, ווו זי איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער אָרגאַניזאַציאָנעל־פּראָפּאַגאַנדיסטישער טעטיקײַט.

זי אַרבעט דרייסט, דערפינדעריש, אומדערמידלעך. אינדערפרי — אין אוניווערסיטעט, און אין אָוונט דערקלײַבט זי זיך צו נאָוואָטשערקאַסק, און דאָרט, אַפן הויפּט־טעלעגראַף, באַקומט זי באַם באָלשעוויק א. נ. בורטיליאָוו ווערטפולע געהיימע ידיעות וועגן די פּלענער פון דער דעניקינישער קאָמאַנדשאַפט. די דאָזיקע ידיעות ווערן דרינגענד צוגעשטעלט קיין ראָסטאָוו, פונוואַנען דער דאָנער קאָמיטעט גיט זיי טייקעף איבער דורך דער פראָנט־ליניע אין סאָוועטן־רוסלאַנד.

אָפּטמאָל, באַזונדערס אין די יאָמטעוודיקע טעג, פלעגט ליאַליא אוועקפאָרן פון ראָסטאָוו, קלוימערשט „צו דער מומען אין בערדיטשעוו", און בלויז א קליינע גרופּע אונטערערדלער האָט געוווּסט, אַז זי וועט זיך אומקערן פון דער נסיעה מיט אינסטרוקציעס פונעם צק פון דער פּאַרטיי, מיט פלוגבלעטלעך און מיט געלט.

ווען די אומשטענדן פאָדערן, ווערט ליאַליא קונציק מעגולגל אין פאַרשיידענע געשטאַלטן. אירע טונקל־קאַשטאַנעווע כוואַליעדיקע האָר ווערן מיטאַמאָל גרוי; איר בייגעוודיקע, שלאַנקע פיגור, אָנגעטאָן אין א קלייד פון א הענדלערן מיט גרינס, ווערט הויקערדיק, קליין, אײַנגעשרומפּן. און ווען עס איז נייטיק, פאַרשטעלט זיך ליאַליא אין אן אויסגעפּוצטער באַלגײַוועניצע, וועלכע האָט זיך „געראַטעוועט פון די באָלשעוויקעס". און דערווײַל, ביז וואָס־ווען, באַווײַזן זיך שוין אף די ווענט פון די הײַזער נײַע פלוגבלעטלעך, עס קומט פאָר אן אופרײַס אף דעם נאָוואָטשערקאַסקער בריק. בײַס אָט דער אָפּעראַציע איז עטל שיר ניט דערהאַרגעט געוואָרן, לעבן איר האָט זיך אופגעריסן א גראַנאַטע.

אַפן צווייטן טאָג, אינדערפרי, זײַנען צו עטלען געקומען ווײַט ניט קיין יונגע „סטודענטן", און זי האָט וועגן עפּעס לאַנג און הייס זיך געסוידעט מיט זיי. דער טאַטע האָט אויסגעזוכט א מעגלעכקײַט און שטילערהייט א פרעג געטאָן, ווער עס זײַנען די מענטשן. עטל האָט מיט צוטרוי געענטפערט:

— גוטע כאַווײרים.

ווען די באַזוכער, איינײנעם מיט עטלען, זײַנען ארויס פון שטוב, האָט דער פאָטער עטוואָס אופגעהויבן דאָס ווײַסע פאַרהענגל, לאַנג נאָכגעקוקט נאָך זײַן טאָכטער, און שטיל געזאָגט:

— גיי, קינד מײַנס, און זײַ מאַצליעך.

די מאַמע איז געשטאַנען דערנעבן און אף א קאָל געיאָמערט:

— בעט, אוראָם, ראַכמים, בעט באַם אייבערשטן...

איר הארץ האָט געפילט א סאַקאָנע — עטל מיט די געסט זײַנען אוועק אין א געפערלעכער שליכעס: פאַרשפּרייטן באָלשעוויסטישע פלוגבלעטלעך צווישן די קאָנטררעוואָליוציאָנערע קאָזאַקן. אין יעדער סאָטניע האָט זיי געדראָאָט אן אַרעסט, אין יעדער קאַזאַרמע האָט מען זיי געקאָנט דערשיסן אַפן אָרט. זיי זײַנען אָבער געווען שרעקלאָז — מיט לײַב און לעבן איבערגעגעבן דער רעוואָליוציע. פריִער האָבן זיי פאַנאַנדערגעטיילט פּראָקלאַמאַציעס אף די ראָסטאָווער פאַבריקן און זאַוואָדן, אויך צווישן דער קאָזאַקישער אַרעמשאַפט. א טייל פון די פלוגבלעטלעך איז דערגאַנגען צו די אַרעסטאַנטן אין דער טפּיסע.

אַדאַנק דער באָלשעוויסטישער פּראָפּאַגאַנדע האָבן א סאַך קאָזאַקישע מיליטער־טיילן געענדערט זייער פײַנטלעכע שטעלונג צו דער ראַטנמאַכט.

דער אָנפירער פונעם ראָסטאָוו־נאַכיטשעוואַנער קאָמיטעט האָט אין זײַן בריוו פון טורמע אף דער פרײַ געשריבן:

„כאַווײרים, איך האָב איבערגעלייענט אייער נײַ פלוגבלעטל... דער אופרוף האָט מיר צוגעגעבן קויעך. איך צווייפל ניט, אַז איר וועט פאָרזעצן די אָנגעהויבענע אַרבעט, אָט אַזוי וועט איר גיין ביזן סאָף, ביזן ענדגילטיקן ניצאָכן. זאָל לעבן די סאָוועטנמאַכט! א גרוס אַלעמען. יעגאָר מורליטשאָוו".

די פּאָליצייִשע שפּיקעס און די ווײַסגוואַרדייִשע קאָנטרראַזוועדקע האָבן געגנישטערט אומעטום, באַמיִענדיק זיך אופדעקן די אונטערערדישע באָלשעוויסטישע אָרגאַניזאַציע. אין מײַ 1919 גייט זיך זיי אײַן אַרעסטירן א טייל אונטערערדלער, צעגראַמירן די דרוקערײַ, ווו עס האָט זיך געדרוקט די צײַטונג „דאָנסקאַיא בעדנאָטאַ".

דעם 21 מײַ 1919, באַנאַכט, האָבן זיך אין אוורהאָם באַרקאָס דירע ארײַנגעריסן זשאַנדאַרמען. זײ האָבן איבערגעקערט אין שטוב אַלץ מיטן קאָפּ אַראָפּ. עטל האָט זיך געהאַלטן רויִק, האַגאַם מוירע האָבן איז געווען פאַר וואָס: אין דער איבערבעט זײַנען געלעגן טעקסטן פון צוויי פלוגבלעטלעך. די זשאַנדאַרמען האָבן צעריסן דאָס בעטגעוואַנט, נאָר גאָרנישט ניט געפונען. עטל האָט ניט פאַרשטאַנען: וווהין זײַנען אַהינגעקומען די פלוגבלעטלעך?

ווען די זשאַנדאַרמען האָבן גענומען אַרויספירן זי פון שטוב, איז די מאַמע צוגעפאַלן צו איר ברוסט, און ערשט דאָ האָט זי פאַרשטאַנען, באַ וועמען די פלוגבלעטלעך געפינען זיך. „גאָטעניו, ווען האָט די מאַמע באַוויזן עס אופטאָן?!". עטלען האָט זיך געוואָלט שרײַען פון גליק, די גאַנצע וועלט זאָל הערן: אַך, מאַמעניו, ליבע און אײנציקע... נאָר געזאָגט האָט זי רויִק און שטיל:

— א דאַנק, טײַערינקע. ס'איז פאָרגעקומען א מיספאַרשטײעניש. כ'בין איבערצײַגט, אַז מאָרגן וועל איך ווידער זײַן מיט אײַך. דו ווייסט דאָך, אַז דײַן טאָכטער איז ניט שולדיק...

דרײַ כאַדאָשים האָט זיך געמאַטערט אין דער טפיסע די יונגע באָלשעוויטשקע, וואַרטנדיק אפן געריכט. אָפט פלעגט מען זי אַרויסרופן אף פאַרהערן. אַלע מאָל האָט זי זיך אומגעקערט א שווײַגנדיקע, אירע צעביסענע ביז בלוט ליפּן, דאָס צעגעריקטע פּאָנעם האָבן אײדעס געזאָגט וועגן די לײדן, וואָס איר איז אויסגעקומען אויסצושטײן.

די אונטערערדלערן מ. נ. ספּירינאַ, וועלכע איז געזעסן אין אײן קאַמערע מיט עטלען און געזען אַלץ מיט די אײגענע אויגן, האָט געשריבן וועגן איר כאַווערטע: „זי האָט קײנמאָל ניט געקרעכצט, זיך ניט געקלאָגט אף ווייטעקן, און קעדײ זיך ווי־ניט־איז אָפּצוענדן, פלעגט זי קעסײדער אַרומגײן איבער דער קאַמערע און לײענען אף א קאָל לידער"...

א צווייטע באָלשעוויטשקע שרײַבט אין אירע דערינערונגען: „אין דער זעלבער קאַמערע האָב איך באַגעגנט דעם מיטגליד פון דער ראָסטאָווער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע ליאָליאַ־באָרקאָ. זי איז געווען א זעלטענער כאַווער — א קלוגע, אופמערקזאַמע, מיטפילנדיקע און פּאָרזיכטיקע. זי איז אומגעקומען דאָרט, אין טורמע"...

אין דער זאַמלונג דאָקומענטן „דער קאַמף פאַר אײַנשטעלן די סאָוועטנמאַכט אפן דאָן. 1917—1920" (דערשינען אין 1957 אין ראָסטאָווער בוך־פאַרלאַג) לײענען מיר:

„נומער 368. באַשטימונג. 1919, 24 מײַ, די געריכט־פאָרשונגס־קאָמיסיע פון דער פרײַוויליקער אַרמײ אין באַשטאַנד: פאָרזיצער — קאָרנעט פּעטראַנסקי, מיטגלידער — פּאָדפּאָרוטשיק אָלכין, פּראַפּאָרשטשיק דמיטריִעוו, פאַנאַנדערקלײַבנדיק זיך אינעם איניַען וועגן דער טעטיקײַט פון דער באָלשעוויסטישער אָרגאַניזאַציע, האָט געפונען, אַז אין האַרבסט, אומגעפער

עטל באָרקאָ

אין אָקטיאַבער — נאָיאַבער 1918, האָט די אַזויגערופענע „דאָנער ביוראָ" פון די באָלשעוויקעס, וועלכע געפינט זיך אין כאַרקאָוו אָדער אין קורסק, אָרגאַניזירט אין ראָסטאָוו־אפן־דאָן א געזעלשאַפט, וואָס האָט געשטעלט פאַר זיך א ציל אַראָפּצוואַרפן די עקזיסטירנדיקע מעלוכע־אָרדענונג אף דעם שטעטל פונעם גרויסן דאָנער מיליטער. די געזעלשאַפט האָט זיך אָנגערופן געגנטלעכער פּאַרטײ־קאָמיטעט פון די אָרטיקע באָלשעוויקעס. זײַן פּרעזידיום איז באַשטאַנען פון מיטגלידער: אַנע, יעלענע, מאַריִע, צוויי סטודענטן — טאָלמאַטשאָוו און קראַמסקאָוו. דער דיקטאַטאָר און הויפּט־פּאַראָרדנער אינעם קאָמיטעט איז געווען די ייִדישקע עטל באָרקאָ. כוץ דעם געגנט־קאָמיטעט, האָבן עקזיסטירט זײַנע פיליִאַלן, וועלכע האָבן זיך אָנגערופן קרײַז־קאָמיטעטן".

זען זיך מיט עטלען איז געווען פאַרבאָטן. אירע עלטערן האָט מען דערקלערט, אַז זייער טאָכטער איז באַגאַנגען „שטאַרקע פאַרברעכנס". אויב זי וועט זיך ניט מוידע זײַן, וועט מען זי צעשיסן. די צאַרישע סאַטראַפּן האָבן אויסגעזוכט אַן „אָריגינעלן" אויפן, וויאַזוי פּאַטער צו ווערן פון עטלען: אַלע וועכטער אף די טורעמס האָבן באַקומען א באַפעל — נאָכשפּירן נאָך די פענצטער פון דער קאַמערע, וווּ זי איז געזעסן, און באַ א באַקוועמער געלעגנהײַט אויסשיסן אין איר. ווער עס וועט דאָס אָפּטאָן, באַקומט א באַלוינונג — 100 רובל, א כוידעש אורלויב און א העכערן צײכן אף די פּאָגאָנעס.

דעם 17 אווגוסט, נאָכן אָוונט־איבערוף, האָט עטל געגעסן וועטשערע באַ אײן טיש מיט אַנדערע אַרעסטאַנטן פון איר קאַמערע. באַ דער שײַן פונעם עלעקטראָ־לעמפּל האָט דער פּאַ־

סטאָוואַי אַפּן טורעם זייער גוט געזען עטלען און האָט אויסגעשאָסן...

אַף מאָרגן האָט מען דעם גוף פֿון דער דער־מאָרדעטער „שוין ניט געפּערלעכער” אַרעס־טאַנטקע איבערגעגעבן די קרויווים אַף ברענגען זי צו קוורע.

צוזאַמען מיט עטלס ברודער, יוינע אַבראַ־מאָוויטש באַרקאַ, שטייען מיר אין צענטראַלן ראָסטאָווער שטאָט־פּאַרק לעבן א סטענד, אַף וועלכן עס זײַנען אויסגעהאַנגען פּאָרטרעטן פֿון די העלדן פֿון דער באָלשעוויסטישער אונטער־ערד אַפּן דאָן אין די יאָרן פֿון בירגערקריג.

— אָט איז די שוועסטער, — זאָגט מײַן באַ־גלייטער.

— עטל איז אומגעקומען, — זעצט ער פֿאָר, — ווען זי איז נאָך ניט אַלט געווען קיין פֿולע 22 יאָר. אין נאָיאַבער כוידעש, ווען מיר וועלן אָפּמערקן דעם 60־טן יאָרטאָג פֿון דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע, וואָלט מײַן שוועסטער אַלט געוואָרן 80.

יוינע אַבראַמאָוויטש איז איצט אַלט 70 יאָר. אין יענע טראַגישע טעג, ווען עס איז אומגעקו־מען עטל, איז ער געווען א צעניאָריק קינד, נאָר ער האָט פֿאַרגעדענקט אַלץ, וואָס ס'איז דאַן געשען. יוינע איז אַן אַלטער קאָמוניסט, באַלוינט פֿאַר באַפֿרײַען קערטש פֿון די דײַ־טשיש־פֿאַשיסטישע אָקופּאַנטן מיטן אָרדען פֿון דער רויטער שלאַכט־פֿאָן. עס זײַנען פֿאַראַן בא אים נאָך אָרדענס און מעדאַלן, נאָר רעדן וועגן זיך זאָגט ער זיך אָפּ. ער לייגט פֿאַר באַזוכן דעם בעסוילעם, וווּ מע האָט מעקאַבער געווען עט־לען און וווּ עס זײַנען געבראַכט געוואָרן צו אייביקער רו אויך אַנדערע העלדן פֿון דער רע־וואָליוציע, פֿונעם בירגערקריג און פֿון דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע.

ווען אין ראָסטאָוו־אַפֿן־דאָן האָט זיך ענדגיל־טיק אײַנגעשטעלט די סאָוועטנמאַכט, האָט מען אַף עטלס קייווער אופֿגעשטעלט א מאַציווע מיט אַן אויפֿשריפֿט:

„דאָ איז געבראַכט צו קוורע א טוער פֿון דער העלדישער באָלשעוויסטישער אונטער־ערד פֿונעם 1918, דער פֿאַראַנטוואָרטלעכער קו־ריער פֿונעם ראָסטאָוו־נאַכיטשעוואַנער קאָמי־טעט רקפּ(ב) עטל באַרקאַ, וועלכע די ווײַס־גוואַרדייער האָבן דערהאַרגעט דעם 17 אווגוסט אין דער ראָסטאָווער טורמע אין עלטער פֿון 22 יאָר. אייביקער אָנדענק און אייביקע ערע דער איבערגעגעבענער טאָכטער פֿונעם אַרבעטער־קלאַס, דער יונגער באָלשעוויטשקע, וועלכע האָט שרעקלאָז אָפּגעגעבן איר לעבן פֿאַרן סאָציאַ־ליזם”.

די אידעאַלן, פֿאַר וועלכע עטל און אירע כאַווײרים האָבן געקעמפֿט, זײַנען פֿאַרווירק־לעכט געוואָרן.

ניט לאַנג צוריק האָט דער ערשטער סעק־רעטאַר פֿונעם ראָסטאָווער געגנטלעכן פּאַרטיי־קאָמיטעט, מיטגליד פֿון צענטראַל־קאָמיטעט פֿון קפּסס א. א. באָנדאַרענקאָ געשריבן אין דער געגנטלעכער צײַטונג „מאָלאָט”: „די יוגנט פֿון אונדזערע טעג היט אָפּ דעם אָנדענק פֿון דער העלדיש אומגעקומענער אין קאַמף מיט די ווײַסגוואַרדייער סטודענטקע פֿונעם ראָסטאָווער אוניווערסיטעט עטל באַרקאַ”.

איינע פֿון די שענסטע גאַסן אין ראָסטאָוו טראָגט דעם נאָמען פֿון עטל באַרקאַ.

אַרקאַדי קיסין

פּעטראָפּאַוולאָווסק־קאַמטשאַטסקי

די שענסטע טרוימען

איר טאַטע, א פֿאַרגעשריטענער מענטש, האָט ניט געקאַרגט קיין קויכעס, אַז פֿיי־געלע, זײַן מיזינקע, זאָל באַקומען בילדונג. און זי אַליין איז אויך קיין לײדיקגייער ניט געווען — פֿלײַסיק זיך געלערנט: געענדיקט די גימנאַזיע אַף אויסגעצייכנט.

צו יענער צײַט האָט די אָקטיאַבער־רעוואָ־ליוציע שוין אָפּגעשאַפֿן די צאַרישע געזעצן — ייִדישע קינדער זײַנען געוואָרן מיט אַלעמען גלײַך, געקאָנט אָנקומען אין א באַליביקער הויכשול.

פֿאַניע ווײַלט אויס לענינגראַד. זי גרייט זיך ווערן א לערערן.

דאָס מאָל אָבער איז איר אויסגעקומען ניט לאַנג צו שטודירן. נאַדיעזשדאַ קאָנסטאַנטינאָוו־נאַ קרופּסקאַיאַ ווענדעט זיך צו דער יונגער סאָ־וועטישער אינטעליגענץ מיט א רוף, זי זאָל העלפֿן ליקווידירן די אַנאַלפֿאַבעטישקײַט — די ירושע פֿון דער צאַרישער מאַכט, און פֿאַ־ניע, וועלכע איז, אַגעוו, געווען פּערזענלעך באַ־קאַנט מיט נאַדיעזשדאַ קאָנסטאַנטינאָוונען, האָט אַרײַנגעטראָגן א מעלדונג אין פֿאָלקאָמבילד,

מע זאָל זי שיקן אַף אַרבעט אין א פאַרוואָרפן ווינקל. און אָט איז זי געקומען אין לוגער וואָלאָסט פונעם דעמלטיקן צאָפנדיקן קאַנט.

נאַטורקענטעניש איז געוואָרן איר באַליבטער געביט, דעריבער איז איר ווײַטערדיקער לעבנס־וועג אינגאַנצן פאַרבונדן מיט ביִאָלאָגיע.

טאַקע אַפן ביִאָלאָגישן פאַקולטעט פונעם אינסטיטוט, אין וועלכן זי איז, זײַענדיק שוין א לערערן, אָנגעקומען, באַגעגנט זי זאַנוול קראָכינען — אויך א טרוימער און ראָמאַנטיקער, א ליבהאָבער פון דער נאַטור. ביידע זײַנען זיי אַרײַנגעטאָן אין דער לער, צוזאַמען באַהעפטן זיי זיך צו דער מעטאָדיק פון וויסנשאַפטלעכע נאַטור־פאָרשונגען.

דעם אינסטיטוט פאַרענדיקן זיי איינצײַטיק, פראַוען אַן אָרעמע, אָבער א פריילעכע קאָמיוגישע כאַסענע און לאָזן זיך אַוועק אין א ווײַטן וועג — אַף קאַמטשאַטקע. דעם פּאָרפאָלק האָט מאַמעש אָפּגעגליקט: אָנגעהויבן זייער פאַמיליען־לעבן מיט אַזאַ פּרעכטיקער כאַסענע־רײַזע פון מײַרעוו ביז מיזרעך, דורך דעם גאַנצן לאַנד.

און אָט איז פּעטראָפּאַוולאָווסק־קאַמטשאַטסקי. 1932. דער פיליִאַל פונעם שטילאָקעאַנישן פיש־ווירטשאַפטלעכן אינסטיטוט האָט אויפגענומען די יונגע געלערנטע באַשיידן, געגעבן זיי א קליין הילצערן שטיבל, קיין בעסערע וווינונגען זײַנען דעמלט ניט געווען. נאָר ס׳מאַכט ניט אויס — דערפאַר איז גרויס דער יאַם, און אַרבעט איז אויך פאַראַן איבערגענוג.

אין יענע יאָרן האָט אַפן האַלב־אינדזל זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען די פיש־אינדוסטריע אַף וויסנשאַפטלעכע יעסוידעס.

די ערשטע אויפגאַבע, וועלכע די יונגע געלערנטע האָבן געדאַרפט לייזן, איז געווען: אויסאַרבעטן א מעטאָדיק, וועלכע זאָל העלפן אַלע מאָל פעסטשטעלן די גרייס פונעם פּראָדוציר־טאַבון פון פאַרשיידענע מינים פיש, און דעריקער פון לאָסאָס־פיש. מע טאָר ניט איבערכאַפּן די מאָס פון פישפאַנג, אַנדערש דראָעט א סאַקאָנע, אַז די דאָזיקע מינים, צווישן זיי די לאָסאָסן, וועלן אויסגעראָטן ווערן.

אַלע מינים פון דער לאָסאָסישער גרופּע פיש — די טשאַוויטשע, קעטאַ, גאָרבושע, נערקע, דער קיזשוטש, און, פאַרשטייט זיך, די לאָסאָסן אַליין ווערן געבוירן אין די צאָפנדיקע טײַכן און אָזערעס. ווען זיי וואַקסן אונטער און ווערן זעלבשטענדיק, קלײַבן זיי זיך איבער אין אָקעאַן. ערשט אין צוויי אָדער דרײַ יאָר אַרום קערן זיי זיך אום צוריק — אומבאַדינגט צו זייערע געבורטס־ערטער, קעדיי אָפּלייגן רויג אַף אויסצופירן א נײַעם דאָר. פאַניע קראָגיוס און זאַנוול קראָכין האָבן געדאַרפט אויך אויסזוכן א מעגלעכקײַט פאָרויסצוזען די צײַט, ווען די פיש וועלן גיין אָפּלייגן זייער רויג.

די ערשטע עקספּעדיציע האָבן פ. קראָגיוס און ז. קראָכין פאַרגענומען אַפן מײַרעוודיקן יאַם־ברעג פון קאַמטשאַטקע. רײַטנדיק אַף

פאַיִנע קראָגיוס

פערד, שווימענדיק אין שיפלעך און טיילמאָל גייענדיק צופוס, האָבן זיי דורכגעמאַכט הונדערטער קילאָמעטער אין דער טונדרע און אין טײַגע, אויסגעפאָרשט פיל געבורטס־ערטער פון פיש אין גרויסע און קליינע טײַכן. אַלע זייערע באַאָבאַכטונגען האָבן די געלערנטע פאַרנאָטירט. פאַר א האַלבן יאָרצענדליק האָבן זיי צונויפגעזאַמלט א היפּשן מאַטעריאַל וועגן דעם לעבן פון די לאָסאָסן, זיך באַקאַנט מיט זייער אויפפירונג אין די קאַמטשאַטקער וואַסערן, אָנגעקליבן א סאַך איינצלהײַטן. זיי זײַנען געקומען צום אויספיר, אַז די ווײַטערדיקע פאָרשונגען מוז מען דורכפירן אַף א קאָמפּלעקסן אויפן. דערלערנען דאָס לעבן פון די פיש דאַרף מען א קײַלעכדיק יאָר, רעגולער, אָן איבערײַסן.

אָבער פאַרווירקלעכן די דאָזיקע אידיי איז געווען ניט פּאַשעט. דאָס האָט, פריִער פאַר אַלץ, געפאָדערט צוגאָב־הויצאָעס. די קאַמטשאַטקער אַדמיניסטראַציע האָט ניט געוואָלט אָדער איז ניט געווען בעקויעך צו פינאַנסירן פאַניעס און זאַנוולס ביִאָלאָגישע פּרוּוון. דעריבער האָבן די אומרויִקע איכטיִאָלאָגן גענומען אורלויב — פאַר גאַנצע דרײַ יאָר אַרבעט — און זײַנען אַוועקגעפאָרן קיין מאָסקווע. דאָרט, אין דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע, האָבן די קאַמטשאַטקער ענטוזיִאַסטן באַוויזן די רעזולטאַטן פון זייערע פאָרשונגען, דערציילט וועגן די ווײַטערדיקע פּלענער און זיך טאַקע דערשלאָגן זייערס: אין 1937 איז געגרינדעט געוואָרן די ערשטע בא אונדז אין לאַנד וויסנשאַפטלעך־פאָרשערישע לאַבאָראַטאָריע פון דער פישפאַנג־אינדוסטריע, פאַר וועלכער מע האָט צוגעקליבן א פּאַסיק אָרט — א וואַסער־באַסיין, וואָס געפינט זיך עטלעכע צענדליק קילאָמעטער פון פּעטראָפּאַוולאָווסק, די אָזערע דאַלני. אַפן טײַך, וועלכער

פליסט ארויס פון דער אָזערע, האָט מען אויס־געבויט א טורעם מיט פאַסטקעס, פונוואַנען עס איז באַקוועם צו ציילן די פיש, וואָס גייען אַהער אריין אָפּלייגן דעם רויג.

זומער פלעגן די געלערנטע וווינען אין ברע־זענטענע פּאַלאַטקעס, ווינטער — אין א באַראַק פון גראָבע ברעווענעס, וועלכער פלעגט בייס א פּורגאַ פאַרשאָטן ווערן מיט שניי ביז איבערן דאַך. צומאָל, ווען עס האָבן געבושעוועט די בייזע זאַווערוכעס, פלעגט אויסקומען צוויי מאָל אין טאָג ראַטעווען די איכטיאָלאָגן פון דער שניי־געפאַנגענשאַפט. קיין וועג צו דער אָזערע דאַלני איז ניט געווען, אַלע בוי־מאַטעריאַלן, פּראָדוקטן, מאַכשירים, ביכער, פּאַפּיר, אויס־שטאַטונג פאַר דער לאַבאָראַטאָריע — אַלץ האָט מען געבראַכט צו פירן ווינטער אף א הינט־געשפּאַן.

קײַלעכדיקע מעסלעסן, זומער און ווינטער, פרילינג און האַרבסט האָבן זיי געאַרבעט אָן איבעררײַסן, זעלטן ווען פלעגט אין דער לאַבאָ־ראַטאָריע פאַרלאָשן ווערן דאָס קעראָסין־לעמפּל. די צונויפגעזאַמלטע יעדיעס האָט מען געדאַרפט פאַרפיקסירן, אַריבערפירן אף דער שפּראַך פון דיאַגראַמעס, מאַכן צייכענונגען, פאַרשרײַבן באַאָבאַכטונגען, וועלכע עס פלעגט אַנטפּלעקן די אונטערוואַסער־וועלט. די איכטיאָ־לאָגן האָבן אײַנצײַטיק גענוי דערלערנט די סוויווע, אין וועלכער עס לעבן די הויכסאָרטיקע רויטע פיש.

אַרבעטן איז, פאַרשטייט זיך, געווען שווער, אָבער די רעזולטאַטן פון אָט דער מי זײַנען געווען פּאָזיטיווע. שוין אין די ערשטע נאָכמיל־כאָמע־יאָרן האָבן די געלערנטע פעסטגעשטעלט פאַר דער פיש־ווירטשאַפט פּינקטלעכע פּראָג־נאָזן פונעם פישפאַנג אף פיל יאָרן פאָרויס. לויט די יעדיעס, וועלכע זיי האָבן פאַרעפנט־לעכט, האָבן די ווירטשאַפטלער פאַרפּינקט־לעכט, וויפל מענטשן און אַפילע וויפל זאַלץ מע דאַרף האָבן צוליבן פישפאַנג פאַר יעדן פיש־קאָמבינאַט פון דער געגנט, וועלכע און וויפל וועט מען דאַרפן האָבן פיש־נעצן.

פ. קראָגיוס און ז. קראָכין האָבן פיל אויפ־געטאָן אף צו געפינען די מעטאָדן, וועלכע זאָלן העלפן אופשטעלן די רעזערוון פון די לאָסאָס־פיש. אַדאַנק זייערע פאָרשונגען האָבן זיך אַנ־דערע געלערנטע אָנגעהויבן פאַנאַנדערקלײַבן אין די צווישנבאַציִונגען פון פאַרשיידענע מי־נים פיש.

אין 1969 איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן א בוך „די בעשוטפעסדיקע עקזיסטענץ פון פּעלאַגישע פיש אין דער אָזערע דאַלני (א פּרווו פון קי־בערנעטישער מאָדעלירונג)". דער טרוים פון די געלערנטע צו אופשטעלן א לעבעדיק בילד פון די פּילאַרטיקע פאַרבינדונגען צווישן די פיש פון דער אָזערע דאַלני איז מעקוים געוואָרן.

דער מאַטעריאַל, וועלכער איז פאַראַלגעמיי־נערט אינעם בוך, איז בעפּיירעש א וויסנשאַפט־לעכער אופטו. זײַן ווערטפולקייט באַשטייט קוי־דעמקאָל אין דעם, וואָס עס איז מעגלעך גע־וואָרן ראַציאָנעל צו נוצן די פיש־אויצרעס בי־כלאַל, און ביפּראַט יענע, וועלכע עס פאַרמאָגן די אָזערע דאַלני און אַנדערע אַזעלכע וואַסער־באַסיינען. דער בוך העלפט שפּאָרעוודיק אָר־גאַניזירן דעם פישפאַנג, פירן אים באַלעבאַטיש, אַזוי, אַז עס זאָלן ניט אויסגעשעפּט ווערן די פיש־רעזערוון, ס'זאָל ניט פאַרדאַרבן ווערן דער יונגוואַרג־צוווּקס, די פּראָדוציר־סטאַדע פונעם לאָסאָס זאָל שטענדיק זײַן א רײַכע. און ניט נאָר פון דעם לאָסאָס. ווײַל די קיבערנעטישע מאָדע־לירונג, אַלס מעטאָד אין דער איכטיאָלאָגיע, איז אַן אוניווערסאַלע. מע קאָן, מע דאַרף און מע וועט זי אויסנוצן אומעטום, ווו עס זײַנען פאַראַן וואַסער־באַסיינען, אין וועלכע עס לעבן און מערן זיך פיש.

די לאַורעאַטן פון דער מעלוכע־פּרעמיע פ. קראָגיוס און ז. קראָכין האָבן אויסגעפילט א וויכטיקע אַרבעט, זייער בוך פאַרמאָגט א פּראַק־טישע באַדײַטונג ניט נאָר פאַר קאַמטשאַטקע, נאָר פאַרן גאַנצן לאַנד. די איכטיאָלאָגישע וויסנ־שאַפט האָט באַקומען א מעגלעכקײַט מיט דער־פאָלג זיך אַנטוויקלען אין א נײַער ריכטונג. און דאָ זײַנען די פאַרדינסטן פון פאַינע וולאַדימי־ראָוונע קראָגיוס אומשטרײַטבאַר.

אין אָט דער פרוי האָבן זיך גליקלעך באַ־העפט די אייגנשאַפטן פון א געלערנטן און פון א האָרעפּאַשניק. דאָס גאַנצע לעבן — טאָג־אײַן, טאָג־אויס, אָן אופהער — איז זי פאַרטאָן אין דער אַרבעט, ערלעך, מיט אַלע קויכעס איבערגעגעבן דעם באַרוף.

איצט גרייט פאַינע וולאַדימיראָוונע קראָגיוס צום דרוק א צווייבענדיק בוך — א מאָנאָגראַ־פיע, וואָס פירט אונטער דעם סאַכאַקל פון אַלע באַאָבאַכטונגען און עקספּערימענטן, וועלכע די לאַבאָראַטאָריע אף דער אָזערע דאַלני האָט דורכגעמאַכט פאַר פערציק יאָר. דאָס וועט זײַן דער הויפּט־בוך פון איר לעבן. לײַדער קומט איר אויס צו שרײַבן די מאָנאָגראַפיע אַליין, אָן זאַנוולען — ער איז פאַראיאָרן געשטאָרבן. אָן דעם מאַן, אָן קראָכינען, איז א סך שווערער צו לעבן, שווערער ווערט די אַרבעט, אָבער דעם מוט פאַרלירט זי ניט. זי איז טעטיק, זעצט פאָר אירע פאָרשונגען, קאָנסולטירט אַספּיראַנטן...

אָט זיצט זי אַנטקעגן מיר באַם שרײַבטיש — א באַיאָרטע, מילדע פרוי. וואָס וואָלט געווען מיט איר, ווען ניט די אָקטיאַבער־רעוואָלוציע?



פאַרצייכענונגען, רעוויזיעס וועגן דעם דורכגעמאַכטן וועג

אַף די שפּורן פון דער צײַט

איצט קלינגען שוין איבער אלע לענגען און ברייטן פון דער וועלט די שטאָלצע ניצאָכנדיקע ווערטער: **נײַע היסטאָרישע אייניקײַט פון מענטשן — סאָוועטיש פאָלק.**

די גרויסע היסטאָרישע מאגיסטראל, אַף וועלכער מיר זײַנען געגאנגען צו אָט דעם ציל, האָט שטענדיק צוגעצויגן די אופמערקזאמקײַט פון דער ליטעראטור, וועלכע האָט באוויזן די באזונדערע עטאַפּן פונעם וועג, אָנהייבנדיק פון די ערשטע נאָכאָקטיאבער־יאָרן, ווען רוסלאנד איז ארויסגעגאנגען פונעם כוישעך און גע־לייגט די ערשטע שטיינער אינעם ליכטיקן געבײַ פון סאָציאַליזם. דאָס גאנצע לעבן פון אונדזער לאנד איז פון דעמלט אָן דורכגעדרונגען מיט די שעפערישע אידייען פון בויונג און באנײַונג. מיט אָט די נאָבעלע אידייען זײַנען ארויס אַף דער היסטאָרישער ארענע קאָלאָסאל גרויסע מאסן ארבעטנדיקע מענטשן, צווישן זיי — די ייִדן, געוועזענע טכום־אײַנוווינער.

די סאָוועטישע ייִדישע ליטעראטור האָט פילבאר פארצייכנט די אלע אימ־פולסן פון דער סאָציאַלער, פּאָליטישער, קולטורעלער, זיטלעכער אופוואכונג פו־נעם פאָלקסמענטש. ווען עס זאָלן צונויפגענומען ווערן אין איין אָרט די צײַט־שילדערנדיקע ווערק פון דער ערשטער סאָוועטישער קאָהאָרטע ייִדישע שרײַ־בער, וואָלט דאָס געווען א מין טאָגבוך פון די פּראָצעסן אַף צו איבערשטאלטיקן דאָס לאנד און דעם מענטשן.

אונדזערע נאָבעלע צילן האָבן די ווערט, מע זאָל וועגן זיי ריידן מיט די סאמע דערהויבענע ווערטער. און, בעעמעס, די שענסטע געזאנגען שענקען מיר דעם סאָציאַליסטישן היימלאנד, וואָס האָט אונדז אלעמען פאראייניקט און אָן וועלכן יעדערער פון אונדז וואָלט פארלאָרן זײַן לעבנס־קויעך. די ליטעראטור זאָגט איר דערהויבן וואָרט וועגן די גרויסע אופטוען פון אונדזערע מיטצײַטלער, די קעמפער פונעם לענינישן גײַסט, די אומדערמידלעכע האָרעפּאשניקעס, די זיגער אין דער פארמעסטונג צווישן דער נײַער וועלט און דער אלטער.

א קורצער „טאָגבוך" פונעם דורכגעגאנגענעם וועג ווערט דאָ ווײַטער גע־געבן לויט א רײ דאָקומענטאלע קינסטלערישע ווערק פון ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער — פאָרגייער פון דעם איצטיקן שעפערישן דאָר.

דער ניסטער

לענינגראד

נאָך דעם, ווי איר האָט זיך פיל אָנגעזען מיט די לענינגראַדער אויסטערלישקייטן, מיט די מוזייומס, פּאַלאַצן, שלעסער, פּלעצער, גאַסן, קלויסטערס, בריקן פון אליין דער שטאָט און אויך פון איר אַרום און געגנט, פון צאַרסקאָיע (הײַנט דעטסקאָיע) סעלאָ, פּעטערהאָף, אאַוו., נאָך דעם, ווי איר האָט זיך אָנגעקוקט מיט אַלע אויצרעס פון יענע שלעסער, צונויפגעזאַמלט פאַר אַזויפיל יאָרן פון פרעמדע לענדער און אויך פון אייגענעם לאַנד, די אָנגעפּולטע מיט זיי צימערן, זאַלן־אַנפילאַדעס, איינס שענער פונעם אַנדערן, איינס רײַכער און צו באַוווּנדערנדיקן פון אַנדערן, מיט די אַזויפיל מעבלען, בילדער, גאָבעלענען, מאָזאַישע פּאָלן, פּלאַפאָנען, כפייצים פון פאַרשיידענע קונסט־ און שמוק־זאַכן געשניצט, געקלעפּט, געמאָלט, אינקרוסטירט אאַוו. — דערפילט איר זיך ווי געענגט מיטאַמאָל; איר דערפילט, גלײַך איר האָט לאַנג ווי אין עפּעס א פּאַנאָפּטיקום אַרומגעשפּאַצירט. איר ווילט מיטאַמאָל א פרײַען, לעבעדיקן אָטעם טאָן, און דעם עמעסן, טאַקע ווירקלעכן, ניט נאָר געוועזענעם, לענינגראַד צו זען.

ס'איז אײַך דעמלט א פאַרגעניגן איבער דעם מיט מענטשן־ווימלענדיקע גאַסן אומגיין, אַף אונדזער אַרבעטער־ און אַזוי־אוילעם קוקן, דעם ווײַט ניט־יאָמטעוודיקן אָנגעטאָנענעם, דעם גאָרנישט מוזייומדיק־אויסגעפּוצטן, דעם, בא וועמען לוקסוס איז בא הײַנטיקן טאָג אפילע אין לעקסיקאָן ניטאָ: קיין צײַט דערויף, און ניטאָ פון דעם צו טראַכטן...

ס'איז אײַך א פאַרגעניגן, ווי מיר איז א פאַרגעניגן געוועזן צו שטיין אַמאָל אין פענצטער פונעם האָטעל, אַרויסצוקוקן, זען פאַר זיך אָט דעם אופשטאַנד־פּלאַץ, לעמאָשל, מיט דעם אָקטיאַבער־וואָקזאַל אַנטקעגן.

צען נומערן טראַמווײַען גייען דורך דעם פּלאַץ דורך, פינף גאַסן קרייצן אים איבער. יעדע גאַס און טראַמווײַ־נומער ברענגט, פירט צו און אָפּ מענטשן־מענגעס פון וואָקזאַל און צום וואָקזאַל.

דער וואָקזאַל אליין — א שטענדיקער אומרו: טאָג ווי נאַכט שיט ער אויס און שלינגט אײַן פון ווײַט־אָנגעקומענע און נאָענט, אין דער געגנט ווינענדיקע, פּאַסאַזשירן.

אָט זעט איר: פּויערים, אַרבעטער, מענטשן מיט מעלאָכעס און פון געווערבן און מענטשן אָן שום מעלאָכעס — אין גרופּעס, אין אַרטעלן; אייניקע מיטן אַלט־געוווינטן געווערב־געצײַג, און אַנדערע — אָן, קומען אָן, פאָרן אָפּ פון לענינגראַד, קיין לענינגראַד פון ניזשני, פּסקאָוו, פון וואָלאָגדע און פון דער ווײַטער אוקראַינע.

גרופעס האלטן זיך צוזאמען מיט פעק און מיט קלומקעס. יעדע גרופע מיט איר אָרטשאפט־דיאלעקט, מיט איר לאָשן און אָנפירער, מיט איר פון דער שטאָט איבעראשט זײַן, און מיט איר אין־טומל־פארלוירנקײַט.

איר קוקט און זאָגט זיך: זע, ווען איז רוסלאנד, די ערשט ניט לאנג אף אָקסן נאָך זיך שלעפנדיקע, אזויפיל אף באנען געפאָרן, ווען איז אזא פעלקער־איבערוואנדערונג, פון קאנט צו קאנט, פון געגנט צו געגנט און פון איין עק צום אנדערן, פאָרגעקומען, ווען אזא און אזויפיל ווי איצט?

ס'א געמיש: שטעט און בויונג פאָדערן, און דאָרף, שטעטל שטעלט צו, און קיינע איבעריקע הענט זײַנען ניט איבעריק, און ווער הענט און פיס ס'האָט, איז דאָס גאנצע גרויסע לאנד זײַן פלאץ. און איר פילט, איר הערט, הערט בעכוש און מאמעש, ווי א גרויסער פאָלק־גאָרגל, א הויכריידער שרײַט און רײַסט זיך: נאָך, נאָך און ווידער און נאָכאמאָל: נאָך.

און אָט זעט איר צווישן אוילעם, וואָס פון אָקטיאבער־וואָקזאל שיט זיך, א גרופע זיך אויסטיילן: ציגײַנער, מאנצבלען אין רעקלעך, העמדער איבער הויזן, אין זשילעטן און שטיוול. הויכע, שלאנקע, מיט שווארצע בערד און אָן בערד, מיט פײַערדיקן ציגײַנער־לאָשן, און ווײַבער מיט קליידלעך בא די פארטעכער פארשטעקט, מיט קינדער אף די הענט; קינדער פאר זיי און הינטער זיי נאָכלויפנדיקע.

אויך אָט די גרופע, זאָגט איר זיך, אהער, אפן רוף פון פאָלק־גאָרגל, אפן רוף פון הויכריידער, אין שטאָט געקומען. און איר פילט, זעט, זעט בעכוש און מאמעש און קאָנט גיין שווערן, אז שוין ניט אף ציגײַנערן, שוין ניט אף קאפצאָנישן, טאבאָר־שמאטעדיקן וואנדערן, נאָר אף ארבעט, אף צו דער גרויסער בויער־מאסע צושטיין, אף שאפן און אליין אין גרויסן קאָך איבערגעשאפן צו ווערן.

און אָט א פאָר אונדז גוט־באקאנטע: א ייִדישער מעלאמעד, דאכט, פון א ווײַסרוסישער פראווינץ, האָט זיך אהער, מיט א קינד, א ייִנגעלע פון א יאָר אכט־נײַן, פון וואָקזאל אראָפגעלאָזט. דער טאטע אין א מעלאמדיש לאנג־קאפּאָטע־זעקל צעשפיליעט. דאָס קינד, אין א טובעטייקע, האלט ער פארן הענטל, האָט מוירע פאר די אָנגעקומענע טראמוויײַען, מוירע פאר די אוועקגייענדיקע, מוירע פאר פאָרויס און צוריקגיין, מוירע פאר זיך, פארן קינד און מוירע פאר דער מוירע.

און אויך פאר אָט די פארשוינען, זעט איר, ווערט זיך דאָ ארבעט און אן אָרט געפינען.

און אָט איז א מאָנגאָל: אָן געלט, אָן לאָשן און שטייט מיטן צימרינג־קאָליר־פאָנעם און מיט די צוויי הויכבערגלדיקע קנאָכן־באקן פארלוירן. און כאָטש מע זעט זײַן, דעם מאָנגאָלס, לאגע איצט ניט איבעריק און ניט גלענצנדיק, דאָך אָבער לאכן זײַנע אויגן, ווײַל, נישקאָשע, אויך ער האָט אן אדרעס: די שטאָט, די מאכט און די ארבעט.

און אזוי איבעראל, אזוי טאָג נאָך טאָג — צוגן פירן אָפ, צוגן ברענגען, מער צו, ווי אָפ, און די שטאָט וואקסט, ווערט פון טאָג צו טאָג אלץ אָנגעפולטער, גרעסער.

און אָט האָט איר די צאָל פון דער ארבעטער־באפעלקערונג דאָ פאר דער מילכאָמע, דאן בײַס דער רעוואָליוציע — איבער דעם הונגער, אינטערווענץ און בלאָקאדע — איז אראָפ, צוריקגעגאנגען און אײַנגעשרומפן, און איצט וואקסט ווידער, שטײַגט און האלט אין איין וואקסן.

ס'איז אײַך א פארגעניגן, זאָג איך, נאָכאמאָל צו שטיין און צו קוקן אף דער גרויסער איבערוואנדערונג אין שטאָט, וואָס ניט קוקנדיק אף די אומגעהײַערע וועג־ און שטייגער־שווריקײַטן, וואָס איז מיט דער איבערוואנדערונג פארבונדן, און וואָס די איבערוואנדערער האָבן צו לײַדן און אויסצושטיין פון זיי, דאָך פילט איר, אז ווי א דערפרישנדיקער און א שטיק געשיכטלעכער בראָכע־רעגן איז זי געקומען — מענטשן צו אנדערע, העכערע פראָפעסיעס ארופצוהייבן, מענטשן פון אורזיידישע פרימיטיווע פראָדוציר־געוווינשאפטן, — צו העכט טעכנישן, פארפולקומטן און קאָמפּליצירטן מאשינען־ווערק צו רופן; סאָכע־לײַט — צו גרויס־אינדוסטריעלן פראָלעטאריאט, מענטשן, צו מיט שטרוי־געדעקטע שטיבלעך געוווינט — צו גרויס־זאוואָדישע קאָרפוסן און אײַנריכטונגען. און צוזאמען מיט דער נײַער ארבעט, פילט איר, קומט אויך דער נײַער באוווסטזײַן — אויס מיטן יעכידישן, קליין־אייגנטימערישן, מיט שטיבל און פעלדל און דאָרפישער באגרענעצטקײַט! פון הײַנט אָן א ברודער צו א קלאס און בירגער־לעך מיט א גאנץ גייענדיקן און שאפנדיק לאנד געקניפּט און געבונדן — אף קאמף פארן לאנד, קאמף פארן קלאס און צו זייערעביידנס שווריקײַטן אן אקסל אונטערצושטעלן.

און ניט נאָר דאָס זעט איר, דורכן פענצטער דאָרט ארויסקוקנדיק. נאָר אָפט אין די פאר־נאכטן, ווען די געוויסע ווײַסע נעכט־בלאסקײַט, וועלכע נאָר אף א ווײַטן יאם, אָדער אף א ווײַט פעלד צו זען אמאָל, פילט די לופט אָן, און רופט, ווי אי אף רו, אי אף וואכן, און דער

גרויסער ציפערבלאַט אפן וואָקזאַלישן טורעם־זײגער, וואָס איז פון גאַנצן ארום דער אײנציקער נאָר עלעקטריש באַלויכטן, באַווײַזט שוין האַלב צען, האַלב עלף, האַלב צוועלף, און דאָס אָף רו־ און אָף־וואַך־רופנדיקע בלאַסקײַט שטײט נאָך אלץ אין אײן מאָס, ניט העלער און ניט טונקלער ווערנדיקער, און די באַוועגונג באַם וואָקזאַל, דער פאַרקער אפן אופשטאַנד־פּלאַץ און אָף די גאַסן, וואָס קרײצן אים איבער מיט טראַמוויַען, דראָזשקעס און אווטאָמאָבילן, ווערט אלץ ניט קלענער, א קלײן ביסעלע, נאָר געדעמפּטער, — אָט דעמלט פלעג איך זיך מיט מײַן האָטעל־מיטווינער אפן שוועל־פענצטער זיצן טרעפן, אין דרויסן ארויסקוקן, און אָף דער גרויסער מאַסע, וואָס אנטקעגן אונדז, באַם וואָקזאַל, אפן אופשטאַנד־פּלאַץ און אָף די טראָטואַרן ווימלענדיקער, קוקנדיק — פאַרן טאָג און פאַרן לאַנד דעם לאַנדס א טאָג־באַלאַנס מאַכן: וויפל האָט הײַנטיקן טאָג אָט די מאַסע אַרײַנגעבראַכט דעם לאַנד.

און מיר האָבן, ווי רעכנפירער, אָף דער כעזשבן־ברעט די בײנדלעך געוואָרפן: אָפּ און צו, פּליוס־מינוס, אַזויפיל און אַזויפיל הײַנט פאַרדינט, אַזויפיל און אַזויפיל האָט דאָס פאָלק אָף זײַן געברויך אויסגעגעבן און שוין — קײן באַלעבאָס, קײן אומזיסטיקן עסער, קײנער קימאַט ווערט הײַנט נאָכן טאָג אָף אן איבעריקנס און אָף לוקסוס דעם פאָלק מיט מי פאַרדינטע ווערטן פאַרשווענדעריש ניט אויסגעבן, נאָר דאָס מויסרעס אין פאָלק־קאַסע צוריק, און די קאַסע וואַקסט, און נאָר אָף נויטיקן, און נאָר אָף אַלײן דאָס פאָלק צו באַרײַכערן ווערט אויסגעגעבן.

און זעט, ווי ס'זעט אויס דער באַלעבאָס נאָכן טאָג: אײן גרויס, שווער־פאַרהאָרעוועטע אַרבעטנדיקע מאַסע, אין בויעריש־געבענטשטע ציגל־לײם, קאַלך־וואַפּנע, מאַשינען־אײל און פעטס אויסגעשמירט...

און מײַן האָטעל־מיטווינער פלעגט מיר אנטקעגן דעם, וואָס מיר האָבן הײַנט פאַר די פענצטער געזען, א בילד פון זײַן צײַט פאַר די אויגן אַרופברענגען, ווי נאָך א שווערן פאָלקס־אַרבעט־טאָג האָבן די פרעמדע דעם פאָלק אָף זײַן כעזשבן די באַנאַכטן געהוליעט: אי שענקען, באַרן, קאַבאַרעען און רעסטאָראַנען, וווּ אָף אײן העמד שטיקעכץ און געהעפט פאַר אײנער א שאַנסאָנעטקע איז אַמאָל מער אויסגעגעבן און אויסגעבראַכט געוואָרן, ווי אָף א גאַנצער גו־בערניע קינדער, וווּ אָף אײן פּריציש ליבלינג־הונט מער ווי אָף א גאַנץ דאָרף, אָף צען דער־פער.

יאָ, עמעס, און אײגנטלעך לאָזט זיך אָט דער כעזשבן ניט נאָר אין לענינגראַד פאַרנאַכט, דורך א פענצטער ארויסקוקנדיק, מאַכן, נאָר אין גאַנצן לאַנד, אין אַלע שטעט פון אַלע פענצטער איצט. דאָך אין לענינגראַד אָבער פיל בעסער, ער בעט זיך דאָ מאַמעש, ווײַל — אָט־אָט און שיר־שיר האָבן דאָך דאָ אַנדערע אַנדערע כעזשבוינעס געוואָלט מאַכן... דערמאָנט זיך יודעניטש, קראָנשטאַדט. א האָר איז דאָך אָפּגעגאַנגען, אַז זײ, אַזיענע זאָלן דאָ איצט די באַלעבאַטים זײַן, און דאָס איצטיקע ווירקלעכקײַט זאָל ווײַט אַנדערש ווירקלעך זײַן אין אויסזען.

אָט ווײַז איך מײַן האָטעל־מיטווינער אָף אײנע א נײַ־פאַבריק ניט ווײַט פון דאָרט, וווּ מיר ווײַנען, וווּ ערשט מיט עלף־צוועלף יאָר צוריק האָבן דאָרט אין אײנער א נאַכט פיל פּראָפעסיאָ־נעלע פּרויען־נײַטערנס און אויך ניט פּראָפעסיאָנעלע, ווײַסע קיטלען־כאַלאַטן גענײט פאַר די רויטאַרמײער, וואָס האָבן, בײַסן קראָנשטאַדטער אופשטאַנד געדאַרפט צו די קראָנשטאַדטער שיפן און פעסטונגען באַנאַכט דורכן אײַז און שנײ זיך דערקלײַבן, זײ זאָלן זיך ניט אויסטײלן און מע זאָל זײ אין די געווײנלעכע שינעלן ניט דערקענען. אָט ערשט איז דאָס דאָך געווען. אין זאַוואָדן פּוסט, דער פּוטילאָווער האָט, ווי באַוווּסט, מיט דער אײנציקער זײער־וויכטיקער צינד־מאַשינקע־פּראָדוקציע זיך באַשעפטיקט, אַלע אַנדערע זאַוואָדן מיט אַנדערע ענלעכע וויכטי־קײַטן... און אַדעראַבע, לאָמיר זען, ווי זעען אויס, און וואָס אַרבעטן איצט אויס אונדזערע פאַ־בריקן און זאַוואָדן.

און ווידער נאָר א קלײן ציפער־קאַלאָנקעלע:

„לענינגראַד האָט אויסגעפילט דעם פינפיאָריקן פּלאַן פון איר אינדוסטריע אין גרונט שוין פאַר 3 יאָר. לענינגראַדער אינדוסטריעלע פּראָדוקציע פון וו.ס.נ.כ. און פון פאָלקאָמבאַזאָרג פאַרן 1931־טן יאָר באַטרעפט 3 מיליאַרד 460 מיליאָן. לענינגראַד איז איצט דער הויפּט־צושטע־לער פון טורבינעס, קעסלען, דיזעלן, מאָטאָרן און אַנדערע קאָמפּליצירטע אויסשטאַטונג פאַר גאַנץ פּססר.

4 מיליאַרד 382 מיליאָן — דאָס איז אין געלט דער אויסדרוק פון יענער גיגאַנטישער פּראָ־דוקציע, וואָס די לענינגראַדער זאַוואָדן וועלן געבן אין פערטן, פאַרענדיקנדיקן יאָר פונעם פינפיאָר. אין די לענינגראַדער זאַוואָדן וועלן זיך אַרײַנגיסן נײַע צענדליקער טויזנטער אַרבע־טער. די אינדוסטריעלע אַרמײ פון לענינגראַד (אויסער די אונטערנעמונגען פון פאָלקאָמבאַ־זאָרג) וועלן צײלן ביז 425 טויזנט אַרבעטער" אאַוו. (זע די בראָשור „לענינגראַד און איר געגנט אין 1932 יאָר", מעלוכיש־עקאָנאָמישע אויסגאַבע. מאָסקווע — לענינגראַד).

אזוי, אז אָט די שטאָט, וואָס איז ערשט געווען די אַכילעס־פּיאַטע, דאָס שוואַכסטע, אומ־באַשיצטע און געלונגנסטע פּאַרן סוינע אָרט אַף אונדז אָנצופאַלן, ווערט איצט אונדזער פעסטונג און פאַרפּאַסט מעכטיקער, אַף סײַ אין שאָלעם־צײַטן אונדזער לאַנד־אינדוסטריע צו שטיצן, סײַ אַף פאַר דער צײַט פון מילכאָמע אונדזערע גרענעצן אַזוי צו פאַרפעסטיקן, אַז דער סוינע זאָל זיך וואָס ווײַטער אַלץ ווייניקער זיי אַריבערטרעטן גלוסטן...

און אָט בין איך אין איינעם אַ באַסטיאָן פון דער פעסטונג: אַפן שיפבוי־זאַוואָד. נאָר פאַר אַלעמען וועגן די באַשיצער.

אין זאַווקאָם. ס׳איז איבערײַס־צײַט. ס׳קומט אַ יונגער אַרבעטער, ווענדט זיך צום סעקרע־טאַר, ער וויל אָנקומען אַפן אַרבפּאַק. דער סעקרעטאַר לייגט אים פאָר, ער זאָל זיך אויסקלײַבן, וווהין ער וויל. ערטער, זאָגט ער, האָט דער זאַוואָד אין מעדיצינישן, פּעדאַגאָגישן און אַנדערע אינסטיטוטן. קיינע שווועריקײַטן וועלן ניט זײַן. זאָל נאָר ער, דער אַרבעטער, אַן אַנקעטע אויספילן. מירן אונטערשרײַבן.

נאָכן אַרבעטער, אַן אַרבעט־מיידל, מיט דער זעלבער ווענדונג, און דער זעלבער ענטפער. און אַזוי נאָך און נאָך, אַ גאַנצע ריי.

כ׳קוק און זע: דאָס זײַנען ניט קיין איינציקע פאַלן, ניט צופעליק און ניט נאָר הײַנט איז מען געקומען אַפן אַרבפּאַק זיך בעטן, נאָר אַ טאָגטעגלעכע און מאַסן־דערשײַנונג. דאָס שטראָמט און שטרעבט די גאַנצע זאַוואָד־יוגנט, און אויך ניט נאָר די יוגנט, זיך איבערקוואַליפיצירן, צו העכער וויסן שטײַגן. און דאָס קאָנט איר איצט איבערלייענען אַף יעדער אַרבעטער־פּאָנעם, וועלכן איר באַגעגנט אין זאַווקאָם, אין די צעכן און באַ די וואַרשטאַטן — אַף אַלע פּענעמער עפּעס אַ מין מידקײַט צו באַמערקן, וואָס זאָגט, אַז אויסער דער פיזישער אַרבעט, מיט וועלכער מע איז דאָ, אַפן זאַוואָד, פאַרנומען, האָט מען אויך נאָך אַן אַרבעט אויך אויסערן זאַוואָד, דאָס זײַנען קורסן, אָוונט־שולן, אַרבפאַקן, וואָס לאָזן דעם אַרבעטער זיך רעכט ניט אויסשלאָפן און מאַכן אַף די אַרבעטערס פּענעמער יענע צווייענדיקע מידקײַט צו מערקן. און אָט די מידקײַט פאַרפײַנערט, באַזיניקט, אינטעליגענטיזירט, אַזוי צו זאָגן, און טיילט אויך אָפּ אַ פּאָנעם פון אַ פּאָנעם, ניט ווי אַמאָל, ווי מיר זײַנען געוווינט געווען צו זען אין אַ זאַוואָד: איין אָרעכוישעך, איין אַלגעמיין אַרבעטער־פּאָנעם.

אָט שטייט אַ באָכערל פאַר מיר. ס׳איז דער, וואָס מע האָט מיר אין זאַווקאָם רעקאָמענדירט און אים געגעבן, ער זאָל מיך אין זאַוואָד פירן און דאָס מיך אינטערעסירנדיקע מיר באַווײַזן. אַ יונגער נאָך. פון אַ יאָר צוויי־דרײַ און צוואַנציק. שוין געאַרבעט עטלעכע יאָר באַם ווערקשטאַט דאָ, און איצט אַף קולט־באַדינונג־אַרבעט אַרויסגערוקט. כ׳האָב אַף אים געוואַרט. און אָט איז ער דאָ מיט אַ פּעקל ביכער מיטגעבראַכט.

כ׳צערייד זיך מיט אים. ער דערציילט זײַן ביִאָגראַפיע בעקיצער. שטאַמט פון לעבן כאַר־קאָוו. פון אַ קליין יידיש שטעטל. דער טאַטע, אַ קלעזמער, איז אים פרי געשטאָרבן. ער — אַ יאָסעם, איז אין דער רעוואָליוציע־ און בירגערקריג־צײַט מיט פּאַרוואָרלאָזטע אַ פּאַרוואָרלאָז־טער, איבער גאַנץ רוסלאַנד אַף די בופערס אַרומגעפאָרן, ביז ער האָט זיך קיין לענינגראַד צוגעשלאָגן און אַפן שיפבוי־זאַוואָד אָנגעקומען.

כ׳כאַפּ אַ קוק אַף זײַן פּעקל: אַף אַ גוטן אינטעליגענט געזאָגט געוואָרן דער אינטערעס צו אַזוינע זאַכן: ער שטודירט געשיכטע און פילאָסאָפיע.

ער פירט מיך איבער די צעכן. אַפן וועג באַקאַנט ער מיך מיט די ביִאָגראַפיעס פון אייניקע זײַנע כאַווירים, וואָס ער האָט מיט זיי פריִער באַם וואַרשטאַט געאַרבעט.

אָט ווײַזט ער מיר און פירט מיך צונויף מיט איינעם אַ סטיאָפּע יאַקאָווליעוו. אַ בלאָנד באָכערל, מיט אַ היפּש פאַרשײַטער דאַרפישער היטשקע, וואָס קריכט אים פון אונטער דער קעפּי, אָבער אין באַנעם, מאַנירן, האַלטן־זיך — שוין אַן אַרבעטער.

ער לאַכט איצט, סטיאָפּע, בײַס מע שטעלט אים מיר פאָר. אַלע איירורים אין אים לאַכן. ער איז שטאָלץ, אָבער ניט באַרימעריש, איבערגעמעריש מיט זײַן געבורט. ס׳פילט זיך אין אים נאָך די דאָרפישע גוורע, אָבער שוין צוזאַמען מיט שטאָטישער קולטור און אַרבעטער־אַכרײַעס.

און אָט ווײַזט מיר מײַן פירער אַ צווייטן עקזעמפּליאַר. ריוּוע קאַנאַוואַלאָווע. עפּעס אַ ניט געוויינלעכער געמיש פון אַ נאָמען מיט אַ פאַמיליע־נאָמען.

— צוויי נאַציעס, — ראַמט מיר אײַן מײַן פירער, — האָבן אַף איר געהאָרעוועט... די מאַמע אַ יידישע, דער טאַטע אַ רוס.

ס'איז גלײַך אין איר צו זען דעם געמיש. באַשײדן: די אויגן עפּעס האַלב באַ זיך און האַלב צו איר מיטשפּרעכער געווענדט. און צוזאַמען מיט דער באַשײדנקײַט, אויך יענער סאָרט רוי־סישע פּראָסטקײַט, ניט געצװוּנגקײַט און ניט באַהעלטעניש פאַרן וואָרט און קערפּער.

כ'האָב אַ נאַרישקײַט געטאָן: זי האָט אין האַנט באַ מיר אַ בלאָקנאָט מיט אַ בלײַפעדער דערזען, און האָט מיר גלײַך אָפּגעהאַקט: Больше вам ничего не скажу. —

זי וויל ניט, אירע וועריטער זאָלן פאַרצײכנט ווערן, און ערגעץ ווו נאָך, טאָמער אין דער פּרעסע, מע זאָל וועגן איר דערמאָנען.

ס'זײַנען מיר שוין אָבער איבעריק אירע ווערטער, גענוג זי אַלײן און דאָס, וואָס איך ווייס פון איר. זי ווערט איצט פון זאַוואָד פאַר אַן אינסטרוקטאָרן אין פ.ז.או. געשיקט. אַ סימען אַף פאַרשריט און אויסטײלן זיך גזעלשאַפטלעך און אין דער מעלוכע.

זי האָט דאָס פּאַרדינט, קאַנאַוואַלאָוואַ. דער גאַנצער צעך קוקט מיט ליבע און מיט אַ מין איבערנעמען זיך מיט איר, בײַס מיר שטײען, שמועסן מיט איר. איר דערפּאָלג אָבער, זעט מען, איז ניט נאָר אירער, נאָר אַלעמענס. מע גרויסט זיך מיט איר, אָבער ניט מע איז איר מעקאַנע און ניט מע באַדויערט איר אַוועקגײן. דער גאַנצער צעך זעט אויס, ווי ער וואָלט אַנטוויינט אַ קינד, אָבער קינד בלײַבט קינד, אַן אײגנס, נאָענטס, פאַר אַלעמען אין די אויגן אויסגעוואַקסן און אַ דערמונטערנדיקער באַוויַז, אַז אַלע, ווער ס'ט נאָר ווילן, קאָן אויס־וואַקסן.

ווירקלעך: אַז איר גײט דאָרט דערנאָך און קוקט אַף די באַ די ווערקשטאַטן שטײענדיקע, זעט איר, אַז אַ סאַך העכערע ערטער, שטעלעס, דינסטן, אַמטן פאַר אָט די דאָ שטײענדיקע און אַרבעטנדיקע וואַרטן: אַלע קאַנדידאַטן אַף העכערע פּאָסטנס צו פאַרנעמען, אַלע אַף אַרויס־גערוקט צו ווערן. ווײַל קולטור וואַקסט און יוירט איצט אין די אינעווייניקסטן פון די מאַסן, און די גאַנצע צײַט איצט קומט פאַר און שפּעטער וועט אַלץ מער און מער פאָרקומען אַן איבערוק, אַן ערטערבײַט, אַן איבערוואַנדערן פון נידעריקן אַף העכערן, פון אָפּגעשטאַנענעם צו מער קוואַליפיצירטן, פון שוואַרצאַרבעט ביז הויכע מעלוכע־אַמטן אַפילו.

כ'האַלט זיך אָפּ פון אײנציקע אַרבעטער, שלאָגלער, אַרויסגערוקטע, מיט וועלכע מײַן פירער האָט מיך אָפּן וועג איבער די צעכן גײענדיק באַקאַנט, צו באַשרײַבן, ווײַל דאָס וואָלט מיך צו ווײַט פאַרפירט.

כ'האַלט זיך אויך אָפּ פון די צעכן אַלײן צו באַשרײַבן, ווײַל דאָס לאָז איך פאַר ספּעציאַליסטן און קענער פון דער זאַך, צו וועלכע כ'וויל דילעטאַנטיש זיך ניט מישן, און איך בעט דערום מײַן פירער, ער זאָל מיר נאָר דאָס גרייטע באַווײַזן: שיפן אָפּן שטאַפּל, וואָס האַלטן זיך אין בויען, אָדער אָפּן וואַסער אַראָפּגעלאָזטע, שוין דערבויטע.

ער ווײַזט: „ריאַן" און „קובאַן" — פּאַרטיק, „וואָלגאַליעס", „סיעוואָלפּליעס", „דווינאַליעס" — אַריבער האַלב שוין גרייטע.

כ'שטײ און קוק און דערמאָן זיך, ווי אונדזער האַנדל־פלאָט האָט ערשט מיט עטלעכע יאָר, ווי איך האָב שוין אין אַן אַנדער אָרט געשריבן, אין אַ פרעמדנס אויגן, אין אַ פרעמדן גרויסן האַפן, ווי אין לאָנדאָן, אָדער האַמבורג, לעמאַשל, אויסגעזען.

כ'דערמאָן זיך, אַז בעסאַכאַקל לויט דער סטאַטיסטיק, האָט דער סאָוועטישער האַנדל־פלאָט צום ערשטן יאַנוואַר 1925 געהאַט אין עקספּלואַטאַציע 200 אײנסן מיט אַ 257.800 טאָנאַזש. אַ גאַנצע ריי שיפן, שוין אָפּגענוצטע און טעכניש פאַרעלטערט, און באַלד נאָך יענעם יאָר זײַנען זיי פון „סטרוי" אַרויס, טײלווײַז צום קאַפּיטאַלן רעמאָנט, און טײלווײַז אַף ברוך. און אין רעזולטאַט האָט אין צוויי יאָר אַרום צו יאַנוואַר 1927 יאָר דער טאָנאַזש פון אונדזער פלאָט זיך פאַרקלענערט ביז 212.674 טאָן.

איצט אָבער — באַווײַזט מיר מײַן פירער מיט ציפער, — צו יאַנוואַר 1932 יאָר ציילן מיר שוין העכער 300 אײנסן מיט 697.596 טאָנאַזש, און פאַר הײַנטיקן יאָר זײַנען ביזן 15־טן יול אונדז צוגעקומען נאָך 15 אײנסן מיט 75.260 טאָן, און ביזן סאָף יאָר וועלן נאָך און נאָך צוקו־מען, און אַף אַזאַ אויפן וועט דער טאָנאַזש פון אונדזער יאַמישן האַנדל־פלאָט שוין די ציפער 700 טויזנט טאָן ווײַט־ווײַט אַריבערשטײַגן.

איך שטײ, קוק און דערמאָן זיך נאָכאַמאָל, ווי אונדזער ביסל צאַריש־אַרכאַיִש אָרעמקײַט, וואָס איז אונדז פון איר געבליבן, האָט אויסגעזען: קוויטיק, טעכניש־קריכעריש און קאַליקע־וואַטע. און איצט, זעט — סאַראַ גרויס, רײַך און שפּאָגלנײַקײַט! אין אַלע הינזיכטן נײַ, סײַ אין פאַרנעם (מיר בויען איצט זעקסטויזנטטאָניקע געהילצפירער און ביז צענטויזנטטאָניקע נאַפטפי־רער־ריזן), סײַ אין קאָנסטרוקציע, סײַ אַן אויסערלעכער פאַרגעניגן פאַרן אויג זיך צו שפּיגלען. ניט ערגער איצט, ניט אָפּגעשטאַנענער פון די זעלבע טיפּן שיפן פון אַ ליאַדע אַנדער גרויס

לאַנד, ווי פראַנקרײַך, ענגלאַנד, וועלכע איר באַגעגנט איצט אין אונדזערע האַפנס, ווי לעניג־גראַד, אָדעס, באַטום, מאַריופּאָל אאַוו.

איך קוק און דערמאָן זיך אונדזער שלימאַזלדיקע אָפּהענגיקייט פון יענע יאָרן, אונדזער געצווונגען־זײַן אָנצוקומען צו די אויסלענדישע שיף־פירמעס. און וויפל ס'האָט אונדז אָפּגעקאָסט אָט די אָפּהענגיקייט...

כ'דערמאָן זיך, ווי אין ווינטער 1925, זיצנדיק דעמלט אין האַמבורג, און נאָענט שטייענדיק צו דער דײַטש־רוסישער לאַגער־ און טראַנספּאָרט־געזעלשאַפט („דערוטראַ"), אַרבעטנדיק דאָרט אַלס אָנגעשטעלטער, וואָס פאַר אַן אַנגסט און ערגער מיר האָבן איבערגעלעבט אַדאַנק אונדזער טראַנספּאָרט־אָרעמקייט.

ס'איז געווען סאָף נאַוויגאַציע־סעזאָן, ערעוו דעם, ווען דער פינלענדישער אויסגוס הייבט אָן צו פרירן; דעמלט, ווען מע אײַלט וואָס גיכער אַלץ, וואָס ס'בלײַבט בא אונדז אין אויסלענדישע האַפנס, אַף סקלאַדן, לאַגערן, פון סכוירעס און גיטער, קיין לעניגראַד, דורך דעם נאָענטסטן יאַם־וועג, צו פאַרשיפן. ניט האָבנדיק קיין אייגענע דאַמפּער, האָבן מיר דעמלט געמוזט מאַסע־שיפן בא פאַרשיידענע פירמעס דינגען. פראַכט־באַדינגונגען שווערע. די קאָניונקטור צו יענער צײַט אַפן שיפן־מאַרק א הויכע. אָבער דעריקער שווער דאָס, וואָס אַזיווי פאַר די שיפן האָט א ריזיקע געשטעקט אין אײַז, אויב דער אויסגוס וועט אײַנפרירן, צו בלײַבן שטעקן, האָבן די פירמעס אין די קאָנטראַקטן מיט אונדז שווערע שטראָף־אָפּצאָלונגען באַשטימט אַפן פאַל, אויב מיט זייערע שיף וועט דאָס, וואָס מעגלעך ס'זאָל געשען, געשען טאַקע.

און די שיפן זײַנען טאַקע שטעקן געבליבן! זיי האָבן ניט באַוויזן קיין לעניגראַד אָנצוקומען, און דער פראָסט האָט זיי אַפן וועג פאַרכאַפּט.

מיט גרויס מי און צאָרעס האָבן זיי אונדזערע אײַז־ברעכער „לענין", „קראַסין" ערשט אין א כוידעש, אָנדערהאַלבן אַרום פון זייער געפענקעניש באַפרײַט, און פאַר דער צײַט האָבן מיר געצאָלט, אוי, ווי געצאָלט — מיט גאָלד, מיט בלוט...

— איר ווייסט, — האָט מיר דעמלט איינער א פראַקוריסט פון דער „דערוטראַ" געזאָגט, — אייניקע שיף־אייגנטימער האָבן פון אונדז איצט באַקומען באַלד מער, וויפל זייערע גאַנצע שיפן האָבן די ווערט...

איך קוק איצט אַף אונדזערע נײַ־אויסגעבויטע ליכטיק־פאַרביקע שיפן־אַלבאַטראָסן און טראַכט:

אויס מיט דער אָפּהענגיקייט! אויס שוין אַנדערע אַף אונדזער אָרעמקייט צו שפּילן און אויך צו געווינען. אויס מיטן דער קאַפּצן־אוישער־שפּיל, אויס מיטן ניט קאָנען מיט אייגענע פאַרקער־מיטלען דעם וועג צו אַנדערע לענדער און פון אַנדערע לענדער צו אונדז צו געפינען! אונדזער האַנדל־וועג ווערט דאָ (אַפן שיפבוי־זאַוואָד) געזיכערט, און אויסערן־האַנדל, אויך נאָך עפּעס:

דער וועג פאַרן סוינע, אויב ס'וועט זיך אים פאַרוועלן אונדזער רו צו שטערן, און אונדזער פעסטן ווילן, אין פעסטונג פון שאָלעם צו בלײַבן, אָנצורירן, צו פאַרצאַמען.

און דאָס אַלץ טוען זיי, אָט די סטיאָפּעס, די ריוועס קאָנאָוואַלאָווס און אַנדערע ענלעכע צו זיי.

און איך האָב זיך געטראַכט:

אין קאַפּיטאַליסטישן אויסלאַנד בא א שיף־באַנײַונג און פאַרן וואַסער זי אַראָפּלאָזן בין בײַגעווען, געזען, ווי דער „קיבעד" פון באַנײַונג ווערט יעדעס מאָל א באַוווסטער פּערזאָן — א מיניסטער־מאַן, א בירגער־מײַסטער, גענעראַל, אָדער די פרויען פון אַזוינע, אָפּגעגעבן. געזען, ווי מע שמײַסט די פלאַש שאַמפּאַניער אין דער נאָז פון שיף פאַר דעם, ווי די שטריק פון שיף ווערן פון שטאַפּל אָפּגעשניטן. געזען דעם יובל בעשאַס די שיף נעמט זיך שוין פון שיפּוע־דעק אַראָפּרוקן, די האָך־געשרייען, די פּאַטריאָטישע הוראַען, מוזיק אאַוו.

דאָרט — געזען, דאָ — ניט. אָבער וואָלט איך דאָס געזען, וואָלט איך דאָ בא שיף־באַנײַונג בײַגעווען, וואָלט איך געוויס דער ערשטער צוזאַמען מיט אַלע ערשטע אויסגעשריִען: הוראַ, ריווע קאָנאָוואַלאָווע; הוראַ, סטיאָפּע יאַקאָווליעוו און קלעזמערס זון, געוועזענער „בעספּריזאָרניק" און איצט געשיכטע און פילאָסאָפיע שטודירנדיקער! הוראַ — אײַך און אַזוינע ווי אײַך מײַן ערע, יובל און באַוווּנדערונג.

1932



דאוויד בערגעלסאָן

כאַווערטע בראָניע

פאַרצייכענונג פון פעברואַר־מאַרט 1932

I

אין מײַן נאָטיץ־ביכל איז פאַרשריבן:

„כאַווערטע בראָניע — א רויק, רויק־פּאַמעלעכע, נאָר א זיכער־פעסטע אין אַלץ, וואָס זי זאָגט און טוט. אַנדערע וועלן מעגן זײַן פּונקט ווי זי, וועט עס דאָך הייסן:

א קאָפּעלע ווילן זיי איר נאָכמאַכן".

„אירע יאָרן:

אַרום פינף־זעקס־און־צוואַנציק".

בלאָנד־אָפן — ווי אָפּגעברענט מיט פיל זונען אַפילו אום ווינטער.

„איר וווּקס:

מיטל־פעסט — עפּעס א גרונטלעכער סטיל אין נײַער שטאַלטנעקײַט".

„אַרויסגערוקט אויף קולטור־אַרבעט האָבן זי אירע כאַווערים טאַקע דאָ, אין דער גרויסער שטאָט אין דאָרעם. געענדיקט האָט זי א פּאַרטיי־שול. איר טאַטע — א גאַרבער־אַרבעטער לעבן סלוצק".

נאָך האָב איך אין מײַן ביכעלע פאַרשריבן:

„יעדער הערשנדיקער קלאַס דיקטירט די אַרומיקע ניט בלויז זײַן געשמאַק, נאָר אויך די שיינקײַט פון זײַן טיף פּרוי. די פעאָדאַלן און די בורזשואַזע קאַפּיטאַליסטן האָט געלוינט איבערצונעמען דעם פרויען־קולט בא די אַלטע גריכישע און אַלט־רוימישע קולטורן. דער אַרבעטער־קלאַס דאַרף אַזאַ קולט ניט האָבן און שאַפט דאָ עפּעס אייגנס".

„צי ווייסט כאַווערטע בראָניע, אַז אין איר שטאַלט, אין איר פּאָנעם, אין איר גיין און שטיין איז פאַראַן עפּעס נײַ־קלאַסיש־שיינס — גאָר אַנדערש, ווי אין די יונגע פיגורן בא אַלט־גריכישע און אַלט־רוימישע סקולפּטורן?".

„איך ענטפער דערויף:

— ניין".

„טראַכט דען וועגן אַזוינע זאַכן א גלײַך געוויקס אין א גוט־אויפגעזעענעם, גרויסן וואַלד?".

„כאוורטע בראָניע — א געוויקס אין גרויסן נײַעם וואלד, וואָס האָט אָף זיך א גוטן באַלעבאָס־אופזעער — איך וואָלט שיר געזאָגט: נײַסטע מארקע פון לעצטער אלסאָוועטישער מענטשן־פראָדוקציע".

אָנגעטאָן אין א קורץ נישקאָשעדיק־וואָרעם ווינטער־רעקל, אין א מענעריש פוטער־היטל מיט צעבאָמבלט־אראָפּגעלאָזטע שטיקלעך פוטער אָף די אויערן, איז כאוורטע בראָניע וואַרטנדיק געזעסן לעבן מײַן טיש. איר בליק, וואָס זײַטלט זיך צו מײַן שרײַבנדיקער פען, האלב פארוקט אונטער די פעסטע ברעמען; די ברעמען אליין — אָנגעשטרענגט, אָט־אָט וועלן זיי אָנהייבן שמייכלען.

— גלאָצט ניט אָף מיר אזוי די אויגן, — האָט זי געזאָגט, — כ'מיין: בייס איר פּיקעוועט אָן אײַער ביכעלע... איך וועל זיך צעלאכן.

איר קאָל — א טיף־ברוסטיקער העלער קאָנטר־אלט.

— איך גלאָץ דען אָף אײַך די אויגן? — האָב איך געפרעגט.

— יאָ, — האָט זי געזאָגט, — ווי א פאָטאָגראַף.

איך האָב אָף איר באנײַס א קוק געטאָן — אין דער ריינקייט פון אירע גרין־בלאָע סאמעטענע אויגן האָט מען, דאכט זיך, געקאָנט איבערלייענען:

אויסגעפורעמט אין פסטר.

נאָר דאָס איז געוועזן שפעטער.

צווישן דער גרופע כאוויירים, וואָס האָט מיך אין דער גרויסער שטאָט אין דאָרעם באַגעגנט אפן וואָקזאל, איז זי געשטאנען אָפּווארטנדיק, אביסל אין א זײַט, ווי ניט מיך וואָלט זי געקומען באגעגענען. ס'האָט אויסגעזען: זי נייטיקט זיך ביכלאל ניט אין אזוינע זאכן — זי קאָן זיך באגיין אָן דעם.

ס'איז געווען ארום עלף אינדערפרי.

ווײַס־אויסגעפּאלענער שניי האָט לעבעדיק געסקריפּעט בא געקומענע פּאסאזשירן אונטער באַשטיוולטע טריט.

ס'האָט פריש געפרעסטלט.

די זון פוניבן האָט דאָרעמדיק געווארעמט, קימאט צוגעבריט.

און איך אזא געפיל האָט דאַן ארויסגערופן כאוורטע בראָניע: אי ווי עס וואָלט פרעסטלען, אי ווי די זון וואָלט צוגעבריט.

אָף איר — א קורץ, נישקאָשעדיק־וואָרעם ווינטער־רעקל, ניט גאָר נײַ.

אָף איר קאָפּ — איר מענעריש פוטער־היטל מיט די צעבאָמבלט־אראָפּגעלאָזטע פוטערנע אויערן. ווי א העלע זוים פון אונטערן שווארצן פוטער ארויסגערוקט אירע געקירצטע האָר. אלעמאָל ווערט זי דורך אַן אנדער כאווער גערופן אָף א רעגע אין א זײַט.

איך זע.

ניט זיי זאָגן עפּעס איר, נאָר זי האָט עפּעס אָנצוזאָגן יעדערן פון זיי — מע באראט זיך מיט איר, ווי מיט א שטיקל הערשערן דאָ, אין מעלוכעדיקן ווינקל.

דאָ דערוויס איך זיך:

זי איז די פאַרוואַלטערן פונעם קולטור־הויז, וואָס האָט מיך — אָף פאָרטראָגן, אָף א ריי ארויסטרעטונגען אין די פאבריקן — ארויסגערופן. אויב אזוי, האָט זי נאָך פאר מײַן אָנקומען שוין געוויס באוויזן צו האָבן ארום מיר א היפש ביסל לויפעניש — דאָס האָט זי מיר געשיקט די טעלעגראַמעס, דאָס האָט זי באַשטעלט פאר מיר א צימער אין האָטעל. איך מיין, אז דורך עפּעס־וואָס וואָלט איך איר באַדאַרפט זאָגן מײַן דאנק. איינער פון די כאוויירים, זע איך, קוקט אָף איר, ווי אומיסטן שמייכלדיק, בייס ער זאָגט צו מיר:

— זי וועט עס בא אונדז זײַן אָף אײַך דער גאנצער באַלעבאָס.

מיסטאָם האָב איך אויסגעזען, ווי איינער, וואָס וויל זאָגן א „כאָכמע":

— דעהײַנע? — האָב איך איבערגעפרעגט.

און גלײַך דערפילט, אז ס'איז איבעריק און ס'איז קיין כאָכמע ניט — איך האָב זיך דאַן צום ערשטן מאָל באגעגנט מיט כאוורטע בראָניעס בליק: ווירקלעך א בליק פון עפּעס א קרעפטיקן באַלעבאָס.

— נו, — האָב איך געזאָגט, — אויב אזוי, איז דאָך אוואדע גוט.

כאוורטע בראָניעס ליפּן — ווי צוגעטריקנטע מאנדלען; אירע אויגן — א קאפּעלע פאַרזשמורעט; די הויט ארום אירע שלייפן טוט זיך קוים־קוים א ריר, ווי אָף אראָפּצוטרײַבן פון זיך א פליג. זי זעט דערבײַ אויס גאנץ ערנסט.

— ווארט, — זאָגט זי, — צי סע וועט זײַן גוט, וועלן מיר ערשט האָבן א סימען.

אברהם רעוויטש — אָנפירער פון א בריגאַדע מאָנטאַזשניקעס.

איליא קריגער — בעטאָנשטשיק.

אברהם גאָלדענבערג — מאַשיניסט פון אן עקסקאַוואַטאָר.

אונטער איר בליק פיל איך זיך, ווי אַזוינער, וועמען עס לוינט נאָך לעסאַטע ניט צו גלויבן פונדאַנען אהין — מע דאַרף ערשט זען, צי מײַנע ארויסטרעטונגען וועלן דאָ ווערט זײַן דאָס גאַנצע ביסל טאַראַראַם, וואָס מע האָט צוליב מײַן אַראָפּקומען אויפגעהויבן.

כאַווערטע בראָניע זאָגט:

— נו, קומט שוין.

איבער עפּעס באַקומט זיך:

ניט מיר גייען אַלע אינאיינעם, נאָר זי גייט און די כאַווײַרים מיט מיר גייען איר נאָך. זי הייבט אָן צו פאַרשווינדן, ווי נאָר מיר גייען ארויס פונעם וואַקזאַל — זי האָט שוין באַוויזן אַרײַנשעפּטשען עטלעכע גיכע ווערטער צו איין כאַווער אין אויער, צו א צווייטן, א כאַפּ טאָן בײַ א דריטן כאַווער א בונט גרויסע און קליינע שליסלען און אָן שום צעטראָגנקײַט, יינגלש־געזעצט אַוועקגעלאָפן צום איבערגעפולטן טראַמוויי־וואַגאָן, וואָס קלינגט שוין אַף אָט־אָט צו רירן פון אָרט.

איך קאָן מיר ניט העלפן און באַגלייט זי די גאַנצע צײַט מיט די אויגן. איך פיל, וויאַזוי דאָס קאָן אויסזען בײַ די כאַווײַרים, וואָס דאַרפן זיך אַרײַנזעצן מיט מיר אין אוטאָמאָביל. אייניקע קאָנען עס שלעכט אויסטײַטשן — ניט צוליב דעם בין איך דאָך אַהער אַראָפּגעקומען. א שטיקל טערעץ פונדעסטוועגן האָב איך — איך זאָג צו די וואַרטנדיקע כאַווײַרים:

— ווען א מענטש לויפט נאָך דעם טראַמוויי, ווער עס זאָל ניט זײַן, איז שטענדיק א ביסל טשיקאַווע אים נאָכצוקוקן; מע האַלט דאַן, ווי א שטיקל געוועט מיט זיך אַליין:

„אַנו? — ער וועט ארוף, צי ניין?"

מע נעמט אים דערמיט, ווי אַף דער פּרווו — בלײַבט ער איבער, טראַכט מען וועגן אים:

„גוטער ברודער, פּעו!.. דו טויגסט ניט".

כאַפּט ער זיך ארוף, האָט מען וועגן אים א סימען:

„א קאָזאַק!"

איצט קוקן שוין אַלע כאַווײַרים גלײַך מיט מיר, ווי כאַווערטע בראָניע לויפט נאָך דעם אַוועקגעפאָרענעם טראַמוויי־וואַגאָן. מע רעדט וועגן דעם צווישן זיך:

— זעסט, ווי זי שטעלט פוּלקעס?

— זי לייגט קלאַפּטער.

— אָט־אָט־אָט...

— זי איז ארוף.

— זי קוקט זיך נאָך אום...

— וואָס זשע דען? — פיזקולטור!

מע דערציילט מיר וועגן איר:

— דאַכט זיך א שטיקל מיידל, און טוט פּאַר צען.

— זי איז בײַ אונדז האַקאָזאַק האַגאָדל.

— איר וועט שוין זען.

בײַ מיר אין צימער אין האָטעל זיצט כאַווער נאום — יידישער נאַצמינד באַם ראַיפּאַרטקאָם. ס׳איז א שאָ אָנדערהאַלבן נאָך מײַן קומען.

כאָווער נאָום — געזונט, וווקסיק ברייט, נאָר ווי דער קאָפּ וואָלט אים געווען בא די צענד־ליקער אַרבעטן, פונוואַנען ער קומט איצט. ער אָטעמט אָפּט, הילכיקער ווי מע דאַרף, און פילט זיך דערפאַר אַ קאַפּעלע ווי שולדיק. צוריק מיט אַ יאָר דריַי האָט ער זיך פאַר מיר געקלאָגט אַף אַ דעפיציט אין שלאָפן. איך פרעג בא אים:

— איז וואָס הערט זיך? שוין ליקווידירט דעם דעפיציט?

— ניין, — שמייכלט ער, — נאָך גרעסער געוואָרן, נאָך אַלץ ניטאָ קיין צייַט דערויף.

גנייוויש, ווי אַ הונגעריקער צו אַ שטיק ברויט, כאַפּט ער אָפּטע בליקן צום דיוואַן, אַף וועלכן ער זיצט. פון צייט־צו־צייט טוט ער אים לעבן זיך אַזש אַ טאַפּ מיט די הענט. מאַכט ניט אויס, וואָס כאָווער נאָום איז אַ געוועזענער סטאַליער־אַרבעטער — דעם דיוואַן באַטראַכט ער איצט פון פּאַשעט שטאַנדפּונקט, וויאַזוי מע קען זיך אַף אים אויסצייַען און כאַפּן אַ דרעמל.

— אַ גוטער דיוואַן, — זאָגט ער, — אַ קאַפּעלע אַ קורצער.

ער טוט אַ לאַף פון זיך אַליין, זייַנע הענט מאַכן אַזאַ באַוועגונג, ווי זיי וואָלטן דעם דיוואַן וועלן זאָגן: „הער מיר אויף צו דולן אַ ספּאָדעק! — מער וועט ער דאָ אין צימער וועגן אַזעלכע זאַכן ניט ריידן". ער פרעגט בא מיר:

— וואָס האָט איר עפּעס שוין בא אונדז געזען?

און ער ווערט דערבייַ מיטאַמאָל וואַכעדיק.

איך דערצייל אים:

— פאַר דער צייַט, וואָס מיר האָבן זיך ניט געזען, בין איך געווען אין אַמעריקע — צום ערשטן מאָל אין לעבן. אַלץ איז פאַר מיר דאָרט געווען ביז גאָר ניַי. דאָ, אין פּסֹסר, בין איך ניט געווען סאַכאַקל אַ יאָר דריַי, און כאָטש איך קאָן זיך פאַר אַ היגן, מוז איך פונדעסטוועגן מודיע זיין: אַלץ, וואָס איך זע דאָ איצט, איז פאַר מיר פיל־פיל נייַער, ווי אַמעריקע. מיט דער קאָלעקטיוויזאַציע, מיט דער בויונג און מיט פאַרניכטן דעם פּריוואַטן האַנדל איז דאָס גאַנצע לאַנד אין פאַרלויף פון די לעצטע דריַי יאָר באַנייַס צוגעשניטן געוואָרן, ווי מע שנייַדט צו אַ נייַעם שטאָף. דער גאַנצער ניַי־צוגעשניטענער שטאָף, וואָס הייסט „פּסֹסר", געפינט זיך איצט, ווי אַ ניַי בעגעד אין דער אַרבעט — אייניקע טיילן זייַנען שוין פעסט אייַנגעאַרבעט, אַנדערע — לייַכט־צוגעסטריגעוועט. דאָס גאַנצע לאַנד — אַן אומגעהויער גרויסער וואַרשטאַט. די אַרבעט — אַ ברענענדיקע, ווי אין עפּעס אַ וויכטיק־נייַעם ערעוו־יאָמטעוו. פאַראַן ווינקלען, ווו מע האַלט בא „דאָנערשטיק" — בא ערעוו־ערעוו־יאָמטעוו. און פאַראַן ווינקלען, ווו פון דאָ און דאָרט קוקט שוין אַרויס דער יאָמטעוו אַליין. אַלע זייַנען פאַרפּאָרעט, פאַרזשובעט. איך דערקען ניט די שטעט, איך דערקען ניט די מענטשן. דורכויס־נייַע פּאַרמען. אַלע זייַנען יונג, אַפילע עלטערע מענטשן, אויב נאָר זיי באַטייליקן זיך אופריכטיק אין דער אַרבעט, זעען זיי אויס, ווי אַכצניאָריקע. רעכן איך אַרונטער אַ געוויסע צאָל פון אַלטע, „געוועזענע", אויס־שטאַרבנדיקע עלעמענטן, קומט אויס: איך געפין זיך אין אַ וווּנדער־לאַנד פון גאָלע יוגנט. עס ליגט געוויס אין דער אָרדענונג און אין דער מאַכט — אַ מאַכט, וואָס לאָזט ניט אַלט ווערן. וואָס? איר האָט, דאַכט זיך, געוואָלט עפּעס זאָגן...

ניין, כאָווער נאָום האָט נאָר געטאָן אַ שמייכל; פון דעם איז צו דרינגען, אַז ערשט איצט, מיט די סאַמע לעצטע ווערטער, האָב איך אַ קאַפּל צוגעטראָפן. ער פרעגט וועגן די קלענערע שטעט, פונוואַנען איך קום איצט אָן, וועגן דער דאָרטיקער ייִדישער באַפעלקערונג. איך זאָג:

— אויך גאָר אַנדערש, ווי פאַר דרייַיאָרן, שפּאָגל־נייַ. דער ייִד, אַלס פאַרמיטלער צווישן דאָרף און שטאָט, האָט טאָמיד געקוקט אַפן דאָרף, ווי אַפן מאָקער פון זייַן פּאַרנאָסע און דעריבער געגלייבט אין אים קימאַט ווי אין אַ נאַטור־קראַפט, וואָס וועט נאָך ערופשווימען סייַ עקאָנאָמיש, סייַ פּאָליטיש. דאָס האָט בא אים געהייסן: „גאָט איז נאָך ניט געשטאָרבן". ס'איז דאָך אַ פאַקט: די ייִדישע מיטל־בורזשואַזיע איז געווען אַ סאַך רירעוודיקער בא איר אַרייַנ־גיסן זיך אין סאָוועטישן אַפּאַראַט, איידער דער ייִדישער קליינהענדלער, וואָס האָט נאָך אַלץ, אַפילע אין אָנהייב קאָלעקטיוויזאַציע געהאַנדלט מיטן פּויער אונטער דער פּאָלע. דער גראַשנ־דיקער „מיסכער" האָט געמעגט ניט קלעקן צום לעבן, ער איז אָבער נאָך אַלץ געווען געבונדן מיט האָפענונגען אַף לעהאַבאַ. ערשט באַם פאַרענדיקן די קאָלעקטיוויזאַציע, טראַץ קאָלערלייַ ווידערשטאַנדן פונעם דאָרפּישן באַלעגוף, האָט דער ייִדישער קליינהענדלער זיך אַנטוישט אין „נעצעך פּויער לוי יעשאַקער"[1], דערזען, ווי דער שעדיקער־באַלעגוף ווערט פאַרביטן מיטן טראַקטאָר, מיט דער מאַשין, פאַרלירט זייַן עקאָנאָמישע באַדייַטונג אין לאַנד, און „אַז מע פאַרלירט די מייע, פאַרלירט מען די דייע". — טאַקע דערפאַר האָט דער ייִדישער קליינהענד־

---

[1] די אייביקייט פון פּויער פירט ניט אונטער.

נאַטאַליע ראַפּאָפּאָרט — טריקאָטאַזשניצע, באַ־לוינט מיטן זילבערנעם צייכן „יונגער גוואַר־דייער פונעם פינפיאָר".

דאַוויד ווײַסמאַן און זײַן זון יעפים — מולירערס אָף דער בויונג פון מיקראָראַיאָנען.

מיכאַיל דימענט — שעף פון דער אײַזנבאַן־סטאַנציע ביראָבידזשאַן־1.

לער אין שטעטל ערשט די לעצטע צײַט אָנגע־הויבן גיין אָף שוואַרצאַרבעט. ערשט איצט האָט אים די רעוואָליוציע רעכט „דורכגענומען".

איך רעכן, אַז הײַנטיקס יאָר זײַנען פאַראַן גרעסערע מעגלעכקײַטן אָף אויסצופילן די אָר־דערס אין די ערטער פון יידן־איבערוואַנדערונג, דערהויפּט אין ביראָבידזשאַן. איך מיין, אַז אויך דער מענטשן־מאַטעריאַל וועט איצט זײַן אַ בע־סערער. איך מיין, אַז אויב אַ געוויסער טייל פון דער פריערדיקער איבערוואַנדערונג איז געגאַנ־גען אָף די פּאָנדן מיטן מיין צו אַנטלויפן פון דער רעוואָליוציע און האָט זיך דאָרט אַנטוישט, ווײַל די רעוואָליוציע איז אים נאָכגעגאַנגען אויך אַהין, וועט דער איצטיקער איבערוואַנדע־רער זײַן אַזאַ, וואָס ווייסט, אָף וואָס ער גייט, און וועט זיך ניט אַנטוישן.

— אַזוי מיינט איר?

כאַווער נאָום הייבט זיך פּאַמעלעך אוף, שמייכלט און ציט זיך אויס מיט די געשטרענג־טע מוסקולן אַזוי, אַז מײַן געהער כאַלעמט זיך אַזש אַ קנאַקערײַ פון ביינער.

— נו, — זאָגט ער, — קוקט זיך צו... קוקט זיך צו באַ אונדז.

און פון דעם פאַרשטיי איך, אַז צו קוקן האָב איך ערשט אָנגעהויבן און אַז צו זען, לויט זײַן מיינונג, שטייט מיר נאָך פּאָר אַ סאַך. איך שטעל מיר פאָר זײַנע אַרבעטן אין די לעצטע הייסע יאָרן, און עס קומט מיר פאָר, ווי באַ מיר אין צימער וואָלט ער דאָך האָבן געכאַפּט כאַטש אַ קורצינקן דרעמל. מיר דאַכט זיך: ער וועט עס מיר באַלד זאָגן, נאָר ער באַווײַזט עס ניט צו טאָן. מע קלאַפּט אָן אין טיר און עס קומט אַרײַן כאַוועריטע בראַניע אין איר קורצן וויג־טער־רעקל און פוטערנעם מענערשן היטל. זי טוט אַ קוק אָף כאַוועער נאָומס פּאָנעם פונקט מיט אַזאַ בליק, ווי מע טוט אַ קוק אָף אַ זייגער, און פון דעם איז צו זען: זי וויל וויסן, צי זי האָט ניט פאַרשפּעטיקט. אָפּאָנעם, זי האָט זיך נאָך קיינמאָל ניט צוגעוווינט צו אַזוינע מידעס, ווי צו זאָגן באַם אַרײַנקומען שאָלעם־אַלייכעם... וואָס מאַכט איר גוטס?.. זי האָט געבראַכט דעם פּלאַן פון מײַנע אַרויסטרעטונגען און לייענט אים דורך:

— דרײַ אַזייגער באַטאָג אין דער און דער פאַבריק (אין גרויסן איבערײַס).

— פינף פאַרנאַכט אָף יענער און יענער פאַבריק (צום סאָף פון דער אַרבעט).

— אַכט אינאָוונט פאַר דער און דער אַאוי־דיטאָריע.

— מאָרגן — דאָס אייגענע, נאָר אין אַנדע־רע פאַבריקן, אין אַנדערע אַאודיטאָריעס.

— דער פּלאַן — אָף די ערשטע זיבן טעג.

איך פרעג:

— מע קאָן דען נאָך איבעראַנדערשן?

זי קוקט ניט צו מיר, נאָר צו כאָווער נאָומען, וואָס פרעגט בא איר:

— אַלץ צוגעגרייט? פלאַקאַטן אין דער פאַבריק פאַראַן?

זי טוט קינדערש־זיכער א שאָקל מיטן קאָפּ. כאָווער נאָום האָט זיך שוין געזעגנט — אַוועקגעגאַנגען. כאָוואַרטע בראָניע קוקט אָף מיר, ווי אָף א טשיקאַווע זאַך, וואָס רירט זיך ניט.

— ס'איז נאָך געבליבן, — זאָגט זי, — א קנאָפּע שאַ... קומט.

— וווּהין, — פרעג איך, — אָף דער פאַבריק? שוין איצט?

כאָוואַרטע בראָניעס בליק — ווי זי וואָלט מיר זאָגן:

— ווען דען האָט איר געמיינט? איבעראַיאָר?

זי נעמט אַ־פּליק פאַרשפּיליען אָף זיך איר קורץ ווינטער־רעקל, טוט א כאַפּ איר רויט ברעזנטענעם קליינעם פּאָרטפּעל אונטערן אָרעם און לאָזט אויס:

— כ'וועל אײַך זאָגן דעם עמעס: מיר האָבן דאָפּקע אסיגנירט געגוג געלט אָף צו פירן אײַך אָף איזוואָזטשיקעס. נאָר צו דער פאַבריק איז ניט זייער ווײַט — זי איז אין שטאָט. מע קען דערווײַל אײַנשפּאָרן.

— אַזוי גאָר? וועלן מיר, הייסט עס, גאָר גיין צופוס?

אירע ליפּן באַוועגן זיך קוים־קוים, ווי אָף א שמייכל צו טאָן:

— יאָ, — מאַכט זי, — איר וועט זיך מאַטריִעך זײַן.

איך לייג אַרײַן אין טאַש א פּאָר בייטיקע פּאַפּירלעך, הייב אָן זיך אָנטאָן. איר פּאָנעם זעט אויס צו לאַנג. זי נעמט אַראָפּ פון קאָפּ איר פוטערן מיצל, האַלט עס פאַר בײדע פוטערנע אויערן און טרייסלט עס אויף. אָנעם היטל איז זי יִינגער און שענער — געשניטענע, געדיכט־צעוואַקסענע האָר האָקן אָפּ מיט א גלײַכן שנור דעם יונגן שטערן. האַרט לעבן שטערן זײַנען די האָר מיט א גאַנצע פּאָר טענער בלאָנדער, ווי אָפּן קאָפּ.

מיר בלײַבט ניט שוין מער, ווי אָנטאָן די קאַלאָשן.

— נו אָט, — זאָג איך צו איר, — איר הייבט זיך גלײַך אָן צו באַנוצן מיט דעם, וואָס איר ווײַט ניט קיין פאַרוואָלטער, נאָר א פּאַרוואָלטערן... זיך אויסצייכענען מיט שפּאָרעוודיקייט אָף מײַן מענערשן כעזשבן. ניט קיין גלײַכע רעכט מיט מאַנצבלעך ווילט איר, נאָר א קאַ־פּעלע מער.

איך קוק זיך אום — זי האָט שוין צוריק אָנגעטאָן איר מיצל און רוקט עס אָן מיט בײדע הענט אַלץ טיפער און טיפער אָף איר קאָפּ. זי נעמט עס אויף, אַפּאָנעם, ערנסטער, ווי איך האָב געהאָפט.

— וואָס זשע? — פרעגט זי, — איר טאַרט, כאַלילע, ניט גיין צופוס?

איך:

— פונוואַנען ווייסט איר, אַז איך מעג יאָ?

— פּאַזשאַלוסטאַ, — זאָגט זי, — איך קאָן אײַך פירן אָף איזוואָזטשיקעס.

איצט איז מיר קלאָר: כ'האָב אָנגעאַרבעט עפּעס א כאַסענע — דאָס מיידל פּילט זיך אָף אָן עמעס געטראָפן. איך טויג, אַפּאָנעם, רעכט אָף קאַפּאָרעס, איך ווייס אַפּילע ניט ווי־אַזוי צו ריידן מיט א מענטשן. איך בין זיך גלײַך פאַר איר מוידע, אַז איך קאָן זייער געזונט גיין מיט די פיס:

— אָט וועלן מיר נאָר אַרויסגיין אין דרויסן, וועל איך אײַך גלײַך באַווײַזן, אַז איך בין א פוסגייער סאַקאָנעס־נעפאָשעס, נאָר וואָס־זשע דען? — טאַקע דער ריינער עמעס: כ'האָב געוואָלט שאַפן כאָטש א וואָסער־ניט־איז קליינעם אינצידענט, קעדיי מיר זאָלן צווישן זיך ווערן א ביסל מער באַקאַנט, וואָרעם נאָך יעדן אינצידענט איז — ווי זאָל איך אײַך אויס־מאָלן? — ווי צוויי אומבאַקאַנט־שווײַגנדיקע פאַרשווינען אָף א לויפּנדיקן באַלעגאַלישן וואָגן: ווי נאָר דער וואָגן טוט זיך מיט זיי סאַכאַקל איין מאָל א קער־איבער, אַזוי גלײַך ווערן זיי צווישן זיך היימיש, זיי מעגן אַפּילע האָבן איינער דעם אַנדערן גוט אָנגעקלאַפּט די זײַטן. נו? — פאַרשטייט איר שוין?

— צי איך פאַרשטיי?..

כאָוואַרטע בראָניעס אויגן צי'ען א קאַפּל צוזאַמען, טוען א פּאָר מאָל א פינטל, זיי קוקן אָף מיר.

— איך פאַרשטיי, — זאָגט זי, — ס'איז א דריידל.

און אין איר קאָל איז צו דערקענען, אַז קיין איבעריקן כיין קאָנען בא איר אַזוינע זאַכן ניט האָבן. זי טוט זיך צום לעצטן מאָל א כאַפּ:

— נו, קומט שוין גיכער, מע קאָן פאַרשפּעטיקן.

זי וויל מער וועגן דעם ניט ריידן. מיר זײַנען שוין אין דרויסן. מיר גייען אָפּ גאַנץ גיך איין קוואַרטאַל, א צווייטן און מיר שווײַגן. איך וויל מיר אָפּגעבן א שטיקל כעזשבן פון דעם,

וואָס איז פּאַרגעקומען: מיט דער הילף פון א „דריידל" האָב איך געקלערט ווערן מער היימיש מיט א מענטשן, נאָר דאָס „דריידל" האָב איך אהער פאַרשלעפּט פון א פרעמדער וועלט און מיט דעם דערגרייכט פּונקט דעם הייפּעך — דער מענטש איז מיט מיר געוואָרן נאָך מער פרעמד. הער א מייסה! — פּאַר א „דריידל", ווײַזט זיך אַרויס, באַקומט מען דאָ אין לאַנד שוין טאַקע לאַכלוטן גאָרנישט... מיר זײַנען שוין אָפּגעגאַנגען א דריטן קוואַרטאַל און שווײַגן נאָך אַלץ. דער אַנטקעגנדיקער ווינט שטאַרקט זיך מינוטנווײַז, אָטעמט מיט יונגן פראָסט גלײַך אין פּאָנעם. דריבנע פּאַלנדיקע שניילעך ברײַען ערטערווײַז די באַקן און דעם שטערן.

כאַווערטע בראָניע האָט ניט קיין הענטשקעס. זי האַלט די הענט אין די אַרבל, ווי אין א מופטע, ציט צונויף די אַקסלען און זעט אויס, ווי א יונג קלוגיטשק פויגל, וואָס וועט זיך דורכלייגן א וועג אַפילו צווישן סאַמע געדיכטסטן אוילעם. איך כאַפּ פון צײַט צו צײַט א קוק אויף איר פּראָפיל און קום צום באַשלוס:

— אַפּאָנעם, זי האָט אַנדערע, מער נײַע און מער גלײַכע וועגן אויף צו ווערן היימיש מיט א מענטשן.

איך טראַכט:

קומענדיק אין פאַבריק, זאָל איך נאָר ניט פאַרגעסן צו פאַרשרײַבן באַ זיך אין נאָטיץ-ביכל:

„זיך באַקענען וואָס גיכער מיט אָט די נײַע גלײַכע וועגן".

II

שטעלט זיך אַרויס:

כאַווערטע בראָניע איז ניט נאָר די פאַרוואַלטערן פון היגן קולטור-הויז — זי האָט אויך א נאָענטן שײַכעס צו די ביבליאָטעקלעך אויף אייניקע פאַבריקן.

מיטן וועג אין פאַבריק אַרײַן פאַרבינדט זיך דאָך צווישן איר מיט מיר א שטיקל שמועס: מיך אינטערעסירן די נעמען פון די ביכער, וואָס אויף די פאַבריקן רעקאָמענדירט מען דעם לייענער. מיר שטעלן זיך אָפּ אויף א פּאָר פון זיי; צווישן אַנדערע — אויך אויף „מידאַס-האַדין".

אַהאַ! — איז שוין, הייסט עס, יאָ פאַראַן א שטיקל מעגלעכקײַט צו ווערן מיט כאַווערטע בראָניען א קאַפּעלע מער היימיש.

כאַווערטע בראָניע פויעלט באַ זיך, זיך מודיע זײַן, אַז זי האָט מיר צו שטעלן א פּאָר פראַגן:

— סאַכאַקל דרײַ פראַגן.

די ערשטע פראַגע: — פאַרוואָס האָט איר אין „מידאַס-האַדין" געמאָלט פיליפּאָוון מיט א פאַרבונדענעם האַלדז?.. ביכלאַל — א ביסל א קראַנקן.

איך זאָג צו איר:

— פאַרוואָס האָב איך אַזוי געמאָלט פיליפּאָוון? — אומיסטן, אָדער קימאַט אומיסטן: קעדיי אונטערצושטרײַכן מיט דעם זײַן רעוואָליוציאָנערע גוואוּרע.

כאַווערטע בראָניע קוקט ניט צו מיר און שווײַגט — מע קאָן ניט וויסן, צי זי באַרעכטיקט עס, צי ניין; אַפּאָנעם, זי טראַכט וועגן דעם און דאַרף האָבן מיט זיך א יישעוו־האַדאַס, צי האָט מען עס ניט געקאָנט טאָן מיט אַנדערע מיטלען.

איך פרעג:

— און די צווייטע פראַגע?

זי:

— וועגן וואָס דערציילט זיך אין אײַער נײַעם בוך, וואָס דרוקט זיך איצט?

איך זאָג עס איר, ווי ווײַט עס לאָזט זיך, זייער אין קורצן. איך מונטער זי אונטער:

— נו, פרעגט ווײַטער.

זי:

— וועגן מירל הורוויץ אין „נאָך אַלעמען" — איר האָט זי געגומען אינגאַנצן פונעם לעבן, אָדער א ביסל צוגעטראַכט?

איך:

— שוין מער ווי צוואַנציק יאָר, אַז איך האָב עס געשריבן. ווער קאָן זיך מיט אַזעלכע זאַכן אָנגעדענקען?

איך גיב צו:

— מיר איז ביכלאַל ניט קלאָר: וואָס פאַר אן אינטערעס קאָן מען דאָ בא הײַנטיקן טאָג צו מירלען האָבן? אַקאָרשט צוריק מיט עטלעכע טעג איז מיר אויסגעקומען צו ריידן וועגן דעם אין קיִעוו פאַר א גרעסערער אאודיטאָריע: „וואָס איז שײַעך צו מיר, דעם אווטאָר, — האָב איך געזאָגט, — האָב איך מיט מירל הורוויץ ניט קאַסענע געהאַט״. דערויף האָט צו מיר דאָרט עמעצער פון דער אאודיטאָריע א געשריי געטאָן: „מיסטאמע האָט זי ניט געוואָלט״, און אייניקע האָבן מיט פאַרגעניגן זיך פאַנאַנדערגעלאַכט.

איך כאַפּ אַף כאַוועראַטע בראַניען א קוק.

— נאַט אײַך, — זאָג איך, — אַפילע איר... אַט לאַכט איר אויך.

— איך? — ניין...

כאַווערטע בראַניע פאַרענטפערט זיך:

— ס'איז ניט דערפאַר, וואָס איך זאָל זיך וועלן פאַר מירלען אָנעמען.

איך:

— פונדעסטוועגן — איר לאַכט נאָך איצט אויך...

זי:

— ניין. פּאַשעט — ס'איז קלוג געזאָגט.

דערבײַ טוט זי שוין דאַפקע יאָ, ווי אומיסטן, אַף מיר א קוק.

איך:

— און מער ווילט איר גאָרנישט בא מיר ניט פרעגן.

זי:

— יאָ, נאָך איין זאַך: וואָס שרײַבט מען וועגן אונדז אין אויסלאַנד? אין די צײַטונגען?

— אין אויסלאַנד אין די צײַטונגען...

איך קלער איר אויף, אַז ס'איז פאַראַן אַן אונטערשייד צווישן די יידישע און ניט־יידישע צײַטונגען:

— די ניט־יידישע קאָנען נאָך אמאָל שרײַבן גוטס, דערנסטמאָל, ווען די יידישע וועלן אזא זאַך ניט טאָן.

כאַווערטע בראַניע:

— פאַרוואָס?

איך:

— עס ליגט דערין א שטיקל סייכל, נאָר וועגן דעם וועט איר מויכל זײַן מיר שטעלן א באַזונדער פראַגע. וואָס איז שײַעך דער יידישער בורזשואַזיע און קלייַנבירגערלעכע צײַטונגען...

איך זוך די מיטלען אַף צו געבן אינקורצן א מער־ווייניק אויסשעפּנדיקן ענטפער.

דעריבער הייב איך אָן פון פידרעך — איך רייד וועגן דעם, וואָס אין די קלענערע שטעט זײַנען נאָך פאַרבליבן געציילטע, וואָס מאַכן א לעבן פון האַנדלען אונטער דער פּאָלע, און דאַפקע זיי גייען מערסטנטייל מעשונעדיק אָפּגעריסן, לאַטעס אַף לאַטעס — אומיסטן, קעדיי מע זאָל זיך וועגן זייער באַשעפטיקונג ניט דערוויסן און ניט אַרופּלייגן אַף זיי קיין שטײַער.

איך דערצייל כאַווערטע בראַניען:

— איינע א מעשונעדיק־געלאַטעטע יידענע האָב איך ניט לאַנג געזען. די יידענע האָט זיך געקלאָגט: אַנומלטן זײַנען „זיי״[1] ווידער געקומען צו מיר — וואָס איז? — איך זאָל „זיי״ געבן פּופּציק דאָלער. — ווו זאָל איך זיי נעמען פּופּציק דאָלער?.. האָבן „זיי״ גענומען און האָבן מיך אײַנגעזעצט, בין איך אָפּגעזעסן צוויי וואָכן. האָב איך זיך מעיאַשעוו געווען: נו? וואָס וועל איך זיצן? בין איך געגאַנגען און האָב זיי געגעבן פּופּציק דאָלער...

איך זאָג צו כאַווערטע בראַניען:

— ט'האָט איר אײַך דעם ענטפער אַף דער פראַגע: די יידישע קלייַנבירגערלעכע צײַטונגען אין אויסלאַנד גיבן איבער בלויז די ערשטע העלפט פון דער יידענעס מײַסע: „אַנומלטן זײַנען „זיי״ ווידער געקומען, איך זאָל זיי געבן פּופּציק דאָלער — ווו זאָל איך זיי נעמען פּופּציק דאָלער? — האָבן זיי גענומען און האָבן מיך אײַנגעזעצט״.

— דאָ האַקן די יידישע קלייַנבירגערלעכע צײַטונגען די מײַסע אָפּ... פאַר זיי איז דאָס גענוג...

כאַווערטע בראַניע, זע איך, כאַפּט פּלוצעם אַראָפּ איר פּוטערן היטל פון קאָפּ, כאַטש אין דרויסן איז קאַלט און דער שניי פאַלט גאַנץ געדיכטלעך. זי האַלט איר היטל פאַר ביידע פּוטערנע אויערן און טרייסלט עס אויף. דאָס טוט זי, אַפּאַנעם, שטענדיק, ווען זי ווערט אויפּ־

[1] „זיי״ — פאַרשטייער פון דער מאַכט.

גערעגט — סײַ צו שלעכטן, סײַ צו גוטן. אינמיטן גאַנג טוט זי אָף מיר איין מאָל און צוויי מאָל א קוק. איך באַמערק: בײַס זי שמייכלט, ווערט בײַ איר איין אויג א קאַפּעלע קלענער פונעם צווייטן, אַרום אירע ליפּן אַנטפּלעקט זיך דאַן עפּעס קינדערשעס, ביז גאָר אָפּנהאַרציקס, ווי בײַ אַלע יענע נײַע מענטשן אין פאַרבאַנד, וואָס האָבן אין זייער לעבן איין־און־איינציקן גרויסן וועג און איין־און־איינציקן גרויסן מיין. עס ווערט מיטאָמאָל זייער לײַכט און גוט מיט־איר צו גיין. איך טראַכט: צי האָב איך ניט אָנגעטראָפן אָף יענעם נײַעם און גלײַכן וועג, אָף וועלכן מע קאָן ווערן מיט כאַווערטע בראַניען היימיש?

זי האָט שוין צוריק אָנגעטאָן איר היטל און איז, דאַכט זיך, בלויז אַרײַנגעטאָן אין פאַר־שנעלערן דעם גאַנג. איר קאָל טוט דעריבער פאַר מיר א קלונג גאַנץ אומגעריכט, ווען זי טוט צו מיר פּלוצלינג א זאָג:

— טאַקע דערפאַר האַלטן מיר פון אײַך.

איך:

— פאַרוואָס?

כאַווערטע בראַניע:

— ווײַל איר זאָגט אָפּט דאָס, וואָס בײַ אונדז ליגט אָט־אָט אָף דער צונג — איך מיין: אין אײַערע דערציילונגען, ניט שטענדיק... נאָר אַמאָל גיט זיך אײַן — אין „שטורעם־טעג", אשטייגער.

איך:

— וואָס איז? — איך זאָל „זיי" געבן — לעמאַשל, אין וועלכע דערציילונגען?

כאַווערטע בראַניע:

— אין „אָף דער הונדערט־איינטער וויאָרסט", אין „הירשל טאַקער".

— נו, גוט, — אונדזער היימיש ווערן איז אָף א דערעך. איך האַלט אזוש אײַן דעם אָטעם פון מוירע קאַליע צו מאַכן.

כאַווערטע בראַניע זאָגט:

— אָף א פאַרזאַמלונג, בײַ פאַנאַנדערקלײַבן אײַערע ווערק, האָט איינער א כאַווער גע־זאָגט וועגן אײַך: איר זײַט שטאַרק, ווען איר פאַלט אָן אָף אונדזער סוינע, פון דעם איז געדרונגען, אַז אונדזער סוינע איז אויך אײַער סוינע.

כאַווערטע בראַניע פרעגט בײַ מיר, ווי האַלט איך:

— ס'איז ריכטיק?

איך טראַכט זיך אײַן אין דעם.

— יאָ, — זאָג איך, — דאַכט זיך, אַז ס'איז ריכטיק, נאָר מיר אַליין איז דאָס ווייניק.

כאַווערטע בראַניע קוקט מיך אָן פון אונטערן שטערן.

— אויב אזוי, — מאַכט זי, — איז גוט.

איך:

— וואָס איז גוט?

זי:

— וואָס איר אַליין ווייסט עס.

איך פיל קימאַט, ווי כאַווערטע בראַניע וואָלט מיך היימיש א טאַרקע געטאָן מיטן עלנבויגן. זי זאָגט צו מיר:

— קומט גיכער. איך האָט אָנגעהויבן גיין צו פאַוואָליע. וואָס האָט איר זיך אזוי פאַרטראַכט?

איך טראַכט גראָד וועגן א פּאָר זאַכן, וועגן וועלכע מיר וואָלט שווער געוועזן מיט כאַ־ווערטע בראַניען צו ריידן.

ערשטנס:

וועגן כאַווערטע בראַניעס לעצטע ווערטער:

„אויב אזוי (אויב איך, דער שרײַבער אַליין, ווייס מײַן כיסאָרן), איז גוט".

אין דער בורזשואזער וועלט וואָלט עס אויסגעטײַטשט געוואָרן ווי א „צעלאָזנקײַט", ווי אָן אזעסדיקע באַציִונג פונעם געווײנלעכן לייענער צום שרײַבער. די ערשטע וואָלטן עס אזוי אויסגעטײַטשט די בורזשואזע קריטיקער, ווײַל זיי האַלטן, אַז בלויז זיי זײַנען באַרופן אָנצוווײַזן דעם שרײַבער זײַן כיסאָרן; זיי זײַנען די דיקטאַטאָרישע „קויהאַנים גדוילים" פון בורזשואזן געשמאַק. ווען דער דײַטשישער טעאַטער־קריטיקער אַלפרעד קער שרײַבט וועגן א טעאַטער־שפּיל, אַז ס'איז גוט, איז פאַרפאַלן — דעם אוילעם מעג עס שטאַרק ניט געפעלן, גיין א קוק טאָן אָפן שטיק מוז מען שוין — ניטאָ קיין ברייירע. ס'איז דערגאַנגען דערצו, אַז דער „באַרימטער טעאַטער־קריטיקער אַלפרעד קער" האָט זיך אָנגעהויבן באַווײַזן פאַרן אוילעם

ניט אנדערש ווי אַנגעטאָן האַלב ווי א דיקטאַטאָר, האַלב ווי א קסיאָנדז — א סימבאָל פון „הייליקייט און מאַכט".

צוויטנס:

איך וואָלט דאָ אַפן אָרט געמעגט פאַרצייכענען אין נאָטיץ־ביכל די אינטערעסאַנטע דיאַ־לעקטיק:

— „אין דער בורזשואַזער וועלט הערט מען ניט אויף צו שרײַען: „מיר זײַנען פרײַע דע־מאָקראַטן". אינדערעמעסן שטויסטו זיך דאָרטן אָן אויף יעדן שריט און טריט אויף פּערזענלעכער דיקטאַטור. — א סימען, אַז דער לאָזונג „דעמאָקראַטיע" איז א ליגנעריש־פאַלשער, א לאָזונג אויף צו פאַרבלענדן און אָפּנאַרן.

— „און אין דער פּראָלעטאַרישער וועלט זאָגט מען אָפן: „אַזוי לאַנג ווי מיר האָבן נאָך ניט דערפירט צו סאָציאַליזם פון קלאַסנלאָזער געזעלשאַפט, בלײַבן מיר פּראָלעטאַריש־דיקטאַ־טאָרישע מאַכט. און די דאָזיקע מאַכט פירט דערצו, אַז דאָ און דאָרט, אין פאַרשיידענע ווינקלען פון לעבן, הייבט זיך אָן צו באַווײַזן עמעסער, ניטגעפאַרבטער דעמאָקראַטיזם".

איך זאָג צו כאַווערטע בראָניען:

— איך בין אײַך נאָך שולדיק אַן ענטפער אויף איין פראַגע.

זי:

— אויף וועלכער?

איך:

— פאַרוואָס די ניט־ייִדישע בורזשואַזע צײַטונגען קענען נאָך אַמאָל שרײַבן וועגן פּסטר גוטס, דענסטמאָל, ווען די ייִדישע וועלן דאָרט אזא זאַך ניט טאָן.

נאָר מיר זײַנען שוין אָט־אָט בא דער פאַבריק, ווו איך האָב אַן ארויסטרעטונג אינעם דרײַ־אזייגערדיקן איבעררײַס. מיר הייבן שוין אָן ארײַנצוגיין אין פאַבריק־הויף און דערהערן פון אקעגן דעם ברומענדיקן גערויש, וואָס איז פאַרשפּאַרט צווישן געמויערטע ווענט פון גרויסע געבײַדעס — אַן אומקלאָר־זינגענדיקער גערויש, ווי פון א נאָענטן, גרויסן וואַסערפאַל. כאַווער־טע בראָניע הערט מער ניט, וואָס איך רייד צו איר. איך קוק זיך אום און דערקען זי ניט:

— וואָס איז געשען מיט דער כאַווערטע בראָניען?!

קיין שום מיידל, קאָן איך שווערן, איז קיינמאָל אַזוי ניט אויפגערעגט געוואָרן באם דער־הערן פון נאָענט די טענץ פון א „כאַסן־מאַל", באם דערהערן די מוזיק פון „א טאַנץ פאַר דער כופּע", ווי כאַווערטע בראָניע — באם דערהערן דעם נאָענטן גערויש פון דער פאַבריק. זי האָט גלײַך אויפגעהערט באמערקן, צי איך גיי אין איין ריי מיט איר, אָדער איך בלײַב פונהינטן. אירע באַקן — פאַררויטלט. אירע אויגן האָבן מיטאַמאָל באַקומען פיל הייסע בליקן און אַלץ אַזוינע, וואָס ציִען נאָך זיך איר גאַנצן קערפּער צום ארײַנגאַנג אין דער פאַבריק. אירע אויערן האָבן זיך איך גיך אײַנגעהערט אינעם פאַבריק־גערויש — יעדער אויער באַזונדער און ביידע אינאיינעם. איר האָט קוים געקלעקט אָטעם אויף מיר א זאָג צו געבן:

— שוין באַלד דער איבעררײַס.

פאַראַן וואַלד־מענטשן, וואָס קאָנען לויט דעם געזאַנג פון די פויגלען פעסטשטעלן יעדע צײַט פון טאָג, און כאַווערטע בראָניע — א פאַבריק־מענטש — לויט דעם רוישיקן ברומען, וואָס טראָגט זיך פון די פאַבריק־געבײַדעס, קאָן זי פעסטשטעלן, ווי ווײַט האַלט מען אין דער אַרבעט. איך באמערק, ווי זי אײַלט זיך, קימאַט זי לויפט אונטער. אין איר פּאָנעם בײַטן זיך די פאַרבן, איך געשלאָסן מויל טוט פון רעגע צו רעגע א ציטער. איך וואָלט שיר געזאָגט: כאַווערטע בראָניע האָט באַזונדערע געפילן צום גערויש, וואָס דערנענטערט זיך צו אונדז — זי האָט צו דער פאַבריק א יעיצערהאָרע.

1933



יעקעזקל דאָבּרושין

ערד=לעבּן

אין הויף

אז מע זיצט פאַרנאַכט אין הויף פון ייִדישן פויערים־הויז און מע טרינקט טיי פון וועג־טשײַניקעס בא א לאַנגן ווײַסן כאַסענע־טיש — וויקלט זיך אזוי געשמאַק דער שמועס, ביפראַט אז דאָ דערבײַ זיצן געסט פון מאָסקווע, געסט, פאַר וועמען ס׳איז ביכלאַל קעדײַ אויסריידן דאָס האַרץ, ווײַל א קאַשע אף א מײַסע, די דאָזיקע רייד קאָנען דורך די געסט טאַקע ערגעץ אָנשפּאַרן און עפּעס טאַקע פּויעלן...

און דער הויף, דער יעוופּאַטאָריער הויף פונעם ייִדישן פויערים־הויז, איז א גערוימער, ראַכוועסדיקער — אליין א שטיק סטעפּ.

און בעשאַס די פאַרשווינדנדיקע זון לעקט, מיט צונג דאַכט זיך, די אָקסישע רוקנס, שפּילט אף די הערנערדיקע קעפּ, וואָס מאַלעגיירען דערבײַ אין דעם אָפּגעצאַמטן הויף־ווינקל נעבן געשפּאַן — בעשאַסמײַסע וואַרפן די עלטערע פויערים א באַלעבאַטישן בליק אף דעם דאָזיקן אַקער־רומל בעראָש מיטן טראַקטאָר, וואָס האָט געבראַכט אהער צו פירן דרײַ וועגענער, אָנגעלאָדענע מיט ווייץ, און רוט איצט אין מיט פונעם קײַענדיקן בעהיימישן געזינדל, אזוי אז ס׳איז גאָר מאָדנע, וואָס ער, דער טראַקטאָר, עסט גאָרנישט.

ייִדן איבערוואַנדערער, הײַנט אָקאָרשט געקומענע, שטופּן ווערטער אינעם אַלגעמיינעם שמועס, ווילן אַראָפּפירן דעם געשפּרעך צו זייערע פרישע אופגעקומענע נויטן, און דער „אָט דו לאָז מיך ריידן” פון זייערע ווײַבער רופט ארויס א שמייכל בא די מעיושעוודיקע פויערים, די צווייאָריקע טוישווים. זיי שמייכלען אין די וואָנצעס, אָט די פאַרפויערטע שוין ייִדן, זופּן מיט האַנאָע דעם בלייכן טיי פון ליימענע קווערטלעך און ווילן דאַפקע וויסן, וואָס הערט זיך אין שטאָט, אין שטעטל.

— דו לאָז צורו מיט דײַנע צאָרעס, — רופט זיך אָפּ איינער פון זיי צום נײַגעקומענעם, — וועסט מאָרגן האָבּן אנדערע, און אויב דו ווילסט, איז איבערמאָרגן אויך.

דער טומלדיקער נײַ־געקומענער גיט זיך אונטער דער אַלגעמיינער רו־שטימונג, ער זופּט שוין, שווײַגנדיק, זײַן טיי, וואַרפט בליקן אף דעם מאָדנעם שטיק סטעפּ, וואָס האָט פאַרבלאָנדזשעט אהער אין שטאָטישן הויף, און דערציילט שוין עפּעס פון שטעטל.

ס'איז שוין שפעט. ייִדן האָבן זיך פּאַמעלעך פון טיש אַרויסגערוקט, געגאַנגען באַזאָרגן די אָקסן אַף נאַכט, און דער דערציילער האָט עמעצן אין אַ ווינקל אַריינגעטײַנעט, אַז ער האָט צוליב דער ערד אָפּגעזאָגט זיך פון אַ שטיקל געשעפט, און אויב מע וועט אים דאָ ניט העלפן, וועט ער פאָרן צוריק.

— דו רייד הויך, — האָט אים דאָס ווײַב אין דער פינצטער געשעפּטשעט, — אַדרעבאַ, זאָלן די מאָסקווער הערן, אַמאָל קאָן אַ גוט וואָרט ווײַט דערלאַנגען.

נאַכט. אָקסן האָבן שוין געשנאָרכט ליגנדיק. עלטערע פּויערים האָבן זיך געגרייט צום שלאָפן.

אַפן פעלד

פונדערווײַטן זעט מען שוואַרצע פינטלעך, וואָס פּויזען אום איבערן אומענדלעכן סטעפּישן יאַם — פונדערנאָענט וואַקסט אויס אַ ייִד מיט אַ פּאָר אָקסן, אײַנגעשפּאַנט אינעם אַקער־אײַזן. דער ייִד איז, דאַכט זיך, אויך אײַנגעשפּאַנט, ער שמײַעט, האָרעוועט, רינט אָפּ מיט שוויס, קאָן ניט דולדן די קריכנדיקע רויִקײַט פון די אָקסן, און אַז קיינער זעט ניט, קריכט ער, מיסטאָם, אויך אין יאָך אַרײַן און העלפט זיי מאַכן דעם אײַסעק שנעלער.

באַטאַגיקע גלי־זון האָט געגאָסן טונען־היץ — עמעסע מידבער־היץ. דער אַגראָנאָם האָט אונדז דערקלערט, אַז די איבערוואַנדערער מאַכן דאָ דעם צווייטן דורכאַקער. דעם ערשטן האָט געמאַכט דער געזערדישער טראַקטאָר אומזיסט און פאַרן צווייטן דאַרפן די איבערוואַנדערער שוין באַצאָלן צו 6 רובל פּאַר אַ דעסיאַטין. האָבן זיי ניט. אַרבעטן זיי אַליין מיט די אָקסן, אַ שווערע אַרבעט.

מיר זעען, אַז ס'איז אַ שווערע אַרבעט. דער ערשטער ייִד, לעבן וועלכן מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט, ווײַנט מאַמעש מיט טרערן. דער גרונט, זאָגט ער, איז אים אויסגעפאַלן אַ האַרטער, אַן אויסערסט האַרטער, און ער אַליין איז שוין אַריבער פופציק אַלט, באַם דאָזיקן זונען־גלי פאַלט ער מאַמעש פון די פיס, און דער כאַוער אַגראָנאָם גיט אים ניט דעם טראַקטאָר אַף קרעדיט.

— מיינט איר, אַז ער איז אומגערעכט, דער כאַוער אַגראָנאָם? — פרעגן מיר באַם ייִדן.

— כאָלילע, איך בין דען אַ קינד, — שמייכלט ער שוין, — דער כאַוער אַגראָנאָם איז וואָדע גערעכט, אָבער איך בין אויך גערעכט.

זײַנען נאָך אַקערנדיקע ייִדן אַראָפּגעקומען אַהער פון די אַרומיקע פעלדער. ייִדן פון ערשטן אַרבעטס־יאָר, וואָס ווינען נאָך אין בײַדלעך און שטאַלן, זײַנען שטרענג צעטיילט אַף „צענרובלדיקע" און „פופציקרובלדיקע". און די „פופציקרובלדיקע" האַלטן אין איין טײַנען —

— אַז בעטעווע, — טײַנען זיי, — בעטעווע זײַנען מיר גאָר צענרובלדיקע, וואָס זשע דען, מע האָט מער ניט געוואָלט פאַרשרײַבן די ערשטע קאַטעגאָריע, נו, האָבן מיר אַ ברייִרע געהאַט קריכן אין די פופציקרובלדיקע.

אָבער מיט אַ ברייִרע, זאָגן זיי, קאָן מען קיין וועקסלען ניט צאָלן, האָבן זיי אַרומגערינגלט איצט דעם אַגראָנאָם און געבעטן — זיי האָבן באַ אים גאָרנישט ניט געמאָנט — נאָר געבעטן, ער זאָל וואָס אָפּטער קומען אַהער צו זיי.

— איז וואָס וועט זײַן, אַז איך וועל קומען? — האָט געפרעגט דער אַגראָנאָם.

— אַז איר וועט קומען, וועט איר קוקן.

— און אַז איך וועל קוקן?

— אַז איר וועט קוקן, וועט איר זען, ווי שווער אונדז איז אָפּ אָט דעם האַרטן באָדן.

— אָבער זען אַליין איז ווייניק.

— מיר ווייסן, אַז ס'איז ווייניק.

— נו, איז וואָס?

אָנשטאָט אַן ענטפער האָבן זיך די ייִדן אַליין צעלאַכט — אַזוי פלוצלינג זײַנען דאָ טאָמיד די איבערגאַנגען פון טרויער צו געלעכטער — און דער ווײַנענדיקער ייִד האָט שוין באַשעפטיקט־מונטער נאָכגעפרעגט זיך באַם אַגראָנאָם, אַף ווי טיף דאַרף באַ אים זינקען דער אַקער־מעסער.

— ער איז אַ ייִד אַ מאַסמיד, — האָבן וועגן אים געזאָגט די איבעריקע איבערוואַנדערער, — אָבער ער האָט נעבעך ניט קיין קויעך, ווײַנט ער.

און בעשאַס דער קינסטלער נאַטאַן אַלטמאַן, וואָס איז דאָ געווען צווישן די מאָסקווער,

באָריס גאָראָכאָווסקי — מײַסטער פון מעכאַנישן צעך.

אַלעקסאַנדער שמוקלער — קאָלווירטישער מעכאַניזאַטאָר, דעפּוטאַט פונעם געגנטלעכן סאָוועט פון דעפּוטאַטן פון די ארבעטנדיקע.

וואַלערי זאַקס — ווערקשטעלער אַפן זאַוואָד פון קראַפט־טראַנספאָרמאַטאָרס, שלאָגלער פון קאָמוניסטישער מי.

האָט צוגעגרייט זײַן פּאַפּיר און בלײַפעדער אַף צו מאַכן אַ פּאָר צייכענונגען פון דער אַקער־אַרבעט, האָט גראָד דער ערשטער זיך אַרויסגערופן אַט דער עלטערער איבערוואַנדערער, ער האָט פלינק אַ טרײַב געטאָן די אָקסן און גאַנץ געשיקט אופגעגראָבן אַ לאַנגע ערד־שורע.

— סאַפּקאַלסאַף איז עס ניט מער ווי אַ רעגילעס, — האָט ער פריילעך געשריִען פונדערווײַטן.

אַלע האָבן באַלד דערנאָכדעם באַוווּנדערט די ענלעכקייט פון דער אַלטמאַנישער אָפּדערגיך געמאַכטער פעלדצייכענונג.

— זע, דײַן געשפּאַן, אַלטער, און דו אַליין, אַן עמעסער פּויער!

— טאַקע געראָטן אין אַ פּויער, — האָט ער זיך אַליין געכידעשט, דער אַלטער, קוקנדיק אַף דער צייכענונג.

— וואָרט נאָר, — האָט אים עמעץ שוין געטרייסט, — זאָלן נאָר אונטערוואַקסן דײַנע אַכט קינדער, וועסטו צו קיינעם דאָ ניט דאַרפן אָנקומען.

און אָט וועגן די אַכט קינדער איז דערנאָכדעם אוועק אַ רייד.

— מיילע, דעם באָדן, — האָט ער ווידער געטײַנעט, דער אַלטער, — וועל איך שוין ווי־ס'איז אײַנבײַסן, אָבער ווי לייגט מען אײַן אַכט קינדער אין אַ מערעזשינקע, אינעם הויז, הייסט עס, וואָס דער „געזערד" בויט מיר? און אַדעראַבע, זאָל עמעץ פּרוּוון דאָרט אויסטאַשעווען צום שלאָף אַכט קינדער און איך און דאָס ווײַב, זאַלבעצענט קיין אײַנהאָרע?

מיר האָבן שוין געהאַלטן באַם אָפּפאָרן. ייִדן האָבן געפרעגט לעצטע אײַלנדיקע שײַלעס באַם אַגראָנאָם, אָט ווי מע וואָלט זיך געזעגנט אַף יאָרן — לעצטע אָנזאָגן, לעצטע פּאַראָרדענונגען, און דער אַלטער האָט געהאַלטן באַ זײַנס:

— נאָך אַף דרײַ קינדער דאַרף איך פּלאַץ. באַ מיר בלײַבן אויסן דרײַ קינדער, — האָט ער זיך געווענדט צו אונדז, צו די מאָסקווער, — זאָגט זיי דאָרט אין מאָסקווע.

און נאָכאַמאָל:

— אַף דרײַ קינדער פּלאַץ, זאָגט זיי דאָרט אין מאָסקווע.

מיר האָבן אים מאַווטיִעך געוועןזאָגן.

— מײַן פאַמיליע איז — פריידלין.

7—1685

זון, גרויסע הייסע קרימער זון אף ראַכוועסדיק־אָנסאָפיקע יעווּפּאַטאָריער פעלד־סטעפּעס. און אין מיטן דער זוניקער ראַכוועס — פריש אויסגעלייגט אין רייען בוי־בּרעטער און ליים־ציגל.

אָט דאָ וועט מען בויען א ייִדישן גרעסערן יישעוו אין יעווּפּאַטאָריער געגנט. העכער זיבעציק הײַזער וועט מען אוועקשטעלן, און א דאָרפס־הויז פאַרן ייִדישן דאָרפסראַט און א קינדער־שול וועט מען אויסבויען, און אן אָרט פאַרן ראַדיאָ־שפּרעכער איז אָנגעגרייט.

איז הײַנט אן אָפיציעלער יאָמטעוו — מע לייגט דעם ערשטן שטיין פון דער ערשטער געבײַדע. זײַנען אהער געקומען פאָרשטייער פון די פּאַרטייִשע אָרגאַניזאַציעס, פון דער ייִדישער געזעלשאַפטלעכקײַט און אָרכים — פויערים פון די ארומיקע דערפער — רוסישע, דײַטשישע, טאָטערישע. א גרויסער פויערישער עוילעם האָט זיך אהער פאַרזאַמלט, געקומען אָנטיילצונעמען אין דער סימכע פון די ייִדישע איבערוואַנדערער.

פלאַקערט באַטאָגיקע קרימער זון און שווענקט אין אומגעהויערער זונענשײַן די אַפּדעררגיך אופגעשטעלט טריבונע, צינדט די גאָלדענע אויסיעס אפן רויטן פאַס: „לעבן זאָל די ראַטנמאַכט, וואָס האָט דערלייזט די ייִדן־פראַגע דורך אריבערפירן די ייִדן אף ערד!"

אליין די איבערוואַנדערער האָבן דעם דאָזיקן לאָזונג אויסדערווײַלט, זיי — די איינציקע אײַנאָרדענער פונעם דאָזיקן יאָמטעוו. לויפן זיי ארום פאַרפאָרעטע מיט שעמעוודיק־פרייִדיקן בליק, ווי מעכוטאָנים, וואָס נעמען אוף געסט אף א כאַסענע.

און געסט קומען אָן, פון אלע עקן וועלט, דאַכט זיך, קומען זיי אָן, ווײַל ניט מיט קיין וועג קומען זיי — קיין וועג איז דאָך אהער ניטאָ — זיי שנײַדן דורך יעדערער פאַר זיך די ארומיקע גרויסע שמיטע־פעלדער. אָט די אווטאָמאָבילן, בריטשקעס און פוסגייער קומען אָן פון פאַרשיידענע האָריזאָנטן, ווי פון אלע צעעפנטע וועלט־טויערן, ציִען זיי זיך אהער צום קליינעם הײַפל אָנגעוואַלגערטע מענטשן און בוי־שטאָף.

און מיטן זעלבן אָנוועג, רעדערנדיקע מיט די געווינטע מעסערדיקע רעדער אף די האַרטע שמיטע־פעלדער, לאָזט זיך אהער פון ערגעץ פאָרן די טראַקטאָריסטישע ייִדישע מאַכנע, וואָס ארבעט אף די קרימער איבערוואַנדערער־ערדן. פויזעט יעדער טראַקטאָר אליין זיך, ווי א טאַנק, קריכט אהער מיט שווערגופּיקער געשיקטקײַט, קומט און שטעלט זיך אין ריי, — א טראַקטאָריסטישע פּאַראַד־שורע נעבן דער טריבונע. און פון יעדער טראַקטאָר קריכט אראָפּ זײַן אָנפירער — א טראַקטאָריסט, אָנגעטאָן אין ספּעץ־קליידער, אין בלאָווען העמדל־הויזן מיט פירעקעכדיקע שפּאַקולן־גלעזער אף די דאַשעקעס פון די קעסטלדיקע קאַשקעטן — קריכט אראָפּ און שטעלט זיך אף דער ערן־וואַך לעבן זײַן טראַקטאָר, ערן־וואַך מיט פרידלעכן געווער, מיט נײַעם סאָוועטישן געווער פון ארבעט און מי...

דער יאָמטעוו הייבט זיך אָן. ארומגעוויקלט מיט זונען־שײַן, שטייט אף דער טריבונע דער ערשטער רעדנער, וועלכער הייבט אָן זײַן באַגריסונג אין ייִדיש, אָט ווי פאַרזייענדיק צום ערשטן מאָל די ייִדישע שפּראַך אף די דאָזיקע פרוכטבאַרע סטעפּעס. שטיל אָנגעשטרענגט הערן אויס די רוסישע און טאָטערישע פויערים און פויערטעס, מיט שטומען גלויבן אין די אויגן שאָקלען זיי מיט די קעפּ און מיט דורכגעלויכטענע פּענעמער הערן זיי דעם רוסישן סאָף פון דער רעדע, הערן וועגן דעם, ווי די ייִדישע בורזשואזיע איז זיך באַגאַנגען מיט דער ייִדישער אָרעמקײַט, הערן וועגן די צאַרישע רעדיפעס, וועגן געוועזענעם אנטיסעמיטיזם און וועגן דעם געזונטן ברודער־לעבן, וואָס האָרעפּאַשניקעס פון פאַרשיידענע נאַציעס וועלן פירן דאָ אף דער דאָזיקער ערד. זיי הערן אויך וועגן דער ייִדישער ליטעראַטור, וואָס איז בלוטיק פאַרינטערעסירט אין דער ערד־אײַנאָרדענונג און האָפט וואַקסן צוזאַמען מיטן וווּקס פון דעם דאָזיקן געזונטן ערדישן נאַטור־לעבן.

פלעכטן זיך איינע אין איינע די רעדעס אף פאַרשיידענע שפּראַכן, לויכטן אוף פויערישע געזיכטער, וואָס הייבן אָן פאַרשטיין דעם פּראַקטישן באַטײַט פון דער נאַצפּאָליטיק פון דער ראַטנמאַכט, קלאַפּן הערצער הייס און ברידערלעך, און אלע איניינעם ענג און צוזאַמענגעשלאָסן רינגלט מען ארום די אופגערופענע כאַוויירים פאָרשטייער, וועלכע מע האָט מעכאַבעד געווען מיט לייגן די ערשטע שטיינער אין פונדאַמענט. געהויבן און פײַערלעך ווערט די שטימונג בעשאַס די אופגערופענע פאָרשטייער נעמען די טראָג־ברעט מיט די שטיינער און מאַכן א קרײַז — אַזוי הייסן די פויערים — ארום דער קומענדיקער געבײַדע, פון אלע העלדזער טוט זיך א ריס דער „אינטערנאַציאָנאַל", און עכט און עמעסדיק קלינגען די ווונדערבאַרע ווערטער פונעם דאָזיקן פאַרווירקלעכטן דאָ ברודער־הימן, ווען באַגײַסטערטע רוסישע און טאָטערישע פויערים קאָנען זיך ניט אײַנהאַלטן, גענעענען איינציקוויַיז, און צוזאַמען מיט די

פאָרשטייער לייגן זיי יעדערער א שטיין אינעם פונדאמענט פונעם קומענדיקן ייִדישן ערד־ייִשעוו, מורמלענדיק דערבײַ:

— מיט גליק, מיט מאזל, אף לאנגע יאָרן!

פאָרט פארבײַ א צופעליקע פור מיט דאָרפישע יעגער, שטעלט זי זיך אָפּ, די יעגער באַטראכטן א ווײַלע דעם יאָמטעוו און נעמען אלע שיסן פון די ביקסן, נעמען סאליוטעווען פון זעקס ביקסן אונטער דעם פריידיקן אויסגעשריי פון די פארזאמלטע — אן אליין־פון־זיך קוועלנדיקע סימכע!

און אז מע זעצט זיך אויס אלע ארום די אימפּראָוויזירטע לאנג־ברעטערדיקע טישן, ארום אָט די קליינשטעטלדיקע כאסענע־טישן, און אז די ייִדן פון קאָלעקטיוו דערלאנגען סארווערנדיק דעם צוגעגרייטן סטעפּיש־דאָרפישן קיבעד — הערינג מיט אוגערקעס, מיט קאווענעס און עטלעכע בוטלען היימישן זויער־ווײַן — פאָדערן די פויערים, אז די ייִדן זאָלן זינגען א ייִדישן ניגן. זינגט מען „לאָמיר אלע אינײנעם די פויערים מעקאבל־פּאָנעם זײַן”, די ראטנמאכט, דעם „געזערד” — אלעמען, אלעמען מעקאבל־פּאָנעם זײַן. אָט דאָ, אין מיט פון זוניקער וועלט אף די באפרײַטע אלעמענס מי־פעלדער איז מען מעקאבל־פּאָנעם די אלע, וואָס טראָגן אף זיך דעם אָל פון שאפן, אָט דאָס נײַע ארבעטס־לעבן, די אלע, וואָס וועלן העלפן שאפן אָט דעם נײַעם סטעפּישן ייִשעוו, וואָס באקומט איצט ערשט דעם פרישן פעלד־נאָמען „נײַברויט”.

„נײַברויט” — דעם דאָזיקן נאָמען האָט די געזערדישע מאשין מיט זיך אהער געבראכט. און דער כאווער אגראָנאָם נעמט א וואָרט און דערקלערט פײַערלעך דעם דאָזיקן נאָמען פונעם נײַגעבוירענעם ייִשעוו — „נײַברויט”.

„נײַברויט” — כאזערן גערן גרינג די דײַטשישע פויערים. און די רוסישע און טאָטערישע דרייען שווער מיט דער צונג. און אז מע גיט זיי איבער דעם באַדײַט פונעם וואָרט, ווערט פריילעך איינער א באיאָרטער רוסישער פויער.

— גערעכט, כאוויירימלעך, — שמייכלט ער מיטן גאנצן קארע פּאָנעם, — עמעסדיק גוט! „נײַברויט”, הייסט עס, „נאָוואָכלעבאָווקע”, א גוטער נאָמען, אן אונדזעריקער, א פויערישער, אן אייביקער!

האלט די זון וואָרט און גיסט אָנופהערדיקע שײַן אף אָט דער מיטפעלדישער פארזאמלונג, אף דעם ברודער־יאָמטעוו פון האָרעפּאשניקעס פון פארשיידענע פעלקער, צום ערשטן מאָל אין לעבן זעט זי דאָ אזא ייִדישע סימכע, די זון...

און אז די געסט פאָרן זיך פאנאנדער, אז די געזערדישע מאשין געזעגנט זיך מיטן קאָלעקטיוו, און, באגלייט דורך פריידיקע אויסגעשרייען, לאָזט זי זיך איבערשנײַדן דאָס שמיטעפעלד, קנייטשט דער כאווער אגראָנאָם פריילעך מיט די אויגן און ווײַזט אפן אָרט פונעם קומענדיקן ייִשעוו.

— אָט דאָ, זעט איר, וועט זײַן א דאָרפס־הויז פארן ייִדישן דאָרפסראט; דאָ וועט זײַן די הויפּט־גאס; דאָ — די קינדער־שול, און דאָ וועט שטיין דער ראדיאָ־אופנעמער פאר דער גאנצער ארומיקער באפעלקערונג, איר זעט?

— מיר זעען, מיר זעען...

— אוודע זעען מיר!

1928

וועגן פארבעסערן דעם סאָציאַלן באשטאנד פון דער ייִדישער באפעלקערונג

...עס איז קלאָר געוואָרן, אז אזא וויכטיקע באוועגונג, ווי דער מאסן־איבערגאנג פון די ייִדישע האָרעפּאשניקעס צו ערד־ארבעט, קאָן ניט געפירט ווערן קוסטאריש. דער פאָלקס־קאָמיסאריאט פון נאציאָנאַלע איניאָנים (פאָלקאָמנאץ) און דער ייִדישער קאָמיסאריאט האָבן דאן שוין ניט עקזיסטירט. מע האָט באדארפט שאפן א ספּעציעלן מעלוכע־אָרגאן, וואָס זאָל זיך פארנעמען מיט דער ערד־אײַנאָרדענונג, און א געזעלשאפטלעכע אָרגאניזאציע, וואָס זאָל איר מיטווירקן. פריִער האָט זיך יעדע געגנט דערמיט פארנומען, ווי מיט אן אינערלעכן איניען, איצט האָט זיך געשטעלט די פראַגע וועגן אן איבערוואַנדערונגס־פּראָצעס אין א גרויסן מאסשטאב, קעדיי צו שאפן גרויסע מאסיוון מיט קאָמפּאַקטע ייִדישע מאסן.

זומער 1924 האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּארטיי דעם איניען באוויליקט. גלײַך נאָך דעם איז געשאפן געוואָרן דער נײַער אָרגאן, דער קאָמערד. פּאָרמעל איז דער ערשטער קאָמערד געגרינדעט

(פאָרזעצונג זע ז. 120)



מײער אלבערטאָן

צום קוילנגרוב

..אין דעם טאָג האָט מען אין בײדע שטיבער — בא לאָנע דער קירזשנערקע און בא לאָזער ליימארניק — שטארק געזשובעט, און ס'ניט געבליבן קײן ברעקל מינוט, מע זאָל קאָנען א טראכט טאָן, וווהין ס'פאָרן די ייִנגלעך. דער אקשן אווראָם לאָזערס האָט טאקע די לעצטע צײַט אזוינס אויסגעארבעט, אז מע איז שוין פאָשעט געוועזן גערן אין זײַנעם און מענאשעס אָפּפאָרן.

סאכאקל וואָלט לאָנע די קירזשענערקע בעשום־אויפן איר מענאשען ניט געלאָזט ערגעץ פאָרן אָף קאטאָרגעס. וואָרעם נאָך קלײנערהײט, ווען די מוטער האָט אים אָנגעזײפּט ס'קעפּל באם צוואָגן זיך, האָט ער געמאכט אזעלכע גוואלדן, אָף ניט איבערצוטראָגן. ניט ווײַל די זײף האָט אים געשניטן די אויגן: ער איז גראָד זײער א טערפּליאטשער, מענאשע, — ער פלעגט מאכן די געשרײען איבער דעם, וואָס ער האָט מוירע געהאט האלטן די אויגן פאַרמאכט.

— אוי, איז מיר פינצטער אין די אויגן, — האָט ער געשריגן, מענאשע, און זיך געריסן פון דער מאמעס הענט. — ס'מיר אזוי פינצטער אין די אויגן!..

איז ווי זשע לאָזט מען אזעלכעס אָפּ?..

נאָר אז ס'פאָרט לאָזער אָן־דער־האנטס ייִנגל, קאָן מיט אים פאָרן מענאשע אויך. אווראָם לאָזערס איז א געזונטער, א קרעפּטיקער באָכער — אן אײַזן. ווען ער איז נאָך געווען גאָר א שנעק, פלעגט ער אין די „גוטע" יאָרן זיך אוועקלאָזן אײנער אלײן איבער די דערפער אָן א פיצל פּרוטיקל אין די הענט. אווראָם האָט זיך, אשטײגער, געקאָנט פאַרגינען פאַרקלײַבן זיך הינטערן וואלד, דאָרטן אָנהאקן מיט א מעסוקן שווערער האק שפּענער צי האָלץ און אַרײַנברענגען דעם פאָטער דעם קאליקע אין קעלער־קלײטל עטלעכע זעק געברענטע קוילן אָן א פרוטע געלט.

די לעצטע צײַט האָט זיך אווראָם אײַנגעשפּארט, אז ער מוז ערגעץ אוועקפאָרן. און אויב שוין פאָרן, איז נאָר אין קוילנדיקן דאָנבאס. וואָרעם וועך פארשטײט נאָך אזוי אין קוילן, ווי ער? זײַן טאטע לאָזער אָן־דער־האנט האָט אלע יאָרן געהאט צו טאָן ניט בלויז מיט אלערליי לײמען, נאָר מיט קוילן אויך — מיט געברענטע און מיט מאשינאָווע קוילן, וואָס מע מאכט זיי אָף די שאכטעס.

ווער וועט זיך אַצינד מיט אווראַמען שטעלן? קיינער וועט זיך מיט אים ניט שטעלן. אוו־ראַם איז אַ גוואַר און אַן אַקשן. ער איז גרויס און ווילד. טאָמער עפּעס ניט אַזוי — טוט ער זיך אַ כאַפּ, ווי פון אַן אומגעריכטן ביס, גלייכט אויס זײַן פּאַרקײַלעכיקטע, קרעפּטיקע פיגור און צערעוועט זיך:

— גייט אַוועק פון מײַן קאָפּ... — און קימאַט יעדער מאָל לאָזט ער אויס: — אַז מע וויל מיך נאָר דערווארגן. — דאָס לעצטע זאָגט ער אַזוי, אַז דער, וואָס הערט עס אויס, טרעט אָפּ, גיט אים נאָך...

...ווען דאָס פּאָרל איז אַרויסגעגאַנגען פון כאַשטשעוואַטע, איז נאָך די זון אין הימל געווען אַזוי נידעריק, אַז פון ביידע ייִנגלעך האָט אַוועקגעשפּאַרט צוויי מעשונע לאַנגע שאָטנס. ווי וועדליק זיי האָבן זיך געקערעוועט אויף די שטעגעלעך, זײַנען די שאָטנס זייערע אויסגעקומען דאָ פון פאָרנט, באַ דער זײַט אָדער גאָר פון הינטן.

ווען די שאָטנס זײַנען אויסגעקומען פון פאָרנט, האָט דאָס פּאָרל באַמערקט, אַז אווראַמס שאָטן איז אַ סאַך לענגער, און ס'קומט אויס, ווי ער גייט פאָרויס. אינדערעמעסן איז מענאַשע מיטן כאַווער געגאַנגען באַנאַנד. סטאַם דער שאָטן אווראַמס איז אויסגעקומען לענגער, און דערפאַר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער שפּרײַזט פאָרויס...

...דעם גאַנצן וועג צום דאָנבאַס איז מענאַשע ניט אָפּגעטראָטן פון אווראַמען. מענאַשע האָט אויף אווראַמען געקוקט מיט זײַנע צוויי איבערגעשראָקענע אויגן און מיט די צוויי גרויס־גרויסע אויערן, ווי באַ זײַן מאַמען, ווען זי נעמט זיי אויף דער זײַט אַרויס פון אונטערן טיכל — און געפאָלגט.

אויף די סטאַנציעס, ווו מע שטייט מער מיט עטלעכע מינוט, האָט אווראַם געשלעפּט זײַן כאַווער אין דרויסן, כאָטש מענאַשע האָט זיך געזאָגט, אַז מע דאַרף ניט גיין. דאָרטן, לעבן לאָקאָמאָטיוו, האָט אווראַם געפּאַקט אַ שטיקל קויל און עס געלישטשעט, געוויזן און דערקלערט מענאַשען, ווו און וויאַזוי ס'מאַכן זיך קוילן.

— אַזעלכע קוילן זײַנען „סקליוטשיטעלנע" נאָר פון די שאַכטעס. פון דעם דאָנבאַס, ווו־הין מיר פאָרן.

עפּעס איינע אַ פרוי, אַ ווײַסע, שיינע פרוי, איז געשטאַנען באַ דער זײַט מיט פּאַרלייגטע הענט, געקוקט און געביסן די אייגענע גוטע ליפּן. אַ מעכײַעדיקער רייעך פון פּאַרפומען איז צו גאָר נאָענט צום פּאָרל און אַזוי געקיצלט אין די נעזער, אַז אווראַם האָט זיך פאַר איר פאַרשעמט און איז אַנטלאָפן מיטן כאַווער.

לאָזט זיך אויס, אַז די פרוי איז אויך פון דעם זעלבן וואַגאָן, נאָר פון דער צווייטער קופּע. זי איז געשטאַנען אין דער ראַם פון דער אָפענער טיר און לעבעדיק דערציילט עפּעס אַ שכיינע פון יענער קופּע. נאָר געקוקט האָט זי אַהערצו, אויף די צוויי ייִנגלעך. אווראַם האָט אומיסטן אָפּגעקערט דאָס פּאָנעם, ער האָט נאָר געכאַפּט צו זען איר טונקעלן קלייד, וואָס כאַפּט שטײַף אַרום איר שטאַלטנע פיגור, און אַז ווען זי הייבט אויף די גלדיכטע הענט, ווערט די פיגור נאָך כיינעוודיקער, מעכײַעדיקער... און מענאַשע האָט גאָר ניט געוווּסט, וווהין זיך אַהינטאָן: זאָל זי אַזוי ניט קוקן, אָט די שיינע, אינעם שווארצן קלייד...

...אויף דער לעצטער סטאַנציע, פונוואַנען מע גייט שוין זוכן אַרבעט, זײַנען אַראָפּגעקראָכן פון פיל שטעטלעך ייִנגלעך און עלטערע. כאָטש איבערן גאַנצן דרויסן האָט שעמערירט אַ העלע זון, איז די פּלאַטפאָרם געווען אײַנגעזונקען אין אַ טיפן שאָטן, וואָס האָט געקילט די צעהיצטקײַט און פאַרפינצטערט די פּענעמער סײַ באַ די, וואָס קריכן אַראָפּ, סײַ באַ יענע, וואָס באַגעגענען. אווראַם מיט מענאַשען האָבן אין די אַראָפּגעקראָכענע פון צוג דערקענט נאָך אַזעלכע, וואָס גייען זוכן אַרבעט. אין זייערע אויגן האָט געפיבערט אויסער פּאַכעד, אויך היפּש נײַגער און עמעסער ווילן כאָטשבי ווי־ס'ניט־איז ערגעץ עפּעס אין אַן ערטעלע זיך באַשטאַטן.

פון יענער זײַט וואָקזאַל, אויף דער טיר צו דער שטאָט־צו, איז שוין זון יאָ געווען, נאָר זי האָט קיינעם ניט געוואַרעמט. זי האָט בלויז געבלענדט די אויגן. אַלע אָנגעלאָפענע האָבן אַ ווײַלע געזשמורעט די אויגן, נאָכגעקוקט די פאָרמאַנעס, וואָס פאָרן אַרום דעם אַרומגעגרוי־זעטן סעדל, רופן פּאַסאַזשירן און שטעלן זיך באַ דער וואָקזאַל־טיר ניט אָפּ. און ווען אַלע פּורלעך זײַנען פאַרבײַגעפאָרן, האָבן די נײַ־אָנגעקומענע מיט אַ פּלוצעמדיקן אימפּעט זיך צע־שאָטן אין קופּקעלעך־גרופּעלעך.

צום כאַשטשעוואַטער פּאָרל זײַנען באַלד צוגעשטאַנען נאָך דרײַ פון לאָקעשיוועק: נאַכעם פּינעס — ניט קיין געגאָלטער, וואָס זײַנע האָר אויפן קאָפּ זײַנען שוין, קענטיק, גראָע. זײַן דענעק פונעם היטל, וואָס האָט געשמעקט מיט לײַדיקע גאַלאַנטעריי־שאַכטלעך, איז געווען אינגאַנצן אַראָפּגעפּלעטשט, און דאָס האָט אים געמאַכט דערשלאָגענער פון די איבעריקע

פיר ייִנגלעך. נאָר ווען ער האָט גערעדט, איז פון זײַנע ווערטער אויסגעקומען, אז דער זיכערסטער אף דאָ זיך אײַנאָרדענען איז ער.

— זײַט שוין באוואָרנט, — האָט נאָכעם צוגעמאכט איין אויגל, — אז איכל זיך אין אזא שטאָט ניט לאָזן אָן פּאפּירן. איך האָב אַ־אלע יאָרן געדינט, — האָט ער וועגן זיך אליין וויראזשנע געזאָגט צי גאָר זיך געטרייסט. און גלײַך זיך פארכאפּט: — ס׳הייסט, די אייבערשטע יאָרן, די לעצטע. זײַט שוין באוואָרנט.

און אבי ער האָט נאָר אָפּגערעדט, פּינעס, האָט זײַן דענעק פונעם היטל אליין נאָך בעסער זיך אראָפּגעלאָזט און נאָך מערער אים פרילישעט, און ער האָט אויסגעזען דערהארגעטער ווי די איבעריקע פיר ייִנגלעך. ביז ער האָט זיך נאָך עפּעס דערמאָנט, האָט ער צוגעמאכט דאָס לינקע אויג, צעקנייטשט ארום דעם אין אלע זײַטן פאלדן און פארזיכערט:

— אף דער בירזשע, זײַט באוואָרנט, ל׳איך שוין געוויס דורכגיין. גראָדע די בירזשע זעט זיך בא מיר ניט אָן. זײַט שוין באוואָרנט...

כוץ פּינעסן איז דאָ געווען דודי לייב מויכער־טוווּעניקס. זײַנע זאכן זײַנע געווען אײַנגעוויקלט אין א צעריסענעם ברעזענט, אָנגעפּאָפּטן מיט צוגעשלאָגענע קלײַען; ער האָט זיך געוואָלט שטעלן ערגעץ אין א מאגאזין. ער האָט גערעדט צעקראָכן, געציילט מיט דער צעשפּאָלטענער ליפּ אייניציקע ווערטער, אז אויב ניט אין א מאגאזין, ארט אים שוין ניט ווו־ס׳ניט־איז, אבי גיכער. ס׳וואָלט געווען זייער גוט, ווען מע קאָן זיך ערגעץ שטעלן הײַנט מיט א קוואַרטיר און מיט עסן. ווײַל פון הײַנט אָן סטײַעט אים שוין ניט אף א קוואַרטיר און ניט אף עסן.

דער אייניציקער פונעם גאנצן פינפלינג, וואָס האָט געהאט א נײַ־קוישעלע, ארומגעוויקלטס נאָך מיט נײַע רימענדלעך, איז געווען באָריס ווײַנבערג. ער האָט כוץ דעם נײַעם קוישעלע געהאט מיט זיך נאָך א פודל פון א פידל. ער וואָלט א באלן געווען זיך „אוסטראָיען" אף א גרינגער „סלוזשבע", אף אזא „סלוזשבע", ער זאָל אפדערנאכט קאָנען זיך „אופּראזשנײַען" אפן פידל. ער האָט זיך דער אייניציקער אָפּגעוואשן אף דער סטאנציע. פארקעמט זײַן ליכטיקן, גלאטן טשוב ארוף און אָנגעשמירט מיט שמעקנדיקן רעפּיינעם בוימל. וויפל ער האָט ניט געקעמפט, איז דער שטערן זײַנער געבליבן געגנוג שמאָל, ווי א דין רייפטל פון א קליינער, ליידיקער דיניע. באָריס האָט זיך פארן שפּיגעלע פאמעלעך געקעמט און פונדעסטוועגן געצײַלט וואָס גיכער גיין אף דער בירזשע: עפּשער וועט מען נאָך הײַנט קריגן א קארטל אף ברויט. אויב ניט, וועלן זיי פון די ערשטע טעג אָן בלײַבן אפן „דיקאָפּט".

...צו א ריי בא איינעם א פענצטערל אף דער בירזשע האָבן זיך די פינף אויך צוגעשטעלט. פריִער האָט זיך געשטעלט דער „באוואָרנטער" פּינעס, די איבעריקע פיר הינטער אים. אווראָם איז אלעמאָל געגאנגען קוקן, צי קיינער גייט ניט צום פענצטער אָן דער ריי.

לעאָניד גויפמאן — אן ארבעטער אין טאקסאָמאָטאָר־פּארק, באלוינט מיט דער מעדאל פאר ארבעטס־העלדנמוט.

לעאָניד בעלענקי — לעקאלשטשיק.

ראָמאן כאנין — פּרעזעראָוושטשיק בא מעכאנישע ווערקשטעלן.

אז ס'דערגאַנגען די רייד צו פּינעסן, האָט ער מיט דערשרעק און האָפענונג ניט דערלאַנגט זײַנע פּאַפּירלעך, ווי אַלע טוען, נאָר צעטומלט אַרײַנגעוואָרפן זיי אין פענצטערל. פּינעס האָט אַהינצו אין צימער, ווי אַלע טוען, ניט אַרײַנגעקוקט. ער האָט גאָר געקוקט אַפן לאָך פונעם פענצטער... און אָט האָט זיך אַ האַנט, אַ שרעקלעכע מיידלשע האַנט, מיט נײַע זאַפּענקעס אין מאַנזשעט, אַרויסגערוקט, אוועקגעטוציעט אַלע פּאַפּירלעך און געזאָגט בייז:

— דאָקומענטן. דאָקומענטן דערלאַנגט!

פּינעס האָט דערשראָקן, פריטשמעליעט געקוקט אַפן פענצטער־לאָך און אַף דער בייזער האַנט מיטן מאַנזשעט, וואָס האָט, ווי אַ כאַלעף, געשניטן דינע פּאַסיקלעך פון אים. נאָכדעם האָט ער צוגעמאַכט איין אויג, עס באַלייגט מיט קנייטשן און פּאַמעלעך גענומען צוריק זײַנע פּאַפּירלעך, זיי פאַרקוועטשט אין די ציטערדיקע פינגער און איז אוועק מיט די איבעריקע, וואָס האָבן אײַנגאַנצן מוירע געהאַט זיך צו ווענדן צום פענצטערל — ער איז אוועק מיט זיי אין הויף...

אין הויף האָבן זיך אַרומגעשלעפּט קאַלערליי מענטשן. די פינף, ווי זיי זײַנען געגאַנגען אײַנייִנעם, האָבן זיך אויך אַרײַנגערוקט אין אוילעם. דערווײַל געשוויגן און אַלץ באַקוקט.

דאָ זײַנען אומגעגאַנגען באָכערים גליקלעכע מיט פאַררײַן־ביכלעך אין די קעשענעס, וואָס אויב שוין גיין אַף אַרבעט, איז בלויז אַף אַזעלכער, וואָס וועט זיי גאָר געפעלן. דאָרטן האָבן זיך געשטופּט צום פענצטערל „פליערס" מיט טײַנעס, אַלעמיי שיקט מען זיי נאָך ניט אַף שטענדיקע אַרבעט. ס'איז זיי שוין נימאס אָפּזיצן אַף איין אָרט עטלעכע טעג און אַריבערגיין אַף אַנדערע ערטער. פרויען, וואָס האָבן מעקאַנע געווען „פליערס", פאַרוואָס די קענען גיין אַף אַלערליי אַרבעטן, האָבן זיך געקליבן אין באַזונדערע גרופּעס, און דאָ צווישן זיך האָבן זיי הילכיק און קוויטשיק געשמועסט. צווישן גאַנצן אוילעם האָט אַלעמאָל דורכגעשטופּט זיך מיט אַ פאַררוקטן אַרבל אַ „געפּאַקטער" יוגנטלעכער, וואָס גייט בּיכלאַל דאָס ערשטע מאָל פאַרזוכן דעם טאַם פון אַרבעט. אייניקע אָפּגעריסענע, פאַרוואַקסענע זײַנען סטאַם געזעסן צוגעשפּאַרט צום פּלויט, באַקוקט דעם גאַנצן אוילעם מיט ביטל און זיך מיט פאַרגעניגן געקראַצט. בלויז דעמלט, ווען זיי האָבן דערפילט, אַז מע קאָן ערגעץ פּאַקן אַן אומזיסטיקן טשאַלאַן אַף וואַרמעס אָדער ברויט, האָבן זיי זיך אַ כאַפּ געטאָן, געוויזן, אַף וואָס זיי זײַנען פייִק, און זיך צוריק אוועקגעזעצט — באַקוקן די גאַנצע וועלט מיט ביטל און זיך קראַצן.

צווישן דעם גאַנצן פאַרשיידנאַרטיקן אוילעם האָבן זיך דורכגעוואָרפן אייניציקע אָדער קופּקעלעך יוגנטלעכע, ניט ענלעכע אַף די איבעריקע פונדאַנען. זיי איז, אָפּאַנעם, נאָך ניט געווען גוט באַקאַנט אָט דער גאַנצער פּלאַץ, זײַן רייעך און קאָליר. זיי האָבן זיך געקערעוועט מיט אַ ניטרירערוודיקער אָפּגעהיטקייט. די נײַע האָבן גערנער זיך אָנגעשלאָגן, באַגעגנט איינער מיטן אַנדערן, איידער מיט די איבעריקע. ווי די גאַנצע מאַכנע האָט זיך אַפן פּלאַץ ניט געקאַליוצעט, זײַנען פונדעסטוועגן נאָכן אָפּשטעלן זיך יוגנטלעכע פון דעם לעצטן מין פאַרבליבן באַזונדערע, ניט אויסגעמישטע.

פּאַמעלעך האָט זיך דאָס פינפלינג אַרויסגערוקט און געשטעלט זיך באַ אַ זײַט. באַלד איז צו זיי צוגעשטאַנען אַ באָכער אַ שוואַרצער, ווי אַ ציגײַנער, מיט אַ פריש אָפּגעגאָלט פּאָנעם, פון וועלכן די פּודרע איז נאָך ניט גוט אָפּגעווישט. עטלעכע ניט פאַרכאַפּטע הערלעך זײַנען אים בלויז פאַרבליבן הויך אַף די באַקן, קימאַט אונטער די אויגן. און די אויערן, די גאַנצע אויערן, זײַנען באַ אים אויך געבליבן פאַרוואַקסן. פון אים האָט געשמעקט מיט קוויטקייט, און פאַרשלאָגן דעם רייעך פון דער פּודרע. דער שוואַרצער האָט אַרויסגענומען פון אַ סטאַרטשענדיקער קעשענע אַ צווייענדיק האָניק־פּלעצעלע, עס צענומען און פּאַמעלעך, באַטראַכט, עס אָנגעהויבן קײַען. נאָכדעם האָט ער אַזוי, דערעכאַגעוו, אַ פרעג געטאָן:

— אַף אַרבעט?.. אַהאַ!

ער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, ווי איצט פאַרשטייט ער שוין אַלץ, און מיט גרויס קאַוואָנע דערעסן דאָס פּלעצעלע, נאָכדעם האָט ער אַרויסגענומען פון דער קעשענע נאָך איינס און אײַנגאַנצן פאַרטאָן אין קײַען, האָט ער, ווי צו זיך גערעדט:

— יאָ, טאַקע אַזוי גיך קומט מען דאָ אָן אַף אַרבעט. מע מעג זיך נאָך אַביסל אײַנהאַלטן.

דערבײַ האָט ער פויל אופגעהויבן די אויגן און צוגעגעבן:

— איר מיינט, ס'מיר „אַנטירעס"? מעג דער פונעם זינען אַראָפּ. איך זאָג עס גלאַט אַזוי, — און האָט שוין ווײַטער געקײַט זײַנע האָניק־פּלעצלעך.

— אַ ייִד דאַרף וויסן, אַז אַהערצו האָט ער זיך ניט וואָס צו שטופּן, — האָט דער „ציגײַנער" אײַנמיטנדערינען אָנגעהויבן מיט אַ לערערשן טאָן. — מיר גייט עס ניט אָן. נאָר אַהערצו דאַרף קיין ייִד ניט פאָרן.

— וואָסי? — האָט מענאַשע ניט אויסגעהאַלטן.

— סכאקל ביסטו דאָך א וואוריק, — האָט האַלב זיך אויסגעדרייט צו מענאשען דער „ציגײַנער", ווי ער זאָל זיך פאַרמעסטן שלאָגן.

אווראָם האָט זיך א ריר געטאָן און א קוק געגעבן אפן שווארצן פון אויבן אראָפּ. יענער האָט אַרײַנגעלייגט די האנט אין קעשענע, ארויסגענומען פון דאָרטן א צווייענדיק האָניק־פלע־צעלע און, ווי ס'איז גאָרניט געשען, אָנגעהויבן קײַען.

— דו ביסט, אפּאָנעם, א שלעגער געווען אין דער היים, — האָט דער „ציגײַנער" מיט גרויסע שווארצע אויגן זיך געווענדט צו אווראָמען און פּאסקודנע א לאַך געטאָן. — דאָ מעגסטו זיך באַהאַלטן. מיר גייט עס ניט אָן. איך זאָג עס גלאַט אזוי.

און ווען ער האָט דערקײַט דאָס שטיקל געבעקס, האָט ער אָפּגעווישט די בּרעקלעך פון די פליישיקע, רויטע ליפּן און צוגעגעבן:

— איר קענט זיי נאָך ניט. איך קען זיי שוין זייער גוט. איך זאָג אײַך, דאָס זײַנען שאַכ־טיאָרן. איר קענט ניט קיין שאַכטיאָרן? איאַ. ניין? זאָג איך אײַך, אז דאָס זײַנען קוילערס. וואָס רעדט איר, די דעסיאַטניקעס אליין ציטערן פאר זיי ס'קאַדאַכעס. איך האָב דאָ ניט קיין „אַנ־טירעס", מעג דער פונעם זינען אראָפּ. נאָר איך זאָג אײַך, אז די שאַכטיאָרן טוען זיך א וואָרף אפן דעסיאַטניק, זאָגט ער זיי: נאַט אײַך דרײַ „אופּריאַזשקעס", פיר „אופּריאַזשקעס", צען „אופּריאַזשקעס", אבי לאָזט מיך אָפּ. וואָס רעדט איר, דאָס זײַנען שאַכטיאָרן, קוילערס!

נאָך דעם, ווי דער „ציגײַנער" האָט געזען, אז זײַנע ווערטער האָבן געווירקט, האָט ער פון דער טיפער קעשענע ארויסגענומען נאָך א פּלעצעלע, ניט געײַלט עס צענומען אף צוויי־ען און מיט א פול קײַענדיק מויל ארויסגעשטאַמלט:

— ייִדן אף שאַכטעס דאַרפן ניט גיין. אָט טאַקע אָט די שאַכטיאָרן וועלן אײַך פּאַרוואַל־גערן מיט „פּאַראַדע", איאַ, איר ווייסט ניט, וואָס הייסט „פּאַראַדע"? נו, אָט. איצט זעט איר שוין, אז איך האָב דאָ ניט קיין „אַנטירעס". מעג דער פונעם זינען אראָפּ. איך זאָג נאָר דאָס, וואָס ס'איז. מע וועט אײַך אלעמען אויסהארגענען אין די שאַכטעס, אלעמען. איך קען דאָ שוין גוט אָט די שאַכטיאָרן. עמעסע קוילערס!..

דער „ציגײַנער" האָט אַרײַנגעלייגט א פאַרברענטע האַנט אין דער טיפער קעשענע, עפּעס א זוך געטאָן. דאָס אייגענע האָט ער געטאָן מיט דער צווייטער האַנט אין דער אַנדערער טי־פער קעשענע און געגעבן א זאָג:

— שויך, ניטאָ. ווײַזט אויס, אופגעגעסן אלע, — און מיטאַמאָל האָט ער זיך אויסגעדרייט, ווי אף נאָכאַמאָל זיך אומקערן, און איז אוועק אף יענער זײַט טויער לעבן א קאַשעק מיט פּלע־צעלעך. דאָס פינפלינג איז געשטאַנען, האָט בעפּיירעש דערפילט, אז ס'איז געוואָרן מעגלעך פרײַער אָטעמען, און האָט געשוויגן, ווי נאָך אלץ געוואַרט אפן „ציגײַנער" און אף זײַן רייעך. נאָר ער האָט זיך שוין אַהער ניט אומגעקערט. אווראָם האָט אים נאָכגעקוקט און געזען, ווי ער נעמט אָן צוויי קעשענעס מיט געבעקס און גייט צו אן אַנדער רעדל ייִדישע יוגנטלעכע, וואָס שטייט העט ווײַט פונדאַנען.

לאַנג האָט נאָך דאָס פינפלינג זיך ניט געקענט נעמען צו קיין געשפּרעך. נאָר נאָך דעם, ווי אווראָם האָט געזען דעם „ציגײַנער" טײַנען בא אן אַנדער בינטל, האָט ער ניט אויסגעהאַלטן.

— און איך זאָג, אז אויב אַרבעטן, איז „סקליוטשיטעלנע" נאָר אף די שאַכטעס און בעפּיי־רעש בא קוילן.

— זײַט באַוואָרנט, — האָט דער באַוואַקסענער ייִד ווי אופגעכאַפּט זיך פון אייגענע ראַזוי־נעס און אָפּגעטרייסלט פון זיך א ביסל דערשלאָגנקייט. — זײַט באַוואָרנט, אז איכ'ל זיך מײַנס דערשלאָגן. איכ'ל גיין צום ייִדסעק, און לאָמיך זען, מ'זאָל מײַנע פּאַפּירן ניט אָנעמען. — א בּרעקעלע האָפענונג האָט שוין ווידער ארויסגעקוקט פון זײַנע דערהארגעטע אויגן. — זײַט באַוואָרנט, אז מײַנע פּאַפּירן וועט מען שוין יאָ אָנעמען.

מענאשע איז ביז גאָר געווען צופרידן, וואָס מע איז שוין נאָכאַמאָל זיכער אין א מעג־לעכקײַט זיך ארופצושלאָגן צו א מאדרייגע. ער איז בעעמעס געווען דאַנקבאַר אווראָמען, וואָס ער האָט דער ערשטער אָנגעהויבן רעדן נאָך יענעם „ציגײַנער", פון וועמען ס'האָט אזוי גע־האַדעט. מענאשע האָט נאָך פון פריער געזען, אז באַם שווארצן זײַנען די גאַנצע אויערן באַוואַקסן. האָט ער זיך א טאַפּ געטאָן זײַנע אייגענע אויערן, און ס'אים געוואָרן נאָך בעסער: האַגאַם גרויסע זײַנען זיי, זײַנע, נאָר כאָטש ניט קיין באַוואַקסענע. ס'איז נאָך אזוי אויך גוט.

— ווייסט, אווראָם, — האָט מענאשע פּלוצעם געזאָגט, — ווייסט, זייער גוט האָבן מיר געטאָן, וואָס מיר זײַנען געפאָרן דאַפּקע אף די שאַכטעס...

דאָס כאַשטשעוואַטער פּאַרל איז געוואָר געוואָרן, אז זומער־צײַט פעלן אויס אין די קוילנ־גרובנס האַלבאַרבעטער, און אף זייער אָרט נעמט מען צו פרישע נײַע מענטשן אָן ביכעלעך פונעם פאַריין. צו אזא שאַכטע האָט זיך אווראָם אוועקגעלאָזט מיט מענאשען און דאָרטן גע־

טראָפן א פּארוואלטער, א דימענטיקן מענטשן. אפילע די שטופּלען אף זײַן גרויס פלאטשיק פּאָנעם זײַנען אויך געווען גוטע, דימענטיקע. און א פאמיליע בא אים אויך א גוטע. א טײַערע. רובײַלע רופט מען אים. כאוועד רובײַלע.

— אײַך וועט ניט זײַן שווער ארבעטן אין שאכטע? — האָט דער כאוועד רובײַלע אזוי פרײַנטלעך געפרעגט, ווי אווראָם לאָזער אָן־דער־האנטס באָכער האָט שוין זייער לאנג ניט געהערט. — אין שאכטע ארבעטן דארף מען זײַן געוווינט.

— סקליוטשיטעלנע וו שאכטע כאָטשו ראָביטי[1].

אווראָם האָט נאָך צוגעגעבן דעם דימענטיקן פּארוואלטער, אז אין קוילן פארשטייט ער, אווראָם, זייער גוט. דער דימענטיקער פּארוואלטער האָט א שמייכל געטאָן. און דורכן פענצטערל אין אן אנדער צימער געהייסן אָנשרײַבן א פּאפּירל...

ווען דאָס פּאָרל איז געגאנגען צוריק מיט פּאָדערונגען צו דער בירזשע — אָט די בעסטע און ליבסטע פּאפּירלעך אף דער וועלט — האָט אווראָם א גליקלעכער דערקלערט מענאשען:

— אזא מענטש, ווי אָט דער פּארוואלטער, איז „סקליוטשיטעלנע” נאָר פאר אונדזעריקע יינגלעך. אָט, מענאשעלע! אזעלכע מענטשן האָב איך ליב...

— דו ווייסט, מענאשע? — האָט פּלוצעם אפן וועג אווראָם ארומגעכאפּט זײַן כאוועד, — דו ווייסט, איך האָב באטראכט, אז אויב ארבעטן, איז בעפּיירעש אף א גרויסער שאכטע...

און נאָך א היפּשע שטרעקע ביז צום יאר זײַנען ביידע כאווײרים גליקלעכע, ווי קיינער ניט אף דער וועלט, געגאנגען ארומגענומען, פילנדיק זיך אין קויעך אלץ אף דער וועלט אָפּצוטאָן. און נאָר באם בריקל איבערן ריטשקעלע האָבן זיי זיך צענומען. אווראָם איז געגאנגען פאָרויס, און מענאשע איז אים נאָכגעגאנגען. בארג־ארוף איז אווראָם אויך געגאנגען פאָרויס און מענאשע פון הינטן איבערן סטעזשקעלע נאָך אים...

1929

---

[1] אויסשליסלעך אין שאכטע וויל איך ארבעטן.

(פאָרזעצונג פון ז. 114)

געוואָרן אין ווײַסרוסלאנד, נאָכדעם אף אוקראַינע און ערשט שפּעטער אין צענטער, אין מאָסקווע. דאָס אלץ איז געטאָן געוואָרן לויט דער אלגעמיינער פארטיי־דירעקטיוו. עס האָט זיך אָנגעהויבן א נײַער עטאַפּ אין דער ייִדישער ארבעט אין ראטנפארבאנד.

די גרויסע באדײַטונג פון קאָמערד קאָן מען זען דערפון, וואָס אין זײַן שפּיץ האָט די רעגירונג אוועקגעשטעלט דעם וויצע־פּרעזידענט פונעם אלרוסלענדישן צענטראלן אויספיר־קאָמיטעט פּ. סמידאָוויטש. דער קאָמערד איז ארײַנגענומען געוואָרן אין באשטאנד פונעם אלפארבאנדישן צענטראלן אויספיר־קאָמיטעט — דעם העכסטן סאָוועטישן מאכט־אָרגאַן. אלס זײַנע מיטגלידער זײַנען באשטעטיקט געוואָרן די אָנגעזעענסטע סאָוועטישע מעלוכע־טוער: ליטווינאָוו, קראסין און א ריי אנדערע.

די גרינדונג פון קאָמערד האָט ארויסגערופן א גרויסן געזעלשאפטלעכן אופשוווּנג. מע האָט דערזען, ווי ערנסט און ברייט די רעגירונג שטעלט די פראגע וועגן פארבעסערן דעם סאָציאַלן באשטאנד פון דער ייִדישער באפעלקערונג, אז זי אסיגנירט אף דעם די נייטיקע מיטלען סײַ אין צענטער, סײַ אף די ערטער. די ייִדישע מאסע איז געוואָרן פיל מונטערער און גענומען קומען צו־זיך נאָך אלע אירע איבערלעבונגען אין פעריאָד פון דער קאָנטררעוואָליוציע.

אין נאָיאבער 1924 איז אין מאָסקווע פאָרגעקומען דער ערשטער אלפארבאנדישער צוזאמענפאָר פון די ייִדישע קולטור־טוער. נאָכן פאָרטראָג פון פּ. סמידאָוויטש איז אָנגענומען געוואָרן א רעזאָליוציע, אז דער איינציקער אויסוועג פאר די רויִנירטע ייִדישע מאסן איז דער אריבערגאנג צו פּראָדוקטיווער ארבעט, באזונדערס צו לאנדווירטשאפט. די ייִדישע לערער און קולטור־טוער האָבן זיך פארפליכטעט מאקסימאל מיטהעלפן דעם קאָמערד אין זײַן טעטיקײַט.

דער אלווײַסרוסלענדישער צוזאמענפאָר פון די ייִדישע פויערים, וואָס איז צו יענער צײַט פאָרגעקומען אין מינסק, האָט הייס באגריסט די גרינדונג פון קאָמערד. דער צוזאמענפאָר האָט זיך געווענדט צו די ייִדישע ארבעטנדיקע אין אויסלאנד, וואָס פילן מיט דער פּאָליטיק פון דער ראטנמאכט בענעגייע די ייִדישע מאסן, זיי זאָלן קומען צוהילף דער דאָזיקער ארבעט מיט געלט, מאשינען אדגל. די ייִדישע ערד־אײַנאָרדענונג האָט געפאָדערט גרויסע מיטלען, און די סאָוועטישע מעלוכע האָט דעמלט געקאָנט נעמען אף זיך נאָר א טייל פון די הויצאָעס.

פאר אונדז האָט זיך געשטעלט די פראגע וועגן שאפן א ספּעציעלע ברייטע געזעלשאפטלעכע אָרגאניזאציע, וואָס זאָל מאָביליזירן די מאסן צו הילף דער ייִדישער פּראָדוקטיוויזירונג און ערד־אײַנאָרדענונג. מיר האָבן געהאט פאר זיך זייער א וויכטיקע אופגאבע: אויסצוגעפינען די נייטיקע געלט־מיטלען און מאטעריאלן פאר דער ייִדישער איבערוואנדערונג. די מיטלען האָט מען געדארפט זאמלען געזעלשאפטלעך, פרײַוויליק, אין לאנד און אין א גרעסער מאָס אויך אין אויסלאנד. זייער וויכטיק

(סאָף זע ז. 124)



מוישע אראַנסקי

אַף שטאָלענע שליאַכן

די סטאַנציע קאַזאַטין האָט זיך צעלייגט גאַנץ ברייט. געדיכט איז איבערגעפּלאָכטן דער געוועב פון אירע קאָליעס, און וווהין דאָס אויג פאַלט, דאָרט איז די ערד א צעסיטעטע, א שווארצע און זי בלאַנקט מיטן בלאַנק פון רעלסן. און איבערן געוועב פון רעלסן קריכן כוצ־פּעדיק אַרויס, מײַסע באַלעבאָס, די ווײַזערס מיט זייערע פּירעקעכיקע לאַמטערן־היטלען, און איבער זיי קוקן פונעם לויטערן הימל די געהיימע, כיטרע בלאָקפּאָסטן.

קאַזאַטין איז א קנופּ־סטאַנציע.

פּאַסאַזשיר־צוגן פאַרמירט מען דאָ גאָר ווייניק. אכוץ א קליינעם אויסנאַם, זײַנען אַלע פּאַסאַזשיר־צוגן, וואָס גייען אָפּ פון קאַזאַטין, טראַנזיט־צוגן.

נאָר דערפאַר ווערן דאָ פאָרמירט זייער א סאַך פראַכט־צוגן, און אָן אויפהער, באַנאַכט און באַטאָג, פאַרטאָג און פאַרנאַכט באַוועגן זיך די רויטע וואַגאָנעס איבערן רעלסנעם ברייטן פּלאַץ. עפּעס א מין שטענדיקער „קאָנווייער" אהין און אהער. אָדער מע באַוועגט זיך קאַם־קאַם, מע קלינגט שטיל־שטיל מיט די בופערן, אָדער מע פאַרט שנעל און מע קלאַפּט מאָנאָ־טאָניש אין די „רעלסן־אײַנשלוסן", ווי א זייגער, אָדער מע צעלאָזט זיך מיט קוראַזש, מיט קלונג, מיט טומל, און דער צוג רעוועט און שרײַט ווי א געקוילעטער.

די רויטע פּירעקעכיקע מאַסע באַוועגט זיך שטענדיק.

די גרעסטע מעיוכאָסים זײַנען די לאָקאָמאָטיוון, אָט די שטענדיק וואַכע, שטענדיק קאַ־פּריזע וווקסיקע „שטאָלענע כײַעס". זיי האַלטן אין איין אַרומלויפן. און אז זיי לויפן ניט, סאָפּען זיי שטאַרק, אָטעמען זיי רוישיק און אָן אויפהער און זיי שרײַען. זייערע געשרייען זײַ־נען ניט קיין פּוסטע געשרייען. ס'איז א שפּראַך אַזאַ, אַן אייגנאַרטיקע לאָקאָמאָטיוו־שפּראַך. אַף די פּילצאָליקע קורסן פון מאַשיניסטן, געהילף־מאַשיניסטן, פאַרקייטלערס דערלערנט מען אָט די לאָקאָמאָטיוו־שפּראַך ערלעך און אײַנגעשפּאַרט.

אומרויִקע, ווי דערשראָקענע, רוקן זיך די לאָקאָמאָטיוון אַרײַן אין די טויערן פון דעפּאָ און ווערן פאַרלאָשן. און דאָ נעמט מען זיך מאַכן איבער זייערע קאַלטע לײַבער די נייטיקע כירורגישע און אַנדערע אָפּעראַציעס.

מיט די אַלע לאָקאָמאָטיוון, וואַגאָנעס פירן אָן פיר מיט האַלבן טויזנט קאַזאַטינער אײַזנ־באַנער.



באָריס קושניר — דיספּעטשער פון דער גאַז־ווירטשאַפט.

אַלעקסאַנדער ביטלער — עלעקטריקער.



אַבראַם עקעלמאַן — מאַשיניסט פון א קאָמפּרעסאָר, שלאָגלער פון קאָמוניסטישער מי.

די יידישע אַרבעטער קומען אָפן קאַזאַטינער אײַזנבאַן־קנופּ פון דעם שטעטל.

שטעטלעך איז אַרום קאַזאַטינער אײַזנבאַן־קנופּ פאַראַן א סאַך. און בײַ דער פראַכט־סטאַנציע ליגט קאַזאַטין אַליין. א גרויס געדיכט שטעטל, וואָס האָט אַלע יאָרן געצויגן פּאַרנאָסע פון אײַזנבאַן. פאַר די פּילצאָליקע אײַזנבאַנלער און פאַר די דורכגעפאָרענע פּאַסאַזשירן זײַנען דאָ געווען געעפנט קלייטלעך, קלייטן, קוסטאַרוואַרשטאַטן, שענקלעך. ס'איז געגאַנגען א גרויסער לעבאָכאַדים־האַנדל, עס האָבן זיך אַרום דער סטאַנציע באַזעצט באַלמעלאָכעס מיט אַלערליי באַשעפטיקונגען. מע האָט זשעדנע אַרויסגעקוקט אָפן אײַזנבאַנלער, ער זאָל קומען און ברענגען א שטיקל אַרבעט: א גאַרניטער, א פּאָר שיך.

דער אײַזנבאַנלער האָט געדאַרפט קומען, צו אים גײן האָט מען ניט געקענט. ביז דער „בראַמע", ביזן רויטן לאַנגן פּאַרקן מיט שפּיצן, איז מען געגאַנגען, און ווײַטער ניט.

ווײַטער האָט מען ניט געלאָזט.

די יידישע סטאָליערס, די טעסלערס, די גלעזערס האָבן מיט קינע געקוקט אַהין, ווו ס'איז דאָ אַזויפיל אַרבעט, אַהין צו די וואַגאָנפּאַרקן, צו די וואַרשטאַטן. אַהין האָט די צאַרישע רעגירונג קיין יידן ניט געלאָזט.

און ערשט אַז די רעוואָליוציע האָט דעם רויט־ברוינעם מאַרעשכוירעדיקן, לאַנגן, שפּיציקן פּאַרקן איבערגעקערט, האָט מען זיך א לאָז געטאָן צו די וואַרשטאַטן.

עס איז שטילער געוואָרן אַף די קאַזאַטינער גאַסן, עס טומלט ניט דער קרעמער, ער איז טײלווײַז געוואָרן אַן אַרבעטסמאַן, קוסטאַריזירט, אָדער געפאָרן אַף ערד.

עס טומלט ניט דער קרעמער, נאָר דערפאַר אַרבעט מען איצט אין קאַזאַטין, ניט מע האַנדלט. יידישע אַרבעטער — אומעטום, און אויך אָפן טראַנספּאָרט.

כאַווער גאַפּטעל איז שוין אַן אַלטער ייד. ער קעמט זײַן גרויע לאַנגע באָרד און רעדט וועגן „אַמאָליקע צײַטן". ער איז אָפן טראַנספּאָרט שוין עטלעכע און דרײַסיק יאָר. א גלעזער איז ער, א שלאָגלער, ער איז פּרעמירט געוואָרן אויך. ס'איז אים בײַ דער צאַרישער מאַכט שווער געווען אָנצוקומען אַרבעטן אָפן טראַנספּאָרט. שווער געווען אַף דער אַרבעט. שווער געווען זיך דורכלעבן. שווער געווען דערציִען די קינדער.

— זיי זײַנען געווען קאַנדידאַטן אָפן מאַרק. נאָר... נאָר זיי זײַנען אָפן מאַרק ניט געגאַן.

זיי זײַנען אין די ערשטע טעג רעוואָליוציע געגאַן אָפן טראַנספּאָרט, אַף פאַרשיידענע אַרבעטן. זיי האָבן זיך צונויפגעשמאָלצן מיטן

גרויסן קאָלעקטיוו אײַזנבאַנלער. געאַרבעט אױף דער ליניע, געפאָרן מיטן לאָקאָמאָטיוו. און דער אַלטער גאַפּשטעל זאָגט, אַז ער דערלעבט רויִק זײַנע יאָרן. ער זיצט זיך אױף זײַן אָרט, שטײט פעסט אױף זײַן אַרבעט. און דאָס וויכטיקסטע: צענדליקער יאָרן האָט ער מוירע געהאַט פאַרן מאָרגן. און איצט... איצט האָט ער פאַרן מאָרגן קײן מוירע ניט. דער מאָרגן איז אַ ליכטיקער. גאַפּשטעל איז אַן אַלטער, און אַרקין איז אַ יונגער.

אַ ליכטיק־אויגיקער, אַ בלאָנדער, אַ רירעוודיקער, אַ באַרעדעוודיקער, אַ פאַרנומענער. אין 1928 יאָר האָבן זיך יידישע האַרעפּאַשניקעס אַ לאָז געטאָן אױפן קאַזאַטינער טראַנספּאָרט־קנופּ, און אַרקין אויך.

איצט איז ער אַ קאָנדוקטער.

ער פאָרט מיט די צוגן. ער איז אַ שלאָגלער, פון די בעסטע.

כאַווער גאַכמאַן איז אַ מאַשיניסט.

צו אים איז צוגעפעסטיקט דער לאָקאָמאָטיוו 6109.

דער 6109 איז געווען אַ כראָניש קראַנקער. אַלעמאָל איז ער געגאַן אױף רעמאָנט, אַ שוואַכינקער, אַ צעשאָקלטער, קאַם־קאַם ער האַלט זיך. די מאַשיניסטן האָבן אים פאַרמוטשעט. אַלע וואָכטע אַ נײַער מאַשיניסט, יעדערער מיט זײַן גאַנג, מיט זײַנע אײגנשאַפטן, און ער, דער 6109, האָט עס געליטן און געקרענקט. מע האָט אים פײַנט געקראָגן, דעם 6109. די מאַשיניסטן האָבן אים אפילע אױף מאַנעוורעס ניט געוואָלט נעמען.

— ע, וואָס טויג ער?

— מע דאַרף אים אָוועקפירן אױף פעטראָווסקיס זאַוואָד, אױף איבערצוגיסן... דער „גלאַוווטיל" וועט זיך מיט אים מעכײַע זײַן....

נאָר אַז מע האָט אַרײַנגעפירט די „פאַרן", האָט מען דעם 6109 צוגעפעסטיקט צו גאָכמאַנען און נאָך צו אײנעם.

צערטלט אים גאָכמאַן. ער פאָרעט זיך אַרום אים, ער היט אים, ער שמירט אים, ער וואַשט אים; אַבי עפּעס אַ „ווייטעק" ער דערזעט, הײבט ער אָן צו הײלן. ער שאָקלט זיך שוין ניט, דער 6109, ער גײט שוין, ווי סע פּאַסט „פאַר אַ לײטישן סאָציאַליסטישן לאָקאָמאָטיוו". ער, גאָכמאַן, האָט געאַרבעט איצט באַ דעם צוויפּשטעלן די פּראַכט־צוגן. האָט דער 6109 געשלעפּט אַלע טאָג היפּשע הונדערטער אָנגעפּאַקעוועטע וואַגאָנעס. אַזוינע גאָכמאַנס, אַרקינס און אַנדערע איז דאָ פאַראַן אַ סאַך. זײ זײַנען אױפן קאַזאַטינער אײַזנבאַן־טראַנספּאָרט העכער צוויי הונדערט.

באַם זשמערינקער וואָקזאַל שטײט שטענדיק אַן אײן־און־אײנציקער פּאָעטאָן. באַטאָג, באַ אַ שײנעם וועטער, באַנאַכט, באַ אַ שלאַקסרעגן — אַלצײַנס שטייט איין פּאָעטאָן. און די פּורמאַנעס, וואָס בײַטן זיך, זײַנען קאַלטבלוטיק, קײן שום אינטערעס באַווײַזן זײ ניט צו דער קליענטור. און דאָס איז ניט צופעליק. קײן געניטער היימישער פּאַסאַזשיר וועט מיט אים ניט פאָרן, ווײַל דאָס שטעטל ליגט האַרט באַם וואָקזאַל, און פאָרן ערגעץ איז איבעריק, אין עטלעכע מינוט אַרום ביסטו אין צענטער.

זשמערינקע טוליעט זיך צום וואָקזאַל, און עס מאַכט אַן אײַנדרוק, אַז זשמערינקע האָט זיך צוניפגעקאָרטשעט, אײַנגענאָרעט און זיך באַקוועם אוועקגעזעצט באַם וואָקזאַלס אַ זײַט.

וווּהין דו זאָלסט ניט גײן פונעם וואָקזאַל, קומסטו אין שטעטל. וווּהין דו זאָלסט ניט גײן פון שטעטל, קומסטו צו דער אײַזנבאַן־ליניע.

דאָס שטעטל איז אַ ברוקירטס. גוטע, פעסטע ברוקירטע גאַסן, און די הײַזער אויך אַזוינע סאָלידע, געמויערטע און אַזוינע אומעטיקע. דער קלײנשטעטלדיקער געשמאַקלאָזער סויכער האָט איבערגעלאָזט זײַן שטאַמפּ אױף זײ. און די פּילצאַליקע אַרטעלן מיט די פּילצאַליקע קאָאָפּעראַטיווע בופעטן האָבן נאָך ניט אינגאַנצן אַרויסגעיאָגט דעם הענדלערשן גײַסט פון די גאַסן און הײַזער.

נאָר די אַרטעלן וואַקסן, די יוגנט איז מונטער און פול מיט רעאַלע טרוימען, מיט קלאָרע פּערספּעקטיוון. און אַז מע גײט פונעם יידישן קוסטאַרישן קלוב, ווו ס'איז אַרויסגעטראָטן אַן אָנגעפּאַרענע „טרופּע", רעדט מען אַביסל וועגן די „אַרטיסטן" און נאָכדעם רעדט מען וועגן מאַגניטאָגאָרסק, טראַקטערבוי, דניעפּערבוי, דאָנבאַס. מע רעדט מיט פרײדיקן ציטער, פרײלעכער בענקשאַפט, מיט יוגנטלעכן אומגעדולד און יוגנטלעכן ברען.

אין אַ זומערדיקער רעגנדיקער נאַכט האָט זיך פּלוצלינג צעליאַרעמט, צעטומלט, צעקווײטשעט אַ פרוי. איר קוויטש, דעם סקריפּנדיקן קוויטש פון אַ מאַרק־יידענע, האָט זי געטראָגן איבער דער גאַס צום „נאַצמינד"... פּענצטער האָבן זיך פאַרעגנדיק געעפנט, טירן האָבן זיך פאַרוווּנדערט אָפּגעקײטלט.

— וואָס איז? וואָס שרײַט איר? וואָס האָט זיך געטראָפֿן?

זי לויפֿט, און פֿרײַנט מיט קרוווים לויפֿן נאָך. און אַז זי פֿאַקט דעם „נאַצמינד", פֿאַרכלי־נעט זי זיך, און זי סאָפּעט, זי פּלאַפּלט, זי שיט. אירע באַגלייטערס שלאָגן זי איבער, היידן עפּעס זייערס, זי לאָזט זיי ניט ענדיקן, זי וויל אויסדערציילן.

דער „נאַצמינד" פֿינטלט מיט די אויגן, ער קען קיין עק ניט דערגיין, און אַז ער דערגייט שוין, ווייסט ער ניט, וואָס ער קען דאָ אָפּטון. ער פֿאַרלירט זיך, ער שטאַמלט.

און זי שעלט, און זי קוויטשעט...

איבערן שטעטל איז זיך צעגאַנגען די ידיעה וועגן דעם, אַז פֿון די דרײַ יידישע יונגע־לײַט, וואָס זײַנען אוועקגעפֿאָרן „זוכן גליק אזש אין אירביט", זײַנען צוויי געקומען צוריק, און איינער איז געבליבן אין וועג, ער האָט ניט אָפּ הויצאָעס. און די קוויטשערן איז זײַן ווײַב. און זי וויל, דער „נאַצמינד" זאָל איר שוין געבן כאָטש דרײַסיק רובל, זי זאָל כאָטש גאַנצפֿרי קענען אָפּשיקן אים דאָס געלט, ער זאָל כאָטש אָף שאַבעס קענען קומען צו איר, זײַן ווײַב, וואָס ווערט דאָ „אַזוי פֿאַרשוואַרצט אָן אים", וואָס „כאַלעשט אים צו זען אַ לעבעדיקן".

— מומעניו, פֿונוואַנעט האָט איר געגומען, אַז ער קלײַבט זיך שטאַרבן?

— אַ, שטאַרבן זאָלסטו אַליין, אָן שאָדן פֿאַר יידן!

עס צעפּלאַקערט זיך אַ קריג.

און באַ די אופֿגעוואַכטע הײַזער צעפּלאַקערן זיך שמועסן וועגן די צוויי, וואָס זײַנען נאָר־וואָס געקומען, וועגן אירביט, וואָס קיינער האָט פֿון אים ביז איצט ניט געוווּסט.

אָט אַ־די שמועסן רופֿן אַרויס אַ ווידערשטאַנד באַם „אַקטיוו". די אַקטיוויסטן, קאָמיוגיסטן, אַרטעל־מיטגלידער, לערער, זיי זײַנען שוין הייזעריק, זיי קריגן זיך און טײַנען זיך אויס און פֿאַרטיידיקן ביראָבידזשאַן, דאַנבאַס, אוראַל, קערטש, אירביט.

די שרײַערס, אַזוינע גרויבערדיקע בעסמעדרעש־יידן, זײַנען גרייט די אויגן אויסדראַפּען באַ די „כוצפּעניקעס", נאָר אַ פּאָר אַנדערע, אויך באַיאָרטע יידן, מישן זיך אויך אַרײַן:

— האָב איך אַ זון אין דאָנבאַס, איז אָף אַלע יידן געזאָגט געוואָרן.

— און מײַן טאָכטער איז אין אָדעס אין „שווייפּראָם", אוואָדע שלעכט? בעפֿיירעש גוט!

די אַקטיוויסטן גרײַפֿן שוין אָן, זיי וואַרפֿן זיך מיט ציפֿערן, זיי רופֿן אָן נעמען, זיי רופֿן אָן די גאַס, דעם ייִכעס, זיי ברענגען לעבעדיקע פֿאַקטן. און זייערע פֿאַקטן קאָן מען ניט אָפּלייקע־נען. יעדערער קאָן זײַן גאַס און געדענקט די מענטשן פֿון זײַן גאַס, און ער ווייסט וווּהין זיי זײַנען אַהינגעקומען, וואָס שרײַבן צו די קרוווים. די „אַקטיוויסטן" צעגראַמירן די פּעסי־מיסטן און די בעסמעדרעש־יידן.

די באַנאַכטיקע קליינינקע מיטינגען גייען צו אָן ענדע, און אַ שטים, אַ מעלאַנכאָלישע באַ־סעווע שטים גיט אַ פֿרעג:

— יונגעלײַט, איר רעדט וועגן דאָנבאַס, ביראָבידזשאַן, אוראַל, און אָט אונטער מײַנע פֿענצטער ליגט אַזאַ גאָלדן געשעפֿט, אַזאַ שמאַלץ־גרוב — די אײַזנבאַן. אַ, די אײַזנבאַן!

1932

(סאָף פֿון זז. 114, 124)

זײַנען אויך געוווען די איבעריקע אופֿגאַבן: דאָס אָר־גאַניזירן די איבערוואַנדערער, זייער אָפּקלײַב, די אופֿקלערונגס־אַרבעט צווישן די ברייטע מאַסן וועגן דער באַדײַטונג פֿון דער ייִדישער ערד־אײַנאָרדענונג, די אינטערנאַציאָנאַלע דערציִונג. צוליב די דאָזיקע אופֿגאַבן איז געשאַפֿן געוואָרן די „געזעלשאַפֿט פֿאַר אײַנאָרדענען אָף ערד אַרבעטנדיקע יידן אין פֿססר" — געזערד.

...אין יענעם מאָמענט, ווען עס זײַנען געגרינדעט געוואָרן דער קאָמערד און דער געזערד, האָט זיך דער ראַטנפֿאַרבאַנד געפֿונען אין אופֿשטעלונג־פּע־ריאָד. די מעגלעכקײַטן פֿאַר די ייִדישע מאַסן אַרײַנצו־דרינגען ברייט אין דער אינדוסטריע האָבן ערשט געהאַלטן אין אָנגעמערקט ווערן. וויאַזוי און מיט וועלכע טעמפּן דאָס וועט גיין, האָבן מיר נאָך דאַן קלאָר ניט געוווּסט. מע האָט זיך שטאַרק פֿאַרנומען מיטן ייִדישן לופֿט־מענטש, מיטן קוסטאַר און ווײַ־ניקער געזאַרגט וועגן ייִדישן אַרבעטער, וועלכער פֿלעגט באַדינט ווערן אָף אַלגעמיינע יעסוידעס. מיר האָבן אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן אַריבערצופֿירן אָף ערד 100 טויזנט ייִדישע פֿאַמיליעס, דאָס הייסט באַ אַ האַלבן מיליאָן יידן. אין 1926 יאָר, ווען ס'איז דורכ־געפֿירט געוואָרן אַ טײַלווײַזע רעגיסטראַציע צווישן די, וועלכע ווילן אַריבערגיין אָף ערד־אַרבעט, האָבן זיך פֿאַרשריבן איבער 40 טויזנט מישפּאָכעס. דאָס איז אַ גרויסער צײַגער.

ש. דימאַנשטיין

פֿונעם אַרטיקל „פֿון צאַרישן טכום ביז סאָוועט־שער אווטאָנאָמיע", געדרוקט אין זאַמלבוך „יידן אין פֿססר", פֿאַרלאַג „עמעס", מאָסקווע, 1935



יאנקל יאנקעלעוויטש

דרײַ

מאנאלאג פון א קאלווירטניק

...איך ארבעט איצט אין „לוטשאפערול ראַשו". איר ווייסט ניט, וואָס איז אזוינס „לוטשאַ־פער ראַש"? לוטשאפער הייסט אף דער מאָלדאווישער שפּראַך — א שטערן, און ראַש — א רויטער. דאָס איז דער נאָמען פונעם קאָלווירט, וווּ איך ארבעט איצטער. „רויטער שטערן" הייסט מײַן קאָלווירט. ער געפינט זיך אין דערפּעלע טײַע, א ווערסט פופצן פונדאנען. ס'איז א קאָלווירט, וואָס דאכט זיך, עס האָט געהערט ווענן אים קינד־און־קייט. ער איז קימאַט דער בעסטער קאָלווירט דאָ בא אונדז אין ראַטן־מאָלדאוויע. אינעם קאָלווירט זײַנען מיר פיר יידישע פאמיליעס צווישן צוויי הונדערט מאָלדאווישע. מיקויעך דעם לעבן — איז פּרעגט ניט. ווי זאָגט דער מאָלדאוואַן: „מע סקאלד און ביניע". הייסט עס אף יידיש: „איך באָד מיך אין גוטס". ווי איך קום קיין טײַע אין א מאָלדאווישן קאָלווירט? ס'איז א ביסל א לאנגע מעַי־סע צו דערציילן, נאָר אויב איר האָט צײַט, וועל איך זי מאכן קירצער און זי אײַך דערציילן.

איך ווויִן שוין אין טײַע אזוי גרויס, ווי באלד פינף און צוואנציק יאָר, דאָס הייסט, אז נאָך פאר דער רעוואָליוציע בין איך ארויס אהינצו. פריִער האָב איך געוווינט טאקע דאָ אין שטאָט. געוווינט האָב איך ערגעץ אין א הינטער־געסל, וואָס גערופן האָט מען עס — „דאָס ציגײַנערישע געסל", ניט דערפאר, ווײַל דאָרטן האָבן געוווינט ציגײַנער. עס הייבט זיך ניט אָן. נאָר פּאַשעט דערפאר, וואָס אלע קאפּצעדרײַלעס פון שטאָט האָבן דאָרטן געוווינט. געוווינט האָב איך אין צוויי לעכלעך, זײַט מיר מויכל — א שפּאַן אהין, א שפּאַן אהער, און ביסט אף דער גאַס. די סטעליע שפּארט מען אונטער מיטן קאָפּ. און א געזינדל האָב איך געהאַט פון זעקס מענטשן.

וואָס האָט געקענט טאָן אזא ייִד, ווי איך? — גאָרניט. אז קיין געלט האָב איך ניט פאַר־מאָגט, און קיין יערושע פון מײַן טאטן דעם קאפּצן איז מיר אויך ניט געבליבן — האָב איך מיך געדרייט ארום די מעל־קראָמען: אמאָל עמעצן צוטראָגן א זעקל מעל אהיים און פאַרדינען דערבײַ א גילדן, און אמאָל — ניט.

ווי זאָגט דער מאָלדאוואַן אין אזא פאל — „סעראַק שי קוראַט". הייסט עס אף יידיש — „אָרעם און ריין".

האָבן מיר טאַקע גוט געהונגערט.

אין טײַע האָב איך געהאַט עפּעס גאָר אַ װײַטן קאָרעװו — אײנעם אַ הערש־בער ליפּאַ־װעצקי, אַן אָנגעשפּיקװעטער אױשער. כּוץ דער גרױסער באַקאַלײ־קראָם, האָט ער נאָך געהאַט דאָרטן אַ סאָד פֿון אַ פּאָר העקטאַר ערד און אַ װײַנגאָרטן באַ דער שטוב. איך בין אַף מײַן לעבן ניט געװען באַ אים אין טײַע. אײנמאָל קומט צו גײן צו מיר עפּעס אַ ייִד, גיט איבער אַ גרוס פֿון הערש־בערן און זאָגט מיר אָן מיטן הארבן װאָרט: „רעב הערש־בער האָט געהײסן, איר זאָלט זיך אַראָפּכאַפּן קײן טײַע, ער דאַרף אײַך נײטיק האָבן”. און איז אַלײן אװעק. קײן גרױסן כײשעק צו פֿאָרן קײן טײַע האָב איך ניט געהאַט — װאָרעם, װאָס קער איך זיך אָן מיט הערש־בערן, און אַף װאָס האָט ער מיך געדאַרפֿט האָבן? מיסטאָמע אַ באַבעמײַסע. האָט מיך אָבער מײַן פּערל ניט געלאָזט לעבן: „פֿאָר און פֿאָר!” מאָלט אײַך, אַז געפֿאָרן בין איך דאָפּקע ניט — איך בין מיך, בימכילעס, דורכגעגאַנגען צופֿוס די פּופֿצן װערסט. לאָזט זיך אױס, אַז דאָס האָט ער מיך גערופֿן צו זיך, איך זאָל באַ אים װערן אַ װעכטער אין סאָד. דאָ טאַקע, אין סאָד, באַם סאַמע ברעג פֿונעם דניעסטער, שטײט אַ שטיבל. זאָל איך װױנען אין דעם, אהער זאָל איך אױך אַרױסנעמען מײַן מישפּאָכע.

„איר װעט, — זאָגט ער צו מיר, — פּעטער, האָבן דאָ ברױט אָט אַזױ־אָ װײַט”, — און װײַזט מיר בעשאַסמײַסע אָפּן האַלדז. פֿאַרװאָס ער רופֿט מיך „פּעטער” האָב איך אַלײן ניט געװוּסט. נאָר איך װײס, זאָל זײַן „פּעטער”. איך בין מאַסקים געװען — אָן אַנדער ברײרע האָב איך געהאַט? אין שטאָט איז מיר בעסער? דאָ װעט כאָטש זײַן אַמאָל פֿאַר די קינדער אָן עפּעלע, אַ באַרל, איך װײס? בין איך אַרױס אַהער מיטן גאַנצן געזינדל, זיך דאָ באַזעצט און גענומען היטן רעב הערש־בערס גוטס.

די ערשטע צײַט איז ער צו מיר געװען צוגעלאָזט, זיך אַ פּאָר מאָל אַרײַנגעכאַפּט צו מיר און אַ שנאָל געטאָן אַ קינד אין פּופּיק אַרײַן. איך האָב געמײנט — אַ פֿרײַנטל, עפּשער װעט ער אַף אונדז ראַכמאָנעס האָבן און ס׳װעט אונדז װערן גרינגער צו לעבן אַף דער װעלט. נאָר דערנאָך איז דאָס געװען פּונקט װי דער מאָלדאַװאַן זאָגט: „פּינע טשע װיניע קעפּיל באַגאַ־טולױ, אי יעסע אַקי סעראַקולױ”. הײסט עס אַף ייִדיש — „ביזװאַנען דער רײַכער װעט ראַכ־מאָנעס האָבן, װעלן דעם אָרעמאַן די אױגן אַרױס”. ס׳איז פּאַשעט געװאָרן ניט אױסצוהאַלטן פֿון אים: אַ גאַנצן טאָג האָט ער נאָר געשריגן, אַז מע צעגאַנװעט זײַנע פּרוכטן, אַז איך היט ניט גוט, אַז ער װעט מיך אַרױסטרײַבן, אַז ער װעט אַף מיר אײַנגעבן אין געריכט, און נאָך אַזעלכע שײנע מײַסעס. כּוץ דעם אַלעמען האָט אַ קינד ניט געטאָרט אױפֿהײבן קײן פּאַרפֿױלט באַרל פֿון דער ערד. איר האָט עפּעס ליב אַזױ? װױנען אינמיטן אַזאַ גרױסן סאָד, אַרום־און־אַרום ליגן בערג מיט זאַפּטיקע שאַפּראַנען, ראָזװוּע סינאַפּן, שמעקנדיקע קאַשיקע הילינקעס, קױשן מיט פּראַנצױזישע פֿלױמען — און דו זאָלסט ניט סמײען אַ קוק צו טאָן אַפֿילע אַף זײ. ס׳איז דאָך לעבעדיקע קינדער, איר פֿאַרשטײט?

איך האָב געהיט מיט מײַן גאַנץ געזינדל. באַטאָג — זײ, און באַנאַכט איך. מיר זײַנען אַלע פֿאַרשװאַרצט און אױסגעריסן געװאָרן — איך בין שױן ניט גערן געװען, װאָס איך בין אַרױס אַהערצו. אַ קאָרעװו צו די צאָרעס!

כּוץ דעם אַלעמען פּלעגט ער האָבן אַ טעװע מיך פּלוצעם עקסטרע שיקן רופֿן אין קראָם אַרײַן. — איך האָב געמײנט, װער װײסט װאָס!

צום סאָף שטעלט ער אָן אַף מיר אַ פּאָר גרױסע אױגן, גיט אַ גלעט זײַן בערדל און רופֿט זיך אָן צו מיר:

— פּעטער, איר זאָלט װיסן, אַז מיר װױנען צװישן גאַזלאָנים. יעדער מאָלדאַװאַן איז אַ גאַנעװו און אַ גאַזלען. מע דאַרף זײ היטן אַף שריט און טריט. זײ צעטראָגן מיר די קראָם און צעטראָגן מיר דעם סאָד. פּעטער, איר זאָלט גוט אַכטונג געבן אַף די גאַזלאָנים, יִמאַך־שמאָם!

און שױן... זיך אױסגעדרײט און רעדט שױן מיט אַ צװײטן. אָט צוליב דעם האָט ער מיך אַזױ שמײַדיק גערופֿן? װאָס זאָגט איר, װאָס אַ ייִד פֿאַרגינט זיך? אַזאַ גראָבער יונג.

איך װײס ניט, װיפֿל איך האָב אַף מײַן לעבן געהאַט צו טאָן מיט מאָלדאַװאַנער, האָב איך עפּעס ניט באַמערקט, אַז זײ זאָלן זײַן גאַזלאָנים, װי ער מאָלט זײ מיר אױס. פֿאַרקערט, איך האָב טאַקע דאָ באַמערקט, אַז דאָסראָװו לעבן זײ ניט בעסער פֿון מיר. זײ װערן, נעבעך, אױך גוט פֿאַרשװאַרצט אַף די ברעקלעך ערד, װאָס זײ פֿאַרמאָגן.

נאָר װי זאָגט דאָרטן דער מאָלדאַװאַן: „דופּע סאַק שי קירפּאַלע”. הײסט עס אַף ייִדיש — „לױטן זאַק איז די לאַטע”. ער איז אַלײן אַ גוטער גאַנעװו, מאַכט ער יענעם אױך פֿאַר אַ גאַנעװו. יעדערער איז אים שולדיק געװען געלט, און ער האָט געטאָן מיט יעדן, װאָס ער האָט געװאָלט.

אזוי איז דאָס געווען ביז דער רעוואָליוציע. ער האָט אַלץ געזויפן אונדזער בלוט. ביז... ס׳איז געקומען זײַן צײַט — די סאָוועטנמאַכט האָט אים געגעבן אַ קני און אַרויסגעטריבן פֿונעם דאָרף. איך בין געבליבן וווינען טאַקע אינעם סאַד־שטיבל. דער סאָד איז איבערגעגאַנגען אין די הענט פֿונעם נײַעם קאָלווירט, וואָס האָט זיך אָרגאַניזירט אינעם דאָרף.

און דאָ זאָגן צו מיר די מאָלדאַוואַנער פֿון טײַע: „בערקאָ, עפּשער וואָלסטו אויך אַרײַנגעטראָטן אין אונדזער קאָלווירט? דו ביסט דאָך אויסגעריסן געוואָרן בײַ הערש־בער דעם באַלעגוף ניט ווייניקער ווי מיר בײַ אים און בײַ אונדזערע אייגענע פּריצים און באַלעגופֿים. האַ, וואָס זאָגסטו דערויף?״

איז וואָס האָב איך זיי געדאַרפֿט זאָגן נאָך אײַער מיינונג נאָך? כ׳האָב זיי פּאָשעט געזאָגט: „וורעו״ — „איך וויל״, הייסט עס. און בין אַרײַן אין קאָלווירט.

איך בין טאַקע געבליבן וועכטער אין דעם זעלבן סאָד, ווו פֿריִער, אָבער בײַ גאָר אַן אַנדער באַלעבאָס.

איר הערט? ס׳איז גאָרניט צו באַשרײַבן דעם קאָוועד, וואָס מיר האָבן דאָ יעדערער. הײַנט ווי־אַזוי זאָרגט מען וועגן יעדן אייניקל! וועגן גוטן לעבן האָב איך אײַך פֿונעם אָנפֿאַנג דערציילט. איך וויל אײַך נאָר אויף נאָך איין ווײַליטשקע טאַקע פֿאַרהאַלטן און אײַך דערציילן אין דער דאָזיקער מײַסע אַ קליינינקע מײַסע, וואָס וועט אײַך באַווײַזן, וואָס רעב הערש־בערס „גאַזלאָנים״ קענען אופֿטאָן.

איך האָב דאָך געוווינט אין אַ שטיבל באַם סאַמע ברעג דניעסטער, ווי איך האָב אײַך שוין דערציילט. טרעפֿט פֿאַראיאָרן פֿרילינג אַזאַ מײַסע: איך בין מיר געשלאָפֿן מיט מײַן פּאַמיליע גאַנץ געשמאַק, וואָרעם צו היטן באַנאַכט איז ניטאָ וואָס — קאָן מען זיך פֿרײַ לייגן שלאָפֿן און זיך טאַקע גוט אויסשלאָפֿן. איך ליג מיר אַזוי אויפֿן סאָפּקעלע בײַ דער אָנגעהייצטער הרובע (מע האָט נאָך דאַן געהייצט די הרובעס), ס׳איז מיר געווען הייס, האָב איך אַ ביסל אַראָפּגעוואָרפֿן די קאָלדרע פֿון זיך. איך האָב אויך אין שלאָף אַראָפּגעלאָזט אַ פֿוס פֿונעם סאָפּקעלע אויף דער ערד, און דאָ... האָב איך דערפֿילט פֿון שלאָף עפּעס אַ שאַרפֿע קעלט אין פֿוס. איך גיב מיך אַ כאַפּ אויף — איז די שטוב פֿול מיט וואַסער אַזוי, אַז די וואַסער דערגרייכט אַזש ביז צו דער העלפֿט פֿון מײַן סאָפּקעלע... אַלע שלאָפֿן... קיינער ווייסט ניט פֿונעם געשעענעם. ווײַזט אויס, דאָס איז אויפֿן דניעסטער האָט הײַנטיקע נאַכט געפּלאַצט און אַרויסגעשטויסן דאָס וואַסער פֿונעם דניעסטער אויף די ברעגעס. דאָס וואַסער האָט פֿאַרטרונקען אַלע סעדער אַרום. אַזאַ פֿאַרפֿלייצונג געדענק איך ניט.

וואָס טוט מען! מע דאַרף זיך ראַטעווען. איך בין אַרײַן ביז די קני אין וואַסער, צו צו מײַן פּערלען און זי אויפֿגעוועקט, און אײַנײַנעם מיט איר גענומען טראָגן די קליינע קינדער אויפֿן בוידעם. ביז וואָס־ווען, ווײַל דאָס וואַסער ניט וואַרטן — און אין שטוב האָבן גענומען אַרומשווימען בענקלעך און קעסטלעך און ברעטלעך. איך בין אַרויף מיט מײַן גאַנץ געזינדל אויפֿן בוידעם. איר האָט מיר געמעגט מעקאַנע זײַן דעמלט. איר פֿאַרשטייט — באַנאַכט. פֿינצטער. אַרום רוישט דאָס וואַסער און טרייסלט דיביימער. ס׳איז קאַלט, אַז אַ צאָן אין אַ צאָן קלאַפּט. איך האָב ניט געוווּסט, וואָס הייבט מען אָן טאָן. שרײַען? ווען איך זייער ווײַט פֿונעם דאָרף, און קיינער וועט מיך ניט דערהערן. נאָר איך האָב בײַ זיך שוין באַשטימט: מיילע, איך וועל שוין צוּוואַרטן ביז טאָג, עפּשער וועט מען מיך דערזען. פֿאַר איין זאַך האָב איך יאָ מוירע געהאַט — די וועגנט זאָלן זיך ניט אײַנוואַלגערן.

ווײַזט זיך גאָר אַרויס, אַז רעב הערש־בערס „גאַזלאָנים״ האָבן מיך גוט אין זינען געהאַט, ווי עמעסע געטרײַע ברידער. זיי האָבן טייקעף געקראָגן ערגעץ צוויי שיפֿלעך און דורך פֿלויטן און ביימער, צווישן דער יאָגנדיקער קריִע און שטיקער צווײַגן אַוועקגעשווומען צו מײַן שטיבל.

„סטעי, בערקו, נו טיטעמי!״[1] — האָב איך פּלוצעם דערהערט שרײַען פֿונדערווײַטנס. איך קוק אַרויס דורכן בוידעם־פֿענצטערל און זע גאָרניט — ס׳איז פֿינצטער. פֿון דער וואַסער ציט נאָר אַ קעלט, און אַ ציטער לויפֿט דורך איבערן לײַב.

עפּשער האָט זיך מיר נאָר אויסגעוויזן — טראַכט איך מיר שוין. נאָר פּלוצעם האָב איך דערזען צווישן די ביימער, ווי עפּעס לײַכט זיך. איך קוק זיך גוט אײַן און דערזע, ווי עס שיפֿן זיך צוויי שיפֿלעך. אויף איינעם פֿון זיי ברענט אַ לאַמטערן.

„אינקאָטשע!״[2] — האָב איך מיט אַלע קויכעס אַ געשריי געטאָן צו די שיפֿלעך, און אַליין האָב איך גענומען באַרוּיִקן מײַן פּערלען מיט די קינדער. די קלענערע זײַנען געשלאָפֿן, נאָר די עלטערע זײַנען געזעסן איבערגעוואָרפֿן מיט די קאָלדרעס איבער די אַקסלען און געציטערט.

---

[1] שטיי, בערקע, האָב ניט מוירע; [2] אַהער!

אײן שיפל האָט זיך פאַרפּלאָנטערט אין א געפלאָכטענעם פלויט און קאָן ניט אַרויס. דאָס צווייטע קאָן איבער דעם ניט דורכפאָרן. איך גיב א קוק — זע איך, ווי דאַנילאָ סקורטול, אונדזער בריגאַדיר פון דער סאָד־בריגאַדע, גייט צום שטיבל מײַנעם. איך זאָג — „גייט", ניט ער גייט און ניט ער שווימט. דאָס וואַסער דערגרייכט אים ביז דער ברוסט, ער שפּאַנט אין אָנטאָן גלײַך פאָרויס און שטויסט אָפּ מיט די הענט די שטיקער אײַז, וואָס פאַרשטעלן אים דעם וועג.

און אײדער איך קוק מיך אום, קריכט שוין דאַנילאָ אפן בוידעם, און נאָך אים — איוואַן סערבול און נאָך א צוויי קאָלווירטניקעס. זיי האָבן געכאַפּט די קינדער אף די הענט און אוועק מיט זיי צו די שיפלעך. איך מיט מײַן פערלען בין זיי נאָכגעגאַנגען.

בא דער טיר האָבן מיר שוין געטראָפן א שיפל, וואָס האָט זיך אהער דורכגעשלאָגן. מיר זײַנען אלע אַרײַן אין שיפל. פאַר קעלט און פרייד, וואָס מע האָט אונדז געראַטעוועט דאָס לעבן, האָבן מיר קיין וואָרט ניט געקאָנט אויסריידן — גלײַך ווי מיר זײַנען שטום געוואָרן.

מע האָט אונדז אַרײַנגעפירט טאַקע צו דאַנילען אין שטוב אַרײַן, אוועקגעזעצט בא א וואַרעמער הרובע, אָנגעפּויעט מיט טיי, אָנגעהאָדעוועט און באַלייגט שלאָפן. אינדערפרי האָבן מיר שוין געטראָפן דאָ אונדזער גאַנץ פאַרמעגן — דער קאָלווירט האָט אַלץ אַרויסגעפירט פונעם פאַרטרונקענעם שטיבל, אפילע דער בעזעם מיטן קרומען קאָפּ איז אויך דאָ. איז וואָס־זשע זאָגט איר עפּעס אף די „גאזלאָנים"? איצטער פאַרנעם איך א האַלבע דירע פון רעב הערשלס בערן. דאָס האָט מיר דער קאָלווירט זי געגעבן צום וווינען. אין סאָד האָט מען מיר אויסגעבויט א הילצערן בײַדל נאָר אף זומער. כוץ דעם, האָט מען הײַנטיקס יאָר אַלע סעדער אַרומגעשאָטן מיט אזא גרויסן וואַל, אז דאָס וואַסער וועט, דוכט זיך, אייביק זיך ניט קאָנען דורכשלאָגן.

אז איך בין גאָר קיין וועכטער ניט. דאָס הייסט — היטן היט איך געטרײַ, נאָר איך היט דאָך וועמעס גוטס? — מײַנס און אַלעמענס. א גוטע שטוב האָב איך, א קו מיט א טעלעצע האָב איך. 400 אַרבעטס־טעג האָב איך. אין קלאַנגען־קינאָ גיי איך, ווען איך וויל. אונדזער קאָלווירט האָט אן אייגענעם קלאַנגען־קינאָ. צײַטונגען לייען איך. די קינדער לערנען זיך. נו, איז זאָגט־זשע אַליין — וואָס פאַר א וועכטער בין איך?

אין אונדזער קאָלווירט „לוטשאַפּערול ראָשו" איז לעבעדיק און פריילעך, ווײַל, ווי זאָגט דער מאָלדאַוואַן, „אונדע אי קאַסע, אַקאָלאָ אי וועסעל". הייסט עס אף ייִדיש — „ווו ס'איז די היים, דאָרטן איז פריילעך".

.1937

וועגן די מאָסמיטלען צו פאַרבעסערן די לאַגע פון די ייִדישע האַרעפּאַשנע מאַסן

דעקרעט פונעם אַלאוקראַיִנישן צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט און ראַטפאָלקאָם פון אוססר.

די פּאָליטיק פון דער סאָוועטישער מאַכט, וואָס איז געווענדט צו העכערן דעם עקאָנאָמישן און קולטורעלן ווילשטאַנד פון די האָרעפּאַשניקעס פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן, פאָדערט בענעגייע די האָרעפּאַשנע מאַסן פון דער ייִדישער באַפעלקערונג בײַצוקומען די ספּעציפישע שוועריקײַטן. די דאָזיקע שוועריקײַטן שטאַמען סײַ דערפון, וואָס די ייִדישע אַרבעטנדיקע מאַסן זײַנען דורעסלאַנג געווען אונטערדריקט באַם צאַריזם (די רעכטלעכע לאַגע פון די ייִדישע מאַסן, די געצוווּנגענע צונויפגעפּרעסטקײַט אין די שטעטלעך פונעם „תּחום", די באַגרענעצונג פונעם ווױנרעכט, וואָס שאַפט א שוועריקײַט צו געפינען פּראָדוקטיווע אַרבעט, אאַוו.), סײַ פון די פאָלגן פונעם בירגערקריג, ווען די קאָנטררעוואָליוציאָנערע אַרמייען און באַנדעס האָבן געמאַכט אומגעהערטע פּאָגראָמען אף ייִדן, האָבן רויִנירט די שטעטלעך, און די ייִדישע האָרעפּאַשנע באַפעלקערונג, וואָס האָט דאָרט געוווינט, איז שטאַרק פאַראָרעמט געוואָרן. נעמענדיק דעריבער אין באַטראַכט די נייטיקײַט פון א רײַ ספּעציִעלע מאָסמיטלען, וואָס זאָלן זײַן געווענדט צו געזונט מאַכן דעם עקאָנאָמישן און קולטורעלן צושטאַנד פון די ייִדישע האָרעפּאַשנע מאַסן (די קוסטאַרן, באַלמעלאָכעס, קליינהענדלער אאַוו.), — האָבן דער וציק און ראַטפאָלקאָם פון אוססר באַשלאָסן:

1) פאָרלייגן דעם העכסטן ראַטפאָלקווירט, דעם פאָלקאָמאַרבעט און דעם פאָלקאָמערד, אז אין משך פון א קורצער צײַט זאָלן זיי אויסאַרבעטן א פּראָיעקט פון א דעקרעט וועגן די מאָסמיטלען, וואָס דאַרפן אָנגענומען ווערן, קעדיי אַרײַנצוציִען די רויִנירטע שיכטן פון דער ייִדישער האָרעפּאַשנער באַפעלקערונג אין דער פּראָדוקטיווער אַרבעט (אַרײַנציִען אין דער לאַנדווירטשאַפט, אין דער פּראָדוקציע, באַזונדערס אין דער גרויסער, אאַוו.), און צושטעלן דעם דאָזיקן פּראָיעקט דעם ראַטפאָלקאָם פון אוססר צום באַשטעטיקן.

(סאָף זע ז. 132)



פּערעץ מאַרקיש

די נײַע ייִדישע מישפּאָכע

דורך די קלאַסישע בריוו פון מענאַכעם־מענדלען צו שיינע־שיינדלען האָט דער גענ׳אַ־לער פאָלקס־שרײַבער שאָלעם־אַלייכעם באַוויזן די אומגעהייערע טראַגיק און אויסוועגלאָזיקײַט פונעם „לופטמענטש“; זײַן פאַרהאַוועטקײַט און פאַריאָגטקײַט אין די ענגע דאַלעדאַמעס פונעם פאַרשאָלטענעם טכום; זײַן ביזויענדיקע נאָכלויפעניש נאָכן גראָשן פּאַרנאָסע, וואָס האָט אַראָפּ־געצויגן פון אים דעם לעצטן סימען פון ווירדע און אים פאַרוואַנדלט אין אַ מעשונעדיקער, קאָמישער באַשעפעניש; די פאַרורטײלטקײַט, וואָס צו איר איז פאַרמישפּעט מענאַכעם־מענדל דורך דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג.

שאָלעם־אַלייכעם האָט זיי באַוויזן אין דער גאַנצער פילפאַרביקײַט פון זייער טראַגישן גוירל — אין אַן אומבאַגרענעצטער צאָל: שאַדכאָנים, אַגענטן, מעקלערס און גלאַט שלימאַזאָ־לים — מערסטנטייל — אין וועג. און שטענדיק — אַליין. כוץ דעם ליידיקן, אויסגעטריקנטן סאַק־וואַיאַזש מיטן פאַראַסאָל, האָבן זיי, דאַכט זיך, קיינעם ניט געהאַט.

ס׳איז זייער כאַראַקטעריסטיש, וואָס אין מענאַכעם־מענדלס בריוו פיגורירן קימאַט ניט קיין קינדער.

וועלדער, זאַוואָדן, שפּיגעליאַציעס, נעכטיקע טעג, ביסמאַרק, לאָנדאָן — אַלץ, וואָס ס׳האָט נאָר געקאָנט דערגיין צו זײַן צעהיצטן מויעך; אַלץ, וואָס ער האָט קיינמאָל אין לעבן ניט געהאַט, — איז פאַראַן אין די בריוו. כוץ דעם איינציק־רעאַלן „פאַרמעגן“ זײַנעם — כוץ די קינדער.

און ס׳איז פאַרשטענדלעך:

ס׳איז ניט געווען קיין היים, ס׳איז ניט געווען קיין מישפּאָכע, און דעריבער האָט ניט געקאָנט זײַן קיין רייד וועגן קינדער.

אַ דערנידעריקטער און צעטראָטענער פאַנטאַזיאָר, וואָס האָט זיך געטרונקען אין אַ יאַם פון אומגליק און דאַכקעס און וואָס זײַן אייגענע צעהיצטע פאַנטאַזיע האָט אים אַלעמאָל אַ בליץ געטאָן מיט אַ שטרוי, ער זאָל זיך אין איר אָנכאַפּן. און ער האָט זיך אין איר ניט אָנגע־כאַפּט, נאָר אָפּ איר זיך אַרופגעוואַלגערט. אַזוי איז געבוירן געוואָרן זײַן עלנט, זײַן קאָמישקײַט, זײַן טראַגיזם און זײַן פענאָמענאַלער פּרוכטלאָזער קאַמף מיט זיי — זײַן שטענדיקע „באַשעפ־

טיקטקײַט" און פֿאַרהאָוועטקײַט. איז ווי האָט ער, מענאַכעם־מענדל, רײַטנדיק אויף זײַן קראַנקער פֿאַנטאַזיע, ניט אויפֿהערנדיק זיך ראַטעווען פֿון איר, געקאָנט טראַכטן וועגן קינדער, וועגן אַ מישפּאָכע, וועגן אַ היים? און אין וואָס פֿאַר אַ מאָס האָבן אים געקאָנט טרייסטן קינדער, וואָס זײַנען געווען פּונקט אַזוי עלנט, היימלאָז און אומגליקלעך, ווי ער אַליין?

נאָר דאָס איז געווען דער לעצטער אַקט פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער מענטשנפֿרעסערישער אָרדענונג אינעם צאַרישן רוסלאַנד, די לעצטע קאָרבאָנעס פֿון ניקאָלעס „נאַציאָנאַלער פּאָליטיק". און שאָלעם־אַלייכעמס בריוו פֿון מענאַכעם־מענדלען צו שיינע־שיינדלען זײַנען דער לעצטער טראַגישער דאָקומענט אין דער קלאַסישער ליטעראַטור פֿון יענער פֿינצטערער צײַט.

איצט, צוואַנציק יאָר נאָך דער גרויסער סאָציאַליסטישער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע, האָבן מיר זיך אויך אָנגעשטויסן אויף בריוו, פֿון וועלכע ס'קריסטאַליזירט זיך אויס דאָס געשטאַלט פֿון דעם באַפֿרײַטן, דעם שטאָלצן, דעם גליקלעכן סאָוועטישן ייִדישן פֿאָלק.

בריוו פֿון אַ ייִדישן סאָוועטישן פֿאָטער צו זײַנע קינדער און בריוו פֿון די קינדער צום פֿאָטער.

בריוו, וואָס פֿון זיי וועט דער קינפֿטיקער ייִדישער קלאַסיקער אויפֿשטעלן די נײַע געשיכטע פֿונעם באַפֿרײַטן, שטאָלצן ייִדישן פֿאָלק, פֿון זײַן געזונטער אײַנגעוואָרצלטקײַט אין לעבן, פֿון זײַן גלײַכבארעכטיקטקײַט מיט אַלע פֿעלקער, פֿון זײַנע באַפֿרײַטע מעגלעכקײַטן צו אַנטפּלעקן דעם פֿאָלקס־גייני, פֿון זײַן קולטור, פֿון זײַן גרויסער דאַנקבאַרקײַט און ליבע צום סאָציאַליסטישן פֿאָטערלאַנד און פֿון זײַן גרייטקײַט אוועקגעבן פֿאַר דעם דאָס לעבן.

„טײַערער זון, — שרײַבט דער נײַן־און־זעכציקיאָריקער הירש גלאַז צו זײַן זון דעם טאַנקיסט, דעם לייטענאַנט יאָסיף, — ס'ווילט זיך זייער זען מיט דיר. איך און די מאַמע קוקן זיך אָפּ אײַן אין דײַן פֿאָטאָגראַפֿיע און ריידן מיט פֿאַרגעניגן וועגן דעם, וואָס פֿאַר אַ וווּקסיקער דו ביסט, וואָס פֿאַר אַ שיינער טאַנקיסט דו ביסט, אַ קאָמאַנדיר. שרײַב מיר אָן, קאָמאַנדיר מײַנער ייִנגערער, און איך וועל דיך אַרויספֿאָרן באַגעגענען אויף דער סטאַנציע. איך שטאָלציר מיט דיר, יאָסיף, און אויך מיט דײַנע ברידער. זיי זײַנען דאָך אויך קאָמאַנדירן. מאָיִסיי האָט געענדיקט די יאַם־שול פֿונעם רויטפֿלאָטניקן באַלטישן פֿלאָט. באָריס דינט אין אַן אַוויִאַטייל. ס'איז גוט, יאָסיף טײַערער, צו זײַן זיכער אין די אייגענע זין. ס'איז גוט צו וויסן, אַז די זין וועלן שוין קיינמאָל ניט דערלויבן זיך אומקערן דער פֿאַרשאָלטענער אַלטער צײַט, ווען די פּאָליצייִשע באַנדיטן האָבן זיך איזדיעקעוועט איבער ייִדן. דו געדענקסט עס נאָך אַליין, און דײַנע ברידער געדענקען עס אויך, ווי איין באַנדיט אין אַ פּאָליצייִשן מונדיר האָט מיך געשלאָגן בלויז דערפֿאַר, וואָס איך בין אַ ייִד. געדענקסט, ווי מאָיִסיי האָט זיך אויף איינעם אַזאַ באַנדיט געוואָרפֿן מיט אַ שטיין? און פֿון זינט ס'איז געקומען די ראַטנמאַכט, פֿיל איך זיך — אַ מענטש! מע האָט צו מיר אַכטונג. איך בין געוואָרן אַן אַגיטאַטאָר. צו די וואַלן אין אויבער־ראַט איז מען מיך געקומען רופֿן, איך זאָל דורכפֿירן אין רויטן ווינקל אַ געשפּרעך מיט די שטוב־באַלעבאָסטעס, מע האָט מיך געהערט מיט אויפֿמערקזאַמקײַט. איך האָב זיי דערציילט וועגן די אַמאָליקע וואַלן אין דומע, וועגן די צאַרישע פּאָראַנדקעס, וואָס זײַנען, דאַנקען גאָט, אויסגערונען אויף אייביק. היט אָפּ, קינד מײַנס, אונדזער היימלאַנד, אונדזער ראַטנמאַכט. לויט די יאָרן בין איך שוין אַ זאָקן. איך בין אַלט 69 יאָר. איך בין ניט אַזאַ געבילדעטער אין וואָיענע זאַכן, ווי דו, יאָסיף. נאָר אויב ס'וועט אויסקומען, וועל איך דיר העלפֿן. דיר און דײַנע ברידער. לויט מײַנע קויכעס. די אַלטע וועלן אויך ברענגען אַ נוץ, ווײַל זיי האָבן ליב זייער ראַטן־לאַנד, ווײַל זיי האַסן די פֿײַנט פֿונעם פֿאָלק. שרײַב אָפּטער, קאָמאַנדיר מײַנער, און זײַ געזונט.

דײַן פֿאָטער הירש גלאַז".

הירש גלאַז איז אַ געוועזענער גלעזער — לעבן־לאַנג אַרומגעגאַנגען איבערן שטעטל מיטן קאַסטן גלאָז, און ס'האָט אים ניט געקלעקט פֿון זײַן „פּאַרנאָסע" אַרײַנצושטעלן טאָפּליעס אין די פֿענצטער פֿון זײַן אָרעמער כורווע. די קינדער האָבן פֿאַרקויפֿט פּאַפּיראָסן אויף דער גאַס. די רעוואָליוציע האָט זיי אויפֿגעהויבן פֿון דער גאַס, די ראַטנמאַכט האָט זיי אויפֿגעצויגן און זיי געמאַכט פֿאַר שטאָלצע בירגער פֿון אונדזער גרויסן פֿאָטערלאַנד.

און ניט אומזיסט האָבן געקלונגען אַזוי שטאָלץ די ווערטער פֿון הירש גלאַז, ווען ער, אַלס אַגיטאַטאָר, האָט זיך געווענדט צו די פֿאַרזאַמלטע:

— איך קום אײַך זאָגן, כאַווערטעס שטוב־באַלעבאָסטעס, אַז מײַן זון יאָסיף דינט אין דער רויטער אַרמיי. אַ טאַנקיסט אַ לייטענאַנט. איך האָב נאָך אַ זון באָריס, אַ פּילאָט, ער פֿליט, הייסט עס, — אַ זון אַ לייטענאַנט אויף דער ערד און אַ זון אַ לייטענאַנט אין די הימלען. וועט איר דאָך מיך פֿרעגן, צי האָב איך עפּעס אויפֿן יאַם? וועל איך אײַך ענטפֿערן, אַז איך האָב נאָך אַ זון מאָיִסיי, איז מײַן זון מאָיִסיי שוין פֿיר יאָר אויפֿן לינקאָר „אָקטיאַבערסקאַיאַ רעוואָליוציאַ". וועט איר מיך דאָך פֿרעגן, וואָס שרײַבט מיר מײַן זון מאָיִסיי פֿונעם יאַם? — איז הערט:

„...אפן ערשטן רוף פון דער פּאַרטיי וועל איך מיט דער גאַנצער מישפּאָכע באַלטישע מאַטראָסן אויספּילן דעם הייליקן כויוו פון א סאָוועטישן בירגער".

ס'איז ווי מע זינגט אין דער ליד,— פּאַרענדיקט דער אַלטער הירש גלאַז,— אַפן הימל, אַף דער ערד און אַפן יאַם!

ס'האָט מענאַכעם-מענדל אויך געשריבן אין זײַנע בריוו וועגן אימעניעס, וועגן וועלדער, וועגן טײַכן —

א האַק א בוים — א פליוך אין וואַסער, און נאָך וועגן א סאַך אַנדערע גליקן...

אָבער ביז ער האָט דערזעגן איין בוים אין כאָלעם, האָט ער דערפילט צען מאָל די האַק איבער זײַן האַלדז. און וואָס איז שײַעך די טײַכן, איז א טײַך האָט זיך אויסגעלאָזט פון אַלע זײַנע „גליקן" און פון זײַן גאַנץ לעבן.

ס'איז אופגעקומען די נײַע ייִדישע סאָוועטישע מישפּאָכע. א ווירדיקער, א שטאָלצער מישפּאָכע-קאָלעקטיוו, וואָס איז פאַרייניקט מיט איינע און די זעלבע אינטערעסן פון בויען א נײַע, א גליקלעכע וועלט און זי באַשיצן מיט אַלע קויכעס קעגן דעם פײַנט.

די אַלטינקע מוטער איטע, די געוועזענע גלעזערקע, וואָס האָט אַלע אירע אויגן אויסגעוויינט אין דער אַלטער צײַט, אויסהיטנדיק אירע קינדער פון פּאָגראָמען, פון הונגער און פון נויט — זי, די אַלטיטשקע, שטייט אויך ניט אָפּ פון דעם געזונטן קאָלעקטיוו, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר די נײַע ייִדישע סאָוועטישע מישפּאָכע. זי איז צוגעפּעסטיקט צו א דעפּוטאַט פונעם שטאָטראַט און טראָגט אויך איר ארײַן אין דער סאָציאַליסטישער מישפּאָכע.

ס'איז אָפּגעמעקט געוואָרן דער באַגריף פון „צעזייט און צעשפּרייט". ניט געקוקט דערויף, וואָס איין זון איז „אין די הימלען", דער צווייטער — „אַף די יאַמען", דער דריטער — אין א טאַנק, וואָס „שפּרינגט אריבער טײַכן", איז דאָך די מישפּאָכע קיינמאָל ניט געווען אַזוי אייניק און פאַרבונדן מיט איין גוירל — מיטן גורל פונעם לאַנד, פונעם גרויסן ראַטנלאַנד. עס פילט זיך ניט אין שטוב, אַז די קינדער זײַנען טאָמיד וויט. פון דער וואַנט קוקט אראָפּ א געזונטער, קרעפטיקער מאַטראָס, אַן אוויאַטאָר און א לייטענאַנט א טאַנקיסט. דער אַלטער רעדט זיך מיט זיי דורך אין בריוו, וואָס ער באַקומט פון זיי רעגולער. פון די בריוו איז אים שוין אריבערגעפאַלן אין זײַן לאָשן א שיין ביסל ספּעציעלע טערמינען. ער פילט זיך שוין אליין אויך א שטיקל „מיליטערמאַן" און איז שטאָלץ, וואָס די קינדער באַגייען זיך מיט אים, ווי מיט א כאַווער. ער איז שטענדיק באַשעפטיקט. די גאַנצע פרײַע צײַט גיט ער זיך אָפּ מיט שרײַבן בריוו. ער באַווײַזט ניט „פאַרענדיקן" מיטן יאַם, ווי ער באַקומט שוין א „סיגנאַל" פון די הימלען, און מיטן טאַנקיסט, מיט זײַן ייִנגסטן קאָמאַנדיר, צעשיידט ער זיך ביכלאַל קיינמאָל ניט. אין טאַנק פילט ער זיך אליין א שטיקל אייגענער מענטש. ס'איז דאָך אַף דער ערד. און אַז דער לייטענאַנט פאַרט אמאָל דורך, כאַפּט זיך דער אַלטער ניין-און-זעכציקיאָריקער טאַטע פון די דרײַ שטאָלצע זין אראָפּ צו דער סטאַנציע אָנקוקן די צוויי פירעקן, וואָס באַשײַנען דעם זון זײַנעם. אים דאַכט זיך געוויס אויס, דעם אַלטן פאָטער, אַז די פירעקן באַשײַנען אויך זײַן שטאָלצע פאָטערלעכע עלטער, פונקט ווי זײַנע זינס גליקלעכע יוגנט. און ס'איז פאַרשטענדלעך, וואָס די זין שרײַבן זיך מיט אים דורך, ווי מיט כאַווײרים פון דעם אייגענעם מיליטער-טייל. אָט שרײַבט אים דער עלטערער זון, דער פּילאָט, דער נײַער סאָציאַליסטישער „לופט-מענטש":

„טײַערער פאָטער! איבערלייענענדיק דעם בריוו, וואָס דו האָסט אָנגעשריבן יאָסיפן, האָב איך זיך זייער דערפרייט דערמיט, וואָס דו, ניט געקוקט אַף דײַן עלטער, ביסט נאָך אַלץ אַזוי בראַוו און יונג אין דער נעשאָמע. און ווי קען עס דען אַנדערש זײַן בא אונדז אין לאַנד, ווו דער באַגריף פון עלטער האָט זיך אײַנגאַנצן געביטן, ווו אַלע זײַנען יונג און האָבן אַלצײַנס ליב אונדזער פאָטערלאַנד.

פאָטער! דײַן בריוו צו יאָסיפן האָט געצוווּנגען מיך און מײַנע ברידער זיך דערמאָנען יענע צײַטן, ווען קוילן און סנאַריאַדן האָבן געפײַפט איבער אונדזער שטוב, פעטליוראָוועס און מאַכנאָוועס האָבן זיך ארײַנגעריסן אין ייִדישע הײַזער און געשאָכטן יונג און אַלט. איך געדענק אויך זייער גוט, פאָטער, ווען קאַזאַקן האָבן דיך צענעריקט מיט נאַהײַקעס, און דו ביסט א צעבלוטיקטער געקומען אהיים... דאָס איז געווען מיט 20 יאָר צוריק. פון יענער צײַט אָן האָבן מיר זיך גוט אויסגעלערנט פײַנט האָבן אונדזערע סאָנים. און דעריבער האָב איך אין 1929 יאָר, בײַם דעם קאָנפליקט אַף דער קווזשד, מיט פרייד באַגעגנט די ידיעה, אַז אונדזער עסקאַדריליע וועט פליִען אָפּקילן די צעהיצטע פאַרכאַפּער. און מיר האָבן זיי ווירקלעך „אָפּגעקילט". פאָטער! מיר האָבן זיי דעמלט געגעבן צו פאַרשטיין, וואָס אַזוינס איז די רויטע ארמיי. זיי וועלן עס לאַנג ניט פאַרגעסן. און אַניב ס'וועט זײַן נייטיק, וועט דאָס גאַנצע פאָלק, ווי איינער, זיך שטעלן צו באַשיצן די דעראָבערונגען פונעם אָקטיאַבער. און איך פאַרזיכער דיך,

פאַטער, אַז דײַנע זין וועלן ניט פאַרשעמט ווערן. איך — פון דער לופט, יאָסיף — פון דער ערד אף זײַן טאַנק, און מאָיסײ — פונעם יאַם, — מיר וועלן זיך שלאָגן מיט די פײַנט, ווי ס'האָט זיך ניט געשלאָגן קיין איין סאָלדאַט אין דער וועלט, ווײַל מיר ווייסן, פאַר וואָס מיר שלאָגן זיך, ווײַל מיר האָבן ליב אונדזער היימלאַנד. מיר וועלן אָפּהיטן דײַן עלטער, פאַטער. און איך קאָן דיך פאַרזיכערן, אַז ס'וועט זיך שוין קיינמאָל ניט אומקערן די פאַרשאָלטענע אַמאָליקע צײַט.

נו, איך קוש דיך, פאַטער, און גריס דער מאַמען.

דײַן זון באָריס".

אָט אַזוי ריידן זיך דורך קינדער מיט עלטערן אין דער נײַער ייִדישער סאָוועטישער מיש־פּאָכע. אף אַזאַ שפּראַך פון שטאָלצער זיכערקײַט און פון איבערגעגעבענער ליבע צום לאַנד, ווו ס'וואַקסט און ס'בליט די פרײַהײַט פון פעלקער.

אינעם צימער, ווו דער אַלטער אַגיטאַטאָר, דער נײַן־און־זעכציקיאָריקער הירש גלאַז, פירט דורך זײַן געשפּרעך צו די וואַלן אין איבער־ראַט, איז ליכטיק. דורך די פענצטער קוקט אַרײַן אַ ליכטיקער זומערדיקער טאָג. אַ פריש ווינטל גיט עפּעס איבער די צעבליטע ביימער. אַ פריש ווינטל פונעם דניעפער, פון די ברייטע ברויטיקע אוקראַאינישע פעלדער דערציילט וועגן אַן אומגעהייער רײַכער גערעטעניש אף די קאָלווירטישע ערדן און טראָגט פאַנאַנדער די שטאָלצע, די זיכערע רייד פונעם אַלטן פאַטער, דעם פאַרליבטן אין זײַן סאָציאַליסטישן היימלאַנד. און ס'דאַכט זיך, אַז ס'הערן אים ניט נאָר די פאַרזאַמלטע, וואָס זיצן אין צימער, נאָר אויך זײַנע דרײַ שטאָלצע זין — דער לייטענאַנט דער טאַנקיסט, דער פילאָט און דער מאַטראָס, וואָס זײַנען אויפגעצויגן געוואָרן פון דער רעוואָלוציע און פון דער ראַטנמאַכט, וועגן וועלכער דער גליקלעכער פאַטער, בירגער און מישפּאָכע־מאַן דערציילט, און ס'דאַכט זיך, אַז די שטאָלצע רייד גייען ניט נאָר פונעם געוועזענעם גלעזער הירש גלאַז, נאָר פונעם גאַנצן באַפרײַטן און גליקלעכן ייִדישן פאָלק, און הערן הערט זיי דאָס גאַנצע לאַנד.

1939

(סאָף פון ז. 128)

2) אַזויווי צוליב דעם ערד־מאַנגל אף אוקראַיִנע קאָן מען ניט באַפרידיקן אין אַ גענוגנדיקער מאָס מיט ערד די ייִדישע באַפעלקערונג, וואָס וויל איבער־גיין אף ערדאַרבעט — אופהייבן אַ הישטאַדלעס פאַרן צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט פון פסםר, אַז אין די ראַיאָנען פון צאָפן־קאַווקאַז, צאָפן־קרים, סיביר און אַנדערע ראַיאָנען זאָלן אויסגעטיילט ווערן ערד־כאַ־לאָקים פונעם מעלוכישן ערד־פאָנד פאַר די ייִדן, וואָס האָבן אויסגעדריקט זייער ווילן איבערגיין צו זעלבשטענדיקער לאַנדווירטשאַפט...

3) פאַרלייגן דעם פאָלקאָמאַרבעט אויסצואַרבעטן מאָסמיטלען אף אַרײַנציִען אין די פּראָדוציר־אונטער־נעמונגען די ייִדישע אָרעמשאַפטלעכע יוגנט, לייגנ־דיק אַכט באַזונדערס אף דער יוגנט, וואָס געפינט זיך אין די ייִשווים מיט אַן איבערוועגנדיקער ייִדי־שער באַפעלקערונג (אין די שטעטלעך).

4) פאַרלייגן דעם פאָלקאָמבילד, אַז קאָאָרדינירנדיק די פראַגע מיטן העכסטן ראַטפאָלקווירט, מיטן אַלאוק־ראַיִנישן פראָפראַט און מיטן באַפולמעכטיקטן פור־נעם פאַרבאַנדישן פאָלקאָמפאַרקער אין אוססר, זאָל ער האָבן אין זינען, באַם פאַרברייטערן די נעץ פון פראָפשולן אין 1926—1927 לערניאָר, צו באַפרידיקן די באַדערפענישן פון דער ייִדישער יוגנט אין פראָפ־שולונג...

5) באַופטראָגן דעם פאָלקאָמבילד, ער זאָל באַוואָ־רענען, אַז די קינדער פון דער ייִדישער באַפעלקע־רונג זאָל מען לערנען אין די שולן אף זייער מו־טערשפראַך.

6) באַופטראָגן דעם פאָלקאָמאַרבעט, דעם העכסטן ראַטפאָלקווירט און דעם באַפולמעכטיקטן פונעם פאַר־באַנדישן פאָלקאָמפאַרקער אין אוססר, אַז באַם פאַ־נאַנדערוויקלען די אינדוסטריע־אונטערנעמונגען און אײַזנבאַן־ווירטשאַפט, באַזונדערס אין די ערטער פון קאָמפּאַקטער ייִדישער באַפעלקערונג, זאָלן אויסגע־אַרבעט ווערן מאָסמיטלען אף אַרײַנציִען אין דער דאָ־זיקער פראָדוקציע די ייִדישע אַרבעטנדיקע באַפעל־קערונג.

7) פאַרלייגן דעם אָרגאַניזיר־אינסטרוקטאָרישן אָפּ־טייל באַם סעקרעטאַריִאַט פון ווציק אין משך פון אַ כוידעש צײַט פאַנאַנדעראַרבעטן פאָרשלאָגן וועגן פאַרברייטערן די נעץ פון ייִשעווו־ראַטן אין די ערטער מיט אַן איבערוועגנדיקער ייִדישער באַפעלקערונג (שטעטלעך) און אויך וועגן דעם, אַז די סאָוועטישע אָרגאַנען זאָלן ברייטער באַדינען די ייִדישע באַפעל־קערונג אף איר מוטערשפראַך...

כאַרקאָוו, 19 מײַ, 1926

ג. פ ע ט ר אָ ו ו ס ק י, פאָרזיצער פון אַלאוקראַיִנישן צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט.

איבערגעדרוקט אין דעם זאַמלבוך „ייִדן אין פסםר", פאַרלאַג „עמעס", מאָסקווע, 1935 יאָר.



שמואל פערסאוו

דער אוראַלער דאָר

יאַקאָוו אוורוטין, דער הויפּט־ענערגעטיקער פון א גרויסן מעטאַלורגישן זאַוואָד אויף מײַרעוואָראַל, האָט איינמאָל — דאָס איז געווען אינעם לעצטן מילכאָמע־יאָר — צעעפנט א פרישע מאָסקווער צײַטונג און דערזען אינעם צעטל מיליטערלײַט, וועמען ס׳איז געגעבן געוואָרן דער טיטל גענעראַל, דעם נאָמען וואַסילי וואַסיליעוו.

— עפּשער אונדזער וואַסיוטקע?.. — האָט אוורוטין פאַרכידעשט אַרויסגערעדט צו זיך אַליין. און גלײַך אויפן אָרט האָט ער אָנגעפרעגט אין די צענטראַלע מיליטערישע אינסטאַנצן דעם נומער פון דער פעלד־פּאָסט פון דעם גענעראַל וואַסיליעווס פאַרייניקונג. באַקומען דעם נייטיקן אַדרעס, האָט אוורוטין אָנגעשריבן א בריוו דעם גענעראַל. דער גענעראַל האָט זיך לאַנג ניט געלאָזט וואַרטן.

„זײַ געגריסט, יאַשקע! — האָט זיך זײַן בריוו אָנגעהויבן, — לאָמיך דיך אַרומנעמען, פאַרשײַטער קאָפּ!"

דער בריוו איז געווען פול מיט זיכרוינעס וועגן אַמאָליקן געמיינזאַמען לעבן פון וואַסילי וואַסיליעוו און יאַקאָוו אוורוטין, ווען זיי זײַנען געווען פאַרוואָרלאָזטע, און מיט עפּיזאָדן פון דעם גענעראַלס איצטיקער שלאַכט־טעטיקײַט. פונעם בריוו האָט אוורוטין זיך דערוווּסט וועגן די איבעריקע דרײַ פון זייער פינפטל פאַרוואָרלאָזטע.

„אַנדריושען געדענקסטו? — האָט דער גענעראַל געשריבן, — אַנדריי טערפיגאָריעוו! ער איז איצט א דאָקטער אין מאָסקווע. פעטיע מארונין איז אן אינזשעניער ערגעץ אויף דאָרעם. ניקאָלײַ וואַרשינין איז אויך אן אינזשעניער, אַרבעט אין וואָלאָגדע אויף א מאַשינבוי־זאַוואָד. איך, ווי דו זעסט, האָב אויך „עפּעס" דערגרייכט. נו, און דו? — האָט פאָרגעזעצט דער גענעראַל — די אויגן באַ דיר זײַנען נאָך אַלץ פריילעך־שמייכלענדיקע? לויט דײַן אַדרעס, זע איך, אַז דו ביסט שעף פון דער צענטראַלער עלעקטראָסטאַנציע אין אַזא גרויסן זאַוואָד. זײַן דער הויפּט־ענערגעטיקער איז, אַפּאָנעם, „עטוואָס" אָנגענעמער איידער אַרומהאָצקען זיך אין די קעסטלעך אונטער די וואַגאָנעס"...

אונטער די וואַגאָנעס... יאָ, קיין האָניק האָט אין זײַן קינדהײַט דער הויפּט־ענערגעטיקער ניט געלעקט...

אלעקסאנדער באקמאן — עלעקטראָמאָנ־טאזשניק.

אלא שאפּיר — א נײַטערן־מעכאניזאטאָרן, שלאָגלערן פון דער קאָמוניסטישער מי.

לייזער מארבערבלאט — צושנײַדער אין א נײַ־פאבריק, שלאָגלער פון קאָמוניסטי־שער מי.

ער ווייסט אפילע ניט, ווער עס זײַנען געווען זײַנע עלטערן. דער מאַרק־וועכטער פונעם שטעטל שקלאָוו האָט אים געפונען און אונטערגעוואָרפע־נעם בא דער אופראווע. אין די ווינדעלעך איז גע־לעגן א צעטעלע, אז דאָס איז א ייִדיש קינד און זײַן נאָמען איז יאנקעלע. דער וועכטער האָט גע־בראכט דאָס אייפּעלע צו זיך אהיים און גענומען אײַנריידן זײַן ווײַב:

— ייִדענע, וואָס קאָן ער אונדז שטערן... וועסט אין טעפּל אַרײַנפּליוכען נאָך א קווערטל וואַ־סער און — האָדיע!

צען יאָר נאָכאנאנד איז יאשקע געוואַקסן אָן א פאַמיליע־נאָמען. ערשט אין 1914, ווען מע האָט דעם וועכטערס זין אוועקגעטריבן אָף מילכאָמע און דער וועכטער מיט זײַן ווײַב זײַנען געבליבן „דיד דא באבא", האָבן זיי צוגעשריבן דאָס געפונענע קינד צו זיך, און אָף אזא אופן האָט יאשקע, שוין א צעניאָריק ייִנגל, באקומען דעם פאַמיליע־נאָ־מען — אוורוטין.

די נויט אין דער מישפּאָכע איז געוואָרן גרע־סער, דער מאַרק־וועכטער — שוואכער, יאשקע האָט געוואָרפן די טאלמעטוירע און איז אוועק ארבעטן צו א פאַרעץ. דרײַ יאָר האָט דאָס ייִנגל באטראַ־קעוועט. וועסנע־צײַט 1918, ווען דער דײַטש איז ארײַן אין ווײַסרוסלאנד, איז דאָס לעבן געוואָרן אינגאנצן העפקער. יאשקע האָט פאַרקויפט צײַ־טונגען, געלעבט פון דער גאַס, ווו געטאָגט — ניט גענעכטיקט, קורץ — געוואָרן א גאסן־יונג, א לאָ־בוס.

די יונגע סאָוועטנמאכט האָט אונטערגעקליבן די גאסן־קינדער, צווישן זיי אויך יאשע אוורוטי־נען, און אײַנגעאָרדנט זיי אין קינדערהיימען. נאָר פיל פון זיי זײַנען שוין געווען אָפּגעסאמט פון דער גאַס. יאשקע מיט נאָך פיר פון זײַן גלײַכן זײַנען אנטלאָפן. ווו איז ניט אויסגעווען אָט דאָס פינפטל! אָף קאווקאז און אין מיטלאזיע, אין סיביר און אָף אוקראַינע, אין מורמאנסק און סעוואסטאָ־פּאָל — און אומעטום איינייִנעם, ניט צעשיידט — אין פײַער און אין וואסער.

עטלעכע מאָל האָט מען זיי געפּאקט און ווי־דער אײַנגעאָרדנט אין קינדערהיימען. ניט איין מאָל איז אויסגעקומען אויסצוהערן אי ווייכע, אי הארבע רייד: וויפל איז דער שיר זיך ארומשלעפּן אָפּגעריסן־אָפּגעשליסן, אָן א דאך און אָן א ווינקל, לעבן — שיידים ווייסן פון וואָס. באזונדערס איבערצײַגנדיק און ווארעם, מאמעש ווי א לײַב־לעכער טאטע, האָט מיט זיי גערעדט איינער א רויטער קאָמאנדיר. אויסגעהערט האָבן זיי אים אָנגעדרודלט, אפילע פײַנטלעך. ווען מע איז אָבער פאַרבליבן אליין, האָט דער ערשטער זיך אָנגערופן וואסיוטקע:

— איר, ווי איר ווילט זיך, נאָר איך מאַך א סאָף!

דאָס יאטל וואסיע האָט שטענדיק געטרוימט

ווערן א מיליטערמאַן. ווען מע גיט אים אַן עכטע בודיאָנאָווקע מיט א רויטן שטערן פון פאָרנט, איז ער קאַפּאַבל געווען אָפּגעבן דאָס לעבן. דעם זעלביקן טאָג איז וואסיוטקע — דער איצטיקער גענעראַל וואסיליעוו — אָפּגעשטאַנען פון זײַנע כאַווײרים.

אָף מאָרגן האָט זיך אויך יאַשע געזעגנט. דאָס קעסטל אונטערן וואַגאָן איז געווען זײַן „קופּע" אפן וועג קיין מאַהיליעוו. ער איז געקומען צוריק אין קינדערהיים, פונוואַנען ער האָט געמאַכט די לעצטע פּליטע. אינגיכן האָט מען אים שוין געקענט זען אין דער אָרטיקער פּראָפּטעכנישער פּאָליגראַפישער שול. ער האָט זיך געלערנט פאַר א זעצער.

דערנאָך האָט מען אים אריבערגעפירט אין דער פּראָפּטעכנישער שול פון מעטאַליסטן. דאָ האָט ער זיך געלערנט דעם פאַך פון א שלאָסער און א שמידער. אַרײַנגעטראָטן אין קאָמיוג. און פונדאַנען, פון דער פּראָפּטעכנישער שול, איז שוין זײַן לעבן אוועק, ווי בא הונדערטער און טויזנטער יונגעלײַט פון זײַן עלטער. צוערשט אין ארבפאַק, דערנאָך אין טעכניקום. געלערנט, אויסגעפּילט געזעלשאַפטלעכע פליכטן. פון קאָמיוג אריבער אין פּאַרטיי...

און אָט האַלט ער דאָס ערשטע מאָל אין לעבן דעם דיפּלאָם — א דיק פּאַפּיר, געדרוקט מיט פײַנע אויסיעס. אז ער, יאַקאָוו אוורוטין, האָט געענדיקט דעם מעכאַנישן טעכניקום אין דער שטאָט קלינצי „אַף אויסגעצייכנט".

באַהאַלטן אָט דאָס טײַערע פּאַפּיר טיף אין קעשענע, איז אוורוטין אָפּגעפאָרן פון דער שטאָט, אפן גרענעץ מיט ווײַסרוסלאַנד, אפן ווײַטן און אומבאַקאַנטן אוראַל.

פּאַרלאָפן איז דאָס אָף דער שוועל פונעם ערשטן פינפיאָר.

פּרווּוט איצט זאָגן אוורוטינען, אז ער איז ניט קיין אוראַלער, וועט ער זיך אָפּדערעמעסן באַליידיקן, אָבער גלײַך וועט ער זיך צעשמייכלען און אָפּענטפערן:

— איך געדענק שוין אליין ניט, איך בין א געבוירענער צי א געוואָרענער אוראַלער, נאָר איך בין אַן אוראַלער...

פאַר די קנאַפּע צוויי צענדליק יאָר, זינט אוורוטין אַרבעט אָף אוראַל (אין אײנעם און דעם זעלבן ענערגעטישן צעך), איז ער אויסגעוואַקסן פון אַן אײנפאַכן טעכניקער ביז שעף פון דער גאַנצער ענערגעטישער ווירטשאַפט, וואָס אָן איר, גלײַך ווי אָן אנדערע באַוועג־קרעפטן, קאָן קיין זאַוואָד ניט פונקציאָנירן און ווערט א „פּאַרפּרוירענע אונטערנעמונג", ווי די ווירטשאַפטלער דריקן זיך אויס.

„פּאַרפּרוירענע" אונטערנעמונג אָף אוראַל!.. — דער יונגער דאָר אוראַלער ווייסט ביכלאַל ניט פון אזא דערשײַנונג. אפילו די באַאַרטע געדענקען עס ווי עפּעס א ווײַטן שווערן כאָלעם.

— יאָ, יאָ! — פּרווּוט מען זיך דערמאָנען. — אין די יאָרן פון בירגערקריג איז טאַקע אזוינס געווען. — און, ווי אָף פאַרענטפערן זיך, גיט מען צו: — מע האָט דאָך געדאַרפט שלאָגן די ווײַסע...

געענדיקט דעם בירגערקריג, האָבן די אַרבעטער זיך ווידער געשטעלט צו די ווערקשטעלן, צו די מאַרטען־אויוונס און דאָמנעס, צו די טורבינעס און דאַמף־קעסלען.

אוראַל האָט זיך געבויט און איז געוואַקסן. ניט צו דערקענען איז געוואָרן דעם אַלטן אוראַל.

דערציילן וועגן יאַקאָוו אוורוטינס צוואַנציקיאָריקן לעבן אָף אוראַל — הייסט אָנשרײַבן א דיקן בוך וועגן דעם זאַוואָד, ווו ער אַרבעט. וועלן מיר זיך באַנוגענען בלויז מיט א פּאָר עפּיזאָדן פון די מילכאָמע־יאָרן.

ווי אַלע אנדערע אוראַלער זאַוואָדן, האָט אויך זײַן זאַוואָד געאַרבעט פאַרן פראָנט, און דאָס האָט באַטײַט — פּריִער פון אַלץ — מער עלעקטראָענערגיע, נאָך און נאָך באַוועג־קראַפט, אָן וועלכער קיין אײן ווערקשטעל, די סאַמע קלענסטע מאַשין קאָן ניט אויסקומען. אוורוטין איז געקומען צום דירעקטאָר מיט א פאָרשלאָג, מע זאָל אים דערלויבן אויסנוצן די צוויי קעסלען און די טורבינע, וואָס זײַנען אהער עוואַקוירט געוואָרן ערגעץ פון די מײַרעוו־געגנטן. דער פאָרשלאָג איז אָן סאַפעק געווען א זאַכלעכער, אָבער וויאַזוי אים רעאַליזירן, אז די זאַוואָדישע עלעקטראָסטאַנציע איז אויסגעשטאַט מיט קעסלען און א טורבינע פון נידעריקן דרוק און די עוואַקוירטע קעסלען און טורבינע זײַנען, ווי אַפּצולאָכעס, פון הויכן דרוק.

— בא אזא לאַגע, — האָט דער דירעקטאָר אָנגעוויזן, — וועט מען דאַרפן אײַנשטעלן באַזונדערע קעסלען און באַזונדערע פּאָמפּעס.

— כ'ווייס.

— דאָס וועט פאַקטיש זײַן א סטאַנציע אין א סטאַנציע.

— כ'ווייס, — האָט ווידער לאַקאָניש געענטפערט אוורוטין.

— רעכט! — האָט דער דירעקטאָר אײַנגעשטימט. — נאָר געדענק! די מילכאָמע איז זייער אומגעדולדיק...

יאַקאָוו אוורוטין איז צוגעטראָטן צו דער ארבעט. וואָכנווײַז איז דער גאַנצער קאָלעקטיוו פּראָיעקטירער, בויער, מאָנטאַזשניקעס, אינזשעניערן אפילו נעכטיקן אהיים ניט געגאַנגען. די צייכענונגען האָבן ניט באַוויזן אויסטריקענען, ווי גלײַך פון דער צייכענונגס־ברעט פלעגט דאָס וואַטמאַן־פּאַפּיר מיט די אָנגעצייכנטע ליניעס איבערגעגעבן ווערן ווײַטער — אף פּאַר־ווירקלעכן עס אין טאַט, אין בויונג.

ווען די נײַע טורבינע האָט געגעבן דעם ערשטן שטראָם, האָט מען זיך אומגעקוקט, אַז לויטן פּלאַן האָט די ארבעט געדאַרפט דויערן אַ יאָר צײַט, און פאַרטיק געוואָרן איז די טור־בינע מיט די קעסלען, פּאַמפּעס און אַנדערע אויסשטאַטונג פאַר... פערטהאַלבן כאָדאָשים.

— יאָ! — האָט דער דירעקטאָר געזאָגט: — מײַנע ווערטער „די מילכאָמע איז זייער אומגע־דולדיק” זײַנען, זע איך, דערגאַנגען צו דײַן האַרץ...

— צו אונדזער האַרץ, — האָט יאַקאָוו אוורוטין פאַריכט.

דער דירעקטאָר האָט קאָנטעט זיך צעשמייכלט. אוורוטינס שפּראַך איז אים גוט באַקאַנט: „אונדזער” באַטײַט אונדזער, אוראַלער...

די מילכאָמע האָט געפאָדערט מענטשן פאַרן פראָנט, פאַר די אונטערנעמונגען אין הינ־טערלאַנד. איינער פון די פּראָצעסן אין יאַקאָוו אוורוטינס ווירטשאַפט — די קוילן־אויסלאָ־דונג — האָט טעגלעך געפאָדערט העכער הונדערט פּאַר ארבעטס־הענט, און די ארבעט גופא איז אַ שווערע: מע האָט געאַרבעט מיט לאָפּעטעס.

אוורוטין האָט באַשלאָסן מעכאַניזירן דעם גאַנצן פּראָצעס. אָבער דער זאַוואָד איז ניט קיין מעכאַנישער. באַקומען פון אַנדערע זאַוואָדן די נייטיקע מעכאַניזמען איז איצט אומגע־לעך: אויך יענע זאַוואָדן באַדינען אויסשליסלעך די מילכאָמע־נויטן.

— אָבער אוראַלער בלײַבן שטענדיק אוראַלער...

מיט די אייגענע קויכעס, באַ זיך אין זאַוואָד האָט מען צונויפגעשטעלט דעם פּראָיעקט פון דער דרויבל־מאַשין, אליין זי אויסגעבויט, אליין זי מאָנטירט און אײַנגעשטעלט. די זעלבע מײַ־סע האָט זיך איבערגעכאַזערט באַם בויען די טראַנספּאָרטירער: דעם פּראָיעקט, די פאַרגרייטונג פון באַזונדערע טיילן און דעטאַלן, דערנאָך דעם מאָנטאַזש פון דער אויסשטאַטונג — אַלץ אליין. און מיטאַמאָל — אַ נײַע שטערונג: ווו בויט מען די קוילן־עסטאַקאַדע?

אַלע אַלטע אוראַלער זאַוואָדן האָבן, אַלס קלאַל, זיך געבויט באַ טײַכן און טײַכלעך. פאַר־האַטיעט דאָס וואַסער, און איר האָט אַ קינסטלעכע סאַזשלקע — באַוועג־קראַפט. אין אונדזער צײַט — אין דער צײַט פון מאָדערנער טעכניק — זײַנען די סאַזשלקעס אין אַ געוויסן זין אָפּ־געטראָטן אין הינטערגרונט, אָבער דאָך אָן וואַסער קאָן קיין אונטערנעמונג ניט פונקציאָ־נירן. האָט מען פאַרשאָטן בלויז אַ טייל פון דער סאַזשלקע, אפן פאַרשאָטענעם אָרט אויסגע־בויט די עסטאַקאַדע און — פאַרטיק.

— פאַרטיק... — אוורוטין האָט פילדײַטיק אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ. — איר ווייסט דאָס פאָלקסווערטל „עס איז גרינג צו זאָגן, אָבער שווער צו טעטמען”? זאָג איך אײַך, אַז עס איז גאָרניט אַזוי די מײַסע... — און ער האָט דערקלערט:

די גאַנצע קאָמפּליצירטע בויונג איז טאַקע אויסגעקומען פאַרווירקלעכן, ניט אָפּשטעלנ־דיק אף אַ מינוט די טאָגטעגלעכע פּולסירונג פונעם האַרץ פון זאַוואָד — פון דער צענטראַלער עלעקטראָסטאַנציע. אָנשטאָט העכער הונדערט פּאַר הענט, ווי עס האָט פריִער זיך געפאָדערט באַ אויסלאָדן די קוילן, אַרבעטן איצט באַ די מעכאַניזמען סאַכאַקל... פינף פרויען. און די עצעם ארבעט איז געוואָרן אַ גרינגע, אַ ריינע: אָנגעדריקט דאָס קנעפּעלע, די מאַשינעס צערוישן זיך און די קוילן פליסן אָן אָפּשטעל אין די הייץ־קעסלען.

רעדט מען וועגן יידן אף אוראַל, קאָן מען באַגלײַך מיט אוורוטינען ניט פאַרשווײַגן דעם עוואַקויִרטן זינאָווי קאָרסונסקי.

דאָס איז אַ באָכער אַ דעמבי! לויטן וווקס און קויעך קען ער זיך פאַרגלײַכן מיטן ערשטן, בעסטן אוראַלער. ער איז געבוירן געוואָרן אינעם דאָרף שענדעראָווקע, וואָס אף אוקראַיִנע. דער פאָטער זײַנער איז געווען אַ שמיד. אין די ערשטע טעג פון דער פאָטערלענדישער מיל־כאָמע האָט מען דעם פאָטער מאָביליזירט. דאָס יינגל זינאָווי האָט זיך געלערנט אין אַ האַנט־ווערקער־שול, און מיט דער שול האָט ער אינעם ערשטן מילכאָמע־יאָר דורכגעמאַכט דעם גאַנצן וועג פון אוקראַיִנע ביז אוראַל. פון דער גאַנצער גרויסער מישפּאָכע זײַנע זײַנען געבליבן נאָר ער און דער טאַטע. אַלע איבעריקע — די מאַמע, די ברידער און שוועסטער — האָבן די דײַטשישע מערדער אומגעבראַכט. זינאָווי איז פון 1942 אף אוראַל. ער איז שוין אַן אוראַלער ניט נאָר לויטן וווקס און קויעך, — אויך לויט דער אויסשפּראַך וועט איר אים ניט אונטערשיידן פון אַן אָרטיקן, אַ געבוירענעם.

ווען זינאָווי איז צום ערשטן מאָל ארײַנגעקומען אין צעך פונעם אלטן אוראלער זאוואָד, האָט אים זיך גלײַך אין די אויגן געוואָרפן א גרויסער אויפשריפט אף א שטיק לײַוונט:

Здравствуй, племя молодое!

אין האנטווערקער־שול בא זיי האָט מען ניט איין מאָל געלייענט פושקינען, אָבער וואָס פאר א שײַכעס האָט פושקין צום צעך און דער צעך צו פושקינען?.. לאָזט זיך אויס, אז דער צעך איז א יוגנטלעכער. אפילע די אלטע מײַסטערס, אויבער־מײַסטערס און שעפן זײַנען ניט עלטער פון דרײַסיק — פינף און דרײַסיק יאָר. אָט די „זקיינים" האָבן גענומען לערנען די וואָקוירטע יוגנט.

די ערשטע צײַט איז קאָרסונסקין געווען דאָ אלץ מאָדנע און פרעמד: אף אוקראַינע אין אָקטיאבער־כוידעש פלאקערן די קאשטאנען מיט רויטע בלעטער, עפל און בארן — לעראָוו, קאַ־ווענעס — כאָטש האטיע מיט זיי דעם טײַך. און דאָ, אף אוראל, בלאָזן שוין שארפע אָסיען־ווינטן, שטייסט אוף אינדערפרי און די ערד און דעכער זײַנען באדעקט מיט א פראָסטיקן טוי. באלד נאָך די אָקטיאבער־יאָמטויווים זײַנען קימאט אלע — קליין און גרויס — ארײַנגעקראָכן אין וואליקעס און אפן קאָפּ אָנגעטאָן פעלצענע היטלען — „מאלאכײַען" מיט ארויפגעלאָזטע „אויערן". מע האָט ניט באוויזן זיך ארומקוקן, ווי אינגיכן נאָך די יאָמטויווים איז אויסגעפאלן א גערדיכטער שניי, געשאָטן און געשאָטן, אז פאר איין טאָג האָט זיך געשטעלט א שליטוועג, און די אָרטיקע יוגנט האָט זיך א לאָז געטאָן אף ליזשעס.

אָרטיקע יוגנט! לעכאָטכילע, בא דער ערשטער באגעגעניש, האָט קאָרסונסקין זיך אויסגע־דוכט, אז סײַ די יוגנט, סײַ דער עלטערער דאָר זײַנען הארבע, שטרענגע מענטשן, ניט קיין שטארקע וואָטראָנים אף א שמייכל. אָבער גיך האָט ער זיך דערקונדיקט, אז די אוראלער זײַנען הארציקע, גאסטפרײַנטלעכע מענטשן. אשטייגער, די וואָקוירטע האָבן אונטערוועגנס נאָך באשלאָסן, אז מע דארף זיך האלטן אײַנער לעבן אנדערן, ניט קריכן איבעריק צו די אָרטיקע אין דער נעשאָמע, און פונקט אזוי, ווי מע איז געקומען אהער אין איין עשעלאָן, וועט מען אף אזא אויפן זיך אומקערן אהיים. לאָזט זיך גאָר אויס, אז אליין די אוראלער האָבן פאָרגעלייגט:

— לעבן וועט איר מיט אונדז צוזאמען. אין אונדזערע צוזאמענוווינונגען.

דער סעקרעטאר פונעם זאוואָדישן קאָמיטעט האָט אפילע צונויפגערופן די געקומענע און זיי געזאָגט:

— בא אונדז איז ניט פאראן „אײַגענע" און „פרעמדע". ארבעטסטו גוט — ביסטו אן אונדזעריקער, ארבעטסטו שלעכט, — מעגסטו זײַן טויזנט מאָל א היגער, וועט מען דיך אלצײַנס האלטן פאר א פרעמדן...

און ניט נאָר אף זיך, אף דער יוגנט, האָט זינאָווי קאָרסונסקי דערפילט די באציִונג פון די אוראלער. מיט דער האנטווערקער־שול אין איין עשעלאָן האָבן זיך עוואָקוירט אהער אויך ניט ווייניק מישפאָכעס. ווי גערן האָבן די אָרטיקע אוראלער אויסגעטיילט פאר די געזינדן א טייל פון זייערע דירעס, צימערן: דו האָסט ניט דערוויײַל מיט וואָס צו באצאָלן — מיילע... וועסט אָנהייבן ארבעטן, וועלן מיר זיך אויסרעכענען...

ווי פיל אנדערע פון זײַנע כאוויירים, האָט אויך זינאָווי קאָרסונסקי גיך זיך אויסגעלערנט די שלאָסערײַ־מעלאָכע און גענומען ארבעטן זעלבשטענדיק. בא זײַן ארבעטס־אָרט האָט פון כוידעש צו כוידעש געפלאטערט א רויט פענדל — דאָס הייסט: דער ארבעטער שטײַגט איבער די פראָדוקציר־נאָרמע. באלד הייבט אָן פיגורירן זײַן נאָמען אפן טאָוול פון ערע. אין דער אָרטיקער זאוואָדישער צײַטונג האָט זיך באוויזן א נאָטיץ אונטערן קעפל „גלײַך זיך לויט די פאָרגעשריטענע אוראלער". צווישן די נעמען פון די געבוירענע אוראלער — אָבאָרין, ליאזגין, שאדרין, באָרטניקאָוו און אנד. איז אויך געווען אָנגערופן דער נאָמען קאָרסונסקי.

און קאָרסונסקי האָט זיך דערפילט ביין פון ביין, פלייש פון פלייש פונעם ריזיקן אר־בעטער־קאָלעקטיוו. דאָ אפן זאוואָד איז זינאָווי געוואָרן א מיטגליד פון דעם לעניניש קאָמיוג.

אָבער באזונדערס האָבן די זאוואָד־כאווירים אים ליב באקומען פאר די אוקראַינישע און יידישע לידער, וואָס ער פלעגט ליב האָבן זינגען. אין די מילכאָמע־יאָרן האָט מען געאר־בעט צו צוועלף שאָ א וואכטע. און דאָך, — נאָך דער ארבעט — זיך צונויפגעקליבן אין רויטן ווינקל פונעם צעך, געהערט די מיטיילונג פון סאָווינפאָרמביוראָ, געזונגען, געכאָפט א טענצל, דעקלאמירט. און דאָ פלעגט עמעצער א זאָג טאָן:

«Запрягайте, хлопці, коні...»

— אנו, זינאָווי, דערלאנג „שפאנט אײַן, כעוורע, פערד־און־וואָגן!".

און א צווייטער:

— לייג ארויס דאָס יידישע ליד, אָט יענץ, וואָס דו האָסט געהערט אין יידישן טעאטער...

איצט איז זינאָווי קאַרסונסקי שוין אַ „באַראַטער" מאַן — פון אַ יאָר דריי — פיר און צוואַנציק. ער האָט ניט לאַנג כאַסענע געהאַט. באַ דעם יונגן פּאָרפאָלק אין דער היים, באַ די טראַדיציאָנעלע אוראַלער „פּעלמעניעס" (פליישֿ־קרעפּלעך) און באַ אַ קעלישעקל בראַנפן, האָבן מיר ברייטלעך געשמועסט מיטן אוראַלער שלאָסער זינאָווי קאַרסונסקי.

— קלײַבט איר זיך צוריק אַף אוקראַיִנע? — האָב איך אים געפרעגט.

— ניט נאָר איך קלײַב זיך ניט, איך האָב אַפילע געוואָלט דעם טאַטן אַריבערנעמען אַהער.

מיר האָבן זיך צערעדט: דער פּאָטער, עליע דער שמיד, איז די גאַנצע פיר יאָר מילכאָמע געווען אַפן פראָנט, איצט לעבט ער ווידער אין שענדעראָווקע, און, ווי ביז דער מילכאָמע, איז ער אַ קאָלווירטישער שמיד.

ניט נאָר די אַרטיקע אוראַלער, אַפילע קאַרסונסקי אַליין האָט שוין פאַרגעסן, אַז ער איז ניט פון אוראַל.

די מישפּאָכע לעווין איז, לעהייפּעך קאַרסונסקין, אַ דוירעסדיקע, אַן אוראַלער. אַפילע דער פּאָטער פון דער מישפּאָכע — זאַוול רופט מען אים — איז געבוירן געוואָרן אַף אוראַל (דער זיידע איז, דאַכט זיך, געווען אַ קאַנטאָניסט). זאַוול האָט קאָל־יאָמאָו געהאַט צו טאָן מיט שער און אײַזן. „פון שנײַדערײַ, — פלעגט ער טײַנען, — קאָן מען לייגן די ציינער אַף דער פּאָליצע"... ער איז אָבער געווען אײַנגעליבט אין זײַן מעלאָכע און ער האָט געוואָלט, אַז אויך דער עלטערער זון שויעל זאָל זיך נעמען פאַר דער נאָדל.

נעמט אָבער דער עלטערער זון און גייט אַוועק אַרבעטן אין אַ מעטאַלורגישן זאַוואָד און לערנט זיך אויס פאַר אַ שלאָסער.

און וואָס טוט דער צווייטער זון כאַציע? אויך ער קומט אָן אַרבעטן אינעם זעלבן זאַוואָד, און אויך צום ווערקשטעל. מיילע! שלאָסערײַ איז פאָרט אַ מאַנצבלשע מעלאָכע. אָבער מאַשע, די טאָכטער מאַשע! זי איז גאָר ניט אַזאַ גוואר: לויט אירע קויכעס און אויסזען וואָלט איר גיכער געפּאַסט זײַן אַ מאָדיסטקע. פאַלט אײַן מאַשען דער זעלבער געדאַנק, און אויך זי גייט אַוועק צו אירע ברידער אַפן זאַוואָד און הייבט זיך אָן לערנען דעם פרעזער־פאַך.

דאָס אַלץ איז פאַרלאָפן קימאַט מיט צוויי צענדליק יאָר צוריק. פאַר דער צײַט איז די אונטערנעמונג פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ריזיקן זאַוואָד, וואָס פאַרנעמט אַן אַנגעזעען אָרט ניט בלויז אַף מײַרעוו־אוראַל, נאָר אין דער גאַנצער מעטאַלורגישער אינדוסטריע פונעם לאַנד.

דער וווּקס פון סאָוועטישן זאַוואָד איז פריִער פון אַלץ דער וווּקס פון זײַנע מענטשן. זאַוול דעם שנײַדערס בײדע זין האָבן באַקומען טעכנישע בילדונג. בײדע זײַנען זיי אָרדענטרעגער, און איינער פון זיי, שויעל, איז שוין איצט הויפּט־אינזשעניר אַף אַ מעטאַלורגישן זאַוואָד.

מיט זיבן יאָר צוריק, אָנהייב מילכאָמע, ווען דער זאַוואָד האָט זיך שטאַרק גענייטיקט אין אַרבעטער, האָט דער אַלטער זאַוול געזאָגט דעם ייִנגסטן פון דער מישפּאָכע, דעם פּופּצן־יאָריקן אַבראַשען:

— נו, אַבראַם, דײַן אָרט איז איצט אַפן זאַוואָד.

און אויך דער פערטער פון די לעווינס איז אָנגעקומען אין דער אונטערנעמונג, ווו עס אַרבעטן זײַנע צוויי עלטערע ברידער און די שוועסטער מאַשע.

איצט איז דאָס מיזיניקל אַבראַם אַ שלאָסער־לעקאַלשטשיק פון זיבעטער קאַטעגאָריע. די דעטאַלן, וואָס ער לאָזט אַרויס, זײַנען פּינקטלעך ביז אַ מיקראָן, ביז דער לענג פון דער ליכט־כוואַליע. אַבראַם באַדינט צוויי ווערקשטעלן. געוויינלעך שטייען די ווערקשטעלן אין צעך אין גלײַכער רײַ, און דעם שלאָסער קומט אויס אַרומגיין פון איין ווערקשטעל צום צווייטן. דער יונגער לעווין האָט ראַציאָנאַליזירט דעם פּראָצעס פון באַדינען די ווערקשטעלן: ער האָט זיי צעשטעלט ווי אַ דאַלעד, איזאָלירט אַזויאַרום דאָס אַרבעטס־אָרט און פאַרקירצט די דיסטאַנציע צווישן די צוויי ווערקשטעלן. דערמיט האָט ער אײַנגעשפּאָרט היפּש צײַט.

פיל אַרבעטער פונעם זאַוואָד האָבן אונטערגעכאַפּט אַבראַם לעווינס אופן.

דער פּאַסאַד פונעם זאַוואָד איז אויסגעפּאַרבט אין אַ העל־בלויען קאָליר. דעריבער וואַרפט זיך נאָך שטאַרקער אין די אויגן די אויפשריפט, וואָס גיט צו וויסן, אַז דער זאַוואָד איז אַן אָרדענטרעגערישער — באַלוינט מיטן לענין־אָרדען. אין דער דאָזיקער בעקאָוועדיקער באַלוינונג, וואָס דער זאַוואָד האָט באַקומען, האָבן אַ גרויסן כיילעק אויך די קאָמוניסטן — די זין און די טאָכטער פונעם אוראַלער שנײַדער זאַוול לעווין.

באָריס רײַכער.

לויטן פאַך האָט באָריס רײַכער קיין שום שײַכעס ניט צום געוועזענעם פּאַרוואָראַלאָזטן אוורוטין, ניט צו דעם עוואַקויִרטן זינאָווי קאַרסונסקי, ניט צו דעם שנײַדער לעווינס מיש־

פּאָכע. ער איז אָבער מיט זיי פֿון איין דאָר — סאַכאַקל אַף זיבן יאָר עלטער פֿון דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע. די סאָוועטנמאַכט האָט זיי אַלע געוויזן די ליכטיקע שײַן. מיר קאָנען זיי אָנרופֿן: — אוראַלער ייִדן. באָריס רײַכער איז אַן אָנגעזעענער וויסנשאַפֿטלער אין געביט פֿון מיקראָביאָלאָגיע און עפּידעמיאָלאָגיע. א סטודענט נאָך, האָט ער אַרויסגעוויזן א גרויסע שטרעבונג צו עפּידעמיאָלאָגיע, און איידער ער האָט געענדיקט דעם לעני̇נגראַדער אוניווערסיטעט, האָט ער שוין געאַרבעט אַף דער קאַטעדרע פֿון מיקראָביאָלאָגיע. נאָכן באַקומען דעם דיפּלאָם האָט ער באַשלאָסן א געוויסע צײַט זיך פֿאַרנעמען מיט פּראַקטישער מעדיצין, און ער נעמט אָן דעם פֿאָרשלאָג פֿאַרן אַלס געווײַנלעכער סאַניטאַר־דאָקטער אַף איינער א נײַ־בויונג פֿון מײַרעוור־אוראַל.

רײַכערס קומען אַף אוראַל איז צונויפֿגעפֿאַלן מיט די יאָרן פֿונעם ערשטן פֿינפֿיאָר. אין יענע צײַטן האָט א נײַ־בויונג באַטײַט ניט נאָר, אַז עס וואַקסט א נײַע אונטערנעמונג, נאָר איינצײַטיק אויך דעם וווּקס פֿון נײַע וויסנשאַפֿטלעכע אינסטיטוציעס. אינעם אָקאָרשט געשאַפֿענעם סאַניטאַרישן אינסטיטוט האָט באָריס רײַכער געפֿירט א באַדײַטנדיקע וויסנשאַפֿטלעכע אַרבעט. זײַן נאָמען איז געוואָרן ברייט באַוווּסט, און נאָך זיבן יאָר אַרבעט האָט מען אים אײַנגעלאַדן אין מעדיצינישן אינסטיטוט אין פּערם.

צען יאָר אַרבעט באָריס רײַכער אין דער גרויסער אוניווערסיטעט־שטאָט פֿון מײַרעוור־אוראַל. ער איז פּראָפֿעסאָר, דאָקטאָר פֿון מעדיצינישע וויסנשאַפֿטן און שטייט בעראָש פֿון דער קאַטעדרע פֿון עפּידעמיאָלאָגיע באַם מעדיצינישן אינסטיטוט.

באָריס רײַכער האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אַרום דרײַסיק וויסנשאַפֿטלעכע אַרבעטן. צוזאַמען מיטן באַוווּסטן אוראַלער געלערנטן אַלעקסיי פּשעניטשנאָוו האָט ער געשאַפֿן די לאַבאָראַטאָריע פֿון ווירוסאָלאָגיע — א וויסנשאַפֿטלעכע אינסטיטוציע, וואָס האָט א שעם אַף גאַנץ אוראַל. אַרבעטנדיק צוזאַמען, האָבן די צוויי געלערנטע דערפֿונדן א נײַעם מעטאָד פֿון פֿאַרגרייטן וואַקצינעס קעגן פֿלעק־טיפֿוס. פֿאַר דער אַרבעט האָבן פּשעניטשנאָוו און רײַכער אין 1946 באַקומען די מעלוכע־פּרעמיע.

1948

דער היסטאָרישער דעקרעט

דעם 28־טן מאַרט 1928 האָט דער פּרעזידיום פֿונעם אַלפֿאַרבאַנדישן צענטראַלן אויספֿיר־קאָמיטעט פֿאַרעפֿנטלעכט דעם היסטאָרישן דעקרעט וועגן פֿאַרפֿעסטיקן פֿאַרן קאָמערד, צוליב די באַדערפֿענישן פֿון באַזעצן מיט ייִדן־האָרעפּאַשניקעס, די פֿרײַע ערדן אין בײַאַמורער פּאַס פֿון ווײַטמיזרעכדיקן קאַנט, וועלכע נעמען אײַן זיך אַרײַן דעם בירָאָבידזשאַנער ראַיאָן.

דער דאָזיקער דעקרעט פֿון דער סאָוועטן־רעגירונג איז, פֿאַרשטייט זיך, געקומען ניט פּלוצלינג. ווי עס האָט דערציילט דער פּאָרזיצער פֿונעם אַלפֿאַרבאַנדישן צענטראַלן אויספֿיר־קאָמיטעט מ. אי. קאַלינין דער אַרבעטער־דעלעגאַציע, וואָס האָט אים באַזוכט נאָכן אויסבילדן די ייִדישע אווטאָנאָמע געגנט, איז פֿאַר דער סאָוועטן־רעגירונג שוין לאַנג געשטאַנען די פֿראַגע וועגן אויסגעפֿינען א פּאַסיקע טעריטאָריע, ווו מע זאָל מיט דער צײַט קאָנען אָרגאַניזירן א ייִדישן נאַציאָנאַל־טעריטאָריעלן אווטאָנאָמען איינס.

„און איך, — האָט בא דער געלעגנהײַט געזאָגט מ. אי. קאַלינין, — האָב געשטעלט פֿאַרן קאָמערד די אויפֿגאַבע אויסצוגעפֿינען אַזא פּלאַץ, ווו עס זאָלן דערצו זײַן אַלע נייטיקע פּאָליטישע, קלימאַטישע און נאַטירלעכע באַדינגונגען“.

אין 1927 האָט דער קאָמערד אויסגעפֿילט די דאָזיקע אויפֿגאַבע פֿון דער סאָוועטן־רעגירונג. מיטן אָנטייל פֿון דער סאָוועטישער געזעלשאַפֿטלעכקײַט (געזערד) האָט דער קאָמערד דורכגעפֿירט עטלעכע עקספּעדיציעס און אויסגעפֿאָרשט אייניקע גרעסערע פֿרײַע שטיקער ערד אין פֿאַרשיידענע טיילן פֿונעם סאָוועטנפֿאַרבאַנד. נאָך דעם ווי די עקספּעדיציעס האָבן פֿאַרענדיקט זייער אַרבעט און מע האָט פֿאַרגליכן די מאַטעריאַלן, וואָס זיי האָבן געבראַכט, איז פֿאַרן קאָמערד און געזערד געוואָרן קלאָר, אַז דער פּאַסיקסטער פּלאַץ פֿאַר א קאָמפּאַקטער ייִדישער איבערוואַנדערונג איז דער בירָאָבידזשאַנער ראַיאָן אָפּן ווײַטן מיזרעך.

די ברייטע ייִדישע האָרעפּאַשנע מאַסן האָבן אויפֿגענומען די באַשטימונג פֿון דער סאָוועטן־רעגירונג מיט דער גרעסטער צופֿרידנקײַט. דאָס איז צו זען פֿון די הונדערטער באַגײַסטערטע רעזאָליוציעס און באַגריסונגס־טעלעגראַמעס, וואָס דער קאָמערד און געזערד האָט דעמלט באַקומען פֿון פֿאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך...

דעם 7־טן מײַ 1934 האָט דער אַלפֿאַרבאַנדישער צענטראַלער אויספֿיר־קאָמיטעט אונטערן פֿאָרזיץ פֿון מ. אי. קאַלינינען באַשטימט צו פֿאַרוואַנדלען דעם בירָאָבידזשאַנער ייִדישן נאַציאָנאַלן ראַיאָן אין א

(סאָף זע ז. 143)



ליפמאן לעווין

די קאָנסטיטוציע אויסוויניק

איר האָט אָפּגערעדט, כאַווער? איצטער לאָזט מיך א ביסל. איר זײַט נאָך א יונגער כאַווער, איר זײַט געקומען אף אלעם גרייטן, אז ס'איז שוין געווען אויסגעראַמט, צוגעקליבן, און אין אלע ווינקעלעך — יאָמטעוו! איך פארגין אײַך, וואָס איר האָט דאָס מיסט און די קרעץ אין די אויגן ניט אָנגעזען, ווי איך פארגין מײַנע אייגענע קינדער. איר זײַט מיר אלע טײַער — אייגענע און פרעמדע. וואָס הייסט פרעמדע? ניטאָ גאָר הײַנט קיין פרעמדע, וואָס זאָלן איינער פונעם אנדערן צופן און רײַסן, ווי ס'איז, ניט הײַנט געדאַכט, געווען אמאָל. פאַרקערט: הײַנט נעמט מען זיך פאַר די הענט איינע מיט די אנדערע, ווי אין איין קייטעלע געקייטלט. מע גייט אין איינע קאָלאָנעס, און אלע זינגען איינע לידער. אײַ, לידער! איך האָב זיי ליב, די הײַנטיקע לידער. עס הייבט מיך אינדערלופטן. איך ווער יונג, הערנדיק. אייגנטלעך, בין איך ניט גאָר קיין אלטער. עמעסע יאָרן איז מיר ניט מער ווי צוואַנציק. אהינטער די פלייצעס באָמבלט זיך בא מיר, ווי בא א גילגל, א פעקל יאָרן פון אן אנדער וועלט — א יאָר עטלעכע און פערציק פון דעם צאַריש־קאַפּיטאַליסטישן קאַפּעקאַל... יענץ פעקל יאָרן איז גראָד א צעקאַרדאַשעטעס, וואָרעם די קאַפּיטאַליסטישע וועלט האָט מענטשן ארײַנגענומען ווי קאָרן־זאַנגען צווישן מיל־שטיינער און האָט זיי צעריבן, צעמאָלן... אָבער איצט האָב איך זיך אָפּגעיינגערט. א יונגער און א שלאָגלער בין איך! מער ניט — אין קאָמסאָמאָל קאָן איך ניט גיין, ווײַל דער קאָפּ איז בא מיר א גרויער... איר מיינט עפּשער, אז גרויע האָר שטערן דעם קאָפּ יונג צו זײַן?

זעצט זיך צו א ביסל, כאַווער, און מײַן סאָרקע וועט אײַך דערלאַנגען א גלאָז טיי. ניש־קאָשע, בא א שלאָגלער אין דער היים מעגט איר אויסטרינקען א גלאָז טיי און צובײַסן א זעמל. פאַראַן, פאַראַן. און איך וועל דערווײַל אויסטאָן די פּאַלטאָ און די ספּעצאָווקע מײַנע און איך וועל א ביסל שמועסן. איר זײַט געקומען אהער פאַרטײַטשן די קאָנסטיטוציע אונד־זערע און דעם וואַל־געזעץ פאַר די שטוביקע באַלעבאָסטעס און פאַר אינוואַלידן. אָט, לאָמיר זאָגן, געצרשן איז אן אינוואַליד — ער האָט זיך אויסגעהאָרעוועט בא די קאַפּיטאַליסטן, אָבער דאָס סאָציאַליסטישע היימלאַנד זיכערט אים א גוטע עלטער. בא אונדז איז ער א כאָשעווער מענטש, אן אינוואַליד פון ארבעט! דאָס איז א כאָשעווער טיטל, וואָס באַווײַזט, אז ער האָט אף זײַן לעבן געאַרבעט פאַר דער געזעלשאַפט. באַקומט ער איצט דערפאַר סכירעס פון דער

מעלוכע, וואָס רופט זיך פּענסיע, און מע טראָגט עס אים אַרײַן אַהיים מאָנאַטלעך אין א באַשטימטן טאָג.

איז דאָס פאַרשריבן אין דער קאָנסטיטוציע? פאַרשריבן: „פאַרזיכערונג אַף דער עלטער"! און אַמאָל... האָט מען דאָך אויסגעזויגן און אַרויסגעוואָרפן. פריִער — בײס די האָסט נאָך געאַרבעט, ביסטו געווען אָן אָרעמאַן, און אַף דער עלטער אָן קויכעס — א קאַפּצן, א בעטלער. גיי קלאַפּן אין די טירן בא דער קאָהאַלשער צדאָקע נאָך א פּיטאַקל אַף שאַבעס, אָדער אײַנ־בעטן זיך אין שמוציקן העקדעש צוזאַמען מיט שטילע מעשוגאָיִם און כוילע־נויפלים. און די רײַכע גאַבאָיִם פלעגן זיך נאָך פּאַרויס באַזאָרגן מיט א באַצאָלטן שאַמעס בא דער טיר, א גרויסן, א געזונטן, וואָס זאָל קאָנען אָנכאַפּן א צען אָרעמעלײַט מיטאַמאָל און אַרויסוואַרפן זיי אַף יענער זײַט טיר בא דעם ערשטן געמורמל... מע האָט נאָך ניט געטאָרט א פּיפּס טאָן... פאַרבײַס די ליפּן און שאַ־שטיל.

כאַוועֶר, איך בעט אײַך נאָכאַמאָל: איר טרינקט טײ, און איך וועל ריידן. איר זײַט ניט מיט א סאַך עלטער פון מײַן מיזיניקל, פון מײַן הירשלען, — אים איז 18 יאָר. ווי זאָגסטו, סאָרע, אַכצן דאַרף אים ערשט ווערן אין יענעם יאָר? איז ער אויך א כאַשעוועֶר מענטש. פון קינדווײַז אָן א כאַשעוועֶר — מע האָט זיך מיט אים געצאַצקעט. געגומען אין די קלאַסן, געלערנט, געפירט אין די קאָלאָניעס, אין זומער־לאַגערן, געהאָדעוועט, געפּעסטעט. און ס׳איז אויסגעוואַקסן א יאַט — געזונט און שטאַרק, מיט געענדיקטע 10 קלאַסן, מיט א קוטשמע האָר אַפן קאָפּ, וואָס נייטיקט זיך קיינמאָל ניט אין א היטל, מיט אָן אָפענער ברוינער ברוסט אַפילע אין ווינטערדיקע פרעסט.

איז דאָס פאַרשריבן אין דער קאָנסטיטוציע? פאַרשריבן: „רעכט אַף בילדונג"! דאָס איז שוין בא מיר אין דער היים, בא מײַן הירשלען אין קאָפּ, גאַנצע צען קלאַסן מיט אומזיסטער לער.

איך אין זײַנע יאָרן האָב ניט געהאַט אַזאַ קאָנסטיטוציע, פאַר מיר איז געווען א פינצ־טערע, א כאַרעווע טאַלמעטוירע מיט א הינקעדיקן רעבן — דעם שלימסטן פלעגט מען אָפּגעבן פאַר די אָרעמע קינדער. פלעגן מיר מיט אים מילכאָמע האַלטן, מיטן רעבן, א יאָר, צוויי — ער אונדז מיט דער קוליע, און מיר אים מיט נאַסע טיכער. ער פלעגט קעסיידער דרימלען, נעצן מיר אָן טיכער און וואַרפן אין אים פונדערווײַטן. דערעסט עס אונדז, און מיר גייען אוועק צו א באַלמעלאָכע. צוערשט מיט די שוואַכע קינדערשע הענטלעך טראָגן פּאָמוינ־יצעס אין שטוב, האָלץ און וואַסער, לויפן א גאַנג, פאַרשפּאָרן יעדערן א טירכע און כאַפּן קלעפּ דערבײַ. אָבער א מאָגער ריטעלע אַף א פּײַכטן באָדן, אָן בלעטלעך אַפילע, ציט זיך אויך אין דער הייך. — קלוימערשט אויסגעוואַקסן, אויסגעלערנט זיך א מעלאָכע, און מע קאָן שוין אָנהייבן צו באַקומען געצאָלט פאַר דער אַרבעט — איז קיין אַרבעט ניטאָ. באַלעבאַטים נעמען לערנײַנגלעך, און געזעלן זוכן אַרבעט. איר זײַט א יונגער כאַוועֶר, און איר ווייסט גאָר ניט וואָס באַטײַט זוכן אַרבעט. מע פּאָרט אויס שטעט, מע גייט אויס צופוס גרויסע מעהאַלעכס, מע קלאַפּט אין אַלע טירן: אַרבעט! אַרבעט! מע וואַרפט מעקעד, מע וואַרפט זיך אַליין, מע מאַכט זיך דערנידערט, געשלאָגן, אַבי נעם אַף אַרבעט...

מײַן הערשל אָבער ווייסט ניט דערפון, פון זוכן אַרבעט. ער האָט געענדיקט די קלאַסן און האָט, ערשטנס, צוויי מאָנאַטן אָפּגערוט. ס׳קומט אים דאָך רו, און אָן אָפּרו־הויז איז פאַראַן. אָן אָפּגערוטער, אָן אויסגעפּעסטעטער, האָט ער אויסגעקליבן א פאַבריק דאַפקע אַזאַ, וואָס געפעלט אים — ער האָט א גוסט צו מאַשינעריע, און מע האָט אים גלײַך אָנגענומען, און מע צאָלט שוין, און מע צאָלט גוט... און דאָרטן טאַקע איז ער מיט זײַנע צען קלאַסן גלײַך אָנגע־קומען אַף די אָוונט־קורסן לערנען זיך אַלס מעכאַניקער.

איז דאָס פאַרשריבן אין דער קאָנסטיטוציע? פאַרשריבן: „רעכט אַף אַרבעט"! גאַראַנטירטע אַרבעט פאַר יעדערן. אַרבעט מיט קאָוועד און ערע.

און א זאַוואָד פאַרמאָגט בא זיך קורסן, א ביבליאָטעק, א קלוב, א לייען־זאַל — ס׳איז א גאַנ־צער אוניווערסיטעט! אַרבעטער לערנען זיך און יאָגן אָן זייערע אינזשעניערן: זיי גלײַכן זיך אויס באַלד.

און הערשל איז א יאַט — ער איז אויך ניט הינטערשטעליק. ער האָט זיך שוין באַקענט מיט דער מאַשינעריע און געגומען יאָגן נאָרמעס, און די אַרבעט איז בא אים דאַפקע פון הויכער קוואַליטעט. איז אַדעראַבעו! אַרבעט קלעקט. פאַרדין געלט, ביסטו נאָך א לײַט!

האָט קיין פאַריבל ניט, יונגער כאַוועֶר, וואָס איך פאַרהאַלט אײַך. איר האָט שוין אַפילע פאַרענדיקט אײַער געשפּרעך מיט די באַלעבאָסטעס — מיט די ווײַבער. די ווײַבער — אַרבע־טערנס און שטוב־באַלעבאָסטעס — האָבן בא אונדז א דײַע אין לאַנד גלײַך מיט אַלעמען. יעדער מענטש איז בא אונדז דערהויבן. זייער אָנגעלייגט, וואָס איר זײַט צו אונדז געקומען. מײַן סאָרקע וואָלט אײַך אויך געקאָנט א סאַך דערציילן, נאָר זי איז א שווײַגנדיקע... זי איז געווען

א יעסוימע, דאָס ווײַב מײַנס. דער טאַטע אירער, א שוסטער, איז פּרי פון דער וועלט אוועק. ניט געוועז דעמלט וואָס צו זשאַלעווען. איצטער, דעם עמעס זאָגנדיק, ווילט זיך זײַער לעבן. אײַ, לעבן! אַז ס'ווערט קעסיידער פרײדיקער דאָס לעבן! איז זי דעמלט, מײַן ווײַב, זאָג איך, א יונג קינד, א יעסוימע, אוועק אף אן „אַרט", דינען בא פרעמדע לײַט. דאָס ערשטע אַרט אירס איז געווען בא דעם שויכעט פון שטעטל. אָפּגערעדט: דאָס ערשטע יאָר דינען גאָר אָן געלט, בלויז פאַרן עסן, און אפן צווייטן יאָר באַקומט זי א רובל א כוידעש, אַזוי, סאַרקע? איך לײַג ניט. אַרבעט זי שווער, האָדעוועט פרעמדע קינדער, טוט אין שטוב און העלפט נאָך אין דער שכיטע. די פעדערן פון די געקוילעטע אויפעס האָבן דאָרט אין שטעטל געהערט צום שויכעט — אַזאַ אָפּמאַך איז געווען — ווײַל דאָס מעזומענע געלט פאַרן קוילען האָט געהערט צו דער „קאַראָבקע", וואָרעם דאָס שטעטל איז אָרעם, עסט ווייניק פלייש, האָט מען באַשטײַערט אויך אויפעס, און פאַרן שויכעט איבערגעלאָזט די פעדערן. האָט דאָס קליינע סאָרקעלע זיי באַדאַרפט פליקן. א שווערע אַרבעט. קוים אויסגעהאַלטן א יאָר, איז זי אוועק פון דעם אָרט און איז אָנגעקומען צו א קאַצאַוו. איז דער שויכעט געלאָפן צום ראָוו מיט א טײַנע, ער זאָל פּאַסקענען, אַז די יעסוימע דאַרף זיך אומקערן צוריק צו אים, ווײַל זי איז אים שולדיק געבליבן. דאָס ערשטע יאָר איז זי דאָס עסן אויך ניט ווערט געווען... דאַרף זי נאָך בא אים אָפּדינען פאַר דאָס פרײַערדיקע... וועט איר פרעגן, און ווי איז איר דערנאָך געווען באַם קאַצאַוו? פון דעם קאַצאַוו איז זי אַמאָל אײַנמיטן נאַכט אַנטלאָפן, אַז ער האָט גענומען צו איר צושטיין... איז זי געבליבן אָף דער גאַס א צײַט, הונגעריק און עלנט...

אַזוי, כאַווער, איז געווען אַמאָל.

און הײַנט זײַנען אַלע קינדער באַזאָרגט: קינדער בלײַען בא אונדז, ווי בלומען אין פעלד. און א מיידל איז א מענטש! און א מענטש איז דער גרעסטער קאַפּיטאַל בא אונדז אין לאַנד, און מע היט עס אָפּ, ווי א גוטער סעדער א פּרוכט־בוים.

מײַן רייזעלע, מײַנע א טאָכטער, האָט גאָר אַן אַנדער לעבן. אויך א מיידל, און פון עלטערן אַרבעטער, און ס'איז גאָר אַנדערש. זי האָט געענדיקט פרײַער די שול און איז דערנאָך ערשט אוועק אַרבעטן, א דערוואַקסענע שוין. און איצט — פליט זי. זי פליט, אײַנדערלופטן טאַקע, היך, און ווײַט, — אָף א מאַשין. זי האָט דערצו כיישעק געהאַט, האָט זי זיך אויסגעלערנט פלײַען. און פאַרוואָס זאָל זי ניט פלײַען? אַז ס'איז א פרײַער פויגל, אַן זאָרג, אַן קלעמעניש. און פלײַען איז בא איר אַן אָפּרו, א פאַרווײַלונג נאָך דער אַרבעט. בא רייזעלען איז א גרינג לעבן. א פריידיקס — פליט זי. און ס'איז איר אויך א קאַוועד, זי וויל אָפּהיטן און שיצן איר פריידיק לעבן און איז גרייט זיך א לאָז טאָן אָף איר מאַשין אַנטקעגן דעם סוינע, וואָס וועט נאָר וואַגן לאָזן זיך צו אונדזערע גרענעצן.

מײַן וועלוול, דער עלטערער זון, איז שוין לייטענאַנט אין דער רויטער אַרמיי בא טאַנקען. אָט ערשט געווען א רויטאַרמייער, און מיר פלעגן אין א רו־טאָג גיין צו אים צוגאַסט. דער גרעסטער פאַרגעניגן איז געווען בא אונדז צו פאַרברענגען דאָרטן בא אים. א גרויסער זאַל צו אופנעמען געסט. דער שענסטער קלוב, מיט געזאַנג, מוזיק און טענץ. צײַטונגען און ביכער. וואָס פאַר א קלוג און שיין לעבן ס'איז בא אונדזערע רויטאַרמייער!

כאַווער, איך האָב אָף אײַך פאַריבל, וואָס עסט איר ניט?.. עסט, עסט, און איך וועל אײַך דערציילן, ווי איך בין געווען א סאָלדאַט, אין קאַזאַרמע. מיילע, פון מיר איז ניטאָ וואָס צוריידן: א ייִד איז — „זשיד" אין איין באַק, און „זשיד" — אין דער אַנדער באַק. די באַקן האָבן געפלאַמט פון פעטש ווי פאַמפּעשקעס. און פויערים פון דאָרף, און אַרבעטער פון שטאָט, ניט־ייִדישע, וואָס שרײַען די „מאַליטווע", אַז זיי צערײַסן זיך די גאָרגלען, — אַזוי האָט דער פעלד־פעבעל געפּאָדערט, — האָט מען זיי אויך אַרײַנגעשאָטן אין באַק פעטש מער, ווי גרויפּן אין דער קאַשע. געווען בא אונדז א סאָלדאַט א פויער, וואָס האָט ניט באַנומען די צוויי ניקאָלײַען מיטאַמאָל, — איינעם מיט א „וועליטשעסטוואָ" און דעם אַנדערן מיט א „וויסאָטשעסטוואָ", און ער פלעגט זיי צעפּלאָנטערן, דעם פעטער מיט דעם פּלעמעניק... האָט דער פעלדפעבעל זיך געמאַכט א כויזעק־שפּיל איבער אים און מאַנאַטלאַנג פלעגט ער צוויי מאָל אין טאָג אים פּראַס־קען איבערן גאַנצן פּאָנעם איינס נאָכן אַנדערן: א פּאַטש פאַר „וועליטשעסטוואָ" און א פּאַטש פאַר „וויסאָטשעסטוואָ".

אַזוי איז געווען אַמאָל דעם סאָלדאַט אין קאַזאַרמע.

בא אונדז איז די רויטע אַרמיי א באַשיצער פון אונדזער גליקלעך לאַנד און א בויער פון אונדזער פריידיק לעבן. ס'איז א קאָוועד צו שיצן דאָס טײַערע לאַנד.

דאָס איז פאַרשריבן אין דער קאָנסטיטוציע? — פאַרשריבן! און דער קאָוועד איז אָנגעקומען מיר אויך — מײַן פאַמיליע. מײַן וועלוול איז לייטענאַנט בא טאַנקען, און מײַן רייזעלע פליט שוין דאָס צווייטע יאָר אָף אן עראָפּלאַן.

און די עלטערע טאָכטער מײַנע מיטן מאַן, מיט מײַן איידעם הייסט עס, קלײַבן זיך, זײַנען שוין גרייט צו פאָרן — טרעפט וווהין? אין דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט, אַרבעטן דאָרט, בויען דאָרט.

די ייִדישע אווטאָנאָמע געגנט איז פאַרשריבן אין דער קאָנסטיטוציע? — פאַרשריבן! אין וואַל־געזעץ — פאַרשריבן. מיר ווײלן אויס געהעריקע דעפּוטאַטן אין אויבער־ראַט פון פסטר, אין די אויבער־ראַטן פון די פאַרבאַנדישע רעפּובליקן און אין די אָרטיקע ראַטן: אין דאָרף־ראַט, אין יישעוו־ראַט, אין שטאָט־ראַט און אין געגנט־ראַט.

אָט דאָס איז טאַקע די קאָנסטיטוציע פון סאָציאַליזם אין אונדזער נײַעם לעבן: מענטשן זײַנען דערהויבן געוואָרן און פעלקער זײַנען דערהויבן געוואָרן. אַלע גלײַך, און אַלע — כאַשעווע. מענטשן זײַנען כאַוויירים. און פעלקער — ברידער. און אַמאָל, אוי, אַמאָל! איך וויל גאָר ניט דערמאָנען אַפילע יענע פינצטערע יאָרן, ווען מע האָט אַלע האָרעפּאַשניקעס געטרייבערט, פעלקער געמאַטערט, געפּײַניקט, און אָנגעררייצט נאָך איינע אויף די אַנדערע, אויף האַריגעס און פּאָגראָמען. איצט אָבער זײַנען אַלע פעלקער גלײַך — אַלע אָן אונטערשייד, ווי אין דער קאָנסטיטוציע איז פאַרשריבן. און פעלקער צווישנאַנאַנד זײַנען פרײַנט, העלפן איינע די אַנדערע, אַז יעדע איינע פון זיי זאָל שטײַגן וואָס העכער. געבענטשט זאָל זײַן די פרײַנטשאַפט צווישן פעלקער! סאָציאַליזם האָט באַפרײַט יעדן מענטשן, ווי דעם מאַנצבל, אַזוי די פרוי, ווי די עלטערן, אַזוי די קינדער. סאָציאַליזם האָט באַפרײַט יעדעס פאָלק, יעדע נאַציע, ווי גרעסערע, אַזוי קלענערע. סאָציאַליזם — איז אויס עקספּלואַטאַציע פון אַ מענטשן און אויס אונטערדריקונג פון אַ פאָלק. סאָציאַליזם איז דער פונדאַמענט פון אונדזער קאָנסטיטוציע, און אַזאַ פונדאַמענט איז אײַזנפעסט! דאָס איז אַן אײַזערנער בריק אויף אַריבערצוגיין צו קאָמוניזם.

איך ווייס, איך פאַרשטיי, איך זע, איך הער, איך לייען ביכער, צײַטונגען בא אונדז אין קלוב, אין לייענזאַל. אַז איך קום אַהיים פון דער אַרבעט, טו איך אָן די שפּאַקולן און לייען צײַטונגען, ביכער, און די קינדער לייענען מיר. אויך פאַרשטיי איך און איך ווייס, אַז מיר האָבן נאָך אייניקע שוועריקײַטן, אָבער מיר אַלע זײַנען זיכער, אַז זיי זײַנען צײַטווײַליקע.

נו, מער וועל איך אײַך הײַנט ניט פאַרהאַלטן, נאָר איך וויל אײַך בעטן, יונגער כאַווער, קומט טאַקע צו אונדז צוגאַסט אין אַ רו־טאָג, צו אַ יאָמטעוודיקן מיטיק מיט אַלע מײַנע קינדער, וועט איר זיך באַקענען מיט זיי. אַדעראַבע, קומט אַרײַן.

אַז איר וועט זיך באַקענען מיט מײַנע קינדער, וועט איר זען, וואָס פאַר אַ געבענטשטער טאַטע איך בין — לייבע דער שלאָגלער. געבענטשט איז אַ טאַטע פון אַזעלכע קינדער. און געבענטשט זײַנען קינדער מיט אַזאַ געבענטשטן טאַטן, וואָס איז פאַרשריבן אין פּאַס איבער זעכציק יאָר, און עמעסע יאָר האָט ער אָפּגעלעבט אומגעפער נאָר צוואַנציק, און ער איז פון די שלאָגלער אין דער פאַבריק, און ער האָט אין די אַמאָליקע יאָרן אויך אַ קלאַפּ געכאַפּט פון אַ זשאַנדאַר, בייס די עלטערע טאָכטער איז נאָך אויף דער וועלט ניט געווען. איך האָב וואָס צו דערציילן, אַדעראַבע, יונגער כאַווער, קומט אַרײַן צו מיר צוגאַסט...

זײַט אַזוי גוט, כאַווער, נאָך איין ווײַלע נאָר, איך וועל אײַך ניט פאַרהאַלטן לאַנג.

אָט זעט, אַדעראַבע: טוט אַ קוק בא מיר אין מויל, זעט איר — אין דער אונטערשטער ריי פעלן בא מיר דרײַ ציין... יענע, די זײַטיקע און עטלעכע אייבערשטע ציין, זײַנען אויך אַרײַנגעשטעלטע, שטאָלענע ציין, גאָלדענע ציין, נאָר די דרײַ לאָזט מיר ניט דאָס האַרץ אַרײַנצושטעלן... איך וויל ניט פאַרשטעלן מײַן יוגנט... אין דער יוגנט אַמאָל אויף אַ דעמאָנסטראַציע האָט אַ זשאַנדאַר זיי מיר אויסגעשלאָגן. איז זאָל זײַן אַן אָנדענק: אין גוטע יאָרן דאַרף מען ניט פאַרגעסן די שלעכטע... אַז ניט אומזיסט בלוט פאַרגאָסן! פאַרנעם איך נאָך מער נאַכעס, פרייד, פאַרגעניגן פון דעם איצטיקן ליכטיקן און פריילעכן לעבן אונטער דער שײַן פון דער קאָנסטיטוציע!

1940

(סאָף פון ז. 139)

ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט אינעם באַשטאַנד פון ווײַטמיזרעכדיקן קאַנט.

די צענטראַלע פּרעסע פון דער רויטער הויפּטשטאָט — „פּראַוודאַ“ און „איזוועסטיאַ“ — די פּרעסע פון אַלע נאַציאָנאַלע רעפּובליקן, די צײַטונגען פון לענינגראַד, אוראַל, סיביר און ווײַטן מיזרעך, די אַר־ בעטער־צײַטונגען פון די גרעסטע סאָציאַליסטישע פאַבריקן און זאַוואָדן, די קאָלווירטישע צײַטונגען — אַלע האָבן זיי מיט באַגײַסטערונג אופגענומען די באַשטימונג וועגן דער אויסבילדונג פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט.

פונעם אַרטיקל פון א. קירזשניץ „די ייִדישע אווטאָנאָמע געגנט“, פאַרעפנטלעכט אינעם זאַמלבוך „ייִדן אין פסטר“, פאַרלאַג „עמעס“, מאָסקווע, 1935.



איציק קיפניס

צווי מוירן

אין איינער א שטאָט, טאַקע דאָ, ווו מיר ווױנען אַצינד, אַף איינער א גאַס, ווו איך זע אײַך אָפּט שפּאַצירן גיין, זײַנען אַפן סאַמע ראָג געשטאַנען צווײ מויערן — נײַע און שיינע. זיי האָבן זיך עמעס געכאַווערט צווישן זיך, טאָג און נאַכט האָבן זיי זיך געשפּיגלט איינס אינעם אַנדערן. פינף שטאָקן האָט איינער, פינף — דער צווייטער. פינף פּאַראַדנעס בא יעדן און ניט ווינציקער פון צוואַנציק פּריילעכע באַלקאָנדלעך בא ביידע זײַטן. די פענצטער צעפלאַמען זיך אַנטקעגן זון־אופגאַנג און זון־פאַרגאַנג, און די קוימענס פּיפּקען יעדן ווינטער מיט האַרבן קרעפטיקן רויך.

פּלוצעם איז דער סוינע, וואָס האָט געלאָקערט אַף אונדזער לאַנד, באַפאַלן די דאָזיקע שיינע שטאָט.

א שווערער בלוטיקער קאַמף איז געווען... ווען אונדזערע זיגער האָבן צעשלאָגן דעם סוינע און מיר האָבן זיך אומגעקערט צו אונדזער פאַרבענקטער היים, צו אונדזער גאַס, האָבן מיר דערזען: איין הויז שטייט, כאָטש צעבײַלט און צעקריצט, כאָטש די טירן צעשטשערבעט, די פענצטער אויסגעזעצט, נאָר דער ביניען איז גאַנץ, און די טרעפּ פירן יעדן איינעם אין זײַן נעסט אַרײַן.

דערפאַר איז דער צווייטער מויער, וואָס אַנטקעגן, ניט קיין מויער מער, נאָר א באַרג מיט שטיינער.

שווער געווען זיך צוגעווינען צום בילד, וואָס אַנטקעגן: א שטיקל באַלקאָן הענגט נאָך אַראָפּ פון א דריטן שטאָק. טרעפּ, ווי ריפּן אַנטבלויזטע, זעען זיך אַרויס דורך א צעבראָכענער וואַנט. די צעבויגענע רערן פון דער וואַסערלייטונג טריפן מיט זשאַווער־טראָפּנס, ווי אַן אָפּענע ווונד. עס זעען זיך אַרויס שטיקלעך העל־בלויע סופיטן פון אַן אויסגעפּוצטן שלאָף־צימער, וואָס שטייט אופגעריסן אַנטקעגן ווינט. געווען א יונגער, לעבעדיקער מויער, א צירונג פאַר דער גאַס, א פרייד פאַר די אײַנווױנער, און איצט איז עס א ריזיקע כורווע, א באַרג מיט שטיינער.

אַזוי איז עס געווען א גאַנצן ווינטער. נאָר פרילינג, אין איינעם א פרימאָרגן, דערזעען מיר, ווי אַנטקעגן, אַפן סרייפע־פּלאַץ, האָבן זיך באַוויזן מענטשן: אַן עלטסטער ווײַזט עפּעס, גיט אָפּ א פאַראָרדענונג, און די איבעריקע (פרויען און מענער) צעטיילן זיך גרופּעסווײַז. אָט

הייבט אוף איינער דאָס ערשטע שטיקל ציגל און לייגט עס אָפּ אין א זײַט, נאָך אים — א צווייטער און א דריטער. ס׳הייבן אָן וואקסן שטאפלען אָפּגעקליבענע גאנצע און האלבע ציגל. לאסט־מאשינעס קומען און פירן ארויס די בערג שלאק און ברוך־שטויב. אין עטלעכע טעג ארום קומען צו פרישע מענטשן, הייבן אָן גראָבן סטויפעס און צונויפקלאפּן א פארקן.

— יאָ, — האָבן מיר אלע פריילעך א צי געטאָן די פרילינגדיקע היימישע לופט, — ס׳הייבט זיך אָן א בויונג.

לאסט־מאשינעס האָבן זיך אָנגעהויבן צושטעלן אהער איינס נאָך איינס, איינע פירן קאלך, ליים, אנדערע ברענגען געהילץ און פארשיידן אײַזנוואַרג. דער הויף איז גרויס און געראם, ער נעמט צו אלץ, ער שלינגט עס אײַן און בעט נאָך. די געבליבענע שטיקלעך ווענט האָבן אָנגעהויבן אויסקאָלופּען זיך פון די בערג ברוכשטיקער, אש און קוילן, ס׳האָבן זיך באַוויזן מוליערס מיט ברייטע מעיושעוודיקע פארטעכער, וואָס לייגן אלטע און נײַע ציגל, און די ווענט האָבן אָנגעהויבן זיך ציִען אין דער הייך. די ווענט וואקסן און לאָזן נאָר איבער אָפענע פירעקן, ברייטע און שמאָלע פאר טירן און פאר פענצטער. אָט שטעקן שוין ארויס אהער אײַזערנע רעלסן. אף זיי וועלן זיך האלטן די נײַע קומענדיקע באלקאָנען.

ניט אזוי גיך טוט זיך, ווי עס רעדט זיך. אָבער ביז דער זומער איז אוועק, איז דער מויער שוין דערוואקסן ביז דער העכסטער סטעליע, נײַע פענצטער־ראמען זײַנען שוין אײַנגעפאסט אין די נעסטן. די ארבעטער שפּאצירן ארום גאנצע טעג אין דער הייך, ווי זיי וואָלטן קיין שום שײַכעס ניט געהאט מיט דער נידער.

דער הארבסט האָט אָנגעהויבן גאנץ אָפּן דערקוטשען מיט זײַנע רעגנדיקע כמורנע טעג. נאָר די בויער, ווי ניט זיי מיינט מען. זיי הייבן אָן די ארבעט גאנצפרי און ענדיקן זי, ווען דער אָוונט פאלט צו. עס הייבן זיך שוין אָן גוטע קעלטן, נאָר די בויונג שטעלט זיך ניט אָפּ. נײַע לאנגע קראָקוועס ווערן ארופגעצויגן און אויסגעלייגט. דאָס זײַנען די ריפּן־ביינער פונעם נײַעם דאך.

אָט זײַנען שוין נײַע ווײַסע ברעטער שורעסווײַז אָנגעקלאפּט אף די קראָקוועס. קוימענס ברייטע, נײַ־אויסגעמויערטע האָבן זיך גיך־גיך ארויסגעשטעקט ארוף, ווי איינער מיינט:

— מע קאָן נאָך אינמיטן אימפּעט אין אונדז פארגעסן, און מירן דערנאָך ניט האָבן וווהין אויסצולאָדן די בערג מיט רויך.

שיין, ווי אף א געמעל, בילדן זיך אויס די האלב־קײַלעכיקע בוידעם־פענצטערלעך. דער פראָסט שטשיפּעט, כאפּט פאר די פינגער, נאָר

יאַן ווינאַקוראַוו — הויפט־אינזשעניר פון דער בויונג פון א רעמאָנט־זאַוואָד פארן באַם.

וולאַדימיר קאַפמאַן — שעף פון אן אומבײַט אין א מעכאַנישן צעך.

יעפים בורנשטיין — שאָפער־טאַקסיסט.

פאסן בלעך צ׳ען זיך אויס און פארבינדן זיך איינס מיטן צווייטן. אָט איז דער דאַך שוין צו־געדעקט פון איין זײַט, אָט פון דער צווייטער. די שנייעלעך פלי׳ען אום און דרייען זיך לעם די בלעכערס, ווי זיי וואָלטן זאָגן: „אָ, גוט, גוט, דערווײַל וועלן מיר האָבן ווו זיך צו שפּרייטן”. די שפּערלעך טאַנצן אום פון דער נאָענט — זיי זײַנען אויכעט גערן — „דערווײַל וועלן מיר האָבן ווו זיך צו נעסטן”...

און דעריקער פרייען זיך די מישפּאָכעס פון העלדן אומגעקומענע און העלדן צוריקגעקו־מענע, זיי וועלן וווינען אין דעם נײַעם מויער.

און זעט: איינִיקע פענצטער באַגלאָזטע לײַכטן זיך שוין אין אָוונט פון אינווייניק. צי דען וווינען שוין דאָרט מענטשן? אוודע וווינען דאָ מענטשן, פון די קוימענס גייט אפילע א רויך.

דער הויף ווערט אויסגעליידיקט פון די בוי־מאַטעריאַלן, דער דאַך און די רישטעוואַניעס זײַ־נען שוין פרײַ פון ארומגייער. דאָס הויז שיילט זיך אויס פונעם פארקן מיט די רישטעוואַניעס, און אונדזער מויער איז שוין צוריק ניט עלנט. ער האָט שוין אנטקעגן זיך א פרײַנט, א יונגן געזעל, וואָס וואַכט זיך אוף יעדן פרימאָרגן מיט פריילעכע באַלקאָנעס, מיט פענצטער און מיט טירן, מיט לעבעדיקע לײַבלעכע אײַנוווינער אין יעדער וווינונג באַזונדער.

דער רויך שפּאַרט פריילעך פון די קוימענס ארויס. אונטער די סאַמע וואָלקנס באַהעפט ער זיך און גיסט זיך צונויף מיטן רויך פונעם צווייטן הויז.

.1947

עס ווערט געבוירן א נײַער מענטש

דאָס שאַפן די ייִדישע אווטאָנאָמע געגנט אין בי־ראָבידזשאַן האָט א קאָלאָסאַלע פּאָליטישע, עקאָנאָ־מישע און סאָצ׳יאַלע באַדײַטונג...

...איך בין ניט געווען אין ביראָבידזשאַן. איך האָב אָבער באַזוכט א גאַנצע צאָל לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניעס אין קרים. און מיך, אלס ב׳אָלאָג, האָט זייער אינטערעסירט אָט די טיפע ענדערונג אינעם גאַנצן אָנבליק פונעם ייִדן, וואָס האָט זיך באַזעצט אף ערד און באַשעפטיקט זיך מיט לאַנדווירטשאַפט־לעכער ארבעט. איך האָב זיך צוגעקוקט צו די נעכ־טיקע קליינע באַלמעלאָכעלעך, קליין־הענדלער און אנדערע „לופט־מענטשן” פון דער צאַרישער צײַט און צו די הײַנטיקע קאָלווירטניקעס פונעם ראַטנפאַר־באַנד און האָב זיך איבערצײַגט, אז זיי האָבן זיך אינגאַנצן באַפרײַט פון די אַלטע שטריכן זייערע און זיך פארוואַנדלט אין עמעסע ערד־ארבעטער. אָנשטאָט דעם דריבנעם און שנעלן גענגל האָבן זיי איצט גע־שפּאַנט מיט פעסטע ברייטע טריט פון א זיכערן ערד־ארבעטער. עס האָט זיך אויך אינגאַנצן געענ־דערט זייער אַרט ריידן. אָנשטאָט דעם אַמאָליקן אײַ־ליקן נערוועזן „מאָלן”, ווי עס פלעגן ריידן ייִדן באַם צאַרישן רעזשים, האָבן זיי איצט גערעדט מיט א פעסטער, גלאַסענער, קלאָרער שטים פון אן ערד־ארבעטער — א קאָלווירטניק, וואָס געפינט זיך אף א פעסטן באָדן און האָט צו באַטראַכטן אַלע אײַנצל־הײַטן פון דער קאָמפּליצירטער קאָלעקטיווער ווירטשאַפט.

...אין ראַטנפאַרבאַנד וואַקסט א נײַער, פעסטער, געזונטער, לעבנספריידיקער דאָר אויך בא די ייִדי־שע מאַסן, און די ייִדישע אווטאָנאָמע געגנט איז נאָך איין רינג אינעם דאָזיקן וווּנדערלעכן באָלשעוויס־טישן מעטאָד פון איבערמאַכן דעם מענטשן.

...א גרוס דעם סאָצ׳יאַליסטישן ביראָבידזשאַן! א גרוס דעם פרײַגעוואָרענעם ייִדן, דעם ברודער און כאַווער, דעם מיטבויער און מיטקעמפער אין דער גרויסער סאָצ׳יאַליסטישער בויונג!

א גרוס דעם נײַעם פעסטן און געזונטן דאָר סאָ־וועטישע ייִדן, שלאָגלער פון אונדזערע זאַוואָדן און קאָלווירטישע פעלדער.

א. סעמאשקאָ, מיטגליד פונעם סעקרעטאַריאַט פון אַלפאַרבאַנדישן ציק.

פונעם זאַמלבוך „ייִדן אין פסטר”, פארלאַג „עמעס”, מאָסקווע, 1935.

די שיינע, אומענדלעכע, טײַערע ערד

לידער־קראַנץ

בוזי מילער

דער שאָס פון „אווראָרא"

א קנאל געטאָן עס האָט „אווראָרא",
די פינצטערניש צעשפּאָלטן העל,
אין פלאַם אין אירן איז געבאָרן
פון בלוט און וויי — א נײַע וועלט.

דער קנאל איין טקופע האָט געשלאָסן,
א צווייטע טקופע אופגעפּראַלט,
דעם טאָג דעם נעכטיקן צעשאָסן,
מיט מאָרגן הילכיק זיך צעשאַלט.

ניט נאָר פון קייסערלעכן פּאַלעץ
די קויל געטראָפן האָט אין דאַך,
פון יענעם דונער איז געפאַלן
מיט יאָרן שפּעטער דער רייכסטאַג.

און ווען עס האָט אין הייכן קלאָרע
דער ערשטער ספּוטניק אופגעשוועבט,
אין זײַן גערויש האָט אויך „אווראָרא",
דער ווײַטער שאָס אירער געלעבט.

ווי הויך געצילט עס האָט „אווראָרא"
אין יענעם גרויסן שטורעם־בראַנד:
דעם ארבעטס־מענטש — די וועלט די גאָרע,
די זון־סיסטעם פון ראַנד ביז ראַנד!

דאָרע כײַקינע

אײנײנעם מיט מיר

כ'בין זייער צופרידן, וואָס ס'דרייט זיך די ערד:
זי טוט זיך א דריי — און א פּראַסטיקײַט ווערט,
ניין, גאָר ניט אזא, וואָס אין זאַשפּרעס פּאַרגייט,
נאָר יענע, וואָס צויבערט, וואָס קישעפּט, וואָס פרייט,
וואָס באַבעלעך־שניילעך ברענגט אָן א צאָל.
זאָל זײַן, אז דעם אָטעם פאַרכאַפּט זי צומאָל,
די ערד אָבער טוט זיך איניגיכן א דריי,
בלײַבט שטיין מיט דער פלייצע צום פראָסט און צום שניי.
פאַרפּוצן זיך לאָנקעס אין קליידער פון גראָז,
און ביימער — אין צוויט, וואָס איז ווײַס און איז ראָז.
עס דרייט זיך די ערד אין איר גוואַלדיקער גרויס,
און דרייט מיטן פּאָנעם צום זומער זיך אויס,
צום אָסיען צום זאַטן זי טוט זיך א קער.
און איך — ווײַל איך דריי זיך דאָך אויך מיט דער ערד,
כ'בלײַב שטיין מיטן פּאָנעם אמאָל צו דער ליכט,

אמאָל טוט דער כאַשכעס אַ פּלייץ אין געזיכט,
אמאָל מײַנע אויגן פאַרבלענדעט אַ בליק,
אמאָל בלײַב איך שטיין אין אַ גאָלדענער היץ,
אמאָל — אין אַ ווינטער פון שניי און פון פראָסט.
אמאָל — אין אַ סאָד, וואָס פון צווײַט איז ער ראָז.
פון קיינעם ניט אָפּהענגיק איז, בלויז פון מיר,
אַז בלײַבן, מײַן היימלאַנד, געווענדט כ׳זאָל צו דיר.
איינײנעם מיט מיר טוט צו דיר זיך אַ קער
די שיינע, אומענדלעכע, טײַערע ערד.

וואָס דאַרף איך האָבן

א בייט דאַרף איך האָבן מיט בלומען,
די בלומען כ׳זאָל קענען באַגיסן.
איך דאַרף, ס׳זאָלן מענטשן מיר קומען
אַנטקעגן, איך זאָל זיי באַגריסן.
כ׳דאַרף האָבן אין הימל די שטערן,
אין ליכטיקע נעכט כ׳זאָל זיי היטן,
זיי זאָלן פאַרלאָשן ניט ווערן
און, פאַלנדיק, זיך ניט צעשיטן.
כ׳דאַרף פּלעצער און געסעלעך שמאָלע,
איך זאָל זייער פרידן באַוואַכן.
כ׳דאַרף האָבן די בערג מיט די טאָלן,
אַף דורכלייגן זוניקע שליאַכן.

כ׳דאַרף האָבן דעם בלויען פרימאָרגן,
אין טאָג כ׳זאָל אים העלפן אַריבער.
איך דאַרף מײַנע קינדער, כ׳זאָל זאָרגן
געטרײַ וועגן זיי, מײַנע ליבע,
די קינדער, וואָס איך האָב געבאָרן
אין שטאָט אָפּן דניעפּער, אין קיִעוו.
די וועלט דאַרף איך האָבן די גאָרע,
אַז ציטערן כ׳זאָל פאַר איר קיום.
איך דאַרף, ס׳זאָלן מענטשן מיר קומען
אַנטקעגן, איך זאָל זיי באַגריסן.
א בייט דאַרף איך האָבן מיט בלומען,
די בלומען כ׳זאָל קענען באַגיסן.

מענדל ליפשיץ

מײַן היים

מײַן היים — ווײַסרוסלאַנד און מײַן לאַנד — ראַסייע.
ניטאָ, ניטאָ קיין גלײַכן און קיין פּאָר.
כאָטש ווינטערס זײַנען דאָ מיט פראָסט און שנייען,
דאָך זומערט אין מײַן קאַנט דאָס גאַנצע יאָר.

ווען ס׳וואָלט די ערד מיט הונדערט יאָר מיר פריִער
באַשערט געווען אַדורכגיין — אָן מײַן קאַנט, —
פון בענקשאַפט וואָלט מײַן האַרץ זיך רײַסן זייער
אַהער, ווו איצט מײַן גליקלעך לעבן שפּאַנט.

און איצט, אַז איך בין דאָ, אין פלאַם און רויש,
איך בענטש די שאָ, און ווידער בענק פאַרויס.

פון דאָר צו דאָר

איך וועל זיך פרייען און וועל זינגען לידער,
און מאכן שטומפּיק כ׳וועל די בייזע שווערד,
אז בעסער לעבן זאָלן מײַנע ברידער,
די מיליאַרדן מענטשן אַף דער ערד.

איך וועל אַף ווילדע טײַכן אָנטאָן בריקן,
די וויסטעס ווילן טרינקען—וואסער כ׳גיב,
און קליינע קינדער כ׳וועל אין שולן שיקן,
און דעם פארליבטן זאָגן: גליקלעך ליב.

פון דאָר צו דאָר וועט שטאַרקן זיך מײַן מוט —
אַף דר׳ערד זאָל לעבן פריילעך זײַן און גוט.

כ א ײ ם ג ו ר ע װ י ט ש

זעכציק הארבסטן, זעכציק פרילינגס

איך בין מיט מײַן לאַנד א צווילינג,
אונדז וועט ניט צעשיידן קיינער:
זעכציק הארבסטן, זעכציק פרילינגס
שפּאַנען מיר אינײנעם.

אוועקשטעלן א וועלט א נײַע
איז שוין גאָרניט אזוי גרינג.
געבוירענע אין הארבסט אין שפּעטן,
דעם פרילינג טראָגן מיר באַנאַנד.

פאר דער צײַט האָט ביידן אונדז געסטײַעט
גוטס און שלעכטס און אלדאָסדינג.
און ס׳איז יעדער פונקט פון מײַן אנקעטע
אין דער ביאָגראַפיע פון מײַן לאַנד.

מ א ָ ט ל ט א ל א ל א י ע װ ס ק י

יאדאכעס

פון אייניקײַט קומט
דער באַרימטער יאדאכעס,
אין אייניקײַט קראַפט איז,
פון אייניקײַט — נאַכעס.

ס׳איז קיינער געקומען
צום טיש צו דעם גרייטן —
זעכציק אָקטאָבערס
אין וועג אונדז באַגלייטן.

ווער קאָן אונדזער איינהײַט
פארניכטן, צעשטערן,
ווען ס׳שײַנט איבער איר
לענינס ליכטיקער שטערן?

זעכציק אָקטאָבערס,
ווי שטאָלענע שטאַפּלען,
מיט זון פון ניצחוינעס
אין די שווארצאַפּלען.

יאדאכעס! יאדאכעס!
געברידערט, געייניקט
דער הײַנטיקער דאָר
מיטן דאָר פון די „זקיינים״.

זעכציק אָקטאָבערס
מיט ווילן מיט גוטן,
לויט לענינס געבאָטן,
לויט לענינס מארשרוטן.

ב אָ ר י ס מ אָ ג י ל נ ע ר

זײַ גרייט!

אזוי ווי אלע קינדער אַף דער וועלט,
די ערשטע טריט מײַנע איך האָב געשטעלט,
האלטנדיק זיך פאַר דער מאמעס האנט.
צו איר געווענדט מײַן ערשטער שמייכל איז געווען,
די ערשטע שרעק פאַר מיר אין אירע אויגן כ׳האָב דערזען.
זי האָט די ערשטע מיט דעם דרויסן מיך באקאנט,
פון דער סאקאָנע ערשטער מיך באשיצט.
אין ערשטן וואָרט מײַנעם איז זי, ווײַזט אויס, פאַרקריצט.
האגאם אין מיר מיט גינגאָלד־פעדעם נאָך פון קלײנערהייט
עס האָבן ווערטער אנדערע זיך אויך ארײַנגעניֵיט,
אין הארצן מײַנעם זיך צעשפּרייט:
„זײַ גרייט!" — דער רוף,
דער אָפּרוף — „שטענדיק גרייט!"

פאַרגינען א דערמאָנונג זיך איך מעג:
א שוווּע כ׳ברענג ארויס — צו גיין מיט לענינס וועג,
ניט אָפּטרעטן אין ערגעץ אַף קיין שפּאַן,
אַף רעכטס, אַף לינקס און אַף צוריק!
מיר קוועלן — גרויס איז אונדזער גליק,
און קויעך אַף צו זיגן איז פאַראַן.
ס׳איז יעדערער פון אונדז א בראַווער יאַט.
ווּעט מען באַדאַרפן — ווערט מען א סאָלדאט.
די פענצטער אינעם קלוב זײַנען פאַרשנייט.
אנטקעגן אונדז א פאָן א רויטע פלאַקערט ברייט.
און ס׳מאָנט, און ס׳הילכט, און ס׳וואָרנט דער טרומייט:
„זײַ גרייט!" — ער רופט,
איך ענטפער — „שטענדיק גרייט!"

כ׳בין אין דער לער אין מײַנער אײַנגעשפּאַרט.
בין אַף דער וואַך, אַף א באַפעל איך וואַרט,
די שאָ ווּעט שלאָגן — גיי איך דרייסט אין שלאכט.
עס מאַכט ניט אויס, וואָס כ׳בין נאָך קליין און רוי, —
אַף דער מאגניטקע, אַפן דניעפּראָבוי
אַף מיר א גרויסער גוירל וואַרט.
די זיגער פון טורקסיב מעקאַנע כ׳בין,
און די טשעליוסקינצעס — עס ציט מיך אויך אהין.
אין שפּאַניע, ווּוּ א מילכאָמע גייט,
געשטאַנען כ׳וואָלט אין א סאָלדאַטן־קייט —
דעם פײַנט איך וואָלט אין באָמבע־וויכערן פאַרדרייט.
„זײַ גרייט!" — דער רוף פון דאָרט,
איך ענטפער — „שטענדיק גרייט!"

געגאַן דער גוירל איז אנטקעגן מיר —
געשענקט געראַנגלען הייסע אָן א שיר.
ניטאָ באַ מיר צו אים קיין טײַנעס מער.
אַף זיך אליין כ׳דאַרף אויך ניט ברויגעז זײַן,
אין פינצטערניש געשפּאַנט, אין העלער שײַן —
געאַרבעט ערלעך כ׳האָב מיט מײַן געווער.

עס האָט מיר אָפּגעגליקט, איך בין געקומען פונעם פראָנט,
פארבלייבן אָפּן שלאַכטפעלד כ׳וואָלט געקאָנט.
ס׳איז גוט — דעם אש מיינעם האָט ניט צעזייט
א ווינט א קאַלטער אַף א פרעמדער בייט.
די לעבעדיקע כ׳ליוב, אדהיימ ווער ס׳פארשטייט
„זיי גרייט!” — דעם רוף,
דעם אָפּרוף — „שטענדיק גרייט!”

דער אָוואר אונדזערער איז גאָר ניט אזוי ווייט,
נאָר ס׳שטעלט שוין נייע אויספּרוּוון די צייט:
דערלאַנג דעם קאָסמאָס, בוי דעם באַם,
אַף העכסטער הייך הייב אוף דערביי דעם מענטש,
אַף נייע אופטוען אים בענטש.
ס׳וועט ניט פארפאַלן זיין מיין האָרעוואַניע סטאַם.
אַף וועגן אונדזערע געוויס נאָך זיין וועט שווער,
ניט וויינקער, איך קלער, ווי ביז אהער.
נאָר אלעמאָל די זון וואַכט אוף, כאָטש זי פארגייט.
און א הארמאָטן־דונערײַ שוין ווידער אין קאַיאָר אנטשטייט.
דו הערסט, צי ניין?
מע טאָר ניט זיין צעצווייט.
„זיי גרייט!” — די צוקונפט רופט,
איז ענטפער — „שטענדיק גרייט!”

ליפּע העלער

היט דעם שאָלעם!

באַנאַכט, ווען אלע, אלע שלאָפן,
זיינען מיינע אויגן אָפן.
זע איך פעלדער,
זע איך וועלדער,
זע איך שטעט.
קומען קלאַנגען
און געזאַנגען
צו מיין בעט.

יאָגן צוגן,
יאָגן צוגן
אָפּן פראָנט.
ס׳איז מיט בלוט
באַפארבט דער גאנצער
האָריזאָנט.

די סאָלדאַטן
זינגען לידער
נאָך א שלאַכט.
כ׳זע מיין טאַטן,
מיינע ברידער.
טיפע נאַכט...

ברענט א פייער,
ברענט א פייער
אין מיין קאָפּ...
ווי ס׳איז טייער
מיר דער שאָלעם,
וואָס איך האָב.

מאקס ריזאנט

אונדזער הערב

מיט שטאָלץ איז אין אים פארצייכנט
דער גרויסער אָקטיאבער־זיג,
באהויכטער מיט לענינס סייכל,
מיט עכטן מענטשלעכן גליק.

פון יענע, פון ווײַטע יאָרן
איך האָב די לעגענדע דערהערט,
ווי ער איז געבוירן געוואָרן,
דער ערשטער סאָוועטישער הערב.

דערזען נאָר די ערשטע געמעלן,
האָט לענין געגוי זיי באקלערט:
— דער הערב איז מיר עמעס געפעלן,
וואָס טויג נאָר די ביקס און די שווערד?

און באלד אף א רגע פארטראכט זיך
און איבערגעאָטעמט שווער:
— מיר פירן איצט ביטערע שלאכטן,
אז בליִען זאָל פרידלעך די ערד.

און עפעס גענומען מאָלן
און אויסגעטײַטשט קלאָר דעם באגער:
— זײַן זאָל פארקערפערט דער שאָלעם
אין בונד פונעם האמער און סערפּ.

מיט גאָלדענע זאנגען בארעמלט,
ער שײַנט איצט, דער האמער און סערפּ,
א שטערן, ווי איבערן קרעמל —
אף אונדזער סאָוועטישן הערב.

די גאנצע פּלאנעטע אין שטראלן,
אין אופגאנג פון ליכטיקן טאָג.
אין אָט די סימאָנים אין אלע
דעם רום פון מײַן היימלאנד ער טראָגט.

דער פרילינג=שטורעם פון דער געשיכטע

אויסלענדישע פובליציסטן און שרײַבער וועגן לאנד פון אָקטיאבער

ד ז ש אָ ן ר י ד

צען טעג, וואָס האָבן אופגעטרייסלט די וועלט

פראגמענט

פון מארט 1917, ווען דער פלייצנדיקער שטראָם פון ארבעטער און זעלנער האָט, באהערשנדיק דעם טאוורידער פאלאץ, געצווונגען די זיך וואקלענדיקע מעלוכע־דומע איבערצונעמען די העכסטע מאכט אין רוסלאנד, איז יעדע ענדערונג אין דעם גאנג פון דער רעוואָלוציע דורכגעפירט געוואָרן דורך די זעלבע פאָלקסמאסן: ארבעטער, זעלנער און פויערים. זיי טאקע האָבן אראָפּגעוואָרפן מיליוקאָווס מיניסטעריום; זייער סאָוועט האָט דערקלערט פאר דער וועלט די רוסישע שאָלעם־באדינגונגען „אָן אנעקסיע, אָן קאָנטריבוציע, מיט זעלבסטבאשטימונגס־רעכט פאר די פעלקער"; און לעסאָף ווידער, אין כוידעש יול — דער ספּאָנטאנישער אופשטאנד פונעם ניט אָרגאניזירטן פּראָלעטאריאט, וועלכער האָט נאָכאמאָל געשטורעמט דעם טאוורידער פאלאץ, פאָדערנדיק, אז די מאכט אין רוסלאנד זאָלן איבערנעמען די סאָוועטן.

די באָלשעוויקעס, דעמלט נאָך א קליינע פּאָליטישע פארטיי, האָבן זיך געשטעלט בעראָש פון דער דאָזיקער באוועגונג. נאָך דעם ניט אײַנגעגעבענעם אופשטאנד (אין יול) איז די עפנטלעכע מיינונג געווען קעגן זיי, און זייערע אָפּטיילונגען, וואָס האָבן ניט געהאט קיין אָנפירער, האָבן זיך צוריקגעצויגן אין דער ווינבארגער געגנט — דעם פּעטראָגראדער סאנט־אנטואן. נאָכדעם האָט זיך אָנגעהויבן א ווילדע העצע קעגן די באָלשעוויקעס; די באָלשעוויסטישע צײַטונגען זײַנען פארפאָלגט און געשלאָסן געוואָרן. די פּראָוואָקאטאָרן און רעאקציאָנערן האָבן אזוי דויערנדיק און הויך געשריגן, אז די באָלשעוויקעס זײַנען דײַטשישע אגענטן, אז די גאנצע וועלט האָט סאָפקאָלסאָף אָנגעהויבן גלייבן. די צײַטווײַליקע רעגירונג האָט אָבער די דאָזיקע באשולדיקונגען אירע ניט געקאָנט אונטערשטיצן מיט קיין באווײַזן; די דאָקומענטן, וואָס האָבן באשטעטיקט די פּראָדײַטשישע פארשווערונג, האָבן זיך ארויסגעוויזן אלס געפעלשטע; די באָלשעוויקעס האָט מען איינעם נאָכן אנדערן אָן א מישפּעט, אָף קויציע און אָן קויציע, ארויסגעלאָזט פון טפיסע. ענדלעך זײַנען פארבליבן אין טפיסע סאכאקל זעקס מאן...

די אומבאהאָלפנקײַט און ניט דעצידירטקײַט פון דער שטענדיק זיך וואקלענדיקער צײַטווײַליקער רעגירונג איז געווען אן ארגומענט, וואָס קיינער האָט ניט געקאָנט אָפּפרעגן. די באָלשעוויקעס האָבן אפסנײַ געוואָרפן דעם לאָזונג, וואָס איז נאָענט געווען די מאסן: „די גאנצע מאכט אין די הענט פון די סאָוועטן". דאָס איז ניט געווען קיין באגרענעצן זיך צו די שמאָלע אינטערעסן פון דער אייגענער פארטיי, ווײַל די מערהײַט פון די סאָוועטן האָבן גראָד געהאט די פארביסנסטע סאָנים פון די באָלשעוויקעס — די מעסיקע סאָציאליסטן. די באָלשעוויקעס האָבן ארויסגעוויזן נאָך מער קראפט. פון די רויע, פּאָשעטע שטרעבונגען פון די ארבעטער, זעלנער און פויערים האָבן זיי געשאפן זייער טעטיקײַטס־פּראָגראם פאר דער נאָענטסטער צוקונפט. דעריבער, ווען די מענשעוויקעס און סאָציאל־רעוואָליוציאָנערן האָבן זיך ארײַנגעפּלאָנטערט אין א קאָמפּראָמיס מיט דער בורזשואזיע, האָבן די באָלשעוויקעס מיט א בליץ־שנעלקײַט באהערשט די רוסישע מאסן. אין יול זײַנען זיי געווען פארהאסט און פארפאָלגט, און אין סענטיאבער האָבן די הויפּטשטאָט־ארבעטער, די מאטראָסן פון באלטישן פלאָט און די זעלנער שוין פולשטענדיק געשטעלט זיך אָף זייער זײַט. די סענטיאבער־וואלן צו די קאָמונאלע אָרגאנען אין די גרויסע שטעט זײַנען געווען זייער כאראקטעריסטיש: עס זײַנען אויסגעווילט געוואָרן בלויז 18 פּראָצענט מענשעוויקעס און סאָציאל־רעוואָליוציאָ־

נערן, בייס ווען אין יון זייַנען זיי אויסגעוויילט געוואָרן העכער 70 פּראָצענט.

אויסלאַנד האָט זיך ניט געקאָנט דערקלערן נאָך איין טשיקאַווע דערשייַנונג, נעמלעך דעם פאַקט, וואָס די צענטראַלע אויספיר־קאָמיטעטן פון די סאָוועטן, די צענטראַל־קאָמיטעטן פון דער אַרמיי, פונעם פלאָט און אויך די צענטראַל־קאָמיטעטן פון אייניקע פאַרייַנען (באַזונדערס פון פּאָטשט, טעלעגראַף און באַן־אַרבעטער) האָבן זיך באַזונדערס שאַרף אַנטקעגנגעשטעלט די באָלשעוויקעס. דאָס איז געווען דערפאַר, וואָס די דאָזיקע צענטראַל־קאָמיטעטן זייַנען אויסגעוויילט געוואָרן נאָך אינמיטן זומער אָדער נאָך פריִער, ווען די מענשעוויקעס און סאָציִאַל־רעוואָלוציִאָנערן האָבן נאָך געהאַט א קאָלאָסאַלע צאָל אָנהענגער. איצט האָבן זיי אָפּגעשלעפּט אָדער ניט דערלאָזט צו נייַע וואַלן. אַזוי האָט לויטן סטאַטוט פון די אַרבעטער־ און סאָלדאַטן־ראַטן דער אַלרוסישער צוזאַמענפאָר באַדאַרפט גערופן ווערן אין כוידעש סענטיאַבער, דער ציק אָבער האָט אים ניט געוואָלט צונויפרופן, אונטערן אויסרייד, אַז צו דער קאָנסטיטואַנטע זייַנען געבליבן בלויז צוויי כאָדאָשים, און אין מעשעך פון דער צייַט — האָט ער געגעבן דעליקאַט אָנצוהערן — וועלן די סאָוועטן אַליין זיך אָפּזאָגן פון דער מאַכט. דערווייַל האָבן די באָלשעוויקעס באַהערשט אַלע לאָקאַלע סאָוועטן אין לאַנד איינס נאָכן אַנדערן, זיגנדיק גלייַכצייַטיק אין די פּראָפעסיִאָנעלע פאַרייַנען און דעראָבערנדיק אָנהענגער צווישן די זעלנער און מאַטראָסן. די פּויערים־ראַטן זייַנען נאָך אַלץ געווען קאָנסערוואַטיוו, ווייַל דער פּאָליטישער באַוווסטזייַן פונעם אומבאַהאָלפענעם דאָרף האָט זיך גערוקט פּאַרויס זייער לאַנגזאַם און אין מעשעך פון דורעס זיך געפונען אונטערן אייַנפלוס פון די סאָציִאַל־רעוואָלוציִאָנערן. אָבער אפילו אין דאָרף האָבן זיך אָנגעהויבן שאַפן רעוואָלוציִאָנערע גרופּעס. דאָס איז קלאָר געוואָרן אין אָקטיאַבער, ווען דער לינקער פליגל פון די סאָציִאַל־רעוואָלוציִאָנערן האָט זיך אָפּגעריסן פון זייַן פּאַרטיי און געשאַפן א נייַע פּאָליטישע פראַקציע — די לינקע סאָציִאַל־רעוואָלוציִאָנערן.

גלייַכצייַטיק האָבן זיך אומעטום געלאָזט מערקן סימאָנים פון א וווּקס פון די רעאַקציִאָנערע קויכעס. אַזוי, לעמאָשל, האָט א מאָנאַרכיסטישע גרופּע איבערגעריסן די פאָרשטעלונג פון דער קאָמעדיע „די זינד פון צאַר", וואָס איז געגעבן געוואָרן אין א פּעטראָגראַדער טעאַטער, דראָענדיק די אַקטיאָרן מיט זעלבסטגעריכט פאַר „באַליידיקן דעם צאַר". אייניקע צייַטונגען האָבן אָנגעהויבן שטאַרק בענקען נאָך א „רוסישן נאַפּאָלעאָן". די בורזשואַזע אינטעליגענץ האָט זייער אָפט גערופן די ראַטן פון די אַרבעטער־דעלעגאַטן — ראַטן פון הינטישע דעלעגאַטן.

דעם 5־טן אָקטיאַבער האָב איך געהאַט א שמועס מיטן גרויסן רוסישן קאַפּיטאַליסט סטעפּאַן געאָרגיעוויטש ליאַזאָנאָוו, דער רוסישער ראָקפעלער. לויט זייַנע פּאָליטישע איבערצייַגונגען איז ער געווען א קאַדעט.

„די רעוואָלוציע, — האָט ער געזאָגט, — איז א קראַנקייַט. פריִער אָדער שפּעטער וועלן די אויסלענדישע גרויסמאַכטן מוזן אינטערווענירן, אַזוי ווי יעדער איינער וואָלט אינטערווענירט, ביכדיי אויסצוהיילן א קראַנק קינד און עס צו לערנען גיין. פאַרשטענדלעך, אַז דאָס איז אין א גרעסערער אָדער קלענערער מאָס ניט פּאַסיק, אָבער די אַנדערע פעלקער מוזן דאָך פאַרשטיין, סאַראַ סאַקאָנע דער באָלשעוויזם שטעלט פאַר מיט זיך פאַר זייערע אייגענע לענדער, ווי אָנשטעקנדיק ס'זייַנען אַזעלכע אידייען, ווי „דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט" און „סאָציִאַלע וועלט־רעוואָלוציע"... איבעריקנס, איז פאַראַן א האָפענונג, אַז די אינטערווענץ וועט ניט זייַן אומבאַדינגט נייטיק. דאָס טראַנספּאָרט־וועזן איז רויִנירט, די פאַבריקן שליסן זיך, און דערבייַ האַלטן די דייַטשן אין איין דערנענטערן זיך. ס'איז גאַנץ מעגלעך, אַז דער הונגער און די מאַפּאָלע וועלן דעם רוסישן פאָלק צוריקקערן דעם סייכל".

דער הער ליאַזאָנאָוו האָט מיט ברען פאַרזיכערט, אַז — וואָס עס זאָל ניט געשען — איז אויסגעשלאָסן, די פאַבריקאַנטן און סאָכרים זאָלן מאַסקים זייַן אויף דער עקזיסטענץ פון קאָמיטעטן פון פאַבריק־אַרבעטער, אָדער זיי זאָלן דערלויבן אפילו אַ אָנטייל פון אַרבעטער אין דער אָנפירונג מיט דער אינדוסטריע.

„וואָס שייַעך די קאָמוניסטן, קאָן מען זיך מיט זיי אָן אייצע געבן אויף איינעם פון די צוויי אויפנים: די רעגירונג קאָן עוואַקויִרן פּעטראָגראַד און דערקלערן אויסנאַם־צושטאַנד, און דעמלט וועט דער מיליטערישער קרייַז־קאָמאַנדיר זיך אָן אייצע געבן מיט די דאָזיקע הערן אָן קיין שום פאָרמאַליטעטן... אָדער, אויב לעמאָשל, די קאָנסטיטואַנטע וואָלט אַרויסגעוויזן געוויסע אוטאָפּיסטישע טענדענצן, וועט מען זי קאָנען פאַנאַנדערטרייַבן מיט דער הילף פון באַוואָפנטע קרעפטן..."

ס'האָט זיך דערנענטערט דער ווינטער — דער שרעקלעכער רוסישער ווינטער. כ'האָב געהערט, ווי מ'האָט וועגן דעם גערעדט אין די אינדוסטריע־ און האַנדלס־ספערן: „דער ווינטער איז שטענדיק געווען דער בעסטער פרייַנט פון רוסלאַנד; עפּשער וועט ער איצט אונדז באַפרייַען פון דער רעוואָלוציע". אויף פראָנט איז די אומגליקלעכע אַרמיי אָן א טראָפּן ענטוזיאַזם אויסגעגאַנגען פון הונגער אין די פראָסט. די באַנען האָבן זיך אָפּגעשטעלט, שפּייַז איז געוואָרן אַלץ ווייניקער, די פאַבריקן האָבן זיך געשלאָסן. די פאַרצווייפלטע מאַסן האָבן געשריגן, אַז די בורזשואַזיע פאַרמעסט זיך אויפן לעבן פונעם פאָלק און דערפירט צו א מאַפּאָלע אויפן פראָנט. ריגע האָט זיך אונטערגעגעבן גלייַך נאָך דער עפנטלעכער דערקלערונג פון קאָרנילאָוון: „צי דאַרפן מיר ניט מאַקריוו זייַן ריגע, קעדיי פאַר דעם דאָזיקן פּרייַז צוריק אייַנצו־

שטעלן אין לאנד דאָס געפיל פון פאראנטוואָרטלעכקייַט?״

די אמעריקאנער קאָנען ניט גלייבן, אז דער קלאסנקאמף קאָן דערגיין צו אזא פארביסנקייַט, אָבער איך אליין האָב זיך אפן צאָפן־פראָנט געטראָפן מיט אָפיצערן, וועלכע האָבן אופריכטיק מודיע געווען, אז זיי ווילן בעסער א מיליטערישע מאפּאָלע, איידער מיטצוארבעטן מיט די סאָלדאטן־ראטן. דער סעקרעטאר פון דער פּעטראָגראדער אָפּטיילונג פון דער קאדעטן־פּארטיי האָט מיר געזאָגט, אז די יערידע פונעם עקאָנאָמישן לעבן אין לאנד איז א פּויעל־יויצע פון דער קאמפּאניע, וואָס האָט דעם ציל צו דיסקרעדיטירן די רעוואָליוציע. א געוויסער קאָאַליציע־דיפּלאָמאט, וועמענס פאמיליע־נאָמען איך האָב צוגעזאָגט צו האלטן בעסאָד, האָט עס באַשטעטיקט אפן סמאך פון זייַנע אייגענע יעדיעס. כ׳ווייס וועגן געוויסע קוילנגרובנס בא כארקאָוו, וועלכע זייַנען געוואָרן פארטרונקען אָדער אונטערגעצונדן דורך זייערע באלעבאטים, וועגן טעקסטיל־פאבריקן אין מאָסקווע, ווו די אינזשענערן האָבן, פארלאָזנדיק די פּאָסטנס, קאַליע געמאכט די מאשינען, וועגן באן־באאמטע, וועלכע זייַנען געכאפּט געוואָרן דורך ארבעטער בייסן פארניכטן לאָקאָמאָטיוון...

א קאָלאָסאלער טייל פון באזיצנדיקן קלאס האָט בעסער געוואָלט די דייַטשן איידער די רעוואָליוציע, איידער אפילע די צייַטווייַליקע רעגירונג, און האָט זיך ניט געוואקלט וועגן דעם צו רעדן אָפן. בא דער רוסישער פאמיליע, בא וועלכער איך האָב געוווינט, איז די טעמע פון די שמועסן בייסן מיטיק געווען קימאט שטענדיק וועגן דעם קומען פון די דייַטשן, וועלכע טראָגן מיט זיך „געזעצלעכקייַט און אָרדענונג״... כ׳האָב פארבראכט א געוויסן אָוונט אין דער ווינונג פון א מאָסקווער סויכער... בייס דער טיי איז עלף מאן באם טיש געשטעלט געוואָרן די פראגע, וואָס ווינטשן זיי זיך בעסער — ווילהעלמען, צי די באָלשעוויקעס? צען שטימען קעגן איינער האָבן זיך ארויסגעזאָגט פאר ווילהעלמען...

די ספּעקוליאנטן האָבן אויסגענוצט דעם אלגעמיינעם כאאָס, קעדיי צו פארכאפּן גרויסע מאיאָנטקעס און זיי אויסגעבן אף אויסטערלישע אָרגיעס אָדער אף איבערצוקויפן מעלוכע־באאמטע. שפּייַז און באהייצונג זייַנען אויסבאהאלטן געוואָרן אָדער שטילערהייט ארויסגעשיקט קיין שוועדן. אין משך פון די ערשטע פיר כאדאָשים פון דער רעוואָליוציע זייַנען קימאט עפנטלעך צערויבט געוואָרן די שפּייַז־זאפאסן פון די גרויסע שטאָטישע פּעטראָגראדער מאגאזינען, און ס׳איז דערגאנגען דערצו, אז די טוויע־זאפּאסן, וואָס האָבן געזאָלט באשפּייַזן די שטאָט צוויי יאָר צייַט, האָבן זיך אזוי אייַנגעשרומפּן, אז אפילע אף איין כוידעש האָט עס ניט געסטייַעט... אין העסקעם מיטן אָפיציעלן קאָמוניקאט פונעם לעצטן דערנערונגס־מיניסטער בא דער צייַטווייַליקער רעגירונג, האָט מען אין וולאדיוואָסטאָק אייַנגעקויפט קאווע אין הורט צו צוויי רובל פאר א פונט, און די געברויכער אין פּעטראָגראד האָבן דערפאר געצאָלט צו דרייַצן. אין די גרעסערע שטעט זייַנען די מאגאזינען פול געווען מיט שפּייַז און מאלבושים, קויפן אָבער האָבן געקאָנט בלויז די רייַכע.

אין א געוויסער פּראָווינץ־שטאָט האָב איך זיך באקאנט מיט א סאָכרישער פאמיליע, וואָס איז געוואָרן א פאמיליע פון ספּעקוליאנטן־מאראָדיאָרן (באנדיטן, בייסאלמען־הי׳ענעס), ווי די רוסן רופן זיי. דרייַ זין האָבן זיך ארויסגעדרייט פון מיליטער־דינסט דורך כאבאר. איינער פון זיי האָט ספּעקולירט מיט שפּייַז־פּראָדוקטן, א צווייטער האָט אומלעגאל פארקויפט טונקעלע פארשוינען פון פינלאנד גאָלד פון די גאָלדגרובנס בא דער לענא, דער דריטער ווידער האָט געהאט א גרעסערע צאָל אקציעס פון א געוויסער שאָקאָלאד־פאבריק, וועלכע האָט באזאָרגט די אָרטיקע קאָאָפּעראטיוון אונטערן באדינג, אז אָנשטאָט דעם וועלן זיי אים צושטעלן אלץ, וואָס איז אים נייטיק געווען. אף אזא אויפן האָט ער געהאט ווייַס געבעקס, צוקער, טיי, צוקערקעס, קוכנס און פּוטער דאן, ווען די פאָלקסמאסן האָבן באקומען א פערטל פונט שווארץ ברויט אף קארטלעך... און אין דער זעלבער צייַט — מיט וואָס פאר א צאָרן די זעלבע פאמיליע האָט געשריגן „פאכדאָנים״, ווען די זעלנער אפן פראָנט האָבן שוין מער ניט געקאָנט קעמפן צוליב הונגער, קעלט און דערשעפּונג... ווי זיי „האָבן זיך געשעמט צו זייַן רוסן״... און סארא „מערדער״ זייַנען עס געווען די באָלשעוויקעס, ווען זיי האָבן סאָפּקאָלסאָף געפונען און רעקוויזירט די גרויסע אויסבאהאלטענע שפּייַז־זאפאסן.

אונטערן שלייער פון אָט דער אויסערלעכער פוילונג האָבן זיך אף א געהיימען אויפן געקנוילט די אלטע, פינצטערע קויכעס, די זייער אקטיווע און ניט געענדערטע זינט דעם פאלן פון ניקאָלייַ דעם צווייטן. די אגענטן פון דער בארימטער „אָכראנע״ האָבן געארבעט פארן צאר, קעגן דעם צאר, פאר קערענסקין, קעגן אים, מיט איין וואָרט — פאר יעדן, ווער ס׳האָט געצאָלט... אלע מינים אונטערערדישע אָרגאניזאציעס, צום אָפּטסטן פון א שווארצמייעדיקן כאראקטער, האָבן באהאלטענערהייט געארבעט אף צוריק אופשטעלן די רעאקציע אין אזא אָדער אנדער געשטאלט.

דורך דער דאָזיקער אטמאָספער פון שויכעד און העסלעכן שעקער האָט זיך טאָג־אייַן, טאָג־אויס דורכגעריסן איין ריינער טאָן — דער שטייַגנדיקער כאָר פון די באָלשעוויקעס: „די גאנצע מאכט אין די הענט פון די סאָוועטן. די גאנצע מאכט פאר די עמעסע פאָרשטייער פון די מיליאָנען מאסן ארבעטער, זעלנער און פּויערים. ברויט. ערד. א סאָף צו דער אומזיניקער מילכאָמע. א סאָף צו דער געהיימער דיפּלאָמאטיע, ספּעקוליאציע, פאראט... די רעוואָליוציע איז אין סאקאָנע, און צוזאמען מיט איר די זאך פון אלע פעלקער אף דער וועלט...״

דער קאַמף פונעם פּראָלעטאַריאַט מיטן בירז־
גערטום, פון די ראַטן מיט דער רעגירונג, וואָס
האָט זיך אָנגעהויבן אין די ערשטע טעג מאַרט,
האָט זיך דערנעענטערט צום קולמינאַציע־פּונקט.
רוסלאַנד האָט, איבערשפּרינגענדיק מיטאַמאָל
פונעם מיטלאַלטער אין צוואַנציקסטן יאָרהונ־
דערט אַרײַן, באַוויזן דער פאַרווונדערטער וועלט
דעם קאַמף אַף טויט און לעבן פון צוויי רעוואָ־
ליוציעס — אַ פּאָליטישער און אַ סאָציאַלער...

ווי ווונדערבאַר איז געווען די לעבנספעיִקייט
פון דער רוסישער רעוואָליוציע נאָך אַזויפיל כאַ־
דאָשים הונגער און אַנטוישונג. די בורזשואַזיע
האָט געמעגט בעסער קענען איר אייגן רוסלאַנד.
פונעם פולן אימפּעט פון דער רעוואָליוציאָנערער
„קראַנקייט" האָט שוין אָפּגעטיילט דאָס לאַנד
אַ קליינער צײַט־אָפּשניט...

זיך אומקוקנדיק אַף צוריק אָפּן רוסלאַנד פון
פאַר דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע, האָבן מיר
דעם אײַנדרוק, אַז מיר זעען אַ לאַנד פון אַנ־
דער עפּאָכע, וואָס איז קאָנסערוואַטיוו ביז אין
אומגלייבלעכער מאָדרייגע. ווי שנעל פונדעסט־
וועגן מיר האָבן זיך צוגעוווינט צום נײַעם, שנע־
לערן לעבנס־טעמפּ. די רוסישע פּאָליטיקער
האָבן זיך אַזוי גוואַלדיק אַ רוק געטאָן אַף
לינקס, אַז די קאַדעטן זײַנען געשטעלט געוואָרן
אויסערן געזעץ, ווי „פּאָלקס־סאָנים", קערענסקי
איז געוואָרן אַ „קאָנטררעוואָליוציאָנער", „די
מעסיקע" סאָציאַליסטישע פירער, ווי צערעטע־
לי, דאַן, ליבער, גאָץ און אווקסענטיעוו, האָבן
זיך אַרויסגעוויזן אַלס צו רעאַקציאָנער פאַר זיי־
ערע אייגענע אָנהענגער, און אַזעלכע מענטשן,
ווי וויקטאָר טשערנאָוו אָדער אַפילע מאַקסים
גאָרקי, האָבן אָנגעהערט צום רעכטן פליגל...

אַרום העלפט דעקאַבער 1917 האָט אַ גרופּע
פירער פון דער סאָציאַל־רעוואָליוציאָנערער
פּאַרטיי באַזוכט פּריוואַט דעם ענגלישן אַמבאַ־
סאַדאָר, סער זשאָרזש בוכאַנאַן. די דאָזיקע
מענטשן האָבן שטאַרק געבעטן דעם אַמבאַסאַ־
דאָר, ער זאָל וועגן זייער וויזיט קיינעם ניט
דערמאָנען, ווײַל אויך אָן דעם „האַלט מען, אַז
זיי זײַנען צו רעכט".

„און טוט נאָר אַ קלער, — האָט געזאָגט סער
זשאָרזש, — אַז ערשט מיט אַ יאָר צוריק האָט
מײַן רעגירונג מיר פאַרווערט אויפצונעמען מי־
ליוקאָוון, ווײַל ער איז געווען אַזוי געפערלעך
לינק".

סענטיאַבער און אָקטיאַבער זײַנען די ערגסטע
כאַדאָשים פונעם רוסישן, דעריקער פונעם פּע־
טראָגראַדער, יאָר. אַ טריבער, גרויער הימל, די
טעג אַלץ קירצערע, אומופהערלעכע שטאַרקע
רעגנס. אונטער די פיס בלאָטע, גליטשיקע און
קלעפיקע, וואָס ווערט פאַנאַנדערגעטראָגן דורך
שווערע שטיוול אומעטום און הײַנט אַ נאָך
גרעסערע ווי געוויינלעך צוליבן פולשטענדיקן
פאַנאַנדערפאַל פון דער שטאָטישער אַדמיניסט־
ראַציע. פון דער פינישער בוכטע בלאָזט אַ
שטאַרקער, פײַכטער ווינט. אַ קאַלטער נעפּל
קנוילט זיך אין די גאַסן. באַנאַכט לײַכטן צוליב
אָפּשפּאָרונגס־טײַמים און אויך צוליב דער שרעק
פאַר צעפּעלינען, געצײלטע פײַערלעך פון די
זעלטענע לאַמטערנס. אין די פּריוואַטע וווינונ־
גען קאָן מען זיך באַנוצן מיט עלעקטרישער
ליכט בלויז פון זעקס ביז צוועלף, ווײַל שפּע־
טער ווערט דער שטראָם איבערגעריסן, און
ליכט קאָסטן העכער פערציק סענט אַ שטיק,
קיין נאַפט ווידער קאָן מען קימאַט ניט קריגן.
פון דרײַ באַנאַכט ביז צען אינדערפרי איז אין
שטאָט פולשטענדיק פינצטער. די צאָל גנייוועס
און רויבערײַען איז געשטיגן. אין די הײַזער
שטייען אַף דער וואַך די מענער לויט אַ ריי
מיט אָנגעלאָדענע ביקסן.

אָט אַזוי האָט עס אויסגעזען פאַר דער צײַט־
ווײַליקער רעגירונג.

פון וואָך אַף וואָך ווערט שפּײַז אַלץ ווייני־
קער. די טעגלעכע ברויט־ראַציע איז געפאַלן
פון אַנדערהאַלבן פונט אַף איין פונט, שפּעטער
אַף דרײַ פערטל, אַ האַלב און לעסאָף אַף אַ
פערטל פונט. לעסאָף איז שוין ביכלאַל קיין
ברויט ניט געווען. צוקער איז פאָרמעל צוגע־
טיילט געוואָרן צו צוויי פונט אַ כוידעש, אָבער
מע האָט זיי באַדאַרפט באַקומען, און דאָס האָט
זיך זעלטן אײַנגעגעבן. פאַר אַ טעוועלע שאָקאָ־
לאַד אָדער אַ פונט געשמאַקלאָזע צוקערלעך
האָט מען אומעטום געצאָלט פון זיבן ביז צען
רובל, דאָס הייסט צום ווייניקסטן אַ דאָלער.
מילך האָט געסטײַעט קוים פאַר אַ העלפט פּע־
טראָגראַדער קינדער; אין די מייסטע האָטעלן
און פּריוואַטע הײַזער האָט מען קיין מילך פאַר
די אויגן ניט געזען גאַנצע כאַדאָשים. אין נעם
פרוכטן־סעזאָן האָט מען אַף די גאַסן־ראָגן פאַר־
קויפט עפּל אָדער באַרן קימאַט צו רובל אַ
שטיק...

אַף צו קויפן ברויט, מילך, צוקער און טאַבעק
האָט מען לאַנג שאָען באַדאַרפט שטיין אין
די רייען אונטער אַ דורכנעמענדיקן רעגן. אומ־
קערנדיק זיך אַהיים פון די פאַרזאַמלונגען, וואָס
פלעגן זיך ציִען אַ גאַנצע נאַכט, פלעג איך זען,
ווי נאָך פאַר באַגינען הייבט זיך אָן שאַפן אַ
ריי, וואָס באַשטייט מערסטנטייל פון פרויען.
אייניקע מיט קינדער אַף די הענט... קאַרלייל
דערציילט אין זײַן „פראַנצויזישע רעוואָליו־
ציע", אַז די פראַנצויזן זײַנען מער ווי אַנדערע
פעיִק אויסצושטיין אין די רייען. רוסלאַנד האָט
זיך אָנגעהויבן צו דעם צוגעוווינען נאָך אין יאָר
1915, בייס ס'האָט נאָך געהערשט ניקאָלײַ דער
„גאָט־געבענטשטער", און דאָס האָט זיך געצויגן,
מיט איבעררײַסן, ביזן זומער 1917, ווען ס'איז
שוין געוואָרן אַ נאָרמאַלע, פּאַשעטע דערשײַ־
נונג. שטעלט זיך פאָר די דאָזיקע שלעכט גע־
קליידטע מענטשן, וואָס שטייען אויס גאַנצע
טעג אַף די פראָסטיקע פּעטראָגראַדער גאַסן
בייס דעם ווינטער. כ'פלעג זיך צוהערן צו די
שמועסן אין די רייען נאָך ברויט; דורך דער
ווונדערבאַרער גוטמוטיקייט פונעם רוסישן האַ־
מוין האָבן זיך פון צײַט צו צײַט דורכגעשלאָגן
פאַרביטערטע, בײַסיקע ווערטער פון אומצו־
פרידנקייט...

די טעאַטערס זײַנען, פאַרשטענדלעך, געווען

טעטיק אַלע אָוונט, ניט אויסשליסנדיק די זונטיקן. קאַרסאַווינאַ איז אַרויסגעטראָטן אין מאַריינער טעאַטער מיט אַ נייעם באַלעט, און אַלע ליבהאָבער פון טאַנץ האָבן זיך געיילט זי צו זען. שאַליאַפּין האָט געזונגען. אין אַלעקסאַנדרינסקער טעאַטער האָט מען באַנייט די פּאָרשטעלונג „דער טויט פון איוואַן דעם גרויזאַמען" פון טאָלסטאָיען אין דער סצעניִשער באַאַרבעטונג פון מייערכאָלדן. כ'דערמאָן זיך, אַז טאַקע אויף דער־אָ פּאָרשטעלונג האָב איך באַמערקט אַ שילער פון דעם צאַרישן פּאַזש־קאָרפּוס אין פּאַראַד־פּאָרמע, וועלכער איז בײַס די פּויזעס געשטאַנען אויף אַכטונג פאַר דער פּוסטער צאַרישער לאָזשע, פון וועלכער אַלע אָדלערס זײַנען געווען אַראָפּגעריסן... „קריוואָיע זערקאַלאָ" האָט געשטעלט „רעיגען" פון שניצלערן אין אַ פּרעכטיקער אויסערלעכער אויסשטאַטונג.

האַגאַם דער ערמיטאַזש און אַנדערע בילדער־גאַלערייעס זײַנען עוואַקויִרט געוואָרן קיין מאָסקווע, איז דאָך יעדע וואָך געווען אַן אויסשטעלונג. מענגעס פּרויען פון דער אינטעליגענץ האָבן באַזוכט לעקציעס וועגן קונסט, ליטעראַטור און פּאָפּולערע פילאָסאָפיע. די טעאַזאָפן האָבן געהאַט אַן אויסנעמלעך גוטן סעזאָן. די „רעטונגס־אַרמיי", וואָס איז דאָס ערשטע מאָל אין דער געשיכטע אַרײַנגעלאָזט געוואָרן קיין רוסלאַנד, האָט באַקלעפּט די ווענט מיט פּלאַקאַטן וועגן עוואַנגעלישע פאַרזאַמלונגען, וואָס האָבן גלײַכצײַטיק געווײַלט, הען געמאַכט שטוינען די רוסישע אַודיטאָריע...

ווי געוויינלעך אין אַזעלכע פאַלן, איז דאָס טאָגטעגלעכע קליינבירגערלעכע לעבן געגאַנגען אין שטאָט מיט זײַן געוויינלעכן טראָט, באַמיִענדיק זיך וואָס מער צו איגנאָרירן די רעוואָליוציע. די פּאָעטן האָבן געשריבן לידער וועגן אַלץ — בלויז ניט וועגן דער רעוואָליוציע. די מאָלער־רעאַליסטן האָבן געמאָלט בילדער פון דער רוסישער געשיכטע פון מיטלאַלטער — אַבי זיך ניט צוצורירן צו דער רעוואָליוציע. פון דער פּראָווינץ זײַנען יונגע פרויען געקומען אין דער הויפּטשטאָט זיך לערנען פראַנצויזיש און געזאַנג, יונגע, פּאָרנעמע אָפיצערן האָבן זיך אַרומגעדרייט איבער די האָטעל־קאָרידאָרן אין זייערע רויטע, מיט גאָלד־געהאָפּטענע באַשליקן און מיט שײַן־באַפּוצטע קאַווקאַזער סאַבליעס. די פרויען פון די באַאַמטן־ספערן זײַנען געגאַנגען אויף טיי־אויפנאַמעס צו באַקאַנטע, מיטנעמענדיק אין די מופטעס אַ קליין גאָלדן אָדער זילבערן צוקער־פּושקעלע און אַ שטיקל ברויט. זיי האָבן געטרוימט וועגן דעם, אַז דער צאַר זאָל צוריקקומען, צי די דײַטשן זאָלן אָנקומען, אָדער אויך עס זאָל געשען עפּעס אַזעלכעס, וואָס זאָל דערליידיקן די פּראָבלעם פון מעשאָרסים... דאָס טעכטערל פון מײַנע באַקאַנטע איז איינמאָל אַהיימגעקומען היסטעריש־דענערווירט, ווײַל די קאָנדוקטאָרן אין טראַמוויַי האָט זיך צו איר געווענדט מיטן וואָרט „כאַווערטע"!

און אַרום זיי האָט דאָס קאָלאָסאַלע רוסלאַנד אין ווייען געשאַפן אַ נײַע וועלט.

פּייסעך בינעצקי

לענין

זײַן בליק די ווײַטן אַלץ דעראָבערט —
זײַן טרוים צעוואַקסט זיך מער און מער!
באַהעלט פון רומפּולן אָקטאָבער —
זײַן ליד צעפּרילינגט אויף דער ערד...

ניטאָ שוין אין דער וועלט קיין ווינקל,
ניט קיין באַהעלטעניש פאַראַן,
וווּ ס'זאָל דער פּורפּור־שטערן־פינקל
ניט האָבן אין דער נאַכט דערגאַן...

אַפילע אין דעם ווײַטסטן דזשונגל,
וווּ נאָר דאָס לעבן האָט אַן עק —
די שײַן פון קרעמל רײַסט אויף יונגפּול
דורך דער געדיכטעניש אַ וועג!

טעל־אַוויוו, 1965

ה. לייוויק

ערד

קומען און אַרײַנגראָבן אַ שטעקן
און זאָגן: אָט דאָ איז מײַן לאַנד,
און צום אָרום און צו אַלע פיר עקן
אויסשטרעקן אַ כאַווערישע האַנט.

ניט קישעף פון אַלטע קוואָרים,
ניט טרויער פון אַ פאַרקלונגענער שפּראַך,
נאָר רויך פון רויערד, פון וואָרעם
און דאָרן און קאָרן און דאַך.

אויף די ליפּן ניט צען געבאָטן,
נאָר איין־און־איינציק געבאָט: מי,
ווי באַמיסטיקונג אויף בייטן צעשאָטן
די זינגעוודיקע מידקייט פון קני.

שוואַרצע רעמלעך אַרום נעגל
און פײַער דורך הויט און ביין,
ביז ס'גייט אויף אַ ציירע, אַ סעגל
פון גרין־גראָז אויפן אָרט פון שטיין.

ניו־יאָרק, 1928.

א נײַ ייִדיש פֿאָלק ווערט געשאַפן

פאַר דער רעוואָליוציע זײַנען אין רוסלאנד די ייִדישע מאסן געווען טרעגער ניט פון רעכט, נאָר פון רעכטלאָזיקײַט. די צאָל אויסנאַמען און באַגרענעצונגען אינעם געזעץ קעגן די ייִדן איז געווען פיל גרעסער, ווי די צאָל געזעצן, וואָס באַשיצן ייִדן, און די צאָל רעכט, פון וועלכע זיי האָבן געקאָנט געניסן.

דער רעזולטאט פון דער דאָזיקער אומענטשלעכער צארישער פּאָליטיק בענוגייע די ייִדן איז געווען, אז צום אָנהייב פון דער וועלט־מילכאָמע, ארום 1912—1914, זײַנען פון די 6 מיליאָן ייִדן אין רוסלאנד בלויז 2,4 פּראָצענט געווען באַשעפטיקט בא ערד, 36,3 פּראָצענט זײַנען געווען פארנומען אין מעלאָכע און אין ערד־אינדוסטריע, הויפּטזאכלעך אין דער קלענסטער האנט־אינדוסטריע, 31 פּראָצענט זײַנען געווען פארנומען מיט האנדל, און דאָס איבעריקע דריטל פון דער ייִדישער באפעלקערונג האָט ביכלאל ניט געהאט וואָס צו טאָן און האָט „געלעבט פון לופט”.

די וועלט־מילכאָמע, די יאָרן פון בירגערקריג און די קאָנטררעוואָליוציאָנערע מילכאָמעס און פּאָגראָמען, וואָס האָבן זיך בלוטיק דורכגעקײַקלט איבערן ייִדישן טכום, האָבן נאָך מער פארערגערט די אזוי אויך שרעקלעכע לאגע פון די ייִדישע מאסן. צום סאָף פונעם בירגערקריג איז דער גרעסטער טייל פון דער ייִדישער באפעלקערונג, וואָס איז פארבליבן אף דער טעריטאָריע פונעם סאָוועטנפארבאנד (ארום צוויי מיט א האלבן מיליאָן, נאָכדעם ווי ארום 4 מיליאָן ייִדן זײַנען פארבליבן אין פוילן, רומעניע, ליטע, לעטלאנד און עסטלאנד), אין זייער ווײַטגרעסטן טייל אינגאנצן דעקלאסירט געוואָרן.

פון דעמלט אָן זײַנען פארגאנגען אינגאנצן א 15—16 יאָר. אין אָט די יאָרן האָט זיך די סאָוועט־רעגירונג פארנומען מיט אוועקשטעלן דאָס ייִדישע לעבן אף א נאָרמאלן באָדן און אויסגלײַכן די ייִדישע נאציאָנאלע מינדערהײַט מיט די אנדערע פעלקער. און וואָס איז דער רעזולטאט דערפון?

צווישן די דרײַ מיליאָן ייִדן, וואָס געפינען זיך איצט אין סאָוועטנפארבאנד, איז אינגאנצן פארשוווּנדן דער מין פון דעקלאסירטן לופטמענטש. דער באקאנטער טיפּ פון דעם ייִדישן האנדל־וואנדל איז מער ניטאָ. די ייִדן האָבן אויך פארלאָזט די אמאָליקע נישטיק־קליינע האנט־מעלאָכעס. שוין אין סאָף 1926 האָבן די ייִדן אין סאָוועטנפארבאנד געציילט בא 163 טויזנט אינדוסטריעלע ארבעטער, אין סאָף 1930 האָט שוין די צאָל פון ייִדישע אינדוסטריעלע ארבעטער דערגרייכט ביז 227 טויזנט און אין יאָר 1935—ביז 560 טויזנט. דערבײַ געפינען זיך די דאָזיקע 560 טויזנט ארבעטער (איצט דאַרף שוין זייער צאָל דערגרייכן ניט ווייניקער ווי 625 טויזנט) קימאט אויסשליסלעך אין דער גרויסער אינדוסטריע און אין דער בוי־ארבעט.

גלײַכצײַטיק מיט דעם גראנדיעזן וווּקס פון דער צאָל ייִדישע אינדוסטריעלע ארבעטער איז אין סאָוועטנפארבאנד קאָלאָסאל אויסגעוואקסן די צאָל ייִדישע מעלוכע־אָנגעשטעלטע (באאמטע, לערער, וויסנשאפטלער, אָנגעשטעלטע אין מעלוכישן און קאָאָפּעראטיוון האנדל און אָנגעשטעלטע אין די אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען). די צאָל האָט דערגרייכט אין יאָר 1935 ביז 558 טויזנט.

אומגעהייער אויסגעוואקסן איז אויך די צאָל ייִדן, וואָס פארנעמען זיך אין סאָוועטנפארבאנד מיט ערדארבעט. אין יאָר 1935 האָט די צאָל ייִדישע ערדארבעטער אין די ייִדישע קאָלווירטן דערגרייכט ביז 194 טויזנט (ארום 7 פּראָצענט פון דער גאנצער ייִדישער באפעלקערונג), און, ארײַנרעכענענדיק די צאָל ייִדישע אײַנוווינער אין די דאָרפישע ייִשוּווים ביכלאל, איז זייער צאָל געווען פיל גרעסער.

דער איבערגאנג פון די ייִדן צו ערדארבעט אין גרעסערע מאסן (אָנהייבנדיק פון די יאָרן 1923—1924) האָט געבראכט צו די ערשטע פרווון פון א טעריטאָריעלער לייזונג פון דער ייִדישער נאציאָנאלער פראגע אין די גרענעצן פונעם סאָוועטנפארבאנד. די ראיאָנען פון ייִדישער ערדארבעט אין אוקראינע און קרים זײַנען אויסגעטיילט געוואָרן אין ייִדישע נאציאָנאלע ראיאָנען (קאלינינדאָרפער, סטאלינדאָרפער, נײַ־זלאטאָפּאָליער, פרײַדאָרפער, לארינדאָרפער), און ענדלעך צו דער באשטימונג — אין יאָר 1928 — פון בירָאָבידזשאן, אפן ווײַטן מיזרעך פונעם סאָוועטנפארבאנד, אלס פלאץ פאר א ברייטער אגרארער און אינדוסטריעלער ייִדישער קאָלאָניזאציע און דעם ערשטן באדײַטנדיקן ייִדישן מעלוכע־צענטער. אין 1935 איז דער בירָאָבידזשאנער נאציאָנאלער ראיאָן פארוואנדלט געוואָרן אין א נאציאָנאלער אווטאָנאָמער געגנט. סײַ בירָאָבידזשאן, סײַ די ייִדישע נאציאָנאלע ראיאָנען, סײַ די ייִדישע ערדארבעט, סײַ דער איבערגאנג פון די ייִדן אין דער גרויסער אינדוסטריע; סײַ די ייִדישע קולטור, סײַ די ערשטע שפּראָצונגען פון דער ייִדישער מעלוכעשאפט ווערן, פארשטייט זיך, מיט דער ברייטער האנט געשטיצט פון דער סאָוועטישער רעגירונג און פון דער גאנצער סאָוועטישער געזעלשאפטלעכקײַט אונטער דער דירעקטער אָנפירונג פון דער קאָמוניסטישער פארטיי.

ניו־יאָרק, 1937

ביימער=פלאַנצונג

פונעם ראָמאַן „רויטע פעלדער"

בערע האָט ניט געוואָלט, מע זאָל די ביימלעך צורעכענען צו זײַנע גוטע געפילן צו לאַנען. ער האָט דעם איניען געוואָלט געבן א וויכטיקן באַטײַט:

— ייִדן האָבן ביז איצט קיין ביימער ניט געפלאַנצט, און דער קרימער סטעפּ איז א נאַקעטער. כ'האָב גלײַך באַם אָנקומען אין קרים דערקענט, אַז אַף אונדזער ערד פעלן ביימער. געטראַכט, זאָלן די ייִדישע איבערוואַנדערער באַווײַזן, אַז ניט נאָר אַף ווייץ זײַנען זיי גרויסע באַלאָנים; טאַקע ביימער פלאַנצן זיי אויך, קעדיי צוגעבן א שיין פּאָנעם צום דאָרף. וואָרט, כאַווערטע אַסטראָוער, אַז אײַער שטוב וועט ווערן פאַרטיק, וועלן מיר בא אײַער שטוב אויך פאַרזעצן ביימלעך.

שטימען האָבן זיך צעוויגט:

— האַלעווײַ דערלעבט מען שוין צו זען אונדזער דאָרף אָן אויסגעבויטס, און טאַקע מיט שיינע ביימער פון ביידע זײַטן בא די הײַזער!

— ביימער ווי ביימער — דערווײַל זאָל נאָר אונדזער פעלד געראָטן.

— וואָס שאַדט עס טאַקע, פון ביידע זײַטן דאָרף זאָלן בליען אַקאַציע־ביימער?

דערווײַל איז אונטערגעקומען יוסף ראַטנער. בערעס אײַנפאַל האָט אים אײַנגאַנצן פרײַטשמעליעט. וואָס־וואָס, פון בערען האָט ער אַזוינס ניט דערוואַרט.

— נאַ דיר מײַן האַנט, כאַווער, — האָט יויסעף געדריקט בערעס האַנט. — איצטער האָב איך דיך ליב; איצטער גלייב איך, אַז דו ווייסט אויך, וואָס די סאָוועטנמאַכט וויל פון ייִדן.

— ווען דײַן שטוב וועט זײַן פאַרטיק, — האָט בערע גוטמוטיק און מיט א טראָפּעלע ווירדע געזאָגט, — וועל איך דיר קומען העלפן פאַרזעצן ביימלעך בא דער שטוב. כ'ווייס, וואָס די סאָוועטנמאַכט וויל פון ייִדישע איבערוואַנדערער. און דו, כאַווערטע לאַנע, וועסט באַדאַרפן האָבן אַרויסהעלפער צו פאַרזעצן די ביימלעך, אָדער דו וועסט אַליין באַוויזן דײַן בעריעשאַפט?

לאַנע איז נאָך אַלץ ניט געקומען צו־זיך. אירע געדאַנקען האָבן געזוכט א פּונקט אַף וואָס זיך אָפּצושטעלן. וואָרעם וואָס זײַנען די ווערטער פּראָסטע רייד צי קלוגע רייד, אויב בערע קאָוואַלסקי, וואָס איז א גאַנצע נאַכט געפאָרן מיט די יונגע אַקאַציע־ביימלעך, איז איצטער נעבן אירע פענצטער? זי ווייסט, אַז א גאַנצע נאַכט האָט בערע קאָוואַלסקי זיך געשלעפּט מיט די אָקסן, קעדיי מיט די ביימלעך אָנצוקומען צו אירע פענצטער באַגינען.

— אויב דו וועסט מיר העלפן, וועט עס זײַן גאָר גוט פון דײַן זײַט, — האָט לאַנע מיט א קענטיקער דאַנקבאַרקײַט אים געענטפערט. — גריבער וועלן מיר אַליין אויסגראָבן; נאָר פאַרזעצן וועלן מיר אינײַנעם. און עפּשער זאָלן מיר גאָר וואַרטן אַפן אַגראָנאָם?

— מירן עס מאַכן אָן דעם אַגראָנאָם. דאָס, וואָס א פּאָשעטער פויער קען, וועלן מיר אויך קענען. נאָר מע באַדאַרף אויסמעסטן גלײַך די שורעס ווו צו פאַרזעצן די ביימער. מיט א סײַדער, מיט א גלײַכן סיידער...

דער אַלטער יאָשע, נאָך אין טאַלעס־און־טפילן, האָט מיט דער האַנט און מיט א נו־אָ־אָ באַוויזן, וויאַזוי דאָס דאָרף וועט ליגן אויסגעצויגן און ווו מע דאַרף פאַרזעצן די ביימלעך.

דער אַלטער זאַוול ראַטנער האָט פאַרלייגט מיט דער רעכטער האַנט א דעכעלע איבער די אויגן, און מיט דער לינקער האָט ער געמאָסטן דעם בלויען דרויסן, געוואָלט טויפעס זײַן, וויאַזוי דאָס דאָרף וועט ליגן אויסגעצויגן מיט זײַן גאַנצער לענג, ווען זעכציק הײַזער וועלן שטיין צעטיילט אין צווי שורעס — דרײַסיק אַנטקעגן דרײַסיק.

בערע האָט אָפּגעמאָסטן די נייטיקע צאָל טריט פון שטוב און אַזויפיל טריט צווישן ביימל און ביימל און געזאָגט:

— אַזוי, לאַנע, זאָלסטו גראָבן פון דײַן זײַט, און פונקט אַזויפיל אָפּגעטראָטן וועל איך גראָבן פון מײַן זײַט. דערנאָכדעם וועלן שוין אַלע קע־נען נאָכגיין אונדזער שורע.

וואָווע ברעזער האָט אַרויסגעבראַכט א רידל, און בערע האָט אָנגעצייכנט די ערטער, טיף דעם רידל אַרײַנגעגראָבן אין דער ערד און אַרויסגעוואָרפן ברוינע גליבעס. דאָס אָפּגעטאָן, האָט ער דעם רידל איבערגעגעבן ביילקען און מיט א שווערער וויכטיקײַט אוועקגעשפּרײַזט צו זײַן עק דאָרף.

דער אוילעם האָט אים נאָכגעקוקט. בערע האָט די דאָזיקע בליקן געשפּירט אַף זײַן פּלייצע.

— מע קען ניט א מענטשן, ביז... — האָט כאַסיע אַסטראָווער מיט פאַרוווּנדערונג אין פּאַ־נעם נאָכגעקוקט בערען.

איצטער, ווען בערע איז אוועק, האָט פּיניע זײַטשיק פאַרוואָרפן א וואָרט:

— ער איז א ביסל וויכער געוואָרן, זינט ער האָט זיך אַרומגעזען, אַז מע איז אהער ניט געקומען אַף קאַטאָוועס. דאָ זײַנען מיר אַלע פּראָלעטאַריער.

— איצטער זעט מען אַרויס, אַז א דאָרף וועט שוין דאָ שטיין, — האָט נאָטע קרעטשמער גע־רעדט קימאַט ווי צו זיך אַליין. — דוכט זיך, א קלייניקײַט: צוועלף ביימעלעך... זאָלן זיי זיך נאָר צונעמען; איר פאַרשטייט, צוועלף ביימע־לעך פון דער־זײַט און צוועלף ביימעלעך פון יענער־זײַט, און די אָנגעהויבענע שטיבער, וואָס סטאַרטשען שוין אַרויס, — אָט איז דאָס דאָרף ווי אַף דער האַנט! לאָמיר גאָר אַלע מאַנצבלען זיך א נעם טאָן, יעדערער זאָל אויסגראָבן פאַר לאַנען איין גריבעלע, וועט עס זײַן ווי געפונען. די ערד איז האַרט; ט'זײַן שווער פאַר א מיידל זי אײַנצוברעכן.

— ניין, ניין, — האָט לאַנע זיך געוועהרט, — מיר וועט עס ניט זײַן שווער. כ'וועל אַפילע דעם טאַטן אויך ניט צולאָזן. איך און ביילקע וועלן גראָבן און פאַרזעצן; איר'ט זען, ווי זיי וועלן זיך צונעמען!

ניו־יאָרק, 1935

אווראָם רייזען

טרוווע

1

צו אַקערן, זייען
ווער האָט אונדז פאַרווערט?
מיר וועלן זיך פרייען
מיט פרייד פון דער ערד.
צו שפּרייטן די זוימען,
ווען פרילינג נאָר ציט,
און נאָכדעם צו טרוימען
פון זאַנגען און שניט.
ניט זאָרגן, ניט פרעגן
טאָג־אויס און טאָג־איין,
די זון און דער רעגן —
זיי וועלן שוין זײַן!
פון זון און פון שטראַלן
דאָס ברויט קומט אַרויס,
פון טראָפּנס, וואָס פאַלן,
די בראָכע איז גרויס.
פרימאָרגנס — די טויען
דערפרישן די גראָז,
אויך מעג מען געטרויען,
ווען ווינט גיט א בלאָז,
ער קומט בלויז צו שפּילן
מיט גראָז און מיט זאַנג,
די שטערנס צו קילן
און איז א געשאַנק.

2

מיר וועלן באַווײַזן
די וווּנדער צוריק,
ווי אַקער און אײַזן
זיי ברענגען אונדז גליק,
אַליין זען דעם וווּנדער,
די קערנדל וואַקסט
און מינים באַזונדער:
דאָ קאָרן, דאָרט פלאַקס,
דאָ האָבער, דאָרט גערשטן,
דאָ האָפּערדיק ווייץ;
מיט קיין מיט דעם ערשטן,
מיט דופּט און מיט רייץ.
אויך מיר ווילן ווײַזן
דעם וווּנדער, דעם נוץ:
די שטאָט־לײַט צו שפּײַזן
מיט אונדזערע גוטס.
אין שטאָט אַרײַנפאָרן
מיט שטאָלץ און מיט פרייד —
פאַר ווייץ און פאַר קאָרן
א שוך און א קלייד.
פאַר טרוווע פון שײַער
באַקום וואָס דיר פעלט
אין אָרדענונג נײַער,
אין פרייד פון דער וועלט.

ניו־יאָרק, 1928

מ ױ ש ע אַ ל ג י ן

עס וועט קומען א צײַט...

עס וועט קומען א צײַט, און די אײַנוווינער פון די סאָוועטן־רעפּובליקן וועלן זײַן באַפרײַט פון זאָרג פאַרן לעבן, וואָרעם זיי וועלן אויסאַרבעטן הונדערט און טויזנט מאָל מער, וויפל מע אַרבעט איצט. גיך, גלאַט און מעכטיק וועלן אַרבעטן די פאַרשיידנאַרטיקע קונציקסטע מאַשינען. רײַך, ברייט און לעבעדיק וועט די ערד אַרויסגעבן איר נאַרהאַפטיקסטע פּרוכט. שפּילעוודיק־לײַכט וועט דער מענטש נעמען פון דער לופט, פון דער ערד און פונעם וואַסער אַזוינע שטאָפן, וועגן וועלכע עס האָבן אַפילו ניט געטרוימט די הײַנטיקע אַנטדעקער. דער מענטש וועט באַהערשן אַלע קויכעס פון דער נאַטור. ער וועט זיי צווינגען אַלעמאָל בעסער צו אַרבעטן פאַר זײַנע באַדערפעניש, זײַן ווילטאָג און לוקסוס. דער מענטש וועט פאַרבײַטן אַלטע טעכנישע מעטאָדן אויף אַלעמאָל נײַערע, וואָס פאָדערן ווייניקער מי און שאַפן בעסערע פּראָדוקטן, ווי ער פאַרבײַט איצט אַן אַלטן בעזעם אויף א שפּאָגל־נײַעם וואַקוּום־אַפּאַראַט, אָדער ווי ער זאָגט זיך אָפּ פון א פאַרצײַטיקן ברונעם צוליב דער נײַער וואַסערלייטונג־סיסטעם.

עס וועט קומען א צײַט — און די מאַשינען מיט די טראַנספּאָרט־מיטלען, מיט די פאַרקער־אײַנריכטונגען, וואָס קריכן איצט אַזוי שטאַרק אין די אויגן און באַשאַפן דעם ווילדן ווירוואַר פון דעם מאָדערנעם אינדוסטריאַליזם, וועלן שוין אין די סאָוועט־רעפּובליקן ניט פאַרנעמען דעם אויבנאָן. שטעט וועלן עקזיסטירן ניט קעדיי ס׳זאָלן דאָרט רויכערן פאַבריקן, נאָר קעדיי עס זאָלן דאָרט וווינען באַפרײַטע געזונטע מענטשן. דערפער וועלן עקזיסטירן ניט קעדיי מע זאָל אין זיי זאַמלען מיסט צו באַמיסטיקן די פעלדער, נאָר קעדיי דער מענטש זאָל דאָרט לעבן אין ענגער נאָענטקײַט מיט דער נאַטור. פאַבריק־אַרבעט און פעלד־אַרבעט וועלן שוין ניט פאַרנעמען די וויכטיקסטע צײַט פונעם מענטשלעכן לעבן — דער מענטש וועט זיי אָפּגעבן א קליינעם טייל פון זײַן טאָג. פּאַרוקט אין א זײַט, פאַרשטעלט פון מענטשלעכן אויג, דערווײַטערט פון מענטשלעכן וווין־אָרט וועלן שטיין די פאַבריקן, זאַוואָדן, שאַכטעס און אַנדערע פּראָדוקציע־פּלעצער. ווי מע האַלט איצט א בעהיימע אין א שטאַל, ווײַט פונעם הויז, אַזוי וועט די מענטשהײַט האַלטן אירע פּראָדוקציע־מיטלען אָפּגעטיילט פון איר וווינונג. און ווי מע גייט איצט מעלקן די בעהיימע א קורצע ווײַלע יעדן טאָג, אַזוי וועט דער מענטש גיין מעלקן זײַנע מאַשינען, דהײַנו, אַרבעטן אין זײַנע פאַבריקן און אויף זײַנע פעלדער, קעדיי צו באַקומען אַלצדינג, וואָס ער דאַרף, און מער.

עס וועט קומען א צײַט — און אין די סאָוועט־רעפּובליקן וועט פאַרשווינדן דער אונטערשייד צווישן אַרבעטער און פּויער, שטאָט און דאָרף. דאָס דאָרף וועט פּראָדוצירן פּונקט מיט אַזויפיל מאָדערנע טעכנישע וויסנשאַפטלעכע מיטלען, ווי עס פּראָדוצירט די שטאָט. דאָס דאָרפישע פעלד וועט זײַן פּונקט אַזאַ פלאַץ פאַר אינטענסיווער מאַסן־פּראָדוקציע פון נייטיקע מאַטעריאַלן, ווי עס איז איצט די פאַבריק. דער אַרבעטער און דער פּויער וועלן ביידע זײַן גלײַכע קאָלעקטיוויסטן: דער אַרבעטער אין דער אינדוסטריע, דער פּויער אין דער ערד־אַרבעט וועלן אַרבעטן בעשותפעס און פאַנאַנדערטיילן די פּראָדוקטן בעשותפעס און, אַזויאַרום, אָפּשאַפן די לעצטע פעסטונגען פון פּריוואַט־אייגנטום, — דאָס פּויערשע זיך קלעפּן צו „זײַן" שטיקל ערד. פרײַ וועט זײַן דער אויסטויש פון מענטשן צווישן שטאָט און דאָרף. איין גײַסט וועט באַהערשן סײַ די שטאָטישע און סײַ די דאָרפישע מענטשן. פאַרגעסן וועלן ביסלעכווײַז ווערן די צעטיילונגען אויף אַרבעטער־קלאַס און פּויערים־קלאַס; פאַרגעסן וועט ווערן די צעגלידערונג פון מענטשן אויף גרופּן, קלאַסן און פאַרטייען לויט די עקאָנאָמישע אינטערעסן, — וואָרעם אַלצײַנע וועלן זײַן די עקאָנאָמישע אינטערעסן און פאַרשמעלצט וועלן אַלע ווערן אין איין גרויסער פרײַער פּראָדוצירנדיקער געזעלשאַפט.

עס וועט קומען א צײַט — און די מענטשן פון די סאָוועט־רעפּובליקן וועלן אָפּגעבן זייערע בעסטע יאָרן און זייער ברענענדיקסטן אינטערעס דער גײַסטיקער אַרבעט. אין דער טיפעניש פון דעם מענטשנס נאַטור וועלן זיי אַנטדעקן אַזוינע קוואַלן פון גײַסט, וואָס מ׳האָט זיי נאָך גאָר ניט באַרירט. צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע וועט דער מענטש ווערן דער ציל און ניט א מיטל צום ציל. אַלע קענטעניש, אַלע דערפאַרונגען, אַלע נאַטור־מיטלען, אַלע קולטור־אוצרות וועלן אָנגעווענדט ווערן צו פּראָדוצירן מענטשלעכע מענטשן, פרײַע, געזונטע,

שעפערישע, מונטערע מענטשן, וואָס זייער ציל אין לעבן איז אופהייבן די מענטשהייט אף א העכערער און העכערער מאדרייגע. דער נײַער פרײַער מענטש וועט דערפירן די וויסנשאפט צו ווײַטע, קיינמאָל ניט געטרוימטע האָריזאָנטן. דער נײַער מענטש וועט פּראָדוצירן געדאנקען — טיף און שיין, בליציק און באפליגלט, וואָס פון זייער הייך וועלן די ביז־אהעריקע מענטשלעכע געדאנקען אויסזען קינדעריש. דער נײַער מענטש וועט אנטוויקלען אזא וועלט פון געפילן, אזא גאמע פון עמפּינדונגען, אזא הארמאָניע פון איבערלעבונגען, וואָס אנטקעגן זיי וועלן די הײַנטיקע נעשאָמע־באוועגונגען אויסזען פּרימיטיוו און טעמפּיק. דער נײַער מענטש וועט זיך ערשט אויסלערנען וועלן, זוכן, פאָרשן, שטרעבן, קעמפן, דערגרייכן — מיט אזא אימפּעט, מיט אזא פײַער, מיט אזא שווּנג און אזא גוואלדיקן פּארנעם, וואָס קיין שטרויכלונג וועט ניט קאָנען שטערן זײַן וועג. דער נײַער מענטש וועט זיך ערשט אויסלערנען לעבן — ברייט, פארביק, הייס, טיף, גאנץ, ווי ער האָט קיינמאָל ניט געלעבט.

דער נײַער מענטש וועט זײַן א שעפער פון הויכע און שיינע גײַסטיקע פּראָדוקטן — א שעפער, ניט פארשפּארט אין די פיר איילן פון זײַן אייגענעם איך, נאָר א בעשוטפעסדיקער, א טייל פון א קאָלעקטיוו, א פארבונדענער מיט אלע זײַנע מיטמענטשן אין איין גרויסן פיבער פון שאפן, אין איין מעכטיקער פרייד פון שטרעבונג צו נאָך ניט־דעראָבערטע וועלטן. דער מענטש וועט ניט זײַן פרײַ פון קאמף. ער וועט ניט ווערן ווייך, ער וועט ניט שלאָפן אף רויזן, ווי פּרעכטיק דער רויזן־רײַכטום זאָל ניט זײַן. דער מענטש וועט קעמפן מיט זײַנע כאווײרים פאר אידייען, פאר באגריפן, פאר גײַסטיקע ריכטונגען, פאר קולטור־אונטערנעמונגען. דער קאמף וועט זײַן עפּשער היציקער און עפּשער אופּטרייסלענדיקער ווי הײַנט. אָבער דאָס וועט זײַן א מענטשלעכער קאמף פאר מענטשלעכע זאכן, ווו אי זיגער און אי באזיגטע געהערן צו איין מישפּאָכע און ווו דער קאמף מאכט אלעמען נאָך נעענטער און נאָך פײַנער.

עס וועט קומען א צײַט — און די יוגנט פון די סאָוועט־רעפּובליקן וועט קוקן אף די לײַכטע, כײַנעוודיקע, טעכניש־ און קינסטלעריש־פּולקומע ביניאָנים און וועט פרעגן: איז דען מעגלעך, אז מענטשן האָבן אמאָל געלעבט אין פינצטערע קעלערס? זי וועט קוקן אף די ליכטיקע פּעלדער, אף די געדיכטע וועלדער, אף די יאמים פון ברויט־פלאנצן, וואָס קריכן פון דער פּעטער ערד מיט א מוירעדיקן אימפּעט — און זי וועט זיך וווּנדערן: איז דען מעגלעך, אז מענטשן האָבן אמאָל מילכאָמע געהאלטן און בלוט פארגאָסן, ווײַל ס'האָט זיך זיי אויסגעדאכט, אז עס איז ניטאָ גענוג פּלאץ פאר אלעמען אף דער ערד? די יונגע קרעפטיקע זאָרגלאָזע מענטשן וועלן הערן דאָס געזאנג פון קינדער און באאָבאכטן זייער שפּיל, וואָס איז האלב שפּיל און האלב ערנסטע ארבעט, און זיי וועלן טראכטן: ווי האָט דאָס געקענט זײַן, אז קליינע קינדער זאָלן ארבעטן אין פארפּעסטעטע לעכער אָדער גאָר אין פוילע אונטערערדישע היילן אין די צארטסטע צײַטן פון זייער לעבן? די נײַע מענטשן וועלן זיך לײַכט איבערטראָגן פון איין געגנט אין אן אנדערער, פון איין שפּראך־געביט אין א צווייטן, — און זיי וועלן פרעגן: ווי האָט דאָס געקענט זײַן, אז מענטשן זאָלן זיך האסן, זאָלן מוירע האָבן איינער פארן צווייטן, זאָלן האָבן א נעשאָמע, פול מיט פארדאכט, א קאָפּ, פול מיט ביטערקײַט, פאראכטונג, נעקאָמע־געדאנקען, טונקעלע דערוואַרטונגען פון עפּעס שרעקלעכס, וואָס לויערט אף אלע זײַטן? די נײַע מענטשן וועלן לייענען און הערן וועגן די אלע זאכן, ווי מיר לייענען און הערן וועגן די האָריקע מאלפּעס, אונדזערע עלטערזיידעס, וואָס האָבן געלעבט אין די וויסטע וועלדער. און ווי מיר פארשטייען ניט די נעשאָמעס פון די מאלפּע־מענטשן, אזוי וועלן יענע נײַע ניט פארשטיין די נעשאָמע פון אונדז, הײַנטיקע, שקלאפן פון דער קאפּיטאליסטישער אָרדענונג.

עס וועט קומען א צײַט —

דאָס וועט אלצדינג אויסגעבויט ווערן אף דעם אָקטיאבער־פונדאמענט. דאָס איז אלץ געוואָרן מעגלעך צוליבן אָקטיאבער.

די אָקטיאבער־רעוואָליוציע איז א פײַערדיק מעסער, וואָס האָט צעשניטן די געשיכטע אף צווייען: דעם פּעריאָד ביזן 25־טן אָקטיאבער און דעם פּעריאָד נאָך דעם.

די אָקטיאבער־רעוואָליוציע איז דער פרילינגשטורעם פון דער געשיכטע: זי האָט אראָפּגעשווענקט דאָס אײַז און דעם זשאווער פון א זעקסטכיילעק וועלט און אָנגעזעטיקט די ערד מיט קויכעס פאר נײַער בליִונג.

די אָקטיאבער־רעוואָליוציע איז דער טרומייט־רוף פון טכיִעס־האמייסים אין דער געשיכטע: ער הילכט פון איין עק וועלט ביז דער צווייטער, ער וועקט די אָפּגעשטאָרבענע, דערהייבט די געבראָכענע, זאמלט די צופרידענע און זאָגט זיי אָן: ס'איז שוין טאָג.

ניו־יאָרק, 1925

ג. קעניג

א דאַנק אײַך, באַפרײַער!

אין א געוויסן טאָג האָט מען אונדז געמאָלדן:

— קיינער דאַרף זיך נישט דערווײַטערן פון די קאַזאַרמעס. עס איז מעגלעך, אז אינגיכן וועט איר אָפּפאָרן פונדאַנען.

דעם זעלבן אָוונט איז א באַקאַנטער אײַזנבאַנלער געקומען אונדז אָנזאָגן די בסורה, אז אפן וואָקזאַל ווערן שוין געגרייט די וואַגאָנען פאַר אונדזער צוג.

צומאָרגנס זײַנען מיר אַלע פאַרזאַמלט אפן הויף. קאָמענדאַנט נאַטאַנזאָן דערקלערט אין עטלעכע ווערטער, אז עס פרייט אים זייער, וואָס די פראַנצויזישע קריגס־געפאַנגענע, דעפּאָרטירטע און פאַרשיקטע, וועלן אינקורצן צוריק קענען זײַן בא זיך אין דער היים. ער גיט דערבײַ צו: ער גלייבט, אז מיר וועלן נעמען אין אכט די קריגס־באַדינגונגען, וועלכע האָבן ניט דערלויבט, מיר זאָלן אופגענומען ווערן אזוי ווי די סאָוועטישע מענטשן זײַנען געווינט צו באַהאַנדלען פרײַנט און פאַרבינדעטע.

די פּראָנצויזן זײַנען ביז גאָר גערירט. פיל פון זיי גייען צו, דריקן די האַנט פונעם קאָמענדאַנט און פון די אַנדערע אָפיצערן און סאָלדאַטן, וואָס האָבן זיך מיט אונדז אָפּגעגעבן מיט אזויפיל זאָרגפולקײַט און פאַרשטענדעניש אין פאַרלויף פון זעקס וואָכן צײַט.

— פאַר דער פרײַנטשאַפט פון פראַנקרײַך מיט די פעלקער פון ראַטנפאַרבאַנד, הוראַ! — שרײַען אויס טויזנטער שטימען.

עס בלײַבן אונדז נאָך איבער עטלעכע שאָ פאַרן אָפּגיין פונעם צוג, קעדיי זיך אײַנצואָרדענען אין די וואַגאָנען און קעדיי אײַנצואָרדענען די וואַגאָנען גופא.

מיט דער אײַנפאַלערישקײַט, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַרן פראַנצויזישן מענטשן, ווערן די וואַגאָנען אויסגעפּוצט פון אינווייניק און פון דרויסן. די בלוי־ווײַס־רויטע פאָן פון פראַנקרײַך און די ראַטנפאַרבאַנדישע רויטע פאָן פלאַטערן איבער דער גאַנצער לענג פונעם צוג. מיט קרײַד זײַנען אָנגעצייכנט פאַרשיידענע אויפשריפטן:

— מיר וועלן קיינמאָל ניט פאַרגעסן, וואָס דער ראַטנפאַרבאַנד האָט פאַר אונדז געטאָן!

— זאָל לעבן די סאָוועטישע אַרמיי!

— זאָל לעבן פראַנקרײַך!

— מיר וועלן קיינמאָל ניט דערלויבן אופצוהייבן א האַנט אף פּסר!

אייניקע מאָלן קאַריקאַטורן וועגן דער מאַפּאָלע פון היטלערן און פון אונדזערע „באַלעבאַטים” אין די לאַגערן. אַנדערע לאָזן אין גאַנג זייער פאַנטאַזיע, קעדיי אויסצומאָלן, ווי עס וועט אויסזען אונדזער צוריקקום קיין פראַנקרײַך. און ווען דער צוג נעמט רירן פון אָרט, זעען די וואַגאָנען אויס ווי א באַוועגלעכע, פאַרנדיקע אויסשטעלונג.

עס איז אָנהייב מײַ. א שיינער וועטער. די וואַגאָן־טירן זײַנען קעסיידער אָפן, און מיר באַקוקן די אוקראַיִנישע שטעטלעך און קאָלווירטן, וועלכע מיר פאָרן פאַרבײַ. כאָטש דער דאָזיקער טייל אוקראַיִנע איז ערשט ניט לאַנג באַפרײַט געוואָרן, באַמערקט זיך שוין א קאָלאָסאַלע אָפּגעטאָנענע אַרבעט. קוידעמקאָל זײַנען צוריק אופגעשטעלט געוואָרן די באַן־ליניעס. אונדזער צוג באַוועגט זיך אף נײַע רעלסן. די רויטלעכע שטיינדלעך און דער פריש אָנגעשיטער זאַמד אַרום זאָגן אײדעס, אז אַלץ איז דאָ פונדאָסנײַ געמאַכט געוואָרן, ווײַל די דײַטשן האָבן איבערגעלאָזט נאָך זיך לויטער כורוועס. דעם צוג ציט א מעכטיקער לאָקאָמאָטיוו. שפּעטער טרעפן מיר זיך אָן אף צענדליקער אַזעלכע לאָקאָמאָטיוון, פון וועלכע די פראַנצויזן, באַזונדערס אײַזנבאַנלער לויטן פאַך, קאָנען זיך ניט אָפּוווּנדערן: אַזעלכע מעכטיקע און מאָדערנע מאַשינען זעט מען ניט אין פראַנקרײַך.

אף די פעלדער אַרבעטן די פּויערים. מע זעט טראַקטאָרן און אַנדערע לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינען אף די פעלדער.

אזוי זײַנען מיר פאַרבײַגעפאָרן בערדיטשעוו, קאָראָסטען און א ריי אַנדערע שטעט. עס איז ניט נייטיק צו זאָגן, אז מיר, ייִדישע „פּאַסאַזשירן”, נוצן אויס באַזונדערס די פאָר שאָ, וועלכע דער צוג פאַרבלײַבט אין בערדיטשעוו, קעדיי צו באַזוכן די שטאָט, וועגן וועלכער מיר האָבן אזויפיל געהערט און געלייענט.

מיר האָבן געטראָפן בערדיטשעוו אין כורווס. די עטלעכע טויזנט ייִדן שוין צוריקגעקערטע פון עוואַקואַציע, האָבן ווידער גענומען אײַנאָרדענען זיך. פונקט ווי אומעטום אין אוקראַיִנע, ווערט דאָ אַלץ געטאָן, קעדיי וואָס גיכער צו פאַרהיילן די וווּנדן, אָפּרייניקן די רויִנעס און צוריק אופבויען די שטאָט. אָבער די שוידערלעכע מײַסים פון די היטלעריסטן האָבן דאָ אף שריט און טריט איבערגעלאָזט טראַגישע שפּורן. צענדליקער טויזנטער ייִדן, וועלכע האָבן ניט באַוויזן זיך צו עוואַקויִרן, זײַנען דורך די נאַציס דערמאָרדעט געוואָרן.

מיר באזוכן אפגיך אייניקע פאבריקן, האלב־צעשטערטע נאָך, ווו עס ארבעטן פיל ייִדן, צוזאמען מיט אוקראַינער און רוסן. מיר באַגעגנען אויך אין בערדיטשעוו א סאך פראנצויזישע קריגס־געפאנגענע, וואָס וואַרטן אַף זייער ריי אהיימצופאָרן דורך אָדעס.

אין וועג איז צו אונדז אָנגעקומען די פריידיקע בסורע וועגן דער קאַפּיטולאַציע פון היטלער־דײַטשלאַנד און וועגן דעם, אַז די מילכאָמע איז פאַרענדיקט. עס איז אומבאַשרײַבלעך די פרייד פון אַלעמען. אַף יעדער סטאַנציע באַגעגענען מיר גרויסע מאַניפעסטאַציעס מיט פאָנען און לידער.

שאָלעם! ענדלעך וועט זײַן פרידן, ענדלעך איז דער היטלערישער באַרבאַריזם צעשטערט געוואָרן!

ענדלעך וועלן מענטשן קאָנען ווידער אָנהייבן רויִק ארבעטן און בויען!

וואָס פאַר א פּרעכטיקע, וואָס פאַר א ליכטיקע שטאָט איז אָדעס. ניט געקוקט אַף די גרויסע צעשטערונגען דורך די נאַציס, האָט די העראָישע שטאָט אָדעס ניט פאַרלוירן איר כיין. אומעטום ברייטע אַלייען מיט ביימער און בלומען. שיינע מאָדערנע הײַזער, אַנצאַליקע סאַנאַטאָריעס און אָפּרו־אַנשטאַלטן.

ווען מיר זײַנען אָנגעקומען קיין אָדעס, זײַנען שוין דאָרט און אין די אַרומיקע שטעטלעך געווען טויזנטער פראַנצויזן. קימאַט אַלע זײַנען זיי אײַנגעאָרדנט געוואָרן אין די סאַמע שענסטע און באַקוועמסטע ערטער. די אָרדענונג און היגיִענישע באַדינגונגען זײַנען אומעטום געווען מוסטערהאַפטע.

אין אָדעס האָבן זיך שוין דעמלט געפונען עטלעכע צענדליק טויזנט ייִדן, צוריקגעקומענע פון טיף־ראַטנפאַרבאַנד. כ׳האָב באַגעגנט ייִדישע ארבעטער און מאַטראָסן אין אָדעסער האַפן, ייִדישע ארבעטער אין די גרויסע פאַבריקן, ייִדישע דירעקטאָרן, אַנגעשטעלטע, דאָקטוירים, אינזשעניערן,

כ׳פלעג אָפּט אָפּשטעלן עלטערע ייִדן, מענער און פרויען, וואָס האָבן אָפּגערוט אין די גערטנער, זיך געוואָרעמט אַף דער זון. זיי האָבן מיר דערציילט וועגן זייערע איבערלעבונגען בײַ ס דער מילכאָמע, וועגן די הויכע פּאָסטנס, וואָס זייערע קינדער פאַרנעמען אין דער ארמיי, אין די פאַבריקן, אין די לערן־אַנשטאַלטן.

און אָט געפינען מיר זיך אין פּאָרט. מיר שטײַגן ארויף אַף דער שיף — אַן ענגלישער קרייסער, וועלכער איז פאַראַנקערט באַם ברעג. מיר זײַנען אכצן הונדערט פראַנצויזן און עטלעכע צענדליק בעלגישע הויכע אָפיצערן.

די אויגן פאַרזשמורען זיך אונטער דער שעפע פון ליכט. א לײַכטער טוי באַפּײַכט זיי. און מיטאַמאָל נעם איך אַלץ זען ווי אין א נעפּל, פון וועלכן עס הייבן זיך אָן ארויסשיילן מיט א שנעלקײַט, וואָס מיט איר קאָן זיך ניט פאַרמעסטן קיין שום עראָפּלאַן, קיין שום פילם־לענטע. אָפּגעריסענע בילדער פון די לעצטע זעקס יאָר: מילכאָמע... דער פראָנט... די געפאַנגענשאַפט... די באַפרײַונג... די כורוועס פון וואַרשעווער געטאָ... די יעסוימים אין לובלין... דער ערשטער מײַ אין לוצק...

איך קוק אַף דער שטאָט אָדעס, וואָס שפּרייט זיך אויס פאַר אונדז מיט אַזויפיל שיינקײַט, מיט אַזויפיל רייץ. איך דערקען אין יעדן פון די ארבעטער פון פּאָרט, אין יעדן פון די מאַטראָסן, פון די סאָלדאַטן און אָפיצערן — דעם שטאָלצן סאָוועטישן מענטש. דאָס זײַנען זיי, די רומפולע פּאַרטיידיקער פון אָדעס, די, וואָס האָבן פיר יאָר געשלאָגן דעם סוינע באַ מאָסקווע און באַ לענינגראַד, באַ סטאַלינגראַד און קורסק, אַף דער ווײַסל און באַם באַלטישן יאַם. זיי האָבן אים געשלאָגן אַלס פּאַרטיזאַנער אין דײַטשישן הינטערלאַנד און אַלס פאַבריק־ארבעטער און קאָלווירטניקעס אין דעם סאָוועטישן הינטערלאַנד. זיי האָבן אים געיאָגט ביז בערלין, ווו זיי האָבן הויך פאַרהויבן די פאָן פון זיג. פון זיג פונעם מענטש איבער דער כײַע.

איצט איז די מילכאָמע פאַרענדיקט. מיר זײַנען פרײַ. פרײַ איז גאַנץ אייראָפּע. דאָס האָט די רויטע ארמיי זי אויסגעלייזט פון דער פאַשיסטישער באַרבאַרײַ, פון פאַרשקלאַפונג און פאַרניכטונג. דאָס האָט די רויטע ארמיי געגנומען נעקאָמע פאַר די צענדליקער מיליאָנען אומשולדיקע קאָרבאָנעס פון היטלעריזם, פאַר די מיליאָנען אומגעבראַכטע ייִדן. דאָס האָט זי אינעם גרויליקן ווינטער אונדז געבראַכט דעם אָנזאָג פון פרילינג; דאָס האָט זי אין דער כוישעכדיקער נאַכט אונדז געבראַכט די שטראַלן פונעם אופגייענדיקן טאָג...

א שאַרפער סירענע־פּײַף רײַסט איבער מײַנע געדאַנקען. די שיף רירט פון אָרט. הונדערטער הענט פון פראַנצויזן ענטפערן אַף די באַגריסונגען פון די האַפן־ארבעטער און פון די סאָוועטישע סאָלדאַטן און אָפיצערן, וועלכע האָבן אונדז באַגלייט.

די שיף־סירענע פּײַפט איצט נאָך העכער, מיט נאָך מער קראַפט, ווי זי וואָלט זיך אָנגעשלאָסן אין די פריידיקע שטימען, וואָס טראָגן זיך פון דער שיף צום ברעג און פונעם ברעג צו דער שיף:

— וויוו ל׳איניאָן סאָוועטיק! (זאָל לעבן דער ראַטנפאַרבאַנד!).

— דאַ זדראַווסטוויעט פראַנציאַ! (זאָל לעבן פראַנקרײַך!)

— מערסי א נאָ ליבערטאַטער! (א דאַנק אײַך, אונדזערע באַפרײַער!)

— פּריוויעט פראַנצוזסקאָמו נאַראָדו! (א גרוס דעם פראַנצויזישן פאָלק!)

— מערסי א נאָ ליבערטאַטער! (א דאַנק אײַך, אונדזערע באַפרײַער!)

פּאַריז, 1952.

יורי גאַגאַרין

ער איז אַרופֿגעפֿלויגן אין די הימלען און צוריק
אַראָפּגעשפּרונגען
אין אַ פֿריילעכן זײַדענעם פּאַראַשוט: אַ פֿליִענדיקער מענטש
אין אַ פֿריילעך־פֿליִענדיקן הימל־הוט — אַראָפּגעשפּרונגען פֿון די הימלען
און געזונגען
אַ גאַר־גאַר נײַ פֿליִענדיק ליד צו זײַן לאַנד.
זײַנע הימל־העלע טרערן זײַנען געפֿאַלן ווי דערפֿרייטע שטערן, וואָס
זײַנען מיט אים אַרונטער

צו זען, פֿונוואַנען ס'איז
דער מענטש געקומען.

דער האָריזאָנט אַרום אים האָט אים אַרומגענומען
ווי אַ רעגנבויגן־באַנד — וואָס ער האָט פֿון די הימלען מיטגעבראַכט —
אַן ערשטע מאַטאָנע פֿון די רוימען
צו דעם ערשטן גאַסט פֿון ערשטן הימלפֿליִענדיקן לאַנד.

צום ערשטן מאָל
האָט זיך אַ מענטש צעזעגנט מיט דער ערד — און צוריקגעקומען!
אוועקגעפֿלויגן ביז אַהין,
ווו ביז אַהער
האָט זײַן פֿאַנטאַזיע בלויז
געוואַגט צו פֿליִען: זײַן לאַנד שיקט,
אין אַ היימלאַנד־ליד פֿאַרצויגן און אוועקגעלאָזט זיך קרײַזן
אַרום זײַן אייגענער פּלאַנעט
אין די רוימען, זינגענדיק נײַסטע לידער.

הערן די הימלען צום ערשטן מאָל
פּושקינען און מאַיאַקאָווסקין און פֿליִענדיקע מעלאָדיעס
פֿון ערשטן קאָסמאָנאַווט — וואָס פֿליט איינינקער אַליין
אין די הימלען — אָן מלאָכים, אָן קונצן,
אָן אַ סימען גאָט — פֿליט און זינגט
אַף די פֿריילעכע פֿליגלען פֿון זײַן פֿאָטערלאַנד.

אַרום אים האָט גערעדט די מענטשהײַט פֿון דער העכסטער כאָכמע.
און די געצײַלטע, די בײַזע נאַראָנים ווו־ניט־ווו זײַנען אויך
אין דער רעגע
אַ קאַפּעלע קליגער געוואָרן...

און יורי גאַגאַרין
האָט אין אַלעמענס נאָמען גערעדט.
יורי גאַגאַרין: זשול ווערן און איינשטיין
האָבן דיך פֿאָרויסגעזען. זייער טרוים
און לענינס פּלאַן — און ס'איז געשען.

ניו־יאָרק, 1966.

רייזל זשיכלינסקי

די פּאַרטיזאַנקע

זאָיע קאָסמאָדעמיאַנסקעס קאָנספּיראַ־
טיווער נאָמען איז געווען „טאַניע“

ארומגעוויקלט אין קאַלטע ווינטן,
געהילט אין צעשטערנטע נעכט,
אײַנגעטוליעט אין ווײַסע פרעסט,
שלאָפט טאַניע אונטער א בערגל ליכט.

לאַנגע טעג איז זי געהאַנגען אין ווינט,
לאַנגע נעכט זיך געוויגט אף דער טליִע,
דער שניי האָט פאַרדעקט אירע געפרוירענע
אַקסלען,
און די פאַרנאַכטן האָט זי געברענט אין
דער שקיִע.

מע האָט באַגראָבן די פּאַרטיזאַנקע,
דאָס יונגע מיידל מיט שטאָלצע ברעמען,
פון בערגל ערד וואַקסט אַרויס איר האַלדז,
איר שטאָלצער קאָפּ שטײַגט אַרוף צו די רוימען.

וועלן אין פרילינג בליִען אירע ליפּן,
צעריסן, צעביסן, געפּײַניקט אין בלוט,
וועלן אין פרילינג דאָ קנאָספּן אירע ליפּן,
פאַרזיגלט מיט א שווײַגן, וואָס איז שטאַרקער
פון טויט.

און ווען פּאַרטיזאַנען אין טיפע שנייען
טראָגן טויט צום סוינע אין רוקן,
פירט זיי פאָרויס די טויטע טאַניע,
זי צינדט די סינע אין זייערע בלוטן.

און שלאַנק איז איר קערפּער, מיידלש, דין,
זי שוועבט אפן שניי, זי פליט אינעם ווינט,
ציִען די קעמפער נאָך איר אויס די אָרעמס,
בלײַבט בלויז איר בלויער שאָטן אין זייערע
הענט...

נאָר א שטילער ווינט גלעט זייער פּאָנעם,
נאָר דער שניי צעגייט מיט א טרער אין זייער
ברעם,
טאַניע איז ווײַט, זי ווינקט פון א שטערן,
זי הענגט אף די צווײַגן פון א ווײַסן בוים.

ניו־יאָרק, 1962

עסטער שומיאטשער

האָניק פון ביראָבידזשאַן

איך האָב הײַנט פאַרזוכט האָניק פון ביראָביד־
זשאַן.
דער שאַרפער טאַם האָט א ברי געטאָן אין
גומען.
ס'האָט א ווייע געטאָן פון עמער
דער רייעך פון קאָרן־פעלד,
מיט טוי,
מיט קלעווער
און מיט לעוואָנע־בלוי.

עס האָבן איבער מיר א זשום געטאָן די בינען,
און זומערדיקע פעלדער האָבן זיך געשפּרייט
אין דימיען.
האָט זיך א וויג געטאָן
מײַן אויסגעוואָרצלטער און טרויעריקער שטאַם,
וואָס זוכט פּאַרנאָסע, ברויט און ליבע
מעייוועך לעיאַם.

דער האָניק איז געווען גוט.
די ערד
האָט גערעדט
מיט יונגע ליפּן,
מיט האָרעוואַניע
און מיט בלוט.
און עס טוען זיך א וויג:
הענט,
רוקנס,
פיס —
אַקסלען אָנגעצויגן
אַקשאָנעסדיק אַנטקעגן ווינט.
און ווי א זאַנג אין קאָרן־פעלד,
מײַן בלאָנדער בכאָר,
מײַן קינד.

עס בליט א קאַרשנבוים,
א באַרן,
און א פלוים,
און
און סאַמע אינדערמיט
מײַן ייִנגסטער טרוים.

ניו־יאָרק, 1939

אַרויס מיט די פּאַקלען

פּונעם בוך „ביראָבידזשאַן"

ניט איצט איז די צײַט אַף זיך וואַקלען,
ניט איצט איז די צײַט פאַר קײן ספּייקעס —
עס איז דאָך אַן אומזין צו מאַכן סאַכאַקלען,
ווען וואָגן מיט מאַסע באַם אָנהײב פון וועג איז.

דער וועג איז אַ האַרטער, דער וועג איז אַ שווערער,
נאָר ער וועט פון רייד דאָך לײַכטער ניט ווערן,
דאָס פינגער־געדרייִ אין דער לופט אין דער לערער
איז גוט פאַרן באַטלען צו ציילן די שטערן.

אַז אײַך איז אַן ערד דאָ געגעבן געוואָרן,
באַדאַרף מען פאַרדינען די ווערט זי צו האָבן, —
עס איז נאָך ניט קײנמאָל קײן ווייץ און קײן קאָרן
געוואַקסן אָן אַקערן, זייען און גראָבן.

מע דאַרף איצט צעמענט פאַר אַן אײַוון צו באַקן,
מע דאַרף איצט אַ האַק אַף צו בויען אַ שײַער,
מע דאַרף איצט אַן עמער צו שעפּן אַ טרונק אַ געשמאַקן
און מוטיקע לידער פאַרן אָוונט באַם פײַער.

מע דאַרף איצט אַן אַקסל, אַ האַנט און אַ שולטער,
מע דאַרף איצט דאָ אײַליקע טריט אַף צו טרעטן,
עס יוירט אַזוי לאַנג אונדזער טײַג אין דער מולטער,
און וואַרט אַלץ אַף הענט, וואָס זאָלן צעקנעטן.

●

ניט איצט איז די צײַט אַף זיך וואַקלען,
ניט איצט איז די צײַט פאַר רייד־ריידערײַען, —
אַרויס אַף די וועגן און צינדט אָן די פּאַקלען
אַנטקעגן דעם לעבן דעם נײַעם, דעם פרײַען!

ניו־יאָרק, 1935

●

אפן רויטן סקווער

איבער אַלע וועלט־טײלן אײַך געזען מאַרשירן:
פינף יאַמען אין אײן בונד געפאָרעמט,
ווי וואַלפיש האָבן קעפּ געשטורעמט...

אין מײַן בלוט די טריט אײַערע דערפילט,
ווען רויטער סקווער האָט מיט פיס געזונגען.
הינטער יעדן טראָט האָבן ווײַטן אָפּגעקלונגען...

ווי אַ גלאָק, האָב איך אײַער רוף פאַרנומען.
שיקערדיק איבער ווײַטן איז מײַן קאָל געשוווּמען.
אָט אַזוי ווי אַ קינד אין ראָד בין איך צוגעקומען.

אין אײַער מיט בין איך אַרײַן, געבויגן און פאַרשעמט.
האָט איר מיך אָנגעשלאָסן אין פאַנענדיקע הענט,
נאָענט געוואָרן אײַך, ווי צום לײַב דאָס העמד...

אין ראָד מיט אײַך האָבן זיך אויסגעגליכן מויערן.
איבער מענטשן־קעפּ האָבן הענט זיך אויסגעשטרעקט,
מיט פאַנען־הענט די שטאָט געוועקט...

ניו־יאָרק, 1932

ליטעראַטור־קריטיק || ביבליאָגראַפיע || פראַגן פון קונסט

אוראַן גוראַלניק

די קונסט, וואָס קומט אַרויס אין דער צוקונפט

אינעם אַרטיקל 47 פון דער נײַער סאָוועטישער קאָנסטיטוציע איז געזאָגט: „די בירגער פון פססר ווערט אין העסקעם מיט די צילן פון דער קאָמוניסטישער בויונג גאַראַנטירט די פרײַהײַט פון וויסנשאַפטלעכער, טעכנישער און קינסטלערישער שאַפונג. די דאָזיקע פרײַהײַט ווערט געזיכערט דורך ברייט פאַנאַנדערוויקלען וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען, די דערפינדערישע און ראַציאָנאַליזאַטאָרישע טעטיקײַט, דורך אַנטוויקלען די ליטעראַטור און קונסט. די מעלוכע שאַפט די נייטיקע דערצו מאַטעריעלע באַדינגונגען, זי שטיצט די פרײַוויליקע געזעלשאַפטן און שעפערישע פאַרבאַנדן, אָרגאַניזירט די אַרבעט פון אײַנגלידערן אין דער פאָלקסווירטשאַפט און אין די אַנדערע לעבנס־ספערן די דערפינדונגען און ראַציאָנאַליזאַטאָרישע פאָרשלאָגן.

די רעכט פון די אויטאָרן, דערפינדער און ראַציאָנאַליזאַטאָרן ווערן אָפּגעהיט דורך דער מעלוכע".

ווען מע לייענט די דאָזיקע שורעס פון דער קאָנסטיטוציע, קומען אויף זינען וו. אי. לענינס ווערטער, וועלכע ער האָט אַרויסגעזאָגט נאָך אין אָנהייב פון דער ערשטער רוסישער רעוואָליוציע — אין 1905, אינעם אַרטיקל „די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע און די פּאַרטיי־ליטעראַטור".

די ליטעראַטור, האָט לענין אונטערגעשטראָכן, גיט זיך ווייניקער פון אַלץ אונטער דעם מעכאַנישן פאַרגלײַך, דער ניוועלירונג, דער הערשאַפט פון דער מערהײַט איבער דער מינדערהײַט. „געוויס, אין אָט דעם איניען איז אומבאַדינגט נייטיק צו זיכערן אַ גרעסערע ראַכוועס פאַר דער פּערזענלעכער איניציאַטיוו, פאַר די אינדיווידועלע טאַלאַנטן, אַ ראַכוועס פאַר געדאַנק און פון דער פאַנטאַזיע, פון דער פאָרם און פונעם אינהאַלט". אַנערקענענדיק די ספּעציפיק פון דער קונסט צו אָפּנעמען עסטעטיש די ווירקלעכקײַט, קריטיקירנדיק די שאַבלאָנע פאָרשטעלונגען וועגן דער קונסט, האָט לענין צוזאַמען דערמיט ענערגיש דעמאַסקירט די טעאָריעס פון די בורזשואַזע געלערנטע און פּובליציסטן, וועלכע האָבן פאַרשפּרייט פאַלשע אָנשויונגען וועגן דעם טאָך פון דער קינסטלערישער שאַפונג, אַז, קלוימערשט, ליטעראַטור און קונסט טראָגן ניט קיין קלאַסן־כאַראַקטער.

באַטאָנענדיק, אַז אַ ניט־קלאַסאַווע ליטעראַטור און קונסט וועלן זײַן „בלויז אין דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט, וואָס וועט ניט וויסן פון קיין קלאַסן", קעגנשטעלנדיק קעגן דער „צוויִעסדיק־פרײַער", און פאַקטיש פאַרבונדענער מיט דער בורזשואַזיע" ליטעראַטור די ליטעראַטור, וואָס איז „בעעמעס אַ פרײַע, אָ פ ן פאַרבונדן מיטן פּראָלעטאַריאַט", האָט לענין, מאַמעש אַרײַנקוקנדיק אין אונדזער הײַנט, געזאָגט: „דאָס וועט זײַן אַ פרײַע ליטעראַטור, ווײַל ניט די אייגננוץ און ניט די קאַריער, נאָר די אידיי פון סאָציאַליזם און די סימפּאַטיע פון די אַרבעטנדיקע וועלן ווערבירן נײַע און נײַע קרעפטן אין אירע רייען. דאָס וועט זײַן אַ פרײַע ליטעראַטור, ווײַל זי וועט דינען ניט דער איבערגעזעטיקטער העלדן, ניט די „אייבערשטע צען טויזנט", וועלכע ווערן מעשוגע פון אומעט און לײַדן פון דער אָנזאַמלונג פון שמאַלץ אין זייער גוף, נאָר די מיליאָנען און צענדליקער מיליאָנען אַרבעטנדיקע, וועלכע זײַנען די פּראַכט פונעם לאַנד, זײַן קראַפט, זײַן צוקונפט...„[1]

[1] Ленин о культуре и искусстве. Изд-во «Искусство», М., 1956, стр. 42—45.

ווען מיר ווארפן א בליק אף דער אנטוויקלונג פון דער סאָציאַליסטישער, עכט אלפאָלקי־שער פילנאַציאָנאַלער קינסטלערישער ליטעראַטור אין סאָוועטנפארבאַנד פאַר די פאַרגאַנגענע זעכציק יאָר, זעען מיר באַשײַמפּערלעך: לעניניס פּראָוויזונג איז געוואָרן בא אונדז אין לאַנד א רעאַליטעט. עס איז געשאַפן געוואָרן און האָט אַנגענומען זיך מיט קראַפט, באַקומען אויטאָ־ריטעט און אנערקענונג אין גאָר דער וועלט די ווירקלעך פרײַע ליטעראַטור, וועלכע דינט די אידעאַלן פונעם קאָמוניזם. אָט די ליטעראַטור, וואָס ווערט געשריבן אָף זעקס און זיבעציק שפּראַכן, איז אין העכסטן זין פון וואָרט א מאַסן־ליטעראַטור, זי פאַרמאָגט די סאַמע דאַנק־באַרע פילמיליאָניקע לייענער־אאודיטאָריע.

עס איז נאָך ניט געווען דער פאַל, אז מענטשן, וועלכע לייגן דורך א נײַעם וועג, זאָלן ניט ריזיקירן, עקספּערימענטירן, אָפּטמאָל אויך האָבן א טאָעס. ווען מיר פרייען זיך מיט די גרויסע דערגרייכונגען פון דער קונסט פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם, פאַרגעסן מיר לאַכלוטן ניט, ווי קאָמפּליצירט, ווי אומבאַקאַנט עס איז געווען דער וועג, מיט וועלכן אונדזער ליטעראַ־טור איז געגאַנגען, ביז זי האָט דערגרייכט די דאָזיקע אידייִש־עסטעטישע הייכן. עס דער־מאָנען זיך די ווערטער, וועלכע אי. ערענבורג האָט געזאָגט אָפן ערשטן אַלפאַרבאַנדישן צו־זאַמענפאָר פון די סאָוועטישע שרײַבער אין אויגוסט 1934: „אין מײַן לעבן האָב איך פיל מאָל א טאָעס געהאַט... מיר איז שווער צו פאַרשטעלן זיך דעם וועג פון א שרײַבער ווי א גלײַכן, גלאַטן און גוטן שאָסיי־וועג. איין זאַך איז פאַר מיר אָבער אבסאָליוט קלאָר: איך בין א גע־ווײַנלעכער סאָוועטישער שרײַבער. דאָס איז מײַן פרייד, דאָס איז מײַן שטאָלץ". די שטאָלץ פון די בויער פון דער נײַער געזעלשאַפט, וועלכע דער אַקטיאָבער האָט געבוירן, די שטאָלץ פון די שעפער פון אזא ליטעראַטור, פון וועלכער די מענטשהייט האָט נאָך ניט געוווּסט, האָט אָפּגעקלונגען אויך אין די אַנדערע אַרויסטרעטונגען אף אָט דעם היסטאָרישן פאָרום פון די סאָוועטישע וואָרט־מײַסטערס. דער באַוווּסטער ראָמאַניסט און דראַמאַטורג לעאָניד לעאָנאָוו האָט אָפן צוזאַמענפאָר געזאָגט: „אונדז איז באַשערט דאָס ווונדערלעכע גליק צו לעבן אינעם סאַמע הערויִשן פעריאָד פון דער וועלט־געשיכטע... פונדאַנען שטאַמען סײַ אונדזערע פליכטן, סײַ אונדזערע רעכט, סײַ אונדזער שטאָלץ, סײַ אונדזערע שוועריקײַטן, סײַ אונדזער צוקינפ־טיקע בירגערלעכע באַפרידיקונג, אז סאָפקאָלסאָף וועלן מיר די דאָזיקע שוועריקײַטן בײַקו־מען. פאַרשטייט זיך, עס איז נאָך ניט געווען אזא עפּאָכע, ווען דער ליטעראַטאָר זאָל געוווּן פילן אזא בעקאַוועדיקע און הויכע פאַראַנטוואָרטלעכקײַט, ווי איצט. דעריבער איז אונדזער הויפּט־אויפגאַבע: באַוווײַזן אין געשטאַלטן, וועלכע זײַנען טיפּיזיניק און פאַרגעדענקען זיך, דעם גרויסן צוזאַמענשטויס פון אידייען, פּאַנאַנדערארבעטן כאָטשבי סכעמאַטיש די פּרינציפּן פון דער נײַער מאָראַל און פאַרייביקן דאָס געבורט פון דער ביז איצט נאָך אומגעהערטער וועלט".

די גאַנצע ווײַטערדיקע געשיכטע פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור — סײַ אין די מילכאָמע־יאָרן, סײַ אינעם נאָכמילכאָמע־פּעריאָד — האָט באַשטעטיקט, אז זי איז געטרײַ די דאָזיקע הויכע הומאַנע אידעאַלן און צילן. דער זעלבער לעאָנאָוו האָט דאָס דער־וויזן אין זײַן פאָלקס־דראַמע „אינוואַזיע", אין זײַן עפּישן ראָמאַן „דער רוסישער וואַלד" און אין נאָך אַנדערע ערשטקלאַסיקע ווערק. עס איז אלגעמיין אנערקענט דער גרויסער בײַטראָג פון איליאַ ערענבורג, אלעקסיי טאָלסטאָי, מיכאיל שאָלאָכאָוו, אלעקסאַנדער פאַדייעוו און פון אַנדערע סאָוועטישע שרײַבער אינעם ניצאָכן איבערן היטלעריזם און אינעם קאַמף פאַר שאַ־לעם אין די נאָכמילכאָמע־יאָרן.

דאָס געזאָגטע איז אין דער פולער מאָס שײַעך סײַ צו דער רוסישער, סײַ צו די אַנדערע נאַציאָנאַלע סאָוועטישע ליטעראַטורן, דערונטער אויך צו דער ייִדישער סאָוועטישער ליטע־ראַטור. אירע וועטעראַנען — דאָוויד בערגעלסאָן און דאָוויד האָפשטיין, איזי כאַריק און פּע־רעץ מאַרקיש, איציק פעפער און לייב קוויטקאָ — זײַנען געווען דעלעגאַטן פונעם דערמאָנטן ערשטן שרײַבער־צוזאַמענפאָר, וועלכער האָט געגרינדעט דעם שעפערישן פאַרבאַנד פון ליטע־ראַרישע מיינונגס־קאָלעגן. זיי אלע זײַנען ביזן סאָף פון זייער לעבן געבליבן טרײַ די פּרינ־ציפּן, וועלכע זײַנען פּראָקלאַמירט געוואָרן אף דעם דאָזיקן שרײַבער־צוזאַמענפאָר.

אין דעם סטאַטוט פונעם שרײַבער־פאַרבאַנד פון פססר איז מיט אבסאָליוטער קלאָרקײַט פאָרמולירט דער טאָך פונעם מעטאָד פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם, וואָס איז דער גרונט־מע־טאָד אין דער שאַפונג פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור. דער סטאַטוט קלערט אוף דעם דאָ־זיקן מעטאָד אלס אזא, וואָס „פאָדערט פונעם קינסטלער א וואָרהאַפטיקע, היסטאָריש־קאָנקרע־טע שילדערונג פון דער ווירקלעכקײַט און פון איר רעוואָלוציאָנערער אנטוויקלונג. די וואָר־האַפטיקײַט און היסטאָרישע קאָנקרעטקייט פונעם קינסטלערישן שילדערן די ווירקלעכקײַט דאַרף גיין באַנאַנד מיט דער אופגאַבע צו איבערמאַכן און איבערדערציִען די אַרבעטנדיקע

אידייִש". דאָ אפן אָרט ווערט באַטאָנט, אז דער סאָציִאליסטישער רעאליזם „זיכערט דער קינסטלערישער שאַפונג די פולע מעגלעכקייט צו ארויסווייַזן שעפערישע איניציִאטיוו, אָפּקלייַבן פארשיידענע פאָרמען, סטילן און זשאנרען".

אין איינעם פון זייַנע בארימטע ארטיקלען וועגן דעם אווטאָר פונעם ראָמאַן „וואָסקרעסעניִע" און די „מאכט פונעם כוישעך", פון „כאדזשי מוראט" און „איך קאָן ניט שווייַגן" האָט וו. אי. לענין געשריבן, אז אדאנק דער געניִאלער באלויכטונג פון לעוו טאָלסטאָי איז די עפּאָכע פון צוגרייטן די רעוואָליוציע אין רוסלאנד געווען א טראָט פאָרויס אין דער קינסטלערישער אנטוויקלונג פון דער מענטשהייַט. איבערפראזירנדיק אָט די פילבאַדייַטנדיקע דעפיניציע, קאָן מען, מיינען מיר, מיט פולן גרונט באהויפּטן, אז אדאנק די קאָלעקטיווע באמיִונגען פון דער גאנצער פארשיידנשפראכיקער און אייַנהייַטלעכער מיט איר פאטאָס סאָוועטישער ליטעראַטור איז די עפּאָכע פונעם קאמף פארן טריִומף פון די אָקטיאבער־אידייען, די עפּאָכע פון בויען די אנטוויקלטע סאָציִאליסטישע געזעלשאפט אין סאָוועטנפארבאנד געווען א ווייַטערדיקער טראָט פאָרויס אין דער קינסטלערישער אנטוויקלונג פון דער מענטשהייַט.

מיר וועלן דאָ ניט פארנעמען קיין אָרט מיט ציטירן די אנטשפּרעכיקע ארויסזאָגונגען אף אָט דער טעמע מיצאַד די סאמע אווטאָריטעטע שרייַבער פון הייַנטיקן יאָרהונדערט. וועגן זייער אנציקונג פארן פאָלק, וואָס האָט דורכגעפירט די גרויסע סאָציִאליסטישע אָקטיאבער־רעוואָליוציע, וועגן זייער דאנק און אנערקענונג די ליטעראטן, וועלכע האָבן פארייביקט דעם היסטאָרישן העלדנטאַט פונעם רעוואָליוציִאָנערן פאָלק, וועגן זייער גייַסטיקער קרוויוועשאפט מיט אָט דעם פאָלק האָבן אין פארשיידענע צייַטן געשריבן אנאטאָל פראנס און ראָמען ראָלאַן, טאָמאס מאַן און ליִאָן פויכטוואנגער, לו סין און בערנארד שאָו, לוי אראגאָן און פאבלאָ נערודא. דער אָנגעזעענער דענישער ראָמאַניסט מארטין אנדערסען־נעקסע האָט געזאָגט, ווענדנדיק זיך צו זייַנע סאָוועטישע מיטברידער לויט דער פּען: „איר זייַט דער פאָרגעשריטענער אָטריאַד, איר זייַט דער אוואנגארד פון דער מענטשהייַט. איך באגריס אין אייַער פּערזאָן דעם דאָזיקן אוואנגארד. איך בין אין היספּייַלעס דערפון, וואָס איר האָט שוין געשאפן, און איך ווינטש אייַך ווייַטערדיקע גרויסע דערפאָלגן".

אין די פארגאנגענע זעכציק יאָר האָבן די סאָוועטישע שרייַבער געשאפן א היפּש ביסל ווערק, וועלכע פארנעמען מיט רעכט א בעקאָוועדיק אָרט אין די קינסטלערישע אָנזאמלונגען פון דער פּראָגרעסיווער מענטשהייַט. אפילו א פּאָשעטע רעשימע פון די סאמע פּאָפּולערע צווישן אָט די ווערק — אָנהייבנדיק פון שאָלאָכאָווס „שטילער דאָן" און ביז סימאָנאָווס ציקל ראָמאַנען וועגן דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע, פון טרעניאָווס, קאָרנייטשוקס, פּאָגאָדינס היסטאָריש־רעוואָליוציִאָנערע פּיעסן און ביז די לעצטע דראמאטישע ווערק אף דער אזויגערופענער „פּראָדוקציר־טעמע", וועלכע ס'האָבן געשאפן העלמאַן, באָקארעוו, דוואָרעצקי, פון טוואַרדאָווסקיס פּאָעמע וועגן דעם סאָלדאט וואסילי טיאָרקין און ביז די פּאָעמעס פון וואָזנעסענסקי, יעווטושענקאָ, סאמאָילאָוו, — אפילו א פּאָשעטע איבערעכענונג פון די ביכער פון די סאָוועטישע אווטאָרן, וועלכע זייַנען ברייט אָנערקענט דורך די סאָוועטישע און אויסלענדישע לייענער, וואָלט פארנומען ניט איין זשורנאל־זייַטל. מיט קיין שום איבערזיכטן קאָן מען ניט ארומכאפּן די גאנצע אשרעס פון אונדזער סאָוועטישער ליטעראטור, אופדעקן אין דער פולער מאָס איר אידייִיש־עסטעטישע נאָוואטאָרישקייַט. לאָמיר זיך דאָ אָפּשטעלן אף איין אספּעקט, וואָס איז, ווי אונדז דוכט, זייער וויכטיק, קעדיי צו פארשטיין דעם טאָך פון דער ליטעראטור, וועלכע די אָקטיאבער־רעוואָליוציע האָט געבוירן.

פון איר סאמע ערשטן טראָט האָט די סאָוועטישע ליטעראטור ארויסגערופן א פארשארפטן אינטערעס צו זיך מיטן געשטאלט פונעם נייַעם מענטשן. אין אָט דעם נייַעם מענטש, דעם רעאלן, פולבלוטיקן, לעבעדיקן, וואָס פארמאָגט אלע שטריכן און אייגנשאפטן פון א סאמע געוויינלעכן באַסערוועדאָם, האָבן די לייענער — די סאָוועטישע און די אויסלענדישע — דערזען דאָס געשטאלט פון דער צוקונפט. ס'איז קלאָר און נאטירלעך, אז ניט די פּערסאָנאזשן פון גאָרקיס דערציילונגען פון די צוואנציקער יאָרן, ניט די העלדן פון לעאָנאָווס און ערענבורגס ראָמאַנען, פון מאקארענקאָס „פּעדאגאָגישער פּאָעמע" אאוו. זייַנען נאָך ניט געווען די אבסאָליוטע פארקערפּערונג פונעם געזוכטן אידעאל. אפילו פּאווועל קאָרטשאגין פון ניקאָלייַ אָסטראָווסקיס ראָמאַן „ווי עס האָט זיך פארהארטעוועט דאָס שטאָל", — די יוגנט פון די דרייַסיקער יאָרן האָט דאָך געטאָן אלץ, קעדיי קאָפּירן אים אין זייער גייַסטיק לעבן, — איז נאָך ניט געווען און האָט נאָך ניט געקאָנט זייַן די הונדערטפּראָצענטיקע פארקערפּערונג פונעם מענטשן פון דער סאָציִאליסטישער צוקונפט. אָבער אין יעדן פּאָזיטיוון ליטעראַרישן העלד האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט, ווי די זון אין א טראָפּן רעגנוואסער, די אייגנשאפטן, וואָס זייַנען

כאַראַקטעריסטיש גראָד פאַר די מענטשן, וועלכע עס איז, לויטן ווילן פון דער געשיכטע, באַשערט צו בויען דעם פונדאַמענט פון דער צוקונפט־געזעלשאַפט, דורכלייגן צו איר דעם וועג.

ריידנדיק וועגן דער וויכטיקער מיסיע פון דער קינסטלערישער ליטעראַטור, ווילן מיר זיך פאַרופן אויך אָף די מײַסטערס פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור, אין דער ערשטער ריי פון דער פּראָזע און פּאָעזיע. אשטייגער, דער לירישער העלד פון אָשער שוואַרצמאַן און איציק פעפער, וואָס האָט אָף די פעלדער פונעם בירגערקריג מיט געווער אין די הענט פאַרטיידיקט די אָקטיאַבער־דעראָבערונגען, פון לייב קוויטקאָ, דאָוויד האָפשטיין, אַרן קושניראָוו, מוישע קולבאַק, שמועל האַלקין, וועמענס לעבנס־פילאָסאָפיע איז געבוירן געוואָרן אָפן באָדן פון די נײַע סאָציאַליסטישע פאַרהעלטענישן צווישן די מענטשן; די העלדן פון די עפּישע דיכטונגלײַוונטן פון איזי כאַריק און פּערעץ מאַרקיש, וועלכע האָבן אַנטשיידן איבערגעריסן מיטן שקלאַפישן אָוואַר לעשעם דער פרײַער אַלזײַטיקער אַנטוויקלונג פון דער פּערזענלעכקײַט, — צי דען שטעלן זיי מיט זיך ניט פאָר דאָס נײַע זײַטל אין דער קינסטלערישער געשיכטע פונעם ייִדישן פאָלק, וואָס זײַן באַליבט מוטערלאַנד איז געוואָרן דער סאָוועטנפאַרבאַנד? אָף אַ פאַרשיידענעם אויפן, אייגנאַרטיק און מיט אַן אינדיווידועלן סטיל איז דער אופקום פונעם נײַעם מענטשן, פון דער נײַער מאָראַל, פון דער נײַער זיטלעכקײַט אינעם טאָגטעגלעכן לעבנסשטייגער באַוויזן אין בערגעלסאָנס און דעם ניסטערס פּראָזע, אין די ביכער פון זייערע ייִנגערע מיטצײַטלער שמועל גאָדינער, מ. דאַניִעל, איציק קיפּניס, נויעך לוריע, הערשל אָרלאַנד, פון די הײַנטצײַטיקע פּראָזאַיִקער נאָטע לוריע, שמועל גאָרדאָן, טעוויע גען, כאַיִם מעלאַמוד, מוישע אַלטמאַן, בוזי מילער, שירע גאָרשמאַן, יעכיִעל שרײַבמאַן און פיל אַנדערע. צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראַטור, אָנגעהויבן פון די צוואַנציקער יאָרן, האָבן דאָס וואָרט באַקומען די האָרעפּאַשניקעס פון שטאָט און דאָרף, וועלכע מיר טרעפן שוין ניט אַלס פּאַסיווע אָביעקטן פון דער געשיכטע, נאָר מיר זעען זיי אַלס אַקטיווע שעפער אירע, — אין פעלד, אָפן זאַוואָד, אין שאַכטע, אָף די רישטעוואַניעס פון נײַ־בויונגען. די אַווטאָרן פון די קריטישע אַרטיקלען און היסטאָריש־ליטעראַרישע פאָרשונגען, וועלכע ווערן געדרוקט אָף די זײַטן פון „סאָוועטיש היימלאַנד“, שטעלן אויף די פילפאַרביקע און רײַכע פּאַנאָראַם פון דער אַנטוויקלונג פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור פאַר די זעקס יאָרצענדליקער נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע.

ווירדיק אָפּשאַצן דעם העלדנטאַט פון דער סאָוועטישער פילנאַציאָנאַלער ליטעראַטור, איר בײַטראָג אינעם גײַסטיקן לעבן פון דער מענטשהײַט פון אונדזער צײַט איז מעגלעך בלויז אינעם קאָנטעקסט פון דער געשיכטע (דער פאָטערלענדישער און דער וועלט־געשיכטע) פאַר די זעקס יאָרצענדליקער נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע. אַ טיפער וויסנשאַפטלעכער אַנאַליז פון אָט דער עפּאָכע, פון די געזעצמעסיקײַטן פון איר אַנטוויקלונג איז געגעבן אין דער באַשטימונג פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד פון 31 יאַנוואַר 1977 „וועגן דעם 60־טן יאָרטאָג פון דער גרויסער סאָציאַליסטישער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע“. אין דעם דאָזיקן דאָקומענט, וועלכער פירט אונטער די סאַכאַקלען און מערקט אָן די פּערספּעקטיוון פון דער אַנטוויקלונג פון אונדזער געזעלשאַפט, ווערט באַזונדערס באַטאָנט, אַלס איינע פון די סאַמע ערנסטע דערגרייכונגען, דאָס, וואָס „דער סאָציאַליזם האָט געעפנט פאַר די אַרבעטנדיקע דעם ברייטסטן צוטריט צו קענטענישן, צו די אוצרות פון דער גײַסטיקער קולטור... אינעם געזעלשאַפטלעכן באַוווסטזײַן הערשט די וויסנשאַפטלעכע מאַטעריאַליסטישע וועלט־אָנשויונג; עס האָבן זיך צעבליט די סאָוועטישע ליטעראַטור און קונסט, זיי טראָגן אַרײַן אַ ריזיקן צושטײַער אין דער גאַנצער וועלט־קולטור“. וועגן דער וואַקסנדיקער ראָליע, וועלכע די קונסט און ליטעראַטור פונעם סאָציאַליסטישן רעאַליזם שפּילן אינעם אידייִש־זיטלעכן קאָדעקס פונעם קאָמוניזם, אינעם דערציִען דאָס סאָוועטישע פאָלק, די אונטערוואַקסנדיקע דורות, איז אָנגעוויזן אין די מאַטעריאַלן פונעם XXV צוזאַמענפאָר פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד.

מיר זעען, ווי אויסגעוואַקסן עס איז די רײַפקײַט פונעם געדאַנק, די ברייטקײַט פון באַנעמען קאַרדינאַלע פראַגן פונעם געזעלשאַפטלעכן לעבן, ווי טיף די ליטעראַטור דרינגט אַרײַן אין די פאַרבאָרגנסטע געביטן פון דער מענטשלעכער עקזיסטענץ. דער עצם גאַנג פון דער געשיכטע רוקט הײַנט אַרויס פאַר דער קונסט קאָמפּליצירטע אויפגאַבן, אַזעלכע, וועלכע דולדן ניט קיין אויבערפלעכלעכקײַט, פּרימיטיוון צוגאַנג. די סאָוועטישע ליטעראַטור, ווי עס האָט בילדעריש זיך אויסגעדריקט דער רוסישער שרײַבער־ראָמאַניסט יורי באָנדאַרעוו, איז אַרויס אָף די ראַכוועסן פונעם ערדקײַלעך, ווײַל „די גאַנצע וועלט איז איצט די סצענע, ווו עס גייען זיך צונויף און קרייצן זיך איבער די ליניעס פון די קאַרדינאַלע פּראָבלעמען פון דער הײַנטיקער צײַט: די מענטשהײַט אין דער געשיכטע און די געשיכטע אין דער מענטשהײַט; די ערד

און דער מענטש, דער מענטש און זײַן באַציִונג צו דער עקזיסטענץ, וואָס האָט אים געמאַכט פאַר אַ מענטשן; די מילכאָמע, די סאַקאָנע פון אומקום, בלוט און האָפענונג; יוישער און אַכזאָריעס, אינטערנאַציאָנאַליזם און נאַציאָנאַליזם; זיטלעכקײַט — דאָס סאָציִאַלע געוויסן פון יעדן איינעם; די באַוועגונג פון דער קאָמוניסטישער אידעאָלאָגיע, די דעראָבערונג פון פרײַהײַט און דער פּראָצעס פון אויספורעמונג פון דער פּערזענלעכקײַט; די אידיי, אַז די עצעם פּערזענלעכקײַט איז דער סאַמע ווערטפולער פענאָמען אַף דער וועלט; דער גוירל פון דער מענטשהײַט".

אָט אַזאַ גלאָבאַלער מאַסשטאַב פון דער שאַפונג־פּראָגראַם איז אונטערגעהאַלטן געוואָרן אָפן לעצטן, VI צוזאַמענפאָר פון די סאָוועטישע שרײַבער.

ווען מע באַקאַנט זיך מיט די גראַנדיעזע אויפגאַבן, וועלכע די ליטעראַטן אַליין שטעלן פאַר זיך, באַגרײַפנדיק זייער פאַראַנטוואָרטלעכקײַט פאַר דער געשיכטע און פאַרן פאָלק, דערזעט מען, ווי נישטיק עס זײַנען יענע אויסלענדישע רעאַקציאָנערע פּובליציסטן און קריטיקער, וועלכע באַמיִען זיך אַרויסצורופן אַן אומצוטרוי צו אונדזער ליטעראַטור, צו איר אידייִשן פּאַטאָס און קינסטלערישער קוואַליטעט. מע דאַרף נאָר הערן, וואָס פאַרא באַשולדיקונגען זיי רוקן אַרויס קעגן דער סאָוועטישער ליטעראַטור! די קאָלערליי פּראָפּאַשיסטישע „ראַזיִאָ־שטימען" גוואַלדעווען ביז הייזעריק ווערן, אַז אין סאָוועטנפאַרבאַנד איז ניטאָ קיין פרײַע שאַפונג. קלוימערשט, די סאָוועטישע ליטעראַטור איז אַ „פאַרוווערבירטע" (אָט אַזוי רופן זיי אַף זייער זשאַרגאָן די שרײַבער, וועלכע זײַנען געטרײַ צו די אידייען פון סאָציִאַליזם, פּראָלעטאַרישן אינטערנאַציאָנאַליזם און הומאַניזם). פאַר אונדז איז דאָס, פאַרשטייט זיך, קיין נײַס ניט: זעכציק יאָר נאָכאַנאַנד ווערט מיצאַד אונדזערע אומפרײַנט יעדע דעראָבערונג פונעם סאָוועטישן פאָלק, אין וועלכן געביט עס זאָל ניט זײַן — אין דער עקאָנאָמיק אָדער אין דער קולטור, — באַגעגנט אַף מעסער־שטעך און מיט זידלערײַען. נאָך אין אָנהייב פון די דרײַסיקער יאָרן האָט דער גרויסער ענגלישער דראַמאַטורג בערנאַרד שאָו געזאָגט וועגן דעם מיט דער כאַראַקטערײַסטישער פאַר אים שאַרפקײַט און אומקאָמפּראָמיסלעכקײַט: „די אַנטיסאָוועטישע פּרעסע ווייסט ניט פון קיין שקאָרים, וועלכע זאָלן קלינגען צו פאַנטאַסטיש, זי ווייסט ניט פון קיין רעכילעס, וועלכע זאָל זײַן צו שמוציק, עס איז פאַר איר ניטאָ קיין שרעקבילד, וואָס זאָל זײַן צו אומגעלומפּערט און זאָל צו שטאַרק ווידערשפּרעכן דאָס אַלץ, וואָס מע ווייסט וועגן דעם סאָוועטנפאַרבאַנד („איזוועסטיִא" פון 26 יאַנוואַר 1933).

די צײַט, ווי מיר זעען, האָט ווײַניק אויסגעלערנט די סאָנים פון פּראָגרעס, דעמאָקראַטיע און סאָציִאַליזם. דערפאַר אָבער האָט זי געעפנט די אויגן באַ אַ גאָר גרויסער צאָל מענטשן פון גוטן ווילן, וועלכע לעבן אין אַלע ווינקעלעך פונעם ערדקײַלעך. עס וואַקסט דער פּרעסטיזש פון אונדזער היימלאַנד — פונעם אָקטיאַבער־לאַנד. דעם עמעס וועגן אונדזער לעבן דערציילט מיט באַגײַסטערונג די סאָוועטישע פילנאַציאָנאַלע ליטעראַטור. זי געווינט דעם צוטרוי פונעם הײַנטיקן לייענער אַדאַנק איר פּרינציפּיעלקײַט, אַדאַנק איר גלויבן אינעם מענטשן און זײַנע מעגלעכקײַטן, אַדאַנק איר קאַמף פאַרן שאָלעם, פאַר אַזאַ וועלט, וווּ איין מענטש דעם צווייטן זאָל זײַן אַ כאַווער, אַ פרײַנט, אַ ברודער.

דאָס, וואָס הײַנט איז געוואָרן אַ רעאַליטעט אין דער וועלט פונעם סאָציִאַליזם, וועט אין דער צוקונפט ווערן אַ רעאַליטעט פאַר דער גאַנצער מענטשהײַט. דערמיט איז צו דערקלערן דער פּאַטאָס, דער היסטאָרישער אָפּטימיזם פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור.

הערש רעמעניק

די אַקטיאַבער=רעוואָליוציע און די ייִדישע ליטעראַטור

I

אונדזער ייִדישע ליטעראַטור, פונקט ווי די גאַנצע סאָוועטישע ליטעראַטור, טיילט זיך אויס מיט איר נײַעם אידייִשן אינהאַלט, מיט איר אינטערנאַציאָנאַלער פעלקער־פרײַנטשאַפט, מיט די גרויסע אידעאַלן פון הומאַניזם און קאָמוניזם.

די רעוואָליוציע האָט געשאַפן א נײַע ליטעראַטור. די רעוואָליוציאָנערע שרײַבער האָבן ניט אָפּגעוואָרפן די אַלטע עסטעטיק, נאָר אָף אירע יעסוידעס געשאַפן אַן אַנדערע, ביז איצט ניט קיין געזעענע. ס׳האָט זיך באַוויזן א ליטעראַטור וועגן א נײַעם מענטשן מיט זײַנע פאַר־שטעלונגען און אידעאַלן. אָנשטאָט די אַלטע טיפּן פון דער עקספּלואַטאַטאָרישער געזעלשאַפט האָבן איצט פאַרנומען דעם אויבנאָן גאָר אַנדערע — ניט דער טריומפירנדיקער אונטערדריקער, דער בורזשוא, דער פּאַרעץ, דער מאַכטהאָבער, זייערע אידייִשע באַדינער, די קלעריקאַלן, די בורזשואַזע אינטעליגענץ, נאָר די האָרעפּאַשנע פאָלקסמאַסן, דער אַרבעטער, דער פּויער און די סאָציאַליסטישע אינטעליגענץ. די רעוואָליוציאָנערע ליטעראַטור האָט געשאַפן א טיפּ מענטשן, א געשטאַלט פון א קעמפער און א שעפער מיט א נײַער פּסיכאָלאָגיע און מיט א נײַעם אַרט דענקען. אָפּשפּיגלענדיק דעם רעוואָליוציאָנערן פּראָצעס, האָט די ליטעראַטור גע־שילדערט די דערשײַנונגען פונעם לעבן, וועלכע האָבן שטורמיש צעשטערט די קאָנסערוואַטי־ווע יעסוידעס פונעם אַלטן רעזשים, פונעם אַלטן שטייגער. די ליטעראַטור האָט געוויזן דעם בירגערקריג, די אומבראַכמאָנעסדיקע און אומבעשאָלעמדיקע קאַמפן, דעם אומפאַרמײַדלעכן זיג פון דעם נײַעם סיידער איבערן אַלטן.

קריטיש יאַרשענענדיק די בעסטע פּראָגרעסיווע טראַדיציעס פון דער פּאָרגעשריטענער קלאַסישער ליטעראַטור, האָט די רעוואָליוציאָנערע ליטעראַטור געזוכט די וועגן צו שילדערן די אָקאָרשט אַנטשטאַנענע ווירקלעכקײַט. די ליטעראַטור ביז דער רעוואָליוציע האָט געהאַט אין צענטער פון איר שילדערונג דעם יאָכיד, דאָס לעבן פון דער באַזונדערער פּערזענלעכ־קײַט, פונעם אינדיווידוום. עס זײַנען כאַראַקטעריסטיש אפילע די קעפּלעך פון די בעסטע ווערק פון דער וועלט־ליטעראַטור: „האַמלעט", „יולי צעזאַר", „ריטשאַרד III", „העינריך IV", „קיניג ליר", „דער פּאָטער גאָריאָ", „יעוועגעניע גראַנדע", „טשײַלד האַראָלד", „דאָן זשואַן", „מאַדאַם באָוואַרי", „יעווגעני אָניעגין", „דער העלד פון אונדזער צײַט", „רודין", „אַנאַ קאַרע־נינאַ", „מענאַכעם־מענדל", „טעוויע דער מילכיקער" און נאָך פיל אַנדערע.

דאָס באַטײַט ניט, נאַטירלעך, אַז אין אָט די ווערק איז געשילדערט בלויז דער גוירל פון איינעם און ניט דאָס סאָציאַלע לעבן, דאָ רעדט זיך בלויז וועגן דעם, אַז אַפן פאָדערגרונט פון דער ליטעראַטור ביז דער רעוואָליוציע איז געווען דאָס לעבן און די פּסיכאָלאָגיע פון דער פּערזענלעכקײַט, דער גוירל פונעם אינדיווידוום אין דער געגעבענער סאָציאַלער ווירקלעכ־קײַט. אין הינטערגרונט, בלויז ווי א מין פאָן, איז געשילדערט דאָס סאָציאַלע לעבן, דאָס לעבן פונעם פאָלק.

די יונגע סאָוועטישע ליטעראַטור האָט אַפן פאָדערגרונט אַרויסגערוקט און אַוועקגע־שטעלט אין צענטער פון דער שילדערונג דאָס רעוואָליוציאָנערע פאָלק, דעם קאַמף פון די מאַסן פאַר א פרײַ לעבן. און דאָס קאָן מען אויך זען אפילע אין די קעפּלעך פון די מער באַוווּסטע כאַראַקטעריסטישע ווערק פון די אָנגעזעענסטע שרײַבער: אַלעקסאַנדער בלאָקס „צוועלף", וולאַדימיר מאַיאַקאָווסקיס „150.000.000", קאָנסטאַנטין פעדינס „שטעט און יאָרן", סערגיי יעסע־נינס „דאָס געזאַנג וועגן דעם גרויסן מאַרש", אַלעקסאַנדער סעראַפימאָוויטשעס „דער אײַזער־

נער שטראָם", מיכאַיל שאָלאָכאָווס „דער שטילער דאָן", איסאַק באַבעלס „קאָנאַרמיאַ", ביקאַלײַ אָסטראָווסקיס „ווי אַזוי עס האָט זיך פאַרהאַרטעוועט דאָס שטאָל" און נאָך פיל אַנדערע.

דאָס באַטײַט ניט, נאַטירלעך, אַז די סאָוועטישע ליטעראַטור האָט געשילדערט בלויז דעם גורל פונעם פאָלק און קיין אַכט ניט געלייגט אויף דעם לעבן און גורל פונעם אינדיווידוום. דאָס מיינט צו זאָגן, אַז די נײַע ליטעראַטור האָט באַטראַכט דאָס פּערזענלעכע לעבן, דאָס געשטאַלט פונעם נײַעם מענטשן אין ענגער פאַרבינדונג מיטן גורל פונעם פאָלק, מיטן גורל פון דער רעוואָלוציע, און אַפילו אין די פאַלן, ווען דער נאָמען פונעם ווערק איז געווען דער נאָמען פונעם העלד, איז די הויפּט־אויפמערקזאַמקײַט אין דער שילדערונג געלייגט געווען אויפן סאָציאַלן לעבן, אויפן היסטאָרישן פּראָצעס פון דער רעאַלער ווירקלעכקײַט. אין גאָרקיס „דאָס לעבן פון קלים סאַמגין", „דאָס געשעפט פון די אַרטאַמאָנאָווס" איז געוויזן דאָפּקע ניט דער גורל פון אַ יאָכיד, נאָר דעריקער דער גורל פון קלאַסן, פון גאַנצע סאָציאַלע שיכטן. כאַראַקטעריסטיש איז דאָס, וואָס צוויי וויכטיקע דראַמאַטורגישע שאַפונגען זײַנע, וועלכע ער האָט געשריבן נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע, הייסן „יעגאָר בוליטשאָוו און אַנדערע", „דאָסטיגאַיעוו און אַנדערע". דאָס האָט נאָך מער אונטערגעשטראָכן דעם סאָציאַלן אינהאַלט פון אָט די ווערק.

דאָס לעבן פונעם פאָלק אין קאַמף פאַר דער ראַטנמאַכט אין די יאָרן פון בירגערקריג, אין פּעריאָד פון אויפשטעלן די צערויִנירטע ווירטשאַפט, אין דער עפּאָכע פון אינדוסטריאַליזאַציע און קאָלעקטיוויזאַציע, אין די גרויזאַמע און העלדישע יאָרן פון דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע און אין דער נײַער עפּאָכע נאָך דער מילכאָמע — אָט דאָס איז די טעמאַטיק און די פּראָבלעמאַטיק, דער טאָך און דער אינהאַלט פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור. און אויף אָט דעם באָדן פון די אַלפאָלקישע אויפטוען אין דער גאַנצער געשיכטע פון דער רעוואָלוציע וואַקסט אויס דאָס סינטעטישע געשטאַלט, דער לירישער און דער עפּישער העלד פון דער עפּאָכע פאַר די זעכציק יאָר רעוואָלוציע, דאָס לירישע און עפּאָפּייִשע געשטאַלט פונעם סאָוועטישן פאָלק און פונעם סאָוועטישן מענטשן.

ווען מע באַטראַכט די געשיכטע פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור פאַר זעקס צענדליק יאָר, טאָר מען זיך ניט פאָרשטעלן, אַז דאָס איז געווען אַ דורכויסיקער טריוּמפאַלער פּאָראַדמאַרש, אַ וועג פון בלויז ניצכוינעס. די רעוואָלוציאָנערע ליטעראַטור האָט זיך אַנטוויקלט אין אָנגעשטרענגטע שלאַכטן און האָט צײַטנווײַז געליטן פאַרלוסטן. אין דער ליטעראַטור גופע זײַנען פון סאַמע אָנהייב געווען קויכעס, פײַנטלעכע דער רעוואָלוציע. עס זײַנען געווען, פון איין זײַט, די גרויסע שרײַבער מ. גאָרקי, וו. מאַיאַקאָווסקי, אַ. בלאָק, וו. בריוסאָוו, ד. בעדני, אַ. סעראַפימאָוויטש, וועלכע האָבן באַגריסט די רעוואָלוציע און גלײַך זיך אײַנגעשלאָסן אין שאַפן די נײַע רעוואָלוציאָנערע קולטור און ליטעראַטור. אין דער רויטער אַרמיי און אין די קריגס־ און זיכערהײַט־אָרגאַנען פון דער רעוואָלוציע האָבן זיך דערצויגן און אידייִש זיך פאַרהאַרטעוועט די קומענדיקע שעפער פון דער סאָוועטישער רוסישער ליטעראַטור — דער קאָמיסאַר פון דער טשאַפּײַעוו־דיוויזיע ד. פורמאַנאָוו, דער פּאָרזיצער פונעם אוקראַיִנישן אויבער־טריבונאַל אַ. אַראָסיעוו, די שלאַכט־מענער פון דער ערשטער רײַטער־אַרמיי אַ. באַבעל און וו. ווישניעווסקי, דער רויטגוואַרדייער וו. איוואַנאָוו און דער מיטגליד פונעם רעוואָקריגסראַט אַ. אָקולאָוו. אַזעלכע שרײַבער, ווי אַ. מאַלישקין, וו. קאַטײַעוו, ב. לאַווּרעניאָוו, ל. לעאָנאָוו, אַ. גײַדאַר, וו. לידין, אַ. פאַדייעוו, נ. אָסטראָווסקי, מ. שאָלאָכאָוו, ק. פעדין, נ. טיכאָנאָוו, ע. באַגריצקי, אַ. בעזימענסקי, פּ. בערעזאָווסקי, אַ. טאַראַסאָוו־ראָדיאָנאָוו — זיי אַלע וואָלטן געקאָנט איבערכאַזערן נ. טיכאָנאָווס ווערטער: „מיך האָט געמאַכט פאַר אַ דיכטער די אָקטיאַבער־רעוואָליוציע, זי האָט מיר געעפנט די אויגן אויף דער וועלט"[1].

באַנאַנד דערמיט זײַנען אָבער געווען אויך אָנגעזעענע שרײַבער, וועלכע האָבן זיך פײַנטלעך באַצויגן צו דער רעוואָליוציע, געקעמפט קעגן איר און עמיגרירט קיין אויסלאַנד, מיינענדיק, אַפּאָנעם, אַז זיי וועלן דאָרט זיך דערוואַרטן, ביז די רעוואָליוציע וועט אומקומען (אי. בונין, ל. אַנדרייעוו, ק. באַלמאָנט, ד. מערעזשקאָווסקי, ז. גיפּיוס, ד. פילאָסאָפאָוו, אַ. רעמיזאָוו, יע. טשיריקאָוו, אי. שמעליאָוו, ב. זײַצעוו, פּ. באָבאָריקין, מ. אַרציבאַשעוו, אַ. אווערטשענקאָ, אַ. אַמפיטעאַטראָוו, יע. זאַמיאַטין און אַנד.).

עס איז נאַטירלעך און פאַרשטענדלעך, אַז אין אָנהייב רעוואָליוציע האָבן אייניקע שרײַבער זיך ניט געקאָנט גלײַך אָריִענטירן אין דער קאָמפּליצירטער סיטואַציע און נעמען אַ פעסטע שטעלונג צו די גרויסע געשעענישן, וועלכע האָבן זיך אַנטוויקלט מיט אַ קאָלאָסאַל־שטורמישער דינאַמיק. זיי האָבן אַרויסגעוויזן אידייִשע וואַקלונגען. אָבער זיי זײַנען געבליבן אין

[1] Н. Тихонов. Избранные произведения, т. 1, М., 1955, стр. 14.

לאַנד פון דער רעוואָליוציע און זײַנען מיט דער צײַט געוואָרן אָנגעזעענע שעפער פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור. צו אָט דער גרופּע געהערן: וו. ווערעסײַעוו, ס. סערגײיעוו־צענסקי, וו. שישקאָוו, מ. פּרישווין, ס. פּאָדיאַטשעוו, א. טשאַפּיגין, א. גרין, וו. כלעבניקאָוו, וו. קאַמענ־סקי, א. נעווערעאָוו, א. בעלי, א. אכמאַטאָוואַ, ס. גאָראָדעצקי, נ. טעלעשאָוו און אַנד.

די סאָוועטישע ליטעראַטור האָט, ווי דאָס גאַנצע פּאָלק פונעם ראַטנלאַנד, זיך פּאַרײ־ניקט דורך שלאַכטן, דורך אידײיִשע, עסטעטישע און שעפערישע קינסטלערישע זוכונגען, ביז זי האָט דערגרייכט צו איר איצטיקן צושטאַנד — צו א ליטעראַטור פון אַלפאָלקישער געמײנ־שאַפט.

II

אין דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור זײַנען פאַר די זעכציק יאָר רעוואָליוציע פּאָר־געקומען די זעלבע פּראָצעסן און דערשײַנונגען, ווי אין דער רוסישער און אין אַלע אַנדערע סאָוועטישע ליטעראַטורן, האַגאַם, נאַטירלעך, מיט געוויסע נאַציאָנאַלע אײגנאַרטיקײַטן, וועל־כע זײַנען אײגנטימלעך יעדער נאַציאָנאַלער ליטעראַטור, באַזונדערס אין דער עפּאָכע פון רעוואָליוציע.

אײנע פון די נאַציאָנאַלע באַזונדערקײַטן פון דער ייִדישער ליטעראַטור באַשטײט דערין, וואָס זי אַנטוויקלט זיך ניט אין אײן לאַנד, נאָר אין א רײ לענדער. ווי מיר איז שוין אויסגע־קומען צו שרײַבן, איז רוסלאַנד געווען דאָס הײמלאַנד און דער גרעסטער צענטער פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין פּאַרלויף פונעם 19־טן און אָנהײב 20־טן יאָרהונדערט. נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע איז די ייִדישע ליטעראַטור אין ראַטנפאַרבאַנד געוואָרן דער פאַקטאָר, וועלכער האָט געווירקט אידײיִש און שעפעריש אַף דער ייִדישער ליטעראַטור אין אַלע לענדער, ווו זי האָט זיך אַנטוויקלט.

די בעסטע קויכעס פון דער ייִדישער ליטעראַטור האָבן מיט פרײד און מיט באַגײַסטערונג באַגעגנט די אָקטיאַבער־רעוואָליוציע, זעענדיק אין איר די אויסלײזונג פון דער דוירעסדיקער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער אונטערדריקונג. עס זײַנען באַוווּסט שוואַרצמאַנס נעוויִעסדיקע ווערטער „איך וועל אין לאַנד צוריק ניט קערן, ביזוואַנען איך וועל דאָס אויסלײז־וואָרט דאָס פולע ניט דערהערן", און ער האָט אָפּגעגעבן זײַן לעבן פאַרן אויסלײז־וואָרט פון דער רעוואָ־ליוציע. האָפשטײנס „מיר גײען אין דײַנע פּאָרנטיקע רײען...", קוויטקאָס „רויטער שטורעם", אָט דאָס געזאַנג וועגן ברידערלעכער פעלקער־פרײַנטשאַפט, מאַרקישעס שטורמישע עפּאָפּײ וועגן דער רעוואָליוציע, קולבאַקס פלאַמיקע שילדערונג פון די בראַנזענע יונגען פון דער רעוואָליוציע, פעפערס ראָמאַנטישע לידער וועגן די פּראָסטע יאַטן און בלאָנדע קאָמסאָמאָל־קעס, כאַריקס פּאָעמע וועגן די רעוואָליוציאָנערע האָרעפּאַשניקעס פון די מינסקער בלאָטעס, וועלכע האָבן זיך דערפילט אויפגעוואַכט צו א נײַ לעבן, ווען „ס'איז יעדער טאָג א באַלשע־וויק און יעדער באַלשעוויק א כאַוער" — אַזאַ איז געווען דער אָנהײב פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור.

דאָס אַלץ איז ברײט באַוווּסט אין דער געשיכטע פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטע־ראַטור. עס איז אויך באַוווּסט דער פאַקט, אַז די רעוואָליוציע האָט אַרויסגערופן שעפערישן ליטעראַרישן ענטוזיאַזם בא פיל יונגע אַרבעטער, וועלכע האָבן אָפּט אויסגעזונגען זײער באַ־גײַסטערונג נאַיוו און אָפילע פּרימיטיוו, אָבער אויפריכטיק. וועגן דעם איז שוין געשריבן אין די פאַרשײדענע ליטעראַטור־היסטאָרישע פאָרשונגען (יאָשע בראָנשטײן, בער אָרשאַנסקי און אַנד.). איך וויל דאָ אָפּמערקן, אַז אַזאַ מין שרײַבער, ווי מוישע טײַטש, האָט געשאַפן א רײ לידער וועגן דער רעוואָליוציע, אין וועלכער ער שליסט אײַן אויך זיך:

די וועלט איז צעטרייסלט פון טיף ביז דער פלאַך:
איך בין ניט מער אײנער — איך בין א סאַך.

און גרדים איז די קײט, און ס'איז מעכטיק די קײט,
און איך בין א רינגל אין מעכטיקער קײט.

און די קײט איז דער נײַער דער קלינגענדער „איך",
און איך בין אין בילד נאָר א פאַרביקער שטריך,

און איך בין א פלעמל אין וועלטלעכן פלאַם,
א שוימענדע כוואַליע אין ריזיקן יאַם.

און יעדער באַזונדער אַ רינגל, אַ רינגל,
צוזאַמען אַ מעכטיקע קייט.

עס האָט זיך דער מעכטיקער רוף
אָף לענדער און לענדער פאַרשפּרייט.

און יעדער באַזונדער אַ שקלאַף און אַ שוואַכער,
אין פעלדער אַ זאַנג פּוסט און דאַר;
צוזאַמען — גערעכטיקער מעכטיקער איד,
אַלוועלטלעך־באַרעכטיקטער האַר.

דאָ איז ווּיכטיק ניט די פאָרמעלע מײַסטערשאַפט, נאָר דער רעוואָליוציאָנערער עמאָציאָנעלער פּאַטאָס פונעם לירישן העלד, וועלכער דערקלערט קאַטעגאָריש זײַן אײנהײט מיט דער רעוואָליוציע. באַדײַטנדיק איז דער נײַער באַוווּסטזײַן, אַז „יעדער באַזונדער אַ שקלאַף און אַ שוואַכער", אָבער „צוזאַמען — גערעכטיקער מעכטיקער איד, אַלוועלטלעך־באַרעכטיקטער האַר".

די אָקטיאַבער־רעוואָליוציע האָבן באַגריסט סײַ אַרבעטער־דיכטער, סײַ אָנערקענטע מײַסטערס און גרונטלייגער פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור. אויב די אַרבעטער־דיכטער האָבן אויסגעדריקט די שטימונגען פון די אַרבעטער־מאַסן, וועלכע האָבן געפּרוּווט אָף זייער דעמלט נאָך אומדערפאָרענעם אופן אויסזינגען דעם פּראָלעטאַרישן ענטוזיאַזם און די פרייד מיט דער רעוואָליוציע, האָבן די גרויסע שעפער פון דער אַזויגערופענער קיִעווער טקופע געשאַפן די קונסט פון דער רעוואָליוציע, געלייגט דעם אָנהייב פון דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור. און איך מיין, אַז ס'איז שוין צײַט צו באַצייכענען די שעפער פון אָט דער טקופע אין דער געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראַטור ניט ווי די קיִעווער טקופע, נאָר פון דער אָקטיאַבער־טקופע, ווײַל דאָס אַנטשפּרעכט דעם ווירקלעכן היסטאָרישן אופטו זייערן.

די ווירקונג פון דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע אָף דער ייִדישער ליטעראַטור און אירע שעפער איז געווען אַזוי גרויס און באַדײַטנדיק, אַז אַפילו יענע שרײַבער, וועלכע זײַנען געווען ווײַט פון דער רעוואָליוציע און האָבן זיך אַפילו באַצויגן קעגנעריש צו איר, האָבן אויך דערפילט אָט די ווירקונג אָף זייער שאַפונג. פאַר אַ בײַשפּיל וועל איך דאָ ברענגען דעם פאַל מיט שמואל ניגערן, וואָס האָט אין דער ערשטער צײַט נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע מיטגעאַרבעט אין די סאָוועטישע קולטור־אָרגאַנען און איז שפּעטער אין אויסלאַנד געוואָרן אַ אַנגעזעענער סאָוועטאָלאָג, אַרויסטרעטנדיק אין אַ ריי פאַלן קעגן דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור. איך האָב דאָ אין זינען ניגערס אַרטיקל וועגן אַלעקסאַנדער בלאָקס פּאָעמע „צוועלף", וואָס איז פאַרעפנטלעכט געווען אונטער אַ פּילזאַגנדיק קעפל „דער דיכטער און די רעוואָליוציע".

דאָס אַרטיקל איז געשריבן און געדרוקט געוואָרן גלײַך נאָכן דערשײַנען פון דער פּאָעמע, לויט די פרישע אײַנדרוקן וועגן איר. ווי באַוווּסט, איז „צוועלף" דערשינען בוכשטעבלעך „אָפן צווייטן טאָג" פון דער רעוואָליוציע און איז אײַנגאַנצן געווידמעט איר שטורמישן געווי־טער, איר הויכן גאַנג, אירע נײַע באַגריפן און ריטמען. דאָס איז אײן טאָך דאָס ערשטע ווערק פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור וועגן דער פאָלקס־גענ‍יאַליטעט פון דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע.

מע דאַרף געדענקען, אַז די פּאָעמע, ווי נאָר זי איז דערשינען, האָט אַרויסגערופן די סאַמע פאַרשיידנאַרטיקע און ווידערשפּרעכיקע מיינונגען און אָפּשאַצונגען. אין די אַנטיסאָוועטישע און אַפילו אָפן קאָנטררעוואָליוציאָנערע ליטעראַרישע קרײַזן האָט מען געפּרוּווט אויסטײַטשן „צוועלף" ווי אַ מין סאַטירע אָף דער רעוואָליוציע, ווי אַ מין פּאָעטישן פּאַמפלעט אָף די רויטגוואַרדייער, וואָס שפּאַנען פּאָרויס בעראָש מיט יעזוס קריסטוס. פאַרקערט, אין דער סאָוועטישער ליטעראַטור־קריטיק איז דאָס ווערק אויפגענומען געוואָרן ווי אַ קאָלאָסאַלע דערגרייכונג פון דער נײַער רעוואָליוציאָנערער ליטעראַטור, ווי אַ גלענצנדיקע קינסטלערישע פּאָעטישע פאַרקערפּערונג פונעם פּאָלקס־ניצחון און פון דער נײַער ערע. עס איז, פאַרשטענדלעך, אָפּגעמערקט געוואָרן, אַז די אידעאַליזאַציע פון קריסטוסן, וועלכער ווערט דער פירער פון די צוועלף רויטגוואַרדייער, אַנטשפּרעכט ניט דער רעאַלער ווירקלעכקײַט פון דער רעוואָליוציע. אָבער אײנצײַטיק איז געווען קלאָר, אַז דאָס קריסטוס־געשטאַלט איז בײַ בלאָקן אַ באַדינגלעך ראָמאַנטיש־סימבאָליסטיש מיטל אָף איבערגעבן די גראַנדיעזקײַט און די געטלעכע פאַרהייליקונג פון דער רעוואָליוציע.

אין אַזאַ סיטואַציע איז די אַרויסטרעטונג פֿון יעדן קריטיקער וועגן בלאָקס פּאָעמע געווען אַן אויספֿרוּוו, אַ מין עקזאַמען אַף עסטעטישער און אידייִשער רײַפֿקײַט פֿונעם קריטיקער גופֿע. ניט דאָ איז דאָס אָרט צו געבן אַ גענויעם אַנאַליז פֿון ניגערס אַרטיקל, אַ באַשטימענדיקע אָפּשאַצונג פֿון אָט דער ליטעראַריש־קריטישער אַרבעט. איצט, נאָך דער רײַכער היסטאָרישער דערפֿאַרונג פֿון דער ליטעראַטור און האַבנדיק אין זינען שמועל ניגערס אידייִשע עוואָלוציע, קאָן מען מיט דער פֿולער זיכערקײַט זאָגן, אַז גראָד דאָ האָט ער אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען און האָט אָנגעשריבן אַ ווערק, וואָס לייענט זיך נאָך איצט מיט גרויס אינטערעס און אַפֿילע מיט פֿאַרכאַפּונג. עס זײַנען דאָ פֿאַראַנען ריכטיקע אַנאַליטישע באַמערקונגען איבערן סטיל פֿון דער פּאָעמע, קריטישע אײַנפֿאַלן און האַמצאָאָעס. נאָר וויכטיקער פֿון אַלץ איז דאָס, וואָס דער קריטיקער גיט אַ ריכטיקע אידייִשע אָפּשאַצונג פֿון דער פּאָעמע. שמועל ניגער שרײַבט:

„בלאָקס פּאָעמע „צוועלף" איז דאָס ערשטע ווערק, וואָס איז געבוירן אין פֿײַער און אין בלוט פֿון דער רעוואָליוציע. און אָט דאָס ווערק פֿאַרקערפּערט און באַלײַכט מיט אַ ריזיקער שײַן דאָס געשטאַלט פֿונעם גרויסן לאַנד און פֿון דער גרויסער אַלוועלטלעכער איבערקערעניש. דאָס דאָזיקע ווערק קערט אונדז ניט אָפּ פֿון דער רעוואָליוציע, שטויסט ניט אָפּ פֿון איר, אָבער עס פֿאַרגלעט אויך ניט אירע קאָנטראַסטן, פֿאַרשענערט ניט די קריפּלדיקע דערשײַנונגען. עס ווײַזט בלויז די רעוואָליוציע און דערמיט באַגײַסטערט עס".

און דעם אַנאַליז פֿון דער פּאָעמע פֿאַרענדיקט ניגער אַזוי:

„מיט זײַן פּאָעמע האָט דער דיכטער געלערנט פֿון די ערשטע טעג פֿון דער רעוואָליוציע און לערנט אויך איצט זען אין דער רעוואָליוציע אירע ווידערשפּרוכן, אירע בלוטיקע צוזאַמענשטויסן, דעם אומבעשאָלעמדיקן קאַמף און אינגאַנצן איר גרויסקײַט אַלס אָנזאָגערן פֿון אַ נײַער ערע פֿון דער וועלט־געשיכטע"[1].

איך דערמאָן דאָ ניגערס אַרטיקל וועגן בלאָקן, ווײַל די שאַפֿונג פֿון אָט דעם דיכטער האָט געהאַט אַ באַדײַטנדיקע ווירקונג אַף דער פּאָעזיע פֿון אַ ריי אָנגעזעענע ייִדישע שעפֿער (פֿיניבערג, קוויטקאָ, רעזניק, כאַשטשעוואַצקי און אַנד.) און אויך אַף די ייִדישע לייענער. ניט אומזיסט האָט דאָך איציק פֿעפֿער גוטמוטיק „זיך געקלאָגט" אַף די יונגע ייִדישע לייענער, אַז

זיי האָבן געלייענט מאַיאַקאָווסקין און בלאָקן
און ווײַסן ניט אַרקען, איזין און מיך.

מיר קאָנען איצט זאָגן, אַז בלאָק און באַזונדערס זײַן פּאָעמע „צוועלף" איז געווען אַן אַקטועלע פּראָבלעם פֿאַר דער ייִדישער פּאָעזיע אין די ערשטע יאָרן פֿון דער רעוואָליוציע. און דאָס איז צו זען אַפֿילע דערפֿון, וואָס אָט די פּאָעמע איז אין יענע יאָרן איבערגעזעצט געוואָרן אַף ייִדיש צוויי מאָל[2] און אויך אַף העברעיִש. עס איז, ווידער, סימפּטאָמאַטיש דאָס, וואָס אַזאַ פּילבאַרער קריטיקער, ווי יעכעזקל דאָברושין, האָט אין יענער צײַט געהאַלטן פֿאַר נייטיק אָנצושרײַבן אַ באַזונדער ביכל וועגן בלאָקן[3].

אָבער דאָס אַלץ באַטײַט ניט בלויז די ווירקונג פֿונעם רוסישן שרײַבער אַף דער ייִדישער ליטעראַטור, נאָר די ווירקונג אַף איר פֿון דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע.

באַנאַנד דערמיט האָבן זיך געפֿונען באַשטימטע טוער פֿון דער ייִדישער קולטור און ליטעראַטור, וועלכע זײַנען געווען קעגנעריש געשטימט צו דער רעוואָליוציע. אין דער ערשטער ריי גייט דאָ אַ רייד וועגן העברעיִשע קולטור־ און ליטעראַטור־טוער, אַזעלכע, ווי כ.־נ. ביאַליק, י.־כ. ראַווניצקי, י. קלויזנער און אַנדערע, וועלכע האָבן עמיגרירט קיין אויסלאַנד. עס האָבן אויך עמיגרירט דער היסטאָריקער שימען דובנאָוו און דער עקאָנאָמיסט יאַקאָוו לעשטשינסקי, און אין דער עמיגראַציע האָבן זיי פֿײַנטלעך זיך באַצויגן צו דעם לאַנד פֿון די ראַטן, אַרויסגעטראָטן קעגן דער סאָוועטישער קולטור. עס האָט עמיגרירט דער קריטיקער נאַכמען מײַזיל; ער האָט אָבער ניט געפֿירט קיין קאַמף קעגן דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע, און באַזונדערס אָנהייבנדיק פֿון דער צווייטער וועלט־מילכאָמע האָט ער פֿאַרנומען פּראָגרעסיווע פּאָזיציעס און איז געווען אַ פֿרײַנט פֿונעם ראַטנפֿאַרבאַנד און פֿון דער סאָוועטישער ליטעראַטור.

---

[1] „די נײַע וועלט", כוידעש־זשורנאַל, אַרויסגעגעבן פֿון דעם פֿאָלקס־קאָמיסאַריאַט פֿאַר בילדונג אין ליטע. ווילנע, 1919.

[2] די באַוווּסטע איבערזעצונג פֿון מ. בראָדערזאָן, וועלכע ניגער האַלט פֿאַר ניט קיין געלונגענער, און ווייניק באַוווּסטע איבערזעצונג פֿון י. לוקאָווסקי (פֿאַרלאַג „פֿאָלעספּעטשאַט", האָמעל, 1923).

[3] י. ד אָ ב ר ו ש י ן. אַלעקסאַנדער בלאָק. קיִעוו, 1921.

III

די אַנטוויקלונג פון דער ייִדישער קולטור און ליטעראַטור אין ראַטנפאַרבאַנד אין די צוואַנציקער און דרײַסיקער יאָרן ביז דעם אָנהייב פון דער צווייטער וועלט־מילכאָמע האָט דערגרייכט אַזעלכע מאַסשטאַבן, וועלכע מע קאָן זעלטן באַמערקן אַפילע אין דער לאַנגדויערנדיקער געשיכטע פונעם אוראַלטן ייִדישן פאָלק. דאָס איז געווען אַ האַרמאָנישער אַלזײַטיקער אויפשוווּנג פון נאַציאָנאַלער קולטור אין געביט פון קונסט (ליטעראַטור און טעאַטער), וויסנשאַפט (געשיכטע, לינגוויסטיק, ליטעראַטור־קענטעניש, פּעדאַגאָגיק), בילדונג און דערציִונג (קינדער־גערטנער, אָנפאַנג־שולן, מיטלשולן, פּראָפעסיאָנישע, פּעדאַגאָגישע, אַגראָנאָמישע לערן־אַנשטאַלטן, אַרבפאַקן און הויכשולן), אַ ברייטע נעץ צײַטונגען, זשורנאַלן, פאַרלאַג־וועזן.

באַזונדערס אָנשוילעך זײַנען געווען די דערגרייכונגען אין געביט פון ליטעראַטור. ביז דער רעוואָליוציע האָט מען די צאָל שעפער פון דער ייִדישער ליטעראַטור געקאָנט ציילן אַף די פינגער. מיר ריידן, נאַטירלעך, ניט וועגן צופעליקע אויטאָרן, וועלכע טרעטן אַרויס באַ פאַרשיידענע געלעגנהײַטן אין צײַטונגען און אַפילע אין זשורנאַלן אין אַלע צײַטן. עס האַנדלט זיך וועגן פּראָפעסיאָנעלע שרײַבער, דיכטער, פּראָזאַיִקער, דראַמאַטורגן און קריטיקער — שעפער פון דער ליטעראַטור. אין די צוואַנציקער און דרײַסיקער יאָרן האָט די צאָל ייִדישע שרײַבער אין ראַטנפאַרבאַנד דערגרייכט ביז דרײַ הונדערט, שעפער פון די סאַמע פאַרשיידענע זשאַנרען.

אָבער עס איז ניט בלויז אַ פראַגע פון צאָל. די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראַטור האָט דעמאָלט אַרויסגערוקט אַ גאַנצע פּלעיאַדע פּראָזאַיִקער, דיכטער און קריטיקער פון גרויסן מאַסשטאַב. האָפשטיין, קוויטקאָ, מאַרקיש, קולבאַק, כאַריק, פעפער, קושניראָוו, פינינבערג, האַלקין, בערגעלסאָן, דער ניסטער — דאָס זײַנען ריזן, וואָס זײַנען נאָך ביז איצט ניט אָפּגעשאַצט אין דער פולער מאָס. וואָס ווײַטער אין דער צײַט, — אַלץ קלאָרער ווערט פאַרן לייענער זייער אויפטו, און זיי זײַנען ניט געווען איינזאַם. באַנאַנד מיט זיי איז אויפגעקומען אַ צווייטער און אַ דריטער דאָר גאָר באַגאַבטע דיכטער, פּראָזאַיִקער, וועלכע האָבן מיט ווירדע פאָרגעזעצט און זעצן איצט פאָר דעם אויפטו פון די אָנהייבער.

ביז דער רעוואָליוציע איז די ייִדישע ליטעראַטור געווען ביז גאָר באַגרענעצט אין אירע געאָגראַפישע און טעריטאָריעלע ראַמען. און דאָס איז געווען אַ באַגרענעצונג אויך אין דער סאָציאַלער אַרענע. די ייִדישע באַפעלקערונג אין טכום־האַמוישעוו איז געווען הויפּטזאַכלעך אַ שטאָטישע און אַ שטעטלשע. איצט, נאָך דער רעוואָליוציע, זײַנען געעפנט געוואָרן אַלע ראַכוועסן פאַר דער ייִדישער ליטעראַטור: דאָס שטעטל, די שטאָט, דאָס דאָרף מיט אַלע זייערע סאָציאַלע פאַרבן און שאַטירונגען — די סוויוועס פון אַרבעטער, פויערים, קוסטאַרן, אינטעליגענץ, מעלוכע־טוער, יוגנט אד״ג. אַלע פּראָצעסן פונעם לעבן, די גאַנצע טעמאַטיק און די פּראָבלעמאַטיק פון דער הײַנטצײַטיקער עפּאָכע האָבן איצט געקאָנט און געמוזט פאַרקערפּערט ווערן אין דער קינסטלערישער ליטעראַטור.

די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראַטור האָט זיך אַרויסגעוויזן אַף דער הייך פון דער נײַער עפּאָכע. די גרונט־פּראָצעסן פון דער אינדוסטריאַליזאַציע אין לאַנד, די קאָלעקטיוויזאַציע פון דער לאַנדווירטשאַפט, דער אויפשטײַג פון דער קולטור, די אינטערנאַציאָנאַלע לאַגע און די רעוואָליוציאָנערע באַוועגונג אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, דער אויסגעוואַקסענער פּרעסטיזש פונעם ראַטנפאַרבאַנד אין קאַמף פאַר שאָלעם — אָט די אַלע אַלמענטשלעכע סאָציאַלע טעמעס זײַנען געוואָרן די טעמעס פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור.

עס האָבן זיך אין די צוואַנציקער און דרײַסיקער יאָרן פאַרברייטערט די זשאַנרען און פאָרמעס פון דער ליטעראַטור. אין דער פּראָזע איז געשאַפן געוואָרן דער ראָמאַן אין זײַנע פאַרשיידענע אַנטפּלעקונגען: דער אינדוסטריעלער ראָמאַן, דער דאָרפישער ראָמאַן, דער היסטאָרישער ראָמאַן, דער סאָציאַל־שטייגערישער און פּסיכאָלאָגישער ראָמאַן. אין דער דיכטונג האָט אויפגעבליט דער עפּאָס, דער זשאַנער פון דער פּאָעמע (פעפער, כאַריק, מאַרקיש, פינינבערג, קולבאַק און אַנד.). אין דער ליריק האָט זיך פאַרשטאַרקט דער מאָטיוו פון סאָציאַלע איבערלעבונגען אין דער שאַפונג פון האָפשטיינען, קוויטקאָן, מאַרקישן, פעפערן, כאַריקן, פינינבערגן, האַלקינען און אין דער שאַפונג פון די נײַע דורעס דיכטער, וועלכע זײַנען געקומען שפּעטער. עס קומט אויף אַ הויך קוואַליפיצירטע און באַגאַבטע קריטיק. די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראַטור באַקומט דעמאָלט די מאַסשטאַבן און די באַדײַטונג פון אַן אַלגעמיין סאָוועטישער קולטור־דערשײַנונג.

די יאָרן פון דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע און די ערשטע צײַט נאָך איר זײַנען געווען די סאַמע שווערסטע אין דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור פאַר די זעכציק יאָר פון דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע. פיר צענדליק יידישע שרײַבער זײַנען געפאַלן אין די שלאַכטן מיט די דײַטשישע פאַשיסטן. פאַר די יאָרן פון דער מילכאָמע זײַנען אומגעקומען צענדליקער טויזנטער יידישע לייענער אין די אָקופּירטע ראַיאָנען. דער פאַשיזם האָט אומגעבראַכט אי די שעפער, אי די לייענער.

די אַלטע, הונדערטיאָריקע נעסטן פון דורעסדיקער יידישער קולטור — אוקראַינע, ווײַס־רוסלאַנד, מאָלדאַוויע, ליטע, לעטלאַנד — זײַנען פאַרניכטעט געוואָרן, די באַפעלקערונג איז אָדער אומגעקומען אָדער האָט זיך עוואַקוירט אין די ווײַטע ראַיאָנען פונעם לאַנד (סיביר, אוראַל, קאַווקאַז, ווײַטער מיזרעך, אַלטײַ, מיטלאַזיע). באַדײַטנדיקע פאַרלוסטן האָט געליטן די יידישע קולטור און ליטעראַטור פון די פאַרלעצונגען פון דער סאָציאַליסטישער געזעצלעכקײַט אין די יאָרן פונעם סטאַלין־קולט.

אָבער דער קויעך פון דער יידישער סאָוועטישער ליטעראַטור איז שוין געווען אַזוי שטאַרק, די פאַרבינדונגען מיטן לייענער זײַנען אַזעלכע אָרגאַנישע, אַז די ליטעראַטור האָט זיך ארויסגעוויזן פעיִק איבערצוטראָגן די פאַרלוסטן און ווידער פאַרקערפּערן דאָס לעבן פונעם לאַנד און פון דעם פאָלק אין די נײַע היסטאָרישע באַדינגונגען.

דער צוואַנציקסטער צוזאַמענפאָר פון דער קפּסס האָט אופגעשטעלט די לעניניש נאָרמעס אין אַלע געביטן פונעם סאָוועטישן לעבן. עס האָט באַקומען נײַע קויכעס אויך די יידישע קולטור און ליטעראַטור. די ווערק פון די יידישע שרײַבער האָבן אָנגעהויבן דערשײַנען אין גרויסע טיראַזשן אַף רוסיש, אַף אַנדערע שפּראַכן פון די סאָוועטישע פעלקער און אַף דער מוטער־שפּראַך — אַף יידיש. באַ הײַנטיקן טאָג איז אין ראַטנפאַרבאַנד פאַראַן באַ א הונדערט ליטעראַטאָרן — פּראָזאַיִקער, דיכטער, דראַמאַטורגן, קריטיקער, פּובליציסטן, זשורנאַליסטן, וועלכע שאַפן זייערע ווערק אַף יידיש. פון זיי זײַנען פיר און דרײַסיק מיטגלידער פונעם שרײַבער־פאַרבאַנד פון פּססר. דאָס זײַנען פּראָפעסיאָנעלע דערפאַרענע שעפער מיט א רײַכער לעבנס־דערפאַרונג, מיט היפּשן ליטעראַרישן סטאַזש, די מערהײַט מיט א היפּשער צאָל ביכער. צווישן אָט דער צאָל שרײַבער זײַנען פאַראַנען וואָרט־מײַסטערס פון א באַדײַטנדיקן מאַסשטאַב.

אָבער די זאַך באַשטייט ניט אין דעם, וואָס עס זײַנען פאַראַן מער אָדער ווייניקער טאַלאַנטירטע שרײַבער. די באַגאַבונג פונעם שרײַבער איז ניט אָפּהענגיק פון דער עפּאָכע. עס טרעפן דויערנדיקע צײַט־אָפּשניטן, ווען די אָדער יענע נאַציאָנאַלע ליטעראַטור פאַרמאָגט ניט קיין גרויסע שרײַבער. און, פאַרקערט, פאַראַן ווייניקער דויערנדיקע צײַטן, ווען אין דער ליטעראַטור קומען אין איינער און דער זעלבער צײַט א היפּשע צאָל באַדײַטנדיקע קינסטלער. וויכטיק איז, וויאַזוי די ליטעראַטור אינגאַנצן געגומען פאַרקערפּערט מיט איר שאַפונג די פּראָבלעמען פון דער צײַט.

מען קאָן זאָגן, אַז צום זעכציקסטן יוביליי פון דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע שטייט די הײַנטצײַטיקע יידישע ליטעראַטור אַף דער הייך פון אונדזער צײַט. דער געפיל פון דער רעאַלער ווירקלעכקײַט איז אין די ווערק פון די הײַנטצײַטיקע יידישע שרײַבער אַזוי בוילעט, ווי קיינמאָל ניט אין דער יידישער ליטעראַטור ביז איצט. די פּראָבלעמאַטיק פון דער איצטיקער יידישער ליטעראַטור שיידט זיך אונטער ניט בלויז פון דער ליטעראַטור ביז דער רעוואָליוציע, נאָר אַפילע פון דער ליטעראַטור ביז דער מילכאָמע. די גאַנצע סטרוקטור פון דער יידישער באַפעלקערונג האָט זיך נאָך דער מילכאָמע ראַדיקאַל געענדערט. איצט זײַנען שוין ניטאָ קיין אָפּגעזונדערטע יידישע יישוּווים. אפן ענגסטן אויפן איז דאָס יידישע לעבן פאַרבונדן מיטן לעבן פון אַלע פעלקער אין לאַנד. און אַזוי איז אויך די ליטעראַטור. זי מאַכט איצט דורך א נײַעם עטאַפּ אין איר געשיכטע, דעם עטאַפּ, ווען עס דערנענטערן זיך פעלקער צווישן זיך און צוזאַמען מיט זיי דערנענטערן זיך צווישן זיך זייערע נאַציאָנאַלע קולטורן. דער העלד פון דער יידישער סאָוועטישער ליטעראַטור איז איצט דער סאָוועטישער מענטש, דער סאָוועטישער ייִד, וועלכער לעבט און שאַפט אין דער סוויווע פון סאָוועטישע בויער און שעפער, אין דער אַטמאָספער פון נאַציאָנאַלער און אינטערנאַציאָנאַלער פאַרברידערטקײַט.

דער צענטער פון דער יידישער סאָוועטישער ליטעראַטור אינעם הײַנטצײַטיקן נײַעם עטאַפּ אירן איז דער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד". פאַר די העכער זעכצן יאָר פון זײַן עקזיסטענץ זײַנען דערשינען 176 נומערן, אין וועלכע עס זײַנען פאַרעפנטלעכט קימאַט אַלע ווערק פון דער יידישער סאָוועטישער ליטעראַטור פאַר אָט דעם פּעריאָד. דאָס איז א נײַער טיפּ זשורנאַל, וועלכער האָט קיין גלײַכן ניט צו זיך אין דער גאַנצער געשיכטע פון דער

יִדישער ליטעראַטור. דער זשורנאַל האָט א מאַסן־לייענער בא אונדז אין לאַנד און אין אויסלאַנד און איז אַנערקענט מיט זײַן פּרעסטיזש בא פרײַנט און פֿײַנט פון דער יִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור.

די הײַנטצײַטיקע יִדישע ליטעראַטור האָט געהאַט ניט ווייניק שוועריקײַטן. א גרופּע ציִניסטיש־געשטימטע שרײַבער האָבן געפירט א נידערטרעכטיקן קאַמף קעגן דער ליטעראַטור און זײַנען אַוועקגעפאָרן קיין יִשׂראָעל. אייניקע פון זיי זעצן דאָרט פאָר דעם קאַמף קעגן דער סאָוועטישער ליטעראַטור. פאַר די לעצטע יאָרן האָט די יִדישע ליטעראַטור בא אונדז אין לאַנד געהאַט באַדײַטנדיקע פאַרלוסטן. עס זײַנען געשטאָרבן א ריי אָנגעזעענע דיכטער (מ. טייף, מ. גרוביאַן, א. הובערמאַן, י. קאָטליאַר, ש. דריז, י. שטערנבערג, ש. כאַלאָדענקאָ), פּראָזאַיִקער (א. קאַהאַן, י. קיפּניס, נ. זאַבאַרע, י. פאַליקמאַן) און קריטיקער (נ. אויסלענדער, כ. לויצקער, י. ליובאָמירסקי, מ. נאָטאָוויטש), דאָס אַלץ זײַנען שווערע אווײדעס, וועלכע קאָנען ניט קאָמפּענסירט ווערן.

אָבער ניט געקוקט אַף אַלע שוועריקײַטן, איז די יִדישע סאָוועטישע ליטעראַטור א שטאַרקער אָרגאַניזם, א גרויסער קאָלעקטיוו פּרוכטבאַרע שעפער, וועלכע זײַנען באַרופן און זײַנען בעקויעך אויספילן די סאַמע קאָמפּליצירטע אויפגאַבעס, וועלכע עס שטעלט פאַר דער ליטעראַטור דאָס לעבן. עס זײַנען פאַראַן אין דער הײַנטיקער ליטעראַטור באַדײַטנדיקע דיכטער, וואָס שטייען לויט זייער באַגאַבונג, לויט דער מײַסטערשאַפט און לויט זייער רײַכער לעבנס־דערפאַרונג אַף דער הייך פון די גרויסע פאָרגייער און אָנהייבער. פאַראַן עכטע מײַסטערס פון אַלע פּראָזע־זשאַנרען — פון דעם הײַנטצײַטיקן ראָמאַן מיט די אַקטועלסטע פּראָבלעמען פונעם פאָלקס־לעבן, פון דער אינטערעסאַנטער אינהאַלטרײַכער דערציילונג מיט דער אָריגינעלער פאַרקערפּערונג פון פּסיכאָלאָגיע און שטייגער פונעם סאָוועטישן מענטשן, פון דער טאַלאַנטפולער, שאַרפער נאָוועלע, וועלכע באַלײַכט ווי א בליץ די קאָמפּליצירטע מאָמענטאַלע איבערלעבונגען פונעם מענטשן.

דאָס אַלץ איז א גאַראַנטיע, אַז די ליטעראַטור וועט אויך אַף ווײַטער, אינעם נײַעם עטאַפּ, קינסטלעריש פאַרקערפּערן די פּראָבלעמען, וועלכע שטייען פאַרן לאַנד.

יעשוע ליובאָמירסקי

די ייִדישע סאָוועטישע דראַמאַטורגיע אין קאַמף קעגן פאַשיזם

די ייִדישע סאָוועטישע דראַמאַטורגיע האָט אין א ריי פּיעסן זיך באמת קינסטלעריש אָפּשפּיגלען דעם ריזיקן קאַמף, וואָס די פעלקער האָבן געפירט קעגן די דײַטשיש־פאַשיסטישע כאַיאָלעס, באַוויזן די שלאַכטן פון אונדזערע אַרמייען, די העלדישע אופטוען פון אונדזערע פּאַרטיזאַנישע אָטריאַדן, די אופשטאַנדן אין געטאָ. אַזעלכע גרויסע שרײַבער, ווי בערגעלסאָן, האַלקין, מאַרקיש, פעפער, האָבן אין דעם פּראַט איבערגעלאָזט א וויכטיקע ירושע. עס איז צײַט ווידעראַמאָל זיך אַרײַנטראַכטן אין אָט די ווערק און טאַקע נאָכאַמאָל איבערלעבן די געשעענישן, וואָס ווערן אין זיי געשילדערט.

ס׳איז, פאַרשטייט זיך, נאַטירלעך, וואָס די ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער האָבן אין דער ראַם פון די אַלגעמיינע געשעענישן ניט אַרויסגעלאָזט פון אויג און קינסטלעריש פיקסירט און באַזיניקט די אופשטאַנדן אין פאַרשיידענע געטאָס.

פּיעסן אויף אָט דער טעמע האָבן געשאַפן פ. מאַרקיש און ש. האַלקין, ביידע אונטער אייגנעם און דעם זעלבן קעפּל — „אופשטאַנד אין געטאָ" (אין האַלקינס אָריגינאַל — „אויף טויט און אויף לעבן").

קימאַט אין סאַמע אָנהייב פון זײַן פּיעסע וויקלט פאַנאַנדער פּערעץ מאַרקיש א ריי בילדער, וואָס איבעראַשן מיט זייער טראַגישקײַט. דער דײַטשישער זאָנדערפירער קלאָפּס ווערט געוווירע, אַז דער אָרגאַניזאַטאָר פונעם אופשטאַנד אין געטאָ הירש גליק, אין וועמענס טויט ער איז געווען זיכער, לעבט. באַפעלט ער דעם יודנראַט פאַקן גליקן און אים איבערגעבן אין זײַנע הענט ניט שפּעטער, ווי אין פיר און צוואַנציק שאָ אַרום. דער באַפעל איז אולטימאַטיוו.

א מיטגליד פונעם אופשטאַנד־קאָמיטעט, נוימי, אייצעט, אַז הירשקע זאָל אַוועק אין וואַלד צו די פּאַרטיזאַנער. הירשקע פּראָטעסטירט: ווי קאָן זײַן, אַז דער קאָמאַנדיר זאָל אַוועק ערעוו דעם אופשטאַנד? הירשקען איז קלאָר, אַז נוימי וויל אים ראַטעווען. האַגאַם הירשקע איז פאַר איר דאָס סאַמע טײַערע אין לעבן, מוז נוימי מודיע זײַן, אַז גערעכט איז ער.

און פונקט פאַרקערט: הירשקע מוז אין זיך דערשטיקן דעם געפיל פון הייסער ליבע צו זײַן נוימי און זי לאָזן אין זייער א געפערלעכער שליכעס — זיך דורכשמוגלען אין וואַלד צו די פּאַרטיזאַנער און בעטן, זיי זאָלן טייקעף שיקן געווער דעם שטאַב פונעם אופשטאַנד.

ניט ווייניקער טראַגיש איז א צווייטע סיטואַציע: הירשקעס טאַטע איז דער פּאָרזיצער פונעם יודנראַט. אַדאַנק דער נאָכגיביקײַט פון די מיטגלידער פונעם יודנראַט האָבן די דײַטשן א היפּש ביסל ייִדן פון געטאָ אַריבערגעפירט אין טויט־לאַגער. אײַנשמועסנדיק דעם יודנראַט, אַז מע האָט זיי אַוועקגעטריבן אויף אַרבעט. און גערעכט איז הירשקע, וועלכער באַשולדיקט זײַן טאַטן וואָלף בייס זייער באַגעגעניש, אַז יענעמס הענט זײַנען אין בלוט פון די פאַרטריבענע אין טויט־לאַגער.

אויפן וועג צו די פּאַרטיזאַנער מוז נוימי — צוליב אויסמײַדן סאַקאָנע — זיך אויסבאַהאַלטן א נאַכט אין א קאַטוילישער קירכע, וווּ איינע פון די מאָנאַשקעס (וועלכע איז געהיים פאַרבונדן מיטן געטאָ־שטאַב) העלפט איר זיך פאַרמאַסקירן. דער קסיאָנדז, דער מאַזשגיִעך פון אָט דעם קאָסטיאָל, דערזעענדיק נוימין, איז כוישעד, אַז זי איז א פרעמדע, נאָך מער — אַז זי איז א ייִדישקע. בײַם איר דיאַלאָג מיטן קסיאָנדז באַשולדיקט אים נוימי אין צוויִעס. עס קומען אַרײַן צוויי דײַטשישע סאָלדאַטן, קעדיי מאַכן אַן אונטערזוכונג, און דער קסיאָנדז גיט

אָפּ נוימין אין זייערע הענט. אין דעם מאָמענט יאָוועון זיך צווי פּאַרטיזאַנער, וועלכע ראַטעווען נוימין.

אין געטאָ קומט פאָר א שטורמישע זיצונג פונעם יודנראט. מע באטראכט, וואָס פאר אן ענטפער זאָל מען געבן דעם זאַנדערפיורער קלאַפּסן, מאכמעס עס זײַנען געבליבן געציילטע מינוטן: די 24 שאָ פונעם אולטימאַטום ענדיקן זיך. דעם ענטפער זאָגט אונטער הירשקע גליק, וועלכער האָט פּלוצעם זיך געיאוועט אף דער זיצונג פונעם יודנראט. דער ענטפער איז א פּאַשעטער: עס דאַרף דרינגענד זיך אָנהייבן דער אופשטאַנד!

קלאַפּס איז זיכער, אז זײַנס וועט ער אויספירן. אים איז גוט אפן הארצן, און ער שפּילט אף א קלאַרנעט. ער קוקט ארויס אף א גרויסן עשעלאָן מיט געווער, און דעריקער — מיט אָט דעם עשעלאָן פאָרט צו אים זײַן קאלע גערטרודא (קלאַפּס גרייט זיך דאָ פּראַוועון זײַן כאסענע).

און דאָ זאָגט מען אָן דעם זאַנדערפיורער די בסורע מיקויעך דער מאַפּאָלע פון די דײַטשן הינטער סטאַלינגראַד. היטלער האָט געמאָלדן דרײַ טרויער-טעג, און קלאַפּס באשטעלט עקסטרע א שווארצע פאַן. אף זײַן אָנפראגע, צי עס איז שוין געקומען דער עשעלאָן, ענטפערט מען אים פונעם וואָקזאַל, אז דעם עשעלאָן האָבן די פּאַרטיזאַנער אופגעריסן, און — אויס געווער, אויס קאלע...

דערוויל דערשפּירט קלאַפּס, אז אָט-אָט ברעכט אויס דער אופשטאַנד. מעלדעט ער הירשקעס טאטן, אז ער פארלענגערט דעם טערמין פונעם אולטימאַטום נאָך אף צווי טעג. דאָס איז א כיטרע אײַנפאַל: אָפּנארן דעם געטאָ-שטאַב. קלאַפּס קאַוואַנע איז — פּלוצעם אָנפאַלן אף דער געטאָ און אזוי ארום צעשטערן דעם פּלאַן פון די אופשטענדלער. זיי אָבער האָבן פארשטאַנען זײַן פארטראַכט און באשלאָסן אומגעריכט דערלאַנגען אים דאָס, וואָס זײַן פאַנטאַזיע איז ניט אימשטאַנד געווען זיך פאָרשטעלן.

הירש גליק גיט אָפּ די לעצטע פאַראָרדענונגען זײַנע געהילפן. אין אָנהייב פון די שלאַכטן קומט אום נוימי. עס צעפלאַקערט זיך דער אופשטאַנד... אין א קורצער צײַט ארום ווערט די געטאָ פארוואַנדלט אין כורוועס. צופעליק איז הירש גליק לעבן געבליבן. ער באגעגנט זיך פּאָנעם-על-פּאָנעם מיט קלאַפּסן און דערשטעכט אים, פאלנדיק אליין א טויטער פון קלאַפּס שאָס.

מאַרקישן האָבן אין די העלדן פון דער געטאָ קוידעמקאָל פארכאַפּט די דערהויבענע, נאָבעלע געפילן, דער דראַנג צו מעסירעסנעפעש, דער קאַמף פאָר באפרײַען די מענטשהײַט פון דער פאַשיסטישער פּעסט און פאַרן קאַווער פונעם פאָלק. מאַרקיש האָט ניט געוואָלט צעברעכן אונדזער געמיט מיט שילדערונגען פון הונגער, דאַכקעס און דערנידעריקונגען. אפן ערשטן פּלאַן שטייט דאָס בילד, ווו די אופשטענדלער שמידן אין אונטערערד געווער.

מיט טיפן פארשטאַנד באווײַזט מאַרקיש, ווי הירש גליק וואַקלט זיך ניט און שיקט זײַן געליבטע נוימי אין איר ביז גאָר געפערלעכער שליכעס. פון נוימיס וויקועך מיטן קסיאַנדז ווייעט מיט עכטער פּאַטעטיק (איך ציטיר געציילטע שורעס):

„נוימי (רײַסט אראָפּ דאָס טיכל, גיט א פיר מיט די הענט איבער די האָר). איך וויל ניט, ס'זאָל דער דײַטשער קאַט מיר אָפּשערן די צעפּ און אָנשטאָפּן מיט זיי די מאַטראַצן פאר די עסעסאָוצעס. איך וויל ניט, ס'זאָל דער קאַט פארברויכן מײַן געביין אין שטאָף, אז וואַקסן ס'זאָל בא די דײַטשישע מאַכעשייפעס פעטע קרויט און גרויסע אומגעהײַערע קאַרטאָפּל... איך וויל ניט, אז מיט אײַער גאָטס ווילן זאָלן פון מײַן געביין די דײַטשע הענקער מאַכן זייף!“

מיטן גאַנצן ברען פון איר קאָכיקן טעמפּעראַמענט דעמאַסקירט נוימי די צוויִעס פונעם קלוימערשט גאַטספאַרכטיקן קסיאַנדז.

און אָט קומט די סצענע, ווו די אופשטענדלער גרייטן געווער: דאָ איז דער גרונט-טאָן — גאַליקער כויזעק איבער די פאַשיסטישע ניוויזיקעס. מע פּאַסמאַקעוועט די בסורע, אז די דײַטשן האָבן הינטער סטאַלינגראַד געקראָגן א מאַפּאָלע און היטלער האָט געמאָלדן א דרײַטאָגיקן טרויער.

האָפּערדיקײַט, מונטערקײַט — אזא איז דאָ די שטימונג, ניט געקוקט דערויף, וואָס יעדע מינוט שפּירט מען דאָ די פארהויבענע שווערד פונעם מאַלעכהאַמאָוועס. די לעבנסלוסטיקײַט ווערט ניט געמינערט אפילע דעמלט, ווען הירש גליק רעכנט זיך אָפּ מיט זײַן פאָטער וואָלף פאר יענעמס פּאַכדאַנישער פּאָליטיק בענעגייע די אָקופּאַנטן.

מיר האָבן דאָ באטאָנט די מערקווירדיקע שטעלן פון אָט דער פּיעסע, די קרעפטיקע, אימפּאַנירנדיקע אייגנשאַפטן פון מאַרקישעס שילדערונג. עמעס, ניט אומעטום גיט זיך אײַן דעם דראַמאַטורג צו פארכאַפּן אונדז מיט דער האַנדלונג. פאַראַן סצענעס, ווו געקינצלטקײַט שוואַכט אָפּ דעם אײַנדרוק (לעמאָשל, די סצענע, וואָס אין וואַלד, אינעם ערד-שטיבל, בא די

פארטיזאנער, ניטאָ דאָ די דינאַמיק, די לאַקאָנישקייט, מיט וועלכער עס צייכנט זיך אויס די פּיעסע אינגאַנצן גענומען).

האַלקינס פּיעסע „אופשטאַנד אין געטאָ" איז נאָך מער אָנגעזעטיקט מיט טראַגישע געשעענישן, ווי מאַרקישעס. פון אָנהייב ביזן סאָף איז עס אַ מאַרטיראָלאָג, וואָס איז אַ רעזולטאַט פון פאַשיסטישע גזירעס, פון זייערע אָנשיקענישן און אכזאָריעסן. אין ערשטן אַקט ווערן מיר געוווירע, אַז די היטלערישע קאָמאַנדשאַפט באַנוגנט זיך ניט מיט דעם, וואָס זי באַפעלט דעם יודנראַט אָפּקלײַבן אַ היפּשע צאָל ייִדן פון געטאָ — קלוימערשט אויף אַרבעט און אינדערעמעסן אויף צו אָפּשיקן זיי אין טויט־לאַגער (דאָרט צווינגט מען אייניקע קאַרבאָנעס שרײַבן בריוו צו זייערע קרובים אין געטאָ, אַז די אוועקגעטריבענע זײַנען ניט שלעכט אײַנגעאָרדנט, זיי אַרבעטן...). דאָס איז נאָך קאַרג: די פאַשיסטישע קאָמאַנדשאַפט וויל זיך דערשלאָגן, אַז פון די, וואָס זײַנען פאַרבליבן אין געטאָ, זאָל קיין זכּער ניט בלײַבן.

ניט אויסהאַלטנדיק פון די שווידערלעכע גוואַלדטאַטן, פאַלן אַרײַן אייניקע מאַרטירער אין פאַרצווייפלונג: בעסער זיך מעקאצער זײַן דאָס לעבן, איידער אַזוי זיך פּײַניקן. עס געפינט זיך אַ ייִד (ער אַליין טאַקע האָט גרײַלעך געליטן פון די אויסוווּרפן), וואָס טראָגט מיט זיך סאַם־פּראַשקעס צו באַטיילן די, וועמען דאָס לעבן איז שוין נימעס. דער פּאַרזיצער פונעם יודנראַט הערצנטאַל באַפעלט, מע זאָל אים אַרײַנזעצן אין טפיסע, האַגאַם הערצנטאַל גופע און דער סעקרעטאַר פונעם יודנראַט מאַזעס באַוואָרענען זיך מיט דעם סאַם־פּראַשעק. ייִדישע פּרויען, וואָס ווערן פאַרגוואַלדיקט דורך די פאַשיסטן, נעמען זיך דאָס לעבן דורך אַנדערע מיטלען. די לערערן אַנדע הענגט זיך אויף גלײַך נאָך דעם, ווי אַ באַנדיט האָט זי געשענדעט.

די אָנשיקענישן און אַנגסטן צעציינדן אַלץ מער און מער דעם נעקאָמע־דאָרשט אין די הערצער פון די געטאָ־מאַרטירער. אין שפּיץ פונעם אופשטאַנד־קאָמיטעט שטעלט זיך יאַנעק, דער מאַן פון הערצנטאַלס טאָכטער סטערקע. אין די געשעענישן ווערן אַרײַנגעצויגן יונג און אַלט, אַפילו קינדער. דער יונגער פּוילישער פאַרטיזאַן קאַזשיק זאָגט:

יאָ, מע האָט שוין פאַרשטאַנען, אַז באַ יאַנעקן
איז עס ניט קיין שפּיל מיט ווערטער... אַז ווי אין אַ קעסל
קאָכט עס און עס זידט אין געטאָ... מע רײַסט זיך, ווי פון קייטן...
פּנוואַנען — ווייסט מען ניט — האָט פּלוצעם זיך געיאַוועט
גוועווער, דערנערונג...

און אָט קומט צו לויפן אַ מיידעלע פון עלף יאָר (דעם גאַסן־פידלערס טעכטערל) און דערציילט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם:

דער פעטער קאַזשיק האָט מיר אָנגעזאָגט,
כ׳זאָל לויפן גיך און איבערגעבן... יאַנען,
אַז אָנגעקומען זײַנען פאַרטיזאַנער
פון וואַלד אין געטאָ... ייִדן און פּאָליאַקן.

יעדערער פון יאַנעקס שלאַכט־ברידער איז זיך מויסער־נעפעש — אַבי וואָס מער קרבנות־פאַרשאַפן דעם לאַגער פונעם סוינע. די אופשטענדלער ווייסן גאַנץ גוט, אַז זייער לעבן הענגט אויף אַ האָר, אַלצייגס — זיך שוין מאַפקיר געווען. און דאָך... די לעבנסלוסטיקייט באַ די מאַרטירער איז געבליבן! אַפילו אין אַזאַ האָפענונגסלאָזער סיטואַציע זײַנען זיי גרייט אין אונטערערד אָפּריכטן אַ באַשיידענע ליאַמע לעקאָוועד דער כאַסענע פון יאַנעקן און סטערקען. אין סאַמע ברען פון צוגרייטן דעם אופשטאַנד רײַסן זיך באַ יאַנעקן און סטערקען אַרויס פון מויל צאַרטע ווערטער, וואָס דריקן אויס זייער ליבע.

אין דער לעצטער סצענע אַנטשטייט פאַר אונדז אַ בילד, ווו יאַנעק שלײַדערט אַ גראַנאַטע אין אַ גרופּע דײַטשן, וואָס האָבן זיך דערקליבן צו זײַן קאָמאַנדע־פּונקט. בעשאַס די דײַטשן ליגן געפּלעפּט, שפּרינגט יאַנעק אַרויס מיט דער רויטער פאָן — ער שטעקט זי אַרײַן אין אַ הויפן שטיינער פון אַ כורווע. די פאָן פלאַטערט, און יאַנעק פאַרשווינדט.

ס׳איז אינטערעסאַנט צו פאַרצייכענען, ווי פאַרשיידן עס איז דער צוגאַנג פון מאַרקישן און האַלקינען צו דעם פּערזענלעכן, בייס עס ווערט אוועקגעשטעלט אין קאַן דער גורל פונעם פאָלק. באַ מאַרקישן שיקט הירש גליק זײַן געליבטע נוימי אין זייער אַ געפערלעכער שליכעס, ווו זי ווערט שווער פאַרוווּנדעט און שטאַרבט. די אינטערעסן פונעם אופשטאַנד — אויפן ערשטן פּלאַן! אין שטורעם פון דער פאַרביטערטער שלאַכט הייסט יאַנעק סטערקען זיך דורכרײַסן אין וואַלד צו די פאַרטיזאַנער.

פון האלקינס שטאַנדפּונקט איז אין די אינטערעסן פונעם קלאַל ניט נאָר שווײַגן דעם קאָוועד פונעם פאָלק, נאָר אויך באַוואָרענען, אַז עס זאָל פאַרבלײַבן אַ לעבעדיקער שפּור נאָך די געפאַלענע: עפּשער וועט כאָטש אַ טייל פון זיי זיך נוקעם זײַן אין די פאַשיסטן און אין זייערע מעשאָרסים.

— נישקאָשע, — זאָגט איינער פון די אופשטענדלער, — עס וועלן זיך געפינען מיטפילנדיקע פויערים, וואָס וועלן אויסבאַהאַלטן אונדזערע פּיצעלעך קינדער...

— וואָס טוט מען מיט די געטאָ־ווײַבער, — זאָגט אין האלקינס פּיעסע איינער פון די יידישע דאָקטוירים, — די שוואַנגערע פּרוּוען מײַדן אויס ווי ווײַט מעגלעך דעם שפּיטאָל: זיי ווילן בעשום־אויפן ניט פּאַטער ווערן פון די קינדער, וועלכע זיי טראָגן בא זיך אין בויך...

אין דער סצענע, וואָס אין ערד־שטיבל, בא די פּאַרטיזאַנער אין וואַלד (אין מאַרקישעס פּיעסע), וועט איר אין די דיאַלאָגן פון פּאַרטיזאַנער קיין זייכער ניט געפינען וועגן בענקעניש נאָך אַ מאַמען, נאָך אַ קינד. דער שמועס דרייט זיך אַרום דעם, ווען דער נאַגאַן איז נייטיקער... און דאָס איז טאַקע נאַטירלעך: בא אַלעמען איז איין ציל — פאַרניכטן דעם סוינע!

שמועל האלקין האָט, קענטיק, ניט געוואָלט אויסמײַדן די שטייגערישע און פּסיכאָלאָגישע מאָמענטן, וועלכע פלעגן יעדן טאָג, יעדע שאָ געבן וועגן זיך צו וויסן.

צוריקשמועסנדיק, באַדאַרף מען ניט איגנאָרירן די באַריר־פּונקטן, וואָס עס פאַרמאָגן אָט די צוויי פּיעסן. ניט נאָר קאָנטראַסטן זײַנען אין זיי פאַראַן, נאָר אויך דײַטלעכע פּאַראַלעלן: סײַ אין מאַרקישעס, סײַ אין האלקינס פּיעסע איז מערקווירדיק די שטרעבונג פון די פאַשיסטישע טאַליאָנים אום יעדן פּרײַז צו אויסנוצן די יודנראַטן, אופהאַלטן זיי אַלס נעסטן פון פאַרעטער. אין מאַרקישעס פּיעסע שטעקט דער טאָך פון דער אינטריגע אין דער פאָדערונג פון דער דײַטשישער קאָמאַנדשאַפט, אַז דער יודנראַט זאָל פּאַקן הירש גליקן און אים איבערגעבן אין די הענט פון דער געסטאַפּאָ. פּונקט דאָס זעלבע זעען מיר אין האלקינס פּיעסע: די דײַטשישע קאָמאַנדשאַפט פאָדערט באַם פאָרזיצער פונעם יודנראַט, בא הערצנטאָלן, אַז ער זאָל דעם אָרגאַניזאַטאָר פונעם אופשטאַנד, זײַן איידעם יאַנעקן, אָפּגעבן אין רעשוס פון די אָקופּאַנטן.

אָף דעם זעלבן מאָטיוו ווערט געבויט די אינטריגע אין בערגעלסאָנס דראַמע „כ׳וועל לעבן”.

דאָוויד בערגעלסאָן דערציילט וועגן אַ סאָוועטישן ראַיאָן אין אוקראַיִנע, וועלכן עס האָט בייס דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע אָקופּירט אַ דײַטשישער דעסאַנט. דאָ געפינט זיך אַ פּרווו־סטאַנציע, ווו מע האָט דערפונדן אַ מיטל קעגן פּאַרטריקעניש, און די פאָרמול פון דער דערפינדונג איז פאַרפיקסירט אין אַ לאַבאָראַטאָריע־בוך. ווען די דײַטשן האָבן אַהער זיך אַרײַנגעריסן, איז דער לאַבאָראַטאָריע־בוך, פאַרשטייט זיך, נעלעם געוואָרן — מע האָט אים באַהאַלטן. אָבער די דײַטשישע קאָמאַנדשאַפט האָט שוין געוווּסט וועגן דער עקזיסטענץ פון אַזאַ פאַרפיקסירטער פאָרמול, און זי פאָדערט, מע זאָל איר איבערגעבן דעם בוך. נאַטירלעך, מאַכן זיך די מיטאַרבעטער פון דער פּרווו־סטאַנציע ניט וויסנדיק. דער קאָמענדאַנט פונעם דעסאַנט, ברענדעקע, זעצט אײַן אין טפיסע דעם דירעקטאָר פון דער פּרווו־סטאַנציע, דעם אוקראַיִנער אַפאַנאַסענקאָ צוזאַמען מיט זײַן שטעלפאַרטרעטער אווראָם־בער לעוויט. ברענדעקע קאָן אָבער בא זיי ניט פּויעלן דאָס, וואָס ער וויל. באַפרײַט ער זיי פון טורמע און זאָגט זיי צו פאַרשיידענע פּריווילעגיעס — עס העלפט ניט. ער דערזעט, אַז אין דעם פּראַט איז זײַן קאָרט אַ געשלאָגענע — נעמט ער זיי טרײַבן צו פּראַט אָף אַן אַנדערן אויפן. צווישן דער יוגנט, וואָס ווײַזט אַרויס אַ העפטיקן ווידערשטאַנד די אָקופּאַנטן, געפינט זיך אַ יונגער באָכער באָרעך. ער איז דער בעסטער סנײַפּער אין ראַיאָן: אַ היפּש ביסל סאָלדאַטן פון ברענדעקעס מאַכנע האָט ער שוין דערשאָסן. דער קאָמענדאַנט טעראָריזירט די יידישע באַפעלקערונג (באַזונדערס — אווראָם־בער לעוויטן), פאָדערנדיק, מע זאָל געפינען באָרעכן און ברענגען צו אים, צו ברענדעקען.

— אויב, — זאָגט ער לעוויטן, — דו וועסט מיר ניט אויסזאָגן דעם סאָד, ווער עס זײַנען באָרעכס עלטערן, וועל איך דײַן יונגע טאָכטער פרידע אָפּגעבן אינעם רעשוס פון אַ גרופּע מײַנע יונגע סאָלדאַטן, און זאָלן זיי מיט איר טאָן, וואָס זיי איז ניכע.

אווראָם־בער גיט זיך ניט אונטער.

איך האָב באַוווסטזיניק אופגעמישט די סאַמע שפּאַנענדיקע זײַטלעך פון דער דאָזיקער דראַמע בערגעלסאָנס, דעם לייענער זאָל ווערן קלאָר, אַז דרײַ דראַמאַטורגן האָבן אויסגענוצט איינעם און דעם זעלבן מאָטיוו, וואָס האָט זיי געהאָלפן דערפירן צו אַ הויכן גראַד די דינאַמיק פון די געשעענישן. זיי אַלעמען האָט באַגײַסטערט איין נאָבעלע שטרעבונג: קינסטלעריש פאַרפיקסירן די העראָיִק פון די זין און טעכטער פונעם יידישן פאָלק, וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט בייס דער אינוואַזיע פון די פאַשיסטישע אָקופּאַנטן.

ווי אַן אויסגעשפּראָכענע אַנטיפאַשיסטישע דראַמע דאַרף מען באַטראַכטן איציק פעפערס „די זון פאַרגייט ניט״, וואָס מע האָט אין 1947 אויפגעפירט אַף די בינע־ברעטער פונעם מאָסקווער מעלוכישן ייִדישן טעאַטער. אין אָט דער פּיעסע האַנדלט זיך וועגן די פּאַרטיזאַנער, וועלכע האָבן געפירט אַ קאַמף מיט די דײַטשישע אָקופּאַנטן אונטער דער אָנפירונג פונעם אונטערערדישן געטאָ־קאָמיטעט. אין דער פּיעסע איז באַזונדערס אַקצענטירט די ראָל פון די פּאַרטיזאַנער, וואָס האָבן אַף זיך גענומען אויסשפּיר־היסכײַווען.

די צענטראַלע פיגורן אין דער האַנדלונג זײַנען פאָרשטייער פונעם יונגן דאָר — דער אינזשעניער פּראַמעק (עפראַיִם) און זײַן געליבטע שעלי. זייערע עלטערן זײַנען קאָרבאָנעס פון דער פאַשיסטישער רעציכע: פּראַמעקס פאָטער — דאָווידן דערשיסט אַ דײַטשישער יעפרייטאָר, קיווע — שעליס פאָטער — פאַרענדיקט זײַן לעבן אין קאַלך־אויוון פונעם טויט־לאַגער. סײַ דאָוויד, סײַ קיווע באַגעגענען דעם טויט מוטיק. ווען דער דײַטשישער יעפרייטאָר איזדיעקוועט זיך איבער דאָווידן און גיט אים אָנצוהערן: „דײַן פּראַמעקן וועלן מיר מאָרגן אויפהענגען; וויפל נאָך האָסטו קינדער און ווו זײַנען זיי?״, ענטפערט דאָוויד מיט עכטער נאַציאָנאַלער זעלבסטווירדע:

— קינדער האָב איך אַ סאַך — זין און טעכטער... טויזנטער... מיליאָנען. זיי זײַנען אַף די פראָנטן. און אויב עס וועט כאָטש איין פאָרפאָלק פאַרבלײַבן, לעבן וועט דאָס פאָלק!

די פּאַרטיזאַנער ווערן געוווירע, אַז דער דײַטשישער שטאַב האָט געקראָגן אַ באַפעל פאַרניכטן דעם טויט־לאַגער, אָפּווישן יעדן שפּור זײַנעם — עס זאָל קיין סימען ניט בלײַבן פון די שוידערלעכע פאַשיסטישע פאַרברעכנס. די פּאַרטיזאַנער האָבן באַשלאָסן אום יעדן פרײַז צעשטערן דעם פּלאַן פון די היטלעריסטן. עס זײַנען נייטיק פּינקטלעכע ידיִעס. אויספילן די דאָזיקע אויפגאַבע האָבן אַף זיך גענומען פּראַמעק און שעלי. פּראַמעק פאַלט אַרײַן אין די הענט פון די פאַשיסטן. אַדאַנק דעם, וואָס ער האָט באַצײַטנס זיך באַוואָרנט מיט פאַבריצירטע דאָקומענטן, געלינגט אים אײַנשמועסן דעם סוינעס שטאַביסטן, אַז ער איז אַן עכטער דײַטשישער יעפרייטאָר, קאַרל שטיין. דאָ, אין שטאַב, גיט זיך אים אײַן אויסנוצן די רײַסערײַען צווישן צוויי דײַטשישע שטאַב־אָפיצערן — בושן און גונטערן — און זיך דערשלאָגן, אַז דער דײַטשישער גענעראַל (דער הויפּט פונעם שטאַב) זאָל כוישעד זײַן בושן אין פאַראַט. דער גענעראַל גלייבט פּראַמעקן, אַז בוש שטאַמט פון ייִדן... פּראַמעקן ווערט באַפוילן אויספילן דעם טויט־אורטייל איבער בושן. אויג־אַף־אויג מיט בושן אַנטפּלעקט פּראַמעק דעם סאָד, אַז ניט קאַרלען זעט פאַר זיך בוש, נאָר טאַקע פּראַמעקן, און אַז ער, דער ייִד פּראַמעק, איז אין אים זיך נויקעם „אין נאָמען פון מײַן פאָלק, וואָס לעבט און לעבן וועט״.

פּראַמעקן גיט זיך דערנאָך אײַן אַרויסרײַסן זיך פונעם דײַטשישן לאַגער און ברענגען אינעם פּאַרטיזאַנישן שטאַב ווערטפולע ידיִעס. אָבער דערווײַל איז מען אינעם שטאַב באַאומרויִקט, וואָס פּראַמעק איז פאַרשוווּנדן. דער קאָמאַנדיר פונעם אָטריאַד דידאָק איז מאַסקים, אַז שעלי זאָל זיך אַוועקלאָזן אין אויסשפּיר און דורכשמוגלען זיך אינעם דײַטשישן שטאַב. שעלי פאַרשטעלט זיך פאַר אַ טרעפערן, אַ קאָרטנוואָרפערן פון אַ שכייניש דאָרף און שלײַכט זיך אַרײַן צום סוינע. אינגיכן פאַלט אַף איר אַ כשאַד, אַז זי איז אונטערגעשיקט.

די פּיעסע ענדיקט זיך דערמיט, וואָס שעלי קומט אום, פּראַמעק מיט די פּאַרטיזאַנער פאַרכאַפּן דעם טויט־לאַגער און זעצן העלדיש פאָר דעם קאַמף קעגן די דײַטשישע אָקופּאַנטן.

„די זון פאַרגייט ניט״ איז כאַראַקטעריסטיש פאַר פעפערס שעפערישער פערזענלעכקײַט: פאַר זײַן געזעלשאַפטלעכן טעמפּעראַמענט, דער נעטיִע זיך אַ קער טאָן צו ראָמאַנטיק, ליריש־קײַט, פּאַמפּלעטישקײַט און — דעריקער — פאַר זײַן פאָלקסטימלעכקײַט. דאָס מערקט זיך באַזונדערס אין דער גראַציִעזקײַט און דורכזיכטיקײַט פון זײַן פּערז, אין דער קלאָרקײַט פון דער שפּראַך. פעפערן האָט זיך אײַנגעגעבן אַזוי בויען דעם סוזשעט, אַז דער צושויער זאָל די גאַנצע צײַט זײַן אין אַ שפּאַנונג־צושטאַנד.

וועלכע אויספירן קאָן מען מאַכן פון דעם, וואָס מיר האָבן דאָ באַטראַכט? אין די געשעענישן פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע האָט די ייִדישע סאָוועטישע דראַמאַטורגיע אויסגעטיילט און באַטאָנט דאָס סאַמע וויכטיקע, דאָס סאַמע וועזנטלעכע: דעם סאָוועטישן פּאַטריאָטיזם, די פעלקער־פרײַנטשאַפט, די העלדישקײַט פון אונדזערע זין און טעכטער און די געמיינקײַט, די אַכזאָריעס פון אונדזערע סאָנים, זייער מאָראַלישע יערידע.

די אויבן־באַהאַנדלטע קינסטלערישע ווערק זײַנען אַן און פאַר זיך געוואָרן אַ געווער אינעם קאַמף קעגן פאַשיזם, פאַר אַ וועלט פון שאָלעם און סאָציִאַלן יוישער.

ע. באגראמאָוו,
דאָקטאָר פון פילאָסאָפישע וויסנשאפטן, פראָפעסאָר

די אינטערנאציאָנאלע פארברידערטקײַט פון די בויער פונעם קאָמוניזם

די אידיי פון אינטערנאציאָנאלער פארברידערטקײַט, וועלכע גייט דורך ווי א רויטער פאָדעם דורך די באשלוסן פונעם XXV צוזאמענפאָר פון דער קאָמוניסטישער פארטיי פונעם סאָוועטנפארבאנד, איז שטענדיק געווען נאָענט צום הארצן בא די קעמפער פארן טריומף פונעם קאָמוניזם אין אונדזער פילנאציאָנאל לאנד. דאָס פארווירקלעכן אין לעבן די דאָזיקע גרויסע אידיי האָט געפאָדערט פון דער קאָמוניסטישער פארטיי, פון די ארבעטנדיקע פון אלע נאציעס און פעלקערשאפטן טיטאנישע אָנשטרענגונגען. די דערגרייכונגען פונעם אָקטיאבער־היימלאנד פאר די זעכציק יאָר ריידן איבערצײַגעוודיק וועגן דעם, אז דער סאָציאַליזם האָט באוויזן אף דער פראקטיק, ווי׳אזוי עס דארף געלייזט ווערן די נאציאָנאלע פראגע אפן סאַמע יוישערדיקן אויפן.

אין סאכאקל פונעם הערא׳ישן קאמף און פון דער הערא׳ישער ארבעט פון אלע פעלקער פון אונדזער לאנד איז אויסגעוואקסן און האָט זיך פארפעסטיקט דער פארבאנד סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפובליקן. דער פראָיעקט פון דער נײַער קאָנסטיטוציע גיט די ריכטונג פאר דער ווײַטערדיקער אנטוויקלונג פונעם סאָוועטנפארבאנד אלס אן אייגנהײַטלעכע פארבאנדישע מעלוכע, וועלכע פארקערפערט מיט זיך די אינטערנאציאָנאלע פארברידערטקײַט פון די ארבעטנדיקע.

1

די אנטוויקלטע סאָציאַליסטישע געזעלשאפט פארמאָגט סאָציאַל־עקאָנאָמישע און גײַסטיקע פאָרהאנאָכעס פאר אן אלץ ענגערער דערנעענטערונג צווישן די פעלקער, פאר דערגרייכן א קוואַליטאטיוו נײַעם שטאפל אין זייער ברידערלעכער מיטארבעט און קעגנזײַטיקער הילף. עס האנדלט זיך שוין ניט בלויז וועגן דער פעלקער־פרײַנטשאפט, וואָס מיט איר שטאָלצירן די סאָוועטישע מענטשן, נאָר אויך וועגן דער אויסגעוואקסענער, פארהארטעוועטער אינטערנאציאָנאלער אייגנהײַט פון אלע נאציעס און פעלקערשאפטן פון אונדזער לאנד.

דעם עקאָנאָמישן יעסאָד פון אָט דער אייגנהײַט בילדעט דאָס סאָציאַליסטישע געזעלשאפטלעכע אייגנטום. דאָס דאָזיקע אייגנטום שטיצט זיך אף דער סאָציאַלער סטרוקטור, וואָס איז פון איין טיפּ, און אף דער וואקסנדיקער סאָציאַלער איינארטיקײַט פון דער סאָוועטישער געזעלשאפט אינגאנצן גענומען און פון יעדער נאציע באזונדער; אף דעם אייגנהײַטלעכן פאָלקסווירטשאפטלעכן קאָמפּלעקס און אף דער עקאָנאָמישער און קולטורעלער גלײַכהײַט פון די נאציעס; אפן פעסטן, פרײַוויליקן פארבאנד פון די פעלקער; אף דער אינטערנאציאָנאליזירונג פון אונדזער גאנצן לעבנס־סיידער; אף דער פולער הערשאפט פון דער אידעאָלאָגיע פונעם מארקסיזם־לעניניזם און סאָציאַליסטישן אינטערנאציאָנאליזם. אלס פארווירקלעכונג פון דער אינטערנאציאָנאלער אייגנהײַט טרעט ארויס די נײַע היסטאָרישע מענטשן־געמיינשאפט, וועלכע האָט זיך אויסגעבילדעט פאר די יאָרן פון דער סאָציאַליסטישער און קאָמוניסטישער בויונג, — דאָס סאָוועטישע פאָלק.

אינעם פארפעסטיקן און אנטוויקלען די דאָזיקע געמיינשאפט העלפן מיט די פּרינציפּן פון אונדזער מעלוכע־סטרוקטור, די פארפולקומונג פון דער סיסטעם פון די קעגנזײַטיקע פארהעלטענישן צווישן די פארבאנדישע און רעפובליקאנישע אָרגאנען. דער אינטערנאציאָנאליזם פון דער סאָוועטישער מעלוכעשאפט געפינט אן אָפּשפּיגלונג אינעם דעמאָקראטישן צענטראליזם און סאָציאַליסטישן פעדעראליזם. אין זיי איז פארקערפערט די געמיינזאמקײַט פון די גרונט־

צילן און גרונט־אויפֿגאַבן פֿונעם פֿאָלק אינגאַנצן גענומען, די איינהייט פֿון די געזעצמעסיקייטן אין דער בויונג פֿונעם קאָמוניזם, און אין דער זעלבער צײַט די אייגנאַרטיקייט פֿון דעם דאָזיקן פּראָצעס אין די אָדער אַנדערע רעפּובליקן אָדער ראַיאָנען פֿונעם לאַנד. די אינטערנאַציאָנאַליזירונג פֿונעם געזעלשאַפֿטלעכן לעבן פֿירט דערצו, אַז אין דער טעטיקייט פֿון די רעפּובליקאַנישע אָרגאַנען טרעטן אַרויס אַלץ רעליעפֿער די אַלפֿאַרבאַנדישע שטריכן. די דאָזיקע טעטיקייט ווערט אַלץ ענגער פֿאַרבונדן מיטן לייזן די אויפֿגאַבן, וועלכע האָבן אַן אַלפֿאָלקישן באַטײַט, און אַדאַנק דעם ווערן געשאַפֿן גינסטיקע באַדינגונגען אויך צום באַפֿרידיקן די אינטערעסן פֿון יעדער רעפּובליק. די אָנפֿירונג פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי איז אַ גאַראַנטיע פֿאַר דער ווײַטערדיקער פֿאַרפֿעסטיקונג און אַנטוויקלונג פֿון דער איינהייט פֿון דער סאָוועטישער געזעלשאַפֿט.

די אינטערנאַציאָנאַליסטישע פּרינציפּן, וואָס אַף זיי באַזירט זיך די פֿאַרברידערטקייט צווישן די פֿעלקער פֿון פֿססר, האָבן באַקומען זייער פֿאַרקערפּערונג און אַנטוויקלונג אין דער נײַער קאָנסטיטוציע. ווי דער כאַווער ל. אי. ברעזשנעוו האָט אָפּגעמערקט אויפֿן מײַ־פּלענום פֿונעם צק פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פֿונעם סאָוועטנפֿאַרבאַנד, ווערט מיטן לייזן אין אַט דעם היסטאָרישן דאָקומענט די פֿראַגן וועגן דער נאַציאָנאַל־מעלוכישער אײַנאָרדענונג געזיכערט די עכט דעמאָקראַטישע צונױפֿפּאָרונג פֿון די אַלגעמײנע אינטערעסן פֿונעם פֿילנאַציאָנאַלן פֿאַרבאַנד מיט די אינטערעסן פֿון יעדער איינער פֿון די רעפּובליקן, פֿון וועלכע ער באַשטייט, דער אַלזײַטיקער אויפֿבלי און די נאָכאַנאַנדיקע דערנעענטערונג פֿון אַלע נאַציעס און פֿעלקערשאַפֿטן פֿונעם לאַנד.

די נײַע קאָנסטיטוציע באַנוגנט זיך ניט בלויז מיט אָפּהיטן די סוווערענע רעכט פֿון די פֿאַרבאַנדישע רעפּובליקן און זייערע גאַראַנטיעס, נאָר זי גיט צו נײַע רעכט און גאַראַנטיעס. זי אַנטהאַלט אין זיך, אַשטייגער, דאָס רעכט פֿון די רעפּובליקן צו אָנטיילנעמען אינעם לייזן פֿראַגן, וועלכע באַלאַנגען צו דער קאָמפּעטענץ פֿונעם פֿאַרבאַנד ססר, זי פֿאַרפֿעסטיקט פֿאַר די פֿאַרבאַנדישע רעפּובליקן, אין געשטאַלט פֿון זייערע העכסטע אָרגאַנען פֿון דער מעלוכע־מאַכט, דאָס רעכט פֿון געזעצגעבערישער איניציאַטיוו אינעם אויבער־סאָוועט פֿון פֿססר. אין די קאַפּיטלען 9—11 פֿון דער קאָנסטיטוציע — וועגן דער פֿאַרבאַנדישער רעפּובליק, אויטאָנאָמער רעפּובליק, אויטאָנאָמער געגנט און אויטאָנאָמען קרײַז — ווערן גענוי פֿאָרמולירט די קאָמפּעטענץ פֿון די דאָזיקע אויסבילדונגען, זייער אַנטוויקלונג און פֿאַרפֿולקומונג אין די באַדינגונגען פֿונעם רײַפֿן סאָציאַליזם. צוזאַמען דערמיט ווערט קאָנסעקווענט דורכגעפֿירט די ליניע צו פֿאַרפֿעסטיקן ווײַטער די פֿאַרבאַנדישע פּרינציפּן פֿון דער מעלוכע.

אַלס אילוסטראַציע וועלן מיר פֿאַרגלײַכן דאָס אַרטיקל 70 פֿון דעם גרונט־געזעץ, וואָס דעקט אויף דעם טאָך פֿון דער נאַציאָנאַל־מעלוכישער סטרוקטור פֿונעם סאָוועטנפֿאַרבאַנד, מיטן אַרטיקל 13 פֿון אונדזער פֿריִקער קאָנסטיטוציע. אויב אינעם אַרטיקל דרײַצן רעדט זיך וועגן דעם, אַז פֿססר שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ „פֿאַרבאַנדישע מעלוכע, וואָס איז אויסגעבילדעט אויפֿן יעסויד פֿון דער פֿרײַוויליקער פֿאַרייניקונג פֿון גלײַכבאַרעכטיקטע סאָציאַליסטישע סאָוועטן־רעפּובליקן", דעפֿינירט אים דאָס אַרטיקל זיבעציק פֿון דער נײַער קאָנסטיטוציע אַלס „איינהייטלעכע פֿאַרבאַנדישע פֿילנאַציאָנאַלע מעלוכע, אויסגעבילדעט אויפֿן סמך פֿונעם פּרינציפּ פֿון סאָציאַליסטישן פֿעדעראַליזם, אין רעזולטאַט פֿון דער פֿרײַער זעלבסטבאַשטימונג פֿון די נאַציעס און פֿון דער פֿרײַוויליקער פֿאַרייניקונג פֿון די גלײַכבאַרעכטיקטע סאָציאַליסטישע סאָוועטן־רעפּובליקן", אַלס אַ פֿאַרקערפּערונג פֿון דער מעלוכישער איינהייט פֿונעם סאָוועטישן פֿאָלק. דאָ זײַנען גענוי אָפּגעשפּיגלט די לעניניסטישע פּרינציפּן פֿון דעמאָקראַטישן צענטראַליזם, די אידייען פֿון דער זעלבסטבאַשטימונג פֿון די נאַציעס, — די פּרינציפּן און אידייען, וועלכע האָבן געשפּילט אַ קאָלאָסאַלע ראָליע אינעם אויסבויען די סאָוועטישע פֿילנאַציאָנאַלע מעלוכע.

דער פּרינציפּ פֿון אינטערנאַציאָנאַליזם, וואָס ליגט אין יעסויד פֿון דער נאַציאָנאַל־מעלוכישער סטרוקטור פֿון פֿססר, ווײַזט זיך אַרויס אין דער קאָנסעקווענטער ליניע צו פֿאַרפֿעסטיקן די פֿאַרבאַנדישע מעלוכישקייט און אינעם אָנפֿילן מיט אַ נײַעם געזעלשאַפֿטלעכן אינהאַלט די נאַציאָנאַלע מעלוכישקייט. עס איז באַוווּסט, אַז אינעם פּעריאָד פֿון בויען דעם סאָציאַליזם האָט די ראָליע פֿון דער נאַציאָנאַלער מעלוכישקייט אויסגעדריקט זיך קודעמקאָל אין די אייגנטלעך נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען (ליקווידירן די עקאָנאָמישע הינטערשטעליקייט, אָרגאַניזירן די סיסטעם פֿון בילדונג אַף די נאַציאָנאַלע שפּראַכן, שאַפֿן נאַציאָנאַלע קולטור־אַנשטאַלטן, בײַקומען די רײַסערײַ און דעם אומצוטרוי צווישן די פֿעלקער). איצט אָבער ווערן אויפֿן ערשטן אָרט אַרויסגערוקט דער אַלץ וואַקסנדיקער צושטײַער פֿון יעדער רעפּובליק אין דער אַלגעמײנער זאַך פֿון בויען דעם קאָמוניזם, די ווײַטערדיקע דערנעענטערונג צווישן די נאַציעס, דאָס פֿאַרשטאַרקן די אַלזײַטיקע און גלײַכבאַרעכטיקטע ברידערלעכע צווישן־נאַציאָנאַלע מיטאַרבעט אין אַלע לעבנס־געביטן. דאָס פֿירט, נאַטירלעך, דערצו, עס זאָל פֿאַרשטאַרקט ווערן די איינהייט פֿון דער פֿאַרבאַנדישער און נאַציאָנאַלער מעלוכישקייט, עס זאָלן ברייטער ווערן יענע ספֿערן פֿון די געזעלשאַפֿטלעכע פֿאַרהעלטענישן, ווו די פֿאַרבאַנדישע און רעפּובליקאַנישע אָרגאַנען אַרבעטן געמײנזאַם.

2

די סאָציִאַל־עקאָנאָמישע פּראָגראם, וועלכע עס האָט אָנגענומען דער XXV צוזאמענפאָר פון דער קאָמוניסטישער פארטיי פונעם סאָוועטנפארבאנד, שטעלט זיך אלס ציל צו פארברייטערן און פארטיפערן די עקאָנאָמישע פארבינדונגען צווישן די רעפּובליקן, די וואקסנדיקע עפעקטיווקײַט פון דער טעריטאָריעלער ארבעטס־צעטיילונג, דעם קעסיידערדיקן אופבלי און די דערנעענטערונג פון די סאָציִאַליסטישע נאציעס. דער איינהײַטלעכער ווירטשאפטלעכער אָרגאניזם, וואָס האָט זיך אויסגעבילדעט אין די ראמען פונעם גאנצן לאנד, — ווערט געזאָגט אין די באשלוסן פונעם XXV פּארטיי־צוזאמענפאָר, — איז א פעסטע מאטעריעלע באזע פאר דער פרײַנטשאפט און מיטארבעט פון די פעלקער.

אפן הײַנטיקן עטאפּ קומט פאָר אינטענסיווער די דערנעענטערונג צווישן די נאציעס; זי כאפּט ארום אלע לעבנס־ספערן: די עקאָנאָמישע און סאָציִאַל־פּאָליטישע, די ספער פון קולטור און היימישן שטייגער. עס פארשטארקן זיך די צווישן־רעפּובליקאנישע מיגראציע־פּראָצעסן. גענוג צו זאָגן, אז מער ווי א פערטל פון דער באפעלקערונג אין עלף פון די פופצן רעפּובליקן געהערט שוין ניט צו די נאציעס, וואָס אף זייערע נעמען זײַנען די רעפּובליקן אָנגערופן. עס ווערט גרעסער די צאָל געמישטע כאסענעס (לויט דער פאָלקס־ציילונג פון 1970 געפינען זיך אין 58,7 מיליאָן סאָוועטישע מישפּאָכעס קימאט 8 מיליאָן מישפּאָכעס, וועלכע באשטייען פון פאָרשטייער פון פארשיידענע נאציִאָנאליטעטן). אלץ מער לאָזט זיך פילן די פרײַוויליקע באהעפטונג פון די סאָוועטישע מענטשן פון אלע נאציִאָנאליטעטן צו דער רוסישער שפּראך — צו דער שפּראך פון פרײַנטשאפט און ברודערשאפט פון די פעלקער, וואָס קומט פאָר באנאנד מיט דער פרײַער אנטוויקלונג פון די נאציִאָנאלע שפּראכן.

די פּרוכטבארע פּראָצעסן פון אזא כאראקטער, וועלכע לעניִן האָט גערופן „פארייניקונג, דערנעענטערונג, איבערמישונג פון די נאציעס" (פולע זאמלונג פון די ווערק, ב. 23, ז. 322), פּרייען די סאָוועטישע מענטשן, וועלכע זײַנען דערצויגן דורך דער פּארטיי אין גײַסט פון אינטערנאציִאָנאליזם. די פירנדיקע ראָליע אין אָט די פּראָצעסן שפּילט דער ארבעטער־קלאס. זײַענדיק באשעפטיקט קוידעמקאָל אין דער אינדוסטריע, טרעט ער ארויס, דער ארבעטער־קלאס, וועמענס ארבעט עס איז פארגעזעלשאפטלעכט אינעם מאסשטאב פון דער גאנצער סאָוועטישער געזעלשאפט, אלס דער הויפּט־טרעגער פון די אינטערנאציִאָנאלע פּרינציפּן, אלס אזא, וואָס פארייניקט אלע סאָציִאַלע שיכטן, נאציעס און פעלקערשאפטן פון פעסער, אלס אזא, וואָס פארפונדעוועט דעם איינהײַטלעכן סאָוועטישן לעבנסשטייגער.

אין די פרײַנטלעכע פילנאציִאָנאלע ארבעטער־קאָלעקטיוון, ווי די, וועלכע מיר זעען אפן „קאמאז" און אף דער נורעקער הידראָעלעקטראָסטאנציע, אין סומגאיִט און אף דער בײַקאל־אמורער מאגיסטראל („באם"), אף די געווערבן פון מאנגישלאק און אין די „צעלינא"־סאָווירטן, אנטוויקלען זיך די אינטערנאציִאָנאליסטישע טראדיציעס פון די בויער פונעם קאָמוניזם.

3

צי קאָן מען זאָגן, אז די באוועגונג אפן וועג פון פארפעסטיקן די סאָציִאַלע איינארטיקײַט פון אונדזער געזעלשאפט באשטעטיקט אין דער זעלבער צײַט איר „נאציִאָנאלע איינארטיקײַט"?

גאָר ניט לאנג צוריק פלעגן אין אייניקע פּובליקאציעס פון סאָוועטישע אויטאָרן איבער פּראגן פון מעלוכע־פאָרשונג זיך טרעפן אזעלכע נאָטקעס: די אינטערנאציִאָנאליזאציע, זעט איר, פירט אומפארמײַדלעך און ווערט אין דעם נאָענטסטן פעריִאָד ברענגען צו דער דענאציִאָנאליזאציע. דאָס הייסט, אז די אופגעקומענע פארמען פון נאציִאָנאלער מעלוכישקײַט וועלן, אויב ניט איצט, איז אין דער גאָר נאָענטער צוקונפט אָנהייבן ווערן א טארמאָז פאר דעם אלץ וואקסנדיקן פּראָצעס פון דער דערנעענטערונג צווישן די נאציעס. אין לעבן אָבער, אין דער פּראקטיק זײַנען ניט פאראן קיין סיבעס פאר אָט די אויספירן. אזעלכע אײַליקע ראַיִוועס האָבן זיך באוויזן אין רעזולטאט פון דער אָפּגעריסנקײַט פון דער רעאליטעט, אין רעזולטאט פון ניט קענען וויסנשאפטלעך אויסטײַטשן די נײַע פּראָצעסן, וועלכע זײַנען כאראקטעריסטיש פאר די נאציִאָנאלע פארהעלטענישן אין דער אנטוויקלטער סאָציִאַליסטישער געזעלשאפט.

אין פּארטיי־דאָקומענטן איז ניט איין מאָל אָפּגעמערקט געוואָרן, אז די לענינישע נאציִאָנאלע פּאָליטיק האלט זיך בא דעם שטאנדפּונקט, אז די דערנעענטערונג צווישן די נאציעס און פעלקערשאפטן איז אן אָביעקטיווער פּראָצעס. די פּארטיי איז קעגן דעם, מע זאָל דעם דאָזיקן פּראָצעס קינסטלעך פאָרסירן. אזא פּראָצעס ווערט דיקטירט דורך דעם עצעם גאנג פונעם לעבן. צוזאמען דערמיט זײַנען ניט דערלאָזבאר וועלכע־עס־איז פּרוּוון צו אײַנהאלטן די פּראָצעסן פון דערנעענטערונג צווישן די נאציעס, פארפעסטיקן די נאציִאָנאלע אָפּגעזונדערטקײַט. דער סאָציִאַליזם מאכט איבער קוואליטאטיוו די נאציעס און פעלקערשאפטן. ער פילט אָן מיט א נײַעם אינהאלט די נאציִאָנאלע אייגנשאפטן און טראדיציעס, ער פארייניקט זיי אָרגאניש מיט די אינטערנאציִאָנאלע פּראָצעסן.

די פּארטיי טרעט ארויס סײַ קעגן אונטערשאצן דאָס אלגעמיינע, דאָס אינטערנאציִאָנאלע, סײַ קעגן איגנאָרירן די נאציִאָנאלע באזונדערקײַטן. אונדזער פאָלק איז איינהײַטיק אן איינהײַטלעכס און א פילנאציִאָנאלס. ריידנדיק וועגן דעם סאָוועטישן פּאטריִאָטיזם, וועגן דעם סאָוועטישן לעבנסשטייגער, וועגן דעם סאָוועטישן כאראקטער, באטאָנען מיר דערמיט גופע

דאָס אַלגעמיינע, וואָס פאַרבינדט אונדזערע פעלקער און וואָס דער אָקטיאַבער און די סאָציאַליסטישע אָרדענונג האָבן דעראָבערט. און דאָס ווידערשפּרעכט ניט לאַכלוטן דער רעאַליטעט, אַז דאָס אַלסאָוועטישע און אַלפאָלקישע קאָן זיך אַנטפּלעקן אין די אָדער אַנדערע נאַציאָנאַלע פאָרמען.

אין די באַדינגונגען פונעם אַנטוויקלטן סאָציאַליזם איז די דיאַלעקטיק פון די נאַציאָנאַלע פאַרהעלטענישן אַזאַ: אין גאַנג פון דער קעגנזײַטיקער ווירקונג פון נאַציאָנאַלן און אינטערנאַציאָנאַלן פלעכטן זיך אַלץ מער איבער צווישן זיך די בײַדע פּרינציפּן. דאָס נאַציאָנאַלע, ווען עס ווערט באַפרוכפּערט מיטן אינטערנאַציאָנאַלן, אַלסאָוועטישן, ווערט רײַכער, לעבנספּעיִקער. דאָס אַלסאָוועטישע, פון זײַן זײַט, ווען עס סינטעזירט אין זיך פולער די עכט נאַציאָנאַלע ווערטן, ווײַזט אַרויס אַן אַלץ וואַקסנדיקן אײַנפלוס אויפן לעבן פונעם סאָוועטישן פאָלק אין גאַנצן גענומען און פון די נאַציעס און פעלקערשאַפטן, וועלכע גייען אין אים אַרײַן, באַזונדערס.

אין דער קעגנזײַטיקער ווירקונג פונעם אינטערנאַציאָנאַלן און נאַציאָנאַלן איז די פירנדיקע זײַט אומבאַדינגט דאָס אינטערנאַציאָנאַלע. דאָס איז דער אַלעפבייס פונעם פּראָלעטאַרישן אינטערנאַציאָנאַליזם. דאָס באַטײַט אָבער קלאָל ניט, אַז אין די אינטערעסן פון אַן אַלץ גרעסערן איבערוואָג פון אינטערנאַציאָנאַלן וואָלט מען באַדאַרפט וואָס גיכער צעזעגענען זיך מיטן נאַציאָנאַלן און צוליב דעם, לעמאָשל, פאַרקירצן דעם אַרויסלאָז פון ליטעראַטור אויף די נאַציאָנאַלע שפּראַכן א.א.וו. אין די באַדינגונגען פונעם סאָציאַליזם איז דאָס נאַציאָנאַלע שוין מער ניט קיין אַנטיפּאָד פונעם אינטערנאַציאָנאַלן, ווי דאָס קומט פאָר ניט זעלטן באַם קאַפּיטאַליזם. דענקען אַנדערש באַטײַט אַרײַנפאַלן אין מעטאַפיזיק, אַרויסלאָזן פון אויג, אַז דאָס אַלגעמיינע סינטעזירט אין זיך די אויצרעס פונעם איינצלנעם, ספּעציפישן, און אַז גראָד אין דער קעגנזײַטיקער ווירקונג פון די נאַציאָנאַלע ווערטן ווערן געבוירן נײַע, אינטערנאַציאָנאַלע, אַלסאָוועטישע ווערטן. די בויונג פונעם קאָמוניזם באַווײַזט, אַז אין דער זעלבער מאָס, ווי דער אויפבלי פון די נאַציעס ווירקט אויף זייער דערנענטערונג, שטיצט זיך די דערנענטערונג גופא אויף דעם ווײַטערדיקן אויפבלי פון די נאַציעס. דער פאַרבאַנד סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליקן, וואָס געשאַפן האָט אים לענינס געניִ, איז, ווי פריִער, די סאַמע לעבנספּעיִקע און פולקומע סטרוקטור־פאָרם פון דער פילנאַציאָנאַלער מעלוכע.

„די סאָוועטן־רעפּובליק, — האָט געזאָגט וולאַדימיר איליטש, — פאַראייניקט די אַרבעטנדיקע פון אַלע נאַציעס און פאַרטיידיקט די אינטערעסן פון די אַרבעטנדיקע אָן אונטערשייד פון נאַציע“ (פולע זאַמלונג פון די ווערק, ב. 36, ז. 536). נאַטירלעך, אַז דאָס איז מעכײַעוו צו פירן אַ שטענדיקן דיסקאָנט פון די אינטערעסן פון די נאַציעס און פעלקערשאַפטן — גרויסע און קליינע, אָרגאַניזירן אַ דורכגעטראַכטע ביז אין דעטאַלן סיסטעם פון פאָרשטייערשאַפט פון די נאַציאָנאַליטעטן אין די פאַרשיידענע ספערן פונעם געזעלשאַפטלעכן לעבן, אַ קאָנסעקווענטן קורס אויף צו באַהעפטן די אַרבעטנדיקע פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן, אײַנרעגולירן זייער פרײַנטלעכע אַרבעט אין איינהײַטלעכע אָרגאַניזאַציעס. אַזוי, לעמאָשל, זײַנען אין אויבער־סאָוועט פון פּססר פאַרטראָטן דעפּוטאַטן פון 61 נאַציאָנאַליטעטן, אין די אויבער־סאָוועטן פון די פאַרבאַנדישע און אויטאָנאָמע רעפּובליקן — 72, אין די אָרטיקע סאָוועטן — מער פון הונדערט נאַציאָנאַליטעטן.

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד האָט אין גאַנג פון דער צוגרייטונג צו דער סאָציאַליסטישער רעוואָליוציע, אין פּעריאָד פון בויען די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט, אָנגעזאַמלט אַ גרויסע דערפאַרונג פון קאַמף סײַ קעגן אַנטיסעמיטיזם, סײַ קעגן ציוניזם. די קפּסס און די סאָוועטן־מעלוכע האָבן אויפגעטאָן מער, איידער עמעץ אַנדערש, אַז די אַרבעטנדיקע ייִדן זאָלן ווערן אויף אַן עמעס גלײַכבאַרעכטיקטע בירגער. מיטן לייזן אין סאָוועטנפאַרבאַנד די נאַציאָנאַלע פראַגע איז, נאַטירלעך, געלייזט געוואָרן אויך די ייִדן־פראַגע, ווי מיר האָבן זי באַקומען פונעם קאַפּיטאַליזם. אין פּססר איז דער אַנטיסעמיטיזם אויסגעריסן געוואָרן מיטן וואָרצל, ייִדן געניסן פון אַלע פּאָליטישע און בירגערלעכע רעכט, וועלכע זײַנען גאַראַנטירט דורך דער קאָנסטיטוציע. וועגן דעם, צווישן אַנדערס, זאָגן איידעס די אָנגאַבן, וועלכע ווערן געבראַכט אין דער טאַבעלע אויף ז. 190.

די סאָוועטישע געזעלשאַפט דערלאָזט ניט קיין דערשײַנונגען פון אַנטיסעמיטיזם, אין דער זעלבער צײַט קעמפט זי אַנטשיידן קעגן דער פײַנטלעכער ציִעניסטישער פּראָפּאַגאַנדע, וועלכע איז געוואָרן איינע פון די אַנטפּלעקונגען פונעם אַנטיקאָמוניזם.

די וואַקסנדיקע אינטערנאַציאָנאַליזירונג פון אונדזער גאַנצן לעבן באַטײַט ניט, אַז עס ווערן אָפּגעמעקט יעטווידע נאַציאָנאַלע באַזונדערקײַטן (מיר כאַזערן איבער, זייער דיסקאָנט פאַרבלײַבט אַלס וויכטיקע אויפגאַבע פון דער פּאַרטייִשער און מעלוכישער טעטיקײַט), זי איז אָן שום ספק מעכײַעוו דערצו, מע זאָל ביסלעכווײַז און קאָנסעקווענט איבערוקן די אַקצענטן פון די נאַציאָנאַלע אונטערשיידן אויף אַלגעמיינע שטריכן, וועלכע זײַנען אייגנטימלעך דעם סאָוועטישן פאָלק אינגאַנצן גענומען, דעם דאָר, וואָס איז דערצויגן געוואָרן דורך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע.

דער הײַנטיקער עטאַפּ פון דער קאָמוניסטישער בויונג איז כאַראַקטעריסטיש מיטן נײַעם ניוואָ אין דער אַנטוויקלונג פונעם פּאַטריאָטישן און אינטערנאַציאָנאַלן באַוווּסטזײַן פון די אַרבעטנדיקע. אין די מאַסן ווערט אַלץ מער אײַנגעפונדעוועט דער פאַרשטאַנד וועגן דעם פּריאָריטעט פון די אַלמעלוכישע, אַלפאָלקישע אינ־

די צעטיילונג פון וויסנשאפט־טוער און סטודענטן צווישן צוועלף גרעסטע נאציאָנאליטעטן אין פססר

	די צאל פון דער באפעלקערונג (אין טויזנטער) (1970)	סאכאקל וויסנשאפט־טוער		1 וויסנשאפט־טוער אף	די צאל סטודענטן (1970/71 אין טויזנטער)	1 סטודענט אף
		אין 1970	אין 1971	מענטשן		מענטשן
פססר	241 720	927 709	1 002 930	241	4 580,6	53
רוסן	129 015	611 883	666 059	193	2 729,0	46
אוקראַינער	40 753	100 215	107 475	378	621,2	66
ווײַסרוסן	9 195	18 968	20 538	440	130,2	62
אוזבעקן	5 931	12 140	12 928	712	150,7	61
טאָטערן	9 055	11 617	12 619	470	87,0	70
קאזאכן	5 299	7 905	8 629	499	100,3	53
אזערבײַדזשאַנער	4 380	13 017	13 998	313	86,0	51
ארמענער	3 559	20 194	22 056	162	81,5	44
גרוזינער	3 245	18 433	19 411	114	87,8	37
ליטווינער	2 665	8 168	8 751	304	49,8	53
ייִדן	2 151	64 392	66 793	32	105,8	20
מאָלדאוואנער	2 698	2 485	2 624	103	30,8	87

טערעסן. עס האנדלט זיך וועגן פאָרמירן אומעטום א געזעלשאפטלעכע מיינונג, פאר וועלכער עס זײַנען כאראקטעריסטיש ניט בלויז די קעגנזײַטיקע אכטונג פון די ארבעטנדיקע פון פארשיידענע נאציאָנאליטעטן, נאָר אויך דאָס ניט אָנעמען בעשום־אויפן קיינע אָפּווײַכונגען פון דער אינטערנאציאָנאליסטישער אידעאָלאָגיע און מאָראל.

עס איז ביז גאָר סימפּטאָמאטיש, וואָס די נײַע קאָנסטיטוציע, וועלכע גיט די סאָוועטישע מענטשן פון פארשיידענע נאציאָנאליטעטן ברייטע רעכט אין אלע לעבנס־געביטן, פארבינדט די פארווירקלעכונג פון די דאָזיקע רעכט מיט דער פּאָליטיק פון אלזײַטיקן דערנעענטערן אלע נאציעס און פעלקערשאפטן, מיט דערציִען די בירגער אין גײַסט פון סאָוועטישן פאטריאָטיזם און סאָציאליסטישן אינטערנאציאָנאליזם, און דערמיט גופא פארפעסטיקט זי געזעצגעבעריש די פארברידערטקײַט צווישן די פעלקער. ווי אומגעלומפערט עס זעען אויס אף דעם דאָזיקן פאָן די פאנטאסטישע אויסרעכענונגען פון די אידייִשע קעגנער פונעם סאָציאליזם, אז די סאָוועטישע געזעלשאפט וועט צעשפּאָלטן ווערן איבער די עטנישע און דעמאָגראפישע פראָצעסן.

דעם סאָוועטישן לעבנסשטייגער זײַנען טיף פרעמד אזעלכע פארקריפּלטע דערשײַנונגען, וועלכע זײַנען כאראקטעריסטיש פאר דער וועלט פונעם קאפּיטאליזם, ווי ראסן־דיסקרימינאציע, נאציאָנאלע דיסקרימינאציע, אפּארטעיִד און סעגרעגאציע. אונדזער אָרדענונג שליסט אויס וועלכע־ניט־איז דירעקטע אָדער אומדירעקטע באגרענעצונג פון די רעכט, דירעקטע אָדער אומדירעקטע פּריווילעגיעס פאר בירגער אפן סמאך פון ראסעווע אָדער נאציאָנאלע סימאָנים, זי האלט פאר אומגעזעצלעך יעטווידע פריידיקונג פון ראסעווער אָדער נאציאָנאלער אויסנעמלעכקײַט, סינע אָדער אנטיפּאטיע.

איצט, ווען דאָס סאָוועטישע פאָלק פײַערט דעם 60־יאָריקן אָקטיאבער־יובילײ, קלינגען מיט א באזונדער קראפט לענינס ווערטער: „אויב אין דער פריִערדיקער צײַט האָבן מיר פראָפּאגאנדירט מיט אלגעמיינע עמעסן, פּראָפּאגאנדירן מיר איצט מיט ארבעט. דאָס איז אויך א פריידיקונג, נאָר דאָס איז א פריידיקונג מיט טאט...” (ב. 38, ז. 198).

די אינטערנאציאָנאלע פארברידערטקײַט פון די פעלקער, וואָס האָט זיך אײַנגעפונדעוועט בא אונדז אין לאנד, — איז איינער פון די סאמע עפעקטיווע ארגומענטן פונעם סאָציאליזם אין זײַן היסטאָרישן שטרײַט מיטן קאפּיטאליזם, דאָס פאָרבילד פון דער קינפטיקער אלוועלטלעכער פארברידערטקײַט פון די פעלקער.

דרײַ אמעריקאנער געזאנדטע אין מאָסקווע וועגן דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע און וועגן פּסשר

דאָס איז טשיקאַווע

דער פּראָפעסאָר פונעם פּרינסטאָנער אוניווערסיטעט דזשיימס בילינגטאָן האָט געשריבן מיט א צײַט צוריק אין דער אמעריקאנער אויסגאבע „וואָרלד פּאָליטיקס”: „אויב די הויפּט־אופגאבע פון יעדן דענקער פון נײַנצעטן יאָרהונדערט איז געווען — פעסטשטעלן זײַן באציִונג צו דער פראנצויזישער רעוואָליוציע, איז די צענטראלע אופגאבע פונעם הײַנטיקן דענקער — אָפּשאצן די רוסישע רעוואָליוציע”. דער פּראָפעסאָר האָט, פארשטייט זיך, געהאט אין זינען די גרויסע סאָציאַליסטישע אָקטיאבער־רעוואָליוציע.

בעעמעס, שוין זעכציק יאָר, ווי נײַע און נײַע דוירעס בורזשואזע אידעאָלאָגן און פּאָליטיקער זײַנען געצוווּנגען צו לייזן אָט די אופגאבע. זיי לייזן זי אַף א פארשיידענעם אויפן, ווי מע קאָן זיך אָנשוילעך איבערצײַגן אַפן בײַשפּיל פון דרײַ אמעריקאנער פּאָליטיקער, וועלכע זײַנען אין פארשיידענע צײַטן געווען געזאנדטע פון די פאראייניקטע שטאטן אין פּעטראָגראד און אין מאָסקווע.

אין דעקאבער 1917, אנערעך אין א כוידעש ארום נאָכן „אווראָרא”־זאלפּ, האָט טשארלז פרענסיס, דער אמעריקאנער געזאנדטער, וואָס איז געבליבן אינעם רעוואָליוציאָנערן פּעטראָגראד נאָכן פאלן פון דער צײַטווײַליקער רעגירונג, אינפאָרמירט דעם מעלוכע־דעפּארטאמענט פון די פאראייניקטע שטאטן: „איך האלט פאר אומעגלעך, אז די סאָוועטן־רעגירונג זאָל זיך האלטן א וויפל־ניט־איז לענגערע צײַט”.

די רייד פון אָט דעם „נאָווי” האָבן איבערגעכאזערט די קארפּנקעפּ פון די מאָנאָפּאָליעס, די רעאקציאָנערע פּרעסע.

די סאָציאַליסטישע רעוואָליוציע האָט אָבער געמאכט צונישט די פּלענער און פּראָגנאָזן פון אירע פילצאָליקע סאָנים, וועלכע האָבן געהאָפּט אַף די קויכעס פון דער קאָנטררעוואָליוציע, אַף די באגנעטן פון די אינטערווענטן, אַף דער עקאָנאָמישער בלאָקאדע, אַפן כורבן און אַפן הונגער, און שפּעטער — אַף די האָרדעס פונעם פאשיזם. דער סאָציאַליזם, וואָס איז געוואָרן א וועלט־סיסטעם, האָט זיך אײַנגעפונדעוועט ענדגילטיק. און ניט געקוקט אַף די רעכילעס־קאמפּאניעס, האָבן די ניכטערע טוער פון דער קאפּיטאַליסטישער וועלט ווילנדיק־ניט־ווילנדיק אנערקענט די גרויסע דעראָבערונגען פונעם סאָציאַליזם.

אָט וואָס עס האָט אין 1967 געשריבן אין זשורנאל „לוק” איינער פון די עלטסטע פּאָליטישע טוער פון די פאראייניקטע שטאטן, דער געוועזענער געזאנדטער אין סאָוועטנפארבאנד אווערעל הארימאן: „ווען די באָלשעוויקעס האָבן גענומען די מאכט אין רוסלאנד, זײַנען אין מײַרעוו געווען ווייניק מענטשן, וועלכע האָבן געגלייבט, אז די רעוואָליוציע וועט זיך לאנג האלטן. פאקטיש האָט מען פאָרויסגעזאָגט, אז די באָלשעוויקעס וועלן אראָפּגעשלײַדערט ווערן אין מעשעך פון פינף יאָר. מיט דער דאָזיקער פאָרויסזאָגונג וועגן דעם „אונטערגאנג פון די באָלשעוויקעס אין מעשעך פון פינף יאָר” האָט מען זיך געטרייסט אַזוי לאנג, ביז מע האָט ניט פארשטאנען, אז די רעוואָליוציע איז געשען, קעדיי בלײַבן”. און ווײַטער: „מע מוז זיך אָפּגעבן א כעזשבן אין דעם, אז דער סאָוועטנפארבאנד האָט זיך דערשלאָגן איבערראשנדיקע דערגרייכונגען”.

און, ענדלעך, די מיינונג פונעם געוועזענעם געזאנדטן, דעם היסטאָריקער דזשאָרדזש קענאן, וועמען מע קאָן אויך ניט פארעכענען צו די סימפּאטיזירער פונעם סאָציאַליזם. ניכטער אָפּשאצנדיק די רעאלע פאקטן, האָט ער געשריבן אינעם זשורנאל „פאָרין אפערס”: „מע מוז אנערקענען, אז די רוסישע רעוואָליוציע איז די גרעסטע פּאָליטישע געשעעניש פון הײַנטיקן יאָרהונדערט. זי פארדינט אזא סטאטוס אדאנק איר טיפסטן אײַנפלוס אַף א גרויסן טייל פון ערדקײַלעך... מע דארף געדענקען, אז דאָס פארווירקלעכן די אינערלעכע פּראָגראם פונעם רוסישן קאָמוניזם איז איבערגעריסן און פארהאלטן געוואָרן בעערעך אַף צען יאָר איבער די מילכאָמע־אָנשטרענגונגען פון די 40־ער יאָרן, אָנשטרענגונגען, וועלכע האָבן, קאָן מען זאָגן, לויט זייערע מאסשטאבן קיין גלײַכן ניט אין דער קריגס־געשיכטע פון דער מענטשהײַט. שוין בלויז אָט די אָנשטרענגונגען קאָן מען האלטן פאר איינער פון די גרעסטע דערגרייכונגען פונעם רוסישן פאָלק, פאר א נאָבעלן באווײַז פון זײַן אומגעהערטער פעיִקײַט צו העראָיזם, שטאנדהאפטיקײַט און מעסירעסנעפעש לעשעם דעם ציל”.

כאראקטעריזירנדיק ווײַטער די אָנפירנדיקע ראָליע פון דער קאָמוניסטישער פארטיי אַף אלע עטאפּן פון דער רעוואָליוציע און פון דער סאָציאַליסטישער, קאָמוניסטישער בויונג, האָט דזש. קענאן געשריבן: „אינעם רעאליזירן זייערע ווײַטגייענדיקע סאָציאַלע פּלענער, אינעם דערגרייכן דעם איצטיקן ניוואָ פון דער אינדוסטריאַליזאציע פון דעם לאנד און פונעם אנטוויקלען די נײַע טעכניק, אינעם פארווירקלעכן די פעסטע, אנטשיידנדיקע און אין פיל הינזיכטן באגײַסטערנדיקע אָנפירונג אינעם קאמף קעגן די ארמייען פונעם דײַטשישן פאשיזם, אין דער פעיִקײַט צו דינען אלס א באגײַסטערנדיקער פּאָליטישער בײַשפּיל פאר פיל ראדיקאלע, סאָציאַליסטישע קרעפטן אין גאָר דער וועלט, — אין אָט די אלע דערגרייכונגען האָט די קאָמוניסטישע פארטיי פונעם סאָוועטנפארבאנד מיט איר ענערגיע און ווילן זיך ארויסגעוויזן ניט בלויז אלס די גרעסטע פּאָליטישע אָרגאניזאציע פון אונדזער יאָרהונדערט, נאָר אויך אלס אזא, וואָס איז ווערט דעם כאראקטער פון דער רוסישער רעוואָליוציע — פון דער גרעסטער פּאָליטישער געשעעניש פונעם יאָרהונדערט”.

נ. קורדיומאָוו

זאָל זייַן מיט מזל

אין מאָסקווע האָבן זיך פאַנאַנדערגעוויקלט די צוגרייטונגס־ארבעטן אַף צו שאפן א ייִדישן מוזיקאלן קאמער־טעאטער. קעדיי צוזאמענשטעלן די טרופּע און דעם אָרקעסטער, ווערט געמאָלדן אן אלפארבאנדישער קאָנקורס פון זינגער, טענצער, דראמאטישע ארטיסטן, מוזיקאנטן. מע קאָן דערווארטן, אז צום אָנהייב פונעם קומענדיקן יאָר וועלן אָפּגעקליבן ווערן די בעערעך פינף מיט א האלבן צענדליק ארטיסטן (פון זיי אָנדערהאלבן צענדליק אָרקעסטראנטן), און דער קאָלעקטיוו וועט צוטרעטן צו די רעפּעטיציעס.

די דאָזיקע ביז גאָר וויכטיקע געשעעניש אינעם אנטוויקלונגס־פּראָצעס פון דער סאָוועטישער ייִדישער קולטור וועט צוציִען די אויפמערקזאמקייַט פון דער ברייטער געזעלשאפטלעכקייַט. ס'איז קעדיי שוין איצט אָפּמערקן פּאָלגנדעס.

דער טעאטער פאָרמירט זיך אין מאָסקווע, אָבער דער „דאך איבער זייַן קאָפּ", די קערפּערשאפטן, וואָס האלטן איבער אים שעפּטום און נעמען שוין איצט מיט א ברייטער האנט אייַנצושאפן פאר אים א סטאבילע מאטעריעלע באזע — זייַנען די מעלוכישע קולטור־אָרגאניזאציעס פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט, די פילהארמאָניע אין דער הויפּטשטאָט פונעם סאָוועטישן ווייַטן מיזרעך כאבאראָווסק. פונדאנען דרינגט ארויס די פּאָליטישע באדייַטונג פונעם באשלוס וועגן גרינדן דעם נייַעם טעאטער. עס פאָדערט זיך ניט קיין גרויסע פאנטאזיע, קעדיי אייַנזען, ווי פרוכטבאר עס קאָן זייַן אפן איצטיקן עטאפּ די צוזאמענטרעפונג פון עכטסאָוועטישער ייִדישער מוזיקאלער קולטור מיט דער אלץ מער קרעפטיק ווערנדיקער ביראָבידזשאנער ווירקלעכקייַט.

דער צווייטער מאָמענט, וואָס דארף אָפּגעמערקט ווערן, איז דער ערנסטער מאסשטאב, וועלכער איז כאראקטעריסטיש פאר די אָנהייבבאמיִונגען אין אָט דעם איניען. עס גייט א רייד וועגן אזא שעפערישן און אָרגאניזאציאָנעלן פארמעסט, וואָס איז אייגנטימלעך בלויז פאר א מעלוכישן גרויספארנעמערישן טעאטער. די גאסטראָל־קארטע פונעם נייַעם קאָלעקטיוו וועט זיך שפרייטן איבערן גאנצן סאָוועטנפארבאנד און איבער אנדערע לענדער. זייַן רעפּערטואר וועט גלייַך פון דעם סטארט אויפאָדערן די העכסטע פּראָפעסיאָנעלע כאראקטעריסטיקעס פון אויספילערישער און רעזשי־קונסט.

דער כאראקטער גופא פון דעם קומענדיקן טעאטער, ווי ס'איז איצט פארטראכט געוואָרן, פירט ארויף אפן געדאנק וועגן זייַן אָנגעבונדנקייַט צו די בעסטע טראדיציעס פון דער ייִדישער בינע־קונסט. גענוג צו דערמאָנען, אז א מוזיקאלער איז געווען גאָלדפאדנס טעאטער; דער מאָסקווער גאָסעט איז אופגעקומען אלס קאמער־טעאטער; איינע פון מיכאָעלסעס לעצטע שטעלונגען איז געווען דאָס „מיוזיקל" (אויב אָנווענדן די הייַנטיקע טערמינאָלאָגיע) „פרייַלעכס", און, אורטיילנדיק לויט די ערשטע ארויסזאָגונגען פון דער אָנפירונג פונעם נייַעם טעאטער, איז פאראן א פלאן צו אָנהייבן זייַן טעטיקייַט מיט א באנייַטן „פרייַלעכס"...

ס'איז אויך נייטיק אָפּצומערקן די נעטיִע פון די פּראָיעקטירער פונעם ייִדישן מוזיקאלן קאמער־טעאטער צו הייַנטצייַטיקע פאָרמען, בא דער אָפּהיטונג פונעם נאציאָנאלן יעסאָד. יעדנפאלס, אויב ס'איז נאָך ניטאָ קיין גרונט צו לויבן וועמען־עס־איז אין דעם פראט, ווייַל מיר קאָנען דערווייַל ניט זען דעם רעפּערטואר־מאטעריאל, לויט וועלכן דער צושויער וועט מישפּעטן, איז ווינטשנסווערט דערווייַל ארויסזאָגן דעם פארלאנג, אז אין דער פּראקטישער טעטיקייַט פונעם קאָלעקטיוו זאָל דער דאָזיקער גרונט־פּרינציפּ אָפּגעהיט ווערן. ייִדישע נעגינע און טאנץ, איבערגעשאָטן מיט פאָלקס־הומאָר און פאָלקס־כאָכמע, מיט דראמאטישער שפּיל, אָן וועלכער עס באגייט זיך ניט א באליביק ייִדיש טעאטער, וועלן, האָפנטלעך, טראָגן מיט זיך די כאראקטעריסטישע נאציאָנאלע אינטאָנאציעס, די מימיק און דעם זשעסט אינעם טאנץ, דעם ייִדישן מעלאָס, די אייגנטימלעכע ריטמיק, — און דאָס אלץ וועט זייַן באנייַט מיט הייַנטיקייַט, באלויכטן און באגייַסטערט מיט דעם נייַעם מאצעוו פונעם שטאָלצן סאָוועטישן ייִדן, וועלכער איז גייַסטיק און אידייִש נאָענט — סייַ אין שטייגער,

סײַ אין דער קונסט — צו די אנדערע סאָוועטישע פעלקער, צום גרויסן רוסישן פאָלק.

דער גאָלדענער פאָדעם פונעם ייִדישן טעאַטער האָט זיך אין סאָוועטנפארבאנד ניט איבערגעריסן. בא הײַנטיקן טאָג, פונקט אין דעם זעלבן מאָמענט, ווען עס ווערט געבוירן אזא אויסטערליש נײַער פאר דער ייִדישער בינע קאָלעקטיוו, שפּילן מיט דערפאָלג דער מאָסקווער ייִדישער דראמאטישער אנסאמבל, די פאָלקס־טעאטערן אין בירא‌ָבידזשאן און אין ווילנע, ווי אויך זעלבסטעטיקע עסטראדע־קרײַזן אין אנדערע שטעט. און, פארשטייט זיך, אין היסטאָרישן פּלאן איז קלאָר פאר אלעמען, אז דער נײַער סאָוועטישער ייִדישער מוזיקאלער קאמער־טעאטער קומט ניט אף קיין פּוסט אָרט.

איינע פון די דערגרונגען (?) —

דער מאָדערנער צײַט פארמאָגט דעם אלטן קיישעפדיקן פאָרהאנג, און ס׳איז נאָך ניט באוווּסט, וואָס עס טראכט וועגן דעם די קומענדיקע רעזשיסור פונעם ייִדישן מוזיקאלן קאמער־טעאטער, דאָך וועלן מיר זאָגן:

ווען עס וועט זיך אופהייבן דער פאָרהאנג און טויזנטער אויגן און אויערן וועלן מיט א באזונדערן ציטער זיך ווענדן צו דער בינע, — דאן זאָל אנטשטיין פארן צושויער פונעם נײַעם און באנײַטן סאָוועטישן ייִדישן טעאטער דער סאָוועטישער מענטש פון אונדזער עפּאָכע, א ייִד, וואָס מע קאָן אים זען און הערן בלויז בא אונדז, אינעם לאנד פון סאָציאליזם, א ייִד אין דער גרויסער סאָוועטישער פילנאציאָנאלער פעלקער־מישפּאָכע.

לאָמיר נאָכשפּירן, ווי אזוי עס קומט ארויס מיט זײַנע ערשטע טריט דער יונגער סאָוועטישער ייִדישער מוזיקאלער קאמער־טעאטער.

זאָל זײַן מיט מאזל!

ארן ווערגעליס

מעלדונג

דער ייִדישער מוזיקאלישער קאמער־טעאטער מעלדעט א קאָנקורס אף צו פארטרעטן די וואקאנסיעס פון זינגער, ארטיסטן פון באלעט און דראמע און פון מוזיקאנטן־קאָנצערטמייסטערס אין אָרקעסטער.

פּראָטים לויטן אדרעס:

מאָסקווע, קוּוסינען־גאס, 19־א, צענטראלער קולטור־הויז!

טעלעפאָנען: 66־92־195, 39־90־195.

ОБЪЯВЛЕНИЕ

Камерный еврейский музыкальный театр объявляет конкурс на замещение вакантных должностей артистов-вокалистов, артистов балета, артистов драмы, солистов оркестра-концермейстеров.

Справки по адресу:

Москва, ул. Куусинена, 19-а, Центральный дом культуры.

Тел. 195-92-66, 195-90-39.

Collected Works, vol. 40, p. 48. In Russian). Among the items about the October Revolution and the creative work of the Soviet people, the writings of progressive Western European and American authors Abraham Reizen, Moishe Katz, Peisakh Binetsky, Halpern Leivick and Peretz Hirshbein have retained their importance to this day. They express a sense of gratitude to Lenin and tell with enthusiasm about the Soviet people, including the "new Jew" who has grown up in this country. "The Girl Partizan" by Reizl Zhikhlinskaya and "Thank You, Liberators!" By G. Kenig are dedicated to the wartime feats of our heroes. In an article "The Time Will Come", by the distinguished progressive American man of letters and public figure Moishe Olgin, we read: "The spring storm of history . . . swept the ice-floes and rot from a sixth part of the world and filled the land with the strength for new prosperity."

Our literary criticism section includes the articles "An Art that Looks to the Future" by U. Guralnik (D. Phil.) of Moscow, and "October and Jewish Literature" by G. Remenik (D. Phil.) also of Moscow. "It is only possible," writes U. Guralnik, "to appreciate at its true worth the contribution made by Soviet multinational literature to the spiritual life of mankind in the context of the history of our country and of the world during the six decades since the October Revolution." A scientific analysis in depth of this era is given in the Decree of the CC CPSU on January 31, 1977, "On the 60th Anniversary of the Great October Socialist Revolution". As is emphasised in this document, which sums up the results and indicates the prospects of development for our society: "Socialism has given the workers the widest possible access to knowledge and to the treasures of spiritual culture. . . . The materialist outlook on life is now uppermost in the social consciousness. Soviet literature and art have prospered; they are making an enormous contribution to the whole of world culture." The documents and resolutions of the 25th Congress of the CPSU point to the rising role of the art and literature of socialist realism in consolidating the ideological and moral codex of communism and in educating the Soviet people and the rising generations.

Our Jubilee issue of "Sovietish Heimland" ends with an article by E. Bagramov (D. Phil.) of Moscow, "The Internationalist Brotherhood of the Builders of Communism", in which a wide range of factual material is drawn upon to pose the current questions concerning the theory of inter-nation relations in developed socialist society. "Lenin's nationalities policy," writes Bagramov, "proceeds from the fact that the convergence of nations and peoples is an objective process dictated by life itself. Socialism is qualitatively transforming the nations and the peoples, is filling national characteristics and traditions with a new content and is inseverably linking them up with internationalist processes." Bagramov attacks the hastily formed conceptions according to which internationalism will inevitably lead to denationalisation in a short space of time. He discusses the historical experience of the CPSU's struggle with Zionism and with fascism. "The solution of the nationalities question in the USSR naturally brought with it the solution of the Jewish question as handed down to us from capitalism. Antisemitism has been eradicated in the USSR, and citizens of Jewish nationality enjoy all the political and civil rights guaranteed by the Constitution."

Translated by Alex Miller

Jewish masses. The Jewish Autonomous Region is yet one more link in this marvellous Bolshevik method of remaking man. . . . Welcome to the liberated Jew, brother, comrade and fellow warrior in the great cause of socialist construction! Greetings to the new strong and healthy Soviet Jew, the outstanding worker at our factories and on our collective farms!"

Contemporary Soviet Jewish poetry is represented in our Jubilee issue by a verse cycle entitled "Beautiful, Boundless, Precious Land". The section opens with a poem, "The *Aurora* Opens Fire" by Buzi Miller of Birobijan.

Then suddenly the *Aurora* thundered
And stabbed the dark with searing light,
And in that flame from blood and anguish
A brand new world was born that night.

That thunder rounded off an era
And opened up another one;
It blew the unwanted past to pieces,
Announcing greater times to come.

Not only was the Winter Palace
A target for the *Aurora*'s shell,
But to that deafening roar years later
The German Reichstag also fell.

And when into the starry heavens
A Soviet Sputnik first went soaring,
The signal that it sent still echoed
That early gunshot from the *Aurora*.

Far, far into the distant future
Her fire was aimed, relentless, true:
The whole world for the working people,
Yes, and the Solar System too!

Then come the poems "Together With Me" and "Wish" by Dora Khaikina of Kiev, "My House" and "From Generation to Generation" by Mendl Lifshitz of Moscow, "Sixty Springtimes" by Haim Gurevich of Novosibirsk, "Together" by Motl Talalayevsky of Kiev, "Be Ready" by Boris Mogilner of Moscow, "Preserve Peace" by Lipa Geller of Smolensk and "Our Emblem" by Max Riant of Samarkand.

The October Revolution and the building of socialism in the USSR have had a tremendous impact on the spiritual life of mankind and on the mood of the progressive intelligentsia throughout the world. This is illustrated, in particular, by the items published in the section *Foreign Publicists and Writers on the October Revolution in the USSR*. An excerpt from the American John Reed's famous book, *Ten Days That Shook the World*, makes particularly interesting reading. Reed was in Petrograd during the October events and the first in the West to tell about the victory of the Russian Revolution. Lenin thought very highly of Reed's book, and he wrote in the foreword to the American edition: "It gives a truthful and unusually lively written portrayal of the events so important for an understanding of what the October Revolution and the dictatorship of the proletariat are all about" (V. I. Lenin,

In a matter of days one frosty January in 1891, the tsar's police drove twenty thousand Jewish artisans and poor people out of Moscow. "The Jews in Russia," wrote Senator Palen, the chairman of the so-called Commission on the Jewish Question, "are a mass of people living from day to day in poverty and in the most appalling sanitary and domestic conditions." At the same time, "Sovietish Heimland" furnishes evidence of an alliance between the Jewish bourgeoisie and ecclesiastics on the one hand with the Russian chauvinist exploiters and pogrom-makers on the other, of class unity among the enemies of the workers.

The party of Lenin waged a tireless and unremitting struggle against chauvinism and nationalism in whatever form it might appear. One of the documents published in our current issue is a draft law on equal rights for all nationalities, introduced by the RSDLP faction at the 4th State Duma. The Social Democratic Labour Party called for the abolition of legal restrictions on Jews as on other "non-Russians" and for the recognition of all citizens of Russia as equal before the law, irrespective of origin and national identity, sex and religious faith.... The draft law and a commentary to it were published by the newspaper "Put pravdy" ("The Way of Truth") No. 48, 10th April (28th March), 1914.

In the current issue of "Sovietish Heimland", a large section headed *Reflections on the Road We Have Travelled* contains sketches, essays and articles by a number of leading writers, including the founders of Soviet Jewish literature. The topics covered are the first five-year plans, the emergence of a new way of life, the friendship between the Soviet peoples, and transition of the Jewish masses to production. These items form a unified and coordinated cycle recording the features of life among the people in the post-Revolution epoch. Among them are "Leningrad" by Der Nister, "Comrade Armour Plating" by David Bergelson, "Life Among the Tillers of the Soil" by Iekhezkl Dobrushin, "Down the Mineshaft" by Meyer Alberton, "On the Steel Highways" by Moishe Aronsky, "The House" by Yankel Yankelevich, "The New Jewish Family" by Peretz Markisch, "The Urals Generation" by Shmuel Persov, "The Constitution Learned by Heart" by Lipman-Levin and "Two Homes" by Itzik Kipnis.

The reprinted material appended to these essays and articles includes quotations from statements by outstanding leaders of the Communist Party of the Soviet Union and the Soviet state on the nationalities question. A Decree by the All-Ukrainian Central Executive Committee and the Council of People's Commissars of the Ukrainian Soviet Socialist Republic of May 19, 1926 "On Measures to Improve the Position of the Jewish Toiling Masses" was signed by G. I. Petrovsky, Chairman of the All-Ukrainian CEC. On March 28, 1928, the Presidium of the Central Executive Committee published a Decree, bearing the signature of "all-Union elder" M. I. Kalinin, on the allocation of the Birobijan Region in the Far Eastern Territory for settlement by working-class Jews. In his article "A New Man Is Born", N. A. Semashko, the first People's Commissar for Public Health in Lenin's government, wrote of the enormous political, social and economic significance of the foundation of the Jewish Autonomous Region in Birobijan. Excerpts from this article are published in "Sovietish Heimland". "In the Soviet Union," wrote Semashko, "a new, strong, healthy and happy generation is growing up among the

The section *Far and Wide in the Land of October* contains what are, in fact, three news reports in verse. Identical in theme, they form a cycle of poems about life in the Soviet Union today, about the changes that have taken place since the Great October Revolution: "A Chronicle of the Village of Linets", by Nakhmen Sakhar of Kiev, "Riga Reminiscences" by Zyama Timenchik of that city, and "Pictures of Present-Day Bobruisk" by Hirsch Reles of Minsk. These news reports in verse are filled with genuine optimism and profound faith in the creative powers of the people. For instance, talking about the old and the renewed city of Bobruisk, Hirsch Reles ends his poem with the following lines:

> Here the two worlds are intermingled
> Of time and of the generations.
> And though some signs of age are showing,
> There's also constant restoration.
>
> Here's my conclusion. The sun shines brightly
> Upon this city everywhere!
> The generations of the future,
> I know, shall be still happier.

All is grasped through comparison. A digression into the past is justified if we are to evaluate what has been achieved by the people in the six decades since the October Revolution, striving to understand the logic of development, and see the prospects in store for our movement. The Jubilee number of "Sovietish Heimland" offers a selection of documents illustrating life in the former "permitted zones" and the social, economic and national oppression to which tsarist Russia–that prison of the peoples, as Lenin called it–subjected the working class Jews, condemning them to poverty and degeneration. Convincing facts are adduced to show that the Jewish working people were virtually outlawed. They were not permitted to take part in production activities. Of every hundred Jews, only thirty earned their living by productive work, and of these only 4 per cent were occupied in industry and 11 per cent in handicrafts. Over 55 per cent of the Jewish population were small tradespeople and "persons of no fixed trade". Under the "Regulation" of 1804, the "Statute on Passports" of 1904 and other official decrees of the tsarist government, Jews in Russia were permitted to live in strictly designated gubernias and to engage only in a very narrow range of trades.*

Among the "statutes", "regulations", "circulars" and other documents legalising the persecution of people by nationality, there is the never-to-be-forgotten circular signed in 1887 by Delyanov, the reactionary Minister of "public education", limiting educational opportunities for young Jewish people.

* After the October Revolution, striking changes took place in the social composition of the Jewish population. The American publicist Moishe Katz (an article of his, dated 1937, is printed in the current issue of "Sovietish Heimland") wrote on this subject: "The déclassé 'person of no fixed trade' has completely disappeared from among the three million Soviet Jews. . . . The Jews have also given up the small trades. By the end of 1926, there were already about 163 thousand industrial workers among the Jews in the Soviet Union; towards the end of 1930, the number of Jewish industrial workers had risen to 227 thousand, and in 1935 it was 560 thousand. Moreover, these 560 thousand (at least 625 thousand by 1937) were engaged almost exclusively in heavy industry and on construction projects. . . ."

kent, rebuilt after the disastrous earthquake, Haim Beider cannot help thinking of the harsh autumn of 1941. Our troops were retreating from Kiev, Kharkov and Smolensk. The enemy was blockading Leningrad. Fierce battles raged on the approaches to Moscow. Endless trainloads of evacuees were on the way to Tashkent. Children were arriving in their thousands. All of them found food and shelter waiting for them, and, above all, warmth, affection and a truly maternal concern for their welfare.

Haim Beider tells the now almost legendary story of Shaakhmed Shakhmuradov, the blacksmith of the Telman kolkhoz, and his wife Bakhriton Akramova. They adopted sixteen orphans of different nationalities: Gypsy, Tatar, Kazakh, Russian, Uzbek, Moldavian, Chuvashian, Byelorussian, Ukrainian and Jewish. Shaakhmed and Bakhriton brought them up, cared for them, and helped them to find their place in society.

The author of these travel notes about Soviet Central Asia is a poet. Moved by what he saw and heard, he intermingles the narration with verse. One poem is about a little Jewish boy named Rakhmat (the word means "thank-you") who has grown up with an Uzbek family. Haim Beider devotes many pages to Tashkent, the beautiful city that rose again from the ruins, to the places of interest there and, of course, to the people who are the real treasure of Uzbekistan's capital. The writer, who went there on an assignment for "Sovietish Heimland", met readers who are keenly interested in Soviet Jewish literature and follow closely the latest books in Yiddish. One such memorable encounter was his meeting with Peisi Liberman. A top-grade milling machine operator, he has worked for fifteen odd years at the Tashkent Radio Factory. His press moulds are famous all over the city. He has been honoured with the right to put his personal mark on his production.

Before the war, Liberman, like Beider himself, used to attend a literary studio in Odessa. Meeting again after forty years, the former studio members, needless to say, get talking about their old friends and comrades whom war scattered all over the country. It is noteworthy that, after qualifying as a highly skilled machine operator, the ex-member of the Odessa Jewish literary studio did not abandon the pen. Liberman is now finishing a book about the Bershad ghetto, about the heroes of the antifascist resistance, the partisans of the Great Patriotic War. One such hero mentioned is Naum Ladyzhensky, whom Beider met in Birobijan. After the war, Ladyzhensky managed a department at one of the state farms in the Jewish Autonomous Region.

History and the present are mutually interconnected. Before flying back from Tashkent, the author visited the memorial to the fourteen Turkestan commissars killed in January 1919. The monument stands in a small garden on the busy square outside the railway station. The names of Vsevolod Botintsev, Semyon Gordeyev, Alexander Malkov, Mikhail Troitsky and the other commissars are covered in eternal glory. One of them was Mikhail Kachuriner. At nineteen years of age, he joined the party of Lenin and fought rifle in hand for the power of the Soviets in Kiev. In 1918, he was appointed People's Commissar of Finance for the Turkestan Republic. A talented journalist and public speaker, he was killed when barely twenty-two years old. His colleague, the commissar Wolf Finkelstein, was ten years his senior. This tried and tested soldier of the Revolution was elected Deputy Chairman of the Tashkent Soviet.

came reality. Not all of them lived to see it come true. May the memory of them be sacred for all time!"

Bloshtein, who personally witnessed, during emigration, the falseness of bourgeois "democracy" and the inhumanity of the bourgeois way of life, writes with wrath and contempt of the so-called dissidents, the renegades, the enemies of socialism. It is no accident that they have sheltered under the wings of spurious champions of "human rights".

"Now, when I am entering the eighty-second year of my life, I sometimes ask myself: What is happiness? In my country, when the young contemplate on this question, the answer is simple and clear: If you are healthy and satisfied with your work, if your family life is going well and you have thriving grandchildren, and, what is more, if you are socially active and doing something useful for your fellow human beings, then that is true happiness. In my boyhood years, the concept of happiness was not so obvious. The son of a pauper, even as child I had no love for the rich who lived at the expense of the poor. This feeling of hatred for capitalism runs through all my creative work, from my first book, published in Kaunas in 1923, to the collection of verse just brought out by Soviet Writer Publishers in Moscow. It is my profound conviction that man was born for happiness and that happiness will be won everywhere. In times when we are all living and breathing the 60th Anniversary of the October Revolution, I think that this is happiness indeed!" The essay ends with an address to his grandson, who is destined to live to the days of full and *world-wide* happiness.

A sketch "Master of Explosions" by B. and A. Burstein of Perm is dedicated to life today and creates the image of a scientist and innovator, an engineer, a man of unremitting creative thought. All his activities and all his ideas are subordinated to one goal: service to his homeland for the sake of its future prosperity. The writers have aptly conferred the name of Master of Explosions on Moisei Burstein, one of those enthusiasts on whose initiative radically new, effective and economically advantageous methods are being introduced into construction practice. In this case, it is about the application of directed blasts when building hydroelectric schemes in places difficult of access.

A sketch, it might seem, about a purely technical engineering problem, but it is written with great artistic power and makes gripping reading, for behind the technical problems there are living people constantly searching and completely absorbed in their work.

Moisei Burstein is a happy man. Modest, extremely tactful in his dealings with others, ready to give way to anyone, he is, as the author puts it, prepared to fight to the last ditch for his ideas. His many years of creative effort receive their just reward. The proposals of M. F. Burstein are included in the state plans for the 10th five-year period. Their implementation is expected to result in a saving of at least a thousand million rubles.

The authors of the sketch know their subject. They are engineers in the Urals.

The travel notes by Haim Beider of Moscow, "Meetings–From a Central Asian Notebook", describe a visit to Uzbekistan. The author's love for the country of the "while gold" is infectious. He feels very much at ease with the hospitable people who are settling this fortunate land. Flying to Tash-

RÉSUMÉ

"Sovietish Heimland" ("The Soviet Homeland"), No. 11, November, 1977

Our current issue, No. 11, is dedicated to the 60th Anniversary of the Great October Socialist Revolution. The focal event in the 20th century, it radically altered the course of human history. During the six decades since the Revolution, there have been tremendous changes in our country, which has built a mature and developed socialist society.

It is only fitting that this great festival should coincide with another outstanding event, the confirmation by a session of the Supreme Soviet of the USSR, after nationwide discussion, of the new Draft Constitution (Fundamental Law) of the Union of Soviet Socialist Republics.

Our current issue contains the text of the new Constitution, which has now come into force. This document of world-wide historical importance legislatively formalises the achievements of the Soviet people, who have created the world's first workers' state, the most remarkable democracy in the history of mankind.

The items in our Jubilee number, whether prose, poetry, publicism, literary criticism or documentary material, illustrate the road by which the multinational Soviet society achieved these heights. The instructive experience of our state is an inspiration to progressive mankind and to all people of good-will, instilling a firm belief in the future.

Far and Wide in the Land of October, a comprehensive selection of sketches and reflections about life in our country, begins with an essay "The Mother Country" by Hirsch Bloshtein of Chernovtsy. This Soviet Jewish poet, prose-writer and publicist, now eighty-one years old, has a great deal to tell our readers, especially the younger generation. He remembers the old Lithuania, where he grew up among the poor–Jewish, Lithuanian, Polish and Russian artisans. He remembers his first meetings with the revolutionaries, who were propagating their dream of a free, multinational Russia, maternally kind and just to all her children. He tells of his first still timid steps in the revolutionary movement; of the tragedy of the Jews driven out of the places where they had settled down by the tsarist authorities during the First World War; of the heroic times of the Great Patriotic War. The writer speaks with pride and gratitude of our country, which has become the Mother Country, a true homeland in which all peoples live as one family. With great feeling, Bloshtein expresses his acknowlegement to those whose lives were a heroic achievement so that millions might be happy. "Their radiant dream," he writes, "be-

в утверждении идейно-нравственного кодекса коммунизма, в воспитании советского народа, подрастающих поколений указывается в материалах и решениях XXV съезда КПСС.

Юбилейный номер «Советиш геймланд» завершается статьей доктора философских наук Э. Баграмова (Москва) «Интернациональное братство строителей коммунизма», в которой на широком фактическом материале ставятся актуальные вопросы теории межнациональных отношений в развитом социалистическом обществе. Ленинская национальная политика, — пишет ученый, — исходит из того, что сближение наций и народностей представляет собой объективный процесс, который диктуется самой жизнью. Социализм качественно преобразует нации и народности, наполняет новым содержанием национальные особенности и традиции, соединяет их неразрывно с интернациональными процессами.

Статья направлена против скороспелых концепций, согласно которым интернациональное неизбежно приведет уже в ближайший период к денационализации. Э. Баграмов уделяет внимание историческому опыту борьбы КПСС с фашизмом и всевозможными проявлениями расизма, шовинизма и буржуазного национализма. «С разрешением национального вопроса в СССР, естественно был решен и еврейский вопрос, как он достался нам от капитализма. Антисемитизм в корне уничтожен в СССР, а граждане еврейской национальности пользуются всеми политическими и гражданскими правами, гарантированными Конституцией».

Далее следуют стихи «Вместе со мной» и «Пожелание» Доры Хайкиной (Киев), «Мой дом» и «От поколения к поколению» Мендла Лифшица (Москва), «Шестьдесят вёсен» Хаима Гуревича (Новосибирск), «Вместе» Мотла Талалаевского (Киев), «Будь готов!» Бориса Могильнера (Москва), «Берегите мир» Липы Геллера (Смоленск), «Наш герб» Макса Рианта (Самарканд).

Октябрьская революция и строительство социализма в СССР оказали огромное воздействие на духовную жизнь всего человечества, на умонастроения передовой интеллигенции во всех странах мира. Об этом свидетельствуют, в частности, и материалы, публикуемые в разделе «Зарубежные публицисты и писатели об Октябрьской революции в СССР». С большим интересом читается отрывок из знаменитой книги американца Джона Рида «10 дней, которые потрясли мир». Рид был в Петрограде в дни Октябрьского переворота и первым на Западе рассказал о победе русской революции. Ленин высоко оценил книгу Джона Рида и в предисловии к её американскому изданию писал, что «она дает правдивое и необыкновенно живо написанное изображение событий, столь важных для понимания того, что такое октябрьская революция, что такое диктатура пролетариата» (В. И. Ленин. Полное собрание сочинений, т. 40, стр. 48) Среди материалов об Октябрьской революции и созидательной работе советских людей сохраняют значение по сей день произведения передовых еврейских писателей Западной Европы и Америки Аврома Рейзена, Мойше Каца, Пейсаха Бинецкого, Г. Лейвика, Переца Гиршбейна. В них выражено чувство признательности Ленину, рассказывается с восхищением о советских людях, в том числе о «новом еврее», выросшем в нашей стране. Воинскому подвигу наших героев повящены «Партизанка» Рейзл Жихлинской и «Спасибо вам, освободители!» Г. Кенига. В статье «Придет время» видного прогрессивного американского литератора и общественного деятеля Мойше Ольгина мы читаем: «Весенняя буря истории... смыла льды и ржавчину с шестой части мира и напоила землю силою для нового цветения».

В литературно-критический отдел этого номера «Советиш геймланд» включены статьи доктора филологических наук У. Гуральника (Москва) «Искусство, устремленное в будущее», доктора филологических наук Г. Ременика (Москва) «Октябрь и еврейская литература». По достоинству оценить вклад советской многонациональной литературы в духовную жизнь человечества, пишет У. Гуральник, «возможно только в контексте нашей отечественной и мировой истории за шесть послеоктябрьских десятилетий». Глубокий научный анализ этой эпохи дан в постановлении ЦК КПСС от 31 января 1977 года «О 60-й годовщине Великой Октябрьской социалистической революции». В этом документе, подводящем итоги и намечающем перспективы развития нашего общества, в частности, подчеркивается: «Социализм открыл трудящимся широчайший доступ к знаниям, к богатствам духовной культуры... В общественном сознании господствует научное материалистическое мировоззрение; расцвела советская литература и искусство, они вносят огромный вклад во всю мировую культуру». На возрастающую роль искусства и литературы социалистического реализма

В подверстанных к этим очеркам и статьям публикациям приводятся высказывания видных деятелей Коммунистической партии Советского Союза и Советского государства по национальному вопросу. Декрет Всеукраинского Центрального Исполнительного комитета и Совнаркома УССР от 19 мая 1926 года «О мерах по улучшению положения еврейских трудящихся масс» был подписан председателем ВУЦИК Г. И. Петровским. 28 марта 1928 года Президиум Центрального Исполнительного Комитета, за подписью «всесоюзного старосты» М. И. Калинина, обнародовал декрет о выделении Биробиджанского района Дальневосточного края для заселения трудящимися евреями. Первый нарком здравоохранения в возглавленном Лениным правительстве Н. А. Семашко в статье «Рождается новый человек» писал о колоссальном политическом, экономическом и социальном значении образования Еврейской Автономной области в Биробиджане. Отрывки из этой статьи публикуются в «Советиш геймланд». «В Советском Союзе, — писал Н. А. Семашко, — растет новое, крепкое, здоровое, жизнерадостное поколение и у еврейских масс. Еврейская Автономная область — еще одно звено в этом чудесном большевистском методе переделки человека... Привет освобожденному еврею, брату и товарищу, соратнику в великом социалистическом строительстве! Привет новому крепкому и здоровому советскому еврею, ударнику на наших заводах и колхозных полях!»

Современная еврейская советская поэзия представлена в юбилейном номере журнала циклом стихов «Прекрасная, бескрайняя, дорогая земля». Открывается поэтический раздел стихотворением Бузи Миллера (Биробиджан) «Выстрел Авроры».

«Авроры» залп над тьмою взвился,
Сияньем землю осеня,
И небывалый мир родился
Из крови, боли и огня.
Грядущей эры провозвестник,
Ушедшей эры конвоир,
Тот залп во мраке был ровесник
Зари, объявшей новый мир.
Он не в одни ворота метил —
Он бил во мглу времен — да так,
Что через толщь десятилетий
Тем залпом взорван был рейхстаг.
Он перед изумленным взором
Земли, глядящей в небеса,
Прошел как спутник — залп «Авроры»,
Виток победный описав.
Развеяв тьму, глухие стены,
Он шел над ширью мирных нив,
Пространство Солнечной системы
Рабочим людям отворив.

Перевод Л. Беринского

в России разрешалось жить в строго обозначенных губерниях и заниматься узким кругом профессий [1].

Среди «статутов», «регламентов», «циркуляров» и прочих документов, узаконивавших преследование людей по национальному признаку — подписанный реакционным министром «народного просвещения» Деляновым в 1887 году приснопамятный циркуляр о процентной норме, ограничивавший возможности еврейской молодежи в области образования.

В морозном январе 1891 года царская полиция в считанные дни выгнала из Москвы двадцать тысяч еврейских ремесленников и бедняков. «Евреи в России, — писал сенатор Пален, председатель так называемой «Комиссии по еврейскому вопросу», — это масса, живущая изо дня в день в нищете и страшнейших гигиенических и бытовых условиях». Одновременно журнал приводит свидетельства о союзе еврейской буржуазии и священнослужителей с великорусскими эксплуататорами и погромщиками, о классовом единстве врагов трудящихся.

Партия Ленина вела неутомимую и неустанную борьбу против шовинизма и национализма, в какой бы форме они не проявлялись. Один из документов, публикуемых в одиннадцатом номере «Советиш геймланд», — проект закона о национальном равноправии, внесенный в IV Государственную думу фракцией РСДРП. Социал-демократическая рабочая партия призывала отменить правовые ограничения как для евреев, так и для других «инородцев», признать равноправными перед законом всех граждан России, независимо от происхождения и национальной принадлежности, пола и вероисповедания... Проект закона и комментарии к нему появились в газете «Путь правды» (№ 48, 10 апреля (28 марта) 1914 г.).

Обширный раздел в этом номере «Советиш геймланд» носит название «Размышления о пройденном пути». Публикуются очерки, зарисовки, статьи ряда крупных писателей, в том числе основоположников советской еврейской литературы. Темы этих материалов: первые пятилетки, возникновение нового уклада жизни, дружба между советскими народами, продуктивизация еврейских масс. Материалы составляют единый, целенаправленный цикл, в котором запечатлены черты народной жизни в пооктябрьскую эпоху. Среди этих сочинений — «Ленинград» Дер Нистера, «Товарищ Броня» Давида Бергельсона, «Жизнь земледельцев» Иехезкла Добрушина, «В шахту» Меера Альбертона, «На стальных магистралях» Мойше Аронского, «Дом» Янкеля Янкелевича, «Новая еврейская семья» Переца Маркиша, «Уральское поколение» Шмуэля Персова, «Конституцию наизусть» Липман-Левина, «Два дома» Ицика Кипниса.

---

[1] После Октября в социальном составе еврейского населения произошли разительные перемены. Американский публицист Мойше Кац (его статья, относящаяся к 1937 г., перепечатана в настоящем номере «Советиш геймланд») писал по этому поводу: «В среде трех миллионов советских евреев полностью исчез тип деклассированного «человека воздуха»... Евреи также оставили мелкие ремесла. Уже к концу 1926 года среди евреев в Советском Союзе насчитывалось около 163 тысяч индустриальных рабочих, к концу 1930 года число еврейских индустриальных рабочих достигло 227 тысяч, а в 1935 году — 560 тысяч. Причем заняты эти 560 тысяч человек (в 1937 г. их было уже не менее 625 тысяч) почти исключительно в тяжелой промышленности и на строительстве»...

туркестанским комиссарам, погибшим в январе 1919 г. Памятник сооружен в сквере на людной привокзальной площади. Имена Всеволода Вотинцева, Семена Гордеева, Александра Малкова, Михаила Троицкого и других комиссаров покрыты вечной славой. Был среди них и Михаил Качуринер. В девятнадцать лет он вступил в партию Ленина, с оружием в руках сражался за власть советов в Киеве. В 1918 году он был утвержден народным комиссаром финансов Туркменской республики. Талантливый журналист и оратор, он погиб, едва достигнув двадцати двух лет. Его коллега комиссар Вольф Финкельштейн был старше его на десять лет. Опытного и испытанного солдата революции избрали заместителем председателя Ташкентского Совета.

Раздел «На просторах страны Октября» заключают три поэтических репортажа, фактически три поэмы. Они составляют единый по пафосу цикл о нашей современности, о преобразованиях, происшедших после Великой Октябрьской революции. Нахмен Сахар (Киев) выступает с репортажем в стихах «Хроника поселка Линец», Зяма Тименчик (Рига) — с «Воспоминаниями о Риге», Гирш Релес (Минск) — с «Картинками сегодняшнего Бобруйска». Поэмы-репортажи преисполнены неподдельного оптимизма, глубокой веры в созидательные силы народа. Так, рассказывая о старом и обновленном городе Бобруйске, Гирш Релес завершает поэму следующими строками:

Род приходит, род уходит.
Смена сроков и времен.
Род, отживший срок в природе,
Снова будет обновлен.

Неподвластно солнце тлену
С древних пор и посейчас.
Род, идущий нам на смену,
Будет счастливее нас.

Перевод Л. Беринского

Всё познается в сравнении. Оценить достигнутое народом за шесть послеоктябрьских десятилетий, понять логику развития, увидеть перспективы нашего движения позволяет экскурс в прошлое. В юбилейном номере «Советиш геймланд» дана подборка документальных материалов, характеризующих жизнь в бывшей черте оседлости, социальное, экономическое и национальное угнетение, которым в царской России, этой, по словам В. И. Ленина, тюрьме народов, подвергались трудящиеся евреи, обреченные на нищету и вырождение. Приводятся убедительные факты, которые свидетельствуют о том, что евреи-трудящиеся по существу находились вне закона. Их не допускали к производственной деятельности. Из каждых ста евреев только тридцать зарабатывали на жизнь продуктивным трудом, из них только 4% были заняты в промышленности, 11% — в ремесленничестве. Свыше 55% еврейского населения являлись мелкими торговцами и «людьми воздуха». По «Регламенту» 1804 г., «Статуту о паспортах» 1904 г. и другим официальным установлениям царского правительства евреям

Путевые заметки Хаима Бейдера (Москва) «Из среднеазиатского блокнота» — писательский отчет о поездке в Узбекистан. Автор влюблен в край «белого золота» и заражает своей любовью читателя. Ему по душе гостеприимный народ, населяющий эту благодатную землю. Прилетев в возрожденный после разрушительного землетрясения Ташкент, Х. Бейдер невольно вспоминает суровую осень 1941 года. Наши войска тогда оставили Киев, Харьков, Смоленск. Враг блокировал Ленинград. Ожесточенные бои происходили на ближних подступах к Москве. В сторону Ташкента нескончаемым потоком шли эшелоны с эвакуированными. Прибывали поезда с детьми. Их было много — тысячи и тысячи. И все они здесь нашли крышу над головой и кусок хлеба, а главное — поистине материнскую заботу, душевное тепло и ласку.

Х. Бейдер рассказывает, в частности, звучащую как легенду историю о кузнеце из колхоза имени Тельмана Шаахмеде Шахмурадове и его жене Бахрихон Акрамовой. Они усыновили и удочерили шестнадцать сирот — русских и узбеков, цыганенка и татарина, казахскую девочку, молдаванку и чувашку, белоруса и украинца, еврейского ребенка. И всех их Шаахмед-ага и Бахритон-апа воспитали, согрели своим теплом, вывели в люди.

Автор путевых заметок о советской Средней Азии — поэт. Взволнованный увиденным и услышанным, он вкрапливает в повествование стихи. Одно из стихотворений — о еврейском мальчике по имени Рахмат. Мальчик вырос в узбекской семье. Рахмат означает спасибо. Много страниц своего документального повествования Хаим Бейдер посвятил восставшему из руин красавцу Ташкенту, его достопримечательностям и, естественно, людям, составляющим главную ценность столицы Узбекистана. Автор, прибывший сюда по поручению редакции журнала «Советиш геймланд», встречался с читателями, которые живо интересуются еврейской советской литературой, внимательно следят за книжными новинками на идиш. Запоминается встреча с Пейси Либерманом. Фрезеровщик высокого класса, он пятнадцать лет проработал на ташкентском радиозаводе. Его штампы и прессформы славятся на весь город. Ему дано почетное право ставить на детали личное клеймо.

До войны П. Либерман, как и сам автор путевых очерков, посещал в Одессе литературную студию. Встретившись спустя сорок лет, студийцы, само собой разумеется, разговорились о своих старых друзьях и товарищах, которых война разбросала по всей стране. Примечательно, что бывший участник одесской еврейской литературной студии П. Либерман, став фрезеровщиком высокой квалификации, не забросил своего пера. Он теперь заканчивает книгу о бершадском гетто, о героях антифашистского сопротивления, партизанах Великой Отечественной войны. Одним из героев этой страницы ташкентского очерка Х. Бейдера является Наум Ладыженский. С ним Х. Бейдеру доводилось встречаться в Биробиджане — Ладыженский после войны заведовал отделом в одном из совхозов в Еврейской Автономной области.

История и современность взаимосвязаны. Перед отлетом из Ташкента автор путевых заметок пришел к памятнику четырнадцати

чеством для всех народов, живущих единой семьей. Блоштейн находит душевные слова, чтобы выразить признательность тем, чья жизнь явилась подвигом во имя счастья миллионов. «Их светлая мечта, — пишет он, — стала былью. Не все дожили до этих дней. Пусть память о них будет священна вовеки!»

С гневом и презрением старый литератор, воочию убедившийся в свое время, в эмиграции, в лживости буржуазной «демократии», антигуманности буржуазного образа жизни, пишет о так называемых инакомыслящих, о перебежчиках, врагах социализма. Не случайно они нашли приют под зловещим крылом мнимых радетелей за «права человека».

«Сейчас, когда я вступаю в восемьдесят второй год моей жизни, я подчас задаю себе вопрос: что такое счастье? У нас на Родине, когда задумываешься над этим вопросом, ответ прост и ясен: если ты здоров, доволен своей работой, если удалась семейная жизнь, имеешь удачных внуков и к тому же общественно деятелен, приносишь пользу людям — это и есть истинное счастье. В годы моей юности понятие счастье не было столь очевидным. Сын бедняка, я с детства не любил богачей, живших за счет бедных. От моей первой книжки, изданной в 1923 году в Каунасе, и до сборника стихов, который только что вышел в московском издательстве «Советский писатель», — через все мое творчество проходит это чувство ненависти к миру капитала. Я глубоко верю в то, что человек рожден для счастья и что счастье будет завоевано повсюду. В дни, когда все мы дышим шестидесятилетием Октября, я думаю, что это и есть счастье!» Эссе заканчивается обращением к внуку, которому суждено дожить до полного всемирного счастья.

В очерке Б. и А. Бурштейн (Пермь) «Хозяин взрыва», посвященном нашей современности, воссоздан образ ученого-новатора, инженера, человека неугомонной творческой мысли. Вся деятельность его, все помыслы подчинены единой цели: служению Родине, её дальнейшему процветанию. Властелином взрыва очеркисты образно назвали Моисея Бурштейна, одного из тех энтузиастов, по инициативе которых в строительную практику внедряются принципиально новые, эффективные и экономически выгодные методы. В данном случае речь идет о применении направленных взрывов при сооружении в труднодоступных местах гидроэнергетических комплексов.

Очерк, казалось бы, о чисто инженерно-технической проблеме, но он вместе с тем исполнен большой художественной силы, читается с увлечением, ибо за технической проблемой стоят живые люди, неутомимо ищущие, увлеченные своим делом.

Моисей Бурштейн — счастливый человек. Скромный, предельно деликатный в общении с людьми, готовый уступить дорогу любому, но, по словам авторов очерка, умеет сражаться до конца за свои идеи. Его многолетний творческий труд оценен по достоинству. В государственные планы на десятую пятилетку включены предложения М. Ф. Бурштейна. Их реализация принесет, как ожидается, около миллиарда рублей экономии.

Очерк написан со знанием дела, его авторы — инженеры-уральцы.

РЕЗЮМЕ

«Советиш геймланд» («Советская Родина»),
№ 11, ноябрь, 1977

Одиннадцатый номер журнала — юбилейный. Он посвящен шестидесятилетию Великой Октябрьской социалистической революции, важнейшему событию XX века, изменившему коренным образом ход истории человечества. За шесть послеоктябрьских десятилетий произошли грандиозные перемены в нашей стране, построившей зрелое, развитое социалистическое общество.

Есть своя закономерность в том, что этот большой праздник совпадает с другим выдающимся событием — утверждением сессией Верховного Совета СССР, после всенародного обсуждения, проекта новой Конституции (Основного закона) Союза Советских Социалистических Республик.

В одиннадцатом номере «Советиш геймланд» публикуется текст новой Конституции Союза ССР, вступившей в силу. В этом документе всемирно-исторического значения законодательно закреплены достижения советского народа, создавшего первое в мире государство трудящихся, самую яркую демократию в истории человечества.

В материалах юбилейного номера «Советиш геймланд», в его прозе и поэзии, публицистике, литературной критике, документальных публикациях, отражен путь многонационального советского общества к этим вершинам. Поучительный опыт нашего государства вдохновляет прогрессивное человечество, всех людей доброй воли, вселяет веру в будущее.

«На просторах страны Октября» — этот обширный раздел очерков и размышлений о нашей современности открывает эссе Гирша Блоштейна (Черновцы) «Родина-мать». Старейшему советскому еврейскому поэту, прозаику и публицисту, вступившему в 82-й год своей жизни, есть о чем поведать читателю, особенно молодому. Он помнит старую Литву, где вырос среди бедного люда — ремесленников евреев, литовцев, поляков, русских. Он помнит первые встречи с революционерами, вынашивавшими мечту о свободной многонациональной России, по-матерински доброй и справедливой ко всем своим детям. Он рассказывает о своих первых, еще робких шагах в революционном движении; о трагедии евреев, согнанных царскими властями в годы первой мировой войны с насиженных мест; о героических днях Великой Отечественной войны. Писатель с гордостью и благодарностью говорит о нашей стране, которая стала Родиной-Матерью, настоящим оте-

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

(Советская родина)

Ежемесячный
литературно-художественный журнал
На еврейском языке

Орган Союза писателей СССР

Издается с 1961 г.

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор **А. ВЕРГЕЛИС**

РЕДКОЛЛЕГИЯ:
Х. Бейдер (зам. главного редактора),
Т. Ген, А. Гонтарь, С. Гордон,
Нотэ Лурье, Х. Меламуд,
Б. Миллер, Б. Могильнер, Г. Полянкер,
С. Фрай, И. Шустер (ответственный секретарь)

Адрес редакции журнала:
101000, Москва, Центр, ул. Кирова, 17

Телефоны:
главный редактор — 228-27-91
ответственный секретарь — 223-96-07

Художественная и техническая редакция
М. Сафронович, С. Черняк

Корректор М. Ландман

Сдано в набор 6.IX.1977 г. Подписано к печати 18.X.1977 г. Формат 70×108 1/16. Бумага типографская № 1. Печ. л. 13+0,25 вкл. (Усл. печ. л. 18,15). Бум. л. 6,5+0,125. Цена 50 коп. Зак. 1685.

Ордена Трудового Красного Знамени московская типография № 7 «Искра революции» «Союзполиграфпрома» при Государственном комитете Совета Министров СССР по делам издательств, полиграфии и книжной торговли. Москва, Г-19, пер. Аксакова, 13.

© Журнал «Советиш геймланд», 1977 г.

הויפּט־רעדאַקטאָר

א. ווערגעליס

רעדקאָלעגיע:

כ. ביידער (**שטעלפאַרטרעטער פון הויפּט־רעדאַקטאָר**), א. גאָנטאַר,
ש. גאָרדאָן, ט. גען,
נאָטע לוריע, ב. מאָגילנער,
ב. מילער, כ. מעלאַמוד,
ה. פּאָליאַנקער, ס. פרײַ,
י. שוסטער (**פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר**).

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

1917-1977

Цена 50 коп.

70821

СОВЕТСКАЯ РОДИНА № 11

1977

В НОМЕРЕ:

Конституция (Основной закон) Союза Советских Социалистических Республик.

Очерки наших дней. Г. Блоштейн. Родина. Б. и А. Бурштейн. Повелитель взрывов. Х. Бейдер. Из среднеазиатского блокнота.

Три поэтических репортажа. Н. Сахар. Глубинка. З. Тименчик. Воспоминания о Риге. Г. Релес. Картинки современного города.

Документальные рассказы Дер Нистера, Д. Бергельсона, И. Добрушина, М. Альбертона, М. Аронского, Я. Янкелевича, П. Маркиша, Ш. Персова, Липмана-Левина, И. Кипниса.

Стихи Б. Миллера, Д. Хайкиной, М. Лифшица, Х. Гуревича, М. Талалаевского, Б. Могильнера, Л. Геллера, М. Рианта.

Зарубежные публицисты о Великом Октябре.

Литературная критика. У. Гуральник. Искусство, смотрящее в будущее. Г. Ременик. Октябрь и литература. И. Любомирский. Еврейская советская драматургия в борьбе с фашизмом.

Люди новых профессий. Хроника.

Резюме на русском и английском языках.